דער פאַרבאַנד פון אָט די אַלע מענטשן, וועלכע געהערן צו דער בורזשואַזיע, וועלכער נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד און האַלט עס אין זיינע הענט, אָט דער פאַרבאַנד הייסט טאַקע מלוכה. אָט די אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע שטעלט זיך פאַר איר צוועק צוויי זאַכן: דער הויפּט-צוועק איז דערשטיקן אומאָרדענונגען און אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער, באַוואָרענען, אַז מע זאָל קענען רוהיק אויסקוועטשן מעהרערט פונם אַרבעטער קלאַס, מיט-העלפן, אַז ס'זאָל פאַרפעסטיקט ווערן דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן; די צווייטע אויפגאַבע איז קעמפן מיט אַנדערע פונקט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס (דאָס הייסט, מיט אַנדערע בורזשואַזע מלוכות) פאַרן אויסקוועטשן מעהרווערט. בכן, איז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה א באַלעבאַטים-פאַרבאַנד, וואָס באַוואָרנט די עקספּלואַטאַציע. די אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל און רק די אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל — אָט מיט וואָס עס רעכנט זיך אין זיין טעטיקייט אָט דער רוצחים-פאַרבאַנד.

(קעגן אַזאַ קוק אויף די בורזשואַזע מלוכה קען מען אַרויסשטעלן אַזאַ מין טענה:

איר זאָגט, אַז די מלוכה נעמט אין באַטראַכט רק די אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל, נאָר גיט א קוק אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען פאַראַן פאַבריק-געזעצן, וועלכע פאַרבאָטן אָדער באַגרענעצן די אַרבעט פון קינדער, וועלכע פאַרקירצן אין פאַרגלייך מיט פריער דעם אַרבעטס-טאָג א. א. וו. אין דייטשלאַנד, למשל, איז נאָך אין ווילהעלם דעם צווייטנס צייטן געווען א לפי ערך גאָר ניט קיין שלעכטע מלוכה-פאַרזיכערונג פון די אַרבעטער; אין איינגלאַנד האָט געראַדע דער בורזשואַזער קאַמף-מיניסטער, לאָיד-דזשאָרזש, אויך איינגעפירט פאַרזיכערונג און פּענסיעס פאַר די זקנים; אין אַלע בורזשואַזע מלוכות בויט מען קראַנקנהייזער, היילאַנשטאַלטן און שפּיטאָלן פאַר אַרבעטער; ס'ווערן געבויט אייזנבאַנען, מיט וועלכע ס'פאָרן אַלע, סיי רייכע, סיי אָרימע; ס'ווערן געבויט וואַסערלייטונגען, ס'ווערט דורכגעגעפירט אין די שטעט קאַנאַליזאַציע א. א. וו. מיט דעם באַנוצן זיך אַלע-הייסט עס. — וועלן זאָגן אַנדערע, — אַז אַפילו אין יענע לענדער, וואו סע

הערשט דער קאַפּיטאַל, רעכנט זיך פונדעסטוועגן די מלוכה ניט נאָר מיט די אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל, נאָר אויך מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. זי שטראָפירט אפילו אַמאָל די פאַבריקאַנטן, אויב די זיינען עובר איבער די פאַבריק-געזעצן.

אַזעלכע טענות וואָלטן געווען ניט קיין ריכטיקע. און אָט פאַרוואָס. אמת, אז די בורזשואַזע מאַכט קען אַמאָל אַרויסגעבן געזעצן און פאַראָרדע-נונגען, וואָס זיינען נוצליך אויך פאַר דעם ארבעטער קלאַס, נאָר דאָס ווערט געטאָן צוליב די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע גופא. אין דער אמתן, לאָ-מיר נעמען אַ ביישפּיל מיט די אייזנבאַנען. עס פאָרן אויף זיי אויך אַרבעטער, און זיי זיינען דעריבער נוצליך אויך פאַר די אַרבעטער. נאָר בויען בויט מען זיי ניט צוליב די אַרבעטער. זיי זיינען נוצליך פאַר די סוחרים, פאַברי-קאַנטן אויף איבערצופירן זייערע סחורות, אויף צו פירן משאות, אויף איבערצושיקן חיילות, אויף ברייגנען צופירן אַרבעטער א. א. וו.; דער קאַפּי-טאַל בויטיקט זיך אין אייזנבאַנען, בויט ער זיי, רעכענענדיק זיך מיט זיינע אינטערעסן. זיי זיינען נוצליך אויך פאַר די אַרבעטער, נאָר ניט צוליב דעם בויט מען זיי אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. אָדער לאָמיר נעמען דעם סאַ-ניטאַרן צושטאַנד פון די שטעט, די אַזוי גערופענע „שטאָטישע איינריכטונג" און די קראַנקנהייזער. אין דעם פאַל זאָרגט די בורזשואַזיע אויך וועגן די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. אמת, אין פאַרגלייך מיט די בורזשואַזע קוואַרטאַלן אין צענטער פון שטאָט הערשט אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן אויפן עק-שטאָט שמוץ, חושך, קראַנקהייטן א. א. וו. נאָר עפּעס טוט פונדעסטוועגן די בורזשואַזיע יע. פאַרוואָס? ווייל אַנדערש וואָלטן די עפּידעמיעס און קראַנק-הייטן צוטראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט, און די בורזשואַזיע אליין וואָלט דערפון געליטן. דאָ, הייסט עס, גייט די בורזשואַזע מלוכה אין אירע שטאָטישע אָרגאַנען אַרויס פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע גופא. אָדער נאָך אַ ביישפּיל.

אין פראַנקרייך האָבן זיך די אַרבעטער פאַר די לעצטע יאָרצענדליגער אויסגעלערנט בײַ דער בורזשואַזיע קינסטליך צו פאַרקלענערן די צאָל פון קינדערגעבורטן: אָדער זיי האָבן גאָר ניט קיין קינדער, אָדער זיי האָבן ניט מער פון צוויי. די אַרבעטער ליידן אַזאַ שטאַרקע דחקות, אז אויסהאַלטן אַ גרויסע פאַמיליע איז שווער אָדער כמעט אוממעגליך. און דער רעזולטאַט פון אַלץ דעם איז דאָס, וואָס די באַפעלקערונג פון פראַנקרייך וואַקסט כמעט ניט. דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן אויסגעלן סאָלדאַטן. זי האָט אָנגעהויבן שרייען: „די נאַציע קומט אום! די דייטשן פאַרמערן זיך גיכער ווי מיר! זיי וועלן האָבן מער סאָלדאַטן!" אגב דאַרף מען זאָגן, אַז אפילו די, וואָס פלעגן אָנקומען אין אַרמיי, זיינען פון יאָר צו יאָר אַלץ ערגער געוואָרן: קליינוואוקסיקע, שוואַכברוסטיקע, שוואכע. און אָט האָט די בורזשואזע „ברייט געעפנט איר ביטל"; זי האָט אַליין אָנגעהויבן פאָדערן אַז מע זאָל אַביסל פאַרבעסערן די לאַגע פונם אַרבעטער קלאַס, ער זאָל

אביסל קומען צו זיך און זאָל געווירן מער קינדער. אויב מע זאָל קוילענען די הון, וועט זי דאָך אויפהערן צו טראָגן אייער.

אין אָט די אלע ביישפילן נעמט די בורזשואזיע אליין אָן מיטלען, נוצליכע פאר די ארבעטער, נאָר זי נעמט דערביי ארויס פון אירע אייגענע אינטערעסן. נאָר ס׳טרעפן זיך אויך פאלן, ווען אָט די נוצליכע מיטלען ווערן אָנגענומען פון דער בורזשואזער מלוכה אונטערן דרוק פונם ארבעטער קלאס. אזעלכע געזעצן זיינען פאראן א סך. מער כמעט אלע „פאבריק-געזעצן" האָט מען זיך דערשלאָגן אויף אזא אופן — דורכן דרוק פון דעם ארבעטער-קלאס. אין איינגלאַנד איז די ערשטע פארקירצונג פונם ארבעטס-טאָג — ביז 10 שעה — דערגרייכט געוואָרן אונטערן דרוק פון די ארבעטער; אין רוסלאַנד האָט די צארישע רעגירונג ארויסגעגעבן די ערשטע פאבריק-געזעצן, זייענדיק איבערגעשראָקן מיט די ארבעטער-אומרוהען און שטרייקן. די מלוכה פון די פיינט פונם ארבעטער קלאס, אָט די באלעבאטים-אָרגאניזאציע, פועלט בא זיך, ארויסגייענדיק פון אירע אייגענע אינטערעסן: „בעסער גיין אויף אייניקע הנחות היינט, איידער מאָרגן גיין אויף צוויי מאָל גרעסערע הנחות אָדער ריזיקירן מיטן אייגענעם לעבן". פונקט אזוי ווי דער פאבריקאנט הערט ניט אויף צו זיין א פאבריקאנט, ווען ער גיט נאָך די שטרייקערס און מאכט זיי א הוספה אויף עטליכע גראָשנס. אזוי הערט אויך ניט אויף די בורזשואזע מלוכה אויף א האָר צו זיין א בורזשואזע, ווען זי ווארפט ארויס א ביינדל, מורא האָבנדיק פאר ארבעטער אומרוהען).

די קאפיטאליסטישע מלוכה איז ניט נאָר די גרעסטע און די מעכטיקסטע ארגאניזאציע פון דער בורזשואזיע, זי איז גלייכצייטיק אויך די סאמע קאָמפּליצירטע אָרגאניזאציע, וואָס האָט א גרויסע צאָל אָפּטיילונגען פון וועלכע ס׳ציען זיך פון אלע זייטן פונאנדער פעדים. און דער הויפטצוועק פון דעם אלץ איז באהיטן, פארפעסטיקן און פארברייטערן די עקספּלואטירונג פונם ארבעטער קלאס. קעגן ארבעטער קלאס זיינען פאראן מיטלען פון פשוטן, גראָבן צוואַנג, און ס׳זיינען אויך פאראן מיטלען פון גייסטיקער פארקנעכטונג; און זיי בילדן טאקע די וויכטיקסטע אָרגאנען פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה.

פון די גראָבע צוואַנג-מיטלען דארף מען קודם כל אָפּמערקן די ארמיי, די פּאָליציי און זשאנדארמעריע, די תפיסה און דעם משפט און אויך זייערע הילפס-אָרגאנען: שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרן, אָרגאניזאציעס פון שטרייקברעכער, און געדונגענע מערדער א. אז. וו.

די ארמיי איז אין דער קאפיטאליסטישער מלוכה איינגעאָרדנט אויף א ספּעציעלן שטייגער. בראָש שטייט דער אָפיצירן-קאָרפּוס, מענטשן „מיט גאָלדענע עפּאָלעטן". זיי ווערן גענומען פון די זין פון די פּריצים, גוטבא-

זינען, פון דער בורזשואַזיע און אין אַ געוויסער מאָס פון דער אינטעליגענץ. דאָס זיינען אָבגעריסענע קלאַסנברינס פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן זיך פון קינדווייז אָן געלערנט אין ספּעציעלע שולן (ווי אונז אין די קאַדעטן-קאָרפוסן און אין די יונקער-שולן). די אַזוי גערופענע די סאָלדאַטן, "היטן דעם כבוד פון מונדיר", דאָס הייסט, האַלטן אין שקלאַפישער קנעכטשאַפט די סאָלדאַטן און מאַכן זיי פאַר שפּילצייג. די סאַמע העכסטע פון די אַדליקע, פון די פּריצים און פון דער גרויס-בורזשואַזיע, זיי זיינען גענעראַלן, אַדמי-ראַלן, זיי באַקומען משׂרות, אָרדנס און כבוד-בעטער.

די אָפיצערן שטאַמען אויך ניט פון די אָרימע לייט. זיי האַלטן אין זייערע הענט די גאַנצע מאַסע סאָלדאַטן, און די סאָלדאַטן באַאַרבעט מען אַזוי, אַז זיי זאָלן אַפילו ניט פרעגן, צוליב וואָס פאַרגיסן זיי זייער בלוט, זיי זאָלן נאָר "מיט די אויגן פרעסן די נאַטשאַלסטווע". אַזאַ אַרמיי איז קודם כל באַשטימט אויף צו איינרוהיקן די אַרבעטער.

(אין רוסלאַנד האָט די צאַרישע אַרמיי ניט זעלטן געדינט פאַר אַ מיטל צו דערשטיקן די אַרבעטער און פּויערים אומרוהען. אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן פאַר דער פּויערים באַפרייאונג איז געווען אַ סך פּויערים-בונטן — דערשטיקט האָט זיי די אַרמיי. אין 1905-טן יאָר האָט די אַרמיי געשאָסן אויף די אַרבעטער אין מאָסקווע בעתן אויפשטאַנד; זי האָט דורכ-געמאַכט שטראָף-עקספּעדיציעס אין בייבאַלטישן געגנט, אויף קאַווקאַז, אין סיביר; אין 1906—1908 יאָרן האָט זי דערשטיקט די פּויערים-בונטן קעגן די גוטבאַזיצער, פאַרטיידיקנדיק זייער פאַרמעגן א. א. וו. פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָט זי געשאָסן אַרבעטער אין איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק, אין קאָסטראָמאַ א. א. וו. בפרט שעדליך זיינען אומעטום די אָפיצערן און די גענעראַלן. אין אויסלאַנד חזרט זיך איבער פונקט די זעלביקע געשיכטע. אין דייטשלאַנד פלעגט די אַרמיי פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אויך אַרויסטרעטן ווי אַ דערשטיקער פון די אַרבעטער. דער ערשטער אויפ-שטאַנד פון די מאַטראָסן איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער אַרמיי. די אַרבע-טער-אויפשטאַנדן אין בערלין, האַמבורג, מינכען, אין גאַנץ דייטשלאַנד ווערן דערשטיקט דורך דער אַרמיי. אין פראַנקרייך האָט די אַרמיי ניט איינ-מאָל געשאָסן אין די שטרייקנדיקע, איצט שיסט מען דאָרט אַרבעטער, רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן. אין ענגלאַנד האָט אַפילו פאַר דער לעצ-טער צייט די אַרמיי עטליכע מאָל דערטרונקען אין בלוט די אויפשטאַנדן פון די אירלענדער אַרבעטער, פון די עגיפּטישע האַלבקנעכט, פון די אינדוסן, און זי האָט אויך אין ענגלאַנד גופא רודפט אַרבעטער פאַרזאַמלונגען. אין שווייץ ווערן בײַ איטליענער שטרייק מאָביליזירט די קוילנגראָבערס און די אַזוי גערופענע מיליציע (די שווייצאַרישע אַרמיי); ניט איינמאָל האָט די דאָזיקע מיליציע געשאָסן אויף די פּראָלעטאַריער. אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָט די אַרמיי גאַנץ אָפט פאַרברענט און פאַרגליכט מיט דער ערד גאַנצע אַרבעטער-ישובים (למשל, בעתן שטרייק אין קאָלאָראַדאָ)

די אַרמייען פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות דערשטיקן איצט מיט געמיינזאַמע
כוחות די אַרבעטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן, אויף די באַלקאַ-
נעס, אין דייטשלאַנד, זיי דערשטיקן די אויפשטאַנדן אין דער גאַנצער
וועלט).

די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע. די קאַפּיטאַ-
ליסטישע מלוכה האָט, אַ חוץ דער געוויינטליכער אַרמיי, נאָך אַן אַרמיי פון
אָפּגעקליבענע ליידאַקעס און באַזונדערס צוגעגרייטע חיילות, וואָס זיינען ספּע-
ציעל צוגעפּאַסט צום קאַמף מיט די אַרבעטער. אמת, דער צוועק פון די דאָ-
זיקע אַנשטאַלטן (פון דער פּאָליציי, למשל) איז צו פאַרטיידיקן אויך די אַזוי
גערופענע „פּערסאָן און פאַרמעגן זיכערקייט פון די בירגער"; נאָר גלייכ-
צייטיק האַלט זיי די מלוכה פון קאַפּיטאַליסטן אויף צו כאַפּן, רודפן און באַ-
שטראָפן די אומצופרידענע אַרבעטער. אין רוסלאַנד זיינען די גאָראָדאָוואָיס
געווען די זיכערסטע פאַרטיידיקער פון די גוטסבאַזיצער און פונעם קיסר. בעיקר
אַכזרישדיק אַרבעט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות די געהיימע פּאָליציי
(„די פּאָליטישע פּאָליציי", בא אונז האָט זי געהייסן „אָכראַנקע") און דער
זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס. צוזאַמען מיט זיי אַרבעט אַ גאַנצע מחנה אויפזוכערס
פּראָוואָקאַטאָרן, געהיימע שפּיאָנען, שטרייקברעכערס א. א. וו.

(אינטערעסאַנט זיינען אין דעם פּרט די מעטאָדן פון דער אַמעריקאַנער
געהיים-פּאָליציי. זי געפינט זיך אין פאַרבינדונגען מיט אַ גרויסער צאָל פּרי-
וואַט אָדער האַלב-מלוכהשע „אויפזוכערס-ביוראָ". די באַרימטע גבורות פון
נאַט פינקערטאָן זיינען געווען אין דער אמתן אַ מלחמה קעגן די אַרבעטער.
די אויפזוכערס פלעגן אונטערוואַרפן באָמבעס צו די אַרבעטער-פירערס, זיי
פלעגן העצן, אַז מען זאָל הרגענען קאַפּיטאַליסטן א. א. וו. אָט טאַקע די
זעלביקע אויפזוכערס קלייבן אָן גאַנצע מחנות שטרייקברעכערס (אין אַמעריקע
הייסן זיי סקעבן) און אויך אָפּטיילונגען פון באַוואָפנטע באַנדיטן, וועלכע
הרגענען, ווען ס'מאַכט זיך אַ געלעגנהייט, שטרייקנדיקע אַרבעטער. אָט די
באַנדיטן, וואָס דינען דער „דעמאָקראַטישער" מלוכה פון די אַמעריקאַנער
קאַפּיטאַליסטן, שטעלן זיך פאַר קיין שום רציחה און גזילה ניט אָפּ).

דער משפּט איז אין דער בורזשואַזער מלוכה אַ מיטל פון קלאַסן-
זעלבסטפאַרטיידיקונג בא דער בורזשואַזיע, קודם כל צערעכנט ער זיך מיט
די, וואָס האָבן די העזה אַרויסצוטרעטן קעגן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום
און קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. לייבקנעכטן פלעגט דער דאָזיקער
משפּט פאַרמשפּטן אויף קאַטאָרגע, און די וואָס האָבן דערהרגעט לייבקנעכטן
האָט ער באַפרייט. אויספירן דעם שטראָף פירט אויס די מלוכהשע תפיסה-
אָפּטיילונגען, פּונקט ווי די תליינים פון דער בורזשואַזער מלוכה. דער
שאַרף פון זייער מעסער איז געווענדעט ניט קעגן די רייכע, נאָר קעגן
די אָרימע.

אט דאָס זיינען די אָפּטיילונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה,

אין וועמעס הענט געפינען זיך די פשוטע גראבע מיטלען אויף צו דערשטיקן דעם ארבעטער קלאס.

פון די מיטלען פון גייסטיקער פארקנעכטונג פונם ארבעטער קלאס, וואס געפינען זיך אין ידיעות פון דער קאפיטאליסטן-מלוכה, דארף מען דערמאנען די דריי הויפט-מיטלען: די מלוכה שול, די מלוכה-קירכע, און די מלוכהשע פרעסע אדער פון דער פרעסע וואס ווערט געשטיצט דורך דער בורזשואזער מלוכה.

די בורזשואזיע פארשטייט גאנץ גוט, אז מיט געוואלט-טאטן אליין וועט זי ניט באקעמפן די ארבעטס מאסן. מע דארף זעהן, אז די מוחות פון דער ארבעטס מאסע זאלן זיין פון אלע זייטן ארומגענומען מיט א דינעם שפינגעוועב. די בורזשואזע מלוכה קוקט אויף די ארבעטער, ווי אויף ארבעטס פיה: מע דארף, אז זיי זאלן ווי בהמות, זאלן ארבעטן. נאר זיי זאלן זיך אבער ניט בייסן. און דעריבער דארף מען זיי ניט נאר שמייסן און שיסן, ווען זיי בייסן זיך, נאר מע דארף זיי אויך דרעסירן, איינרוהיקן, ווי דאס טוען אין די [illegible] מענטשן. פונקט אזוי דערציהט אויך די קאפיטאליסטן-מלוכה [illegible] אויף אפגעארן, פארטונקלען און איינרוהיקן דעם פראלעטאריאט, בורזשואזע לערערס און פראפעסארן, גלחים און [illegible], בורזשואזע [illegible] און צייטונגשרייבערס. אין שול לערנען די דאזיקע [illegible] די קינדער, אז מע דארף געהארכזאם זיין דעם קאפיטאל, פארגעסן גאר דעם „די בונטאווטשיקעס", די קינדער דערציילט מען [illegible] מעשיות וועגן דער רעוואלוציע און דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, מע לייגט די קינדער [illegible], קינדער אין אינדוסטריע א. א. וו. די גלחים אין די קלויסטערס [illegible] זייער געהאלט פון דער מלוכה, חזרן איין דעם זעלבן: „דיזע מאכט איז איינגעשטעלט פון גאט"; די בורזשואזע צייטונגען פארטומלען מיט זייערע ליגנס [illegible] די ארבעטער צייטונגען פארמאכט געווענליך די בורזשואזע מלוכה. צי איז דען דעם ארבעטער גרינג בא אזעלכע באדינגונגען ארויסצוקריכן פונם זומפ?... איין דייטשישער [illegible] האט געשריבן: „מיר באגנוגן זיך ניט נאר אין דעם [illegible], נאר אויך אין זיין שכל און אין זיין הארץ". די בורזשואזע מלוכה [illegible] מאכט צו דערציהען דעם ארבעטער קלאס אזוי, ער זאל ווערן אן איינגעצאמטע חיה, וואס זאל ארבעטן ווי א פערד, וואס זאל [illegible] און זאל זיך איבערגעבן שטיל און לייטיש.

אויף אזא אופן פארזיכערט זיך די קאפיטאליסטישע אָרדענונג איר גאנג. עס באזיגט זיך די מאסן פון דער [illegible]. אומאויפהערליך ווערט פונם ארבעטער קלאס אויסגעזויגן מערווערט. און אויף דער וואך שטייט די קאפיטאליסטישע מלוכה און גיט אכטונג, אז די געדונגענע קנעכט זאלן ניט ווערן אומרוהיק.

§ 13. די גרונט סתירות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ארדענונג. איצט מוז מען באטראכטן, צי איז די קאפּיטאליסטישע, בורזשואזע געזעלשאפט גוט אדער שלעכט געבויט. איטליכע זאך איז דע־מאלט פעסט און גוט, ווען אלע אירע טיילן זיינען ווי עס באדארף צו זיי צוגעפּאסט איינער צום צווייטן. לאָמיר נעמען א זייגער־מעכאניזם, ער ארבעט ריכטיק און כסדר נאָר דאן, ווען איין רעדל איז צוגעפּאסט צום צווייטן, איין ציינדל אינם צווייטן.

לאָמיר איצט א קוק טאָן אויף די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט דאָ וועלן מיר לייכט באמערקן, אז די דאָזיקע קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט איז גאָר ניט אזוי פעסט געבויט, ווי עס דוכט זיך. פארקערט, אין איר זיינען פארבארגן קאָלאָסאלע סתירות. אין איר זיינען פאראן גאנץ גרויסע שפּאלטן. קודם כל איז ניטאָ ביים קאפּיטאליזם קיין אָרגאניזירטע פּראָדוקציע און קיין אָרגאניזירטע פארטיילונג פונם פּראָדוקט, נאָר ס'עקסיסטירט „א אנאַרכיע" פּראָדוקציאָן. וואָס באטייט עס? דאָס באטייט, אז איטליכער אונ־טערנעמער־קאפּיטאליסט (אָדער קאפּיטאליסטן־פארבאנד) ארבעט אויס סחורות אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן. ס'קומט ניט פאָר אזוי, אז די גאַנצע געזעלשאַפט זאָל אויסרעכענען, אין וואָס און אין וויפל זי נויטיקט זיך נאָר די פאַבריקאַנטן צווינגען פשוט ארבעטן מיט און השבון, אז זיי זאָלן האָבן וואָס מער ריווח און די זאָלן גובר זיין זייערע קאָנקורענטן אויפן מאַרק. דעריבער קומט אָפּטמאָל פאָר, אז ס'ווערט אויסגעארבעט צופיל, סחורות (דאָ ווערט, פאַרשטייט זיך, גערעדט וועגן דער פאַר־מלחמה צייט) ניטאָ זיי וואו צו פאַרקויפן (די אַרבעטער קענען ניט קויפן: זיי פעלט אויס געלט). דאַן קומט אָן א קריזיס: די פאַבריקן פאַרמאַכן זיך, די ארבעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. די אנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע רופט אויך ארויס א קאַמף אויפן מאַרק: איטליכן ווילט זיך אָפּנעמען ביים אנדערן אַלע קונים, איבערציהען זיי צו זיך, ווערן דער באַלעבאָס אויפן מאַרק. דער דאָזיקער קאַמף נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען, זעהט פאַרשיידן אויס, אָנהויבנדיק פון א קאַמף צווישן צוויי פאַבריקאַנטן און ענדיקנדיק מיט אַ וועלט־מלחמה צווישן די קאפּיטאליסטישע מלוכות פארן צוטיילן די מערק אין דער גאַנצער וועלט. דאָ קומט פאָר דאָס, וואָס עטליכע באַשטאַנד־טיילן פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, כאַפּן זיך ניט נאָר איינער פארן אַנדערן, נאָר צווישן זיי קומט פאָר פשוט א צוזאַמענשטויס.

בכן, איז די ערשטע גרונטליכע אומאיינגעאָרדנטקייט פונם קאפּיטאליזם די פּראָדוקציאָן־אנאַרכיע וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין קריזיסן, אין קאָנקורענץ, און מלחמות.

די צווייטע גרונטליכע **אומאיינגעאָרדנטקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט** איז איר קלאַסן-בוי. אין תוך גענומען, איז דאָך די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט ניט איינע, נאָר צוויי געזעלשאַפטן — די קאַפּיטאַליסטן, דאָס איז איינס, די אַרבעטער און די אָרעמשאַפט — דאָס איז צוויי. צווישן די צוויי איז אַ באַשטענדיקע כסדרדיקע אומאויפהערלעכע **פיינט-שאַפט**, וואָס טראָגט דעם נאָמען קלאַסנקאַמף. דאָ זעען מיר ווידער, אַז פאַרשיידענע טיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען ניט נאָר ניט צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן, נאָר, פאַרקערט, צווישן זיי קומען אומ-אויפהערלעך פאָר צוזאַמענשטויסן.

צי וועט דער קאַפּיטאַליזם צובראָכן ווערן אָדער ניט **צובראָכן ווערן?** די תשובה אויף די דאָזיקע פראַגע הענגט אָפּ אָט פון וואָס. אויב מיר וועלן באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, ווי ער פלעגט זיך מיט דער צייט ענדערן, און מיר וועלן איינזען, אַז זיין אומאיינגעאָרדנטקייט ווערט אַלץ קלענער, דאַן מוזן מיר זאָגן, אַז ער וועט מאריך ימים זיין. נאָר אויב מיר וועלן, פאַרקערט, איינזען, אַז מיט דער צייט מוזן די באַ-זונדערע טיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אומפאַרמיידלעך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דריקן איינער אויפן צווייטן, און די שפּאַלטן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט מוזן אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט ווערן אין אָפּ-גרונטן, דאַן מוזן מיר זאָגן „אל מלא רחמים" נאָך איר.

הייסט עס, אַז מיר מוזן באַטראַכטן די פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם.

ליטעראַטור צום [illegible] קאַפּיטל. [illegible] קורס פון עקאָ-נאָמישער [illegible] ק. קאַוטסקי [illegible] פ. ענגעלס [illegible] פון אַרבעטס [illegible]

———

קאפיטל II.

די אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג.

§ 14. דער קאמף צווישן דער קליינער און דער גרויסער פראדוקציע. § 15. די אפ־הענגיגקייט פונם פראלעטאריאט, די רעזערוו־ארמיי, די פרויען און קינדער־ארבעט. § 16 פראדוקציאן־אנארכיע לאנקורענץ, קריזיסן. § 17. די אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם און די קלאסן. די פאר שארפונג פון די קלאסן־סתירות. § 18. קאנצענטרירונג און צענטראליזירונג פונם קאפיטאל, פאר הגהות פארן קאמוניזם.

§ 14. דער קאמף צווישן דער קליינער און גרויסער פראָדוקציע (צווישן דעם פערזענליכן ארבעטס־אייגנטום, און דעם קאפיטאליסטישן ניט ארבעטס־אייגנטום).

א) דער קאמף צווישן דער קליינער און דער גרויסער פראדוקציע אין דער אינדוסטריע.

ניט שטענדיק זיינען געווען גרויסע פאַבריקן, וואָס ציילן אָפטמאָל מער ווי א צענדליג טויזנט אַרבעטער, מיט גיגאַנטישע מוראריקע מאַשינעס. זיי זיינען אויפגעקומען ביסלאַכווייס און זיינען אויסגעוואַקסן איף די חורבות פון דער כמעט פאַרשוואונדענער האַנטווערקעריי און קליינער אינדוסטריע כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איז עס אזוי פאַרגעקומען, דאַרף מען קודם כל נעמען אין באַטראַכט דאָס, אז בײַ פריוואַט־אייגנטום און בײַ אַ סחורות־ווירטשאַפט איז דער קאַמף פאַרן קונה, די קאנקורענץ אומפאַרמיידליך. ווער איז מנצח אינם דאָזיקן קאַמף? דער, וועמען ס'וועט זיך איינגעבן צוציען דעם דאָזיקן קונה צו זיך און איס אָפּרייסן פון זיין קאָנקורענט (קעגנער), נאָר צוציען דעם קונה צו זיך איז מעגליך, בעיקר, מיט אַ ביליקערן פרייז אויף די סחורות[1]). ווער־זשע קען פארקויפן די סחורה פאר אַ ביליקערן פרייז? א אויף די פראַגע דארף מען טאַקע ראשית כל ענטפערן. ס'איז קלאָר, אז דער

1) דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער פאַר־מלחמה ציַיט; נאָך דעם מלחמה־חורבן איז ניט דער פארקויפער יאגט זיך נאָכן קויפער, נאר אדרבא דער קויפער — נאָכן פאַרקויפער.

גרויסער פאַבריקאַנט וועט קענען פאַרקויפן פאַר אַ ביליקערן פּרייז, איידער דער קליינער פאַבריקאַנט אָדער דער האַנטווערקער, ווייל אים אַליין קאָסט די סחורה ביליקער. די גרויס פּראָדוקציע האָט אין דעם פּרט אַ סך מעלות. קודם כל האָט די גרויס פּראָדוקציע יענע מעלה, וואָס דער אונטערנעמער־קאַפּיטאַליסט קען איינשטעלן בעסערע מאַשינעס און באַנוצן בעסערע אינ־סטרומענטן און כלערליי אַפּאַראַטן. דער האַנטווערקער, דער קליינער באַלע־באָס, לעבט פון דעם וואָס ער אַרבעט געוויינטלעך אין האַנט־ווערקשטאַטן; ער האָט גאָר די הכנה ניט צו טראַכטן וועגן גרויסע מאַשינעס, ער האָט דערצו קיין געלט ניט. דער קליינער קאַפּיטאַליסט איז אויך ניט ביכולת איינצופירן די נייסטע מאַשינעס, ווייסט עס. און וואָס גרעסער ס'איז די אונ־טערנעמונג, אַלץ פּאָלקאָמער איז די טעכניק, אַלץ מיט מער ערפאָלג גייט די אַרבעט, אַלץ ביליקער קאָסט דעם באַלעבאָס אַ שטיק סחורה.

(בײַ די גרויסע פאַבריקן אין אַמעריקע און דייטשלאַנד זיינען אפילו פאַראַן אייגענע וויסנשאַפטליכע לאַבאָראַטאָריעס, וועלכע זוכן שטענדיק אַלץ נייע און נייע פאַרבעסערונגען און פאַראייניקן די וויסנשאַפט מיט דער פּראָ־דוקציע: די דאָזיקע אַלע געפינענע זאַכן בלייבן אַ סוד פון דער געגעבענער אונטערנעמונג און ברענגען נאָר איר נוצן. בײַ דער קליין פּראָדוקציע און בײַ האַנט־אַרבעט אַרבעט איינער און דער זעלביקער אַרבעטער כמעט דעם גאַנצן פּראָדוקט; בײַ מאַשין־אַרבעט און בײַ אַ סך אַרבעטער מאַכט איינער נאָר איין טייל פון פּראָדוקט, דער צווייטער אַן אַנדער, דער דרי־טער — אַ דריטן א. א. וו. די אַרבעט גייט דאַן אַ סך גיכער (דאָס הייסט אַרבעטס־צעטיילונג). וואָס פאַר אַ מעלה ס'שטעקט אין דעם, איז צו זעהן פון אַן אַמעריקאַנער אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן נאָך אין 1898־טן יאָר. אַט זיינען די פאַקטן. די אויסאַרבעטונג פון צען פּלוגן. האַנט־אַרבעט: ס'האָבן געאַרבעט 2 אַרבעטער, וועלכע האָבן דורכ־געמאַכט 11 פאַרשיידענע אַרבעטן, האָבן געאַרבעט סך הכל 1.180 שעה, האָבן באַקומען 54 דאָלאַרס. דאָס זעלביקע מיט מאַשין־אַרבעט: 52 אַרבעטער, 97 אַרבעטן (מער אַרבעטער, מער פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעטן), געאַרבעט 37 שעה 28 מינוט, באַקומען 7.9 דאָלאַר (הייסט עס, אַז צייט איז אַוועק אַ סך וויי־ניקער און די אַרבעט האָט געקאָסט אַ סך ביליקער). די אויסאַרבעטונג פון הונדערט רעדלאַך־אַפּאַראַטן פאַר זייגערס. האַנט־אַרבעט: 14 אַרבעטער, 453 אַרבעטן, 341.866 שעה, 80,822 דאָלאַרס. מאַשין־אַרבעט: 10 אַרבעטער, 1,088 אַרבעטן, 8,343 שעה, 1.799 דאָלאַר. די אויסאַר־בעטונג פון 500 יאַרד קעסטלדיקע מאַטעריע. האַנט־אַרבעט: 3 אַרבעטער, 19 אָפּעראַציעס (פאַרשיידענע אַרבעטן), 7.534 שעה, 135.6 דאָלאַר. מאַשין־אַרבעט: 252 אַרבעטער, 43 אָפּעראַציעס, 84 שעה, 6.81 דאָלאַר [1]). אַזעלכע ביישפּילן קען מען ברענגען זעהר אַ סך. חוץ דעם, איז פאַר קליינע אונטערנעמער און האַנטווערקער אַ גאַנצע ריי פּראָדוקציע־

[1]) די ציפערן נאָכן קאָמאַ באַטייטן צענט און הונדערט חלקים.

צווייגן, וואו ס'פאָדערט זיך אַ הויך אַנטוויקלטע טעכניק (להלוטין, ניט צו-גיינגלאך; למשל, לאָקאָמאָטיוון, פּאַנצער-שיפן, באַרג-אינדוסטריע א. א. וו.)

די גרויס פּראָדוקציע שפּאָרט איין אויף אַלץ: אויף געביידעס, אויף מאַשינעס, אויף רוי-מאַטעריאַל, אויף באַלייכטונג און באַהייצונג, אויף אַר-בעטס-הענט, אויף די אוטיליזאַציע פון די אָפּפאַלן א. א. וו. אין דער אמתן, לאָמיר זיך פאָרשטעלן טויזנט קליינע וואַרשטאַטן און איין גרויסע פאַבריק וואָס אַרבעט אויס אַזוי פיל סחורות, וויפיל אַט די טויזנט וואַרשטאַטן; אויס-בויען איין גרויסן גוטן בנין איז גרינגער, איידער טויזנט קליינע; רוי-מאַטע-ריאַל וועט אין די טויזנט קליינע אונטערנעמונגען מער (ס'וועט גיין לאיבוד א. א וו.); באַלייכטן און באַהייצן איין גרויסע פאַבריק איז גרינגער, איידער טויזנט קליינע הייזלאך; אויפראַמען, אויסקערן, היטן, רעמאָנטירן א. א. וו. איז אויך גרינגער. מיט איין וואָרט, אויף אַלץ וועט אין דער גרויס פּראָדוקציע זיין אַ עקאָנאָמיע, אויף אַלץ וועט מען איינשפּאָרן.

ביים איינקויפן רוי-מאַטעריאַל און אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק צו דער פּראָדוקציע, געפינט זיך די גרויסע ווירטשאַפט ווידער אין אַ בעסערער לאַגע. אַנגראָ איינקויפן קאָסט בילִיקער, און די סחורה גופא איז אויך אַ בעסערע; חוץ דעם, ווייס דער גרויסער פאַבריקאַנט בעסער דעם מאַרק, וואו און ווי אַזוי צוקויפן בילִיקער. אויך ביים פאַרקויפן איר סחורה וועט זיך די קליינע אונטערנעמונג שטענדיק געפינען אין אַן ערגערן מצב. דער גרויסער באַלעבאָס ניט נאָר ער ווייס בעסער וואו צו פאַרקויפן טייערער צוליב דעם צוועק האָט ער אַגענטן, ער האָט געשעפטן מיט דער בירזשע, וואו עס זאַמלען זיך ידיעות וועגן דער פאָדערונג אויף פאַרשיידענע סחורות. ער האָט פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער וועלט), נאָר חוץ דעם, קען ער אויסוואַרטן איבער ס'שטייגן, למשל, די נידעריקע פּרייזן אויף זיין סחורה קען ער האַלטן די דאָזיקע סחורה אויף זיין לאַגער, אויסוואַרטנדיק ביז יענער צייט ווען די פּרייזן וועלן שטייגן. דאָס קען ניט טאָן דער קליינער באַלעבאָס. ער לעבט פון דעם, וואָס ער פאַרקויפט. ער פאַרקויפט זיין סחורה און הויבט גלייך אָן פאַרלעבן דאָס אויסגעלייזטע געלט; קיין מותרות האָט ער ניט, דע-ריבער מוז ער אָן אַ שום תירוץ פאַרקויפן; אויב ניט וועט אים אויסקומען שטאַרבן פון הונגער. ס'איז קלאָר, אַז פון דעם אַלץ ליידט ער געוואַלטיק.

לסוף, פאַרמאָגט די גרויס-פּראָדוקציע נאָך איין מעלה: קרעדיט. דער גרויסער אונטערנעמער קען שטענדיק ליַיען געלט, ווען ער נייטיקט זיך עקסטרע אין דעם. „אַ סאָלידער” פירמע וועט שטענדיק יעדער באַנק געבן אַ הלואה און אויף אַ לפי ערך קליינעם פּראָצענט. און אַ קליינעם מענטשעלע וועט קיינער ניט טרויען, טאָמער וועט אַ מיצער יע טרויען, וועט ער אַראָפּ-שינדן פון אים אַן אומברחמנותדיקן, מורזדיקן פּראָצענט. און אויף אַזאַ אופן פאַלט דער קליינער פּראָדוצירער גרינג אַריין אין די לאַפּעס פונם וואָ-כערניק.

אָט די אַלע מעלות פון דער גרויס-ווירטשאַפט דערקלערן אונז, פאַר-

וואס מער אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אימפארמיידליך אונטערגייען
די קליינע פראָדוקטירן, דער גרויסער קאפיטאל דערהרגעט זי, נעמט אָפּ בא
זיי די קונים, שטעלט זיי [illegible], און פארוואנדלט איר באלעבאס אין א פראָ-
לעטאריער אָדער אין א סתם עני ואביון. ס'פארשטייט זיך, ס'טרעפט זיך
אפט, אז אפי' דער קליינער באלעבאס גיט זיך גלייך אונטער. ער שטריינגט
אָן אלע זיינע כוחות, ארבעט אליין, און צווינגט ארבעטן איבער די כוחות
זיין משפחה און זיינע ארבעטער נאָר סוף כל סוף מוז ער אָפּטרעטן זיין
אָרט דעם קאפיטאל. אָפט איז צו זעהן, אז מיר האָבן צו טאָן כלומרשט מיט
א זעלבסשטענדיקן באלעבאס. אין דער אמתן אָבער איז ער אינגאנצן אָפּ-
הענגיק פונם גרויסן קאפיטאליסט, ארבעט אויף אים און קען אָן אים קיין
טראט ניט מאכן. דער קליינער פראָדוצירער הענגט אָפט אָפּ פונם מלוה; ער
ווייזט מער ניט אויס צו זיין זעלבסשטענדיק, אין דער אמתן אָבער ארבעט
ער אויף דעם מאזיקן שפין; אָדער ער איז אָפּהענגיק פונם אויפקויפער, וואס
קויפט בא אים איין די סחורה; אָדער פונם געשעפט, אויף וועלכן ער ארבעט
(אויך דא איז ער מער ניט ווי כלומרשט זעלבסשטענדיק; אין דער אמתן
האט ער זיך שוין פארוואנדלט אין א ליין-ארבעטער פון יענעם קאפיטאליסט,
צו וועלכן ס'געהערט דער גרויסער געשעפט); עס טרעפט זיך, אז דער
קאפיטאליסט גיט רוי-מאטעריאל, און אמאל אי רוי-מאטעריאל אי געצייג
(אזוי פלעגט אפט זיין מיט אונזערע קוסטארעס); דא איז שוין גאנץ קלאָר
אז דער קוסטאר האט זיך פארוואנדלט אין א פשוטן צוגאב צום קאפיטאל.
ס'טרעפן זיך אויך אנדערע פארמען פון אונטערגעוואָרפנקייט אונטערן קאפי-
טאל; נעבן די גרויסע אונטערנעמונגען האלטן זיך אָפטמאָל קליינע רעמאָנט-
ווארשטאטן, אין דעם פאל זיינען זיי ניט מער ווי א פשוט שרייפעלע בא
דער פאבריק. און אויך דאָ זיינען זיי מער ניט ווי כלומרשט זעלבסשטענ-
דיק. מיר קען אָפט זעהן, אז בדלות געוואָרענע קליינע באלעבאטימלאך, קליינע
בעלי-מלאכות, קוסטארעס, הענדלער קליינע קאפיטאליסטן ווערן ארויסגע-
שטופט פון איין פראָדוקציע און האנדל-צווייג, — גייען זיי דאן אריבער אין א
צווייטן, וואו דער גרויס קאפיטאל איז נאָך ניט אזוי שטארק. בפרט אפט
ווערן די בדלות געוואָרענע באלעבאטימלאך קליינע הענדלער, טרעגער א. א.
וו. אָט אזוי שטופט דער גרויס קאפיטאל טריט בא טריט פון אומעטום ארויס
די קליינע פראָדוקציע. עס וואקסן קאלאָסאלע אונטערנעמונגען, וואס ציילן
אָן טויזנטער, און אמאל אפילו צענדליקער טויזנטער ארבעטער. דאס פער-
זענליכע ארבעטס-אייגנטום ווערט פארשוואונדן. זיין ארט פארנעמט דאָס
קאפיטאליסטישע אייגנטום.

(פאר א מוסטער ווי ס'פאלט די קליינע פראָדוקציע אין רוסלאנד קע-
נען דינען די קוסטארעס. איינציקע קוסטארעס האָבן געארבעט מיט זייער
אייגענעם רוי-מאטעריאל (די קירזשנער, די קערב-פלעכטער א. א. וו.) און
זייער סחורה פלעגן זיי פארקויפן וועמען זיי ווילן. שפעטער הויבט שוין אָן
דער קוסטאר צו ארבעטן אויף א באשטימטן (נאָר אויף איינעם) קאפיטאליסט

(די באָכקווער הינקלמאַכער, די שפּילצייג־מאַכער די בערשטער א. א. וו.) דערנאָך באַקומט ער באַ זיין באַשטעלער רוי־מאַטעריאַל און ווערט באמת פאַרקנעכטעט (די פּאַוולאָווער שלעסערמאַכער, די בורמאַשינער שלאָסערס), לסוף הייבט ער אָן צו באַקומען פונם באַשטעלער פון שטיק (למשל, די טווערער טשוועקעס־מאַכער, די קימרער שוסטער, די צינצוקעס־מאַכער אין מאַקאַריעווע, די מעסערמאַכער אין פּאַוולאָווע). אין אַזאַ מין קנעכטשאַפט זיינען אויך אַריינגעפאַלן די האַנטווערקער. אין ענגלאַנד האָט די אָפּשטאַרבנ־דיקע קליינע פּראָדוקציע באַקומען דעם נאָמען „שוויץ־סיסטעם" אזוי שווער איז זיך איר צו האַלטן. אין דייטשלאַנד האָט זיך פון 1882־טן יאָר ביז 1895־טן יאָר די צאָל קליינע אונטערנעמונגען פאַרקלענערט אויף 8,6% די צאָל מיטעלע (פון 6 ביז 50 אַרבעטער) פאַרגרעסערט אויף 64,1%. און די צאָל גרויסע אויף 90%. פון דאַן איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן אויך אַ היפּשע צאָל מיטעלע אונטערנעמונגען. אין רוסלאַנד האָט די פאַבריק אויך גאַנץ גיך אַרויסגעשטופּט דעם קוסטאַר. איינער פון די וויכטיקסטע פּראָדוק־ציאָן־צווייגן אין רוסלאַנד איז די טעקסטיל (די העבעריי) פּראָדוקציע. גלייב מיר זאָלן פאַרגלייכן, ווי ס'פלעגט זיך ענדערן אין דער באַוול אינדוסטריע די צאָל פון די פאַבריק־אַרבעטער און פון די, וואָס אַרבעטן באַ זיך אין דער היים, קען מען זעהן, ווי גיך די פאַבריק פלעגט אַרויסשטופּן דעם קוסטאַר. אָט זיינען ציפערן:

די יאָרן	די צאָל פון פאַבריק־אַרבעטער	די צאָל פון היים־אַרבעטער
1866	94·566	66·178
1879	162·691	50·152
1894·95	242·051	20·475

אין 1866 איז אויף יעדע 100 פאַבריק־אַרבעטער פון דער באַוול אינ־דוסטריע געווען 70, וואָס אַרבעטן אין דער היים. אין 1894־95 יאָרן איז שוין געווען ניט 70 אַזעלכע, נאָר סך הכל 8. אין רוסלאַנד איז דער וואוקס פון גרויס אינדוסטריע געווען שטאַרקער אדאנק דעם, וואָס דער אויסלענדי־שער קאַפּיטאַל פלעגט לכתחילה אָרגאַניזירן גרויסע אונטערנעמונגען. שוין אין 1902־טן יאָר זיינען אין די זעהר גרויסע אונטערנעמונגען געווען כמעט אַ העלפט (40%) פון אלע אינדוסטריע־אַרבעטער.

אין 1903־טן יאָר האָט די צאָל פאַבריקן, אויף וועלכע ס'האָבן גע־אַרבעט מער ווי 100 אַרבעטער, געבילדעט אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד 17% פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַבריקן און זאַוואָדן און אויף זיי האָבן געאַרבעט 76,6% פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַבריק און זאַוואָד אַרבעטער.

דער נצחון פון דער גרויסער פּראָדוקציע גייט אין אַלע לענדער האַנט באַ האַנט מיט די עינויים פון די קליינע פּראָדוצירער. אַ־מאָל פלעגן כמעט אויסשטאַרבן גאַנצע קרייזן און פאַכן (למשל, די סילעזישע וועבער אין דייטשלאַנד, די וועבער אין אינדיען א. א. וו.).

ג) דער חילוק צווישן דער קליינער און דער גרויסער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. דערזעלבער קאַמף צווישן דער קליינער און גרויסער פּראָדוקציע, ווי אין דער אינדוסטריע, קומט בײַם קאַפּיטאַליזם אויך פֿאָר אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. דער גוטס-באַזיצער, וואָס פֿירט זײַן ווירטשאַפֿט אַזוי, ווי דער פֿאַבריקאַנט פֿירט זײַן פֿאַבריק, דער גרויסער פּויער-קולאַק, דער מיטעלער פּויער, די דאָרפֿישע אָרעמשאַפֿט, וועלכע אַרבעט נאָך גאַנץ אָפֿט איבערטער אַ צײַט אָדער בײַם גוטסבאַזיצער אָדער בײַם קולאַק, און די בעלי-בתּים — דאָס איז אַלץ אײַנס, ווי אין דער אינדוסטריע — דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, דער מיטעלער פֿאַבריקאַנט, דער בעל-מלאָכה, דער קוסטאַר, דער לוין-אַרבעטער. אויך אין דאָרף ווי אין שטאָט זיגען די גרויסע גיכער, בעסער אויסגעשטעלטע איבער די קליינע.

דער גרויסער באַלעבאָס קען אײַנפֿירן אַ גוטע טעכניק. לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס (עלעקטרישע פּלוגן, דאַמף-פּלוגן, שנייד-מאַשינעס, שנייד-מאַשינעס, גאָרבן-בינדערס, זייִ-מאַשינעס, דרעש-מאַשינעס, דאַמף-דרעש-מאַשינעס א. א. וו.) זײַנען אָפֿט אַבסאָלוט ניט צוטריטלעך פֿאַרן קליינעם באַלעבאָס און פֿאַרן מיטעלן פּונקט ווי דעם קליינעם בעל-מלאָכה האָט קיין זינען ניט צו שטעלן בײַ זיך אין וואַרשטאַט אַ טײַערע מאַשין (אַגב האָט ער ניט פֿאַרוואָס זי צו קויפֿן. און זי וואָלט אויך ניט אויסטראָגן אירע הוצאות. אַזוי קען אויך דער פּויער ניט קויפֿן פֿאַר זיך קיין דאַמף-פּלוג. וואָלט ער אים שוין אַפֿילו געקויפֿט, וואָלט ער אים אויך קיין נוצן ניט געבראַכט: כּדי אַזאַ טײַערע מאַשין זאָל אויסטראָגן איר הוצאות, דאַרף מען האָבן אַ סך ערד. און ניט אַזאַ שטיקל, וואָס נאָר אַ הון קאָן זיך פּיקערן.

(די פֿאָלשטענדיקע אויסנוצונג פֿון מאַשינעס און געצײַג דערלאַנגט אַ גוטן סכום ערד. אַ שטערן פּלוג וועלכע ווי מ'באַדאַרף צו זײַן אויסגענוצט אויף אַ חלקה פֿון 30 העקטאַר (אַ העקטאַר איז גלײַך צו 9/10 דעסיאַטינע); אַ געוויינטלעכע זייִ-מאַשין, שנייד-מאַשין, דרעש-מאַשין בײַ 70, אַ דאַמף-דרעש-מאַשין בײַ 250, אַ דאַמף-פּלוג בײַ 1000 העקטאַרס. אין דער נײַסטער צײַט באַנוצט מען אויך צו באַאַרבעטן ערד עלעקטרישע מאַשינעס; פֿאַר זיי דאַרף מען אויך האָבן אַ גרויסע ווירטשאַפֿט).

דאָס רוב קען נאָר אַ רײַכער באַלעבאָס אָנווענדן איריגאַציאָן (באַוואַסערונג), נאָר ער קען אויסנוצן צוזאַמען, דורכפֿירן דרענאַזש (לײמענע רערן, אויף אָפּצופֿירן דאָס איבעריקע וואַסער), דורכפֿירן פֿעלד-אײַנבאַנען וכדומה. אַ גרויסע ווירטשאַפֿט שפּאָרט פּונקט ווי אין דער אינדוסטריע. אײַן אויך געצײַג, מאַטעריאַלן, אַרבעטס-קרעפֿטן, באַהייצונג, באַלײַכטונג א. א. וו.

(אין אַ גרויסער ווירטשאַפֿט וועט אויך יעדער דעסיאַטין אויסקומען ווייניקער גרענעץ-שטעגן, פֿאַרקלענערן אין צוימען, ס'וועט גיין לאיבוד ווייניקער זוימען, וואָס פֿאַלן היינטער די גרענעץ-שטעגן).

חוץ דעם, קען אַ גרויסער באַלעבאָס אײַנפֿירן אַגראָנאָמען און פֿירן די ווירטשאַפֿט אויפֿן בעסטן אופֿן.

אינם געביט פון האַנדל און קרעדיט קומט פאַר דאָסזעלבע, וואָס
אין דער אינדוסטריע: אַ גרויסער באַלעבאָס קען בעסער זעס מאַרק, ער קען
אָפּוואַרטן, ער קויפט איין ביליקער אַלץ, וואָס ס'איז אים נויטיק, און ווייס,
ווי טייערער צו פאַרקויפן. דער קליינער באַלעבאָס האָט נאָר איין אויסוועג,
אַרבעטן, אָנשטרענגענדיק די גאַנצע זיינע כוחות. נאָר אַדאַנק אַט דער אָנגע-
שטרענגטער אַרבעט, און אויך אַדאַנק דער פאַרקלענערונג פון אירע באַדער-
פענישן, אַדאַנק דעם ניט דערעסן האַלט זיך די קליינע לאַנדווירטשאַפט. נאָר
אויף אַזאַ אופן קען זי זיך איינהאַלטן בײַ דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַליזם,
אַחוץ דעם ווערט די קליינע ווירטשאַפט לגמרי אונטערגעגראָבן דורך די
קאָלאָסאַלע אָפּצאָלונגען, די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה וואַרפט אַרויף אויף די
קליינע ווירטשאַפט אַן אומגעהויער שווערע משא; ס'איז גענוג זיך צו דער-
מאָנען, וואָס פאַר אַ באַשטייערונג די צאַרישע אָפּצאָלונגען האָבן געהאַט פאַר
די פויערים — פאַרקויף אַלץ וואָס די האָסט, נאָר טראָג אַריין די אָפּצאָלונגען.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט איז די
קליינע פּראָדוקציע לעבנספעיִקער, ווי אין דער אינדוסטריע. די בעלי-מלאכות
און די קליינע אונטערנעמער אין די שטעט קומען גאַנץ גיך אום, און די
פויערשע ווירטשאַפט אין די דערפער האַלט זיך אין אַלע לענדער עטוואָס
פעסטער. נאָר אויך דאָ קומט פאַר די פאַראָרעמקייט פון דעם גרעסטן טייל,
נאָר דאָ איז עס אָפט ניט אַזוי מערקליך. אַמאָל דוכט זיך, אַז די ווירטשאַפט
איז גאָר ניט קיין גרויסע לויט דער שטיק ערד, וואָס זי פאַרנעמט, און אין
דער אמתן איז זי זייער אַ גרויסע, און אין איר איז איינגעלייגט אַ היפּש
ביסל קאַפּיטאַל. זי האַלט אַ היפּשע צאָל געדונגענע אַרבעטער (למשל
די גערטנער נעבן די גרויסע שטעט). אַמאָל, פאַרקערט, דוכט זיך, אַז מיר
האָבן צו טאָן מיט אַ סך גאַנץ זעלבסטשטענדיקע קליינע באַלעבאַטימלאַך;
און אין דער אמתן זיינען זי כמעט מער ניט ווי לוין-אַרבעטער: זיי גייען
זיך פאַרדינגען אין דעם שכנישן הויף, אָדער גייען אַוועק אין שטאָט אויף
אַרבעט. אין אַלע לענדער קומט פאַר מיט די פויערים דאָסזעלבע וואָס מיט
די בעלי-מלאכות און קוסטאַרעס. אַ קלענער טייל פון זיי קריכט דורך אין
קולאַקעס — קהלעדלפירער (שינקער, פּראָצענטניקעס, וועלכע פאַרגרעסערן
זיך ביסלאַכווייס זייער פאַרמעגן); די איבעריקע אָדער זיי האַלטן זיך נאָך
ווי ניט איז, אָדער זיי ווערן אינגאַנצן בדלות, פאַרקויפן זייער קוה, זייער
פערדל, און בלייבן באַלעבאַטים אָן לעבעדיק אינווענטאַר. און שפּעטער קומט
אויך אַ סוף צו זייער ערד-נחלה. און זיי גייען אָדער אַוועק אין שטאָט אָדער
ווערן באַטראַקעס. דער וואָס האָט ניט קיין אייגן פערד, פאַרוואַנדלט זיך אין
אַ לוין-אַרבעטער, דער קולאַק-קהל רעדלפירער, וואָס דינגט אַרבעטער, פאַר-
וואַנדלט זיך אין אַ גוטסבאַזיצער אָדער אין אַ קאַפּיטאַליסט.

אַט אַזוי איז אין דער לאַנדווירטשאַפט אַ מאַסע ערד, מכשירים, מאַ-
שינעס, בהמות געפינען זיך אין רשות פון אַ הייפל גרעסטע קאַפּיטאַליסטן,
ערד באַזיצער, און מיליאָנען אַרבעטער אַרבעטן אויף זיי. מיליאָנען פויערים
זיינען פון זיי אָפּהענגיק.

(אין אַמעריקע), װוּ דער קאַפּיטאַל איז אַנטוויקלט מער װי אומעטום, זיינען פאַראַן קאָלאָסאַלע [illegible], װאָס אַרבעטן [illegible], און אַזוי װי אין דער פאַבריק [illegible] מער ניט די זעלבע פּראָדוקטן, אַזוי איז אויך דאָ, [illegible] פּאָרטיקע [illegible] מיט קלויבניקע אָדער [illegible], װאָס פאַר-נעמען זיך [illegible] מיט [illegible], װאָס מען זייט װייך אַרבעט מען [illegible], װייל [illegible] זיינען קאָנצענטרירט אין איינע הענט אַזוי איז פאַראַן [illegible] אַ ,,האָלצ-קעניג״ (אַ קאַפּיטאַליסט, אין װעמעס הענט ס׳איז קאָנצענטרירט [illegible] די גאַנצע [illegible] פּראָדוקציע), אַ ,,אייזן-קעניג״ א. אַ. װ.

§ 15. די אָפּהענגיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, די רעזערוו-אַרמיי, די פרויען און קינדער אַרבעט.

אַלע גרעסערע און גרעסערע פאָלקס מאַסן ווערן ביים קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלט אין לוין-אַרבעטער. די פּרולות געוואָרענע בעלי-מלאכות, קוסטאַרעס, פּויערים, הענדלער, מיטעלע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען רואינירט געוואָרן,— מיט איין וואָרט, אַלע, וואָס ווערן אַרויסגעשלײַדערט פון לעבן, אַלע, וואָס ווערן דערשלאָגן פון גרויסן קאַפּיטאַל, אַלע פאַלן אַריין אין די רייען פונם פּראָלעטאַריאַט. צוגלייך מיט דעם, וואָס די עשירות ווערן קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן, ווערן די פאָלקס מאַסן אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין געדונגענע קנעכט.

אַדאַנק דער שטענדיקער רואינירונג פון די מיטעלע שיכטן און קלאַסן איז די צאָל אַרבעטער שטענדיק גרעסער פאַר דעם, אין וועלכער ס׳נויטיקט זיך דער קאַפּיטאַל. דורך דעם בינדט דער קאַפּיטאַל צו צו זיך דעם אַרבעטער: ער מוז אַרבעטן אויפן קאַפּיטאַליסט, ווייל ער ניט — וועלן זיך געפינען הונדערטער אַנדערע.

נאָר די דאָזיקע אָפּהענגיקייט ווערט שטאַרקער אויך אויף אַן אַנדער אופן, ניט נאָר דורך דער רואינירונג פון נייע באַפעלקערונג שיכטן.— די הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל איבער די אַרבעטער ווערט גרעסער אויך דורך דעם, וואָס דער קאַפּיטאַל וואַרפט שטענדיק אַרויס אויפן גאַס די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַר אים איבעריק, און פון זיי שאַפט ער פאַר זיך אַ רעזערוו פון אַרבעטס-קרעפטן. ווי אַזוי קומט עס פאָר? אָט ווי אַזוי: מיר האָבן שוין פריער געזעהן, אַז יעטווידער קאַפּיטאַליסט שטרעבט צו דערצו, אַז די סחורה זאָל אים וואָס ביליקער קאָסטן, און טאַקע צוליב דעם ווערן איינגעפירט אַלץ נייע און נייע מאַשינען. נאָר די מאַשין פאַרנעמט געוויינטלעך דאָס אָרט פון דעם אַרבעטער. די מאַשין מאַכט אַ טייל אַרבעטער פאַר איבעריק. איז נאָר איינגעפירט אַ נייע מאַשין, [illegible] עס: אַ טייל אַרבעטער ווערט אָפּגעשאַפט פון אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פאַרנומען אין דער פאַבריק, ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַרבעטסלויזע און אַזוי ווי נייע מאַשינען ווערן שטענדיק

איינגעפירט דאָ אין איין אינדוסטריע צווייג, דאָ אין צווייטן, דאָ אין דריטן. איז פאַרשטענדליך, אַז ביים קאַפּיטאַליזם מוז שטענדיק זיין אַרבעטסלאָזיקייט. דער קאַפּיטאַליסט זאָרגט דאָך ניט וועגן דעם, אַז אַלע זאָלן האָבן אַרבעט אָדער אַז אַלע זאָלן זיין באַזאָרגט מיט סחורות, ער זאָרגט דאָך נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי אַרויסצוקוועטשן וואָס מער ריווח. און ס'איז פאַרשטענדליך, אַז ער וואַרפט אַרויס אויפן גאַס די אַרבעטער, וועלכע קענען אים שוין מער ניט ברענגען אַזאַ ריווח, ווי פריער.

און מיר זעען טאַקע, אַז אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אין די גרעסטע שטעט שטענדיק פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַרבעטסלאָזע. דאָ זיינען פאַראַן כינעזישע אָדער יאַפּאַנישע אַרבעטער פון די בדלות געוואָרענע פויערים, וואָס האָבן זיך געלאָזן אין ווייטע מדינות זוכן עפּעס וואָס צו פאַרדינען. יונגע לייט פון דאָרף, וואָס זיינען נאָר וואָס געקומען אין שטאָט, געוועזענע קרעמער, בעלי-מלאָכות, נאָר מיר געפינען דאָ אויך אַרבעטער-מעטאַליסטן אָדער דרוקער, אָדער וועבער, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אויף פאַבריקן און זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דאָרטן, ווייל מען האָט איינגעפירט נייע מאַשינען. די אַלע צוזאַמען בילדן אַ רעזערוו-מקור פון אַרבעטס-כוחות פאַרן קאַפּיטאַל, אָדער, ווי ס'האָט עס אָנגערופן מאַרקס, אַ אינדוסטריעלע רעזערוו-אַרמיי. דאָס וואָס איז פאַראַן אַן אַרבעטער רעזערוו-אַרמיי, די שטענדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, דאָס גיט די קאַפּיטאַליסטן די מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן די אָפּהענגיקייט און אונטערדריקונג פונם אַרבעטער קלאַס. פון איינע אַרבעטער זויגט ער קאַפּיטאַל אַרויס מיט דער הילף פון מאַשינען [illegible], ווי פריער. אַנדערע זיינען צוליב דעם אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס. נאָר, זייענדיק אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס, דינען זיי אין די הענט פונעם קאַפּיטאַליסט ווי אַ געווער, מיט וועלכן ער טרייבט אונטער די פאַרדינסטן.

די אינדוסטריעלע רעזערוו-אַרמיי גיט בייַשפּילן פון פולשטענדיקער פאַרווילדקייט, פאַראָרעמקייט, הונגער, אויסשטאַרבונג, פון פאַרברעכנס. אפילו די, וואָס קענען אַ לאַנגע צייט קיין אַרבעט ניט געפינען, ווערן צו ביסלאַכווייס שיכורים, פאַרוואַנדלען זיך אין שלעפּערס, בעטלערס א. א. וו. אין די גרויסע שטעט — לאָנדאָן, ניו-יאָרק, האַמבורג, בערלין, פּאַריז — זיינען פאַראַן גאַנצע קוואַרטאַלן, באַזעצטע מיט אַזעלכע אַרבעטסלאָזע. אין מאָסקווע קען דינען ווי אַ בייַשפּיל פון דעם דער כיטראָוו-מאַרק. דאָ ווערט, אַנשטאָט אַ פּראָלעטאַריאַט, אויסגעבילדעט אַ נייער שיכט, וואָס האָט שוין זיך אָפּגעוואוינט פון אַרבעט. דאָס דאָזיקע קינד פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הייסט לומפּן-פּראָלעטאַריאַט (באָסיאַקעס-פּראָלעטאַריאַט).

דאָס איינפירן מאַשינען האָט אויך אַרויסגערופן די פרויען און קינדער-אַרבעט, וועלכע קאָסט ביליקער, און וועלכע לוינט דעריבער פאַרן קאַפּיטאַליסט בעסער. פריער, איידער ס'זיינען געווען מאַשינען, האָט מען געמוזט זיין ספּעציעל געניט צו דער אַרבעט, אַמאָל. האָט מען געמוזט

אפילו אַ לאַנגע צייט לערנען זיך. און אויך אייניקע מאַשינעס קען אפילו אַרבעטן אַ קליין קינד. ס'קומט אויס אַז הלוואי ווי מאַן מיטן האַנט געדאַרפט באַוועגן מיטן פוס. און אַט פאַרוואָס מען האָט אָנגעהויבן ברייטער אָנווענדן די אַרבעט פון פרויען און קינדער, נאָכדעם ווי מע האָט אָנגעהויבן באַנוצן מאַשינעס. פרויען און קינדער קענען ניט אַרויסווייזן דעם קאַפּיטאַליסט אַזאַ ווידערשטאַנד, ווי אַרבעטער-מאַנסבילן. זיי זיינען מער נאָכגעביק, מער נידערגעשלאָגענע, זיינען אָפטער איינגעגלויבט אין גלויבן און רעט, וואָס עס זאָגט זיי די גאַסטשאַסטווע. דעריבער פאַרבייט אָפט דער פאַבריקאַנט מאַנסבילן אויף פרויען און צוויננגט קליינע קינדערלאַך איבערטרייבן זייער בלוט אין די גאָלדענע מטבעות פון זיין רווח.

(אין 1913-טן יאָר איז די צאָל פרויען-אַרבעטערינס געווען: אין פראַנק-רייך — 6.800.000, אין דייטשלאַנד — 9.400.000, אין עסטרייך-אונגאַרן — 8.200.000, אין איטאַליע — 5.700.000, אין בעלגיען — 930.000, אין די צפון-אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן — 8.000000, אין ענגלאַנד און וועלס — 6.000000. אין רוסלאַנד האָט די צאָל פרויען-אַרבעטערינס געהאַלטן אין איין וואַקסן. אין 1900 איז פרויען-אַרבעטערינס געווען 25% (דאָס הייסט אַ פערטל) פון אַלע פאַבריק-אַרבעטער און אַרבעטערינס, אין 1908-טן יאָר — 31%, דאָס הייסט כמעט אַ דריטל; אין 1912-טן יאָר — 45%. אין אייניקע פּראָדוק-ציאָן-צווייגן בילדן די פרויען אַ מערהייט. אין דער טעקסטיל-פּראָדוקציע, למשל, איז אין 1912-טן יאָר פון 870 טויזנט אַרבעטער געווען פרויען 453 טויזנט, דאָס הייסט מער ווי אַ העלפט (העכער 52%). פאַר די מלחמה-יאָרן האָט זיך די צאָל פרויען-אַרבעטערינס אומגעהויער פאַרגרעסערט.

וואָס איז שוין צו רעדן וועגן קינדער-אַרבעט [illegible] אין אַ סך געגנטן, ביז קינדער, איז [illegible]. אין [illegible] סאַמע אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד — אין אַמעריקע — קען מען [illegible] קינדער אַרבעט.

דאָס פירט צו דער צעשטערונג פון דער פאַמיליע פונעם אַרבעטער. וואָס פאַר אַ פאַמיליען-לעבן קען שוין זיין, אז די פרוי און אָפטמאָל אויך דאָס קינד זיינען צווישן פאַבריק!

איז גאָר די פרוי אַריינגעפאַלן אין פאַבריק איז זי גאָר געוואָרן אַן אַרבעטערין, קומט איר שוין אויך אויס, ווי דעם מאַנסביל, פון צייט צו צייט ליידן פון אַלע צרות פון אַרבעטסלאָזיקייט. אויך איר וואַרפט דער קאַפּיטאַ-ליסט אַרויס הינטערן טיר; זי פאַלט אויך אַריין אין די רייען פון דער אינ-דוסטריעלער רעזערוו-אַרמיי; זי קען אויך, ווי דער מאַנסביל, פאַלן ביזן סאַמע גרונט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנטוויקלט זיך די פּראָסטיטוציע, וואו די פרויען פאַרקויפן זיך אויף די גאַסן. ניטאָ וואָס צו עסן, קיין אַרבעט איז ניטאָ; און פאַמער איז שוין יאָ פאַראַן אַרבעט, איז די שכירות אַזאַ קבצניש, אַז מע מוז נאָך צופאַרדינען, פאַרקויפנדיק דאָס אייגענע לייב; און שפּעטער ווערט שוין די ביטערע מלאכה אַ געוווינהייט. און אַזוי אַרויס בילדעט זיך אויס אַ שיכט פון פּראָפעסיאָנעלע פּראָסטיטוטקעס.

(אין די גרויסע שטעט איז פאראן א גאנץ היפשע צאל פראסטיטוטס
אין אזעלכע שטעט, ווי האמבורג און לאנדאן, זיינען אט די אומגליקליכע
אין די צענדליקער טויזנטער. דער קאפיטאל שאפט נאר ווען פון זיי א מקור
פון ריוח און פון באר יכערונג, איינארדנדיק גאנצע קאפיטאליסטיש ארגא-
ניזירטע פרייליכע הייזער. ס'איז פאראן א ברייטער אינטערנאציאנאלער הנדל
מיט ווייסע שקלאפינס. די צענטערס פונם דאזיקן האנדל זיינען געווען די
שטעט פון ארגענטינע (אין דרום-אמעריקע). בפרט שרעקהאפט און עקלדיק
איז די קינדער-פראסטיטוציע, וועלכע בליט אין אלע אייראפייאישע און
אמעריקאנער שטעט).

אויף אזא אופן איז וואס מער ס'ווערן אין דער קאפיטאליסטישער גע-
זעלשאפט איינגעפירט אלץ בעסערע און בעסערע מאשינעס, וואס מער
ס'ווערט געבויט אלץ גרעסערע און גרעסערע פאבריקן, וואס מער ס'וואקסט
די צאל סחורות, אלץ גרעסער ווערט דער דרוק פונם קאפיטאל, די ארעמקייט
און די ליידן פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו-ארמיי, די אפהענגיקייט פונם
ארבעטער-קלאס מצד זיינע עקספלואטאטארן.

וואלט ניט געווען קיין פריוואט-אייגנטום, וואלט אלץ חבריש אויסגע-
נוצט געווארן, וואלט גאר אנדערש געווען. די מענטשן וואלטן דאן פשוט
פארקירצט דעם ארבעטס-טאג, זיי וואלטן געשאנעוועט זייערע כוחות, זיי
וואלטן איינגעשפארט זייער ארבעט, זיי וואלטן געווארט וועגן אפרוה. נאר
ווען דער קאפיטאליסט פירט איין מאשינעס, זאגט ער וועגן ריוח: אים
לוינט ניט פארקירצן דעם ארבעטס-טאג: ער וואלט דארפן האבן רק היזק.
מיט דער הילף פון די מאשינען איז דא די דער קאפיטאליסט באפרייט ניט
דעם מענטשן, נאר אדרבא ער פ א ר ק נ ע כ ט ע ט אים נאך מער.

מיט דער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם ווערט אלץ א גרעסערער טייל
קאפיטאל אפגעגעבן אויף מאשינעס, מאטעריאל, פארשיידענע איינריכטונגען,
גיגאנטישע פאבריק-געביידעס, קאלאסאלע שמעלץ-אויוונס א. ז. וו.; פאר-
קערט, אלץ א קלענערער טייל קאפיטאל גייט אויף ד י נג ע ן א ר ב ע ט ע ר.
פריער, בשעת ס'איז געווען האנט-ארבעט, פלעגן די הוצאות אויף האנט-
ווערקשטאט און אויף די איבעריקע מכשירים זיין זייער קליינע; כמעט דער
גאנצער קאפיטאל פלעגט אויסגעגעבן ווערן אויף דינגען ארבעטער. איצטער
איז פארקערט: דער גרעסטער טייל ווערט אויסגעגעבן אויף פארשיידענע
איינריכטונגען און מאשינעס. און דאס מאכט, אז די פאדערונג אויף
א ר ב ע ט ס-ה ע נ ט וואקסט ניט אזוי גיך, אויף וויפל ס'ווערט גרע-
סער די צאל פרולות געווארענע מענטשן, וואס זיינען פארוואנדלט געווארן
אין פראלעטאריער. וואס שטארקער ס'אנטוויקלט זיך די טעכניק ביים קאפי-
טאליזם, אלץ שטארקער איז דער דרוק פון קאפיטאל איבערן ארבעטער-
קלאס, ווייל אלץ שווערער ווערט צו געפינען ארבעט, אלץ שווערער ווערט
צו לעבן.

§ 16. פראדוקציאן־אנארכיע, קאנקורענץ און קריזיסן.

די ליידן פונם ארבעטער־קלאס וואקסן און וואקסן צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק, וועלכע ברענגט ביים קאפּיטאליזם, אנשטאט נוצן פאר אלעמען, די פארגרעסערונג פונם רווח פארן קאפּיטאל, ארבעטס־לויזיקייט און רואינירונג פאר א סך ארבעטער. נאר די דאזיקע ליידן וואקסן אויך פון אנדערע סיבות.

מיר האבן פריער געזען, אז די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט איז זייער שלעכט אויפגעבויט. עס הערשט דאס פריוואט־אייגנטום און ס'עקסיסטירט ניט קיין שום אלגעמיינער פּלאן. יעטלעכער פאבריקאנט פירט זיך זיין געשעפט אומאפהענגיק פון די איבעריקע. מיט די איבעריקע קעמפט ער פארן קונה, ער „קאנקורירט" מיט זיי.

עס קומט אויך איצט די פראגע, צי ווערט מיט דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם דער דאזיקער קאמף אפּגעשוואכט אדער פארשטארקט.

אויפן ערשטן קוק קען אויסקומען, אז דער דאזיקער קאמף ווערט אפּגעשוואכט. אין דער אמתן, קאפּיטאליסטן ווערן דאך אלץ ווייניקער, די גרויסע פרעסן אויף די קליינע; פריער האבן צווישן זיך געקעמפט צענדליקער טויזנטער פארשיידענע אונטערנעמער — די קאנקורענץ איז געווען א פארביטערטע; איצט איז פאראן ווייניק קאנקורענטן — דער קאמף איז געוואָרן ניט אזא שארפער. אזוי וואלט מען געקענט מיינען. נאר אין דער ווירקלעכקייט איז עס ניט אזוי: אין דער אמתן איז די מעשה געראדע פארקערט. ס'איז אמת, אז ס'ווערט ווייניקער קאנקורענטן, נאר יעטלעכער פון זיי איז געווארן אין א סך מאל *גרעסער און שטארקער*, ווי די פריערדיקע קאנקורענטן. און דער קאמף צווישן זיי איז געווארן ניט קלענער, נאר גרעסער, ניט א מער רואיקער, נאר א מער אכזריותדיקער, ווי פריער. ווען אין גאנצן לאנד וואלטן געהערשט אזעלכע ניט איז פאר אדער צוויי פאר קאפּיטאליסטן, דעמאלט וואלטן זיך געשלאגן איינער מיט דער צווייטער אט די קאפּיטאליסטישע מלוכות. און אזוי האט עס טאקע געטראפן סוף כל סוף. די קאנקורענץ גייט איצט צווישן קאלאסאלע קאפּיטאליסטן־פארבאנדן, צווישן זייערע מלוכות, און זיי קעמפן שוין ניט נאר מיט ביליקע מקחים, נאר אויך מיט א באוואפנטער קראפט. הייסט עס, אז מיט דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם ווערט די קאנקורענץ קלענער נאר לויט דער צאל *קאנקורענטן*, נאר זי ווערט אלץ *אכזריותדיקער, מער צעשטערנדיקער* [1]).

מע מוז אנמערקן נאך איין דערשיינונג: דאס איז די אזוי גערופענע *קריזיסן*. וואס איז אזוינס די דאזיקע קריזיסן? און וואס באשטייען זיי? די מעשה קומט פאר אזוי: אין א שיינעם פרימאָרגן ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז אויסגעארבעט אין א שיעור צו פיל פארשיידענע סחורות. די פרייזן פאלן, און ניטא וואוהין צו פארקויפן די סחורות. די לאגערס ברעכן זיך פון

---

[1]) גענויער וועגן דעם דארף מען זעהן אין קאפּיטל וועגן דער אימפעריאליסטישער מלחמה.

בלערליי פראָדוקטן און ניטאָ ווער עס זאָל זיי צו פאַרקויפן; ניטאָ קיין קונה. ס'איז פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ סך הונגעריקע אַרבעטער. נאָר זיי פאַרדינען דאָך גראָשנס, און מער ווי זיי פלעגן געוויינטלעך קויפן, קענען זיי אויך איצט ניט קויפן. דאַן הייבט זיך אָן אַ חורבן. אין אַזאַ פּראָדוקציע־מאַלטן תחילת ניט אויס די קליינע און מיטעלע אונטערנעמונגען און פלאַצן, פאַרמאַכן זיך; נאָך זיי גייען אויך די גרעסערע אינטערנעמונגען. נאָר די דאָזיקע פּראָדוקציע פלעגט אײַנקייַען סחורות בײַ אָן אַנדער אינדוסטריע צווײַג, דער בײַ אַ דריטן. לאָמיר זאָגן די שניידער־אונטערנעמונגען קויפן געוואַנט בײַ די געוואַנט־אונטערנעמונגען. די בײַ די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אויס וואָלנס א. א. וו. עס פּלאַצן די שניידער־אונטערנעמונגען, הייסט עס, אַז ס'איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל קויפן בײַ די געוואַנט־אונטערנעמער — ס'הייבן אָן פּלאַצן די געוואַנט־פאַבריקן. דערנאָך הייבט זיך אָן די זעלביקע מהומה אין דער וואָלנס־פּראָדוקציע. אומעטום הייבן זיך אָן פאַרמאַכן פאַבריקן און זאַוואָדן, צענדליקער טויזנטער אַרבעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס, די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט אויס ביז צו אַ מגעהויערער גרייס, דאָס לעבן פון די אַרבעטער ווערט נאָך ערגער, ווי פריער. און סחורות איז אויסגעאַרבעט אַ סך, און די לאַגערס ברעכן זיך פון זיי. אַזוי פלעגט זיך אָפט טרעפן פאַר דער מלחמה: אָט שטײַגט די אינדוסטריע, די געשעפטן בײַ די פאַבריקאַנטן גייען אויסגעצייכנט; דערנאָך פּלוצלונג — אַ קראַך, אַ חורבן, אַרבעטסלאָזיקייט; די געשעפטן שטייען; שפּעטער גייט עס אײַנער בעסער, דערנאָך ווײַטער גלענצנדיק; דערנאָך ווידער אַ קראַך און אַזוי ווײַטער פונם אָנהייב.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ מין ווילדע זאַך, וואָס מענטשן ווערן פון גרויס עשירות אָרעמע לײַט?

אײַך אָט די פראַגע איז ניט אַזוי פּשוט צו ענטפערן, נאָר אַ תשובה מוז אויף איר געגעבן ווערן.

מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט אַ מישמאַש, וואָס טראָגט דעם נאָמען פּראָדוקציאָנס־אַנאַרכיע. איטלעכער אונטערנעמער־פאַבריקאַנט אַרבעט פאַר זיך אַליין, זיך גאָר ניט רעכנענדיק מיט קיינעם. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז בײַ אַזאַ לאַגע מוז די זאַך פריער אָדער שפּעטער קומען צו דעם, אַז ס'ווערט אויסגעאַרבעט צופיל סחורות (סחורות־איבער פּראָדוצירונג). ווען מע פלעגט אויסאַרבעטן פּראָדוקטן אין ניט קיין סחורות, דאָס הייסט ווען מע האָט געאַרבעט ניט פאַרן מאַרק, האָט די איבערפּראָדוקציע קיין שום סכנה ניט פאָרגעשטעלט. נאָר אַנדערש איז עס בײַ דער סחורות־פּראָדוקציע. דאָ מוז יעדער פאַבריקאַנט, כדי צו קויפן די סחורות, וואָס זײַנען אים נייטיק פאַר די ווײַטערדיקע פּראָדוקציע, פריער פאַרקויפן זײַנע אייגענע. האָט זיך נאָר וואו ניט איז פאַרהאַלטן די מאַשין צוליבן מישמאַש, טראָגט זיך עס גלייך איבער פון איין געביט אויפן צווייטן — עס ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער קריזיס.

די דאָזיקע קריזיסן מאַכן אַן גרויסע חורבנות. אַ כך סחורות גייט לאיבוד. די רעשטן פון דער קליינער פּראָדוקציע ווערן אויסגעקערט, ווי מיט אַן אייזערנעם בעזים. גאַנץ אָפט ווערן רואינירט אויך גרויסע פירמעס. ס'איז שווער, אַז אַלע זאָלן זיך קענען איינהאַלטן אויף די פיס.

די הויפּט-שווערקייט פון די קריזיסן פאַלט, פאַרשטייט זיך, אויפן אַרבעטער-קלאַס.

איינציקע פאַבריקן פאַרמאַכן זיך אינגאַנצן. אַנדערע פאַרקלענערן די פּראָדוקציע, זיי אַרבעטן ניט די גאַנצע וואָך. די דריטע פאַרמאַכן זיך צייט-ווייליק, די צאָל פון אַרבעטסלויזע ווערט גרעסער. עס וואַקסט די אינדוסטריעלע רעזערוו-אַרמיי. און צוזאַמען מיט דעם וואַקסט די אָרעמקייט און די אונטערדריקונג פונעם אַרבעטער-קלאַס. אין די צייט פון קריזיסן ווערט די אַזוי שוין אויך שלעכטע לאַגע פונעם אַרבעטער-קלאַס נאָך ערגער.

(אָט, למשל, זיינען ציפערן וועגן קריזיס פון 1907-1910 יאָרן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אייראָפּע און אַמעריקע, מיט איין וואָרט, די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט די צאָל אַרבעטסלויזע פון די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געוואַקסן אויף אַזאַ אופן: אין יאַנואַר 1907־טן 8,1%, אין אָקטיאַבער — 18,5%, אין נאָיאַבער — 22%, אין דעקאַבער — 32,7%, אין דער בוי-פּראָדוקציע — 42%, אין דער קאָנפעקציאָן — 43,6%, אין דער טאַבאַק-פּראָדוקציע אַפילו 55%, ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלגעמיינע אַרבעטסלויזיקייט (אויב נעמען ניט נאָר די אָרגאַניזירטע אַרבעטער) איז געווען נאָך גרעסער. אין ענגלאַנד איז זומער 1907 דער פּראָצענט פון אַרבעטסלויזע געווען 3,4-4%, אין נאָיאַבער איז ער אויסגעוואַקסן ביז 5%, אין דעקאַבער ביז 6,1%, אין יאַנואַר 1908 איז ער דערגאַנגען ביז 8,2%. אין דייטשלאַנד איז צו יאַנואַר 1908 דער פּראָצענט פון אַרבעטסלויזע געווען צוויי מאָל גרעסער איידער אין די פריערדיקע יאָרן. דאָס זעלביקע האָט מען געקענט באַמערקן אויך אין די איבעריקע לענדער.

וואָס איז נוגע דער פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע, איז, למשל, דאָס אויסשמעלצן שטאָל אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפאַלן פון 28 מיליאָן טאָנעס אין 1907־טן יאָר ביז 16 מיליאָן (אַ טאָנע האַלט 61 פּ״ד) אין 1908־טן יאָר.)

בעת אַ קריזיס פאַלן די מקחים אויף סחורות. דאַן באַנוצן זיך די הערן קאַפּיטאַליסטן כדי ניט צו פאַרלירן זייער ריווח, מיט דער פאַרדאַרבונג פון דער פּראָדוקציע. אין אַמעריקע פלעגט מען, למשל, פאַרשיטן די שמעלץ אויוונס. נאָך אינטערעסאַנטער האָבן געהאַנדלט די באַלעבאַטים פון די קאַווע-פּלאַנטאַציעס אין בראַזיליען. כדי איינצוהאַלטן הויכע פרייזן אויף קאַווע, פלעגן זיי דערטרינקען זעקלאַך מיט קאַווע. איצטער ליידט די גאַנצע וועלט פון הונגער און פון מאַנגל אין פּראָדוקטן. דער דאָזיקער הונגער און מאַנגל אין פּראָדוקטן איז אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלחמה. ער איז אַרויסגערופן דורכן קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט געבראַכט צו אָט דער צעשטערערישער מלחמה. און אין שלום צייט פלעגט

זיך דער קאַפּיטאַליזם װערגן פֿון צו פֿיל פּראָדוקטן, װעלכע מע פֿלעגט פּונ־
דעסטװעגן ניט פֿאַרקױפֿן די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן א צו מאָגערע
קעשענע. די דאָזיקע מותרות פֿלעגן דעם אַרבעטער געבן נאָר איין זאַך:
אַרבעטסלאָזיקייט מיט אַלע אירע שרעק).

§ 17. די אַנטװיקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם און די קלאַסן
(די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די קלאַסן־סתירות).

מיר האָבן געזעהן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט האָט צװיי
הויפּט־סתירות, צװיי הויפּט־פֿעלערן: ערשטנס, איז זי „אַנאַרכיסטיש" (ס'איז
ניטאָ בא איר קיין אָרגאַניזירטקייט); צװייטנס, באַשטייט זי אין דער װירק־
ליכקייט פֿון צװיי פֿײַנטליכע געזעלשאַפֿטן (קלאַסן). מיר האָבן אויך געזעהן,
אַז מיט דער אַנטװיקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם פֿירט די אַנאַרכיע פֿון דער פּראָ־
דוקציע, װאָס דריקט זיך אויס אין דער קאָנקורענץ, צו אַלץ א גרעסערער
פֿאַרשאַרפֿונג, אומאײַנגעאָרדנטקייט, צעשטערונג. די אומאײַנגעאָרדנקייט פֿון
דער געזעלשאַפֿט װערט דאָ ניט קלענער, נאָר גרעסער. נאָר דאָס זעלביקע
קומט אויך פֿאָר מיט דער צוברעקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף צװיי טיילן,
אויף קלאַסן. מיט דער אַנטװיקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם װערט די דאָזיקע צו־
ברעקלונג, די דאָזיקע צעשפּאַלטונג צװישן די קלאַסן אויך ניט קלענער
נאָר גרעסער. אויף איין עק—בא די קאַפּיטאַליסטן—קלייבן זיך אָן אַלע
עשירות פֿון דער װעלט, אויף דעם אַנדער עק—בא די אונטערדריקטע קלאַסן—
קלײַבט זיך אָן די גאַנצע אָרעמקייט, צרות און טרערן. די אינדוסטריעלע
רעזערװ־אַרמיי ברײַנגט אַרויס שיכטן געפּאַ"ענע, פֿאַרװילדעטע, ביז גאָר
פֿאַראָרעמטע מענטשן. נאָר אַפֿילו די, װאָס אַרבעטן, אונטערשיידן זיך לויט
זייער לעבנשטייגער אַלץ מער פֿון די קאַפּיטאַליסטן. דער אונטערשייד צװיש
דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט האַלט אין איין װאַקסן.
פֿריער זיינען געװען כלערליי מיטעלע און קליינע קאַפּיטאַליסטלאַך, פֿיל פֿון
זיי זיינען געװען אין נאָהענטע באַציהונגען מיט די אַרבעטער און געלעבט
האָט זיך זיי ניט אַ סך בעסער פֿון די אַרבעטער. איצטער איז גאָר אַנדערש
די גרויסע פּריצים פֿירן אַזאַ לעבן, פֿון װעלכן קיינער האָט פֿריער אַפֿילו ניט
געחלומט. אמת, מיט דער אַנטװיקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם לעבט זיך אויך די
אַרבעטער אין אַלגעמיין בעסער; ביזן אָנהויב פֿון צװאַנציקסטן יאָרהונדערט
האָבן זיך די שכירות אין אַלגעמיין פֿאַרגרעסערט. נאָר גלייכצייטיק איז דער
ריװח פֿונם קאַפּיטאַליסט געװאַקסן נאָך אַ סך גיכער. איצטער איז די אַרבע־
טער מאַסע פּונקט אזוי װייט פֿונם קאַפּיטאַליסט, װי דער הימל פֿון דער ערד
דער קאַפּיטאַליסט, דאָס איז גאָר אן אנדער באַשעפֿעניש, אים װעסטו מיטן
האַנט ניט דערלאַנגען. און װאָס װייטער עס אַנטװיקלט זיך דער קאַפּיטאַ־
ליזם, אַלץ העכער שטייגט דאָס הייפֿעלע רײַכסטע קאַפּיטאַליסטן, אַלץ טיפֿער
װערט דער אָפּגרונט צװישן דעם דאָזיקן הייפֿעלע ניט געקרוינטע קיניגן און
דער פֿילמיליאָניקער מאַסע פֿאַרקנעכטעטע פּראָלעטאַריער.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די שכירות פון די אַרבעטער איז דאָך גע-
וואַקסן. נאָר נאָך גיכער איז געוואַקסן דער ריוח. און דעריבער איז גרע-
סער געוואָרן דער מרחק צווישן די צוויי קלאַסן. נאָר פון אָנהייב פונם
צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן די שכירות אָנגעהויבן נים וואַקסן, נאָר פאַלן.
פאַר דער זעלביקער צייט האָט דער ריוח געוואַקסן, ווי נאָך קיינמאָל ניט
ביז אַהער. דאַן הייבט זיך באַזונדער פאַר דער לעצטער צייט גאָר אומגע-
ווײַנלעך פאַרשאַרפן די געזעלשאַפטלעכע אומגלײַכהייט.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אויב די דאָזיקע אומגלײַכקייט האַלט
אין איין וואַקסן, מוז זי פריער אָדער שפּעטער ברענגען צו אַ צוזאַמענשטויס
צווישן די אַרבעטער מיט די קאַפּיטאַליסטן. וואָלט דער דאָזיקער אונטערשייד
צווישן זיי געוואָרן קלענער, וואָלטן זיך די אַרבעטער לויט זייער מצבֿ
דערנענטערט צו די קאַפּיטאַליסטן. דאַן וואָלט, פאַרשטייט זיך, אײַנגע-
שטילט זיך „שלום ושלוה און נחת ברכה". נאָר דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס
אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז מיט יעדן טאָג די אַרבעטער נים
זיך דערנענטערן זיך, נאָר זיי דערווײַטערן זיך פון די קאַפּיטאַליסטן. און
דאָס הייסט, אַז עס מוז זיך אומפאַרמײַדלעך פאַרשאַרפן אויך דער קלאַסנקאַמף
צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

די בורזשואַזע געלערנטע האָבן זיך אַ חוץ מטעות אַרויסגעשטעלט קעגן
אַזאַ מין קוק. זיי האָט זיך געוואָלט דערווײַזן, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער
געזעלשאַפט וועט די אַרבעטערס לעבן ווערן אַלץ בעסער און בעסער. נאָך
זיי האָבן אָנגעהויבן אויך די רעכטע סאָציאַליסטן צו טענה'ן דאָס זעלביקע.
מיט זייער רעכטע פּלעגן פּראָגנאָזירן, אַז די אַרבעטער ווערן ביסלעכווײַז רײַ-
כער, און קורצן מיט דער צייט אַליין ווערן קאַפּיטאַליסטלעך. דאָס אַלץ האָט
זיך, פאַרשטייט זיך, אויסגעוויזן פאַר נים ריכטיק. אין דער אמתן איז די
לאַגע פונם אַרבעטער אין פאַרגלײַך מיט דער לאַגע פונם קאַפּיטאַליסט גע-
וואָרן אַלץ ערגער. אָט איז אַ בײַשפּיל פונם מערסט אַנטוויקלסטן קאַפּיטאַליס-
טישן לאַנד, פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויב מיר זאָלן אָננעמען די אײַנ-
קויף-קראַפט פון די שכירות (דאָס הייסט, וויפל קען דער אַרבעטער קויפן
געברויך-פּראָדוקטן, געמעסטן אין באַטראַכט זייערע פּרײַזן) אין 1890—1899
פאַר 100, דעמאָלט זעט מען, אַז די אײַנקויף-קראַפט פון די שכירות האָט
זיך מיט דער צייט אַזוי געענדערט: 1890—98.6, 1895—100.6, 1900—103.6,
1905—101.4, 1907—101.5. דאָס באַטײַט, אַז דאָס לעבן פון די אַרבעטער איז
די גאַנצע צייט כמעט ווי געשטאַנען אויף איין אָרט. וויפל עסנוואַרג, קליידער
וכדומה דער אַרבעטער האָט געקענט באַקומען אין 1890, כמעט אַזוי פיל
פּונקט מער (אויף „ט") האָט ער געקענט באַקומען אויך אין 1907-טן יאָר
און פאַר דער זעלביקער צייט האָבן די אַמעריקאַנער מיליאָנערן (די גרעסטע
אינדוסטריעלער) געמאַכט גוואַלדיקע רווחים און דער סכום פון מערווערט,
וואָס זיי האָבן באַקומען איז אויסגעוואַקסן אומגעהויער גרויס. ס'איז פאַר-
שטענדלעך, אַז דער לעבנס-שטייגער פון די קאַפּיטאַליסטן, זייער לוקסוס
קאַפּריזן וכדומה איז גרעסער געוואָרן אין עטלעכע מאָל).

דער קלאַסן קאַמף שטיצט זיך אויף די אינטערעסן-סתירות צווישן דער בורזשואזיע און פראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע אינטערעסן איז ניט אויסצוגלייכן אין תוך אַריין פּינקט, ווי ס'איז ניט אויסצוגלייכן די אינטערעסן פון דעם וואָלף און די שעפּסן.

איטליכן איז לייכט צו פאַרשטיין אַז דעם קאַפּיטאַליסט לוינט צו צווינגען די אַרבעטער אַרבעטן וואָס מער און צאָלן זיי וואָס ווייניקער; פאַרקערט, דעם אַרבעטער לוינט אַרבעטן וואָס ווייניקער און באַקומען וואָס מער. דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז גלייך ווי ס'איז אויפגעקומען דער אַרבעטער קלאַס האָט זיך אָנגעהויבן זיין קאַמף פאַר העכערן די שכירות און פאַרקירצן דעם אַרבעטס-טאָג.

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך קיינמאָל ניט איבערגעריסן און האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעשטילט אינגאַנצן. נאָר ער האָט זיך פונדעסטוועגן ניט באַגרענעצט רק מיטן קאַמף פאַר אַן איבעריקן גראָשן. אומעטום, וואו ס'פלעגט זיך נאָר אַנטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, פלעגן די אַרבעטער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מע מוז מאַכן אַ סוף מיטן קאַפּיטאַליזם גופא. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרבייטן די פאַרהאַסטע אָרדענונג מיט אַן אַנדערער, מיט אַ גערעכטיקער, אַרבעטס, חבר'שער אָרדענונג. אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן די קאָמוניסטישע באַוועגונג פונם אַרבעטער קלאַס.

אין משך פון זיין קאַמף האָט דער אַרבעטער ניט איינמאָל געהאַט מפּלות. נאָר די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג באַהאַלט אין זיך גופא דעם ענדגילטיקן נצחון פונם פראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס? דערפאַר טאַקע, וואָס איר אַנטוויקלונג ברענגט צו דעם, אַז די ברייטסטע מאַסן מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין פראָלעטאַריער. דער נצחון פונם גרויס-קאַפּיטאַל איז די רואינירונג פונם בעל-מלאכה, פונם הענדלער, פונם פּויער; ער מאַכט אַלץ גרעסער די רייען פון די לוין-אַרבעטער. מיט יעדן שריט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג ווערט דער פראָלעטאַריאַט גרעסער אין צאָל. ער איז ווי די הידרע-שלאַנג מיט אַ סך קעפּ; האַקסטו אָפּ איין קאָפּ—וואַקסן אויס צען נייע. ווען די בורזשואזיע פלעגט דערשטיקן די אַרבעטער-אויפשטאַנדן, פלעגט זי פאַרפעסטיקן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. נאָר די אַנטוויקלונג פון אָט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פלעגט חרוב מאַכן צענדליגער טויזנטער, מיליאָנען באַלעבאַטימלאַך און פּויערים; זי פלעגט זיי אַרונטער-וואַרפן אונטערן יאָך פון די קאַפּיטאַליסטן. דורך דעם פלעגט זי גרעסער מאַכן די צאָל פראָלעטאַריער, די פיינט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. נאָר ניט נאָר אין כמות פאַרשטאַרקט זיך דער אַרבעטער קלאַס. ער באַהעפט זיך, חוץ דעם, אַלץ מער און מער אינאיינעם. פאַרוואָס? טאַקע דערפאַר, וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם וואַקסן די גרויסע פאַבריקן. און איטליכע גרויסע פאַבריק זאַמלט צונויף אונטער איר בנין טויזנטער אַרבעטער, אָפטמאָל צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. די דאָזיקע אַרבעטער אַרבעטן איינער נעבן דעם אַנדערן, זיי זעהען, ווי דער באַלעבאָס—

קאַפּיטאַליסט עקספּלואַטירט זיי, זיי זעהען, אַז די אַרבעטער זיינען פּריינט און הברים צווישן זיך. די אַרבעט גופא ליערנט אויס די אַרבעטער, פּאַראייניקטע דורך דער פֿאַבריק, האַלטן זיך אינאייגעם. זיי איז זיך אויך גרינגער צונויפ־צורעדן זיך; און אָט פּאַרוואָס ס'וואַקסט מיט דער אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּי־טאַליזם ניט נאָר דער כמות, נאָר אויך די באַהעפטקייט פֿונם אַרבעטער קלאַס.

וואָס שנעלער ס'וואַקסן די גרויסע פֿאַבריקן, וואָס גיכער ס'אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, אַלץ גיכער ווערן רואינירט די בעלי־מלאכות, די דאָרף־קוסטאַרעס, די פּויערים. אַלץ גיכער וואַקסן די מוראדיקע פֿיל מיליאָניקע שטעט. סוף כל סוף קלייבט זיך אָן אויף אַ לפּי ערך קליינעם שטח אין די גרויסע שטעט — אַ קאָלאָסאַלע צאָל מענטשן, פֿון וועלכע דער גרעסטער רוב איז פֿאַבריק־פּראָלעטאַריער. ער פֿאַרפֿולט די שמוציקע פֿאַרוויכערטע קוואַרטאַלן, און דאָס הייפֿעלע הערשעדיקע באַלעבאַטים לעבט אין פּראַכטפֿולע הייזער. דאָס דאָזיקע הייפֿעלע ווערט אַלץ קלענער אין צאָל. אַרבעטער ווערט אַלץ מער און מער, און זיי באַהעפֿטן זיך אַלץ איינגער און איינגער.

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען מוז זיך די אומפֿאַרמיידלעכע פֿאַרשאַרפֿונג פֿונם קאַמף ענדיקן מיטן נצחון פֿונם אַרבעטער קלאַס. פֿריער אָדער שפּעטער, ניט קוקנדיק אויף אַלע שפּיציקע איינפֿאַלן פֿון דער בורזשואַזיע, קומט דער אַרבעטער קלאַס אין אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס מיט דער בורזשואַזיע, וואַרפֿט זי אַראָפּ פֿון איר טראָן, צעשטערט איר גזלנישע מלוכה און בויט זיין איי־גענע נייע, אַרבעטס קאָמוניסטישע אָרדענונג. אויף אַזאַ אופֿן פֿירט דער קאַפּיטאַליזם אין זיין אַנטוויקלונג אומפֿאַרמיידלעך צו אַ קאָמוניס־טישער רעוואָלוציע פֿונם פּראָלעטאַריאַט.

דער קלאַסן־קאַמף פֿונם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע פֿלעגט אָננעמען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. די דריי הויפּט־פֿאָרמען פֿון אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס פֿלעגן אויפֿקומען אין דעם דאָזיקן קאַמף, זיינען אָט וועלכע: די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, וואָס פֿלעגן פֿאַראייניקן די אַרבעטער לויט זייערע פּראָפֿעסיעס; די קאָאָפּעראַטיווע, דערהויפּט די קאָנסום קאָאָפּעראַטיון, וועלכע שטעלן זיך פֿאַר אַ ציל צו באַפֿרייען פֿון פֿאַרמיטלער הענדלער; לסוף, די פּאָליטישע פּאַרטייען פֿונם אַרבעטער־קלאַס (סאָצי־אַליסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, קאָמוניסטישע פּאַרטייען), וועלכע פֿלעגן שרייבן אין זייער פּראָגראַם, אַז זיי וועלן פֿירן אַ קאַמף פֿאַר די פּאָליטישע מאַכט פֿונם אַרבעטער־קלאַס. וואָס שאַרפֿער ס'פֿלעגט ווערן דער קלאַסנקאַמף, אַלץ מער האָבן זיך די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג געמוזט פֿאַראייניקן אויף איין געמיינזאַמען צוועק: אויף אַראָפּוואַרפֿן די בור־זשואַזע הערשאַפֿט. יענע פֿירער פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס האָבן ריכטיק פֿאַרשטאַנען די זאַך, פֿלעגן שטענדיק אָנווייזן אויף די נויטיקייט פֿון אַן איינגער איינקייט און מיטאַרבעט פֿון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געזאָגט, למשל, אַז ס'איז נויטיק אַ איינהייט פֿון מעשים צווישן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און דער פּאָליטישער פּאַרטיי פֿונם פּראָלעטאַריאַט,

און אז די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראַיינען קענען ניט זיין קיין „גליטש-ראלע“ (דאָס הייסט גלייכגילטיקע אין פּאָליטישער הינזיכט), נאָר זיי מוזן גיין אינאיינעם מיט דער פּאַרטיי פונם ארבעטער קלאַס.

פאַר דער יעצטיגער צייט האָט די אַרבעטער באַוועגונג ארויסגערוקט נאָך נייע פאָרמען: די הויפּט-פאָרמע פון זיי איז די ראַטן פון אַרבעטער דעפּוטאַטן. וועגן זיי וועלן מיר שפּעטער רעדן אין א סך ערטער פון דעם בוכל).

הייסט עס, אז, צוקוקנדיק זיך צו דער אנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדענונג, קענען מיר אָן שום טעות פעסטשטעלן אָט וואָס: די צאָל קאַפּיטאַליסטן ווערט קלענער, נאָר זיי ווערן אַלץ רייכער און שטאַרקער, די צאָל ארבעטער ווערט אלץ גרע-סער און גרעסער. דערביי וואַקסט אַלץ זייער באַהעפטקייט, הגם ניט גלייכמאָסיק; דער אונטערשייד צווישן ארבעטער און קאַפּיטאַליסט ווערט גרעסער. די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם פירט דעריבער צו אן אומפאַרמיידלעכן צו-זאַמענשטויס צווישן אָט די קלאַסן, דאָס הייסט, צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

§ 18. קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַל, ווי פאַר הנחות פאַר דער אנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

דער קאַפּיטאַליזם גראָבט, ווי מיר האָבן פריער געזעהן, אַליין פאַר זיך א קבר דערפאַר, וואָס ער רופט אַרויס צום לעבן זיינע אייגענע קברות-לייט — די פּראָלעטאַריער, און וואָס מער ער אנטוויקלט זיך, אלץ אַ גרע-סערע צאָל זיינע טויט-פיינט ברייגט ער ארויס און פאַראייניקט זיי קעגן זיך. נאָר ניט נאָר ער האָדעוועט אויס זיינע פיינט, ער גרייט אויך צו א באָדן פאַר א נייער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע, פאַר אַ נייער, חברישער, קאָמוניסטישער ווירטשאַפט. אויף וואָס פאַר אן אופן? אויף דעריויף וועלן מיר גלייך געבן אַ תשובה.

מיר האבן פריער געזעהן (זעה אָרער לייען איבער דעם § 11 „דער קאַפּיטאַל“), אז דער קאַפּיטאַל ווערט שטענדיק גרעסער. אַ טייל מערוועדט וואָס דער קאַפּיטאַליסט קוועטשט אַויס פונם אַרבעטער, גיט ער צו צו זיין קאַפּיטאַל, און דאָס מאַכט דעם קאַפּיטאַל גרעסער, אין ווערט דער קאַפּיטאַל גרעסער—הייסט עס, אַז מע קען פאַרברייטערן די פּראָדוקציע. אַזא פאַרגרע-סערונג פון קאַפּיטאַל אין איינע הענט, הייסט זאַמלונג, אָדער קאָנ-צענטרירונג פונם קאַפּיטאַל.

מיר האָבן אויך געזעהן (זעה § 14 „דער קאַמף צווישן דער קלייגער און דער גרויסער פּראָדוקציע“), אז צוזאַמען מיט דער אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם ווערט חרוב די מיטעלע און קליינע פּראָדוקציע; די קלייגע און

מיטעלע אינדוסטריער און הענדלער הערן בדלות, גיט ריידנדיק שוין וועגן די בעלי-מלאכות. זיי אלעמען עסט אויף דער גרויס קאפיטאל. דאס, וואס אט די קליינע און מיטעלע קאפיטאליסטן האבן פריער פארמאגט, זייערע קאפיטאלן, פארשווינדן פון זייערע הענט און אויף פארשיידענע אופנים פאלן זיי אריין אין די הענט פון די גרויסע העכט. הייסט עס, אז בא די דאזיקע גדולים פארגרעסערט זיך דער קאפיטאל אויך דורך דעם, וואס אנדערע פאר-לירן זייערע קאפיטאלן. דא קומט פאר א קאנצענטרירונג אין איינע הענט פון קאפיטאל, וואס איז פריער געווען צעווארפן איבער פארשיידענע הענט איצט, נאכדעם ווי די קליינע זיינען רואינירט געווארן, זיינען שוין די קאפיטאלן פעסט אין די הענט בא יענע, וואס האבן מנצח געווען אינם קאמף. אזא קאנצענטרירונג פון פריער צעווארפענעם קאפיטאל הייסט צענטראליזירונג פונם קאפיטאל.

קאנצענטרירונג און צענטראליזירונג פון קאפיטאל באטייט נאך ניט די קאנצענטרירונג און צענטראליזירונג פון דער פראדוקציע. לאמיר זאגן, אז א קאפיטאליסט האט אויף דעם אנגעקליבענעם מערווערט אפגעקויפט בא זיין שכן א קליינע פאבריק און לאזט זי ווייטער ארבעטן, ווי זי האט פריער געארבעט. דא איז אן אנזאמלונג פארגעקומען. די פראדוקציע אבער פירט זיך, ווי פריער. נאר געווייניטליך קומט עס פאר ניט אזוי. אין לעבן טרעפט זיך א סך אפטער (ווייל דאס לוינט בעסער דעם קאפיטאליסט), אז ער אנדערשט איבער אויך די פראדוקציע גופא. מאכט זי גרעסער, פארברייטערט און פארגרעסערט די פאבריקן גופא. דא קומט שוין פאר ניט נאר א פאר-גרעסערונג פונם קאפיטאל, נאר אויך פון דער פראדוקציע גופא. די פראדוקציע ווערט א קאלאסאלע, וואס נעמט אריין א מאסע מאשינעס, וואס פאראייניקט א סך טויזנטער ארבעטער. עס טרעפט זיך אויך אז א וועלכער ניט איז צענדליק גרעסטע פאבריקן דעקט די גאנצע פאדערונג פונם גאנצן לאנד אויף א וועלכער ניט איז סחורה. אין הויך גענומען ארבעטן דא די ארבעטער אויף דער גאנצער געזעלשאפט. די ארבעט ווערט, ווי מע דריקט זיך אויס, פארגעזעלשאפטליכט. און צוליב איבער דעם האט דער קאפיטאליסט, און אין זיינע הענט פאלט אריין דער רווח.

אזא צענטראליזירונג און קאנצענטרירונג פון דער פראדוקציע מאכט פאר מעגלעך אויך א באמת חברשע פראדוקציע נאך דער פראלעטארישער רעוואלוציע.

אין דער אמתן, אויב אזא קאנצענטרירונג פון דער פראדוקציע וואלט ניט געווען און אויב דער פראלעטאריאט וואלט זיך געשטעלט בא דער מאכט, און די פראדוקציע וואלט געווען צעווארפן און צושטויבט איבער הונ-דערטער טויזנטער קליינע ווארשטאטן, וואו ס'ארבעטן צו 2–3 ארבעטער, וואלט קיין מעגליכקייט ניט געווען צו ארגאניזירן די דאזיקע ווארשטאטן, אויפצושטעלן זיי אויף געזעלשאפטליכע יסודות. וואס מער ס'איז אנטוויקלט דער קאפיטאליזם, וואס מער ס'איז צענטראליזירט די פראדוקציע, אלץ גרינ-גער איז דעם פראלעטאריאט צו באהערשן זי נאך זיין נצחון.

הייסט עס, אַז די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם איז ניט נאָר זי באַשאַפט די שונאים פונם קאַפּיטאַליזם, און ניט נאָר זי פירט צו אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, נאָר זי שאַפט אויך דעם עקאָנאָמישן יסוד פאַר דער פאַרווירק-ליכונג פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

ליטעראַטור צום קאַפּיטל II. דיזעלביקע ביכער וואָס צום קאַפּיטל I, א חוץ זיי א. באָגדאַנאָוו און א. י. סטעפּאַנאָוו ,,קורס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע" באַנד I העפט II (די עפּאָכע פון אינדוסטריע-קאַפּיטאַל). מאַרקס און ענגעלס, ,,דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט". ווישעק באַנדאַן ,,אונטערן דרוק פונם אימפּעריאַליזם". וועגן דער אַגראַר-פראַגע: קאַרל קאַוטסקי ,,די אַגראַר-פראַגע". נ. לענין ,,די אַגראַר-פראַגע און מאַרקס-קריטיקער". קאַרל קאַוטסקי ,,סאָציאַליזם און לאַנדווירטשאַפט" (און ענטפער ע. דאַווידן). וו. איליאין (לענין) ,,נייע פאַקטן וועגן דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט (אין די פאַראייניקטע שטאַטן)". וו. איליאין (לענין) ,,די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". ל. קרושעווצקי ,,די אַגראַר [illegible] פראַגע" פּאַרוואַוס ,,דער וועלט-מאַרק און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קריזיס".

קאַפּיטל III.

דער קאָמוניזם און די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

§ 19. די כאַראַקטעריסטיק פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג. די פּראָדוקציע ביים קאָמוניזם. § 20. די פאַרטיילונג בײַ דער קאָמוניסטישער אָרדענונג. § 21. די פאַרוואַלטונג אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג. § 22. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג (די מעלה פונם קאָמוניזם). § 23. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. § 24. די עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט. § 25. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

§ 19. **די כאַראַקטעריסטיק פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.** מיר האָבן געזעהן, פאַרוואָס ס'האָט געמוזט אונטערגיין (און גייט איצט אונטער פאַר אונזערע אויגן) די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. זי גייט אונטער דערפאַר, וואָס זי איז כולל אין זיך צוויי הויפּט-סתירות. פון איין זייט, די פּראָדוקציאָן-אַנאַרכיע, וואָס האָט געפירט צו קאָנקורענץ, קריזיסן, מלחמות; פון דער צווייטער זייט דער קלאַסן כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, ווען איין טייל פון דער געזעלשאַפט טראָגט און קאָן ניט ניט טראָגן אַ פאַרביטערטע שנאה צום צווייטן טייל (קלאַסנקאַמף). די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שלעכט צונויפגעשטעלטע מאַשין, וואָס איין טייל פלעגט אַך שטענדיק פאַרשטעפּן דאָרן צווייטן (ז. § 13 „די גרונט-סתירות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט") דעריבער האָט די דאָזיקע מאַשין אומפאַרמיידליך געמוזט פריער אָדער שפּעטער זיך צוברעכן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז די נייע געזעלשאַפט מוז זיין אַזאַ, וואָס זאָל זיין אַ סך פעסטער געבויט, איידער דער קאַפּיטאַליזם. ווי באַלד די גרונט-סתירות פונם קאַפּיטאַליזם רייסן אים גופא אויף, מוז, בכן, אויף די חורבות פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליזם אויסוואַקסן אַ געזעלשאַפט, וואָס ווייס ניט פון יענע סתירות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אַלטער געזעלשאַפט. הייסט עס, אַז די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם קאָמוניסטישן פּראָדוקציאָן-אופן דאַרפן זיין אָט וואָסערע: 1) דאָס מוז זיין אַן **אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע** געזעלשאַפט;

עס טאָר אין איר ניט זיין קיין פּראָדוקציאָן-אַנאַרכיע, קיין קאָנקורענץ פון פּריוואַטע אונטערנעמער, קיין מלחמות, קיין קריזיסן; 2) דאָס דאַרף זיין אַן אָנקלאַסן-געזעלשאַפט, זי דאַרף ניט באַשטיין פון צוויי שטענדיק צווישן זיך קעמפנדיקע העלפטן, זי קאָן ניט זיין אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס איין קלאַס ווערט עקספּלואַטירט דורכן צווייטן. און אַזאַ געזעלשאַפט, וואו ס'איז ניט פאַראַן קיין קלאַסן און וואו די גאַנצע פּראָדוקציע איז אָרגאַניזירט, דאָס קאָן זיין נאָר א חברשע, קאָמוניסטישע ארבעטס-געזעלשאַפט.

למיר וועלן גענויער באַטראַכטן די דאָזיקע געזעלשאַפט.

דער יסוד פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט דאַרף זיין די געזעלשאַפטליך אייגנטום פון די פּראָדוקציאָן און קומוניקאַציאָן-מיטלען. דאָס באַטייט, אַז די מאַשינעס, אַפּאַראַטן, לאָקאָמאָטיוון, דאַמפשיפן, פאַבריק-געביידעס, לאַגערס, עלעוואַטאָרס, קוילן גרובן, דער טעלעגראַף און דער טעלעפאָן, די ערד און די ארבעטס-פיה, — דאָס גאַלץ געפינט זיך אין רשות פון דער געזעלשאַפט. ניט דער איינצלנער קאַפּיטאַליסט, און ניט דער פאַרבאַנד פון איינצעלנע רייכע מענטשן, נאָר די געזעלשאַפט אין גאַנצן גענומען האָבן צעשאַפן איבער די דאָזיקע אלע מיטלען. וואָס באַטייט די אין גאַנצן גענומענע געזעלשאַפט? דאָס באַטייט, אַז אפילו ניט איין קלאַס איז דער הערשער, נאָר אלע מענטשן, וואָס בילדן די געזעלשאַפט. בא אזא תנאי ווערט די גאַנצע געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט אין א קאָלאָסאַלע חברשע ארבעטס-אַרטעל. דאָ איז ניטאָ קיין שום צופּרעקלונג פון דער פּראָדוקציע און קיין שום אַנאַרכיע, פאַרקערט. בא אזא אָרדענונג וועט טאַקע די גאַנצע פּראָדוקציע זיין אָן אָרגאַניזירטע פּראָדוקציע. אין אזא געזעלשאַפט וועט קיין איין אונטערנעמונג ניט קעמפן און ניט קאָנקורירן מיט די איבעריקע, ווייל אלע פאַבריקן, זאַוואָדן, קוילן גרובן און אלע איבעריקע אַנשטאַלטן זיינען דאָ כמו אָפּטיילונגען פון איין אלפאַלקישן גרויסן ווערקשטאַט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע פאָלקס-ווירטשאַפט. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַציע מוז האָבן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער פּראָדוקציע. אויב אלע פאַבריקן, זאַוואָדן, די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר איין קאָלאָסאַלע אַרטעל, איז פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ מוז דאָ זיין אויסגערעכנט; ווי אַזוי צו פאַנאַנדער-טיילן די ארבעטס-הענט צווישן פאַרשיידענע אינדוסטריע-צווייגן, וואָס פאַרא פּראָדוקטן און אין וואָס פאַרא צאָל מוז מען אויסאַרבעטן, ווי אַזוי און וואוהין אָנווענדן די טעכנישע כוחות און אַזוי ווייטער — דאָס אַלץ מוז מען פון פריער, לפי ערך, על כל פּנים, אויסרעכענען און לויט דער דאָזיקער אויסרעכענונג האַנדלען. און אין דעריין דריקט זיך טאַקע אויס די אָרגאַניזירטקייט פון דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע. אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און אָן אַן אַלגעמיינער אָנפירונג, אָן א חשבון און אָן א באַרעכענונג

קען קיין שום אָרגאַניזאַציע נים זיין. אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג איז אויך פּלאַן [illegible].

נאָר די פּראָדוקציעס אַליין איז נאָך ווייניג. דער עיקר באשטייט דאָ נאָך אין דעם, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז א חברישע אָרגאַניזאַציע פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. חוץ די אָרגאַניזירטקייט, צייכנט זיך די קאָמוניסטישע אָרדענונג נאָך [illegible] מיט דעם, וואָס זי מאַכט א סוף צו דער עקספּלואַטאַציע, וואָס זי מאַכט א סוף צו דער צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן. מען קען זיך דאָך פאָרשטעלן די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע אויך אויף אזא שטייגער: איבער אלץ וואָס צעשאַפן א היפּשע קאַפּיטאַליסטן, [illegible] געמיינשאַפטליך; די פּראָדוקציע איז אָרגאַניזירט, אויך קאַפּיטאַליסטן טוען נים ארויס קעגן דעם צווישן זיך, מע קאָנקורירט נים ווייטער מיט אַנדערע, נאָר מע פירט געמיינ-שאַפטליך אויס [illegible] פון די אַרבעטער, וואָס זייען פאַרוואַנדלט אין האַלבקנעכט. דאָ איז פאַראַן אן אָרגאַניזאַציע, נאָר ס'איז אויך פאַראַן אן עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורכן צווייטן. דאָ איז פאַראַן א געמיינזאַם אייגנטום פון די מיטלען פון פּראָדוקציע, נאָר דאָס איז א געמיינזאַם אייגנטום נאָר פון איין קלאַס [illegible] עקספּלואַטאַציע [illegible] איבערן [illegible], איז עס נאָר נים קיין קאָמוניזם, כאָטש דאָ איז פאַראַן די אָרגאַניזירטקייט פון דער פּראָדוקציע. אזא אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט [illegible] באַזייטיקט נאָר איין גרונט-[illegible] די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, אָבער זי וואָלט פאַרשטאַרקט די צווייטע [illegible] פון דער [illegible]: די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף צוויי קלאַסן, [illegible] דער קלאַסנקאַמף וואָלט געוואָרן נאָך שאַר-פער. די [illegible] געזעלשאַפט [illegible] נאָר אין איין ריכטונג; [illegible] אין דער צווייטער ריכטונג, [illegible] די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט נים נאָר [illegible] אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע, נאָר [illegible] אויך די מענטשן, זיי זאָלן נים [illegible] גרעניצן, [illegible] זי איז אָרגאַניזירט אין גאַנצע איר [illegible].

דער חבר'שער כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע אנט-פּלעקט זיך אויך אין אלע קלייניקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער דאָ-זיקער פּראָדוקציע. בײַם קאָמוניזם וועט, למשל, נים זיין קיין שטענדיקע נאָווער-פאַרוואַלטערס, אָדער [illegible] נים זיין אזעלכע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך דעם גאַנצן לעבן מיט איינער און דערזעלביקער אַרבעט. איצטער פירט זיך דאָך אזוי: איז ווער מענטש א שוסטער, מאַכט ער זיין גאַנץ לעבן שטיוול און, חוץ זיין קאָפּ, ווייסט ער קיין זאַך נים; איז ער א פּיראָגן-בעקער, באַקט ער גאַנץ לעבן פּיראָגן; איז ער א פאַבריק-פאַרוואַלטער, האָט ער נאָר איין אַרבעט — פאַרוואַלטן און באַפעלן; איז ער א פּשוטער אַרבעטער, דאַרף ער זיין גאַנץ לעבן פאָלגן און איבעריקע באַפעלן. גאָר אַנדערש איז עס אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. דאָ וואָס אלע מענטשן באַקומען

אן אלזייטיקע בילדונג און זיינען באקאנט מיט פארשיידענע פראָדוקציעס: היינט בין איך א פארוואלטער און רעכן אויס, וויפל מע דארף דעם קומע-דיקן חודש אויסארבעטן וואָליקעס אדער פראנצויזישע בולקעס; מארגן ארבעט איך אויף א זייף-פאבריק, אין א וואָך ארום — אין געזעלשאפטליכע מיסט-גאָרטן און אין דריי טעג ארום — אויף אן עלעקטרישער סטאנציע. דאָס וועט זיין מעגליך, ווען אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט וועלן באקומען א געהעריקע בילדונג.

§ 20. די פארטיילונג אין דער קאמוניסטישער ארדענונג.

ביים קאָמוניסטישן פּראָדוקציאָן-אופן איז אויך ניטאָ קיין פּראָדוקציע פארן מארק, נאָר ס'איז פאראן אַ פּראָדוקציע פאַרן אייגענעם געברויך. נאָר ניט קיין איינצלנער באַלעבאָס, ניט קיין איינצלנער פויער פּראָדוצירט דאָ פאַר זיך אַליין, נאָר אָט די גאנצע קאָלאָסאַלע אַרטעל. הייסט עס, אַז דאָ איז ניטאָ קיין ס ח ו ר ו ת, נאָר ס'זיינען פאַראַן רק פּ ר אָ ד ו ק ט ן. אָט די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן ווערן ניט געביטן איינער אויף דעם צווייטן; מע קויפט זיי ניט און מע פאַרקויפט זיי ניט. זיי ווערן פשוט אָפּגעגעבן אין די געזעלשאַפטליכע סחורות-לאַגערס, און דערנאָך נעמען זיי די, וועלכע נויטיקן זיך אין זיי. הייסט עס, אַז מע וועט דאָ אויך גאָר קיין געלט ניט באַדאַרפן. ווי אַזוי זשע? — שטעלט זיך באַ איטליכן אַ קשיה, איינער קען דאָך נעמען פאַר זיך אַ גאַנצן שלל, און דער צווייטער גאָר ווינציק. וואָס זשע וועט ארויסקומען פון אזאַ מין פאַרטיילן די פּראָדוקטן? דאָ דאַרף מען אָט וואָס זאָגן. די ערשטע צייט, אפשר, אין משך פון עטליכע צענדליק יאָר, וועט, פאַרשטייט זיך, אויסקומען איינפירן פאַרשיידענע כללים: אזוינע, למשל, לויט וועלכע ס'באקומען פּראָדוקטן נאָר יענע, בא וועמען ס'איז פאַרנאָטירט געוואָרן אין די אַרבעטס-ביכלאַך אָדער וועלכע שטעלן צו אן ארבעטס-טאַלאָן. און שפּעטער, ווען די קאָמוניסטישע געזעלשאפט וועט זיך לגמרי באַפעסטיקן און זיך אַנטוויקלען, וועט דאָס אויך ניט נויטיק זיין. אַלע פּראָדוקטן וועלן זיין לרוב, אַלע וואונדן וועלן שוין לאַנג פאַרהיילט זיין, און מע וועט קענען יעדערן געבן די מעגליכקייט נעמען וויפל נאָר ער באַדאַרף. און די מענטשן וועלן גאָר ניט זיין פאַראינטערעסירט צו נעמען מער, ווי זיי באַדאַרפן. איצטער, למשל, פאַלט דאָך קיינעם אין קאָפּ ניט אַריין צו קויפן דריי פלעצער אין טראַמוואַי, אויף איינעם זיצן און צוויי לאָזן ליידיקע: ס'איז ניטאָ אזאַ באַדערפעניש. און דאָן וועט זיין דאָס זעלביקע מיט אַלע פּראָדוקטן: דער מענטש האָט גענומען פון געזעלשאפטליכן לאַגער אזוי פיל און אזוי פיל און מער גאָרנישט ניט, פאַרקויפן דאָס איבעריקע איז אויך ניטאָ צוליב וואָס: איטליכער קען דאָך אזוי אויך נעמען, און אגב וועט דאָן געלט קיין שום ווערט ניט האָבן. הייסט עס, אַז אין די ערשטע צייט פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועלן די פּראָדוקטן, מסתמא, פאַרטיילט ווערן אין אָפּהאַנג פון דער אַרבעט, און שפּעטער פשוט לויט די באַדערפענישן פון די חברים-בירגער.

(מע זאָגט גאַנץ אָפט, אַז אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט פאַרווירקליכט ווערן דאָס רעכט פון יעדערן, אויף דעם גאַנצן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט: באַקום דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעאַרבעט. דאָס איז ניט ריכטיק און דאָס קאָן קיינמאָל ניט דורכגעפירט ווערן אין א פולער מאָס. פאַרוואָס? פּשוט דערפאַר, ווייל אויב אלע וואָלטן באַקומען דאָס, וואָס זיי האָבן אויס־געאַרבעט, וואָלט אוממעגליך געווען צו אנטוויקלען ווייטער די פּראָדוקציע, פאַרברייטערן זי און פאַרגרעסערן. שטענדיק מוז א טייל פון דער אָפּגע־טאָנענער אַרבעט גיין אויף פאַרברייטערונג און פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. אויב מיר וואָלטן אויפגעגעסן און פאַנאַנדערגעטראָגן אלץ דאָס, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט, וואָלטן מיר דעמאָלט ניט געקענט אויסאַרבעטן קיין מאַשינעס: מע עסט זאָך זיי ניט און מע טראָגט זיי ניט. איטליכער פאַרשטייט דאָך, אַז דאָס לעבן וועט ווערן אלץ בעסער, וואָס גרעסער און וואָס בעסער ס'וועלן ווערן די מאַשינעס, וועלכע מע וועט אויסאַרבעטן אלץ אין אַ גרעסערער צאָל. און דאָס הייסט, אַז א טייל אַרבעט, וואָס איז אריינ־געטון געוואָרן אין זיי, ווערט ניט אומגעקערט יענעם, ווער ס'האָט געאַרבעט. בכן, קען קיינמאל ניט זיין, אז איטליכער זאל באַקומען דעם גאַנצן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט. און דאס איז גאר ניט נויטיק. מיט דער הילף פון גוטע מאַשינעס וועט די פּראָדוקציע זיין אזוי אוועקגעשטעלט, אז אלע באַדערפע־נישן וועלן סיי ווי סיי באַפרידיקט ווערן.

בכן, וועט אין די ערשטע צייט די פאַרטיילונג פונם פּראָדוקט פאַר־קומען אין אָפּהאַנג פון דער אַ ר ב ע ט (הגם „ניט לויט דעם פולן פּראָ־דוקט פון דער אַרבעט") און שפּעטער לויט די ב א ד ע ר פ ע נ י ש ן: אלץ וועט זיין לרוב).

§ 21. די פאַרוואַלטונג אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט ניט זיין קיין קלאַסן. גאָר אויב ס'וועט דאָרט ניט זיין קיין קלאַסן, הייסט עס, אַז ס'וועט אויך נ י ט ז י י ן ק י י ן ש ו ם מ ל ו כ ה. מיר האָבן דאָך שוין פריער געזאָגט, אַז א מלוכה דאָס איז א קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון הערשאַפט; די מלוכה ווערט שטענדיק געווענדעט פון איין קלאַס קעגן דעם צווייטן; איז עס א בורזשואַזע מלוכה, איז זי געווענדעט קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט; איז עס א פּראָלעטאַרישע מלוכה, איז זי דאָן געווענדעט קעגן דער בורזשואַזיע. אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג אָבער זיינען ניטאָ ניט קיין גוטבאַזיצער, ניט קיין קאַפּיטאַליסטן ניט קיין לוין־אַרבעטער, עס זיינען נאָר פאַראַן פּשוטע מענטשן־חברים. ס'איז ניטאָ קיין קלאַסן, ס'איז אויך ניטאָ קיין קלאַסנקאַמף, ס'איז אויך ניטאָ קיין קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס. ס'איז ניטאָ, הייסט עס, אויך קיין מלוכה: זי איז דאָ ניט נויטיק, ווייל ס'איז ניטאָ קיין קלאַסנקאַמף, ס'איז ניטאָ וועמען צו האַלטן אין די הענט און ס'איז אויך ניטאָ, ווער עס זאָל עס טאָן.

נאָר ווי אַזוי זשע, וועט מען אונדז פֿרעגן, קען דאָס אַזאַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַציע אַרבעטן אָן אַ שום פֿאַרוואַלטונג? ווער זשע וועט אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע? ווער וועט פֿאַרטיילן די אַרבעטס-כּוחות? ווער וועט פֿירן אַ חשבון פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער הוצאה און הכנסה? מיט איין וואָרט, ווער וועט אַכטונג געבן אויף די גאַנצע אָרדענונג?

ס'איז ניט שווער צו ענטפֿערן דערויף. די וועלט-אָרדענונג וועט זיך געפֿינען אין פֿאַרשיידענע רעכענונג-קאָנטאָרן. אַ גרויסע סטאַטיסטישע ביוראָ, דאָרט וועט פֿון טאָג צו טאָג געפֿירט ווערן אַ חשבון פֿון דער גאַנצער פּראָ-דוקציע און פֿון אַלע באַדערפֿענישן פֿון דער פּראָדוקציע; דאָ וועט אויך אָנגעוויזן ווערן, וואוהין מע דאַרף צוגעבן אַרבעטס-כּוחות, פֿון וואַנען אָפּנע-מען, וויפֿל דאַרף מען אַרבעטן. און אַזוי ווי אַלע וועלן פֿון קינדווייז אָן צוגעוואוינט זײַן צו געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט און אַלע וועלן פֿאַרשטיין, אַז די אַרבעט איז נייטיק און אַז ס'וועט זײַן אַ סך גרינגער צו לעבן, ווען אַלץ וועט גיין פּלאַנמעסיק, לויט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, וועלן אַלע טאַקע אַרבעטן לויט די אָנווײַזונגען פֿון אָט די סטאַטיסטישע ביוראָס. דאָ איז ניט נייטיק קיין ספּעציעלע מיניסטאָרן, קיין פּאָליציי, קיין תּפֿיסות, קיין געזעצן, קיין דעקרעטן — קיין זאַך ניט. פּונקט ווי אין אַן אָרקעסטער קוקן אַלע אויף דעם דיריזשאָרס שטעקעלע און טוען שפּילן, ווי דאָס שטעקעלע ווײַזט אָן, אַזוי וועט מען דאָ אויך קוקן אויף די באַרעכענונגס-טאַבעלעס און אַרבעטן אַזוי, ווי ס'איז אין זיי אָנגעוויזן.

איז, הייסט עס, דאָ קיין שום מלוכה ניט פֿאַראַן. דאָ איז ניטאָ קיין שום גרופּע און קיין שום קלאַס, וואָס זאָל שטיין איבער די איבעריקע קלאַסן. און חוץ דעם, וועט אין אָט די סטאַטיסטישע ביוראָ זײַן הײַנט — איינער, מאָרגן — אַ צווייטער. קיין ביוראָקראַטיע, קיין שטענדיק באַאַמטנטום וועט ניט זײַן, די מלוכה וועט אָפּשטאַרבן.

אַזוי, פֿאַרשטייט זיך, וועט זײַן אין דער אַנטוויקלטער, פֿאַרפֿעסטיקטער קאָמוניסטישער אָרדענונג, נאָך דעם פֿולשטענדיקן און ענדגילטיקן נצחון פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און ניט גלײַך אפֿילו נאָך דעם דאָזיקן נצחון. דעם אַרבעטער קלאַס וועט דאָך נאָך לאַנג אויסקומען קעמפֿן מיט זײַנע שׂונאים, און דערבײַ מיט אַלע רעשטן פֿונעם עבֿר: מיט לײַדיק-גייערײַ, מיט נאַכ-לאַזיקייט, מיט פֿאַרברעכערישקייט, מיט שטאָלצקייט, וועלכע ס'וועט נאָך אַ לאַנגע צײַט אויסקומען אויסצוּוואָרצלען פֿון די מוחות. ס'וועט מוזן פֿאַרבײַגיין אַ צוויי-דרײַ דורות, וואָס זאָלן אויסוואַקסן בײַ גאָר נײַע באַדינגונגען, ביז ס'וועט פֿאַר-שוווּנדן ווערן די נייטיקייט פֿון געזעצן און שטראָפֿן, ביז די אַרבעטער-מלוכה וועט דערשטיקן אַלע רעשטן פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן עבֿר. נאָר אויב ביז דעם צײַטפּונקט איז נייטיק אַן אַרבעטער-מלוכה, וועט אין אַן אַנטוויקלטער אָרדענונג, ווען ס'וועלן אָפּשטאַרבן די רעשטן פֿונעם קאַפּיטאַליזם, אָפּשטאַרבן

אויך די מלוכה-מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט גופא וועט זיך אויסמישן מיט די איבעריקע שיכטן, ווייל ביסלאַכווייס וועלן אַלע אריינ-געצויגן ווערן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט און אין אַ יאָר צען-צוואַנציק ארום וועט ווערן גאָר אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מענטשן, אַנדערע מידות.

§ 22. די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג (די מעלות פונם קאָמוניזם).

ווען די קאָמוניסטישע אָרדענונג וועט מנצח זיין און וועט פאַרהיילן אַלע וואונדן, וועט שנעלן גיין פאָראויס די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות. אָט די געוואַלטיק גיכע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות וועט פאָרקומען אָט צוליב וואָסערע סיבות: ערשטנס, וועט באַפרייט ווערן אַ קאָלאָסאַלער סכום פון מענטשליכער ענערגיע, וועלכע ס'נעמט איצט אָפּ דער קלאַסנקאַמף. נאָר אַ טראַכט, וויפל ס'גייט איצט אַוועק נערוון, כוחות, אַרבעט אויף פּאָליטיק, שטרייקן, אויפשטאַנדן, דערשטיקן די אויפשטאַנדן, משפּטים, פּאָליציי, מלוכה-מאַכט, אויף די טאָג-טעגליכע אָנ-שטריינגונגען זיך פון דעם און פון יענעם צד!

דער קלאַסנקאַמף נעמט אָפּ אַ מאַסע כוחות און מיטלען. אָט די אַלע כוחות וועלן באַפרייט: די מענטשן וועלן דאָן שוין ניט קעמפן איינער מיטן צווייטן. אָט די באַפרייטע כוחות וועלן אויסגענוצט ווערן פאַר פּראָדוקטיווע אַרבעט. צווייטנס, ווערן דאָן איינגעהיט די כוחות און מיטלען, וועלכע ווערן צעשטערט אָדער ווערן פאַרוואַנדלט אויף קאָנקורענץ, קריזיסן, מלחמות. ס'איז גענוג צו מאַכן אַ חשבון, וויפל ס'קאָסטן אָפּ מלחמות, וועט זיך שוין באַקומען אַן אומגעהויער גרויסע סומע. און וויפל הוצאות טראָגט די געזעל-שאַפט אַדאַנק דעם קאַמף, וואָס ס'קומט פאָר צווישן די פאַרקויפער, צווישן די קויפער און צווישן די פאַרקויפער מיט די קויפער! וויפל איבעריקע הוצאות איז פאַראַן צוליב דער ניטאָרגאַניזירטקייט און צוליב דעם תוהו-ובוהו, וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציע! אָט די אַלע כוחות, וואָס גייען איצט לאיבוד, ווערן איינגעהיט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. דריטנס, די אָרגאַניזירטקייט און אַ צוועקמעסיקער פּלאַן גיט נאָר ניט פאַרשפּאָרן איבע-ריקע הוצאות (דאָ ווייזט זיך אַרויס דאָס, וואָס די גרויס-פּראָדוקציע שפּאָרט שטענדיק איין). נאָר זיי וועלן אויך געבן אַ מעגליכקייט בעסער אַוועקצו-שטעלן די זאַך טעכניש: די אַרבעט וועט גיין אויף די גרעסטע פאַבריקן מיט דער הילף פון די בעסטע טעכנישע מיטלען. ביים קאַפּיטאַליזם זיינען דאָך אפילו געווען גרענעצן פאַרן אריינפירן מאַשינעס. דער קאַפּיטאַליסט פלעגט נאָר דאַן אריינפירן מאַשינעס, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין גענוגע צאָל ביליקע אַרבעטס-הענט. פלעגט ער נאָר געפינען ביליקע אַרבעטס-הענט האָט ער שוין דאַן ניט נייטיק געהאַט איינצופירן מאַשינעס. אָן דעם האָט ער געהאַט אַ גאַנץ שיינעם ריווח. ער פלעגט זיך נאָר דאַן נויטיקן אין אַ מאַשין, ווען זי פלעגט אים איינשפּאָרן טייערע אַרבעטס-קראַפט. און אַזוי ווי

ביים קאַפּיטאַליזם זיינען אַרבעטס-הענט בכלל ביליק, פלעגט אָט דער שלעכ-
טער מצב פונם ארבעטער קלאַס זיין אַ סיבה, וואָס האָט ג ע ש ט ע ר ט
דער פאַרבעסערונג פון דער טעכניק. בפרט בולט פלעגט עס זיך אַרויסווייזן
אין דער לאַנדווירטשאַפט. דאָרט זיינען שטענדיק געווען ביליקע ארבעטס-
כוחות און דעריבער איז דאָרט די אַנטוויקלונג פון מאַשין-ארבעט געגאַנגען
זעהר לאַנגזאַם. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט זאָרגט ניט וועגן ריווח, נאָר
וועגן די אַרבעטנדיקע גופא. דאָרט וועט מען גלייך זיך אָנכאַפּן פאַר יעדע
פאַרבעסערונג און גלייך זי פאַרווירקליכן אין לעבן. דאָרט זיינען ניטאָ יענע
קייטן, וועלכע ס'פלעגט ארויפלייגן דער קאַפּיטאַליזם. ביים קאָמוניזם וועלן
אויך די טעכנישע ערפינדונגען גיין פאָראויס: אַלע וועלן דאָך באַקומען אַ
גוטע בילדונג. און די, וואָס פליגן ביים קאַפּיטאַליזם שטאַרבן פון הונגער
(למשל, די טאַלאַנטפולע אַרבעטער), וועלן דאָ האָבן אַ פולשטענדיקע מעגליכ-
קייט צו אַנטוויקלען זייערע פעהיקייטן.

אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט אויך פארשוואונדן ווערן
דער פ א ר א ז י ט י ז ם, דאָס הייסט, ס'וועלן ניט זיין קיין מענטשן-
פאַראַזיטן, וואָס טוען גאָר נישט ניט און לעבן אויפן חשבון פון אנדערע.
דאָס, וואָס ס'פלעגט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פארהוליעט ווערן
דאָס, וואָס ס'פלעגט אויפגעפרעסן און פארשיכורט ווערן פון די קאַפּיטאַליסטן,
דאָס וועט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פארנוצט ווערן אויף פראָ-
דוקטיווע הצטרכות'ן. די קאַפּיטאַליסטן, זייערע לאַקייען און משרתים, די
גלחים, פראָסטיטוטינס און א. וו. וועלן פארשוואונדן ווערן און אַלע מיט-
גלידער פון דער געזעלשאַפט וועלן זיין פארנומען מיט פראָדוקטיווער
אַרבעט.

דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציאָן-אופן וועט באַטייטן א קאָלאָסאַלע אַנט-
וויקלונג פון די פראָדוקטיווע כוחות. דאָס הייסט, אז יעדן אַרבעטער פון דער
קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט אויסקומען אַ סך ווינציקער ארבעטן, איידער
פריער. דער ארבעטס-טאָג וועט ווערן אַלץ קירצער, און די מענטשן וועלן
אַלץ מער באַפרייט ווערן פון די קייטן, וואָס ס'לייגט אויף זיי ארויף די נאַ-
טור. וויבאַלד דעם מענטשן וועט אויסקומען אָפּגעבן ווייניק צייט אויף צו
דערנערן און צו באַקליידן זיך, הייסט עס, אז ער וועט האָבן אַ סך צייט
צו פארנעמען זיך מיט זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. די מענטשליכע קולטור
וועט שטייגן ביז אַן אומגעהויערער הויך. און זי וועט טאַקע זיין א באמת-
מענטשליכע און ניט קיין קלאַסן-קולטור. צוזאַמען מיט דעם ווי ס'וועט פאר-
שוואונדן ווערן דער דרוק פון איין מענטש איבערן צווייטן, וועט אויך פאר-
שוואונדן ווערן דער דרוק פון דער נאַטור איבער די מענטשן, און ערשט דאַן
וועט די מענטשהייט אָנהויבן פירן א באמת מענטשליכן און ניט קיין
חיהשן לעבן.

(די קעגנער פונם קאָמוניזם מאָלן אים שטענדיק ווי אַן אויסגלייכונג-

חילוקה, ווי זאָגן [illegible] קאָמוניסטן ווילן אַלץ צונעמען און צעטיילן עס אויף גלייכע חלקים [illegible] ווי די אינדיווידועלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען און אויך די געברויך-מיטלען [illegible] גרעסערע [illegible] ווי די [illegible] [illegible] [illegible] אַז [illegible] איז [illegible] אַלגעמיינע איבער-[illegible] [illegible] קען [illegible] [illegible] [illegible] באַראָ מע [illegible] ביז [illegible] [illegible] [illegible] קאָמפּליצירטע אַפּאַראַט, דאָס [illegible] קאָן זיין אַזאַ חילוקה [illegible] נאָר [illegible] [illegible] אַז די מענטש-[illegible] [illegible] [illegible] גרויסער צאָל קליין אייגנטימער, און [illegible] [illegible] און פון דער קאָנ-קורענץ [illegible] [illegible] גרויס אייגנטום [illegible] עס. [illegible] [illegible] די אַלגעמיינע [illegible] [illegible] [illegible] אין די מענטשן [illegible] [illegible] עקס.

[illegible] פּראָלעטאַרישער [illegible] [illegible] ער דרינגט אַרויס [illegible] [illegible] געזעלשאַפט און פון דער [illegible] [illegible] געזעלשאַפט דער פּראָלע-טאַריאַט [illegible]

[illegible] [illegible] די אַנאַר-כיסטן וואַרפן אויך [illegible] [illegible] קאָמוניזם וואָלט בלומערשט אין די [illegible] [illegible] האָבן געזען. איז [illegible] [illegible] אין ועט. וואָס די [illegible] [illegible] אויך די פּאַרטיילונג, ווי אויך די [illegible] [illegible] פון [illegible] [illegible] ווירט-שאַפט. [illegible] זעלבסטשטענדיקע קאָמו-[illegible] [illegible] אַזאַ [illegible] קען [illegible] באַפרייען די [illegible] [illegible] אַזאַ אָרדענונג קענען זיך די [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] וואָס דער אַנאַרכיזם [illegible] [illegible] [illegible] קיין [illegible] [illegible] [illegible] אַפּט גוטע צו אַ [illegible] [illegible] [illegible] אָרגאַניזירונג פון [illegible] [illegible] [illegible] און שטרע-בונגען [illegible] [illegible] געדיפּענעם לומפּן-[illegible] [illegible] [illegible] שוער ביים קאַפּיטאַליזם. [illegible] [illegible] זעלבסטשטענדיקע שע-פערישע [illegible]

2) דעם באלעבאטישן (דעם קליינבורזשואזן שטאָטישן) סאָציאַליזם. ער שטיצט זיך ניט אויפן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויף די בדלות ווערנדיקע בעלי-מלאכות, קליינע שטאָטישע באַלעבעסלאַך, טיילווייס אויך דער אינטעליגענץ ער פּראָטעסטירט קעגן דעם גרויס קאַפּיטאַל, נאָר ער טוט עס אין נאָמען פון „פרייהייט" פון דער קליינער אונטערנעמערשאַפט: דאָס רוב שטייט ער פאַר אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און האָפט צו דערגרייכן זיינע אידעאַלן אויף אַ „פרידליכן אופן": דורך דער אנטוויקלונג פון די קאָאָפּעראַציע, פון די אַרטעלן, דורך די פּאַראייניקונג פון די קוסטארעס א. א. וו. צו דעם דאָזיקן מוסטער געהערט בא אונז דאָס רוב שטאָטישע עסערישע קאָאָפּעראַטאָרן. ביים קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלען זיך געוויינטליך זייערע אונטערנעמונגען אין געוויינטליכע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און די דאָזיקע קאָאָפּעראַטאָרן גופא אונטערשיידן זיך ווייניק וואָס פון סאַמע אויסגעשפּראָכענע בורזשואַזן.

3) דער אגראר-פויערשער סאָציאַליזם נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. אָפט נאָהענטע צום דאָרפישן אנארכיזם. פאַר אים איז בפרט כאַראַקטעריסטיש דאָס וואָס ער שטעלט זיך קיינמאָל ניט פאַר דעם סאָציאַליזם, ווי א גרויסע ווירטשאַפט, ער גייט נאָהענט צו צו חלוקה און צו אויסגלייכונג: פונם אנארכיזם אונטערשיידעט ער זיך ס׳רוב מיט דעם וואָס ער פאָדערט א שטאַרקע מאכט, וואס זאל אים פאַרהיטן פונם גוטבאזיצער, נאר וואס זאל אים גלייכצייטיק פאַרהיטן אויך פונם פּראָלעטאַריאַט. אזא מין סאציאליזם איז די עסערישע „ערד סאָציאַליזירונג", וועלכע פאַראייביקט די קליינע פּראדוקציע און האט מורא פארן פּראלעטריאט און פאַר דער פאַרוואנדלונג פון דער גאנצער פאלקס-ווירטשאפט אין א גרויסע חברשע פאַראייניקונג. נאר צווישן איינִיקע שיכטן פונם פויערטום זיינען פאראן נאך אנדערע מינים סאציאליזם, וואס שטייען נעהענטער צום אנארכיזם, וואס אנערקענען ניט קיין מליכה-מאכט, נאר וואס צייכענען זיך אויס מיט א פרידליכן כאראקטער (אזא איז דער סעקטאנטן-קאמוניזם, די דוכאָבאָרן א. א. וו.) די אגראר-פויערשע שטימונגען קאָנען אויסגעלעבט ווערן נאר אין א משך פון א סך יארן, ווען די פויערשע מאסע וועט פאַרשטיין אלע מעלות פון דער גרויס ווירטשאפט (וועגן דעם וועט אונז א סך מאל אויסקומען צו ריידן ווייטער).

4) דער קנעכט-אייגנטימערישער און גרויס קאפיטאליסטישער כלומרשטער סאציאליזם. אין דער אמתן קען מען דא ניט ריידן אפילו וועגן א שאטן פון סאציאליזם. אויב אין די דריי אויבנגעבראכטע גרופּעס פון „סאציאליזם" זיינען יא פאראן עפּעס רמזים אויפן סאציאליזם און אויב אין זיי איז יא פאראן א פּראטעסט קעגן דער באדריקונג, איז דא פאראן מער ניט ווי א ווארט וואס ווערט מיט רמאות באנוצט כדי צו פארפּלאָנטערן די רעיונות. די דאזיקע מאדע האבן איינגעפירט די בורזשואזע געלערטע און פון זיי האבן זיך אפגעלערנט די סאציאליכטן-פשרותניקעס (טיילווייס אויך קאַאוטסקי וחבריא).

אזאַ איז, למשל, „דער קאָמוניזם" פון דעם אַלט-גריכישן פילאָסאָף פּלאַטאָן. ער באַשטייט אין דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע פון קנעכטאייגנטימער עקספּלו-אַטירט „חבריש" און „אײנאײנעם" די מאַסע קנעכט. צווישן די קנעכטאייגנטימער הערשט וואָלשטענדיקע גלייכקייט און אַלע געהערט אַלעמען. די קנעכט האָבן נאַטירלעך גאָרניט: זיי זיינען פאַרוואַנדלט אין בהמות. ס'פאַר-שטייט זיך, אַז דאָ שמעקט אפילו ניט מיט סאָציאַליזם. אַזאַ מין „סאָציאַליזם" פריערדיקע און איצטיקע בורזשואַזע פּראָפעסאָרן אונטער דער פאָרם פון „מלוכה-סאָציאַליזם", נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס אין קנעכט ווערט פאַרוואַנדלט דער איצטיקער פּראָלעטאַריאַט, און אַנשטאָט די קנעכטאייגנטימער זיצן אויבנאָן די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן. אין דער אמתן איז אויך דאָ ניטאָ קיין שאָטן פון סאָציאַליזם, נאָר ס'איז פאַראַן אַ מלוכישער, עבודת פרך'דיקער קאַפּיטאַליזם (וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער רעדן).

דער קליינבירגערלעכער, אַגראַרער און דער לומפּן-פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם האָבן איין געמיינזאַמען שטריך: אַט די אַלע מינים פונם ניט פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם נעמען ניט אין באַטראַכט דעם ווירקלעכן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג. דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פירט צו דעם, אַז די פּראָ-דוקציע זאָל פאַרגרעסערט ווערן און ניט באַזירט אַליין אויף דער קליין פּראָדוקציע. דעריבער שטעלט דער דאָזיקער סאָציאַליזם פאָר מיט זיך ניט מער, ווי אַ חלום, ווי אַן „אוטאָפּיע", וואָס האָט קיינע האָפענונגען ניט אויף צו פאַרווירקלעכט ווערן.

§ 23. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, כדי צו פאַרווירקלעכן

די קאָמוניסטישע אָרדענונג, מוז דער פּראָלעטאַריאַט האָבן אין זיינע הענט גאָר די מאַכט און גאָר די קראַפט. ער קען ניט איבערקערן די אַלטע וועלט, אויב ער וועט ניט האָבן אין זיינע הענט אָט די קראַפט, אויב ער וועט ניט ווערן אויף אַ צייט דער הערשעדיקער קלאַס. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די בורזשואַזיע וועט אָן אַ קאַמף ניט אָפּטרעטן פון אירע פּאָזיציעס. דער קאָמוניזם — דאָס הייסט דאָך, אַז די בורזשואַזיע וועט פאַרלירן איר פריערדיקע מעכטיקע לאַגע, אַז זי וועט פאַרלירן „די פרייהייט" אויסצוזויגן פונם אַרבע-טער זיין שווייס און זיין בלוט, אַז זי וועט פאַרלירן דאָס רעכט אויף ריווח, פּראָצענטן, רענטע וכדומה. די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, די קאָמוניסטישע רעפאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט, שטויסט זיך דעריבער אָן אויף אַ האַרטנעקיקן קאַמף און ווידערשטאַנד מצד די עקספּלואַטאַרן. די אויפגאַבע פון דער אַרבעטער מאַכט באַשטייט טאַקע אין דעריבער, אַז זי זאָל אומברחמנותדיק דערשטיקן דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד. און אַזוי ווי דער דאָזיקער ווידערשטאַנד וועט אוממייַדלעך זיין זייער אַ גרויסער, מוז דע-ריבער די פּראָלעטאַרישע מאַכט זיין אַן אַרבעטער דיקטאַטור. „דיקטאַ-טור" הייסט, אַ באַזונדער האַרטער רעגירונג-אופן און אַנטשלאָסנקייט אינם פּרט פון דערשטיקן די שונאים. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בײַ אַזאַ לאַגע

קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן „פרייהייטן" פאַר אַלע מענטשן. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט קען ניט עקסיסטירן צוזאַמען מיט פרייהייט פאַר דער בורזשואַזיע. די דאָזיקע דיקטאַטור איז צוליב דעם טאקע נויטיק, כדי אָפּצונעמען בײַ דער בורזשואַזיע די פרייהייט, כדי איר בינדן די הענט און די פיס, כדי ניט דערלאָזן זי צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. און וואָס גרעסער ס'איז דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע, וואָס ענערגישער זי מאָביליזירט אירע כוחות, וואָס זי איז געפערליכער, אַלץ האַרטער און פעסטער דאַרף זיין די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, וועלכע דאַרף אין עקסטרע פאַלן זיך אפילו ניט אָפּשטעלן פאַר אַ טעראָר. נאָר דאַן, ווען די עקספּלואַטאַטאָרן וועלן לגמרי דערשטיקט ווערן, ווען זיי וועלן אויפהערן אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד, ווען זיי וועלן שוין מער ניט האָבן קיין מעגליכקייט אָנצוטאָן צרות דעם אַרבעטער קלאַס, נאָר דאַן וועט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט ווערן אַלץ ווייכער און ווייכער; פאַר דער צייט וועט די געוועזענע בורזשואַזיע זיך ביסלאַכווייז אויסמישן מיטן פּראָלעטאַריאַט, די אַרבעטער מלוכה וועט ביסלאַכווייס אָפּשטאַרבן; און די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, אָן שום קלאַסן.

בײַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניט מער ווי אַ דערווייליקע איינריכטונג, געהערן די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, אין תוך גערעדט, ניט דער גאַנצער געזעלשאַפט אָן אויסנאַם, נאָר רק דעם פּראָלעטאַריאַט, זיין מלוכה-אָרגאַניזאַציע. דאָ מאָנאָפּאָליזירט אויף אַ צייט דער ארבעטער קלאַס, דאָס הייסט דער רוב פון דער באַפעלקערונג, אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען. דעריבער האָבן מיר נאָך ניט דאָ קיין פולשטענדיק קאָמוניסטישע פּראָדוקציאָן-פאַרהעלטענישן. דא איז נאָך פאַראַן די צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף קלאַסן; דא איז נאָך פאַראַן א הערשעדיקער קלאַס (ער פּראָלעטאַריאַט); דא מאָנאָפּאָליזירט נאָך דער דאָזיקער נייער קלאַס אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען; דא איז נאָך פאַראַן א מלוכה-מאַכט (די מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט), וואָס דערשטיקט אירע שונאים. נאָר צוגלייך מיט דעם, ווי ס'ווערט דערשטיקט דער ווידערשטאַנד פון די געוועזענע קאַפּיטאַליסטן, גוטסבאַזיצער, באַנקירן, גענעראַלן און בישאָפן, גייט די אָרדענונג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אָן שום רעוואָלוציעס איבער צום קאָמוניזם.

די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז ניט נאָר א מיטל צו דערשטיקן דעם שונא, זי איז אויך דער הויבשטאַנג פון דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש. די דאָזיקע איבערקערעניש דאַרף דאָך פאַרבייטן דאָס פּריוואַט אייגנטום פון די פּראָדוקציאָן-מיטלען אויף געזעלשאַפטליכן אייגנטום; זי דאַרף דאָך אָפּנעמען („עקספּראָפּריאירן") בײַ דער בורזשואַזיע די פּראָדוקציאָן און קאָמוניקאַציאָן-מיטלען. [illegible] ווער וועט עס און ווער זשע דאַרף עס טאָן? ס'איז קלאָר, אַז ניט איינצלנע פּערזאָנען, הגם זיי זיינען

פון פראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. אויב דאָס וואָלטן געטאָן איינצלנע מענטשן אָדער אפילו איינצלנע גרופּעס, וואָלט זיך אין בעסטן פאַל באַקומען אַ חלוקה, און אין ערגסטן פאַל וואָלט עס אויך איבערגעגאַנגען אין פשוטע גזילה. ס'איז דעריבער פאַרשטענדליך, אַז מיט דער עקספּראָפּריאירונג פון דער בורזשואַזיע דאַרף זיך פאַרנעמען די אָרגאַניזירטע קראַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט. און אַזאַ אָרגאַניזירטע קראַפט שטעלט מיט זיך פאָר די דיקטאַטאָרישע אַרבעטער מלוכה.

(קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור טרעט מען ארויס פון פאַרשיי-דענע זייטן. ערשטנס, די אַנאַרכיסטן. זיי זאָגן, אַז זיי קעמפן קעגן יעטווידער מאַכט, קעגן יעטווידער מלוכה. אין דער צייט ווען די באָלשעווי-קעס-קאָמוניסטן האַלטן פאַר דער ראַטן מאַכט. און איטליכע מאַכט איז אַ געוואַלטטאַט און אַ דרוק אויף דער פרייהייט. און מע דאַרף דעריבער אראָפּ-וואַרפן די באָלשעוויקעס און די ראַטן מאַכט. די דיקטאַטור פונם פּראָלע-טאַריאַט. מע דאַרף ניט האָבן קיין שום דיקטאַטור, קיין שום מלוכה. אַזוי טענהען די אנאַרכיסטן, און זייערע טענות זיינען מער ניט ווי כלומרשט רע-וואָלוציאָנערע. אין דער אמתן אָבער זיינען די אַנאַרכיסטן ניט לינקער, נאָר רעכטער פון אונז, באָלשעוויקעס. צו וואָס דאַרפן מיר אין דער אמתן די דיקטאַטור? כדי אָרגאַניזירטערהייט צו דערשלאָגן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. כדי צו אָנווענדן געוואַלט (מיר זאָגן עס אָפן) קעגן די פיינד פונם פּראָלעטאַריאַט.

די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט דאָס איז אַ האַק אין זיינע הענט דער. וואָס ס'איז קעגן דיקטאַטור, דער האָט מורא פאַר אַנטשלאָסענע מעשים דער האָט מורא באַגיין אַן עולה קעגן דער בורזשואַזיע. דער איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער. ווען מיר וועלן ביזן סוף גובר זיין די בורזשואַזיע, דאַן וועלן מיר זיך ניט נויטיקן אין קיין שום דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָר ווען עס פירט זיך אַ קאַמף ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, דאַן איז דער הייליקער חוב פונם אַרבעטער קלאַס ענערגיש צו דערשטיקן זיינע שונאים. צווישן דעם קאָמוניזם און דעם קאַפּיטאַליזם מוז זיין אַן עפּאָכע פון פּראָ-לעטאַרישער דיקטאַטור.

ווייטער טרעטן אַרויס קעגן דער דיקטאַטור די סאָציאַל-דעמאָ-קראַטן, בפרט די מענשעוויקעס. אַט די הערן האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַליין געשריבן, אין אונזער אַלטער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס, איז דאָך שוואַרץ אויף ווייס געזאָגט געוואָרן: „דער אומבאַדינגטער תנאי פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע איז די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל באַקומען אַזאַ פּאָליטישע מאַכט, וועלכע זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו דערשטיקן יעדן ווידערשטאַנד פון די עקספּלוּ-אַטאַטאָרן". אונטער דעם שרייבן זיך אויך אונטער (מיטן מויל) די מענשע-

וויקעס, ווי נאר אבער עס דערגייט צו מעשים, הויבן זיי אן צו שרייען, אז מע איז פוגע די פריַיהייט פון דער בורזשואזיע, אז מע פארמאכט בורזשואזע צייטונגען, וועגן דעם „טעראר פון די באלשעוויקעס" א. א. וו. און בשעתו האט אפילו פלעכאנאָוו מסכים געווען בים אומבארחמנותדיקע מיטלען קעגן דער בורזשואזיע און האט געזאגט, אז מיר מעגן אפנעמען בא איר דאס וואלרעכט וכדומה. די מענשעוויקעס, וועלכע זיינען איבערגעגאנגען אויפן צד פון דער בורזשואזיע, האבן דאס אלץ איצטער פארגעסן.

לסוף, טרעטן א סך מענטשן קעגן אונז ארויס פון מאראלישן שטאנדפונקט, זיי זאגן, אז מיר האנדלען, ווי די פראים=גאטענטאטן, דער גא-טענטאט זאגט: „ווען איך גנבע דעם שכנס ווייב, איז עס גוט; ווען ער גנבעט מיין ווייב, איז עס שלעכט". און די באלשעוויקעס, הייסט עס, אונ-טערשיידן זיך לגמרי נים פון די גאטענטאטן, ווייל זיי זאגן: „ווען די בור זשואזיע ווענדעט אן געוואלט קעגן דעם פראלעטאריאט, איז עס שלעכט. ווען דער פראלעטאריאט ווענדעט אן געוואלט קעגן דער בורזשואזיע איז עס גוט".

די דאס טענהנען אזוי, פארשטייען לחלוטין ניט, וועגן וואס עס האנדלט זיך. ווען זיי רעדן וועגן גאטענטאטן, האבן זיי צו טאן מיט צוויי גלייכע מענטשן, וועלכע גנבענען איינער בא דעם צווייטן די ווייבער צוליב איינע און די זעלביקע טעמים. דער פראלעטאריאט און די בורזשואזיע זיינען כלל ניט קיין צוויי גלייכע, דער פראלעטאריאט איז א קאלאסאלער קלאס, די בורזשואזיע איז א הייפעלע. דער פראלעטאריאט קעמפט פאר די באפרייאונג פון דער גאנצער מענטשהייט, די בורזשואזיע — כדי איינצוהאלטן דעם דרוק, מלחמות, עקספלואטאציע; דער פראלעטאריאט קעמפט פארן קאמוניזם, די בורזשואזיע — כדי איינצוהאלטן דעם קאפיטאליזם. וואלטן דער קאמוניזם און דער קאפיטאליזם געווען איינע און די זעלביקע זאך, דאן וואלטן די בורזשו-אזיע און דער פראלעטאריאט געווען ענליך צו צוויי גאטענטאטן, איצטער אבער קעמפט נאר דער פראלעטאריאט פאר א נייע ארדענונג; אלץ, וואס העלפט אים אין דעם דאזיקן קאמף, דאס אלץ איז נוצליך; אלץ, וואס שטערט, איז שעדליך.

§ 24. די עראבערונג פון דער פאליטישער מאכט. דער פראלעטאריאט פארווירקליכט זיין דיקטאטור דורך דער עראבערונג פון דער מלוכה=מאכט. נאר וואס הייסט עראבערן די מאכט? א סך מיינען, אז ערא-בערן בא דער בורזשואזיע די מאכט איז כמו איבערלייגן אן עפל פון איין קעשענע אין דער צווייטער. פריער איז די מאכט געווען בא דער בורזשואזיע אין די הענט, און דערנאך האט דער פראלעטאריאט ארויסגעיאגט די דאזיקע בורזשואזיע, און די מאכט, וואס האט זיך געפונען בא איר אין די הענט, האט ער צוגענומען פאר זיך. ער האט נים געשאפן קיין נייע מאכט, נאר ער האט פארכאפט אין זיינע הענט די אלטע.

אזא מיינונג איז כלל ניט ריכטיק, און ס'איז גענוג זיך גוט איינ־
טראַכטן אין דער זאַך כדי איינצוזעען, אין וואָס באַשטייט די ניט־ריכטיקייט
דערפֿון.

די מלוכה־מאַכט איז אַן אָרגאַניזאַציע. די בורזשואַזע מלוכה־
מאַכט איז אַ בורזשואַזע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס'זיינען אויף אַ
באַשטימטן שטייגער צוגעטיילט אַלע מענטשן. אין דער אַרמיי זיינען אויבנאָן
גענעראַלן פֿון די גבירים. אין דער רעגירונג — מיניסטאָרן פֿון די גבירים א. א.
וו. ווען דער פּראָלעטאַריאַט קעמפֿט פֿאַר די מאַכט, קעגן וועמען קעמפֿט
ער דאַן? קודם כל קעגן אָט דער בורזשואַזער אָרגאַניזאַציע. נאָר אויב ער
קעמפֿט קעגן איר, הייסט עס, אַז זיין אויפֿגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז ער
זאָל זי צעקלאַפּן, זי צעשטערן. און אַזוי ווי די הויפּט־מאַכט פֿון דער
מלוכה באַשטייט אין דער אַרמיי איז כדי אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער דער
בורזשואַזיע, מוז מען קודם כל דעזאָרגאַניזירן און צעשטערן די בורזשואַזע
אַרמיי. די דייטשישע קאָמוניסטן קענען ניט אַראָפּוואַרפֿן די רעגירונג
פֿון שיידעמאַן און נאָסקע, ביז צעשטערן זיין ווייסגוואַרדייאישע אַרמיי.
כל זמן די אַרמיי פֿון דעם קעגנער וועט זיין גאַנץ, קען די רעוואָלוציע ניט מנצח
זיין; און מנצח די רעוואָלוציע, וועט זי דעזאָרגאַניזירן און צעפֿאַלן די אַרמיי
פֿון דער בורזשואַזיע. דערפֿאַר האָט, למשל, דער נצחון איבערן צאַריזם
באַטייט אַ גענויע צעשטערונג פֿון דער צאַרישער מלוכה און די צעפֿאַלונג
פֿון דער אַרמיי. און דער נצחון פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַטייט
די ענדגילטיקע צעשטערונג פֿון דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע פֿון דער דערווי־
ליקער רעגירונג און די צעפֿאַלונג פֿון קערענסקיס אַרמיי.

די רעוואָלוציע צעשטערט אויף אַזאַ אופֿן די אַלטע מאַכט און שאַפֿט
אַ נייע, אַן אַנדערע אַזאַ, וועלכע ס'איז פֿריער ניט געווען. ס'פֿאַרשטייט זיך
אַז אין אָט די נייע מאַכט גייען אויך אַריין אייניקע באַשטאַנד־טיילן פֿון דער
אַלטער, נאָר זיי ווערן אַנדערש צוזאַמענגעבונדן, אויף אַן אַנדער
שטייגער.

הייסט עס, אַז די עראָבערונג פֿון דער מלוכה־מאַכט איז ניט קיין עראָ־
בערונג פֿון דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ שאַפֿונג פֿון אַן אַנדער
אָרגאַניזאַציע, פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון יענעם קלאַס, וואָס האָט געזיגט
אינם קאַמף.

(די דאָזיקע פֿראַגע האָט אַ קאָלאָסאַלע פּראַקטישע באַטייטונג. מע וואַרפֿט
למשל, אויף די דייטשישע באָלשעוויקעס (ווי בשעתו די רוסישע) אַז זיי
דעזאָרגאַניזירן די אַרמיי און ברענגען דערצו, אַז די דיסציפּלין זאָל פֿאַלן,
אַז מע זאָל ניט פֿאָלגן די גענעראַלן א. א. וו. א סך האָבן עס געהאַלטן און
האַלטן עס נאָך עד היום פֿאַר א מוראדיקע באַשולדיקונג. און אין דער אמתן
איז עס גאָר ניט מוראדיק: יענע אַרמיי, וואָס טרעט אַרויס לויטן באַפֿעל
פֿון גענעראַלן און בורזשואַזן קעגן די אַרבעטער, מוז צעפֿאַלן ווערן, וויבאַלד

ניט אין דאָס אַ מיט דער רעוואָלוציע, הייסט עס, אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר דער דאָזיקער דעזאָרגאַניזירונג פון דער בורזשואַזער אַרמיי און יעדער רעוואָלוציאָנער דאַרף זיך שטעלן אין פאָדערגרונט דאָס, האָט ער געשטערט דעם מלוכה-אַפּאַראַט פון דער בורזשואַזיע, דאָרט, וואו די בור- זשואַזע דיקטאַטור האַלט זיך נאָך, דאָרט איז ניט צו באַזיגן די בורזשואַזיע מען קען ניט פאַרפעלן זיך מער אַ ציל צעקלאַפּן די בורזשואַזיע און אין רעוואָלוציאָנער צייט מורא צו האָבן באַגיין אַן עולה, חלילה;

§ 25. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען מנצח זיין אין אַ וועלכער ניט איז לאַנד, איז נייטיק, ער זאָל זיין פאַראייניקט און אָרגאַניזירט. ס'איז נייטיק, ער זאָל האָבן זיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל קלאָר זען, וואוהין ס'פירט די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, וואָס זאָל פאַרשטיין די אמתע לאַגע און די אמתע אינטערעסן פונם אַרבעטער קלאַס, וואָס זאָל אויסקלערן די דאָזיקע לאַגע און וואָס זאָל פירן אין שלאַכט און אָנפירן מיטן שלאַכט. קיין פּאַרטיי האָט קיינמאָל און ערגעץ ניט ניט געהאַט אין אירע רייען אַלע מיטגלידער פון איר קלאַס ביז אַזאַ גראַד פון באַוואוסטזיניקייט האָט נאָך קיין קלאַס קיינמאָל ניט דער- גרייכט. געוויינטלעך אָרגאַניזירן זיך אין אַ פּאַרטיי די סאַמע „פּראָגרעסיווע" מיטגלידער פונם קלאַס, די וואָס פאַרשטייען אַם ריכטיקסטן זייערע קלאַסן אינטערעסן, די מער דרייסטע, ענערגישע און קאַמפּפייִקע. אויף אַזאַ אופן איז אַ פּאַרטיי לויט די צאָל פון אירע מיטגלידער שטענדיק אַ סך קלענער פון דעם קלאַס, וועמעס אינטערעסן זי פאַרטיידיקט. נאָר אַזוי ווי די פּאַרטיי פאַרטיידיקט דאָס ריכטיק פאַרשטאַנענע אינטערעסן, שפּילן געוויינטלעך די פּאַרטייען די אָנפירנדיקע ראָליע. זיי פירן נאָך זיך דעם גאַנצן קלאַס, און דער קלאַסן קאַמף פאַר דער מאַכט שפּיגלט זיך אָפּ, ווי אַ קאַמף פון פּאָליטישע פּאַרטייען פאַר דער מאַכט. כדי צו פאַרשטיין די נאַטור פון פּאָליטישע פּאַרטייען, דאַרף מען באַזונדער באַטראַכטן די לאַגע פון פאַר- שיידענע קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. פון דער דאָזיקער לאַגע דרינגען אַרויס באַשטימטע קלאַסן אינטערעסן, און די פאַרטיידיקונג פון די דאָזיקע אינטערעסן בילדעט, ווי מיר האָבן געזען, דעם מהות פון די פּאָליטישע פּאַרטייען.

די פּריצים-ערד-באַזיצער. אין ערשטן פּעריאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג האָט זייער ווירטשאַפט באַזירט אויף דער האַלב קנעכטישער אַרבעט פון די פּויערים. זיי פלעגן אָפּגעבן זייער ערד די פּויערים אין אַרענדע און נעמען דערפאַר אָדער מיט אַרבעט (למשל, אַרבעט אויף דער העלפט, אַרבעט אין ווירטשאַפט פונם גוטסבאַזיצער וכדומה) אָדער מיט געלט. דער קלאַס פון אַזעלכע פּריצים איז געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די פּויערים זאָלן ניט אַוועקגיין אין די שטעט. ער איז געווען קעגן

אַלקאָהאָל [illegible] אײַנגעפירט, [illegible] די אַמאָליקע

[illegible] ער איז [illegible] געווען א

קאָנטראָל [illegible] אינדוסטריע. אַזעלכע פּריצים האָבן

[illegible] פּריצישע [illegible]. אַלײן האָבן זיי

[illegible] אין האָבן געלעבט די פּאַראַזיטן

[illegible] פּאַריאַס די פּאַר-

[illegible] שטענדיק [illegible] און זײַנען נאָך עד היום די

[illegible] רעאַקציע, וואָס זײַנען פּאַרטייען, וואָס ווילן

[illegible] פון די פּריצים

מיט א [illegible] „איידעלן

[illegible] פון די פּויערים און אַרבע-

טער, וואָס זײַנען [illegible] קאָנסערוואַטיווע, אָדער רעאַקציאָנערע

[illegible] פּאַרטייען. אָבער [illegible] נאָך פון נאָר אַמאָל האָבן זיך די

מיליטער-[illegible] קאָמפּלעקטירט פון די אַדעליקע פּריצים. איז נאָר קיין וואונדער

ניט, וואָס די פּריצישע פּאַרטייען זײַנען שטענדיק נאָהענטע מחותנים מיט

די גענעראַלן און אַדמיראַלן, וואָס קומט פאַר אין אַלע לענדער.

(אַזאַ מוסטער פון דעם קען דינען דאָס פּרייסישע „יונקערטום“

(יונקערן הייסן אין דײַטשלאַנד די גרויסע פּריצים), פון וועלכן עס באַשטייט

דער אָפיצירן קאָרפּוס [illegible]. די אַזוי גערופענע ווילדע

פּריצים אָדער „[illegible]“, [illegible] שטייגער, [illegible] מאַרקאָוו דער

[illegible] א. א. וו. [illegible] זאָל למשל געמען דעם צאַרישן

[illegible] מיט-

גלידער [illegible] פון [illegible] דעם פּריצישן

קלאַס. [illegible] פון גאָר אַלטע שטאַמען, פאַר-

שיידענע [illegible] א. א. וו.; זיי זײַנען יורשים פון ווײַטע

עלטער זיידעס, וועלכע האָבן [illegible] לײַבאײגענע. אין רוסלאַנד

זײַנען פּריצישע פּאַרטייען געווען: דער פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק,

די פּאַרטיי פון „נאַציאָנאַליסטן“ (בראָש מיט קרופּענסקין), די רעכטע אָקטיאַ-

בריסטן א. א. וו.)

די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע. אירע אינטערעסן באַ-

שטייען אין דעם, אַז זי זאָל באַקומען וואָס א העכערן ריווח פון דער אַנט-

וויקלטער „היימישער אינדוסטריע“, וואָס ווייסט, פונם מערוועֿרט,

וואָס ווערט אַרויסגעקוועטשט פונם אַרבעטער קלאַס. ס׳איז קלאָר, אַז אירע

אינטערעסן קומען זיך ניט גאָר אין גאַנצן צונויף מיט די אינטערעסן פון די

פּריצים. ווען דער קאַפּיטאַל [illegible] זיך אַרײַן אין דאָרף, צעשטערט ער דאָרט

די אַלטע [illegible]; ער ציהט אַרויס די פּויער פון דאָרף אין שטאָט

אַרײַן, ער שאַפט אין שטאָט א קאָלאָסאַלן פּראָלעטאַריאַט. ער וועקט אויף

[illegible] די שטורעמדיקע „מאַסטע-

רירונג״ (אויף ארבעט גיין אין שטאט), די פריצים קטילע פויערים הויבן א
„הוליען״. אט די אלע ציימן געפעלן דעריבער ניט דעם פריץ-זוגר. די קאפי-
טאליסטישע בורזשואזיע זעהט, פאריקערט, אין די סימנים פון איר וואויל-
שטאנד. וואס מער עס ציהט דעם ארבעטער פון דארף אין שטאט, אלץ מער
ארבעטס-הענט שטייען צום דינסט פון קאפיטאל. אלץ ביליקער קען מען צאלן
פאר זיי; וואס מער ס'ווערט חריב דאס דארף, אלץ מער קליינע באלעבא-
טימלאך הערן אויף אויסצוארבעטן פאר זיך פארשיידענע פראדוקטן, אלץ מער
נויטיקן זיי זיך אין קויפן די דאזיקע פראדוקטן בא די גרויסע פאברי-
קאנטן; הייסט עס, אז וואס גיכער ס'וועלן פארשוואונדן די אלטע פארהעל-
טענישן, בעת דער דארף פלעגט אויסארבעטן פאר זיך אליין, אלץ ברייטער
ווערט דער מארק, וואו מע קען פארקויפן די פאבריק סחורות. אלץ גרעסער
ווערט דער ריווח פונעם קאפיטאליסטן קלאס.

דעריבער הערשט א רוגזה ביים קאפיטאליסטן קלאס בנוגע צו די אלטע
פריצים (ס'זיינען אויך פאראן פריצים-קאפיטאליסטן, וואס פירן אליין זייער
ווירטשאפט מיט דער הילף פון לוין-ארבעט און מאשינעס; זיי זיינען לויט
זייערע אינטערעסן א סך נעהענטער צו דער בורזשואזיע און גייען געוויינטליך
אריין אין די פארטייען פון דער גרויס בורזשואזיע). נאר, זיין הויפט-קאמף
איז, פארשטייט זיך, געווענדעט קעגן דעם ארבעטער קלאס. ווען דער ארבע-
טער קלאס קעמפט בעיקר קעגן די פריצים און ווייניק קעגן דער בורזשואזיע,
דאן באציהט זיך די בורזשואזיע גאנץ פריינדלעך צום דאזיקן קאמף (למשל,
אין 1904-05 יאר ביז אקטיאבער). נאר ווען די ארבעטער הויבן אן צו פאר-
ווירקליכן זייערע קאמוניסטישע אינטערעסן און גייען קעגן דער בורזשואזיע,
דאן פאראייניקט זיך די בורזשואזיע מיט די פריצים קעגן די ארבעטער.
איצטער פירן אבסאלוט אין אלע לענדער די פארטייען פון דער קאפיטאליס-
טישער בורזשואזיע (די אזוי גערופענע ליבעראלע פארטייען) א פארבי-
טענעם קאמף קעגן דעם רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט און בילדן דעם
פאליטישן הויפט-שטאב פון דער קאנטער-רעוואלוציע.

(אין רוסלאנד איז אזא פארטיי די „פארטיי פון פאלקס-פרייהייט״
וועלכע מע רופט נאך אנדערש „קאנסטיטוציאנעל-דעמאקראטישע״ פארטיי
אדער פשוט „קאדעטן״ און אויך די כמעט פארשוואונדענע „אקטיאבריסטן״
פארטיי. די אינדוסטריעלע בורזשואזיע, די קאפיטאליסטישע פריצים, די
באנקירן, און אויך זייערע פארטיידיקער — די גרויסע אינטעליגענץ (פרא-
פעסארן, גוט באצאלטע אדוואקאטן און שרייבערס, דירעקטארן פון פאבריקן
און זאוואדן) — אט ווער ס'האט געבילדעט דעם קערן פון דער דאזיקער
פארטיי. אין 1905-טן יאר האט די דאזיקע פארטיי געשפילט זיך ברוגז קעגן
דער זעלבסטהערשונג. נאר זי האט שוין געהאט פחד פאר די ארבעטער און
פויערים; נאך דער פעברואר-רעוואלוציע האט זי זיך געשטעלט בראש פון
אלע פארטייען, וואס גייען קעגן דער פארטיי פון ארבעטער קלאס, דאס
הייסט קעגן די באלשעוויקעס-קאמוניסטן. אין 1918 און 1919-טן יאר האט

די קאַדעטישע פּאַרטיי אָנגעפירט מיט אַלע קאָמפּלאָטן קעגן דער ראַטן מאַכט
זי האָט אַנטייל גענומען אין דער רעגירונג פונם גענעראַל דעניקין און פונם
אַדמיראַל קאָלטשאַק, מיט איין וואָרט, זי איז געוואָרן דער פירער פון דער
בלוטיקער רעאַקציע און האָט זיך לגמרי צונויפגעגאָסן אפילו מיט די פריצישע
פּאַרטייען. דאָס איז פּאַרגעקומען דערפאַר, ווייל אונטערן דראַנג פונם אַרבעטער
קלאַס פאַראייניקן זיך אַלע גרופּעס פון גרויס אייגנטימער אין איין
שוואַרצער מחנה, און בראש שטעלט זיך די סאַמע ענערגישע
פּאַרטיי).

די שטאָטישע קליין בורזשואַזיע און די קליינע אינטעליגענץ. אהער געהערן בעלי־מלאכות, קליינע קרעמער, קליינע אָנגעשטעלטע פון דער אינטעליגענץ און דאָס קליינע באַאַמטנטום. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין קלאַס, נאָר אַ גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקער הויפן. אָט די דאָזיקע אַלע עלעמענטן ווערן מער אָדער ווייניקער עקספּלואַטירט פון קאַפּיטאַל און אַרבעטן אָפּט איבער די כוחות. א סך פון זיי קומען אום אין גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. נאָר די באַדינגונגען פון זייער אַרבעט זיינען אַזעלכע, אַז ס'רוב פאַרשטייען זיי נישט די האָפענונגסלאָזיקייט פון זייער לאַגע ביים קאַפּיטאַליזם. לאָמיר נעמען, למשל, דעם בעל־מלאכה. ער אַרבעט ווי אַן אָקס, דער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט אים אויף פאַרשיידענע אופנים; אים עקספּלואַטירט דער פּראָצענטניק; אים עקספּלואַטירט, לאָמיר זאָגן, דער געשעפט, פאַר וועלכן ער אַרבעט א. א. וו. נאָר דער בעל־הבית פילט זיך דאָך ווי „אַ בעל־הבית״; ער אַרבעט מיט זיינע אייגענע אינסטרומענטן, ער איז כלומרשט אומאָפּהענגיק (הגם אין דער אמתן האָט אים פון אַלע זייטן פאַרפּלאָנטערט דער קאַפּיטאַליסטישער שפּין), ער האָפט נאָך אַליין ווערן אַ „לייט״ („אָט — טראַכט ער זיך, ס'וועלן אוועקגיין בעסער די געשעפטן, וועל איך זיך קויפן דאָס און יענץ״); ער שטרעבט צונויפצוגיסן זיך נישט מיט די אַרבעטער און מאַכט נאָך נישט זיי, נאָר די בעלי־בתים, ווייל אין האַרצן שטרעבט ער אַליין צו ווערן אַזאַ בעל־הבית. און דעריבער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז אַ מוראַדיק גרויסער קבצן, איז ער אָפט נעהענטער צו זיינע עקספּלואַטאַטאָרן, איידער צום אַרבעטער קלאַס. די קליין־בירגערליכע פּאַרטייען טרעטן געוויינטלעך אַרויס אונטער דער פאָן פון „רעפּובליקאַנישע״ און אָפטמאָל אויך „סאָציאַליסטישע״ פּאַרטייען (זעה אויך § 22). ס'איז גאַנץ שווער אַראָפּצושטויסן דעם קליינעם בעל־הבית פון זיין נישט ריכטיקער פּאָזיציע, און דערינען איז נישט זיין „שולד״. אין דערינען איז זיין אומגליק.

(אין רוסלאַנד האָבן די קליינבירגערליכע פּאַרטייען מער ווי ערגעץ וואו אַנדערש אָנגעטאָן אויף זיך אַ סאָציאַליסטישן שלייער. אַזעלכע זיינען די פּאַרטייען פון „פאָלקס־סאָציאַליסטן״, „עסערן״, טיילווייס די מענשעוויקעס

אגב דאַרף מען באַמערקן, אַז די עסערן האָבן דערהויפּט געשטרעבט צו שטיצן זיך אויף די סערעדניאַקעס און קולאַקעס אין דאָרף).

דאָס פּויערטום. דאָס פּויערטום פאַרנעמט אין די דערפער אַ לאַגע, וואָס איז ענליך צו דער לאַגע פון דער קליין בורזשואַזיע אין די שטעט. דאָס איז אייגנטליך, אויך ניט קיין קלאַס, ווייל ביים קאַפּיטאַליזם צופאַלט עס זיך שטענדיק אויף קלאַסן. און יעטווידער דאָרף פלעגט שטענדיק אַ טייל פויערים אַוועקגיין זוכן וואו צו פאַרדינען, און דערנאָך פלעגט ער זיך גאָר פאַרוואַנדלען אין פּראָלעטאַריער. אַ טייל פלעגט זיך דערשלאָגן צום מצב פון קולאַקעס. די שיכטן מיטעלע פויערים, די אַזוי גערופענע סערעדניאַקעס, שטעלן מיט זיך אויך ניט פאָר קיין גאָר פעסטע, באַשטענדיקע זאַך אייניקע סערעדניאַקעס ווערן בדלות, פאַרוואַנדלען זיך אין אנפּערדיקע, דערנאָך אין באַטראַקעס, ווערן בעלי-מלאכות, פאַבריק-אַרבעטער; באַ אַנדערע גייען די געשעפטן אַוועק בעסער, זיי „בויען זיך“, ווערן גבירים, דינגען צו אַרבעטער, פירן איין מאַשינעס, ווערן, מיט איין וואָרט, אונטערנעמער־קאַפּיטאַליסטן, און אָט פאַרוואָס מע קען וועגן פּויערטום זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין קלאַס. אינם פּויערטום דאַרף מען אונטערשיידן, לכל הפחות, דריי גרופּעס: די קולאַקעס, אָדער די לאַנדווירטשאַפטליכע בורזשואַזיע, וואָס עקספּלואַטירט לוין־אַרבעט; די סערעדניאַקעס, וואָס פירן זייער אַרבעטס־ווירטשאַפט, נאָר עקספּלואַ ירן ניט קיין לוין־אַרבעט, און, לסוף, די האַלב־פּראָלעטאַריער און די פּראָלעטאַריער.

ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע גרופּעס קוקן פאַרשיידן, לויט זייער לאַגע נאָך, אויפן קלאַסנקאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. די קולאַקעס זיינען געוויינטליך פאַראיינס מיט דער בורזשואַזיע, און גאַנץ אָפט אפילו מיט די פּריצים (אין דייטשלאַנד, למשל גייען די אַזוי גערופענע „גרויסע פּויערים“ צוזאַמען מיט די גלחים און די פּריצים אַריין אין איינע און די זעלביקע אָרגאַניזאַציעס; דאָס זעלביקע איז אויך אין שווייץ, אין עסטרייך, און טיילווייס אויך אין פראַנקרייך; אין רוס־לאַנד האָבן די קולאַקעס שוין אין 1918-טן יאָר אָנגעהויבן שטיצן אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנער מרידות. די האַלב־פּראָלעטאַרישע און פּראָלעטאַרישע שיכטן שטיצן, נאַטירליך, די אַרבעטער אין זייער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע און מיט די קולאַקעס. וואָס איז שייך דעם סערעדניאַק, איז דאָ די לאַגע אַ סך קאָמפּליצירטער.

וואָלטן די פּויערים־סערעדניאַקעס גלייך פאַרשטיין, אַז פאַרן רוב פון זיי איז ניטאָ קיין אויכוועג ביים קאַפּיטאַליזם, אַז נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי וועלן זיך דורכשלאָגן און ווערן קולאַקעס, און די איבעריקע איז באַשערט צו בלייבן קבצנים, וואָלטן זיי אַלע גאַנץ אַנטשלאָסן געשטיצט די אַרבעטער. נאָר זייער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס מיט זיי קומט פאָר דאָס זעל־ביקע, וואָס מיט די בעלי־מלאכות און מיט דער שטאָטישער קליין בורזשואַזיע

בכלל. איטליכער פון זיי האָפט זיך אין האַרצן צו ווערן אַ לייט, א גביר, נאָר, פון דער אַנדער זייט, דריקט זיי דער קאַפּיטאַליסט, דער פּראָצענטניק, דער פּריץ, דער קולאַק, און דעריבער וואַרפט זיך דאָס רוב דער פּויער־סערעדניאַק צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. ער קען זיך בשום אופן ניט שטעלן מיט ביידע פיס אויף דער ארבעטער־פּלאַטפאָרם; נאָר אין דערזעלביקער צייט האָט ער מורא פאַרן פּריץ ווי פאַר פייער.

(בפרט בולט איז דאָס צו זעהן בא אונז אין רוסלאַנד: די פּויערים־סערעדניאַקעס האָבן געשטיצט די אַרבעטער קעגן די פּריצים און די קולאַקעס; נאָר זיי פלעגן אָפט מורא האָבן אַז ס'זאָל ניט ווערן ערגער בא דער „קאָמונע" און פלעגן גיין קעגן די ארבעטער; די קולאַקעס פלעגט זיך איינגעבן אַריינצונאַרן זיי; און ווען ס'פלעגט ווידער קומען די געפאַר פון פּריץ (דע־ניקין, קאָלטשאַק) פלעגן זיי ווידער אָנהייבן שטיצן די אַרבעטער.

די דאָזיקע לאַגע פלעגט זיך אויך אַרויסווייזן אינם פּאַרטיי־קאַמף. דאָ פלעגן די פּויערים־סערעדניאַקעס גיין נאָך דער אַרבעטער פּאַרטיי (נאָך די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטן), דאָ נאָך דער פּאַרטיי פון די קולאַקעס און גרויסע פּויערים — די עסערן).

דער אַרבעטער קלאַס (דער פּראָלעטאַריאַט), בילדעט דעם קלאַס, וואָס „האָט ניט וואָס צו פאַרלירן, אַ חוץ זיינע קייטן". ער ווערט ניט נאָר עקס־פּלואַטירט דורך די קאַפּיטאַליסטן, נאָר ער ווערט אויך, ווי מיר האָבן שוין געזעהן, פאַראייניקט דורך דעם גאַנג גופא פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג אין אַ גרויסע קראַפט, אַ סאָלידאַרישע, אַן איינאַרטיקע, וואָס איז געוואוינט געמיינזאַם צו אַרבעטן און געמיינזאַם צו קעמפן. דעריבער איז דער אַרבעטער קלאַס דער סאַמע פּראָגרעסיווער קלאַס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דעריבער איז אויך זיין פּאַרטיי די סאַמע פּראָגרעסיווע, סאַמע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע ס'קען נאָר זיין.

ס'איז אויך גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער צוועק פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. און צוליב דעם צוועק דאַרף די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט זיין ניט קיין פּאַרטיי פון פּשרות־מאַכן. איר צוועק איז ניט דינגען זיך מיט דער בורזשואַזיע, נאָר אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע, זי, די דאָזיקע פּאַרטיי, מוז, אויפדעקן דעם ניט אויסצוגלייכנדיקן קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פון די עקספּלואַטאַטאָרן און די עקספּלואַטירטע. (אַזוי איז געזאָגט געוואָרן אין אונזער אַלטער פּראָגראַם, וועלכע אויך די מענשע־וויקעס האָבן אונטערגעשריבן; צום באַדויערן, האָבן זיי דאָס איצט גרינטליך פאַרגעסן, און האַלדזן זיך מיט דער בורזשואַזיע).

נאָר אַ וואָסערע דאַרף זיין די באַציהונג פון אונזער פּאַרטיי צו דער

קליין בורזשואַזיע, צו דער שטאָטישער ניטפּראָלעטאַרישער אָרעמקייט, צו די פּויערים-סערעדניאַקעס?

די דאָזיקע באַציהונג איז קלאָר פון דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט. מיר מוזן אויף כלערליי אופנים אויפווייזן און דערקלערן, אַז די האָפענונגען אויף אַ בעסער לעבן ביים קאַפּיטאַליזם זיינען אָדער פאַלשע אָדער אַ חלום. מיר דאַרפן שטענדיק געדולדיק דערקלערן דעם פּויער-סערעדניאַק אַז ער מוז אַנטשלאָסן איבערגיין אין לאַגער פונם פּראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיט אים קעמפן, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן; אונזער חוב איז אָנצוואַווייזן, אַז ביים נצחון פון דער בורזשואַזיע, געווינען מער ניט ווי די קולאַקעס, וואָס וועלן ווערן נייע פּריצים. מיט איין וואָרט, מיר דאַרפן רופן אַלע אַרבעטעדיקע אויף אַן אָפּמאַך מיטן פּראָלעטאַריאַט און צו דעם אַז אַלע אַרבעטעדיקע זאָלן זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פונם אַרבעטער קלאַס. די קליין-בורזשואַזיע און דאָס מיטעלע פּייערטום זיינען פול מיט אַבערגלויבנס, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון זייערע לעבנס-תנאים. אונזער חוב איז אויפצודעקן די אמתע לאַגע: די לאַגע פונם בעל-מלאכה און פונם אַרבעטס-פּויער איז האָפענונגסלאָז ביים קאַפּיטאַליזם און ניטאָ זיך וואָס צו טרייסטן מיט זיסע חלומות; ביים קאַפּיטאַליזם וועט שטענדיק זיצן אויפן רוקן דער פּריץ, דער אַלטער — פון די אַדעליקע אָדער אַ נייער — פון די קולאַקעס; נאָר אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט מנצח זיין און זיך באַפעסטיקן קען מען איבערבויען דאָס לעבן אויף נייע יסודות. און אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט קען מנצח זיין נאָר דאַן, ווען ער וועט זיין אָרגאַניזירט און ער וועט האָבן אַ שטאַרקע, צוזאַמענגעשמידטע און אַנטשלאָסענע פּאַרטיי, דאַרפן מיר רופן אין אונזערע רייען אַלע אַרבעטעדיקע, וועמען ס'איז טייער אָט דאָס נייע לעבן און וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט דיינקען און קעמפן, ווי פּראָלעטאַריער.

(וואָס פאַרא באַטייטונג ס'האָט די עקזיסטענץ פון אַ צוזאַמענגעשמידטער קאַמפּספייהיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קען מען זעהן אויפן ביישפּיל פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אין דייטשלאַנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַנטוויקלט, איז פונדעסטוועגן פאַר דער מלחמה ניט געווען אַזאַ קאַמפּספּאַרטיי פונם אַרבעטער קלאַס, ווי די רוסלענדישע קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס. נאָר מלחמה צייט האָבן די חברים קאַרל ליבקנעכט, ראָזע לוקסעמבורג און אַנדערע אָנגעהויבן בויען אַ באַזונדערע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דעריבער האָט זיך די דייטשישע אַרבעטער אין משך פון די יאָרן 1918 און 1919, ניט קוקנדיק אויף אַ גאַנצע ריי אויפשטאַנדן ניט איינגעגעבן צו באַזיגן די בורזשואַזיע. און אין רוסלאַנד איז געווען אַזאַ ניט קיין פּשרות-מאַכנדיקע פּאַרטיי, ווי אונזערע. אַדאַנק דעם האָט דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט געהאַט אַ גוטע אָנפירונג און, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן איז ער געווען דעריבער דער ערשטער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געהאַט די מעגליכקייט אַרויסצוטרעטן מיט געשלאָסענע רייען און זיגן אַזוי גיך. אונזער פּאַרטיי קען אין

דער [illegible] דינגען און זיין [illegible] מאַכט פאַר א מוסטער פאַר די איבעריקע קאָמו־
ניסטישע פּאַרטייען. איר צוזאַמענבאַפּעסטקייט און איר דיסציפּלין זיינען
[illegible]מעטום [illegible]. [illegible] מאַכט די באַמת מאַמע קאַמפּס פּאַרטיי און מאַמע
אָנפירנדיקע פּאַרטיי פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

ליטעראַטור צום קאַפּיטל: מאַרקס און ענגעלס, „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט"
[illegible] פאַראיין [illegible] רעוואָלוציע"
[illegible] רעוואָלוציע".
[illegible] קאָמפּלעטישער [illegible] א. בעבעל, „די פרוי און דער
סאָציאַליזם" [illegible] א. באָגדאַנאָוו, „דער ריכטער שטערן" און אוטאָפּיע:
[illegible] „עקסקין" וועגן רעצליס־
[illegible] רעוואָלוציאָנעריסטיש [illegible] אַנאַרכיזם [illegible] פּראַקטיק פון אַנאַר־
כיזם" [illegible] אין קאָמוניזם". [illegible] באַזאַראָוו, „דער אַנאַרכיסטישער קאָמו־
ניזם און מאַרקסיזם", וועגן [illegible] אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ז. ק. קאַוטסקי, „די
[illegible] אינטערעסן", די [illegible] ז. מאַרקס „דער 18־טער
ברומער", „די רעוואָלוציע און [illegible] רעוואָלוציע" און דייטשלאַנד", „דער בירגער־קריג אין
פראַנקרייך".

קאַפּיטל ו׳.

ווי אזוי האָט די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם געבראַכט צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע (דער אימפּעריאַליזם, די מלחמה, דער קראַך פונם קאַפּיטאַליזם).

§ 26 פינאַנץ-קאַפּיטאַל. § 27 אימפּעריאַליזם. § 28 מיליטאַריזם. § 29 אימפּעריאַליסטישע מלחמה. § 30 מלוכה-קאַפּיטאַליזם און [illegible]. § 31 דער קראַך פונם קאַפּיטאַליזם און דער אַרבעטער-קלאַס. § 32 דער בירגער-קריג. § 33 די [illegible] פונם בירגער-קריג און די הוצאות פון אים. § 34 [illegible] אָדער קאָמוניזם.

§ 26 **פינאַנץ קאַפּיטאַל.** מיר האָבן אויבן געזען, אַז צווישן איינצלנע אונטערנעמער קומט שטענדיק און בסדר פאָר אַ פאַרביטערטער קאַמף פאַרן קונה, און אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף זיגט שטענדיק און בסדר דער גרעסערער אונטערנעמער. מיר האָבן אויך געזען, ווי די קליינע באַלעבאַטים ווערן אויסגעקוועטשט [illegible] און דער קאַפּיטאַל און די גאַנצע פּראָדוקציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] באַלעבאַטים אויסגעקוועטשט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

ברייטע יסודות האט זי זיך געקענט ארגאניזירן נאר דאן, ווען זי האט די מעגלעכקייט גלייך אנהייבן ארבעטן מיט א גרויסן קאפיטאל. און פון אט דער באדערפעניש איז געבוירן געווארן די אקציען-געזעלשאפט. איר מהות באַשטייט אין דעם, וואס עטלעכע גרויסע קאפיטאליסטן נוצן דא אויס דעם קאַפּיטאל פון קליינע און אפילו די געלט-מיטלען, וואס האבן אפגעשפארט ניט קאפיטאליסטישע גרופעס (אנגעשטעלטע, פקידים, באאמטע וכדומה). אט ווי אזוי דאס קומט פאר. יעטווידער טראגט אריין זיין חלק, זיין "פאי" אדער עטלעכע חלקים, אנשטאט דעם באקומט ער א פאפיר, אן "אקציע", וואס גיט אים דאס רעכט צו באקומען א געוויסן טייל פונם ריווח. אויף אזא אופן זאמלט זיך צונויף פון אלע זייטן קליינע קאפיטאלן און ס'באקומט זיך א גרויסער קאפיטאל דער "אקציען-קאפיטאל".

בשעת ס'זיינען אויפגעקומען די אקציען-געזעלשאפטן, האבן אייניקע בורזשואזע געלערנטע, און נאך זיי אויך די סאציאליסטן-פשרות-מאכערס, אנגעהויבן צו ריידן, אז ס'איז אנגעקומען א נייע תקופה: דער קאפיטאל פירט, כלומרשט, ניט צו דעם, וואס ס'הייבט אן הערשן א הייפל קאפיטאליסטן, נאר, גראד פארקערט, אפילו דער אנגעשטעלטער האט די מעגלעכקייט צו קויפן פאר זיינע אפגעשפארטע גראשנס אן אקציע און ווערן אויף אזא אופן א קאפיטאליסט. דער קאפיטאל, הייסט עס, "דעמאקראטיזירט" זיך אלץ מער און מער און סוף כל סוף וועט אן שום רעוואלוציע פארשווינדן דער אונטערשייד צווישן דעם קאפיטאליסט און דעם ארבעטער.

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז אזא מיינונג איז מער ניט ווי שטות און נארישקייט. אויסגעלאזן האט זיך אין דער אמתן פונקט פארקערט. די גרויסע קאפיטאליסטן האבן נאר אויסגענוצט די קליינע צוליב זייערע צוועקן, און די קאפיטאל-קאנצענטראציע איז אוועק נאך גיכער, איידער פריער, ווייל איצט האבן שוין אנגעהויבן קעמפן איינע מיט דער צווייטער קאלאסאלע אקציען-אונטערנעמונגען.

(ס'איז ניט שווער צו פארשטיין, פארוואס די גרויסע קאפיטאליסטן-אקציאנערן האבן אין דער פראקטיק די קליינע אקציאנערן פארוואנדלט פשוט אין משרתים פאר זיי. דער קליינער אקציאנער, וואס געפינט זיך גאנץ אפט אין אן אנדער שטאט, קען ניט קומען צופארן פאר הונדערטער מייל אויף די אלגעמיינע פארזאמלונג פון די אקציאנערן. און טאמער קומען יא צופארן עטלעכע אזעלכע אקציאנערן, זיינען זיי ניט ארגאניזירט, ווארפן זיך אין אלע זייטן, ווי בלינדע, נאר וואס געבוירענע הינטלאך. די גרויסע אקציאנערן אבער זיינען ארגאניזירט, פירן שטענדיק דורך אן אלגעמיינעם פלאן און טוען אלץ, וואס זיי ווילן. די פראקטיק האט באוויזן, אז ס'איז גענוג צו האבן אין די הענט א דריט חלק פון אלע אקציעס, כדי צו זיין א פולשטענדיקער און אבסאלוטער באלעבאס פון דער גאנצער אונטערנעמונג).

נאָר בײַ דעם האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט די קאָנצענטרירונג און צענט-
ראַליזירונג פֿונם קאַפּיטאַל. פֿאַר די לעצטע יאָרצענדליגע זײַנען אויפֿן אָרט
פֿון אײנצלנע אונטערנעמער און אײנצלנע אַקציע-געזעלשאַפֿטן אויפֿגעקומען
גאַנצע קאַפּיטאַליסטן פֿאַרבאַנדן, סינדיקאַטן (אָדער קאַר-
טעלן) און טרעסטן. פֿאַר וואָס זײַנען זײ דאָ אויפֿגעקומען? און וואָס
איז דאָס אַזוינס?

זאָל זײַן, אַז אין א געוויסער [illegible] אין אינדוסטריע-צווײַג, לאָמיר זאָגן
אין דער וועבער אָדער מעטאַלורגישער, זײַנען שוין אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן די
קלײנע קאַפּיטאַליסטן; ס'איז פֿאַרבליבן סך הכל פֿינף-זעקס קאָלאָסאַלע אונ-
טערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אויס כמעט אַלע סחורות אין דער וועבער און
מעטאַלורגישער פּראָדוקציע. זײ פֿירן צווישן זיך א קאָנקורענץ-קאַמף, מאַכן
קלענער די פּרײַזן און באַקומען צוליב דעם ווײניקער רווחים. זאָגט לאָמיר
אָננעמען, אַז א פּאָר פֿון די דאָזיקע אונטערנעמונגען זײַנען שטאַרקער און
גרעסער פֿאַר אַלע איבעריקע. דעמאָלט פֿירט מען דעם קאַמף ביז [illegible] אַלע
איבעריקע וועלן ניט בלײַבן [illegible]. לאָמיר אָבער אָננעמען, אַז זײערע כוחות
זײַנען בערך גלײַכע: אײנע און די זעלביקע [illegible] פֿון דער פּראָדוקציע, אײנע
און די זעלביקע מאַשינעס, אײנע און די זעלביקע בערך צאָל אַרבעטער און
א שטיקל סחורה קאָסט זײ בערך אײנע און די זעלביקע פּרײַז. וואָס וועט זיך
דאַן באַקומען? דאַן וועט קײנער פֿון זײ ניט מנצח זײַן אינם קאַמף, זײ וועלן
אַלע גלײַך אײַנגעבאַסערט, בײַ אַלעמען פֿאַלט דער רווח. און דאָ קומען די
קאַפּיטאַליסטן צום אײַנפֿאַל: צו וואָס דאַרפֿן מיר עס אײנער בײַ די אַנדערע
ניעדריקער מאַכן די מקחים? וועט דען ניט בעסער זײַן, אַז מיר וועלן זיך
פֿאַראײניקן און צוזאַמען רעגירן דעם [illegible]. אויב מיר וועלן זיך פֿאַראײניקן
וועט דאָך שוין קײן שום קאָנקורענץ ניט זײַן; די גאַנצע סחורות זײַנען אין
אונזערע הענט און מיר וועלן קענען אײַנשטעלן מקחים, וועלכע מיר ווילן.

אָט אַזוי קומט אויף א פֿאַרבאַנד, א פֿאַראײניקונג פֿון קאַפּיטאַליסטן,
א סינדיקאַט אָדער א טרעסט. א סינדיקאַט אונטערשײדט זיך פֿון
א טרעסט אָט מיט וואָס: ווען ס'אָרגאַניזירט זיך א סינדיקאַט, רײדן דאַן אָפּ
צווישן זיך די קאַפּיטאַליסטן, וואָס גײען אין אים אַרײַן, ניט צו פֿאַרקויפֿן
זײער סחורה ביליקער פֿון א באַשטימטער פּרײַז, געמײנזאַם צו פֿאַרטײלן די
באַשטעלונגען אָדער צוטײלן צווישן זיך דעם מאַרק (דו פֿאַרקויף רק דאָ, און
איך—רק דאָרט) א. א. וו. נאָר די פֿאַרוואַלטונג פֿונם סינדיקאַט איז ניט
אימשטאַנד צו פֿאַרמאַכן, למשל, וועלכע ניט איז אונטערנעמונג; איט-
לעכע פֿון זײ גײט אַרײַן אין פֿאַרבאַנד, נאָר זי האַלט בײַ דערבײַ אין א
געוויסע זעלבסטשטענדיקײט. בײַ א טרעסט פֿאַראײניקן זײ זיך אַזוי אײנג,
אַז די אײנצלנע אונטערנעמונג פֿאַרלירט אינגאַנצן איר זעלבסטשטענדיקײט:
די פֿאַרוואַלטונג פֿונם טרעסט האָט רעכט זי אינגאַנצן פֿאַרמאַכן, אַריבערש זי
אַרויסצושטעלן, איבערפֿירן זי אין אַן אַנדער אָרט, אויב דאָס לוינט דעם
גאַנצן טרעסט. ס'פֿאַרשטײט זיך, אַז [illegible] פֿון דער דאָזיקער אונ-

טערנעמונג באקומט הסדר זיין ריווח. דער ריווח ווערט אפילו גרעסער, נאר
דער גאנצער באַלעבאָס ווערט שוין דער איינציג בורזשואזער קאפיטא־
ליסט-פּאַרטנער, די טרעסטן.

די סינדיקאַטן און טרעסטן האַלטן אין זייערע הענט כמעט דעם
גאַנצן מאַרק, זיי האָבן ניט קיין מורא פאַר קיין שום קאָנקורענץ, ווייל
זיי האָבן דערשטיקט יעדע קאָנקורענץ. דעם אָרט פון קאָנקורענץ פאַר-
נעמט די מאָנאָפּאָל, ד. ה. די הערשאַפט פון איין טרעסט¹)

אויף אַזאַ אופן האָט די קאַפּיטאַל קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג
געמאַכט ביסלעכווייז אַ סוף צו דער קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ האָט זיך
אַליין אויסגעפרעסן, וואָס מיט אַ גרעסערן אימפעט זי האָט זיך אַנטוויקלט.
אַלץ ווייטער צו געגאַנגען די צענטראַליזירונג, ווייל אַלץ גיכער פלעגן אומ-
קומען די שוואַכע קאַפּיטאַליסטן. נאָך כל סוף האָט די קאַפּיטאַל-צענטראַליזי-
רונג, וואָס איז אויפגעוואַקסן געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ, דערשלאָגן אָט
די זעלביקע קאָנקורענץ. דעם אָרט פון „פרייער קעגנערשאַפט",
ד. ה. פון פרייער קאָנקורענץ האָט פאַרנומען די הערשאַפט
פון מאָנאָפּאָליסטישע אינטערנעמער-פאַרבאַנדן—פון סינ-
דיקאַטן און טרעסטן.

ס'איז גענוג צו ברענגען עטלעכע ביישפילן, כדי צו זעהן די מוראדיקע
קראַפט פון די טרעסטן און סינדיקאַטן. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-
אַמעריקע איז שוין אין 1900-טן יאָר, דאָס הייסט אין סאַמע אָנהייב פון צוואַנ-
ציגסטן יאָרהונדערט, איז דער טייל פון דער פּראָדוקציע בא די סינדיקאַטן
געווען: אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע — העכער 50%, אין דער גלאָז-אינ-
דוסטריע — 54%, אין דער פּאַפּיר-אינדוסטריע — 60%, אין דער מעטאַל-אינ-
דוסטריע (אַחוץ אייזן און שטאָל) — 84%, אין דער אייזן-גיס און שטאָל-גוס-
אינדוסטריע — 84%, אין דער כעמישער — 81% א. אַ. וו. ס'איז איבעריק צו
ריידן, אַז איצט איז דער טייל געוואַלדיק אויסגעוואַקסן, פּאַקטיש איז איצט
די גאַנצע פּראָדוקציע אין אַמעריקע קאָנצענטרירט אין
די הענט פון צוויי טרעסטן: דעם נאַפט און דעם שטאָל-טרעסט; פון
די דאָזיקע טרעסטן הייבן זיך אַלע איבעריקע. אין דייטשלאַנד איז צום
1913-טן יאָר קוילן-עקספּלואַטאַציע אין ריינישוועסטפאַלישן ראַיאָן (דאָס איז
אַ מין איינער ראַיאָן באַזונדער) איבער 92% געווען קאָנצענטרירט אין די הענט
פון איין סינדיקאַט; דער שטאָל-סינדיקאַט האָט אויסגעאַרבעט קרוב צו העלפט
פונם גאַנצן שטאָל, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין לאַנד; דער צוקער-סינדיקאַט

1) דאָס וואָרט „מאָנאָפּאָל" שטאַמט פון צוויי גריכישע ווערטער „מאָנאָס" (איינער) און
„פּאָליס" (מלוכה, פּאַרוואַלטונג, הערשאַפט), בא אונז האָט דאָס וואָרט מאָנאָפּאָל באַטייט די
בראַנפן-מאָנאָפּאָל פון דער מלוכה, ווען נאָר די קאַזנע האָט געהאַט רעכט אויסצואַרבעטן בראַנפן;
נאָר עס קאָן זיין אַ מאָנאָפּאָל ניט נאָר אויף בראַנפן, נאָר אויך אויף אַלץ און ניט נאָר בא דער
מלוכה, נאָר אויך בא פּריוואַטע פאַבריקאַנטן.

האָט אויסגעאַרבעט 70% פון דעם צוקער, וואָס ווערט געברויכט אינעווייניק אינם לאַנד און 80% פון דעם, וואָס ווערט פאַרקויפט אין אויסלאַנד א. א. וו.).

אפילו אין רוסלאַנד האָט אַ גאַנצע ריי אינדוסטריע-צווייגן פאַרגעשטעלט די פולשטענדיקע הערשאַפט פון סינדיקאַטן. דער סינדיקאַט „פּראָדוגאָל“ האָט געגעבן 60% פון די גאַנצע דאָנער קוילן; דער סינדיקאַט „פּראָדאַמעטאַ“ האָט פאַראייניקט 88—93%, „קראָוולאַ“—60% (פונם בלעך-אייזן) „פּראָדמאַגאַן“ האָט צענטראַליזירט 14 פון 16 בוי-זאַוואָדן. דער קופער-סינדיקאַט — 90%, דער צוקער-סינדיקאַט די גאַנצע צוקער-פּראָדוקציע (100%, א. א. וו., א. א. וו. ווי ס'האָט אויסגערעכנט איין שווייצאַרישער געלערנטער, האָט זיך אין אָנהויב פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט אַ העלפט פון אַלע קאַפּיטאַלן פון דער וועלט געפונען אין די הענט פון סינדיקאַטן און טרעסטן).

די סינדיקאַטן און טרעסטן צענטראַליזירן ניט נאָר איינאַרטיקע אונטערנעמונגען, אַלץ אָפטער און אָפטער קומען אויף טרעסטן, וועלכע פאַרכאַפּן מיט אַמאָל עטליכע פּראָדוקציע-צווייגן. ווי אַזוי קומט עס פאָר?

אַלע אינדוסטריע-צווייגן זיינען צוזאַמענגעבונדן איינע מיט דער צווייטער קודם כל דורך דעם, וואָס זיי קויפן איינע בײַ דער אַנדערער און פאַרקויפן איינע דער צווייטער. לאָמיר נעמען די פּראָדוקציע פון אייזן און שטיינקוילן. דאָ ווערט אויסגעאַרבעט אַ פּראָדוקט, וואָס דינט פאַר אַ רוי-מאַטעריאַל פאַר די שמעלצאייזנדיקע און מעטאַלורגישע זאַוואָדן; אָט די זאַוואָדן אַרבעטן אויס, פון זייער זייט, לאָמיר זאָגן, מאַשינעס; די דאָזיקע מאַשינעס דינען פאַר פּראָדוקציע-מיטלען אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע צווייגן א. א. וו. לאָז זיין איצטער, אַז מיר האָבן אַ שמעלצאייזן זאַוואָד. ער קויפט אייזן און שטיינקוילן. הייסט עס, אַז ער איז פאַראינטערעסירט איינצוקויפן וואָס ביליקער אָט דאָס אייזן און שטיינקוילן. און טאָמער געפינט זיך דאָס אייזן און שטיינקוילן אין די הענט פון אַן אַנדער סינדיקאַט? דאַן הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן איין סינדיקאַט און דעם צווייטן, און דער קאַמף ענדיקט זיך אָדער מיט דעם, וואָס איינער איז גובר, אָדער מיט דעם, וואָס זיי גיסן זיך צונויף, סיי אין דעם, סיי אין יענעם פאַל קומט אויף אַ נייער סינדיקאַט, וואָס פאַראייניקט מיט אַמאָל צוויי צווייגן. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אויף אַזאַ אופן קענען זיך פאַראייניקן ניט נאָר צוויי, נאָר אויך דריי און צען צווייגן. אַזעלכע אונטערנעמונגען רופן זיך אַן קאָמפּליצירטע (אַנדערש „קאָמבינירטע“) אונטערנעמונגען.

די סינדיקאַטן און טרעסטן אָרגאַניזירן, בכן, ניט נאָר איינצלנע צווייגן נאָר זיי בינדן אויך צונויף אין איין אָרגאַניזאַציע פאַרשיידנאַרטיקע פּראָדוקציעס, זיי בינדן צו איין צווייג צו דער צווייטער, צו דער דריטער, פערטער א. א. וו. פריער זיינען אין אַלע צווייגן געווען אומאָפּהענגיקע איינער פון דעם אַנדערן אונטערנעמער, און די גאַנצע פּראָדוקציע איז געווען

צופרעקלט איבער הונדערטער טויזנטער קליינע פאבריקלאך. צום אנהויב פון צוואנציגסטן יאָרהונדערט איז די דאָזיקע פּראָדוקציע שוין געווען קאָנצענטרירט אין גיגאַנטישע, מוראדיקע גרויסע טרעסטן, וואָס אָרגאַניזירן א סך אינדוסטריע צווייגן.

דער צוזאַמענהאַנג צווישן איינצלנע פּראָדוקציע צווייגן איז אויפגעקומען ניט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָבן זיך געבילדעט „קאָמבינירטע" אונטערנעמונגען, דאָ דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף איין דערשיינונג, וועלכע שפּילט א גרעסערע ראָלע, איידער אָט די קאָמבינירטע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע דערשיינונג איז די הערשאַפט פון די באַנקען.

נאָר ראשית דבר דאַרף מען זאָגן עטליכע ווערטער וועגן די דאָזיקע באַנקען.

מיר האָבן שוין געזען, אז, ווען די קאַפּיטאַל-קאָנצענטרירונג און צענט-ראַליזירונג האָט דערגרייכט ביז אַ העכערער אַנטוויקלונג, איז אויפגעקומען דאָן אַ גרויסע באַדערפעניש אין קאַפּיטאַל. כדי גלייך פון אָנהייב אָן אוועק-צושטעלן די נייע אונטערנעמונגען אויף ברייטע יסודות. איבער באָדן פון דער דאָזיקער באַדערפעניש זיינען אויפגעקומען די אַקציען-געזעלשאַפטן. די אָר-גאַניזירונג פון נייע אונטערנעמונגען האָט געפאָדערט, בכן, אלץ גרעסערע געלט-מיטלען.

לאָמיר זיך צוקוקן, פון דער אַנדערער זייט, צו דעם, וואָס ס'טוט דער קאַפּיטאַליסט מיטן ריווח, וועלכן ער באַקומט. מיר ווייסן שוין, אז א טייל פונם ריווח גיט ער אויס אויף עסנוואַרג, קליידער א. א. וו., מיט איין וואָרט, אויף זיך, און דעם צווייטן טייל „זאַמלט ער אָן". פרעגט זיך: ווי אזוי טוט ער עס? צי קען ער יעדע רגע פאַרברייטערן זיין פּראָדוקציע, אַריינלייגן אין געשעפט אָט דעם טייל פונם ריווח, וועלכן ער קען ניט. און אָט פאַרוואָס — געלט קומט דאָך צו אים אַריין כסדר, טייל-ווייז. פאַרקויפט אַ פּאַרטיע סחורות — און אין זיין קאַסע קומט אַריין געלט. ווייטער פאַרקויפט — קומט אַריין נאָך געלט. ס'פאַרשטייט זיך, אז כדי צו פאַרטאָן דאָס געלט אויף פאַרברייטערן די פּראָדוקציע, מוז מען מיט אַמאָל האָבן אַ היפּשע סומע. הייסט עס, אז מע מוז אביסל צוואַרטן, ביז ס'וועט זיך אָנקלייבן אַזוי פיל געלט, וויפל מע דאַרף האָבן אויף צו קויפן, לאָמיר זאָגן, נייע מאַשינעס. און וואָס זשע טוט מען ביז דאַן? און ביז דאַן קען מען דאָס געלט ניט פאַר-נוצן. דאָס געלט ליגט און ברענגט גאָר קיין נוצן ניט. דאָסזעלבע קומט פאָר ניט בא איינעם אָדער צוויי קאַפּיטאַליסטן, נאָר בא אַלעמען אין פאַרשיידענע צייטן. ס'איז שטענדיק פאַראַן אַ פרייער קאַפּיטאַל, און אויבן האָבן מיר געזען, אז ס'איז פאַראַן אַ מאָדערנג אויף קאַפּיטאַל. פון איין זייט זיינען, פאַראַן איבעריקע קאַפּיטאַלן, וואָס ברענגען גאָר קיין נוצן ניט, פון דער אַנדערער זייט, איז פאַראַן אַ באַדערפעניש אין זיי. וואָס גיכער עס קומט פאָר די קאַפּיטאַל-צענטראַליזירונג, אלץ גרעסער איז די באַדערפעניש אין גרויסע געלט-סומען, נאָר אַלץ מער איז די צאָל פון פרייע קאַפּיטאַלן, און

אַז דאָס האָט טאַקע אויפגעהערט די באַטייטונג פון די בייַנק. כּדי בײַם קאַפּיטאַליסט זאָל זײַן געלט ניט ליגן אָן שום נוץ, טראָגט ער עס אַרײַן אין באַנק, און דער לייט עס אויסגעבן, ווער עס נויטיקט זיך אין מיטלען, כּדי צו פאַרברייטערן די אַלטע אָדער צו אָרגאַניזירן נײַע אונטערנעמונגען. די אינדוסטריעלער טראָגן זייער געלט אין באַנק, דער באַנק גיט דאָס אָפּ אַנדערע אינדוסטריעלער. די לעצטע קוועטשן ארויס מיט׳דער הילף פון דעם באַקומענעם קאַפּיטאַל מעהרווערט; אַ טייל געבן זיי אַוועק דעם באַנק פאַר דער הלוואה; דער באַנק גיט אַוועק, פון זײַן זײַט, אַ טייל די דעפּאָ־נענטן (די וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן געלט), אַ טייל לאָזט ער פאַר זיך בתור ריווח. און אַזוי דרייט זיך די גאַנצע מאַשין.

איצטער איז פאַרשטענדליך, אַז פאַר דער לעצטער צײַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט איז אויסערגעוויינלעך אויסגעוואַקסן די ראָל פון די בייַנק, זייער באַטײַטונג, זייער טעטיקייט. די בייַנק זאַמלען אין זיך אַרײַן אַלץ גרעסערע און גרעסערע געלט־סומען. און אַלץ מער קאַפּיטאַל לייגן זיי אַרײַן אין דער אינדוסטריע. דער באַנק־קאַפּיטאַל „אַרבעט“ שטענדיק אין דער אינדוסטריע, ער ווערט אַליין אַ אינדוסטריע־קאַפּיטאַל. די אינ־דוסטריע הויבט אָן אָפּהענגיק צו זײַן פון די בייַנק, וועלכע שטיצן און נערן זי מיט קאַפּיטאַל. דער באַנק־קאַפּיטאַל ווערט צונויפגעוואַקסן מיטן אינדוסטריע־קאַפּיטאַל. אַט אַזאַ מין קאַפּיטאַל הייסט טאַקע פינאַנץ־קאַפּיטאַל. הייסט עס, אַז פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז דער באַנק־קאַפּיטאַל, וואָס איז צונויפגעוואַקסן מיטן אינדוסטריע־קאַפּיטאַל.

דורך די בייַנק בינדט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל צונויף אַלע אינדוסטריע־צווייגן באַנק אין אַ גרעסערער מאָס, איידער דאָס טוען די קאָמבינירטע אונ־טערנעמונגען. פאַרוואָס?

לאָז זײַן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ וועלכן ניט איז גרויסן באַנק. דער דאָזיקער גרויסער באַנק גיט קאַפּיטאַלן (אָדער, ווי מע זאָגט, „פינאַנצירט“) ניט איינע, נאָר אַ סך אונטערנעמונגען אָדער אַ סך סינדיקאַטן. הייסט עס, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין דעם, זיי זאָלן זיך ניט רײַסן איינער מיטן צווייטן; ער פאַראייניקט זיי; ער פירט אַ פּאָליטיק כּדי בסדר צוזאַמענ־בינדן איבאייַנעם די דאָזיקע אונטערנעמונגען אונטער זײַן אָנפירונג. אונטער דער אָנפירונג פונם באַנק; דער באַנק הויבט אָן צו האַלטן די לייַצעס פון דער גאַנצער אינדוסטריע, פון אַ גאַנצער ריי פּראָ־דוקציע־צווייַגן; אָנגעטרויטע פון באַנק מענטשן ווערן באַשטימט פאַר דירעק־טאָרן פון די טרעסטן, סינדיקאַטן, פון איינצלנע אונטערנעמונגען.

עס באַקומט זיך סוף כּל סוף אָט וואָס פאַר אַ בילד: די אינדוסטריע פון אַ גאַנצן לאַנד איז פאַראייניקט אין סינדי־קאַטן, טרעסטן, קאָמבינירטע אונטערנעמונגען; דאָס אַלץ איז פאַראייניקט ׳ דורך די בייַנק; בראָש פונם גאַנצן וירט־שאַפטליכן לעבן לע גרעסטע באַנקירן.

וואָס פירן אָן מיט דער גאַנצער אינדוסטריע. און די מלוכה־
מאַכט פירט געטרײַ אויס זייער ווילן כּדי די דאָזיקע
באַנקירן [illegible]

דאָס קען מען גאַנץ גוט זען אויפֿן בײַשפּיל פֿון אַמעריקע. אין די
פּרעזידענטשאַפֿט [illegible] „דעמאָקראַטישע“ רעגירונג פֿון ווילסאָנען דירעקט
אָנגעשטעלטע פֿון די אַמעריקאַנער טרעסטן. דער פּאַרלאַמענט נעמט רק אָן
נאָר דאָס, וואָס איז פֿריער באַשלאָסן געוואָרן אויף די באַראַטונגען פֿון
די סינדיקאַט־הערן און אין די באַנקען. די טרעסטן גיבן אויס קאָלאָסאַלע
געלט־מיטלען אויף אײַנצוקויפֿן די דעפּוטאַטן, אויף די וואַל־קאַמפּאַניע
א. א. וו. איין אַמעריקאַנער שרײַבער (מאַיערס) גיט איבער, אַז אין 1904־טן
יאָר האָט דער פֿאַרזיכערונג־טרעסט „מיטועל“ אויסגעגעבן אויף שוחד 364,254
טויזנט דאָלאַר, „עקוויטעבל“ 172,698 טויזנט, „ניו־יאָרק“ — 204,019 טויזנט
און אַזוי ווײַטער. ווילסאָנס איידעם און דער פֿינאַנץ־מיניסטער מעק־אַדו
איז איינער פֿון די גרעסטע באַנקירן און סינדיקאַט־הערן. די סענאַטאָרן,
מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן זײַנען פּשוטע אָנגעשטעלטע, אָדער אַנטיילנעמער פֿון
די קאָלאָסאַלע טרעסטן. די מלוכה־מאַכט, „די פֿרײַע רעפּובליק“ איז אַ פּשוטער
געשעפֿטס־אָרט אויך צו באַראַבעווען דעם עולם.

מיר קענען, בכן, זאָגן, אַז בײַ דער הערשאַפֿט פֿונעם פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל
ווערט דאָס קאַפּיטאַליסטישע לאַנד גופֿא פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאָלאָסאַלן קאָמ־
בינירטן טרעסט, בראָש פֿון וועלכן עס שטייען די באַנקען, און וועמעס אויס־
פֿיר־קאָמיטעט איז די בורזשואַזע מלוכה־מאַכט. אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנק־
רײַך, דײַטשלאַנד א. אַ. וו. דאָס זײַנען אַלץ ניט מער ווי מלוכה־קאַפּי־
טאַליסטישע טרעסטן, מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון סינדיקאַט־הערן און
באַנקירן, וואָס עקספּלואַטירן און פֿאַרשקלאַפֿט מיט הונדערטער מיליאָנען זייערע
אַרבעטער, זייערע באַדינגעטע קנעכט.

§ 27. דער אימפּעריאַליזם. דער פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל באַזײַטיקט ביז
אַ געוויסער מאָס די אַנאַרכיע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אין
יעדן לאַנד באַזונדער. דאָס אָרט פֿון איינצלנע אונטערנעמער, וואָס רײַסן זיך שטענ־
דיק צווישן זיך, פֿאַרנעמט דער פֿאַראייניקטער מלוכה־קאַפּיטאַליסטישער טרעסט.
נאָר ווי האַלט עס דאַן מיט איינער פֿון די גרונט־סתירות פֿונעם קאַפּי־
טאַליזם? מיר האָבן דאָך שוין עטליכע מאָל איבערגעחזרט, אַז דער קאַפּיטאַ־
ליזם מוז צוברעכן ווערן, ווײַל בײַ אים איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירטקייט און
ווײַל בײַ אים עקסיסטירט דער קלאַסנקאַמף. נאָר אויב איינע פֿון די צוויי
סתירות (זעה § 13) ווערט פֿאַרשוואונדן, קען אפֿשר זײַן, אַז דער פּראָגנאָז
וועגן אונטערגאַנג פֿונעם קאַפּיטאַליזם האָט אונטער זיך קיין יסוד ניט?

די הויפּט־זאַך באַשטייט דאָ פֿאַר אונז אָט אין וואָס: אין דער
אמתן, ווערט דאָ ניט באַזײַטיקט די אַנאַרכיע פֿון דער פּראָדוקציע און די

קאָנקורענץ; אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זי ווערט באַזייטיקט אין איין אָרט, כדי צו אנטפלעקן זיך שאַרפער אין א צווייטן. לאָמיר גענויער אויפקלערן די דאָזיקע פראַגע.

דער איצטערדיקער קאַפּיטאַליזם איז אַ וועלט-קאַפּיטאַליזם. אַלע לענדער זיינען צונויפגעבונדן איינס מיטן צווייטן: איינע קויפן באַ די צווייטע. ניטאָ איצט אין דער וועלט אזעלכע ערטער, וואָס זאָלן ניט געדריקט ווערן פונם קאַפּיטאַל. און ניטאָ אַזא לאַנד, וואָס זאָל לגמרי אַלץ אויסאַרבעטן אינעווייניק באַ זיך.

• (אַ גאַנצע ריי פּראָדוקטן קענען אויסגעאַרבעט ווערן נאָר אין באַשטימטע ערטער; אין אַ קאַלטן לאַנד וואַקסן ניט קיין מאַראַנצן און אייזן קען מען ניט באַקומען דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין אייזן אין דער ערד. קאַווע, קאַקאַאָ קויטשוק ווערט פּראָדוצירט נאָר אין וואַרימע לענדער. באַוול ווערט אויסגעאַרבעט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין אינדיען, אין עגיפּטן, טורקעסטאַן א. א. וו. און פון דאַנען ווערט ער עקספּאָרטירט אין אַלע וועלט-טיילן. קוילן געפינט זיך אין איינגלאַנד, דייטשלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין עסטרייך, אין רוסלאַנד, נאָר ס'איז ניטאָ, למשל, קיין קוילן אין איטאַליע, און איטאַליע הייננט אינגאַנצן אָפּ פון די איינגלישע אָדער דייטשישע קוילן א. א. וו. ווייץ עקספּאָרטירט מען אין דער גאַנצער וועלט פון אמעריקע, אינדיען, רוסלאַנד, רומעניע.

פון דער אַנדער זייט, זיינען איינ.קע לענדער ווייט אַוועק אין זייער אַנטוויקלונג, אַנדערע זיינען אָפּגעשטאַנען. און די פּראָגרעסיווע לענדער וואַרפן דעריבער אַריבער כלערליי פאַבריקאַטן פון דער שטאָטישער אינדוסטריע אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער. אייזן-פאַבריקאַטן שטעלט צו דער גאַנצער וועלט דערהויפּט איינגלאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן און דייטשלאַנד; כעמישע פּראָדוקטן האָט בעיקר צוגעשטעלט דייטשלאַנד.

אָט אזוי איז איין לאַנד אָפּהיינגיק פונם צווייטן און קויפט אָדער פאַרקויפט דעם צווייטן. צו וואָס עס קען דערגיין די דאָזיקע אָפּהייננגיקייט איז צו זעהן אויפן ביישפּיל פון איינגלאַנד, וואָס אימפּאָרטירט $\frac{3}{4}$—$\frac{4}{5}$ פונם גאַנצן ברויט, וואָס עס דאַרף, און אַ העלפט פונם פלייש, אין ווען זי נייטיקט זיך, און אַ העלפט פונם פלייש, נאָר עקספּאָרטירט דערפאַר אין אויסלאַנד דעם גרעסטן טייל פון אירע פאַבריקפּראָדוקטן.

איצט לאָמיר זיך שטעלן די פראַגע: צי באַזייטיקט דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל די קאָנקורענץ אויפן וועלט-מאַרק? צי שאַפט ער אַ וועלט-אָרגאַניזאַציע דורך דעם, וואָס ער פאַראייניקט די קאַפּיטאַליסטן אין יעדן לאַנד? און דאָ קען מען גלייך זעהן, אַז ניט. אין יעדן באַזונדערן לאַנד הערט מער אָדער ווייניקער אויף די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע און די קאָנקורענץ. ווייל די איינצלנע גרעסטע אונטערנעמונגען פאַראייניקן זיך אין א מלוכה-קאַפּיטאַליסטישן טרעסט. נאָר דערפאַר צופלאַקערט זיך שטאַרקער די רייסעריי

צווישן די מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן גופא. אַזוי קומט דאָך שטענדיק פאָר בײַ דער קאַפּיטאַל־צענטראַליזירונג: ווען עס קומט אים אַ קלײַן מענטשעלע, הערט, פאַרשטייט זיך, קלענער די צאָל קאָנקו־רענטן, ווײַל עס פאַרבלײַבן נאָך די גרויסע; נאָר אָט די גדולים רײַסן זיך שוין צווישן זיך, ווי עס פּאַסט פאַר גדולים; אַנשטאָט דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן אײנצלנע פאַבריקאַנטן הייבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן די טרעסטן. די צאָל טרעסטן איז, פאַרשטייט זיך, קלענער, אײדער די צאָל פאַבריקאַנטן. נאָר דערפאַר קומט דאָ פאָר אַ גרעסערער און אַ מער אַכזריותדיקער און אַ מער צעשטערערדיקער קאַמף. גג, און ווען די קאַפּיטאַליסטן פון אײן לאַנד האָבן געמאַכט אַ סוף מיט די קלײנע און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ מלוכה־קאַפּיטאַליסטישן טרעסט, דאַן ווערט די צאָל קאָנקורענטן נאָך קלענער. נאָר דערפאַר זײַנען די דאָזיקע קאָנקורענטן — קאָלאָסאַל מעכטיקע קאַפּיטאַליס־טישע מלוכות. און דער קאַמף צווישן זיי פאָדערט אַזעלכע מוראדיקע הוצאות און מאַכט אָן אַזעלכע חורבנות, ווי ס'איז נאָך קײנמאָל ניט געווען. די קאָנ־קורענץ צווישן די מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן אַנטפּלעקט זיך אין „שלום“ צײַט אין דער קאָנקורענץ פון באַוואָפענונגען, און סוף כל סוף גיסט זיך אויס אין אַ חרוב מאַכנדיקער מלחמה.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל שאַפט, בכן, אָפּ די קאָנקורענץ אין אײנצלנע לענדער, נאָר ער מאַכט דערפאַר געוואַלטיק פאַרביטערט אויף אַ געוויסער צײַט די קאָנקורענץ צווישן די דאָזיקע לענדער.

ווי אַזוי קומט עס פאָר? און פאַרוואָס פירט סוף כל סוף אָט די קאָנ־קורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צו אַ אימפּעריאַליסטישער פּאָ־ליטיק, צו אַ מלחמה? פאַרוואָס קען די דאָזיקע קאָנקורענץ ניט זײַן קײן פרידליכע? ווען עס קאָנקורירן צווישן זיך צוויי פאַבריקאַנטן, וואַרפן זיי זיך דאָך ניט מיט אַ מעסער אײנער אויף דעם צווייטן, נאָר באַמיען זיך אין אַ פרידליכן קאַמף אָפּנעמען אײנער בײַ דעם צווייטן די קונים. פאַרוואָס זשע איז די קאָנקורענץ אויפן וועלט, אויפן צווועלטליכן מאַרק געוואָרן אַזאַ פאַר־ביטערטע און אַ באַוואָפנטע? אויף אָט די אַלע פראַגן מוז מען געבן אַ גענויעם ענטפער.

דאָ מוז מען קודם כל אַ קוק טאָן ווי אַזוי האָט זיך געמוזט ענדערן די פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע צוזאַמען מיטן איבערגאַנג פונעם אַלטן קאַפּי־טאַליזם, וואו ס'האָט געבליט די פרײַע קאָנקורענץ, צום נײַעם, וואו די מאַכט האָט גענומען דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

לאָמיר אָנהייבן פון דער אַזוי גערופענער טאַמאָזשניע־פּאָליטיק. אינעם קאַמף צווישן די מלוכות האָט שוין די מלוכה־מאַכט פון דער בורזשו־אַזיע, וואָס באַשיצט אירע קאַפּיטאַליסטן, נאָך לאַנג צוגעטראַכט אַ קאַמפס־מיטל אין דער פאָרם פון סחורות־אָפּצאָלונגען. אויב, למשל, די רוסלענדישע וועבער־פאַבריקאַנטן האָבן מורא, אַז זײערע אײנגלישע אָדער דײַטשישע קאָנ־

קורענטן וועלן אַריינפירן זייערע סחורות און וועלן קלענער מאַכן די פרייזן אין רוסלאַנד. דאַן פלעגט די רעגירונג אַרויפלייגן אָפּצאָלונגען אויף די איינ-גלישע און דייטשישע געוועב-סחורות. דאָס פלעגט, פאַרשטייט זיך, שווערער מאַכן דעם צוטריט פון אויסלענדישע סחורות אין רוסלאַנד. די פאַבריקאַנטן פלעגן געוויינטליך זאָגן, אַז די סחורות-אָפּצאָלונגען זיינען נייטיק כדי צו פאַרטיידיקן די פאָטערלענדישע אינדוסטריע. נאָר אויב מע זאָל זיך אַצינד צוקוקן צו פאַרשידענע לענדער, קען מען גלייך באַמערקן אַז „דאָ איז געווען גאָר אַן אַנדער כוונה". אין דער אמתן, האָבן פאַר די לעצטע יאָרצענדליגער מער פון אַלעמען געשריען וועגן הויכע אָפּצאָלונגען און אַרויפגעלייגט אָפּ-צאָלונגען די קאַפּיטאַליסטן פון די גרעסטע און שטאַרקסטע לענדער מיט אַמעריקע בראש. אַ סברא, אַז די אויסלענדישע קאָנקורענטן וואָלטן קאָנען זיי אַן עולה אָנטאָן? ווען קען דען? קיט קריטש, באַליידיקן די גלייך יועסט גיכער יעדערן באַליידיקן".

אין וואָס זשע איז דאָ די מעשה? אָט אין וואָס. לאָז זיין, אַז אין אַ וואָסער ניט איז לאַנד איז די וועבער-פּראָדוקציע מאָנאָפּאָליזירט דורך אַ וועבער-סינדיקאַט אָדער טרעסט. וואָס זשע קומט פאָר דאַן, ווען ס׳ווערן איינ-געפירט אָפּצאָלונגען? דאַן שיסן די קאַפּיטאַליסטן סינדיקאַט-הערן פון דאָזיקן לאַנד מיט אַמאָל צוויי האָזן: ערשטנס, ווערן זיי פּטור פון אויסלענדישער קאָנקורענץ; צווייטנס, קענען זיי אָן שום רחמנות העכערן די פרייזן אויף זייערע סחורות כמעט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ס׳זיינען געהעכערט די אָפּצאָלונגען. לאָז זיין, אַז די אָפּצאָ-לונגען אויף אַן אַרשין געוועב זיינען געהעכערט אויף אַ רובל. דאַן קענען די וועבערײַ סינדיקאַט-הערן גאַנץ רויִק העכערן די פרייז פון זייער סחורה אויף אַ רובל אָדער 90 קאָפּיקעס. וואָלט ניט געווען קיין סינדיקאַט, וואָלט די קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטן אינעווייניק אינעם לאַנד גלייך נידעריקער געמאַכט די פרייזן. נאָר אויב אומעטום הערשט דער סינדיקאַט, דאַן קען ער זיך גאַנץ רויִק מאַכן די גאַנצע הוספה: דער אויסלענדער קען ניט צוקומען, ווייל ס׳איז געהעכערט אויף די אָפּצאָלונג, און קיין היימישער קאָנקורענט איז ניטאָ. די מלוכה פון סינדיקאַט-הערן באַקומט הכנסה פון די אָפּצאָלונגען, און דער סינדיקאַט גופא באַקומט איבעריקן הוספה-ריווח פון דעם, וואָס ס׳זיינען געהעכערט די פרייזן. אַזאַ זאַך איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען ס׳איז פאַראַן אַ סינדיקאַט אָדער אַ טרעסט. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. די סינדיקאַט-הערן, וואָס האָבן אין זייערע הענט דעם הוספה-ריווח, קענען דעריבער עקספּאָרטירן זייערע סחורות אין אַנדערע לענדער און דאָרטן

מיט היזק, כדי נאָר צו דערשטיקן אין אָט די פרעמדע לענדער יענעם, און זיי פלעגן עס טאַקע טאָן. ס׳איז באַוואוסט, למשל, וואָס פון די רוסלענדישע צוקער-פאַבריקאַנטן האָט געשטעלט פרייזן אויף צוקער אין רוסלאַנד, און אין ענגלאַנד פלעגט ער כמעט פאַר אומזיסט, כדי נאָר צו דערשטיקן זיינע קאָנקורענטן פילו אַ ווערטל, אַז אין ענגלאַנד פיטערט מען חזירים מיטן

רוסישן צוקער, הייסט עס, אַז אײַנשטעלנדיק די אָפּמאַכונגען, קענען די סינ־דיקאַט־הערן מיט אַלע כּוחות ראַבירן זייערע היימישע קונים, כּדי אָרײַנ־צוכאַפּן אונטער זייער הערשאַפט די אויסלענדישע קונים.

אָט דאָס אַלץ פירט צו גרויסע רעזולטאַטן. אין דער אמתן, ס'איז איצ־טער גאַנץ קלאָר, אַז די סינדיקאַט־הערן וועלן באַקומען אַלץ מער הוספה־ריווח, וואָס מער סיזעט זײַן אַזעלכע שעפסן, וועלכע מ'קען שערן און וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיט טאַמאָזשניע־גרענעץ. אויב די טאַמאָזשניע־גרענעץ נעמט אַרום אַ קליין קרײַזל, קען מען קיין גרויסע עשירות ניט אָנקלײַבן. פאַרקערט, אויב די טאַמאָזשניע־גרענעץ נעמט אַרום אַ גרויסע צאָל לענדער מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, דאַן איז שוין פאַראַן וואו אָפּצולעקן אַ ביינדל. דאַן וועט דער הוספה־ריווח זײַן אַ גרויסער, דאַן קען מען שוין מיט מער העזה אַרײַנטרעטן אויפן וועלט־מאַרק, דאַן קען מען האָפן אויף אַ גרויסן ער־פאָלג. נאָר די טאַמאָזשניע־גרענעץ איז געווײנטלעך די זעלביקע, ווי די מלוכה־גרענעץ. ווי אַזוי זשע פאַרברייטערט מען די דאָזיקע גרענעץ? וואָס באַטייט עס? דאָס באַטייט צוכאַפּן אַ פרעמד שטיקל ערד, צונעמען פאַר זיך דאָס דאָ־זיקע שטיקל, אַרײַננעמען עס אין די אייגענע גרענעצן, אינם אייגענעם מלוכה־פאַרבאַנד. און דאָס הייסט מאַכן אַ מלחמה. הייסט עס, אַז די הערשאַפט פון די סינדיקאַט־הערן איז אומבאַדינגט צונויפגעבונדן מיט אײַננעמונגס־מלחמות. אימפּעריאַליסטישע מלוכה פון קאַפּיטאַל שטרעבט „צו פאַרברייטערן איר גרענעצן". דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון די סינדיקאַט־הערן, די אינטערעסן פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. פאַרברייטערן די גרענעצן איז אַלץ איינס, ווי פירן אַ מלחמה.

די טאַמאָזשניע־פּאָליטיק פון די סינדיקאַטן און טרעסטן, וואָס איז צו־נויפגעבונדן מיט זייער פּאָליטיק אויפן וועלט־מאַרק, פירט אויף אַזאַ אופן צו פאַרביטערטסטע צוזאַמענשטויסונגען. נאָר אויך אַנדערע סיבות ווירקן דאָ אין פירן צו מלחמות.

מיר האָבן געזען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע פירט צו אַ שטענדיקן אָנקלײַבן פון מערווערט. אין איטלעכן אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטיש לאַנד וואַקסט דעריבער אָן דער מותרות־קאַפּיטאַל, וועלכער ברענגט אַ קלענערן ריווח, איידער אין אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. וואָס מער איבעריקע קאַפּיטאַלן ס'איז פאַראַן אין לאַנד, אַלץ גרעסער איז די שטרעבונג צו עקספּאָרטירן דעם קאַפּיטאַל, אַנצואווענדן אים אין אַן אַנדער לאַנד. אין אַ גרויסער מאָס העלפט אויך מיט אין דעם פירט די טאַמאָזשניע־פּאָליטיק. אין דער אמתן, די טאַמאָזשניע־אָפּצאָלונגען זײַנען אַ גרויסע מניעה בנוגע צו אַרײַנפירן סחורות. אויב, לאָמיר זאָגן, די רוסלענדישע פאַבריקאַנטן האָבן דורכגעפירט הויכע אָפּצאָלונגען אויף דײַטשישע סחורות, הייסט עס, אַז פאַר די דײַטשישע פאַבריקאַנטן איז שווערער געוואָרן צו פאַרקויפן זייערע סחורות

אין רוסלאנד (מיר ריידן, פארשטייט זיך, וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען באַ דער הערשאפט פון פאבריקאנטן און ניט באַ דער ראַטן מאכט).

נאָר אויב פאר זיי איז געוואָרן שווערער צו פארקויפן זייערע סחורות, האָבן זיי אן אנדער אויסוועג: די דייטשישע קאפיטאליסטן הייבן דאן אָן צו עקספּאָרטירן אין רוסלאנד זייערע קאַפּיטאַלן: זיי בויען פאבריקן און זאַוואָדן, קויפן אויף אַקציעס פון רוסישע אונטערנעמונגען אָדער גרינדן נייע, אַריינ־לייגנדיק אין דעריגען זייערע קאפּיטאַלן. זיינען דאָ א מגיעה די אַפּצאָלונגען? ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן. פארקערט, ניט נאָר זיי שטערן ניט, נאָר זיי העלפן, זיי גיבן גאָך צו חשק אַריינצופירן קאַפּיטאַלן. און אָט פאַרוואָס ווען דער דאָזיקער דייטשישער קאפּיטאליסט האָט אַ פאבריק אין רוסלאַנד און ווען ער גייט נאָך אריין אין אַ „רוסישן" סינדיקאַט, דאַן העלפן אים די רוסישע אָפּצאָלונגען צו באקומען הוספה־ריווח; זיי זיינען אין ענין פון בּאראַבעווען דעם עולם אים פונקט אזוי נוצליך ווי זיינע רוסישע חברים.

ניט גאָר אין א פאָרם פון גרינדן און שטיצן אונטערנעמונגען ווערט דער קאפּיטאל עקספּאָרטירט פון איין לאנד אין דאָס צווייטע. גאנץ אָפט ווערט ער געגעבן אן אַנדער מלוכה בתור הלואה פאר א געוויסן פּראָצענט (דאָס הייסט, די אנדער מלוכה מאַכט גרעסער איר מלוכה־חוב, ווערט אַ בעל־חוב פון דער ערשטער). אין די דאָזיקע פאַלן איז זיך די מלוכה־בעל־חוב געוויינטליך מתחיב צו מאכן אַלערליי הלוואות (בפרט די קריג־הלוואות) באַ די אינדוסטריער פון יענעם לאנד, וואס האָט איר פארליען געלט־קאפּי־טאַל. אויף אזא אופן ווערן פון איין מלוכה אין דער צווייטער איבערגעגאָסן קאָלאָסאלע קאפּיטאלן, וואס געפינען זיך טיילווייס אין אונטערנעמונגען און איינריכטונגען, טיילווייס אין מלוכה־חובות. באַ דער הערשאפט פונם פינאנץ־קאפּיטאַל דערגרייכט דער ארויספיר (עקספּאָרט) פון קאפּיטאל ביז א קאָלאָ־סאלער גרויס.

(ווי א ביישפּיל וועלן מיר ברייגגען ציפערן, וועלכע זיינען שוין איצט פארעלטערט געוואָרן, נאָר וואָס גיבן אונז דאך עפּעס א פאָרשטעלונג. אין 1902־טן יאָר האָט פראנקרייך געהאט אין 26 מלוכות 35 מיליארד פראנק; קרוב א העלפט פון דעם איז געווען געגעבן פאַרשיידענע מלוכות בתור הלואה. דער גרעסטער טייל פון דעם איז אָנגעקומען אויף רוסלאנד (10 מיליארד). אגב דאַרף מען זאגן, אז דעריבער איז טאַקע די פראנצויזישע בורזשואזיע אַזוי אין כעס, וואָס מיר האָבן אנולירט די צארישע חובות און האָבן זיך אפּגעזאגט צו צאלן די פראנצויזישע פּראצענטניקעס. אין 1905־טן יאר איז שוין געווען עקספּאָרטירט העכער 40 מיליאַרד. איינגלאנד האט אין 1911־טן יאר געהאַט אין אויסלאנד קרוב א מיליארד זעקס הונדערט מיליאָן פונט סטערלינג (א פונט סטערלינג האט פאר דער מלחמה געקאָסט קרוב 10 רובל), און אויב מע זאָל רעכענען אויך די איינגלישע קאָלאָניעס, וועט די

דאזיקע ציפער זיין העכער 3 מיליארד פונט סטערלינג. דייטשלאנד האט פאר דער מלחמה געהאט אין אויסלאנד בערך 35 מיליאן מארק א. א. וו. מיט איין ווארט, איטליכע קאפיטאליסטישע מלוכה פלעגט עקספארטירן פונם לאנד מוראדיק גרויסע קאפיטאלן, כדי מיט זייער הילף צו באראבעווען די אויסלענדישע פעלקער.

דער קאפיטאל-עקספארט פירט אויך צו גרויסע רעזולטאטן. כ'פארשטייט זיך, אז פארשיידענע שטארקע מלוכות הייבן אן צו קעמפן פאר יענע לענדער אדער פאר די קלענערע מלוכהלאך, וואוהין זיי ווילן עקספארטירן זייער קאפיטאל. נאר דא דארף מען אט וואס נעמען אין באטראכט. ווען די קאפיטאליסטן עקספארטירן זייערע קאפיטאלן אין א „פרעמד" לאנד, שטעלן זיי אין סכנה נישט קיין פארטיקע סחורות, נאר קאלאסאלע סומעס פון מיליאנען און מיליארדן. ס'פארשטייט זיך, אז זיי באקומען גרויס חשק אריינצוכאפן אין זייערע הענט די קליינע לענדער, וואוהין זיי האבן עקספארטירט זייערע קאפיטאלן; זיי ווילט זיך שטארק, אז זייער מיליטער זאל היטן די דאזיקע קאפיטאלן" און דאס באטייט, אז גא די עקספארטירנדיקע מלוכות קומט אויף א שטרעבונג אונטערצווארפן אט די לענדער אונטער זייער מלוכה-מאכט פשוט איינצונעמען די דאזיקע לענדער, מיט געוואלט אריינעמען זיי צו זיך, און אזוי ווי אויף די דאזיקע שוואכינקע לענדער פאלן אן פארשיידענע גרויסע רויבערישע מלוכות, פארשטייט זיך, אז די דאזיקע רויבער האבן זיך געמוזט סוף כל סוף צוזאמענשטויסן (און האבן זיך טאקע צוזאמענגעשטויסן), הייסט עס, אז אויך דער עקספארט פונם קאפיטאל האט געפירט צו א מלחמה.

איצט לאמיר נעמען אין באטראכט אויך אנדערע סיבות. ס'פארשטייט זיך, אז צייט ס'זיינען איינגעפירט געווארן די סינדיקאטן-אפצאלונגען, איז שרעקליך פארשארפט געווארן דער קאמף פאר די מערק, אויף א פאזאצן די סחורות, פרייע לענדער, וואוהין מע זאל קענען אוועקשיקן די סחורות און וואו עס זאלן גאר ניי זיין קיין קאפיטאליסטן, איז שוין כמעט נישט געווען צום סוף פון ניינצעטן יארהונדערט, און דא איז נאך געווארן א געוואלטיקער יקרות אויף רוי-מאטעריאלן: אויף מעטאלן, וואלנס, וואלד, קוילן, באוול, פאר דער גאנצער לעצטער צייט איז פארגעקומען א ווילדע יאגעניש נאך אפזאץ-מערק, און א קאמף פאר נייע קוואלן פון רוי-מאטעריאלן, די קאפיטאליסטן האבן געשנארעט איבער דער גאנצער וועלט און האבן געזוכט נייע מעטאל-גרובן, קוילן-גרובן און נייע מערק, וואוהין מע זאל קענען ארויספירן אי מעטאל-פראדוקטן אי געוועבן, אי אנדערע סחורות, אי אויך ראבעווען א נייעם „פרישן" עולם. פריערדיקע צייטן פלעגן גאנץ אפט אין איין לאנד קאנקורירן צוויי פירמעס און, נישקאשע, מע פלעגט זיך איינלעבן, מיט דער הערשאפט פון די בייגק און די טרעסטן האט זיך, פארשטייט זיך, די זאך געענדערט, ס'זיינען אנטדעקט, לאמיר זאגן, נייע קופער-גרובן, זיי פאלן גלייך אריין אין די הענט פון א וועלכן נישט איז באנק אדער טרעסט. ער פארכאפט

זיי אינגאנצן. ער ווערט איבער זיי א מאנאפאליער באלעבאס. פאר די קאפי-טאליסטן פון די איבעריקע לענדער בלייבט שוין דאן גארנישט ניט: „וואס ס'איז פון וואגן אראפגעפאלן, איז שוין פארפאלן". אזוי קומט פאר ניט נאר מיט די קוואלן פון רוי-מאטעריאלן, נאר אויך מיט די אפזאץ-מערק. לאז זיין, אז דער אויסלענדישער קאפיטאל דרינגט אריין אין א וועלכע ניט איז ווייטע קאלאניע. דא ווערט גלייך אויף די בעסטע יסודות ארגאניזירט דער סחורות-פארקויף. געוויינטלעך נעמט טאקע דעם גאנצן געשעפט אין אירע הענט א וועלכע ניט איז גיגאנטישע פירמע. וועלכע עפנט גלייך אויף אירע אפטיילונגען און שטרעבט דריקנדיק די ארטיקע מאכט און דורך טויזנטערליי שפיצלאך און אייַנפאלן, אויף מאנאפאלע יסודות צו פארכאפן אין אירע הענט דעם גאנצן פארקויף, ניט צולאזנדיק קיין קאנקורענטן; און דאס איז אויך פארשטענדלעך: דער מאנאפאליסטישער קאפיטאל. די סינדיקאטן און טרעסטן ווייַנען זיך טאקע נוהג מעשה סינדיקאט. דאס זיינען ניט „די אלטע גוטע צייטן" דאס איז א קאמף צווישן מאנאפאליסטישע רויבער און כאפער.

דעריבער האט מיטן וואוקס פונם פינאנץ-קאפיטאל געמוזט זיך פארשארפן און געמוזט פירן צו די גרעסטע צוזאמענשטויסן דער קאמף פאר די אפזאץ-מערק און פאר די רוי-מאטעריאלן-מערק.

פאר דאס לעצטע פערטל פון נייַנצעטן יארהונדערט האבן די גרויסע רויבערישע מלוכות אויפן ענערגישסטן אופן אריינגעכאפט פרעמדע לענדער וואס געהערן צו קליינע פעלקערלאך. פון 1876 ביז 1914-טן יאר האבן די אזוי גערופענע „גרויסע מלוכות" אנגעכאפט קרוב 25 מיליאן קוואדראט-קילאמעטער (א קילאמעטער איז גלייך קרוב א ווערסט) אנדערש געזאגט, זיי האבן אנגעריסן אזוי פיל פרעמדע לענדער, אז זייער אלגעמיינער שטח איז אין צוויי מאל גרעסער פאר א גאנצן וועלט-טייל, פאר אייראפע. די גאנצע וועלט איז צעטיילט געווארן צווישן די גרויסע רויבער אלע לענדער האבן זיך פארוואנדלט אין זייערע קאלאניעס, אין צינז-צאלער און קנעכט.

אט זייַנען בייַשפילן. אנהייבנדיק פון 1870-טן יאר האט איינגלאנד באקומען אין אזיען: בעלודזשיסטאן, בירמע, קיפר, צפון-בארנעא, ווייכאוויי, די געגנטן אנטקעגן האנקאנג, האט פארגרעסערט „סטרייטס סעטלעמענטס", האט פארכאפט דעם האלב-אינזל סינאי אין א. וו. אין אויסטראליען האט זי פאר-כאפט א רייע אינזלען, דעם מזרח-טייל פון ניי-גוויניע, דעם גרעסטן טייל פון די סאלאמאן-אינזלען, דעם אינזל טאנגא א. א. וו.; אין אפריקע האט זי פארכאפט עגיפטן, סודאן מיט אוגאנדע, מזרח-אפריקע, „בריטאנישע" סאמאלי, זאנזיבאר, פעמבא, האט אין א מלחמה איינגעשלונגען ביידע בורער רעפוב-ליקן, רהאדעזיע, „בריטאנישע צענטראל-אפריקע"; האט פארנומען ניגעריע מ. ז. און א. וו.

אַנהויבנדיק פון 1870-טן יאָר האָט פראַנקרייך פאַר זיך אונטערטעניק געמאַכט אַנאַם, וואָס איינגענומען טאָנקין, האָט אָנגעקסירט לאַאָס, טוניס, די קאָמאָרער אינזלען, מאַדאַגאַסקאַר, גרויסע שטחים אין סאַהאַרע, סודאַן, גווי-נייע, האָט באַקומען [illegible] פון [illegible], אין דאַהאָמייע, סאָמאַלי א. א. וו. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, זיינען די פראַנצויזישע קאָלאָניעס צום אָנהויב פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט כמעט צוואַנציג מאָל גרעסער געווען פאַר פראַנקרייך גופא. (די ענגלישע זיינען די קאָלאָניעס מער ווי הונדערט מאָל גרעסער פאַר ענגלאַנד גופא).

דייטשלאַנד איז אין ענין גזילה אַרויסגעטראָטן שפּעטער, אָן ערך פון 1884-טן יאָר, נאָר פאַר דער קורצער צייט האָט זי שוין אויך דערלאַנגט אָנ-צוראַבעווען אַ היפּש ביסל לענדער.

די צאַרישע רוסלאַנד האָט אויך געפירט אַ רויבערישע פּאָליטיק אין גאָר גרויסן מאַסשטאַב פאַר דער לעצטער צייט, דערהויפּט אין אַזיען און דאָס האָט געפירט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאַן, וועלכע האָט געראַבעוועט פון דעם אַנדערן עק.

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אײַנגענומען אין זייערע הענט [illegible] אינזלען נעבן אַמעריקע און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן ראַבעווען פרעמד פאַרמעגן אויך אויפן קאָנטינענט. באַזונדערס [illegible] איז געווען זייער רויבערישע פּאָליטיק אין מעקסיקע.

אַרום און אַרום האָבן זעקס גרויסע מלוכות אין 1914-טן יאָר געהאַט 16 מיליאָן קוואַדראַט-קילאָמעטער מעטראָפּאָל-ערד און 81 מיליאָן קוואַדראַט-קילאָמעטער אָנגערויבטע ערד (קאָלאָניעס).

ס'פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע גזילה האָט ראשית כל אָנגערירט די קליינע לענדער, די אומבאַהילפיקע און שוואַכע. זיי פלעגן אונטערגיין די ערשטע, אַזוי ווי אין קאַמף צווישן די פאַבריקאַנטן און די קליינע בעלי-מלאכות פלעגן אונטערגיין די ערשטע די בעלי-מלאכות. אַזוי איז אויך דאָ: די גרויסע מלוכות-פרעסער, דער גרויסער רויבערישער אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַל האָט קודם כל צעבראָכן די קליינע מלוכות און האָט זי אונטערטעניק געמאַכט אונטער זיך. אַט אַזוי איז פאָרגעקומען די קאַפּיטאַל-צענטראַליזירונג אין דער וועלט-ווירטשאַפט: די קליינע מלוכות זיינען אונטערגעגאַנגען, די גרויסע רויבערישע מלוכות פלעגן גרעסער ווערן, פלעגן ווערן גרעסער און שטאַרקער.

נאָר ווען זיי האָבן שוין צעראַבירט די גאַנצע וועלט און ווען דער קאַמף צווישן זיי גופא איז געוואָרן שטאַרקער, איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'הייבט זיך אָן אַ געוואַלטיקער געשלעג פאַר איבערטיילן די וועלט צווישן די רויבער. דער קאַמף ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט צווישן די פאַרבליבענע וועניקע [illegible] מלוכות.

די אײַנעמונג-פּאָליטיק, וועלכע דער פינאַנץ-קאַפּי-

טאַל פירט פאַר די אָפזאַץ-מערק, פאַר די רוי-מאַטעריאַלן-מערק, פאַרערטער, וואו צו פאַרנוצן דעם קאַפיטאַל, הייסט אימפעריאַליזם. דער אימפעריאַליזם וואַקסט אויס פונם פינאַנץ-קאַפיטאַל פונקט ווי דער טיגער קען זיך ניט דערנערן מיט גראָז. אזוי האָט אויך דער פינאַנץ-קאַפיטאַל ניט געקענט און קען ניט פירן קיין שום אַנדער פּאָליטיק, ווי אַ פּאָליטיק פון פאַרכאַפּן, רויבן, געוואַלדטועוען און פירן מלחמות. איטליכע פון די פינאַנץ-קאַפיטאַליסטישע מלוכות טראַסטן וויל בעצם פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט, בילדן אַן אַלוועלטליכע מלוכה, וואו עס זאָל אומבאַגרענעצט הערשן א הייפעלע קאַפיטאַליסטן פון יענעם פאָלק, וואָס האָט אַפּגעהאַלטן א נצחון. דער איינגלישער אימפעריאַליסט חלומט, למשל, וועגן „גרויס בריטאַניע" וועלכע זאָל הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, וואו די איינגלישע סינדיקאַט-הערן זאָלן קענען האַלטן אונטער זייער פוס די נעגרעס און די רוסן, די דייטשן און די כינעזער, די אינדוסן און די אַרמענער, — מיט איין וואָרט הונדערטער כלערליי שוואַרצע, געלע, ווייסע און רויטע קנעכט. און איינגלאַנד האַלט שוין טאַקע ניט ווייט פון דעם. נאָר וואָס מער ס'איז אַנגערויבט, אַלץ מער ווילט זיך. דאָסזעלביקע איז אויך מיט די איבעריקע. די רוסישע אימפעריאַליסטן חלומען וועגן „גרויס-רוסלאַנד", די דייטשישע וועגן „גרויס דייטשלאַנד" א. א. וו. אונטער דער דאָזיקער „גרויסקייט" פאַרשטייט מען די מיאוסטע רויבערייען פון אַלע איבעריקע פעלקער.

אויף אזאַ אופן איז קלאָר, אַז די הערשאַפט פונם פינאַנץ-קאַפיטאַל האָט געמוזט אַריינוואַרפן די גאַנצע מענטשהייט אין א בלוטיקן תהום פון מלחמות לטובת די באַנקירן און די סינדיקאַט-הערן, מלחמות ניט פאַר דאָס אייגענע לאַנד, נאָר אויף צו ראַבירן פרעמדע לענדער, מלחמות אויף אונטערטעניק צו מאַכן די וועלט אונטער דער הערשאַפט פונם פינאַנץ-קאַפיטאַל פון דעם לאַנד, וואָס וועט זיגן. און אט אזא איז טאַקע געווען די ערשטע גרויסע וועלט-מלחמה פון 1919 — 1914-טע יאָרן.

§ 28 **דער מיליטאַריזם.** די הערשאַפט פונם פינאַנץ-קאַפיטאַל, פון די באַנקירן און סינדיקאַט-הערן האָט זיך אויסגעדריקט נאָך אין איין מערק-ווירדיקער זאַך: אין דעם אומגעזועהענעם ביז איצט וואוקס פון הוצאות אויף באַוואָפענונג, אינם וואוקס פון די אַרמייען, פונם ים-פלאָט און לופט-פלאָט און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך. אַמאָליקע יאָרן האָט גאָר קיינער די העזה ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, און איצטער דיינקען די אימפעריאַליסטן גאַנץ ערנסט וועגן דעם. קיינמאָל האָבן זיך נאָך ניט געשלאָגן איינע מיט דער אַנדערער אַזעלכע מוראדיק שטאַרקע מלוכות-טרעסטן, און ס'פאַרשטייט זיך, אין פאַרגלייך מיט דעם איז בײַ די איצטער-דיקע מלוכות אויסגעוואַקסן דאָס געווער אויף צו שלאָגן, ס'איז אויסגעוואַקסן זייער באַוואָפנטע קראַפט. די גרויסע מלוכות האַלטן אין איין פאַר-כאַפּן פרעמדן פאַרמעגן און דערבײַ קוקן זיי זיך שטענדיק אום איינע אויף דער צווייטער: צי וועט זי ניט אַ ביס טאָן פון הינטן איר שכן, פונקט אזאַ

מין רויבער. און איטאליע פון זיי מוז איצט האָבן מיליטער ניט נאָר פאַר די קאָלאָניעס און קעגן די אייגענע אַרבעטער, נאָר אויך כּדי צו קעמפן מיט די רויבעריי-חברים. פּרט נאָר איין מלוכה איין א נייע באַוואָפענונג-סיסטעם, ווי די צווייטע זעהט גלייך זי איבעריאָגן, כּדי ניט צו בלייבן הינטערשטעליק, און אָט אַזוי הייבט זיך אָן א ווילדע יאָגעניש אין באַוואָפענונגען: איין מלוכה טרייבט אונטער די צווייטע. ס'וואַקסן די גיגאַנטישע אונטערנעמונגען און טרעסטן פון די האַרמאַטן-קיניגן: די פּוטילאָוס, קרופּס, אַרמסטראַנגס, וויקערס א. א. וו. אָט די האַרמאַטן-טרעסטן לייגן אין די קעשענעס קאָלאָסאַלע רווחים, שטייען אין פאַרבינדונגען מיט די גענעראַל-שטאַבן און שטרעבן אויף כּלערליי אופנים פון זייער זייט צו אינטערגיסן אויל אויפן פייער, אונטערהעצנדיק אַלערליי צוזאַמענשטויסן; פון מלחמות הייבט דאָך אָן דער וווּלשטאַנד פון זייער ריווח.

אָט וואָס פאַר א משוגעגעם בילד ס'האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פאַר דער מלחמה. די מלוכות-טרעסטן האָבן אויסגעשטעלט מיליאָנען באַיאָנעטן: אויף דער יבשה, אויף די ימים, אין דער לופט אומעטום איז אַלץ גרייט געווען צו אַן אַלוועלטליכן געשלעג; צווישן אַלע הוצאות פון דער מלוכה האָבן דעם ערשטן אָרט אַלץ מער און מער פאַרנומען די הוצאות אויף די אַרמיי און פלאָט. אין ענגלאַנד, למשל, האָבן די מיליטער-הוצאות געבילדעט אין 1875-טן יאָר 38,6%, דאָס הייסט, עפּעס מער ווי א דריטל, און אין 1908—1907 שוין 48,6%, דאָס הייסט, כּמעט א העלפט פון אַלע מלוכה-הוצאות. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיי אין 1908-טן יאָר געבילדעט גאַנצע 56,9%, דאָס הייסט א שוין ביסל מער פון א העלפט. דאָס זעלביקע איז אויך אין די איבעריקע מלוכות. „דער פּרייסישער מיליטאַריזם" האָט געבליהט אין אַלע גרויסע מלוכות-טרעסטן. די האַרמאַטן-קיניגן האָבן זיך גאַנץ געשמאַק פאַרדינט. אין די גאַנצע וועלט איז מיט א געוואַלטיקן אימפּעט געגאַנגען צו דער בלוטיקסטער מלחמה, צו דער אימפּעריאַליסטישער וועלט-הריגה.

(בפרט אינטערעסאַנט איז די קאָנקורענץ צווישן דער ענגלישער און דער דייטשישער בורזשואַזיע. פון 1912-טן יאָר האָט ענגלאַנד באַשלאָסן בויען דריי פּאַנצער-שיפן-דרעדנויטן אויף יעדע צוויי, וואָס ס'וועט בויען דייטשלאַנד. אין 1913-טן יאָר האָט דייטשלאַנד געוואָלט האָבן אין צפון-ים 17 דרעדנויטן, און ענגלאַנד—21; אין 1916-טן יאָר בא דייטשלאַנד—26, בא ענגלאַנד—36 און א. וו.

די הוצאות אויף די אַרמיי און דעם פלאָט זיינען אַזוי געוואַקסן:

	מיליאָנען רוב.			מיליאָנען רוב.	
	1880	1908		1888	1908
רוסלאַנד	210	470	איטאַליע	75	120
פראַנקרייך	300	415	ענגלאַנד	150	280

דייטשלאנד	180	405	יאפאן	7	90
עסטרייך-אונגארן	100	200	די פאר. שטאטן	100	200

פאר 13 יאר זיינען די הוצאות אויסגעוואקסן אין צוויי מאל. און אין יאפאן אין 13 מאל. פאר דער מלחמה איז דער באוואפענונג טאנץ געווארן נאך גרעסער. פראנקרייך האט אין 1910-טן יאר אויסגעגעבן אויף מיליטער-הוצאות 502 מיליאן רובל, אין 1914-טן יאר- 740; דייטשלאנד אין 1906-טן יאר 478 מ. ר.; אין 1914 943 מיליאן. דאס הייסט, זי האט פאר 8 יאר פארגרעסערט די הוצאות אין צוויי מאל. נאך שטארקער האט זיך באוואפנט איינגלאנד. אין 1900-טן יאר האט זי אויסגעגעבן 499 מ. ר., אין 1910-טן שוין 694 מיליאן, און אין 1914-טן 804 מיליאן, אין 1913-טן יאר האט איינגלאנד אויסגעגעבן אויף איר פלאט מער, איידער אלע מלוכות צוזאמען אויף זייערע פלאטן אין 1886-טן יאר. די צארישע רוסלאנד האט אויסגעגעבן אויף מיליטער-הצטרכות אין 1892-טן יאר 293 מיליאן. אין 1902-טן יאר 241 מיליאן, אין 1906-טן יאר 629; אין 1914-טן יאר איז די סמעטע פונם מיליטער און ים מיניסטעריום דערגאנגען ביז 975 מיליאן.

די הוצאות אויף מיליטער הבנות פלעגן פארשלינגען א קאלאסאלן טייל פאלקס-געלט. רוסלאנד פלעגט, למשל, אויסגעבן אויף דעם כמעט א דריטל פון אלע אירע הוצאות, און מיט די פראצענטן פאר הלואות נאך מער איידער א דריטל. אט זיינען ציפערן.

פון יעדע הונדערט רובל פלעגט אין צארישער רוסלאנד אויסגעגעבן ווערן:

אויף די ארמיי, פלאט, צאלינגען פאר הלואות	40 ר.	14 ק.
„ פאלקס-בילדונג (3 מאל וויניקער)	3	86
„ ערד-איינארדענונג (10 מאל וויניקער).	4	6
„ פארוואלטונג, געריכט, קמוניקאציאן-מיניסטעריום,		
האנדל און אינדוסטריע. פינאנצן א. א. וו.	51 ר.	94 ק.
סך הכל	100 ר.	

די זעלביקע געשיכטע איז געווען אין די איבעריקע מלוכות. לאמיר נעמען די „דעמאקראטישע" איינגלאנד אין 1904-טן יאר.

פֿון יעדע הונדערט רובל פֿלעגט אויסגעגעבן ווערן:

אויף די אַרמיי און פֿלאָט	53 ר. 80 ק.	סך הכל 76 ר. 30 ק.
אויף צאָלן די מלוכה חובות און פּראָצענטן	22 50	
אויף בירגערליכע אַנשטאַלטן . . .	23 ר. 70 ק.	
	סך הכל 100 ר.	

§ 2) די אימפּעריאַליסטישע מלחמה פֿון 1914—1918 יאָרן.

פֿון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק וועלכע ס'האָבן געפֿירט די „גרויסע מלוכות“, איז קלאָר געווען, אַז זיי מוזן זיך פֿריִער אָדער שפּעטער צוזאַמענשטויסן. ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז געראָדע אַט די רויבערישע פּאָליטיק פֿון אַלע „גרויסע מלוכות“ איז געווען די סיבה פֿון דער מלחמה. נאָר אַ נאַר וועט איצט גלייבן, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿאַר, וואָס די סערבן האָבן דערהרגעט דעם עסטרייכישן פּרינץ אָדער וואָס דייטשלאַנד איז אָנגעפֿאַלן אויף בעלגיע. אין אָנהויב פֿון דער מלחמה האָט מען זייער שטאַרק גערעדט וועגן דעם, ווער איז שולדיק אין דער מלחמה. די דייטשישע קאַפּיטאַליסטן האָבן געטענהט, אַז אָנגעפֿאַלן איז רוסלאַנד, די רוסישע סוחרים האָבן דורכאויס געטומלט, אַז דייטשלאַנד איז אָנגעפֿאַלן. אין ענגלאַנד האָט מען גערעדט, אַז ענגלאַנד פֿירט מלחמה, כדי צו פֿאַרטיידיקן די קליינע געליטענע אין פֿראַנקרייך האָט מען אויך געשריבן, געשריען, געזונגען, וואָס פֿאַר אַ איידלקייט ס'ווייזט אַרויס פֿראַנקרייך, וואָס זי נעמט זיך אָן פֿאַר דאָס העלדישע בעלגישע פֿאָלק. און אין דערזעלבער צייט האָט מען זיך אין עסטרייך און דייטשלאַנד אויך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו דערווייזן אַז עסטרייך און דייטשלאַנד ווילן זיך נאָר פֿאַרטיידיקן קעגן דעם אָנפֿאַל פֿון די רוסישע קאָזאַקן, אַז זיי פֿירן אַ הייליקע פֿאַרטיידיקונגס-מלחמה.

דאָס איז אַלץ פֿון אָנהויב ביזן סוף געווען ניט מער ווי אַ נאַרישקייט און אַ רמאות בנוגע די אַרבעטענדיקע. די בורזשואַזיע האָט זיך גענויטיקט אין דער דאָזיקער רמאות, כדי צו צווינגען די סאָלדאַטן גיין אויף מלחמה. און שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווענדעט די בורזשואַזיע אָן אַזאַ מיטל. מיר האָבן שוין פֿריִער געזען, ווי די סינדיקאַט-הערן פֿלעגן איינפֿירן הויכע אָפּצאָלונגען, כדי, האָבנדיק די קונים בא זיך אין דערהיים, בעסער צו פֿירן דעם קאַמף אויף פֿרעמדע מערק. די אָפּצאָלונגען זיינען, הייסט עס, געווען פֿאַר זיי אַן אַנגריף-כּלי, און געשריען האָט די בורזשואַזיע, אַז זי וויל פֿאַרטיידיקן די „היימישע אינדוסטריע“. דאָס זעלביקע איז אויך מיט דער מלחמה. דער תּכלית פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, וואַ

האט געמאכט אונטערטעניק די וועלט אונטער דער הערשאפט פונם פינאנץ-קאפיטאל, איז טאקע באשטאנען אין דעם, וואס אלע זיינען אנגעפאלן. איצטער איז עס שוין גאנץ קלאר. די צארישע מש תים פלעגן טענהען, אז זיי „פארטיידיקן זיך”. נאר ווען די אקטיאבער-רעוואלוציע האט אויפגעבראכן די געהיימע מיניסטארן-שראנקען, איז שווארץ אויף ווייס געווען אויפגעוויזן, אז סיי דער קיסר, סיי קערענסקי, הא"י, צוזאמען מיט די איינגלענדער און די פראנצויזן, געפירט מלחמה צוליב רויבערישע צוועקן, אז זיי האבן געוואלט פארכאפן דעם פרעמדן קאנסטאנטינאפאל, בארויבן טערקיי און פערסיע, אפ-רייסן בא עסטרייך גאליציע. דאס איז איצט פונקט אזוי קלאר, ווי צוויי מאל צוויי איז פיר.

די מעשים פון די דייטשישע אימפעריאליסטן זיינען אויך גאנץ קלאר איצטער. ס'איז גענוג זיך צו דערמאנען וועגן בריסקער שלום, וועגן די רויבערייען, וואס זיי האבן געמאכט אין ליטע, פוילן, אוקראינע פינלאנד. די דייטשישע רעוואלוציע האט אויך אביסל דערציילט פון חדר, און איצט ווייסן מיר שוין דאקומענטאליש, אז דייטשלאנד האט זיך געגרייט צום אנגריף רק פון גזילה וועגן און האט זיך געטראגן מיטן געדאנק צו פאר-כאפן כמעט אלע פרעמדע קאלאניעס און נחלאות.

און די „איידעלע” פארבינדעטע? אויך זייערע מעשים זיינען שוין איצט אויפגעדעקט. נאכדעם ווי זיי האבן מיט זייער ווערסאלער שלום ביזן לעצטן פאדים באגזלט דייטשלאנד, ווי זיי האבן ארויפגעלייגט 125 מיליארד קאנט-ריבוציע, ווי זיי האבן צוגענומען דעם גאנצן פלאט, דערשלונגען כמעט אלע לאקאמאטיוון, האבן צוגענומען אויפן חשבון פון דער קאנטריבוציע מעלקעדיקע קיה און אזוי ווייטער, וועט שוין מסתמא קיינער ניט גלויבן אין זייער איידלקייט. אויך רוסלאנד רייסן זיי אויף שטיקער אי פון צפון אי פון דרום הייסט עס, אז אויך זיי האבן געפירט מלחמה לשם גזילה.

דאס אלץ האבן געזאגט די קאמוניסטן-באלשעוויקעס אין סאמע אנהויב פון דער מלחמה. ווייניק ווער אבער האט דאן געגלויבט. נאר איצט איז עס שוין קלאר פאר יעדן ניט גאר נארישן מענטשן. דער פינאנץ-קאפיטאל איז א זשעדנער בלוטדורשטיקער רויבער. אלץ איינס פון וואס פאר א מין ער זאל ניט זיין: צי א רוס, צי א דייטש, א פראנצויז, א יאפאנער אדער אן אמעריקאנער.

הייסט עס, איז וועגן דער אימפעריאליסטישער מלחמה איז א געלעכ-טער צו זאגן, אז איין אימפעריאליסט איז שולדיק און דער צווייטער ניט אדער אז אייניקע אימפעריאליסטן פאלן אן און די איבעריקע פארטיידיקן זיך. דאס האט מען אלץ אויסגעטראכט כדי אפצונארן די ארבעטענדיקע. אין דער אמתן פלעגן זיי אלע ראשית כל אנפאלן אויף די קליינע קאלאניאלע פעלקער, זיי אלע האבן זיך געטראגן מיטן געדאנק וועגן אן אלוועלטליכער רויבעריי און וועגן מאכן אונטערטעניק די גאנצע וועלט אונטער דער הער-שאפט פונם פינאנץ-קאפיטאל פון זייער לאנד.

די אויסגעבראכענע מלחמה האט געמוזט זיין א וועלט-מלחמה, און ס'איז פארשטענדליך פארוואס מיר ווייסן דאך שוין, אז צו יענער צייט איז שוין כמעט די גאנצע וועלט געווען צוריסן אויף שטיקער און צ'טיילט צווישן די „גרויסע מלוכות". און אלע מלוכות זיינען געווען צונויפגעבונדן צווישן זיך אין איין וועלט-ווירטשאפט. דעריבער איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס די מלחמה האט פארכאפט אלעמען, ביידע האלב קויקן פון דער ערד.

איינגלאנד, פראנקרייך, איטאליע, בעלגיע, רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, סערביע, באלגאריע, רומיניע, טשערנאגאריע, יאפאן, די פאראייניקטע שטאטן, כינע, צענדליגער אנדערע קליינע מלוכות, מיט איין ווארט כמעט אלע זיינען געווען אריינגעצויגן אין דעם בלוטיקן קעסלגרוב. די באפעלקערונג פונם גאנצן ערד-קייל באטרעפט אן ערך אנדערהאלבן מיליארד מענטשן, און אט די גאנצע אנדערהאלבן מיליארד האבן דירעקט אדער אומדירעקט געפילט אויף זיך די אומגליקן פון דער מלחמה, וואס ס'האט אנגעבונדן א הייפעלע קאפיטאליסטישע פארברעכער. אזעלכע גרויסע ארמייען, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווען אויף דער יבשה, אזעלכע מוראדיקע טויט-געצייג האט נאך די וועלט קיינמאל ניט געזעהן. ניט געזעהן האט אויך די וועלט אזא קראפט פונם קאפיטאל. אין דער אמתן, איין איינגלאנד מיט פראנקרייך האבן דאך געצוואונגען, אז זייער געלט-זאק זאלן דינען ניט נאר איינגלענדער און פראנצויזן, נאר אויך פיל צענדליגער זייערע קאלאניאלע קנעכט. שווארצהויטיקע, געלהויטיקע און כלערליי אנדערע. די „ציוויליזירטע" רויבער האבן זיך באנוצט מיט כמעט מענטשן פרעסער, הגם זיי האבן געטאן מיט זיי, וואס נאר זיי האבן געוואלט. און דאס אלץ איז געגאנגען אונטער א שלייער פון די אידעלסטע לאזונגען.

(די מלחמה פון 1914-טן יאר האט געהאט אירע פארגייער אין די מלחמות צוליב די קאלאניעס. אזא כאראקטער האט געטראגן דער מארש פון די „ציוויליזירטע" מלוכות קעגן כינע; דער שפאניש-אמעריקאנער קריג; דער רוסיש-יאפאנישער קריג פון 1904-טן יאר (צוליב קארייע, פארט-ארטור, מאנדזשוריע א. א. וו.); דער איטאליעניש-טערקישער קריג פון 1912-טן יאר (צוליב דער אפריקאנער קאלאניע טריפאלי), דער איינגליש-בורער קריג אין אנהויב פון 20-טן יארהונדערט, ווען די „דעמאקראטישע" איינגלאנד האט אבזויכטדיק דערשטיקט צוויי בורער רעפובליקן; ס'איז געווען א ריי פאלן, וועלכע האבן שוין ניט איינמאל שיעור ניט געבראכט צו קיין וועלט-מלחמה. די צוטיילונג פון אפריקע האט שיעור ניט געבראכט צו א מלחמה צווישן איינגלאנד און פראנקרייך (צוליב פאשאדע), דערנאך צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך (צוליב מאראקא); די צארישע רוסלאנד האט איין צייט שיעור ניט אנגעהויבן פירן מלחמה מיט איינגלאנד צוליב מיטל-אזיען.

צו דער צייט פון דער וועלט-מלחמה זיינען באזונדערס שארף ארויסגעטראטן די אינטערעסן-סתירות צווישן איינגלאנד און דייטשלאנד צוליב הער-

שאַפֿט איבער אַפֿריקע, קליין־אזיע און די באַלקאַנען. און די לאַגע איז גע-
ווען אַזאַ, אַז צוזאַמען מיט ענגלאַנד איז געגאַנגען פֿראַנקרייך, וועמען ס'האָט
זיך שטאַרק געוואָלט [illegible] עלזאַס־לאָטרינגען. צאַרן רוס-
לאַנד [illegible] אַ [illegible] אין די באַלקאַנען און אין
גאַליציע. דער [illegible] אימפּעריאַליזם האָט געהאַט זיין הויפּט-
פֿאַרהאַנדלונגען אין [illegible]. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט
זיך [illegible] ער האָט אָבגעוואַרט, ביז אַלע אייראָפּעי-
אישע מלוכות [illegible] אָפּגעשוואַכט ווערן.

אײַנער פֿון די [illegible] קאַמפּף־מיטלען צווישן די אימפּעריאַליס-
טישע מלוכות איז [illegible] די געהיימע דיפּלאָמאַטיע,
וועלכע באַנוצט זיך מיט געהיימע אָפּמאַכן און פֿאַרשווערונגען און האַלט זיך
אַפֿילו ניט אָפּ פֿאַר רציחות, [illegible] וכדומה. די אמתע צוועקן פֿון דער
אימפּעריאַליסטישער [illegible] זײַנען טאַקע פֿון אַט די געהיימע אָפּמאַכן,
וועלכע [illegible] צווישן ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און רוסלאַנד
פֿון איין זייט און צווישן דײַטשלאַנד, עסטרײַך־אונגאַרן, טערקיי און באַל-
גאַריע פֿון דער אַנדערער זייט. די רציחה פֿונעם עסטרײַכישן ערצהערצאָג פֿאַר
דער מלחמה איז [illegible] געמאַכט געוואָרן ניט אין דעם ווילן פֿון דער אַנטאַנט.
נאָר די [illegible] האָט, פֿון דער אַנדערער זייט, גאָרנישט ניט
געהאַט קעגן דעם. דער [illegible] אימפּעריאַליסט ראָרבאַך האָט, למשל,
געשריבן: [illegible] פֿאַר אַ גליק, וואָס אַראָנק די רציחה פֿונעם
ערצהערצאָג [illegible] האָט זיך די גרויסע אַנטידײַטשישע פֿאַר-
שווערונג [illegible] פֿאַר דעם [illegible] טערמין, און צוויי
יאָר אַרום [illegible] אַ סך שווערער". די דײַטשישע
פּראָוואָקאַציע [illegible] פֿאַר אַ קרבן זייער
פּרינץ, [illegible] מלחמה: די ענגליש־פֿראַנצויזיש־רוסישע
געהיימע [illegible] זיך ניט [illegible] פֿאַר דערהרגענען דעם דאָזיקן
פּרינץ.

[illegible] קאַפּיטאַליזם און די קלאַסן. די אימפּעריאַליס-
טישע מלחמה [illegible] מיט גרויס און מיט די
[illegible] מיט דעם, וואָס די גאַנצע
[illegible] די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, [illegible]
[illegible] אויפֿגאַבן.
[illegible] געקעגט פֿײַן מלחמות. און דאָס האָט
[illegible] אין די [illegible] מלחמה איז געווען אַזאַ
[illegible] קלאַפּן [illegible], אַז
[illegible] מלחמה אין [illegible] געווען,
אַז די [illegible] רק מיט גיסן הארמאַטן. איינעם
[illegible] די קייזער [illegible] באַנוצט
[illegible] אַלע מיטלען, דאָס גאַנצע געוועב. פֿעל

אַ. אַ. וו. אלץ זאל גיין נאר אויף דער מלחמה. און ס׳פארשטייט זיך, אז יעדער מלוכה־קאפיטאליסטישער טרעסט האט געקענט האבן מבטח זיין, אַז ווען די פראדוקציע און דער טראנספארט וועלן בעסער באדינען די מלחמה.

ווי אזוי זשע דערגרייכט מען עס? ס׳איז קלאר, אז דאָס קען מען דער־גרייכן נאר דורך דער צענטראליזירונג פון דער גאנצער פראדוקציע. מע האט געדארפט איינאָרדענען אזוי, אז די פראדוקציע זאל גיין כשורה, זאל זיין גוט אָרגאניזירט, זאל זיין אונטערגעווארפן אונטער די דירעקטע אנווייזונגען פון די מיליטער־לייט, דאס הייסט פונם גענעראל־שטאב און זאל פונקטליך אויספירן אלע פאַראָרדענונגען פון די מענטשן וואס גייען עפּאָלעטן און מיט אָרדענס.

ווי אזוי האט עס די בורזשואזיע געקענט אויפטאָן? גאנץ פשוט. צוליב דעם האט זי נאר געדארפט איבערגעבן די פריוואַטע פראָדוקציע און איינצלנע פריוואַטע סינדיקאַטן און טרעסטן אין רשות פון איר בורזשואזער רויבע־רישער מלוכה. און דאס איז טאקע געטאָן געווארן אין דער מלחמה־צייט. די אינדוסטריע איז „מאָבּיליזירט״ און „מיליטאַריזירט״ געווארן. דאס הייסט, זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער מלוכה און דער מיליטער־מאכט. ווי אַזוי עפּעס־וועט דאך אימיצער פרעגן. די בורזשואזיע פאַרלירט דאך דאן איר הכנסות? דאס איז דאָך א נאַציאָנאַליזירונג! ווערט אלץ איבערגעגעבן דער מלוכה. סאָ וואָס זשע האט דערביי צו טאָן די בור־זשואזיע און ווי אזוי גייט זי דאָס אויף אזא זאך? אז די בורזשואַזיע איז אויף דעם איינגעגאנגען, דאס איז א פאַקט. נאָר ס׳איז דא גארנישט ניטאָ וואס צו וואונדערן זיך, ווייל די פריוואַטע סינדיקאַטן פלעגן דאָך איבערגע־געבן ווערן ניט דעם ארבעטער, נאר דער אייגענער, אימפעריאליסטישער מלוכה. און וואָס איז דאָ אַזוי שרעקליך פאַר דער בורזשואַזיע? זי פלעגט פשוט איבערלייגן איר געלט פון איין קעשענע אין די צווייטע; גאר קלענער איז דערביי איר געלט ניט געוואָרן.

מע דארף שטענדיק געדיינקען וועגן דעם קלאסן כאראַקטער פון דער מלוכה. די מלוכה איז ניט עפּעס אַ „דריטע קראַפט״, וואס שטייט איבער די קלאסן, נאר זי איז פון קאָפּ ביז די פיס אַ קלאסן אָרגאניזאציע. באַ דער דיקטאַטור פון אַרבעטער איז זי אן ארגאניזאַציע פון אַרבעטער. בא דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז עס פונקט אזאַ ווירטשאַפטס־ארגא־ניזאציע ווי אַ סינדיקאַט אָדער אַ טרעסט.

הייסט עס, אז ווען די בורזשואזיע פ.ג. איבערגעבן די פריוואַטע סינדיקאַטן אין די הענט פון איר אייגענער (ניט פון א פראָלעטאַרישער, נאר פון איר אייגענער, רויבערישער) מלוכה, פלעגט זי קיין שום זאך ניט פאַרלירן. איז דען ניט אַלץ איינס, צי וועט דער פאַבריקאַנט שולץ אָדער שמיט באַקומען זיין ריווח פון דער קאַנטאָר פונם סינדיקאַט, אדער פון דער קאַסע פונם מלוכה־באַנק? נאר ניט אָנווערנדיק דערביי. האט די בורזשואזיע,

פּאַרקערט, געוואונען. געוואונען האָט זי, ווייל בײַ אַזאַ צענטראַליזירונג האָט זיך אויסגעצייכנט געדרייט די מיליטער-מאַשין און געווען געוואַקסן די שאַנסן, אַז זי וועט האָבן ערפאָלג אין דער מלחמה.

דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס פאַר דער צײַט פון דער מלחמה האָט זיך אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם אַנשטאָט דעם קאַפּיטאַליזם פון פּריוואַטע סינדיקאַטן אָדער טרעסטן. דייטשלאַנד, למשל, פלעגט אָפּהאַלטן נצחונות און האָט אין אַ משך פון אַ לאַנגער צײַט אויסגעהאַלטן דעם דראַנג פון אַ סך גרעסערע כּוחות פון אירע קעגנער נאָר דערפאַר, וואָס די דייטשישע בורזשואַזיע האָט זעהר גוט אָרגאַניזירט אָט אָ דעם מלוכה-קאַפּיטאַליזם.

דער איבערגאַנג צום מלוכה-קאַפּיטאַליזם פלעגט פאָרקומען אין פאַרשיידענע פאָרמען, אויף פאַרשיידענע שטייגערס. אָפט פון אַלץ פלעגט אײַנגעשטעלט ווערן מלוכה-מאָנאָפּאָלן אינעם געביט פון פּראָדוקציע און האַנדל. דאָס הייסט, אַז די פּראָדוקציע און האַנדל ווערן מלוכהשע, פלעגן אינגאַנצן איבערגיין אין די הענט פון דער בורזשואַזער מלוכה. אָפטמאָל פלעגט אַזאַ איבערגאַנג פאָרקומען ניט מיט אַמאָל, נאָר אין אַ געוויסן טייל. אַזוי פלעגט זיין דאָס, ווען די מלוכה פלעגט אָפּקויפן אַ טייל אַקציעס פון אַ וואָסער ניט איז סינדיקאַט אָדער טרעסט.

אַזאַ אונטערנעמונג פלעגט דאַן ווערן אַ האַלב-מלוכהשע. אַ האַלב-פּריוואַטע און די מלוכה פון דער בורזשואַזיע פלעגט דאָרט דורכפירן איר פּאָליטיק. אחוץ דעם, פלעגן אפילו אין די אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּריוואַטע הענט, אײַנגעפירט ווערן חיוב-כללים: אײַניקע אונטערנעמונגען זיינען, לאָמיר זאָגן, מחויב לויט דעם געזעץ צו קויפן בײַ די צווייטע, און די צווייטע זיינען מחויב זיי פאַרקויפן אין אַ געוויסער צאָל און לויט אַ באַשטימטן מקח; די מלוכה פלעגט אויך אײַנפירן חיוב-אופנים פון אַרבעט, פלעגט אָנווייזן מאַטעריאַל און אַזוי ווייטער. פלעגט אײַנפירן קאַרטן אויף אַלע וויכטיקע פּראָדוקטן. און אָט אַזוי איז אויפן אָרט פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם אויסגעוואַקסן דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם.

בײַם מלוכה-קאַפּיטאַליזם טרעט אַרויס די אײַנהייטליכע אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, איר מלוכה, אויפן אָרט פון אײַנצלנע אָרגאַניזאַציעס פון דער בורזשואַזיע. פאַר דער מלחמה איז אין אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד געווען, לאָמיר זאָגן, אַ מלוכה-אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, און באַזונדער פון איר זיינען געווען סינדיקאַטן, טרעסטן, אונטערנעמער-פאַרבאַנדן, גוטסבאַזיצער אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע פּאַרטייען פון דער בורזשואַזיע, פאַראײַנען פון בורזשואַזע זשורנאַליסטן, געלערטע, קינסטלער; קירכן געזעלשאַפטן, גלחים-פאַרבאַנדן; געזעלשאַפטן פון ווייסגוואַרדייאישער יוגנט ביוראָס פון פּריוואַטע שפּיאָנען און אַ. וו. [illegible] קאַפּיטאַליזם גיסן

זיך אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס צונויף מיט דער מלוכה, זיי ווערן אָפּטיי-
לונגען פון דער מלוכה. פירן אויס איין אַלגעמיינעם פּלאַן, פאלגן „דער
העכסטער קאָמאַנדע“. אין די קוילן-גרובן און אויף די זאַוואָדן טוט מען דאס,
וואס עס הייסט דער גענעראַל-שטאַב; אין די צייטונגען שרייבט מען דאָס,
וואס ס'הייסט דער גענעראַל-שטאַב. אין די קלויסטערס פּריידיקט מען דאָס,
אין וואס עס נויטיקן זיך די רויבער פונם גענעראַל-שטאַב; מע מאָלט, מע
שרייבט, מע זינגט דאס, וואָס סע הייסט אָט דער זעלביקער גענעראַל-שטאַב;
מע געפינט נייע מאַשינעס, קוילן, הארמאַטן, גאַזן און אַלץ אַזעלכע, אין
וועלכע סאקע ער נייטיקט זיך. און אויף אַזאַ אופן ווערט דערגרייכט דאָס
וואס דאָס גאַנצע לעבן „ווערט מיליטאַריזירט“, כדי צו באַוואָרענען פאַר
דער בורזשואַזיע איר בלוטיק-שמוציקע ריוח-זאַך.

דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם באַטייט אַ קאָלאָסאַלע פאַרשטאַרקונג פון דער
גרויס בורזשואַזיע, פּונקט ווי בּאַ דער אַרבעטער דיקטאַטור, אין אַן אַרבעטער
מלוכה איז דער אַרבעטער קלאַס אַלץ שטאַרקער, וואָס געשלאָסענער ס'אַר-
בעטן צוזאַמען די ראַטן מאַכט. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די קאָמוניס-
טישע פּאַרטיי און א. וו.. פּונקט אַזוי איז בּאַ דער דיקטאַטור פון דער בור-
זשואַזיע איז זי אַלץ שטאַרקער, וואָס געשלאָסענער ס'זיינען אַלע בורזשואַזע
אָרגאַניזאַציעס, דורך דעם, וואָס דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם צענטראַליזירט און
פאַרוואַנדלט אַלע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס אין אָרגאַנען פון איין איינהייט-
ליכער אָרגאַניזאַציע, העלפט ער מיט דער קאָלאָסאַלער מאַכט פונם קאַפּיטאַל.
טאַקע אָט דאָ פייערט די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע איר יום-טוב.

(דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם איז פאַר דער צייט פון דער מלחמה אויפגע-
קומען אין אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אינם צאַרישן רוסלאַנד האט
ער שוין אָנגעהויבן אויפקומען (די מיליטער-אינדוסטריעלע-קאָמיטעטן, די
מאָנאָפּאָלן און א. וו.) נאָר דערנאָך האָט די רוסישע בורזשואַזיע, אָנגע-
שראָקן דורך דער רעוואָלוציע, מורא געהאט, אז צוזאַמען מיט דער
מלוכה-מאַכט וועט אויך די פּראָדוקציע איבערגיין אין די הענט פונם
פּראָלעטאַריאַט. דעריבער האָט זי נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע ניט נאָר ניט
געשטרעבט צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, נאָר, פאַרקערט, זי האט זי קאַליע
געמאַכט און סאַבאָטירט.

מיר זעהען, אַז דער מליכה-קאַפּיטאַליזם מאַכט לגמרי ניט קיין סוף צו
דער עקספּלואַטאַציע. נאָר ער פאַרשטאַרקט מער ניט די מאַכט פון דער בור-
זשואַזיע, פונדעסטוועגן האָבן די שיידעמאַנער אין דייטשלאַנד און אַנדערע
פּשרותמאַכער געפּריידיקט, אז די דאָזיקע קאַטאָרגע דאָס איז סאָציאַליזם, אז
אַלץ געהערט די מלוכה, הייסט עס, אז ס'איז סאָציאַליזם. זיי האָבן ניט גע-
זעהן, אַז די מלוכה איז דאָ ניט קיין פּראָלעטאַרישע, נאָר זי געהערט די
פאַרביטערטסטע פיינט פונם פּראָלעטאַריאַט).

דער מלוכה-קאפיטאליזם האט מיט דעם, וואס ער האט באהערשט און ארגאניזירט די בורזשואזיע, וואס ער האט פארשטארקט אירע כוחות, מורא-דיק פארשטארקט זיך, אפגעשוואכט דעם ארבעטער-קלאס. ביים מלוכה-קאפי-טאליזם פלעגן די ארבעטער פארוואנדלט ווערן אין ווייסע קנעכט פון דער רויבערישער מלוכה. מע האט בא זיי אפגענומען דאס רעכט צו שטרייקן, מע האט זיי מאביליזירט און מיליטאריזירט, איטליכן, וואס ס'פלעגט ארויסטרעטן קעגן דער מלחמה, פלעגט מען גלייך משפטן פאר מלוכה-בגידה; אין א סך לענדער איז אפגעשאפט געווארן די פרייהייט פון באוועגן זיך, פון איבער-גיין פון איין אונטערנעמונג אין דער צווייטער אין א. וו. דער „פרייער" לוין-ארבעטער פלעגט פארוואנדלט ווערן אין א לייבאייגענעם, וואס איז פאר-משפט דערהרגעט ווערן אויף די שלאכט-פעלדער ניט פאר זיין ענין, נאר פארן ענין פון זיינע פיינד; וואס איז פארמשפט צו ארבעטן ביזן זיבעטן שווייס ניט פאר זיך, זיינע חברים, זיינע קינדער, נאר פאר זיינע אייגענע אונטער-דריקער.

§ 33 דער קראך פונם קאפיטאליזם און דער ארבעטער קלאס.

אויף אזא אופן האט די מלחמה די ערשטע צייט מיטגעהאלפן דער צענטראליזירונג און ארגאניזירונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. דאס, וואס ס'האט ניט דערטאן ביזן סוף די סינדיקאטן, די בענק, די טרעסטן, די קאמבינירטע אונטערנעמונגען, דאס האט בעגונען אין אייליגיש פארענדיקן דער מלוכה-קאפיטאליזם. ער האט געשאפן א נעץ פון אלערליי ארגאנען, וואס רעגולירן די פראדוקציע און די פארטיילונג. ער האט אויף אזא אופן נאך אין א גרעסערער מאס צוגעגרייט דעם באדן, אז דער פראלעטאריאט זאל קענען נעמען אין די הענט א צענטראליזירטע גרויסע ווירטשאפט.

נאר די מלחמה, וואס האט זיך מיט איר גאנצער משא געלייגט אויפן ארבעטער קלאס, האט אוממעגלעך געמוזט ארויסרופן אויך אן אויפרעגונג פון די פראלעטארישע מאסן. זי האט קודם כל באטייט אזא מענטשן-הריגה, וואס די געשיכטע האט נאך קיינמאל עפעס אזוינס ניט געזען. די פראדוקציע פון דער מיניוס האט פראגרעסירט אומגעהויערלעך גיך. דער פראלעטאריאט פלעגט פיזיש אויסגעהרגעט ווערן אויף די שלאכט-פעלדער. לויט אייניקע חשבונות, איז די צאל דערהרגעטע, פארוואונדעטע און פאר-פאלענע נאך ביז מארט 1917 דערגאנגען ביז 25 מיליאן מענטשן; ביז דעם 1טן יאנואר 1918 איז די צאל דערהרגעטע געווען קרוב 8 מיליאן. אויב מע זאל אננעמען די דורכשניטלעכע וואג פון א מענטשן אין 3 פוד, הייסט עס, אז די קאפיטאליסטן האבן פון אויגוסט 1914 ביז יאנואר 1918 אויסגעארבעט 24 מיליאן פוד פארפוילטע מענטשן-פלייש. כדי גענוי אויס-צורעכענען די פארלוסטן אין מענטשן, האט מען נאך געדארפט צוגעבן די צאל קראנקע. דער סיפיליס נאר וואס האט זיך פאר דער מלחמה-צייט אומ-געווייטלעך אנטוויקלט, האט אנגעשטעקט כמעט די גאנצע מענטשהייט. נאך

דער מלחמה זיינען די מענטשן געווארן עטליכע מאל ערגער: די געזינטסטע ארבעטספעהיקע עלעמענטן, די בליהונג פון אלע פעלקער, זיינען אויסגע-הרגעט געווארן, אין ס׳פארשטייט זיך, אז אין דער ערשטער ריי האט געליטן דער ארבעטער קלאס און דאס פויערטום.

אין די גרויסע צענטרעס פון די מלוכות, וואס האבן געפירט מלחמה, האבן זיך אויסגעבילדעט אפילו גאנצע שטעטלאך פון באזונדערס-קאליעטשעטע און צעשעדיקטע, אן א מענטשישן פנים, בלויז מיט איין שארבן, מיט מאסקעס אויף די געזיכטער, וויצן אטא די אומגליקליכע קרבנות פון דער מלחמה, אט די לעבעדיקע עדות פון דער בורזשואזער קולטור.

נאר דער פראלעטאריאט פלעגט ניט נאר אויסגעהרגעט ווערן אין די ווילדע שלאכטן. אויף די פלייצעס פון די לעבעדיקע ארבעטער איז ארויס-געלייגט געווארן אן אומגעהייער שווערע משא. די מלחמה האט געפאדערט מוראדיקע הוצאות. און אין דער צייט, ווען די פאבריקאנטן און זאוואד-אייגנטימער פלעגן באקומען מוראדיק גרויסע רווחים, וואס האבן באקומען דעם ספעציעלן נאמען „מיליטער-ריווח", פלעגט מען אויף דעם ארבעטער קלאס ארויפלייגן גרויסע אפצאלונגען, וועלכע די מלחמה האט געפאדערט. און די הוצאות אויף דער מלחמה זיינען געווען טאקע באמת מוראדיקע. אין הארבסט 1919-טן יאר האט דער פראנצויזישער פינאנץ-מיניסטער אויף דער טשלום-קאנפערענץ געמעלדעט, אז די מלחמה האט אפגעקאסט די צדדים ריליאן פינף מיליארד פראנק. ניט איטליכער ווייס אפילו פון אזא אנרוף. אמאל פלעגט מען מיט אזעלכע צאלן רעכענען דעם מרחק פון איין שטערן ביזן צווייטן, און איצטער ציילט מען מיט זיי די הוצאות אויף דער פארברע-כערישער מענטשן-הריגה. טריליאן איז א מיליאן מיליאנען. אט וויפל ס׳האט אפגעקאסט די מלחמה, וואס די קאפיטאליסטן האבן פארטראכט. לויט אנדערע חשבונות, זיינען די מלחמה-הוצאות געווען אט וואס פאר א:

אין מיליאנען רובלען	
91	וויפל האט אפגעקאסט דאס ערשטע יאר מלחמה
136, 5	" צווייטע
204, 7	" דאס דריטע
	" די ערשטע העלפט פון פערטן יאר
153, 5	(31-טער יולי- 31 דעקאבער 1917)
585. 7	סך הכל

ס'פארשטייט זיך, אז פון יענער צייט זיינען די מלחמה-הוצאות נאָך מער אויסגעוואקסן און האָבן דערגרייכט אזעלכע סומען, וואָס איבערראַשן מיט זייער גרויס. צו דעקן אזעלכע הוצאות האט מען געמוזט האָבן גרויסע געלט-סומען, און ס'איז גאנץ נאַטירליך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האבן אָנגעהויבן ארויפלייגן געהעריקע קאַלאָסאַלע אָפּצאָלונגען אויפן אַרבעטער קלאַס. זיי פלעגן עס טאָן אָדער אין א דירעקטער פאָם. אדער פלעגן ארויפלייגן אפצאָלונגען אויף סחורות׳ אדער-ווען מע פלעגט נעמען א קלייניקייט אויך בא דער בורזשואַזיע—פלעגט זי פאטריאַטיש העכערן די פרייזן אויף סחורות. דער יקרות האָט געוואַקסן, און די פאבריקאַנטן בפרט די, וואָס האָבן געארבעט אויף דער מלחמה, פלעגן לייגן אין די קעשענעס אומגעהערטע רווחים.

(די רוסישע פאבריקאנטן האבן גרעסער געמאכט זייערע דיווידענטן מער ווי אין צוויי מאל, אין איינצלנע אונטערנעמונגען האט מען אנגעהויבן באקומען אומגעהערטע פראָצענטן. אָט זיינען ציפערן: די נאפט-געזעלשאפט ברידער מירזאָיעוו האט באקומען 40% דיווידענט; די אקציען-געזעלשאפט ברידער דאנישעווסקי — 30%; די טאבאק-פאבריק קאלף — 30% און א. וו. אין דייטשלאנד איז דער ריינער ריווח פון פיר צווייגן (פון דער כעמישער, אויפרייס-שטאפן, מעטאלורגישער, און אויטאמאבילן) אין 1913—14-טע יאר געווען 133 מיליאן, אין 1915—16-טע יארן איז ער שוין געווען 25[illegible] מיליאן דאס הייסט, פאר איין יאר איז ער אין צוויי מאָל גרעסער געווארן. אין די פאראייניקטע שטאטן איז דער ריווח פונם שטאָל-טרעסט פאר די ערשטע העלפט פון 1916-טן יאר געווען דריי מאָל גרעסער פאר דעם ריווח אין דער ערשטער העלפט פון 1915-טן יאר. אין 1917-טן יאר איז דער ריווח אין פארגלייך מיטן 1915-טן יאָר גרעסער געווארן פון 98 מיליאן טאלערס ביז 1478. גאנץ אפט פלעגט מען ארויסגעבן 200% דיווידענט. אזעלכע ביישפילן וואלט מען געקענט ברענגען א סך. פונקט אזוי גראנדיעז איז געוואקסן דער ריווח פון די בענק. די קליינע מענטשעלאך זיינען בדלות געווארן פון דער מלחמה, די גרויסע העכטן זיינען אומגעווינטליך רייך געווארן, און דער פראלעטאריאט פלעגט ארונטערפאלן אונטערן יאך פון אפצאָלונגען און יקרות).

פאר דער מלחמה צייט זיינען די הויפּט-פראדוקטן פון דער פראדוקציע געווען קוילן, דינאמיט, הארמאטן, פאנצער-אויטאָמאָבילן, אַעראָפּלאנען, שטיקעדיקע גאזן א. א. וו. אָט אַזעלכע סחורות פלעגט מען אויסארבעטן אין אן אומגעהויער גרויסער צאָל. אין די פאַראייניקטע שטאָטן זיינען אפילו אויסגעוואקסן גאַנצע נייע שטעט אַרום די פולווער-זאַוואָדן. די דאָזיקע שטעט זיינען געבויט געוואָרן אין איילעניש, בחיפזון זיינען אויך געבויט געווען די זאַוואָדן, און גאַנץ אָפּט פלעגן זיי אויפגעריסן ווערן אין דער לופטן: מע האט זיך, צפנים, זעהר געאיילט אויסאַרבעטן פולווער און פאַרדינען דעם גראָשן

ס׳איז גאַר קיין וואונדער ניט, וואָס די האַרמאַטן און פּולווער־פאַבריקאַנטן פּל... באַקומען קאָלאָסאַלע רווחים און וואָס זייערע געשעפטן זיינען געגאַנגען גלעג. עד...ק. נאָר דעם פאָלק פּלעגט פון דעם ווערן אַלץ ערגער. ווירקליכע זאַכן, וו... מע זאָל קענען עסן, טראָגן א. א. וו. פּלעגט מען דאָך אויסאַר־בעטן אַלץ ...יקער און ווייניקער. מיט פּולווער און קוילן קען מען שיסן, הרגענען מענטשן, מע קען זיי דאָך אָבער ניט עסן און מע קען זיי ניט אָנטאָן. און אַלע כּוחות פון די מלחמה פירנדיקע פלעגן דאָך אָפּגעגעבן ווערן אויף אויסצואַרבעטן פּולווער און די איבעריקע טויט־געווער. די ריכטיקע נוצליכע פּראָדוקציע פלעגט אַלץ מער פאַרשוואונדן ווערן. די אַרבעטס־הענט פלעגן אַוועקגיין אין דער אַרמיי, די גאַנצע אינדוסטריע האָט געאַרבעט אויף דער מלחמה. נוצליכע סחורות איז געוואָרן אַלץ ווינציקער און ווינציקער. דער פּועל־יוצא פון דעם איז געווען הונגער און יקרות. אַ הונגער אויף ברויט, אַ הונגער אויף קוילן, אַ הונגער אויף אַלע נוצליכע זאַכן, און דערביי אַ וועלט־הונגער און אַ וועלט־אויסשעפּונג. אָט דאָס איז דער רונט־רעזולטאַט פון דער פאַרברעכערישער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

(אָט זיינען אייניקע ביישפּילן פון פאַרשיידענע לענדער.

אין פראַנקרייך איז די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקציע פאַר די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה קלענער געוואָרן אָט אַזוי:

אין קווינטאַלן

	1914	1916
ברויט	42.272.600	15.300.500
וואָרצלפרוכטן	46.639.000	15.860.000
אינדוסטריע־געוויקסן	59.429.000	20.448.000
גאָרטן־געוויקסן	—	374.500

אין ענגלאַנד זיינען די ערד־רעזערוון אויסגעשעפּט געוואָרן אָט אַזוי:

צום סוף פון 1912־טן יאָר איז געווען 241 טויזנט טאָנעס (אַ טאָנע איז 61 פּוד):

„	1913	„	138	„
„	1914	„	108	„
„	1915	„	113	„
„	1916	„	3	„
„	1917	„	0.6	„

מיט אײן װארט די רעזערװן פון אײזן-ערץ זײנען אינגאנצן פאר-שװאונדן געװאָרן צום סוף פון 1917-טן יאר.

אין דײַטשלאנד איז די אויסשמעלצונג פון רויאײַזן געװען אין 1913-טן יאר 19,3 מיליאָן טאָנעס, אין 1916-טן יאָר שוין נאר 13,3 מיליאָן; אין 1917 — 13,3, אין 1918-טן יאָר 12 מיליאָן און אין 1919 — נאָך װײניקער.

די פארצװײַפלטע לאגע אין דער גאנצער װעלט-אינדוסטריע איז אַרויס גערופן געװאָרן דורכן מאַנגל אין קוילן. אין אײראפּע איז אײנגלאַנד געװען דער צושטעלער פון קוילן. און אין אײנגלאַנד איז שוין צום מיטן פון 1918-טן יאָר די קוילן-עקספּלואַטאַציע קלענער געװאָרן אויף 18%; נאָך אין 1917-טן אר איז די נוצליכע אינדוסטריע געזעסן כמעט אָן קוילן; די עלעקטראָטעכ-נישע זאַװאָדן האָבן באַקומען זעקס מאָל װײניקער קוילן, אײדער זײ דאַרפן האָבן; די טעקסטיל (װעפּעריי) אונטערנעמונגען — עלף מאָל װײניקער װי פאַר דער מלחמה. צו דער צײַט פון דער „שלום“ קאָנפערענץ אין װערסאַל האָבן כמעט אַלע לענדער געפילט אַ שרעקליכן קוילן-קריזיס; מע פלעגט פארמאַכן פאַבריקן צוליבן מאַנגל אין הײץ-מאַטעריאַלן, מע פלעגט פאַרקירצן דעם אײזנבאַן-פאַרקער. אָט אַזױ איז אײַפגעקומען דער גרויסער חורבן פון דער גאַנצער אינדוסטריע און פונם טראַנספּאָרט. אין רוסלאנד איז געװען די זעלביקע געשיכטע. שוין אין 1917-טן יאר האָט די מלחמה געבראַכט צו דעם, אַז די לאַגע מיט קוילן איז געװען אַ מוראדיקע שלעכטע. דער מאָסקװער ראַיאָן פאָדערט 12 מיליאָן פוד יעדן חודש. קערענסקיס רעגירונג האָט צו-געזאָגט געבן 6 מיליאָן (אַ העלפט פון דער נאָרמע), אין דער אמתן אָבער האָט מען געגעבן: אין יאַנואר 1,8 מיליאָן, אין פעברואַל — 1,3 מיליאָן, אין מאַרט — 0,8 מיליאָן. ס'איז גאָר קײן װאונדער ניט, װאָס די רוסישע אינ-דוסטריע, די ניט „אויפרײַסנדיקע“, האט אָנגעהויבן פאַלן: ס'האָט זיך אָנגע-הויבן, װי אין דער גאנצער װעלט, אַ צ ו פ אַ ל ו נ ג פ ו נ ם ק א פּ י ט אַ ל י ז ם. אין 1917-טן יאר (אין קערענסקיס צײַטן) איז אין רוסלאַנד פאַ"מאכט גע-װאָרן פאַבריקן:

חדשים	די צאָל אונטערנעמונגען	די צאָל אַרבעטער
מאַרט	74	6.646
אַפּרעל	55	2.816
מאַי	108	8.701
יוני	125	38.455
יולי	206	47.754

דער חורבן איז געגאַנגען מיט גיכע טריט.

כדי צו זעהן דעם וואוקס פונם יקרות, וואָס גענומט זיך פון דער קלייגער צאָל סחורות און פון דער גרויסער צאָל פאַפּיר־געלט, איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף אַ לאַנד, וואָס האָט וויי־ניקער פון אַלעמען געליטן פון דער מלחמה. אויף איינגלאַנד:

אָט איז די דורכשניטליכע פרייז אויף פיר הויפט־פּראָדוקטן (טיי, צוקער, פוטער, ברויט, פלייש):

טיי־צוקער ברויט, פלייש, פוטער

דורכשניטליכע פרייז	1901–1905	500	300
סוף יולי	1914	579	350
יאַנואַר „	1915	786	413
„ „	1916	946½	465
„ „	1917	1110	561
„ „	1918	1221½	681
מאַי „	1918	1247	777½

פאַר דער מלחמה־צייט זיינען אפילו אין איינגלאַנד די פרייזן געשטיגן מער ווי אין צוויי מאָל, און פאַר דער וועלטקער צייט זיינען די פאַרדינסטן געשטיגן סך הכל אויף 18%. הייסט עס, אז דער יקרות האָט געוואַקסן זעקס מאָל גיכער ווי די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער. אזוי איז געווען די לאַגע אין איינגלאַנד. און אין די איבעריקע לענדער איז די נויט ערגער געווען. בפרט שלעכט איז געווען אין רוסלאַנד, וואו די מלחמה האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און האָט עס אַראָפּ די קאַפּיטאַליסטן פאַר־וואַנדלט אין אַן אָרימע, נאַקעטע, עלנדע זקנה.

אפילו אין אַמעריקע, וואָס האָט ווייניקער פון אַלעמען געליטן פון דער מלחמה, זיינען די פרייזן אויף 15 וויכטיקסטע פּראָדוקטן געשטיגן פון 1913 ביזן 1918־טן יאָר אויף 160%, און די שכירות האָט פאַר דער צייט גע־שטיגן נאָר אויף 80%.

סוף כל סוף האָט אויך די מיליטער־פּראָדוקציע אָנגעהויבן חרוב ווערן אַן קוילן, אַן שטאָל און אַלץ, וואָס ס׳איז איר נויטיק. אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט, אחוץ אַמעריקע, זיינען געוואַלטיק פאַראָרימט געוואָרן: הונגער, חורבן, קעלט האָבן אָנגעהויבן שפּאַצירן איבער דעם גאַנצן ערדקויל. ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז פון אָט די אַלע צרות האָט באַזונדער שטאַרק געליטן דער אַרבעטער קלאַס. ווערכער האָט זיך געפּרואווט פּראָטעסטירן. נאָר די מלחמה האָט אים צוגעדריקט מיט דער גאַנצער קראַפט פון די רויבערישע בורזשואַזע מלוכות. אין אַלע לענדער מאָנאַרכישע און רעפּובליקאַנישע האָט מען געוואַלטיק אָנגעהויבן רודפן דעם אַרבעטער קלאַס. מע האָט בײַ אים ניט נאָר אָפּגענומען דאָס רעכט צו שטרייקן, נאָר אַ יעדלעכער פּרואוו פון פּראָטעסט פלעגט אויפן סאַמע אומברחמנותדיקן אויפן דערשטיקט ווערן. און די הער־

שאפט פונם קאפיטאליזם האט אויך אזא אופן געבראכט צו א בירגער־קריג צווישן די קלאסן.

(די פארפאלגונגען פון די ארבעטער פאר דער מלחמה־צייט זיינען זעהר גוט אויסגעמאלט אין דער רעזאלוציע פונם 3־טן אינטערנאציאנאל וועגן ווייסן טעראר. „פון סאמע אנהויב מלחמה, — ווערט דארט געזאגט, — האבן די הערשעדיקע קלאסן, וואס האבן אויף די שלאכטפעלדער אויסגעהרגעט מער ווי 10 מיליאן מענטשן, וואס האבן נאך מער מענטשן געקאליעטשעט, האבן איינגעפירט אינעווייניק אינם לאנד א רעזשים פון בלוטיקער דיקטאטור (פון דער בורזשואזיע). די צארישע רעגירונג פלעגט פאנאנדערשיסן און הייגנען ארבעטער, פלעגט איינארדענען אידישע פאגראמען, פלעגט טויטן אלץ דאס לעבעדיקע אינם לאנד. די עסטרייכישע מאנארכיע האט דערסטיקען אין בלוט דעם אויפשטאנד פון די אוקראאינער און טשעכער פויערים און ארבעטער. די ענגלישע בורזשואזיע האט פארמשפט צום טויט די בעסטע פארשטייער פונם אירלענדישן פאלק. דער דייטשישער אימפעריאליזם האט געבושעוועט אינעווייניק אינם לאנד, און די רעוואלוציאנערע מאטראסן זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער דאזיקער חיה. אין פראנקרייך פלעגט מען פאנאנדערשיסן די רוסישע סאלדאטן, וואס האבן ניט געוואלט פארטיידיקן די אינטערעסן פון די פראנצויזישע באנקירן. אין אמעריקע האט די בורזשואזיע לינטשירט (הרגענען דורך איינגעריכט) די אינטערנאציאנאליסטן, פלעגט פארמשפטן צו 20 יאר קאטארגע די בעסטע מענטשן פונם פראלעטאריאט, פלעגט פאנאנדערשיסן ארבעטער פאר שטרייקן").

די קאפיטאליסטישע ארדענונג האט אנגעהויבן פלאצן אין אלע ווינקלען. די אנארכיע פון דער פראדוקציע האט געבראכט צו דער מלחמה, וועלכע האט ארויסגערופן אן אומגעהערטע פארשארפונג צווישן די קלאסן; און אויף אזא אופן האט די מלחמה געבראכט צו א רעוואלוציע. דער קאפיטאליזם האט אנגעהויבן ברעכן זיך אין צוויי גרונט־ריכטונגען (ז. § 13) ס'איז אנגעקומען די עפאכע פונם קראך פונם קאפיטאליזם.

לאמיר אביסל גענויער באטראכטן דעם דאזיקן קראך.

די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז אין אלע אירע טיילן געווען געבויט לויט איין מוסטער. די פאבריק איז געווען ארגאניזירט פונקט ווי א קאנצעלאריע אדער ווי א פאלק פון דער אימפעריאליסטישער ארמיי: אויבנאן — די רייכע, וועלכע באפעלן, אינטן — די ארימע, ארבעטער און אנגעשטעלטע, וועלכע פאלגן; צווישן זיי — די אינזשענערן, אונטערס, מיטל־אנגעשטעלטע. פון דעם איז קלאר, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט קאן עקזיסטירן נאר כל זמן דער סאלדאט־ארבעטער פאלגט דעם גוטסבאזיצער־גענעראל אדער דעם אפיצער, דעם פריצישן אדער בורזשואזן זינדל; כל זמן א וועלכער ניט איז קוריער אין קאנצעלאריע פאלגט די רייכע נאטשאלסטווע;

כל זמן דער פאַבריק=ארבעטער פירט אויס דעם באפעל פון דעם הער=דירעק=
טאר, וואס באקומט א גרויסן געהאלט, אדער פון פאַבריקאנט גופא, וואס
קוועטשט ארויס פון די ארבעטער מערוועדט. נאר ווי נאָר די ארבעטעדיקע
מאסן קומען צום באוואוסטזיין, אז זיי זיינען מער נית ווי פשוט=שפילצייג אין
די הענט פון זייערע שונאים, הייבן זיך אן דאן צורייסן די פעדימלאך, וואס
בינדן צו דעם סאלדאַט צום גענעראל, דעם אַרבעטער צום פאַבריקאנט, די
ארבעטער הערן אויף צו פאלגן דעם פאבריקאנט, די סאָלדאטן הערן אויף צו
פאלגן דעם אפיצער, די אָנגעשטעלטע הערן אויף צו פאָלגן זייער רייכע
נאַטשאלסטווע. ס׳קומט אן אַ פעריאָד, ווען ס׳פאלט די אַלטע דיסציפלין,
בא וועלכער די רייכע האָבן באפוילן די אָרעמע, די בורזשואזיע האָט געטאן
מיטן פראלעטאַריאט אַלץ, וואס איר האַרץ געלוסט. דער דאזיקער פעריאד (די
דאָזיקע צייט) געדויערט אומפאַרמיידליך ביז יענער צייט, ווען דער נייער
קלאַס, דער פראלעטאַריאט, מאַכט ניט אונטערטעניק אונטער זיך די בורזשו-
אזיע, צווינגט זי ניט צו דינען די ארבעטעדיקע, שטעלט ניט איין א נייע
דיסציפלין.

אזא מישמאש, ווען דאס אלטע איז צעשטערט געוואָרן, און דאָס נייע
איז נאך ניט איינגעשטעלט, ענדיקט זיך נאָר מיטן פולשטענדיקן נצחון פונם
פראלעטאַריאט אינם בירגער=קריג.

§ 32. דער בירגער=קריג. דער בירגער=קריג איז אַ פארשארפטער
קלאַסנקאַמף, ווען דער קלאסנקאַמף גייט איבער אין א רעוואָלוציע. די אימ=
פעריאליסטישע וועלט מלחמה צווישן פאַרשיידענע גרופעס פון דער בורזשואזיע
פאר צוטיילן און איבערטיילן די וועלט האט זיך געפירט מיט די הענט פון
די קנעכט פונם קאפיטאל. נאר זי האָט אַרויפגעלייגט אזאַ שווערע משא אויף
די ארבעטער, אז דער קלאסנקאַמף האָט אָנגעהויבן איבערגיין אין א בירגער=
קריג פון די אונטערדריקטע קעגן די אונטערדריקער, א קריג,
וועלכן מארקס האָט נאך אנגערופן דער איינציקער גערעכטער קריג.

ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, וואס דער קאַפּיטאַליזם האט דערפירט צום ביר=
גער=קריג, און וואָס די אימפעריאַליסטישע מלחמה צווישן די בורזשואזע גלוכות
איז אַריבער אין אַ מלחמה צווישן די קלאסן. אונזער פארטיי האט עס נאָך
פאראויסגעזאגט אין סאַמע אנהויב פון דער מלחמה, אין 1914-טן יאר, ווען
קיינער האט זאך אפילו ניט געטראכט וועגן אַ רעוואָלוציע. און ס׳איז דאך
גאַנץ קלאָר געווען, אַז די מוראדיקע שווערקייטן וועלכע די מלחמה וועט
ארויפלייגן אויפן ארבעטער=קלאס, וועלן ברענגען צו אַן אויפרעגונג פונם
פראלעטאַריאט. און פון דער אַנדער זייט איז קלאָר געווען, אז די בורזשו=
אזיע איז ניט ביכולת צו געבן קיין פעסטן שלום, ווייל צו גרויס זיינען די
אינטערעסן=סתירות צווישן פארשיידענע גרופעס פון די דאָזיקע רויבער.

דאס אַלץ ווערט איצט איינגאַנצן מקוים. נאָך שרעקליכע יאָרן הריגה,
אכזריותקייט און פאַרווילדקייט האט זיך אָנגעהויבן אַ בירגער=קריג קעגן די

אונטערדריקער. די דאָזיקע קריג האָט אָנגעהויבן די רוסישע רעוואָלוציע אין פעווראַל און אָקטיאַבר 1917-טן יאָר; די פינלענדער רעוואָלוציע, די אונגאַ-רישע רעוואָלוציע, די עסטרייכישע און די דייטשישע רעוואָלוציע זיינען געווען דער המשך פון איר; דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א רעוואָלוציע אויך אין די איבעריקע לענדער... און פאַר דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז די בורזשואזיע קען ניט געבן קיין פעסטן שלום. די פאַרבינדעטע האָבן באַזיגט דייטשלאַנד נאָך אין נאָוועמבער 1918-טן יאָר; דעם ווערסאַלער רויבערישן שלום האָבן זיי אונטערגעשריבן ערשט אין אַ סך חדשים אַרום; און ווען ער וועט ענדגילטיק באַשטעטיקט ווערן, ווייס קיינער ניט. אַלע זעהען, אַז דער ווערסאַלער שלום איז ניט קיין פעסטער; שוין נאָך אים האָבן זיך די דרום-סלאַווען געשלאָגן מיט די איטאַליענער, די פוילן מיט די טשעכאָ-סלאָוואַקן, די פוילן מיט די ליטווינער, די לעטן מיט די דייטשן, און דערנאָך פאַלן אלע בורזשואזע מלוכות צוזאַמען אָן אויף די רעפובליק פון די זיגרייכע רוסישע אַרבעטער. און אָט אזוי פאַרענדיקט זיך די אימפעריאַליסטישע מלחמה מיט אַ בירגער-קריג, פון וועלכן דער פּראָלעטאריאט מוז אַרויסגיין ווי זיגער.

דער בירגער-קריג איז ניט עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ וואָסער ניט איז פאַרטיי אָדער אַ צופעליקייט; דער בירגער-קריג איז אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געמוזט אומבאַדינגט פארקומען, ווייל די רויבערישע אימפעריאַליסטישע מלחמה האָט לגמרי געעפנט די אויגן פון די ברייטע אַרבעטער מאסן.

(מיינען, אַז עס איז מעגליך אַ רעוואָלוציע אָן א בירגער-קריג, איז אלץ איינס, ווי מיינען, אַז ס'איז מעגליך אַ „פרידליכע“ רעוואָלוציע. די, וואס מיינען אזוי (און אַזוי, למשל, מיינען די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן געשריען וועגן דעם שאָדן, וואס ברייגגט דער בירגער-קריג) קערן זיך אום פון מארקסן צו די גאָר פאַרצייטיקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געהאלטן, אַז מע קען איינרעדן דעם פאַבריקאַנט. דאָס איז אלץ איינס, ווי איינריידן דעם טיגער מיט „זיסע רייד“, ער זאָל זיך דערנערן מיט גראָז און זאָל ניט טשעפּן די קיה. מארקס איז געווען אַן אַנהייגגער פון בירגער-קריג, דאס הייסט פון א קאַמף פונם פּראָלעטאריאט מיט געווער אין די הענט קעגן דער בורזשואַזיע. וועגן דער פאַריזשער קאָמונע (דעם אויפשטאנד פון די פאַריזשער אַרבעטער אין 1871-טן יאָר) האָט מארקס געשריבן, אַז די קאמונאַרן זיינען געווען ניט גענוג אַנטשלאָסן: אין אויפרוף פונם ערשטן אינ-טערנאציאָנאַל, אָנגעשריבן פון מאַרקסן, ווערט מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט: „באַ די פאָליציאַנטן האָט מען ניט נאָר ניט אָפּגענומען דאָס געווער און ניט אַרעסטירט זיי, ווי מ'האָט באַדאַרפט טאָן, נאָר מ'האָט ברייט פאר זיי געעפנט די טויערן פון פאַריזש זיי זאָלן קענען אנטלויפן קיין ווערסאַל. „די אָרדענונג-אָנהייגגער“ (אזוי האָבן געהייסן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן) האט מען ניט נאָר געלאָזט צורוה, נאָר מע האט זיי געגעבן די מעגליכקייט צו באַפעסטיקן זיך

אויף א סך שטאַרקע פּאָזיציעס אין פּאַריזש גופא". דער צענטראַלער קאָמיטעט אָפּזאָגנדיק זיך צו פירן דעם בירגער-קריג, וועלכן ס'האט אָנגעהויבן טיער (דער פּראַנצויזישער דעניקין) איז באַגאַנגען אַ גרויסן טעות: מע האט געמוזט גלייך גיין אויף ווערסאַל... און איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאכן א סוף צו טיערן און די פאַרשווערונגען פון זיין גוטבאַזיצערישער-פאַלאַטע. אנשטאט דעם האט מען ווידער צוגעלאָזט די „אָרדענונג-פּאַרטיי" פּראַבירן אירע כוחות באַ די וואַלן אין קאָמונע דעם 26-טן מאַרט. דאָ זאגט זיך מארקס קלאָר אַרויס, אַז מע מוז צעקלאַפּן די ווייסגוואַרדייער אין בירגער-קריג מיט געווער אין די הענט. דאָס אייגענע שרייבט ענגעלס: „אויב די פּאַריזשער קאָמונע וואָלט זיך ניט געשטיצט אויפן אַוטאָריטעט פונם באַוואָפנטן פאָלק קעגן דער בורזשואַזיע, וואָלט זי זיך דען געקענט האַלטן מער ווי איין טאָג? און, פאַרקערט, צי האָבן מיר ניט קיין רעכט צו מאַכן אַ פּ אַ ר וו אַ ו ר ף דער קאָמונע דערפאַר, וואס זי האָט צו ווייניק אויסגענוצט איר צוואַנגס-קראַפט?" און אט ווי אזוי ענגעלס דערקלערט, וואָס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציע: „אַ רעוואָלוציע איז אַן אַקציע, אין וועלכער איין טייל באַפעלקערונג בינדט אָן איר ווילן דעם צווייטן טייל מיט דער הילף פון ביקסן, באַיאָנעטן, האַרמאַטן".

אויף אַזא אופן האָבן די לערער פון סאָציאַליזם געקוקט אויף א רעוואָלוציע גאַנץ ערנסט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז דער פּראָלעטאַריאַט קען ניט איינרעדן די בורזשואַזיע; זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אָ נ ב י נ ד ן זיין ווילן דורך א נצחון אינם בירגער-קריג, וועלכער ווערט געפירט מיט „ביקסן, באַיאָנעטן און האַרמאַטן").

דער בירגער-קריג שטעלט מיט געווער אין די הענט איינעם אנטקעגן דעם צווייטן די קלאסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מיט זייערע קעגנזעצליכע אינטערעסן. דאָס, וואס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז צושפּאַלטן אויף צוויי טיילן, דאָס, וואָס זי שטעלט מיט זיך אייגנטליך פאַר לכל הפחות צוויי געזעלשאַפטן, דאָס איז אין דער געוויינטליכער צייט געווען באַהאַלטן. פאַרוואָס? ווייל די קנעכט פלעגן שווייגעדיק פאָלגן זייערע באַלעבאַטים. אין אַ צייט פונם בירגער-קריג קומט אַ סוף צו דעם דאָזיקן שווייגן, און דער אונטערדריקטער טייל פון דער געזעלשאַפט שטייט אויף קעגן די אונטערדריקער. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז באַ אזעלכע באַדינגונגען איז אוממעגליך אַ „פרידליך צוזאמענלעבן" צווישן די קלאַסן: די ארמיי צעפאַלט זיך אויף ווייסגוואַרדייער פון די פריצים, פון דער בורזשואַזיע, פון דער רייכער אינטעליגענץ און א. וו. און אויף רויטע פון אַרבעטער און פּויערים; ס'ווערט אוממעגליך אַ וואָסער ניט איז גרינדונגס-פאַרזאמלונג, אין וועלכער עס זיצן צוזאַמען פאַבריקאַנטן מיט אַרבעטער; ווי אזוי קענען זיי זיצן „פרידליך" אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אז אין די גאַסן שיסן זיי איינער אין דעם צווייטן? אין אַ צייט פון בירגער-קריג שטייט אַ קלאַס קעגן אַ קלאַס, און ער קען זיך דעריבער ענדיקן מיט א פולשטענדיקן נצחון פון איינעם אדער פון דעם צווייטן, נאָר ער קען זיך ניט ענדיקן מיט א פשרה;

מיט ניט אַהער און ניט אַהין. און דאס, וואָס מיר האָבן געזעהן אינם בירגער-קריג אין רוסלאנד און אין די איבעריקע לענדער (אין דייטשלאנד, אין אונגאַרן) באשטעטיקט עס פולשטענדיק: איצט קען זיין נאָר די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאט, אָדער די דיקטאַטור פון דער בורזשואזיע און פון די גענע-ראלן. א רעגירונג פון די מיטלקלאסן און פון זייערע פּאַרטייען (עסערן מענשעוויקעס און א. וו.) איז מער ניט ווי אַ בריקל אויף אריבערצוגיין אויף דעם אָדער יענעם זייט. מיט דער הילף פון די מענשעוויקעס איז געפאלן די ראטן-רעגירונג אין אונגארן, גלייך האט פארנומען איר ארט א „קאָאליציע" און דערנאָך די אַלטע מאָנארכיע; די אָנהייבנגער פון א גרינדונגס-פאַרזאמלונג, די עסערן, האָט זיך איינגעגעבן בשעתם צו פארכאפן אופא, דעם הינטער-וואָלגע געגנט און סיביר.— און אין פּיראָונצוואנציג שעה האָט זיי אַרויסגע-טריבן דער אַדמיראַל קאָלטשאַק, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער גרויס בורזשואזיע און אויף די גוטסבאזיצער. און ער אליין האָט פארווירקליכט די פּריציש-בורזשואזע דיקטאטור, אנשטאט דער ארבעטער-פויערישער דיקטאטור.

דער ענדגילטיקער נצחון איבערן שונא און די פאַרווירקליכונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — אָט דאָס איז דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאט פון דעם אַלוועלטליכן בירגער-קריג.

§ 33 די פארמען פונם בירגער-קריג און די הוצאות פון בירגער-קריג.

די תקופה פון בירגער-קריגן האָט זיך געעפנט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען מער ניט ווי אן אָנטפּלעקונג, אַן אנהויב פון דער אַלגעמיינער וועלט-רעוואָלוציע. אין רוסלאַנד האָט זיך די רעוואָלוציע אָנגעהויבן פריער, ווי אין די איבעריקע לענדער. ווייל דאָ האָט זיך פריער אָנגעהויבן די צעפאלונג פונם קאַפּיטאַליזם. די רוסישע בורזשואזיע און די רוסישע פּריצים, וואס האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און גאַליציע און האָבן, צווישן אַנדערע, פאַרקאָכט די בלוטיקע קאַשע אין 1914-טן יאָר, האָבן, צוליב זייער שוואַכקייט און ניט אָרגאַניזירטקייט, גע-פּלאַצט פריער, ווי אַנדערע. אין רוסלאַנד האָט זיך פריער אָנגעהויבן דער חרבן. דאָ איז פריער אָנגעקומען דער הונגער. און דעם רוסישן פּראָלעטא-ריאַט איז דעריבער גרינגער געווען ביייצוקומען זיינע שונאים געראָדע אין רוסלאנד. און דעריבער האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאט דער ערשטער אָפּגעהאלטן א נצחון און האָט דער ערשטער פארווירקליכט זיין דיקטאַטור.

(פון דאַנען איז לחלוטין ניט געדרונגען, אַז די רוסישע קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז די כאַטע פולקומע רעוואָלוציע אין דער וועלט און אַז וואס ווייניקער ס'איז אַנטוויקלט רעד קאַפּיטאַליזם, אַלץ „רעוואָלוציאָנערער" און נעהענטער צום קאָמוניזם איז דאָס לאַנד. אויב מע זאָל זיין אַזא מיינונג, דאַרף דער סאָציאליזם פולשטענדיק פארווירקליכט ווערן קודם כל אין כינע, פּערסיע, טערקיי און אין די איבעריקע לענדער, וואו ס'איז נאָך כמעט גאָר

ניטאָ קיין פּראָלעטאריאט, און אויף אַזא אופן וואָלט מאַרקס גאַנצע לערע זיך אַרויסווייזן פאַר ניט קיין ריכטיקע.

דער וואָס מיינט אַזוי, מישט צונויף צוויי זאכן: איין זאַך איז דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, אַן אנדער זאך איז איר כאַראַקטער, איר „פולקומקייט": אין רוסלאַנד האָט זיך די רעוואָלוציע אָנגעהויבן פריער ווייל בא אונז איז שוואך אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליזם, נאָר מחמת דער זעל־ביקער שוואַכקייט, מחמת דעם, וואס אונזער לאנד איז אָפּגעשטאנען, און דער פּראָלעטאריאט בילדעט באַ אונז אַ מינדערהייט, און ס'איז פאַראן בא אונז א סך קליינע הענדלער און א. וו. מחמת דעם אלץ איז אונז שווער צו אָרגאַני־זירן אַ געזעלשאַפטליכע קאָמוניסטישע ווירטשאפט. אין איינגלאַנד קומט די רעוואָלוציע אָן שפּעטער. נאָר דאָרט וועט דער פּראָלעטאַריאט נאָך זיין נצחון, גיכער אָרגאַניזירן דעם קאָמוניזם. ער בילדעט אַ גרויסע מערהייט, ער איז צוגעוואוינט צו געמיינזאַמער ארבעט, די פּראָדוקציע איז דאָרט אן אערך צענטראליזירטער. הייסט עס, אז אין איינגלאנד הויבט זיך די רעוואָלוציע אָן שפּעטער, נאר זי איז העכער, פולקומער פאַר אונזערע).

א סך מענטשן האָבן געהאלטן, אז די אכזריותדיקייט פונם ביר־גער־קריג איז אַ פּועל־יוצא פון דער רוסישער „אזיאטישקייט", פון דער רוסי־שער אָפּגעשטאנענקייט. די קעגנער פון אַ רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּע האבן די גאַנצע צייט געטענהט, אז אין רוסלאנד בליהט דער „אזיאטישער סאציאַליזם" און אַז אין די ציוויליזירטע לענדער וועט זיך די רעוואָלוציע באַגיין אָן אַכזריותקייטן. נאר ס'איז קלאר געווען, אַז דאָס איז מער ניט ווי נארישקייטן. אין אן אַנטוויקלטן קאפּיטאַליסטישן לאנד מוז דער ווידערשטאנד פון דער בורזשואַזיע זיין א גרעסערער; אין אזא לאנד איז די אינטעלי־גענץ (די טעכניקער, אינזשענערן, אָפיצערן א. א. וו.) פעסטער צונויפגעבונדן מיטן קאפּיטאל און זי איז דעריבער אַ סך פיינטליכער צום קאמוניזם; הייסט עס, אז אין די דאזיקע לענדער מוז דער בירגער־קריג אומפאַרמיידליך זיין נאך שארפער ווי אין רוסלאנד. און די דייטשישע רעוואָלוציע האט טאקע באוויזן, אז דא נעמט דער קאמף אן נאך בלוטיקערע פאָרמען.

(די וואס באקלאגן זיך אויפן טעראר פון די באָלשעוויקעס, פארגעסן אַז די בורזשואזיע האלט זיך פאר קיין זאך ניט אפּ, ווען עס האנדלט זיך וועגן די גאנצקייט פון איר קעשענע. אט וואָס עס זאגט וועגן דעם די רע־זאלוציע פון דעם אינטערנאציאָנאלן קאָמוניסטישן צונויפפאָר: „ווען די אימ־פעריאליסטישע מלחמה האט אָנגעהויבן איבערגיין אין א בירגער־קריג און פאר די הערשעדיקע קלאסן, אט די גרעסטע פאַרברעכער, פון וועלכע ס'האט נאר געוואוסט די מענטשליכע געשיכטע, האָט זיך איינג געשטעלט די געפאר, אז זייער בלוטיקער רעושים האלט ביים פאלן, איז זייער אכזריותקייט גע־ווארן נאָך ווילדער... די רוסישע גענעראלן, אט די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער צארישער אָרדענונג, פלעגן איינאָרדענען און ארדענע י ז נ

איין מאסן-הריגות פון ארבעטער, און זיי טוען עס בא דער דירעקטער אדער אומדירעקטער שטיצע פון די סאָציאַל-פּאַרועטער. אין דער צייט, ווען אין רוסלאנד האָבן געהערשט די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און די מענשעווי-קעס, זיינען די תפיסות פאַרפולט געווען מיט טויזנטער ארבעטער און פוי-ערים, און די גענעראַלן פלעגן פאַר ניט פאלגן אויסהרגענען גאנצע פּאָלקן איצט האבן קראסנאָוו און דעניקין, וועמען ס'העלפן לייטזעליק מיט די אנטאנט-מלוכות, אויסגעהרגעט און געהאנגען צען טויזנט ארבעטער, שיסנדיק „יעדן צענטן“; די ברמינען פון די געהאַנגענע האָט מען דריי טעג געלאָזן הייגגען אויף דער תליה, כדי אָנצושרעקן די לעבעדיקע. אויף אוראַל און אין הינטער וואָלגע קאַנט פלעגן די ווייסגוואַרדייאישע טשעכאָ-סלאָוואַקישע באַנדעס אָפּ-שניידן בא די געהאנגענע הענט און פיס, פלעגן זיי טרינקען אין דער וואָלגע, פלעגן לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד. אין סיביר פלעגן די גענע-ראַלן אויסהרגענען טויזנטער קאָמוניסטן, אָן אַ סוף אַרבעטער און פויערים.

די דייטשישע און עסטרייכישע בורזשואַ האָבן פולשטענדיק אַרויסגעוויזן זייער קאַניבאַליזם, ווען זיי האָבן אויף אוקראינע אָנגעהויבן הייגגען אויף באַוועגליכע אייזערנע תליות די פון זיי באַרויבטע אַרבעטער און פויערים, קאָמוניסטן, זייערע איינשטאמיקע—אונזערע עסטרייכישע און דייטשישע חברים. און פינלאנד, אין לאנד פון בורזשואזן דעמאקראַטיזם, האָבן זיי געהאָלפן די פינלענדער בורזשויען שיסן 13-14 טויזנט פראָלעטאַריער און פייניקן ביזן טויט 15 טויזנט אין די תפיסות. אין העלסינגפאָרס האָבן זיי געטריבן פאַר זיך פרויען און קינדער, כדי צו באַשיצן זיך פון פייער פון די קוילנוואַרפערס אדאנק זייער הילף האָט זיך איינגעגעבן די פינלענדער ווייסגווארדייער און זייערע שוועדישע משרתים איינאָרדענען אָרגיעס איבער דעם באַזיגטן פינ-לענדישן פראָלעטאריאט; אין טאמערפאָרס האָט מען געצוואונגען די פאַר-משפטע צום טויט פרויען און קינדער, זיי זאָלן אליין פאַר זיך גראָבן קברים, אין וויבאָרג האָט מען אויסגעהרגעט טויזנטער רוסן, מענער, פרויען און קינדער.

אינעווייניק אינם לאנד זיינען די דייטשישע בורזשואַ און די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה פון אכזריות. בעתן בלוטיקן דערשטיקן דעם קאָמוניסטישן אַרבעטער-אויפשטאנד, ביים דערהרגע-נען ליבקנעכטן און לוקסעמבורג, ביים אויסהרגענען די ארבעטער-ספאַרטאַ-קיסטן, א מאסן און איינצל-טעראָר אט דאָס איז די פאָן, אונטער וועלכער עס טרעט אַרויס די בורזשואַזיע.

דעם זעלביקן בילד זעהען מיר אויך אין די איבעריקע לענדער. די דעמאקראטישע שווייצאריע שטייט מוכן ומזומן זיך רעכענען מיט די ארבעטער, אויב זיי וועלן נאָר האבן די העזה אָנצורירן דעם בורזשואַזן געזעץ. אין אמעריקע זיינען תפיסה, לינטש משפט (זעלבסטגעריכט) און עלעקטרישער שטול (פאר טויט-שטראָפן) די פיינע סימבאָלן פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. אין אונגאַרן און איינגלאנד, אין טשעכן און פוילן—אומעטום איינס און דאָס

זעלביקע. די בורזשואַזע רוצחים שטעלן זיך ניט אָפּ פאר קיינע שענדליכע מעשים. כדי צו באַפעסטיקן זייער הערשאַפט שטיצן זיי דעם שאָוויניזם און אָרגאַניזירן מוראדיקע אידישע פּאָגראָמען, אין פאַרגלייך מיט וועלכע די פּאגראמען, וואָס ס׳האָט אָרגאַניזירט די צאַרישע פּאָליציי, זיינען אַ קינדער שפּיל. און ווען די פּוילישע רעאַקציאָנערע און „סאָציאַליסטישע״ פיינט לייט האָבן דערהרגעט די פאָרשטייער פונם רוסישן רויטן צייכעם, איז עס געווען מער ניט ווי אַ טראָפּן אינם ים פון פאַרברעכנס און אכזריותקייטן פון דעם גוססדיקן בורזשואַזן קאַניבאַליזם (מענטשפרעסעריי).

אינם פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג נעמט דער בירגער-קריג אָן נייע פאָרמען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז אונטערגעדריקט אין אַלע לענדער, פירט ער דעם דאָזיקן קריג אין אַ פאָרם פון אַן אויפשטאַנד קעגן דער מלוכה-מאַכט פון דער בורזשואַזיע. נאָר אָט האָט דער פּראָלעטאַריאַט אין דעם אָדער יענעם לאנד אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און האָט פאַרכאַפּט אין זיינע הענט די מלוכה-מאַכט. וואָס קומט דאַן פאָר? דאַן האָט דער פּראָלעטאַריאַט צו זיין דינסט אַן אָרגאַניזירטע מלוכה-קראַפט, די פּראָלעטאַרישע אַרמיי, דעם גאנצן מאכט-אַפּאַראַט. דאַן קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיין בורזשואַזיע, וועלכע אָרדנט איין קעגן אים פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן. נאָר ער קעמפט דאַן ווי א מלוכה מיט בורזשואַזע מלוכות. דער בירגער-קריג נעמט דאָ אָן אַ נייע פאָרם, אַ פאָרם פון אַן אמתער קלאַסן מלחמה, ווען אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה קעמפט מיט בורזשואַזע מלוכות; די אַרבעטער מאַכן דאָ ניט קיין פשוטן אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע, נאָר די ארבעטער מלוכה פירט א רעגלמעסיקע מלחמה מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות פונם קאַפּיטאל. די דאָזיקע מלחמה ווערט געפירט ניט לשם באַרויבן פרעמדע, נאָר לשם דעם נצחון פונם קאָמוניזם, פאר דער דיקטאַטור פונם אַרבעטער קלאַס.

און אזוי איז עס טאַקע געווען אין דער ווירקליכקייט. נאָך דער רוסישער אקטאבער-רעוואָלוציע זיינען אויף די רוסישע ראַטן מאַכט פון אַלע זייטן אנגעפאַלן די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער: די דייטשישע און די פראנצויזישע, די אַמעריקאַנער און די יאַפּאַנישע א. א. וו. וואָס מער די רוסישע רעוואָלוציע האָט מיט איר ביישפּיל אָנגעשטעקט די אַרבעטער פון די איבעריקע לענדער, אלץ איינגער פלעגט זיך באַהעפטן קעגן דער רעוואָלוציע, דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, פּרובנדיק זיך שאַפן אַ רויבערישן קאַפּיטאַליסטן-פאַרבאַנד קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט.

אַזאַ פּרוב האָבן געמאַכט די קאַפּיטאַליסטן, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם קלוגן חברה-מאַן, דעם פירער פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל ווילסאָן אויף דער אַזוי גערופענער שלום-קאָנפערענץ אין ווערסאַל. דעם דאזיקן רויבערישן פאַרבאַנד האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „פעלקער-ליגע״, דאָס הייסט, א „פעלקער-פאַרבאנד״. אין דער אמתן איז עס ניט קיין פאַרבאנד פון פעלקער, נאָר פון קאַפּיטאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער און פון זייערע מלוכה-מאַכטן.

דער דאָזיקער פאַרבאַנד איז עפּעס אַ מין פּרוב צו שאַפן אַן אַלוועלטליכן מוראדיקן טרעסט, וועלכער זאָל פאַרכאַפּן אין זיין נעץ אונזער גאַנצע פּלאַ-נעט, וועלכער זאָל עקספּלואַטירן די גאַנצע וועלט און וועלכער זאָל פון דער אַנדער זייט, אומעטום אויפן סאַמע אומברחמנותדיקן אופן דערשטיקן די אויפ-רעגונג פונם אַרבעטער קלאַס און זיין רעוואָלוציע, די רייד וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער פאַרבאַנד ווערט געגרינדעט צוליב דעם ענין פון שלום—איז פּוסטע רייד. דער אמתער צוועק זיינער איז אַ צווייאיקער: אַן אומברחמנותדיקע עקס-פּלואַטאַציע פון דעם גאַנצן וועלט-פּראָלעטאַריאַט פון אַלע קאָלאָניעס און פון די קאָלאָניאַלע קנעכט און דערשטיקן די אַנטוויקלטווערנדיקע וועלט-רע-וואָלוציע.

דעם ערשטן פידל אין „דער פעלקער-ליגע" שפּילט אַמעריקע, וועלכע איז געוואַלטיק רייך געוואָרן פאַר דער מלחמה-צייט. אַמעריקע איז איצט דער קרעדיטאָר פון אַלע אייראָפּייאישע בורזשואַזע מלוכות און אַמעריקע שטעלט נאָך צוליב דעם פאַר אַ קראַפט, ווייל זי האָט רוי-מאַטעריאַלן, באַהייצונג-מאַטעריאַלן און ברויט. דורך דעם ווייל זי האַלטן אָפּהענגיק פון זיך די איבע-ריקע רויבער. אין „דער פעלקער-ליגע" איז פאַר איר געזיכערט די אָנפירנדיקע ראָליע.

ס'איז אינטערעסאַנט אנצומערקן, ווי אַזוי די אָנפירנדיקע רויבערישע פּאָ-ליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן פלעגט זיך באַהאַלטן אונטער כלערליי איידעלע ווערטער. דאָס, וואָס זי האָט זיך צוליב רויבעריי אַריינגעמישט אין דער מלחמה, איז געגאַנגען אונטערן לאָזונג פון ראַטעווען די מענטשהייט, פון העלפן די שוואַכע פעלקער א. א. וו. פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן האָט גע-לוינט צו האָבן אַ צעבראָקלטע אייראָפּע, צעטיילט אויף צענדליקער „זעלבסט-שטענדיקע" לויטן אויסזעהן, נאָר אָפּהענגיקע פון אַמעריקע מלוכות, און די דאָזיקע פאַראינטערעסירטקייט האָט אנגעטאָן אויף זיך א איידעלן שלייער פון „פעלקער-זעלבסטבאַשטימונג". די קאַפּיטאַליסטישע זשאַנדאַרמעריע, די ווייסע גוואַרדיען און פּאָליציי, וועלכע האָבן געזאָלט, לויט ווילסאָנס געדאַנק, דער-שטיקן אומעטום די רעוואָלוציע, ווערט אונטערגעטראָגן ווי א שטראָף פאַר „שטערן דעם שלום", אין 1919-טן יאָר זיינען אַלע אימפּעריאַליסטן מיט אַמאָל געוואָרן רודפשלומניקעס און האָבן אנגעהויבן שרייען, אז די אמתע אימפּעריאַ-ליסטן און קעגנער פון שלום זיינען די באָלשעוויקעס. דאָס דירעקטע דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערן איז געגאַנגען אונטער אַ שלייער פון „שלום" און „דע-מאָקראַטיע".

„די „פעלקער-ליגע" האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי אַ אינטערנאַציאָנאַלער זשאַנדאַרם און תלין. אירע טוער האָבן דערשטיקט די אונגאַרישע ראַטן-רעפּובליק די ראַטן רעפּובליק אין סלאָוואַקיע. זיי האָבן די גאַנצע צייט געשטיקט דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט; אייגגלישע, אַמעריקאַנער, יאַפּאַנער פראַנצויזישע און אַנדערע סאָלדאַטן זיינען געווען אי אויפן צפון, אי אויפן דרום, אי אויפן מערב, אי אויפן מזרח פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט די תליינים פונם אַרבעטער-קלאַס. אפילו אירע

שווארצהויטיקע קנעכט פלעגט די „פעלקער-ליגע“ ארויסלאזן אויף די רוסישע און אונגארישע א־בעטער (אָדעס, בודאפעשט), צו וואָס פאַר אַ שענדליכע מעשים זי דערגייט, איז צו זעהן, למשל, פון דעם, וואָס די „ציוויליזירטע“ רויבער אין אענטשקעס האבן געהאַלטן באַ זיך די „רוצחים-ליגע“ בראש מיטן גענעראל יודעניטש, וואס איז געשטאנען בראש פון דער אַזוי גערופענער „צפון-מערבדיקער רעגירונג“. די „פעלקער-ליגע“ פלעגט די גאַנצע צייט אָנהעצן אויף ראטן רוסלאנד פינלאַנד, פוילן און א. וו., פלעגט איינארדנען פאַרשווע-רונגען מיט דער הילף פון קאָנסולן פון אויסלענדישע מלוכות; אירע אגענטן פלעגן אויפרייסן בריקן, פלעגן מיט באַמ:עס דערהרגענען קאמוניסטן. ס'איז ניטאָ אַזאַ געמיינהייט, אויף וועלכע ס'זאל ניט גיין די „פעלקער-ליגע“.

וואס שטארקער ס'ווערט דער דראנג פונם פראָלעטאַריאט, אלץ איינגער באַהעפט זיך די חברה קאפיטאַליסטן, אין 1847-טן יאר האבן מארקס און ענ-געלס געשריבן אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“: „אַ שאטן גייט ארום איבער איירָאפע—דער שאָטן פון קאָמוניזם, אלע כוחות פון דער אלטער איירָאפע האָבן זיך פאראייניקט צוליב דער געהייליקטער העצעריי פונם דאזיקן שאטן; דער פויפסט און דער קיסר, מעטערניך און גיזא, די פראנצויזישע ראַדיקאלן און די דייטשישע פאליציאנטן“. פון דעמאלט אן איז אריבער א סך יארן. דער שאָטן פון קאמוניזם האט שוין אנגעהויבן צו באקומען בלוט און פלייש, און קעגן אים טרעט ארויס ניט נאָר „די אלטע איירָאפע“; נאר די גאַנצע קאַ-פיטאליסטישע וועלט, נאָר די „פעלקער-ליגע“ וועט ניט זיין ביכולת אויסצופירן אירע צוויי אויפגאבן: אָרגאניזרן אין אַן איינהייטליכן טרעסט די גאַנצע וועלט-ווירטשאפט און דערשטיקן אומעטום די רעוואָלוציע. אַפילו צווישן די גרויסע מלוכות איז ניטאָ קיין פולשטענדיקע איינהייט, אַמעריקע שטייט קעגן יאַפאַן. און די באוואָפנונג גייט באַ זיי ביידן, ווי פריער. ס'איז אַ געלעכטער צו מיינען, אַז די צודריקטע דייטשלאַנד וועט זיין אַ גוטער פריינט פון די „יושר-דיקע“ רויבער פון דער אַנטאַנט. הייסט עס, אַז אויך דאָ בלייבט איבער אַ שפּאַלט, די קליינע מלוכות רייסן זיך איינע מיט דער צווייטער, נאָר — וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער — עס הויבט זיך אָן אריי קאָלאָניאַלע אויפשטאַנדן און מלחמות אין אינדיען און עגיפטן, אין אירלאַנד און א. וו. די פאַרקנעכטעטע לענדער הויבן אויף א מלחמה קעגן זייערע „ציוויליזירטע“ איירָאפייאישע פאַרקנעכטער. צו דעם בירגער, צו דעם קלאַסן קריג, וועלכן ס'פירט דער פראָ-לעטאריאַט קעגן דער אימפעריאַליסטישער בורזשואַזיע, קומען צו די אויפשטאַנדן פון די קאָלאָניעס, וועלכע העלפן אונטערצורייסן און צושטערן די הערשאַפט פונם וועלט-אימפעריאַליזם. אויף אַזאַ אופן פלאַצט די אימפעריאַליסטישע סיסטעם אונטערן דראנג פון דעם אויפשטייעדיקן פראָלעטאַריאַט, פון די מלחמות פון די פראָלעטאַרישע רעפובליקן, פון אויפשטאַנדן און מלחמות פון די פאַרקנעכטעטע דורך אימפעריאַליזם פעלקער, פון איין זייט; פון דער אַנדער זייט — אונטער דער ווירקונג פון די סתירות, און רייסערייען צווישן די גרויסע

קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. אנשטאָט א „פעסטן שלום" — אפולשטענדיקער מיש-
מאַש; אנשטאָט האלטן אין צוים דעם גאַנצן וועלט-פּראָלעטאַריאַט — אַן אַכזריותדי-
קער בירגער קריג אין דעם דאָזיקן בירגער-קריג וואַקסן די כוחות פונם
פּראָלעטאַריאַט און עסווערן אָפּגעשוואכט די כוחות פון דער בורזשואַזיע, ער
מוז זיך אומפאַרמיידליך ענדיקן מיטן נצחון פונם פּראָלעטאַריאַט.

ס'פאַרשטייט זיך אז דער נצחון פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור
קומט אָן ניט גרינג, די בירגער-קריג, ווי יעדער אנדערער קריג, פאָדערט
מענטשן-קרבנות, און מאַטעריעלע קרבנות, איטליכע רעוואָלוציע איז צו-
נויפגעבונדן מיט אזעלכע הוצאות. דעריבער, פארשטייט זיך, ווען די ערשטע
צייט פונם דאָזיקן בירגער קריג, דער חורבן וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן
דורך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה וואו ניט וואו ווערן נאָך שארפער
ס'איז גאנץ פארשטענדליך, אז ווען די בעסטע אייבעטער שטייען מיט
ביקסן אויפן פראָנט און פארטיידיקן זיך קעגן די פּריצים און גענעראלן, אנ-
שטאָט צו ארבעטן אָדער צו אָרגאניזירן די פּראַדוקציע, ליידט פון דעם דאָס
פאבריק-לעבן. ס'פאַרשטייט זיך, אז אלע חורבנות, וועלכע עס ברייננגט דער
בירגער-קריג, ברייינגען אַ גרויסן שאָדן. ס'פארשטייט זיך, אז די אומגעקומענע
אינם קריג חברים זיינען די טייערסטע קרבנות נאָר דאָס איז אן אומפאר-
מיידליכע זאך אין יעדער רעוואָלוציע. אין דער פראנצויזישער בורזשואזער
רעוואָלוציע פון 1789-1793-טע יאָרן ווען די בורזשואַזיע האָט אראָפּגעוואָרפן
די פראנצויזישע פּריצים, האט דער בירגער-קריג ארויסגערופן גרעסערע חור-
בנות, דערפאר אָבער, ווען די פּריצים-אדעליקע זיינען באזיגט געוואָרן, איז
די אנטוויקלונג פון פראַנקרייך גיך אוועק פאָראויס.

איטליכער פאַרשטייט, אַז באַ אַזאַ גרויסער רעוואָלוציע, ווי די וועלט
רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, ווען עס ווערט צובראָכן דער דרוק-רעזשים
וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ משך פון דורות, מוזן די הוצאות פון
דער רעוואָלוציע זיין באַזונדער גרויס. מיר האָבן געזעהן, אַז דער בירגער-קריג
ווערט איצט געפירט אין אַ וועלט-מאַסשטאַב, ער גייט טיילווייס איבער אין אַ
מלחמה פון די בורזשואַזע מלוכות קעגן די פּראָלעטאַרישע. די פּראָלעטאַרישע
מלוכות, וואָס פאַרטיידיקן זיך קעגן די רויבער-אימפּעריאַליסטן, פירן אַ קלאַסן
מלחמה, אַ באמת הייליקע מלחמה. נאָר זי פאָדערט בלוט-קרבנות, און וואָס
ברייטער ס'איז די דאָזיקע מלחמה, אַלץ מער קרבנות פאָדערט זיך, אַלץ גרע-
סער ווערט דער חורבן.

נאָר די הוצאות פון דער רעוואָלוציע זיינען לחלוטין ניט קיין ראיה
קעגן דער דאָזיקער רעוואָלוציע. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, וואס האָט
זיך אויסגעבילדעט אין אַ משך פון דורות, האָט געבראַכט צו דער מוראדיקער
אימפּעריאַליסטישער הריגה, אין וועלכער ס'זיינען ימים בלוט פאַרגאָסן גע-
וואָרן. וואָס פאַרא בירגער-קריג קען זיך גלייכן צו אָט דער ווילדער צע-
שטערונג און פאַרניכטונג פון דער גאנצער רייכקייט, וואָס די מענטשהייט
האט אָנגעזאמלט? ס'איז קלאָר, אז ס'איז נויטיק, אז די מענטשהייט זאָל

איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן א סוף מיטן קאַפּיטאַליזם. ס'לויגט צוליב דעם איבערלייַדן די צייַט פונם בירגער-קריג, דורכמאכן א וועג פאַרן קאָמו-ניזם, וועלכער וועט פאַרהיילן אַלע וואונדן און וועט גיך אַ שטופּ טאָן די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט.

§ 34 אלגעמיינע צופאַלונג אדער קאמוניזם? די אנטוויקלט ווערנדיקע רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ וועלט-רעוואָלוציע אדאנק די זעלביקע סיבות, אדאנק וועלכע די אימפּעריאליסטישע מלחמה איז געווארן אַ אימפּע-ריאליסטישע וועלט-מלחמה. אַלע הויפּט-לענדער זיינען צונויפגעבונדן צווישן זיך, אלע לענדער זיינען געווען טיילן פון דער וועלט-ווירטשאַפט, כמעט אלע זיינען ארייַנגעצויגן געוואָרן אין דער מלחמה און צונויפגעבונדן דורך דער דאזיקער מלחמה אויף אַ באַזונדערן שטייגער; אין אלע לענדער האָט די מלחמה אָנגעמאַכט געוואַלטיקע חורבנות, אומעטום האָט זי אַרויסגערופן הונגער, פאַרקנעכטונג פונם פּראָלעטאַריאַט; אין אלע לענדער האָט זי אַרויסגערופן א בהדרגהדיקע פוילונג און צעפאַלונג פונם קאַפּיטאַליזם, אומעטום איז געפאַלן די בייטש-דיסציפּלין אין די ארמייען, אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן; און פונקט אַזוי אומפאַרמייַדליך רופט די מלחמה ארויס די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע פונם פּראלעטאריאט.

האָט זיך נאָר אָנגעהויבן די צופאַלונג פונם קאַפּיטאַליזם און דער וואוקס פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, קענען זיי זיך שוין ניט אָפּהאַלטן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צופאַלונג פונם קאַפּיטאַליזם, איטליכער פרואוו אַוועקצושטעלן די מענטשהייַט אויף די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע רעלסן איז פון לכתחילה פאַר-משפּט אויף א מפּלה. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער באַוואוסטזיין פון די פּראָ-לעטאַרישע מאַסן האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די דאָזיקע מאַסן קענען ניט, ווילן ניט און וועלן ניט אַרבעטן אויפן קאַפּיטאַל אָדער הרגענען איינער דעם צווייטן צוליב די אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל, פון די קאָלאָניעס א. וו. מע קען איצט אין דייטשלאַנד ניט אויפשטעלן צוריק ווילהעלמס אַרמיי. נאָר פונקט אַזוי, ווי מע קען ניט צוריק אויפשטעלן די אימפּעריאַליסטישע דיסציפּלין אין דער אַרמיי, אַנטוענדיק דעם יאָך אויפן פּראָלעטאַריער-סאָלדאַט און אונטער-וואַרפנדיק אים אונטערן פריץ-גענעראַל, פונקט אַזוי קען מען אויך ניט צוריק אַויפשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע אַרבעט-דיסציפּלין, פונקט אַזוי קען מען ניט צווינגען דעם ארבעטער אַרבעטן אויפן באַלעבאָס אדער דעם פויער אויפן גוטסבאַזיצער. די נייע אַרמיי קען אויפגעבויט ווערן נאָר דורכן פּראָלעטאַריאַט. א נייע אַרבעט דיסציפּלין קען פאַרווירקליכט ווערן נאָר דורכן ארבעטער-קלאַס.

און איצט איז דעריבער מעגליך איינס פון די ביידע: אָדער אַן אלגע-מיינע צופאַלונג, אַפולשטענדיקער כאַאָס, אַ בלוטיקע קאַשע, א ווייטערדיקע פאַרווילדונג, אומארדענונג און אן אמתע אַנאַרכיע, אדער דער קאָמוניזם. דאס באַשטעטיקן אלע פרובן צוריק איינצופלאַנצן דעם קאַפּיטאַליזם אין אזא

לאנד, וואו די מאסן זיינען שוין איינמאָל צוגעגאַנגען צו **זייער** מאַכט. ניט די פינלענדער בורזשואזיע, ניט די אונגארישע בורזשואזיע, ניט קאָלטשאַק, ניט דעניקין, ניט סקאָראָפּאַדסקי האָבן ניט געקענט איינשטעלן די ווירטשאַפט, האָבן ניט געקענט באַשאַפן אַפילו **זייער** בלוט-אָרדענונג.

דער קאָמוניזם איז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער מענטשהייט, און אַזוי ווי דער קאָמוניזם קען פאַרווירקליכט ווערן נאָר דורכן פּראָלעטאַריאַט, איז דער פּראָלעטאַריאַט אין אונזער צייט דער אמת'ער אויסלייזער פון אַלע צרות פונם קאַפּיטאַליזם, פון דער באַרבאַרישער עקספּלואַטאַציע, פון דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק, פון שטענדיקע מלחמות, פון הונגער, פאַרווילדטקייט, וועלכע ס'האָט געבראַכט מיט זיך דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל און דער אימפּעריאַליזם אין דערין באַשטייט די גרויסע היסטאָרישע באַטייטונג פונם פּראָלעטאַריאַט. אין איינצלנע שלאַכטן אָדער אַפילו אין איינצלנע לענדער קען ער האָבן אַ מפּלה, נאָר זיין נצחון איז אומפאַרמיידליך, פונקט ווי ס'איז אומפאַרמייד-ליך דער אונטערגאַנג פון דער בורזשואזיע.

פון דעם אויבנגעזאָגטן איז קלאָר, אַז אַלע גרופּעס, קלאַסן און פּאַרטייען, וואָס מיינען צוריק אויפשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אָדער וואָס האַלטן, אַז איצט איז ניט די צייט פאַרן סאָציאַליזם, שפּילן אין דער אמת'ן אַ קאָנטער-רעוואָ-לוציאָנערע, אַ רעאַקציאָנערע ראָלע, צי ווילן זיי עס, צי ניט, צי פאַרשטייען זיי עס, צי ניט. אָט אַזעלכע זיינען אַלע סאָציאַל-פּשרות'מאַכערשע פּאַרטייען. וועגן דעם זעה אויך דעם וויטערדיקן קאַפּיטל.

ליטעראַטור צום 4.טן קאַפּיטל. ל. קאַמענעוו: די עקאָנאָמישע סיסטעם פונם אימפּע-ריאַליזם". נ. לענין, „דער אימפּעריאַליזם, ווי דער נייער עטאַפּ פונם קאַפּיטאַליזם (פאַראַן אין אידיש) נ. בוכאַרין, „די וועלט-ווירטשאַפט און דער אימפּעריאַליזם". ג. ציפּעראָוויטש, „סינדיקאַטן און טרעסטן אין רוסלאַנד". נ. לוקין (אַנטאָנאָוו), „דער מיליטאַריזם". פּאַוולאָוויטש, „וואָס איז אַזוינס דער אימפּעריאַליזם?". פּאַוולאָוויטש, „די גרויסע אייזנבאַנען". דער זעלביקער, „מיליטאַריזם און מאַריניזם". דער זעלביקער, „די סך-הכל'ס פון דער וועלט-מלחמה". אַ גוט ווערק, נאָר אַ שווערס צום לייענען איז הילפערדינגס בוך „דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל". ח.ע דעם זעה אויך פאָלגנדיקע ביכער: ק. קאַאוטסקי, „דער וועג צו מאַכט". קערושענצעוו, „דער איינגלישער אימפּעריאַליזם". לאַזאָווסקי, „אייזן און קוילן (דער קאַמף פאַר עלזאַס-לאָטאַרינגיע)". נ. זינאָוויעוו, „עסטרייך און די וועלט-מלחמה". פּאָקראָווסקי, „פראַנקרייך אין דער מלחמה-צייט". רעראָסקאָוו, „ענגלאַנד אין דער מלחמה צייט". מ. לוריע (לאַרין), „דאָס הייגעבע לאַנד". דער זעלביקער, „די פּועל-יוצא'ס פון דער מלחמה". ג. זינאָוויעוו, „דער דריי-בונד אין דער דריי-אַנטאַנט". א. לאָמאָוו, „די צופאַלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און די אָרגאַניזירונג פונם קאָמוניזם". נ. אָסינסקי, די בויאונג פונם סאָציאַליזם (דער ערשטער קאַפּיטל), (פאַראַן אין אידיש).

פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור קען מען אָנווייזן דושעק לאָנדאָנס ראָמאַן „די אייזערנע פּוס".

קאפיטל V.

צווייטער און דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

§ 35. דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער ארבעטער-באַוועגונג, ווי א תנאי פאַרן נצחון פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. § 36. דער קראַך פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סיבות. § 37. דער לאָזונג פון פאָטערלאַנד-פאַרטיידיקונג און דער פאַציפיזם. § 38. די סאָציאַל-שאָוויניסטן § 39. דער „צענטער“. § 40. דריטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

§ 35. דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער ארבעטער-באַוועגונג, ווי א תנאי פאַרן נצחון פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע קאָן מנצח זיין, נאָר ווי אַ וועלט-רעוואָלוציע. אויב ס'וואָלט אויסגעקומען אזוי, אז אין וועלכן ניט איז לאַנד וואָלט זיך דער אַרבעטער קלאַס געשטעלט בא דער מאַכט, און אין די איבעריקע לענדער וואָלט ער געווען געטריי און מיט לייב און נפש איבער-געגעבן דעם קאַפּיטאַל, וואָלטן די גרויסע רויבערישע מלוכות סוף כל סוף דערשטיקט דאָס דאָזיקע לאַנד. אין 1917, 1918 און 1919-טן יאָר האָבן אַלע מלוכות געשטיקט דאָס ראַטן-רוסלאַנד; אין 1919-טן יאָר האָבן זיי דערשטיקט דאָס ראַטן-אונגאַרן, נאָר דאָס ראַטן רוסלאַנד האָבן זיי ניט געקאָנט דערשטיקן דערפאַר, ווייל אינעווייניק אין די גרויסע מלוכות איז די לאַגע גע-ווען אַזאַ, אז זיי איז אויסגעקומען צו טראַכטן, ווי אַזוי זיך אַליין איינ-צוהאַלטן אונטערן דראַנג פון די אייגענע אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז מע זאָל ארויספירן דאָס מיליטער פון רוסלאַנד. הייסט עס, ערשטנס, אז די עקזיסטענץ גופא פון אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין איין לאַנד געפינט זיך אין אַ סכנה, אויב זי האָט ניט קיין שטיצע מצד די אַרבעטער פון די איבע-ריקע לענדער. און צווייטנס, איז בא אַזאַ לאַגע, ווען די אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון נאָר אין איין לאַנד, פאַראַן זעהר גרויסע שוועריקייטן פאַר דער עקאָנאָמישער בויאונג-אַרבעט, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט. אזא לאַנד באַקומט גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט פון אויס-לאַנד: מע בלאָקירט עס פון אַלע זייטן.

נאָר אויב פאַרן נצחון פונם קאָמוניזם איז נויטיק דער נצחון פון דער וועלט-רעוואָלוציע און די קעגנזייטיקע שטיצע פון די ארבעטער

איינע די צווייטע. הייסט עס, אז דער אומבאַדינגטער תנאי פאר אַזאַ נצחון
אין די אינטערנאַציאָנאַלע (צווישנפעלקערישע) סאָלידאַרישקייט פונם ארבעטער
קלאַס. דאָ קומט פאַר דאָס זעלביקע, וואָס אין יעדן לאַנד באַזונדער: די
אַרבעטער קענען ניט געווינען קיין שטרייק, אויב זיי זיינען צוגעבונדן איטלי-
כער צו זיין באַלעבאָס; דעם שטרייק קענען זיי געווינען נאָר דאַן, ווען די
ארבעטער פון פאַרשיידענע פאבריקן שטיצן איינער דעם צווייטן, ווען
זיי בויען אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע און פירן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן
אַלע פאַבריקאַנטן. דאָס זעלביקע איז אויך מיט די ארבעטער, וואָס לעבן אין
פאַרשיידענע בורזשואַזע מלוכות. נאָר דאַן קענען זיי אָפּהאַלטן אַ נצחון, ווען
זיי גייען צוזאַמען, אין געשלאָסענע רייען, ווען זיי רייסן זיך ניט איינער
מיטן צווייטן, נאָר אדרבא, ווען פראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע לענדער פאַר-
אייניקן זיך, ווען זיי פילן זיך ווי אין איינהייטליכער קלאַס, מיט איינע און די
זעלביקע אינטערעסן. נאָר אַ פולשטענדיקער צוטרוי פון איינעם צום צווייטן,
אַ ברודער-פאַרבאַנד, אַן אייניקייט פון רעוואָלוציאָנערע מעשים קעגן דעם
אַלוועלטליכן קאַפּיטאַל. נאָר דאָס קען זיכערן דעם נצחון פונם ארבעטער קלאַס.
די קאָמוניסטישע ארבעטער באַוועגונג קען אָפּהאַלטן אַ נצחון נאָר ווי אַ
אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג.

מע האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ אינטערנאַציאָנאַלן
קאַמף פונם פראָלעטאַריאַט. אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט,
ערב דער רעוואָלוציע פון 1848-טן יאָר, האָט שוין עקזיסטירט אַ אינטער-
נאַציאָנאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „קאָמו-
ניסטן-פאַרבאַנד". בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זיינען געשטאַנען
מאַרקס און ענגעלס. אויפן לאָנדאָנער קאָנגרעס פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד
איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן צונויפצושטעלן אין נאָמען פונם דאָזיקן פאַרבאַנד
„אַ מאַניפעסט". און אויף אַזאַ אופן איז ארויס דער „מאַניפעסט פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אין וועלכן די גרויסע קעמפער פונם פראָלעטאַריאַט
האָבן צום ערשטן מאָל ארויסגעזאָגט די קאָמוניסטישע אידייען.

אין 1864-טן יאָר איז אונטער מאַרקס אָנפירונג אויפגעקומען די „אינ-
טערנאַציאָנאַלע ארבעטער-אַסאָציאַציע", אָדער, ווי מע רופט זי איצטער
דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל. אינם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אַ
סך פירער פון דער ארבעטער באַוועגונג פון פאַרשיידענע לענדער, נאָר אין
זיינע רייען איז נאָך ניט געווען קיין גענוגנדיקע אייניקייט. חוץ דעם האָט ער
זיך נאָך ניט געשטיצט אויף די ברייטע ארבעטער מאַסן און האָט, בכן, דער-
מאַנט מיט זיך מער אַ אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פאַר רעוואָלוציאָנערע
פּראָפּאַגאַנדע. אין 1871-טן יאָר, בעתן אויפשטאַנד פון די פאַריזשער ארבעטער
(די פאַריזשער קאָמונע) האָבן די מיטגלידער פונם אינטערנאַציאָנאַל זיך אין
אים באַטייליקט. נאָכדעם האָט מען אומעטום אָנגעהויבן רודפן די קערנדלאַך
פון אינטערנאַציאָנאַל. אין 1874-טן יאָר איז ער צופאַלן געוואָרן; זיין צופאַ-
לונג האָט אַ חוץ אַנדערע סיבות, מיטגעהאָלפן אויך דער אינערליכער קאַמף

צווישן די אָנהייגגער פון מארקסן און פונם אנארכיסט באקונין. נאָך דער צופאלונג פונם ערשטן אינטערנאציאָנאל האָבן אין פארשיידענע לענדער אָנ-געהויבן וואקסן סאָציאליסטישע פארטייען. וואָס גיכער ס'האָט זיך אנטוויקלט די אינדוסטריע, אלץ גיכער איז אויך פאָרגעקומען דער וואוקס פון די דאָ=זיקע פארטייען. ס'האָט זיך אזוי שטארק געפילט די באדערפעניש אין א קעגנזייטיקער שטיצע, אז אין 1889-טן יאָר איז צונויפגערופן געוואָרן א אינ=טערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער קאָנגרעס פון פאָרשטייער פון סאָציאליסטישע פארטייען פון פארשיידענע לענדער. דאָ איז געגרינדעט געווארן דער צ ו ו י י ט ע ר אינטערנאציאנאל. דער צווייטער אינטערנאציאנאל האט פאקטיש עקזיסטירט ביזן 1914=טן יאר, ווען די מלחמה האָט געמאכט צו אים א סוף. די סיבות פון דעם ווערן איבערגעגעבן ווייטער.

נאך אין „קאמוניסטישן מאניפעסט" האט מארקס ארויסגעשטעלט דעם לאזונג: „פראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!" אט וואס ס'האט וועגן דעם געשריבן מארקס (מיט די דאזיקע שורות ענדיקט זיך דער „מאני-פעסט") „די קאמוניסטן האַלטן ניט פאר נויטיק צו באהאלטן זייערע מיי-נונגען און כוונות. זיי דערקלערן אפן, אז זייער ציל קען דערגרייכט ווערן נאר דאן, ווען זיי וועלן מיט געוואלט אראפּווארפן די גאנצע עקזיסטירעדיקע גע-זעלשאפטליכע ארדענונג. זאלן די הערשעדיקע קלאסן ציטערן פאר דער קאָ-מוניסטישער רעוואלוציע. די פראלעטאריער האבן דא ניט וואס אנצואווערן, א חוץ זייערע קייטן און געווינען אבער קאנען זיי די גאנצע וועלט. „פרא-לעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!")

די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פונם פראלעטאריאט איז, בכן, פאר די ארבעטער ניט קיין שיין ווערטל, און ניט קיין קאַטאוועס, נאר א לעבנס-נויטיקייט, און אָן דעם וואלט די גאנצע זאך פונם ארבעטער קלאס פארמשפט געווארן צום טויט.

§ 36. דער קראך פונם צווייטן אינטערנאציאָנאל און זיינע סיבות. ווען ס'האט זיך אין אווגוסט 1914-טן יאר אנגעהויבן די גרויסע וועלט-הריגה, זיינען די סאציאל=דעמאקראטישע פארטייען פון אלע לענדער, א חוץ רוסלאנד, סערביע, דערנאך איטאליע, אנשטאט צו דערקלערן א מלחמה קעגן דער מלחמה און רופן די ארבעטער צו אן אויפשטאנד, איבערגעגאנגען אויפן צד פון זייערע רעגירונגען און האבן אליין אנגעהויבן שטיצן די גזלנ׳ישע הריגה. אין איינעם און דעמזעלביקן טאג האבן די סאציאל=דעמאָ-קראַטישע דעפוטאטן פון פראנקרייך און דייטשלאנד געשטימט אין די פארלא-מענטן פאר מיליטער=קרעדיטן זייערע רעגירונגען און האבן אויף אזא אופן געגעבן א סיגנאל צו שטיצן די רויבערישע רעגירונגען. אנשטאט אן אלגע-מיינעם אויפשטאנד קעגן דער פארברעכערישער בורזשואזיע, זיינען זיך די סאָציאליסטישע פארטייען צולאפן איטליכער אונטער דער פאָן פון „איר אייגענער"

בורזשואַזער רעגירונג. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן באַ דער דירעקטער שטיצע פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, און די פירער פון די דאָזיקע פאַרטייען האָבן בוגד געווען אין סאָציאַליזם און האָבן אים פאַרראַט. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָ געפונען זיין מיאוסן טויט.

(ס'איז אינטערעסאנט, וואָס סך הכל עטליכע טעג פאַרן פאַרראַט, האָבן די אָרגאַנען פון די סאָציאַליסטישע פארטייען און זייערע פירער געשאָטן פעך און שוועבל אויף די מלחמה. אזוי, האָט, למשל, ג. ערווע, דער פאַררעטער פונם פראַנצויזישן סאָציאַליזם, געשריבן אין זיין „סאָציאַלע מלחמה" (וועלכע ער האָט משנה השם געווען אין „נצחון"); „שלאָגן זיך כדי צו ראַטעווען דעם פרעסטיזש (די ווערדע) פונם קיסר!.. וואָס פאַראַ פרייד דאָס איז צו שטאַרבן פאַר אַזא איידעלע זאַך!" מיט דריי טעג פאַר דער מלחמה האָט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פארטיי ארויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט קעגן דער מלחמה, און די פראַנצויזישע סינדיקאַליסטן האָבן געשריען אין זייער צייטונג: „אַרבעטער! אויב איר זייט ניט קיין פחדנים... פראָטעסטירט!" די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַקישע פארטיי פלעגט צונויפרופן קאָלאָסאַלע פראָטעסט-פארזאַמלונגען. באַ אַלעמען איז נאָך פריש געווען אין זכרון דער באַשלוס פונם באַזעלער אינטערנאציאָנאַלן קאָנגרעס, אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה, מוז מען אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי „אויפצוהויבן דאָס פאָלק" און צו פארגיכערן דעם קראַך פונם קאפיטאליזם. נאָר גלייך אויף מאָרגן האָבן די זעלביקע פארטייען און זייערע פירער געשריבן וועגן דער נויטיקייט צו „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד" (דאָס הייסט, די רויבערישע מלוכה) פון זייער בורזשואַזיע, און די עסטרייכישע „ארבעטער צייטונג" האָט געטענהט, אַז מע מוז פאַרטיידיקן „די דייטשישע (!!) מענטשהייט").

כדי צו פאַרשטיין, פארוואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאט אַזאַ מיאוסן סוף, מוז מען זיך פאנאנדערקלייבן אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך פאר דער מלחמה אַנטוויקלט די ארבעטער באוועגונג. ביז אָט דעם צוזאַמענשטויס האָט זיך דער קאפיטאַליזם פון די אייראָפּייאישע לענדער און פון די פאראייניקטע שטאטן אנטוויקלט אויפן חשבון פון א מוראדיק גרויסע רויבעריי אין די קאָלאָניעס. די שמוציקע בלוטיקע זייט פונם קאפיטאַליזם פלעגט זיך ארויסווייזן דערהויפט דאָרט. פון די קאָלאָניאלע פעלקער פלעגט מען דורך בארבארישער עקספּלואטאציע, דורך רויבעריי, אָפּנארעריי, ארויסקוועטשן רייכקייט, וואס פלעגן פארוואַנדלט ווערן אין א ריווח פון די אדירים פונם אייראָפּייאישן און אַמעריקאנער פינאַנץ-קאפיטאַל. וואָס פעסטער און שטארקער ס'האָט זיך געפילט אויפן וועלט-מארק אַ וואָסער ניט איז מלוכה-קאפיטאליסטישער טרעסט, אַלץ מער ריווח פלעגט ער באַקומען פונם עקספּלואטירן די קאָלאָניעס. און פונם דאָזיקן מערווערט האָט ער געהאט אַ מעגליכקייט ארויסצואָלן הוץ דער געוויינטלאכער שכירות, נאָך

עפּעס אַ קליינינקייט זייערע געדונגענע קנעכט, ניט גלייכן, פאַרשעמט זיך, גאָר די „קוואַליפיצירטע" דאָס הייסט, די אַזוי גערופענע אויסגעלערנטע אַרבעטער. די דאָזיקע שיכטן פֿונעם אַרבעטער קלאַס פּלעגן, אויף אַזאַ אופן, די [illegible] אונטערגעקויפט ווערן פונעם קאַפּיטאַל. און די דאָזיקע שיכטן פלעגן אויך אָנהייבן טראַכטן: איז „אונזער" אינדוסטריע האָט אַ מאַרק אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס, איז עס גאַנץ גוט, זי וועט זיך בעסער אַנטוויקלען, דער רווח פון אונזערע באַלעבאַטים וועט גרעסער ווערן און אונז וועט אויך פון דעם עפּעס אָנקומען. אָט אַזוי פלעגט דער קאַפּיטאַל צובינדן צו זיין מלוכה זיינע געדונגענע קנעכט, אונטערקויפנדיק איין טייל פון זיי אויפן חשבון פון דער רויבעריי אין די קאָלאָניעס.

(די דאָזיקע דערשיינונג האָבן נאָך די גרינדער פונם וויסנשאַפטליכן קאָמוניזם באַמערקט. אַזוי האָט, למשל, פ. ענגעלס געשריבן אין 1882-טן יאָר אין אַ בריוו צו קאַוטסקין: „איר פרעגט מיך, וואָס טראַכטן די איינגלישע אַרבעטער וועגן דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק? אַבסאָלוט דאָס זעלביקע, וואָס זיי טראַכטן וועגן פּאָליטיק בכלל. דאָ איז דאָך ניטאָ קיין אַרבעטער-פּאַרטיי, דאָ זיינען פאַראַן מער ניט ווי קאָנסערוואַטאָרן און ליבעראַלע דעמאָקראַטן, און די אַרבעטער נעמען אַ טיכטיקן אַנטייל אינעם אויסנוצן יענע גליקן, וואָס ס'ברענגט מיט זיך די איינגלישע מאָנאָפּאָל אויפן וועלט-מאַרק און אין די קאָלאָניעס".

אָט אויף דעם באָדן פלעגט זיך אַנטוויקלען אַ באַזונדערע קנעכטישקייט צוגעבונדנקייט פון די אַרבעטער צו זייער בורזשואַזיע, אַ הכנעה-געפיל פאַר איר. דער זעלביקער ענגעלס האָט געשריבן אין 1889-טן יאָר: „די עקלהאַפטע דערשיינונג דאָ (אין איינגלאַנד) איז דער בורזשואַזער רעספּעקט, וואָס האָט זיך איינגעזויגן אינעם פלייש און בלוט פון די אַרבעטער... דער איינגעבאָרענער דרך ארץ צו די „betters" און „superiors" (צו „די הארן") האָט זיך אַזוי לאַנג און פעסט איינגעוואָרצלט, אַז די הערן בורזשואַ גיט זיך נאָך אַלץ איין גאַנץ גרינג אַריינצוכאַפּן די אַרבעטער אין זייערע נעצן. איך, למשל, בין גאָר ניט זיכער, אַז דזשאָן בערנס (איינער פון די דאַמאָלדיקע אַרבעטער-פירער) שטאָלצירט ניט טיף אין האַרצן אַ סך מער מיט זיין פּאָפּולערקייט ביים קאַרדינאַל מאַנינג, דעם שטאָט-גאַלאַווע, און בכלל בא דער בורזשואַזיע, ווי מיט זיין פּאָפּולערקייט בא זיין אייגענעם קלאַס").

די אַרבעטער מאַסן זיינען ניט געוואוינט געווען און זיי האָבן טאַקע אויך קיין געלעגנהייט ניט געהאַט צו פירן אַ קלאַסאַלן קאַמף אין אַ אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די גאַנצע טעטיקייט פון זייערע אָרגאַניזאַציעס איז דאָס רוב דורכגעגאַנגען אינעווייניק אין דער מלוכה פון דער אייגענער בורזשואַזיע. און אָט די „אייגענע" בורזשואַזיע פלעגט מיט דער קאָלאָניאַלפּאָליטיק פאַראינטערעסירן אַ טייל פון אַרבעטער קלאַס, בפרט די

קוואַליפיצירטע שיכטן פונם דאָזיקן ארבעטער קלאַס. אין די דאָזיקע נעצן פלעגן אָריינפאַלן אויך די פירער פון די אַרבעטער ארגאַניזאַציעס, די ארבע-טער-ביוראָקראַטיע, די פארלאמענט-פאָרשטייער, וועלכע האָבן פאַרנומען מער אָדער ווייניקער גוטע שטעלעס און זיינען צוגעוואוינט געוואָרן צו אַ „פרידליכער“, „רוהיקער“, „געזעצליכער“ טעטיקייט. מיר האָבן דאָך שוין גע-זאָגט, אַז די בלוטיקע זייט פונם קאַפּיטאַליזם פלעגט זיך פאַנאַנדערוויקלען בעיקר אין די קאָלאָניעס. אין איירָאָפּע און אמעריקע גופא האָט זיך די אינ-דוסטריע שנעל אַנטוויקלט און צוזאַמען מיט דעם איז אויך דער קאַמף פונם ארבעטער קלאַס פאָרגעקומען אין מער אָדער ווייניקער פרידליכע פאָרמען קיין גרויסע רעוואָלוציעס איז ניט געווען (א חוץ רוסלאַנד). פון 1871=טן יאָר און פאַר דאָס רוב לענדער פון 1848=טן יאָר, און אַלע האָבן זיך איינגעלעבט מיטן געדאַנק, אַז אויך אויף ווייטער וועט זיך דער קאַפּיטאַליזם אנטוויקלען פונקט אזוי פרידליך, און ווען מע פלעגט אפילו ריידן וועגן די קומעדיקע מלחמות, האָט מען אַליין ווייניק אין דעם געגלויבט. און אַ טייל ארבעטער — און בתוכם אויך די אַרבעטער-פירער — זיינען אליך מער דורכגעדרונגען גע-וואָרן מיטן געדאַנק, אַז אויך דער אַרבעטער קלאַס איז פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק, און דאַרף, צוזאַמען מיט זיין בורזשואַזיע, זאָרגן וועגן דער בליהונג פון זיין „נאַציאָנאַלן“ ענין. אויף אָט דעם באָדן האָט זיך אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָנגעהויבן ארייננגיסן אַ קליינ-בירגערליכע מאַסע. אזוי איז, למשל, אין דייטשלאַנד אין דער סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישער פאַרלאַמענט-פראַקציע געווען אַ היבש ביסל שיינקער, באַלעבאַטים פון אַרבעטער-רעסטאָראַנען: אין 1892=טן יאָר — 4 (פון 35), אין 1905-טן יאָר — 6 (פון 81), אין 1912=טן יאָר 12 (פון 110).

ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס, ווען די פראַגע איז אויפגעשטעלט געוואָרן שאַרף, האָט די צוגעבונדנקייט צו דער אימפּעריאַליסטישער רויבע-רישער מלוכה גובר געווען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט.

איז, בכן, די הויפּט=סיבה פונם אונטערגאַנג פונם צווייטן אינטערנאַ-ציאָנאַל געווען דאָס, וואָס די קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע פון די גרעסטע מלוכה-קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן האָט צוגעבונדן די אַרבעטער — בפרט „די אויבערשטע שיכטן“ פונם אַרבעטער-קלאַס — צו דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה פון דער בורזשואַזיע.

(אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג זיינען שוין אויך פריער געווען אַזעלכע פאַלן, ווען דער ארבעטער גייט צוזאַמען מיט זיין אונטערדריקער. אויף דער סאַמע ערשטער אַנטוויקלונגס=שטופע, למשל, ווען דער ארבעטער איז נאָך געזעסן בא איין טיש מיט זיין באַלעבאָס, פלעגט ער קוקן אויף די פאַבריק פון זיין באַלעבאָס, ווי אויף עפּעס אייגנס, וואָס געהערט כמעט צו אים: דער באַלעבאָס איז געווען ניט קיין שונא זיינער נאָר אַן „אַרבעטגעבער“. נאָר מיט דער צייט האָבן זיך די אַרבעטער פון

פאַרשיידענע פאַבריקן אַנדערע פאַראייניקן אַלץ מיט די אַנדערע קענען אַלע באַלעבאַטים, ווען גרויסע ליבערע האָבן זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין „מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן“, וויבאַלד די אַרבעטער געווען נאָך פונקט אַזוי צוגעבונדן צו זיי, ווי זיי זיינען פריער געווען צוגעבונדן צו זייערע באַלע־באַטים.

די מלחמה רק האָט זיי אָנגעלערנט, אַז מע דאַרף שטיין ניט אויפן צד פון דער אייגענער בורזשואַזער מלוכה, נאָר מע דאַרף צוזאַמען אַראָפּ־וואַרפן אַט די בורזשואַזע מלוכות און גיין צו דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

§ 37. דער לאָזונג פון פאַטערלאַנד פאַרטיידיקונג און דער פּאַציפיזם.

די פירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פלעגן באַרעכטיקן זייער פאַרראַט דעם אַרבעטער־ענין און דעם אַלגעמיינעם קאַמף פונם אַרבעטער קלאַס מיט דעם, וואָס מע דאַרף כלומרשט „פאַרטיידיקן דאָס פאַטערלאַנד“.

מיר האָבן שוין געזען, אַז אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה איז עס בכלל פוסטע ריידן. ווייל דאָ פאַרטיידיקט זיך ניט קיין איין איינציקע פון די גרויסע מלוכות נאָר אַלע פאַלן זיי אָן. דער לאָזונג פון פאַרטיי־דיקן דאָס פאַטערלאַנד (דאָס בורזשואַזיע) איז געווען אַ פּשוטע רמאות, אונטער וועלכער די פירער האָבן געוואָלט באַהאַלטן זייער פאַרראַט.

נאָר מיר דאַרפן דאָ פונדעסטוועגן גענויער באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע.

ערשטנס, וואָס איז עס אַזוינס טאַטערלאַנד? וואָס פאַרשטייט מען אייגנטליך אונטער דעם דאָזיקן וואָרט? מענטשן, וואָס ריידן אויף איין שפּראַך, אָדער אַ „נאַציע“? ניין, ווייל לאָמיר נעמען, למשל, דאָס צאַרישע רוס־לאַנד. ווען די רוסישע בורזשואַזיע האָט געשריען וועגן פאַרטיידיקן דאָס פאַטערלאַנד, האָט זי לגמרי דאָ ניט געהאַט אין זינען אַ לאַנד, וואו עס לעבט איין פאָלק, די גרויסרוסן, לאָמיר זאָגן, ניין, דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרשיידענע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד. וועגן וואָס זשע האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין דער אמתן? טאַקע נאָר וועגן דער מלוכה־מאַכט פון דער רוסישער בורזשואַזיע און פון די פריצים. „פאַרטיידיקן“ אָט אָ די מאַכט האָט מען עס פאָרגעלייגט די רוסישע אַרבעטער (און אין דער אמתן ניט פאַרטיידיקן, נאָר פאַרברייטערן אירע גרענעצן ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קראַקאָוו). ווען די דייטשישע בורזשואַזיע האָט ביזן הימל געשריען וועגן פאַרטיידיקן דאָס „פאַטערלאַנד“, וועגן וואָס האָט זיך דאָ געהאַנדלט? ווייטער וועגן דער מאַכט פון דער דייטשישער בורזשואַזיע, וועגן פאַרברייטערן די גרענעצן פון ווילהעלמס רויבערישער מלוכה.

און דאָ דאַרף מען זיך אָפּגעבן אַ חשבון, צו האָט דער אַרבעטער קלאַס

ביים קאַפּיטאַליזם בלײַבט אַ אַרבעטער ניט אין פאַטערלאַנד. אין „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ" זאָגט מאַרקס אויף דעם געגנטערם: „די פּראָלעטאַריער האָבן ניט קיין פאַטערלאַנד". און ער איז געווען גערעכט. פאַרוואָס? גאַנץ פּשוט פאַרוואָס: ווײַל ביים קאַפּיטאַליזם האָבן זיי ניט קיין מאַכט. ווײַל ביים קאַפּיטאַליזם געפינט זיך אַלץ אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. ווײַל ביים קאַפּיטאַליזם איז די מלוכה — אַ מיטל צו דערשטיקן דעם אַרבעטער קלאַס, ווײַל די מלוכה אונטערדריקט דעם אַרבעטער קלאַס. מיר האָבן שוין געזעהן, אַז די אויפגאַבע פונם פּראָלעטאַריאַט באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל צעשטערן די מלוכה פון דער בורזשואַזיע, און בכלל ניט אין דעם, אַז ער זאָל זי פאַרטיידיקן. דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָר דאַן האָבן אַ פאַטערלאַנד, ווען ער וועט פאַרכאַפּן די מלוכה־מאַכט און וועט ווערן דער בעלבאָס פון לאַנד. דאָרט — און נאָר דאָרט האָט ער זײַן פאַטערלאַנד און דאָס איז ער מחויב צו פאַרטיידיקן: ווײַל דאָ וועט ער פאַרטיידיקן זײַן מאַכט און זײַן זאַך, און ניט די מאַכט פון זײַנע שונאים און ניט די רויבערישע פּאָליטיק פון זײַנע אונטערדריקער.

די בורזשואַזיע פאַרשטייט עס אויסגעצייכנט פאַר זיך. והראיה, ווען דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט די רוסישע בורזשואַזיע אָנגעהויבן קעמפן קעגן רוסלאַנד, שליסנדיק אָפּמאַכן מיט וועמען נאָר איר ווילט: מיט די דייטשן, יאַפּאַנער, אַמעריקאַנער, אײַנגלענדער, מיטן טייוול און זײַן באָבען. פאַרוואָס? ווײַל זי האָט פאַרלאָרן אין רוסלאַנד איר מאַכט. זי האָט דאָרט פאַרלאָרן איר פאַטערלאַנד פון רויבערײַ, גזילה, בורזשואַזער עקספּלואַטאַציע. און דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד, דאָס הייסט, די ראַטן מאַכט, איז זי גרייט אויפצורייסן אין יעדער רגע. אָדער לאָמיר נעמען אונגאַרן. די בורזשואַזיע האָט גערופן זי „פאַרטיידיקן" ווען די מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. נאָר זי האָט גלייך געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די רומענער, טשעכאָ־סלאָוואַקן, עסטרייכן, מיט דער אַנטאַנט און האָט צוזאַמען מיט זיי דערשטיקט דאָס פּראָלעטאַרישע אונגאַרן. דאָס באַווייזט, אַז די בורזשואַזיע פאַרשטייט אויסגעצייכנט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. זי באַפעסטיקט אַליין און רופט אויף אַלע בירגער צו באַפעסטיקן איר מאַכט, די בורזשואַזע מאַכט, אונטערן לאָזונג דאָס פאַטערלאַנד, און משפט פאַר מלוכה־פאַרראַט יענע, וואָס ווילן דאָס ניט טאָן. זי לייגט פאַרקערט אַרײַן אַלע כוחות און האַלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, כדי אויפצורייסן דאָס פּראָלעטאַרישע פאַטערלאַנד.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך לערנען בא דער בורזשואַזיע אויפרייסן דאָס בורזשואַזע פאַטערלאַנד, און ניט פאַרטיידיקן אָדער פאַרברייטערן עס און פאַרטיידיקן זײַן פאַטערלאַנד מיט אַלע כוחות, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

אויף דעם אַלץ קען מען אָט וואָס אָפּפרעגן: וואָס הייסט עס, איר

[illegible] אַז די קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און דער [illegible] האָבן מיטגע-
האָלפֿן [illegible] פֿון [illegible] מלוכות, אַז
[illegible] ברעקלאַך פֿון
[illegible] און העלפֿן
[illegible] באַלעבאָס!

[illegible] צוויי
[illegible] וואָגט
[illegible] ברײנגט
[illegible] אַרבעטער אין א. וו.
[illegible] מאַכן
אַ [illegible] דער-
[illegible] סטנוס סטראָף אײן מיט
[illegible] דאָן ווייסט ער די
[illegible] פֿון דעם [illegible] און דערנאָך
[illegible] מאַכן אַ
[illegible] אַרבעטער, וואָלטן
[illegible] בלערלײ
[illegible] קײן
אַ[illegible]
דער [illegible] און [illegible] קאָנקורענט
שלאָגט [illegible] אַרבעטער וואָלטן
[illegible] רובל, דערנאָך וואָלטן זײ
אָבער [illegible] פֿאַרלאָרן, [illegible] איך פֿאַר אינם אינטערנאַציאָ-
נאַלן קאַמף. די [illegible] מלוכה איז אַ באַלעבאַטים-פֿאַרבאַנד. ווען אײן אַזאַ
פֿאַרבאַנד ווערט[?] פֿעט אױפֿן חשבון פֿון די איבעריקע, קען ער אונטערקויפֿן
די אַרבעטער. דער קראַך פֿונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און דער פֿאַרראַט
אינם סאָציאַליזם מצד די פֿירער פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג איז סאַקע
פֿאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע פֿירער האָבן באַשלאָסן צו „פֿאַר-
טײדיקן" און גרעסער מאַכן יענע „ברעקלאַך", וואָס פֿלעגן זײ אָנקומען פֿונם
אַרונט טיש. גאָר פֿאַר דער מלחמה-צײט, בעת די אַרבעטער זײַנען מחמת
דעם דאָזיקן פֿאַרראַט צעברעקלט געוואָרן, האָט דער קאַפּיטאַל אין אַלע לענ-
דער אַרויפֿגעלייגט אויף זײ אַ געוואַלטיקע משא. די אַרבעטער האָבן דערזעהן,
אַז זײ האָבן אַ טעות געהאַט אין חשבון, אַז די פֿירער פֿון די סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען האָבן זײ פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ גראָשן. אַזוי הויבט זיך אָן די אויפֿ-
לעבונג פֿונם סאָציאַליזם. ס'איז גאַנץ פֿאַרשטענדליך, אַז די ערשטע הויבן אָן
צו פּראָטעסטירן די שלעכטסט באַצאָלטע, ניט קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער. דער
שיכט פֿון דער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע (למשל, די דרוקער פֿון אַלע לענדער)
און פֿון די אַלטע פֿירער האַלטן זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט בײַ זײערע פֿאַרע-
טערישע מײנונגען.

חוץ דעם לאָזונג צו פאַרטיידיקן דאָס (בורזשואַזע) פאָטערלאַנד, איז געווען נאָך אַ מיטל צו פאַרפירן און אָפּנאַרן די אַרבעטער מאַסן. דאָס איז דער אַזוי אָנגערופענער פּאַציפיזם. וואָס איז עס אַזוינס? דאָס איז אַ מיינונג, וועלכע האַלט, אַז שוין אין די ראַמען פונם קאַפּיטאַליזם קען אָן שום רעוואָלוציעס, אָן שום אויפשטאַנדן פונם פּראָלעטאַריאַט א. אַ. וו. איינגעשטעלט ווערן אויף דער ערד אַן אייביקער שלום. ס'איז גענוג נאָר איינאָרדענען בוררים-געריכטן צווישן פאַרשיידענע מלוכות, אָפּשאַפן די געהיימע דיפּלאָמאַטיע, אויספירן אַן אָנטוואָפענונג, תחילת אפילו נאָר פאַרקלענערנדיק די באַוואָפענונג און א. וו. און אַלץ וועט גוט זיין.

דער גרונט-טעות פונם פּאַציפיזם („רו-פאַרשלומקייט”) באַשטייט אין דעם וואָס די בורזשואַזיע וועט נים איינגיין אויף אַזעלכע גוטע זאַכן, ווי, למשל, אָנטוואָפענונג. ס'איז דאָך אַן אומזין און אַ נאַרישקייט צו פאַרטיידיקן וועגן אָנטוואָפענונג אין דער תקופה פונם אימפּעריאַליזם און פון בירגער-קריג. די בורזשואַזיע וועט זיך באַוואָפענען אויפן בעסטן אופן. און אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך אָנטוואָפענען אָדער וועט זיך נים באַוואָפענען, וועט ער גאָר פשוט ברענגען דערצו, אַז מע זאָל אים צעקלאַפּן. אין דעריין באַשטייט טאַקע די רמאות, וואָס די פּאַציפיסטישע לאָזונגען ברענגען מיט זיך דעם פּראָלעטאַריאַט. זייער צוועק איז אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט פונם אַרבעטער קלאַס פון אַ באַוואָפנטן קאַמף פאַרן קאָמוניזם.

(פאַר אַ בעסטן ביישפּיל פון פאַלשקייט פונם פּאַציפיזם קען דינען ווילסאָנס פּאָליטיק און די 14 פּונקטן, וואו אונטער אַ שלייער פון יושר און גערעכטיקייט ווערן דורכגעפירט די וועלט-רויבערייען און דער בירגער-קריג קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. צו וואָס פאַר אַ געמיינקייט עס קענען דערגיין די פּאַציפיסטן, איז צו זעהן, למשל, פון אַזעלכע ביישפּילן: דער געוועזענער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז איינער פון די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער שלום-ליגע און גלייכצייטיק איז ער אַ מוראדיקער אימפּעריאַליסט; דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער אווטאָמאָביל-פאַבריקאַנט פאָרד פלעגט איינאָרדענען גאַנצע עקספּעדיציעס אין אייראָפּע און פלעגט האַלטן אין איין שרייען וועגן פּאַציפיזם. נאָר אין דער זעלבער צייט פלעגט ער לייגן אין די קעשענעס הונדערטער מיליאָנען טאָלערס, ווייל אַלע זיינע אונטערנעמונגען האָבן געאַרבעט צוליב דער מלחמה. איינער פון די השובסטע פּאַציפיסטן, א. פריד, זעהט איין אין זיין „האַנטבוך פונם פּאַציפיזם” (באַנד II ז. 149) אַ „פעלקער-ברידערליכקייט” אגב אויך אינם געמיינזאַמען מאַרש פון די אימפּעריאַליסטן קעגן כינע אין 1900=טן יאָר, אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם: „דער מאַרש קעגן כינע האָט אויפגעוויזן די השפעה פון שלום-אידייען אויף די איצטיקע געשעהענישן, ער האָט דעמאָנסטרירט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרמייען-אַסאָציאַציע. די פאַראייניקטע אַרמייען טרעטן אַרויס ווי אַ וועלט-קראַפט, אונטער דער קאָמאַנדע פון איין אייראָפּייאישן גענעראַליסימוס. מיר, שלום-טוער, זעהען אין אָט דעם וועלט=גענעראַליסימוס (דאָס איז געווען דער באַשטימטער פון

ווילהעלם דעם צווייטן גראף וואלדערזעע) איין נאָר אַ פאָרגייער פון יענעם אַלוועלטליכן מלוכה-טוער, וועלכער וועט זיין אימשטאַנד צו פארווירקליכן אונזער אידעאַל מיט פרידליכע מיטלען".

אָן אַפענע געמיינזאַכע רויבערייַ גיט מען דאָ ארויס פאַר „פעלקער-ברידערליכקייט". דאָס איז אַלץ איינס, ווי ארויסטרעטן מיטן רויבערישן קאפיטאליסטן-פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „פעלקער-ליגע".

§ 38. די סאָציאַל-שאָוויניסטן, די פארפירערישע לאָזונגען, מיט וועלכע די בורזשואזיע פלעגט שאָג-טעגליך דורך איר פרעסע, זשורנאַלן, צייטונגען, בלעטלאַך, און א. וו. פארוואַרפן די מאַסן, זיינען געוואָרן לאָזונגען אויך פון די פאָרגעטער פונם סאָציאַליזם.

די אַלטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן זיך כמעט אין אַלע לענדער צושפאָלטן אין דריי ריכטונגען: אָפענע און חוצפהדיקע פאַררעטער — די סאָציאַל-שאָוויניסטן; באַהאַלטענע און זיך וואַקלענדיקע פאַררעטער — דער אזוי אָנגערופענער „צענטער"; און לסוף די, וועלכע האָבן ניט בוגד געווען אינם סאָציאַליזם. פון אָט די לעצטע עלעמענטן האָבן זיך שפעטער אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

פאַר סאָציאַל-שאָוויניסטן, דאָס הייסט פאַר פריידיקער פון מענטשן-שנאה אונטערן שלייער פון סאָציאַליזם, פאַר אזעלכע, וואָס פריידיקן צו שטיצן די רויבערישע בורזשואזע מלוכות מיטן פארפירערישן לאָזונג צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, האָבן זיך ארויסגעוויזן די פירער פון כמעט אַלע אַלטע סאָציאַליסטישע פארטייען: אין דייַטשלאַנד — שיידעמאַן, נאָסקע עבערט, דאוויד, הייגע און א. וו.; אין איינגלאַנד — הענדערסאָן, אין אמעריקע — רעסעל, סאַמואיל, האמפערס (דער פירער פון די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען); אין פראנקרייך — רענאָדעל, אלבער טאמאַ, זשול געד, און די פירער פון די פאראיינען, ווי א מין זשואָ; אין רוסלאַנד — פלעכאַנאָוו, פּאטרעסאָוו, די רעכטע עסערן (ברעשקא-ברעשקאָווסקאַיאַ, קערענסקי, טשערנאָוו) און די רעכטע מענשעוויקעס (ליבער, ראזאַנאָוו); אין עסטרייך — רענער, זייץ, וויקטאר אדלער; אין אונגאַרן — גאַראַמי, בוכינגער און אנדערע.

זיי זיינען אלע ביז איינעם געווען דערפאר, אז מע זאָל „פארטיידיקן" דאָס בורזשואזע פאטערלאַנד. נאָר א סך פון זיי זיינען אָפן געווען פאַר א רויבערישע פאליטיק, פאר אנעקסיעס און קאָנטריבוציעס פון פרעמדע לענדער, פאר באַרויבן די קאָלאָניעס (זיי רופט מען געוויינטליך אָן סאָציאַל-אימפעריאַליסטן). די גאַנצע צייַט פון דער מלחמה האָבן זיי זי געשטיצט ניט נאָר מיט שטימען פאַר די קרעדיטן, נאָר אויך מיט זייער פראָפּאַגאַנדע. פלעכאַנאָווס מאַניפעסט האט אין רוסלאַנד פאַרשפרייט דער צאַרישער מיניסטער כוואָסטאָוו. דער גענעראַל קאָרנילאָוו האט באַשטימט פלעכאַנאָוון פאַר א

מיניסטער און זיין קאבינעט, קערענסקי (און [illegible]) און צערעטעלי: א גענעצע-
וויק פליגן באהאלטן פונם פאלק דעם צארס געהיימע אפמאכן; און די
[illegible] זיינען זיי אלע געווען [illegible] אריסטאקראטן קעגן דעם פעטערבורגער
פראלעטאריאט. די [illegible] און [illegible] זיינען אריין אין קאל-
[illegible], [illegible] איז געווען [illegible] א שפאלט, מיט איין ווארט,
[illegible] די [illegible] [illegible] מע קען שטיצן
דעם [illegible] בורזשואזע פארלאמענט און [illegible] פראלעטארישע,
דאס [illegible] פארלאמענט. די [illegible] סאציאל-[illegible] זיינען אריין אין
דאס [illegible] [illegible] זיי האבן געשטיצט אלע
[illegible] דערשטיקן
[illegible];
די [illegible] [illegible] אין [illegible]
[illegible] האט
[illegible] די [illegible] האט [illegible] אקציאנע און
[illegible]
[illegible] אין לע-
[illegible] ליבקנעכט און ראזע לוק-
סעמבורג [illegible] אויך [illegible] דערשטיקט
די [illegible] פון די קאמוניסטישע [illegible] אין בערלין, לייפציג, האמ-
בורג, [illegible] אין [illegible] די אונגארישע סאציאל-שאוויניסטן האבן געשטעלט
[illegible] די [illegible] און [illegible] האבן די [illegible]
די [illegible] רעפובליק. מיט איין ווארט, [illegible] האבן זיי זיך ארויס-
געוויזן פאר אגענטן [illegible] פונם ארבעטער קלאס.

(ווען פלעכאנאוו איז נאך געווען א רעוואלוציאנער, האט ער אין דער אויסלענדישער צייטונג „איסקרא“ („פונקען“) געשריבן, אז דער צוואנציקסטער יארהונדערט, וועלכן [illegible] באשערט זיין צו פארווירקלעכן דעם סאציאליזם וועט, מסתמא, זעהן די גרעסטע צושפאלטונג צווישן די סאציאליסטן און דעם גרעסטן אכזריותדיקן קאמף צווישן זיי. פונקט ווי אין די צייטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1789—1793-טע יארן האט די עקסט-לינקע רעוואלוציאנערע פארטיי געפירט א בירגער-קריג מיט דער מעסיקער, וואס איז שפעטער געווארן א קאנטר-רעוואלוציאנערע פארטיי („די זשיראנדע“) פונקט אזוי, — האט געזאגט פלעכאנאוו, — וועלן, מסתמא, אין צוואנציגסטן יארהונדערט שטיין-איינע אנטקעגן די אנדערע פריערדיקע גלייכדייגקנדיקע, ווייל א טייל פון זיי וועט אריבערגיין אויפן צד פון דער בורזשואזיע.

אט די פלעכאנאווס נבואה איז אינגאנצן מקוים געווארן. נאר ער האט דעמאלט נים געוואוסט, אז ער אליין וועט זיך געפינען צווישן די בוגדים.)

די סאציאל-שאוויניסטן (מע רופט זיי אויך אן אפארטוניסטן, דאס הייסט אמתע פשרות-מאכער) האבן זיך אויף אזא אופן פארוואנדלט אין אפענע

[illegible] אין דער צייט פון דער גרויסער [illegible] [illegible]
[illegible]

[illegible] אינטערנאציאנאל [illegible] די ראדיקע [illegible] ארויסגעבן [illegible] א [illegible] דאס [illegible] — [illegible] פון די [illegible] [illegible] אין איר קאמף מיטן פראלעטאריאט.

[illegible] די [illegible] [illegible] די קאמוניסטן [illegible] אין [illegible] פון דער [illegible] [illegible] מעבשעוויקעס בראש מיט [illegible] אוסטמארקסיסטן [illegible] אין פראנק[illegible] [illegible] סאציאליס[illegible] פון דער [illegible]
און א. א.

אין אנהייב מלחמה האבן זיך די ראדיקאלע ליכט צוזאמען מיט די סאציאל-פאטריאטישע אוריענטאציע פאר פארטיידיקן דאס פאטערלאנד און קעגן דער רעוואלוציע. קאוטסקי האט געשריבן, אז דאס פראלעטאריאט איז „דער אנפאל פון די שונאים" אין אלע לענדער, ערשט נאך דער מלחמה וועט מען זיך נעמען צום קאמף. אין דער צייט פון דער מלחמה האט, לויט קאוטסקיס מיינונג, דער צווייטער אינטערנאציאנאל ניט וואס צו טאן. נאכדעם ווי ס'איז געשלאסן געווארן „שלום", האט קאוטסקי אנגעהויבן שרייבן, אז אלץ איז איצט אויף אזוי פיל חרוב געווארן, אז ס'איז גאר אפילו ניטא וואס צו בויען סאציאליזם. קומט, הייסט עס, אויס אזוי: אין דער צייט פון דער מלחמה טאר מען ניט קעמפן, ווייל ס'וועט גארנישט ניט ארויסקומען און מע דארף אפלייגן דעם קאמף ביזן שלום; אין דער צייט פון שלום טאר מען ניט קעמפן, ווייל די מלחמה האט אלץ חרוב געמאכט. איטליכער זעהט, אז קאוטסקיס טעאריע איז ניט מער ווי א דרש פון אבסאלוטער אנמעכטיקייט, וועלכע פארפירט דעם פראלעטאריאט און וואס שטייט גאנץ נאהענט צו א פולשטענדיקן פארראט. נאך ערגער איז דאס, וואס אין דער צייט פון דער רעוואלוציע האט קאוטסקי קיין בעסערע ארבעט ניט געפינען, ווי אנהייבן א ווילדע העצעריי קעגן די באלשעוויקעס. ער האט

אינגאַנצן פאַרגעסן מאַרקס לערע און פירט די גאַנצע צייט אַ קאַמפּאַניע קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, קעגן טעראָר א. א. וו. און דערביי באַמערקט ער אַליין ניט אז ער העלפט מיט דעם ווייסן טעראָר פון דער בורזשואַזיע. זיינע אייגענע אידעאַלן זיינען אידעאַלן פון אַ געוויינטליכן פּאַציפיסט (בוררים-געריכטן וכדומה) און מיט דעם קומט ער זיך בנוגע מיט יעדן בורזשואַזן פּאַציפיסט.

מיר האָבן אָפּגעגעבן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט קאַוטסקין, ווייל זיין טעאָריע גיט א פאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן צענטער, הגם קאַוטסקי געפינט זיך אינם רעכטן פליגל פונם „צענטער".

די פּאָליטיק פונם „צענטער" באַשטייט אין דעם, וואָס ער וואַרפט זיך אָנמעכטיק צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, ער פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס. ווייל פאַראייניקן דאָס, וואָס קאָן בשום אופן ניט פאַראייניקט ווערן. אין אין די אַנטשיידענע מאָמענטן פאַרראַט ער דעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער רוסישער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט דער רוסישער צענטער (מאַרטאָוו וחבריא) געשריען וועגן די געוואַלטטאַטן פון די באָלשעוויקעס און האָט געשטרעבט איין אַלץ „אריינטראָגן אַ שלום" און דורך דעם האָט ער געהאָלפן די ווייסגוואַרדייער, אָפּשוואַכנדיק אין דער צייט פון שלאַכט די ענערגיע פונם פּראָלעטאַריאַט. די מענשעוויסטישע פאַרטיי האָט אפילו ניט אויסגעשלאָסן יענע אירע מיטגלידער, וועלכע האָבן געשפּילט א ראָלע פון גענעראַל-שפּיאָנען און פאַרשווערער. אין די שווערע פאַרן פּראָלעטאַריאַט טעג פלעגט דער דאָזיקער „צענטער" ארויסטרעטן מיט דרשות וועגן שטרייקן אין בזמען פון דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג, קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט; בשעת קאָלטשאַקס אָנגריף פלעגן אייניקע פון די דאָזיקע מענשעוויקעס ארויסוואַרפן, אין פולער סאָלידאַריטעט מיט די בורזשואַזע פאַרשווערער, דעם לאָזונג פון אויפהערן דעם בירגער-קריג (דער מענשעוויק פלעסקאָוו). אין דייטשלאַנד האָבן די „אומאָפּהענגיקע" געשפּילט א ראָלע פון פאַררעטער בעתן ארבעטער-אויפשטאַנד אין בערלין, ווען זיי האָבן אויך בעתן שלאַכט געגומען זיך פאַר „שלום מאַכן" און מיט דעם האָבן זיי מיטגעהאָלפן דער מפּלה; צווישן די אומאָפּהענגיקע איז פאַראַן אַ סך אָנהייגער פון געמיינזאַמער ארבעט מיט די שיידעמאַנער. נאָר דער עיקר איז דאָס וואָס זיי פריידיקן ניט וועגן א מאַסן-אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע און שלעפּערן איין דעם פּראָלעטאַריאַט מיט פּאַציפיסטישע האָפענונגען. אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד פאַראורטיילט דער „צענטער" אפילו די קאָנטער-רעוואָלוציע, „פּראָטעסטירט" מיט ווערטער קעגן דערשטיקן די רעוואָלוציע, נאָר ער ווייזט ארויס אַ פולשטענדיקע אומפייקייט צו מאַסן-מעשים.

בא היינטיקער צייט איז די „צענטער"-גרופּע פּונקט אַזוי שעדליך, ו. ו. די סאָציאַל-שאָוויניסטן. „די צענטראַוויקעס" אָדער ווי מע רופט זיי נאָך

„די קאַאוטסקיאַנער" פּרובן אויך אויפלעבן דעם אָפּגעשטאָרבענעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און „מאַכן שלום" צווישן אים און די קאָמוניסטן. ס'איז קלאָר, אַז אויב ניט איבעררייסן אַנטשיידן מיט זיי און ניט פירן מיט זיי קיין קאַמף, איז אוממעגליך זיין דער נצחון איבער דער קאָנטער-רעוואָלוציע.

די פּרובן צוריק אויפצושטעלן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זייגען געמאַכט געוואָרן בײַ דעם שוץ פון דער רויבערישער „פעלקער-ליגע". דאָס קומט פאַר דערפאַר, וואָס די סאָציאַל-שאָוויניסטן זיינען די אמתע און די לעצטע שטיצע פון דער צופאַלנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט נאָר דערפאַר געקענט בושעווען גאַנצע 5 יאָר, ווייל די סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן [illegible] געוועזן און פאַרראַטן דעם סאָציאַליזם, און שפּעטער ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון רעוואָלוציעס, האָט זיך די בורזשואַזיע אָנגעהויבן דירעקט שטיצן אויף זיי. שטיקן מיט זייערע הענט די באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט. די פריערדיקע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען געוואָרן די הויפּט-מניעה צום זיג פונם אַרבעטער-קלאַס אויף אַראָפּצוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. אין דער מלחמה-צייט האָט איטליכע פון די סאָציאַל-פאַררעטערישע פאַרטייען איבערגעחזרט דאָס, וואָס ס'פלעגט זאָגן די בורזשואַזיע. נאָכן ווערסאַלער שלום, ווען ס'האָט זיך אויסגעבילדעט די „פעלקער-ליגע", האָבן די רעשטן פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל (דאָס הייסט אי די סאָציאַל-שאָוויניסטן, אי דער צענטער) אָנגעהויבן איבערחזרן אייגנטליך די זעלביקע לאָזונגען, וועלכע ס'שטעלט אַרויס די „פעלקער-ליגע". די „פעלקער-ליגע" באַשולדיקט די באָלשעוויקעס אין טעראָר, אין עובר זיין די דעמאָקראַטיע, אין „רויטן אימפּעריאַליזם". דאָס זעלביקע טוט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. אַנשטאָט צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטן, שטיצט ער די לאָזונגען פון די אימפּעריאַליסטן. און פּונקט אַזוי ווי איינצלנע סאָציאַל-פאַררעטערישע פאַרטייען האַלטן אונטער און שטיצן בורזשואַזע רעגירונגען אין איינצלנע לענדער, פּונקט אַזוי האַלט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אונטער די שענדליכסטע „פעלקער-ליגע".

§ 40. **דריטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.** די סאָציאַל-שאָוויניסטן און דער „צענטער" האָבן, ווי מיר האָבן געזעהן, אַרויסגעשטעלט אין דער מלחמה-צייט דעם לאָזונג צו פאַרטיידיקן דאָס (בורזשואַזע) פאָטערלאַנד, דאָס הייסט, צו פאַרטיידיקן די מלוכה-אָרגאַניזאַציע פון די שונאים פונם פּראָלעטאַריאַט. פונם דאָזיקן לאָזונג איז אַרויסגעדרונגען אויך אַ צווייטער לאָזונג, נעמליך, דער לאָזונג פון „בירגער-פרידן", דאָס הייסט, אַ לאָזונג אויף אונטערצוואַרפן זיך אויף כלערליי אופנים אונטער דער בורזשואַזער מלוכה. און דאָס איז טאַקע פאַרשטענדליך. האַלטן נאָר פלעכאַנאָוו אָדער שיידעמאַן פאַר נויטיק צו „פאַרטיידיקן" דאָס צאַרישע אָדער קיסרישע פאָטערלאַנד, מוזן זיי, פאַרשטייט זיך. זאָגן די אַרבעטער, זיי זאָלן אויסמיידן

שאַן עפּעס צוויינס. וואָס קען בריינגען שאָדן דעם ענין פון פּאַרטיידיקן די
דרייבונדישע מלחמה, הייסט עס, אַז מע טאָר ניט. לאָמיר זאָגן, שטרייקן, ניט
[illegible] ווען מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע. די
סאָציאַל־פּאַטריאָטן האָבן אַזוי געטראַכט: מע [illegible] פּאָליטיק [illegible]
[illegible] שונא". אין דעריבער וועלן מיר זעהן, פּלעכאַנאָוו האָט אין
זיין [illegible] דערקלערט, אַז מע טאָר ניט שטרייקן, כל זמן דאָס
צאַרישע רוסלאַנד שטייט אין געפאַר. אויך אַזוי [illegible] אויך די
[illegible] אין די איבעריקע לענדער פּאַרטייען [illegible] דער בורזשואַזיע. נאָר
[illegible] מלחמה האָבן גרויסע [illegible] סאָציאַליסטן [illegible] אַז דאָס
„[illegible] דאָס פּאַטערלאַנד" און דער „בירגער־פריד" [illegible]
[illegible] אין די [illegible] די [illegible]
[illegible] דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט פון אָנהויב [illegible] די
[illegible] האָט [illegible] אין 1914־טן יאָר [illegible] אַז [illegible]
[illegible] בירגער־שלום מיט דער [illegible] בורזשואַזיע, נאָר
[illegible] קעגן [illegible] אַ רעוואָלוציע. [illegible] פון פּראָלע־
טאַריאַט אין קודם כל [illegible] זיין בורזשואַזיע — אַז וואָס
[illegible] פון [illegible] מלחמה. אין דייטשלאַנד איז
אויך אויפגעקומען אַ גרופּע חברים, בראש מיט קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ
לוקסעמבורג. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָנגערופן „אינטערנאַציאָנאַל" און
האָט דערקלערט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פונם פּראָלעטאַריאַט
איז [illegible] פון אַלץ. אין [illegible] איז קאַרל ליבקנעכט אַמ [illegible] מיטן
לאָזונג [illegible] בירגער־קריג און האָט אָנגעהויבן רופן דעם אַרבעטער קלאַס צו
אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע. אַזוי איז אויפגעקומען די
פּאַרטיי פון די דייטשישע באָלשעוויקעס — די ספּאַרטאַקיסטן. אין די איבע־
ריקע לענדער איז אויך געגאַנגען אַ שפּאַלטונג פון די אַלטע פּאַרטייען.
אין שווייצן זיינען אויפגעקומען אירע באָלשעוויקעס (די אַזוי אָנגערופענע
„לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי"), אין נאָרוועגיען האָבן „די לינקע" פאַרכאַפּט
די גאַנצע פּאַרטיי, די איטאַליענער סאָציאַליסטן האָבן זיך די גאַנצע צייט
זייער גוט געהאַלטן. מיט איין וואָרט, ס'האָבן אָנגעהויבן ביסלאַכווייס וואַקסן
יענע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען פאַר אַ רעוואָלוציע. אויפן דאָזיקן באָדן
איז אין שווייץ אויפגעקומען אַ פּרוב צו פאַראייניקן זיך. אויף צוויי באַראַ־
טונגען (קאָנפערענצעס) אין צימערוואַלד און קינטאַל איז געשאַפן געוואָרן
דער עמבריאָן פונם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. נאָר ס'האָט זיך גיך אַרויסגע־
וויזן, אַז צום דאָזיקן ענין האָבן זיך צוגעשלאָגן אומזיכערע: מענטשן פון
„צענטער", וועלכע האָבן בלויז געשטערט דער באַוועגונג. אין דער „צימער־
וואַלדער" אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג גופא האָט זיך אויסגעבילדעט
די אַזוי אָנגערופענע „צימערוואַלדער לינקע" מיטן חבר לענין בראש. די
צימערוואַלדער לינקע האָט זיך פעסט אַרויסגעזאָגט פאַר ענערגישע מעשים
און האָט שאַרף קריטיקירט דעם „צענטער" מיט קאַאוטסקין בראש.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און נאָכדעם ווי ס'איז אין רוסלאַנד

געגרינדעט געוואָרן די ראַטן-מאַכט, איז רוסלאַנד געוואָרן דער הויפּט-אָרט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג. אונזער פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן אָנרופן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, כדי זיך לגמרי אָפּצוזונדערן פון די סאָציאַל-פאַררעטער און די אומגעקערט זיך צו דעם אַלטן, בכבֿודיקן קאַמפס-נאָמען. אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך אָנגע-הויבן בילדן קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויך אין די איבעריקע לענדער. דער ספּאַרטאַקיסטן-פאַרבאַנד האָט איבערגעביטן זיין נאָמען אויף קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד; ס'איז אויפגעקומען א קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אונגאַרן, מיטן חבר בעלא קון, דעם געוועזענעם רוסישן קריגסגעפאַנגענעם, בראש, און עסטרייכישע, טשעכישע, סלאָוואַקישע, פינלענדישע און א. וו. קאָמוניסטישע פּאַרטייען; שפּעטער האָט זיך אויך אין פראַנקרייך געבילדעט א פּאַרטיי פון קאָמוניסטן. אין אַמעריקע האָט דער „צענטער" אויסגעשלאָסן די לינקע פון דער פּאַרטיי, און דאַן האָבן די אויסגעשלאָסענע אָרגאַניזירט אַן אייגענע, קאָמוניסטישע קאַמפס-פּאַרטיי; אין איינגלאַנד איז די דאָזיקע פּאַרטיי געבאָרן געוואָרן אין האַרבסט 1919-טן יאָר. מיט איין וואָרט, אומעטום האָבן, נאָך דער צושפּאַלטונג מיט די סאָציאַל-פאַררעטער, אָנגעהויבן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך באמת רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-פּאַרטייען. אין תוך גענומען האָט דאָס אויפקומען פון די דאָזיקע פּאַרטייען באַטייט אויך דאָס אויפקומען פון א נייעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין מאַרט 1919-טן יאָר איז אין מאָסקווע, אין קרעמל פאָרגעקומען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער צונויפפאָר, אויף וועלכן ס'איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן דער דריטער, דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. אויף דעם דאָזיקן צונויפפאָר זיינען געווען פאָר-שטייער פון די דייטשישע, רוסישע, עסטרייכישע, אונגאַרישע, שוועדישע, נאָרוועגישע, פינלענדישע און אנדערע קאָמוניסטן, און אויך פון די פראַנצוי-זישע, אַמעריקאַנער און איינגלישע חברים.

דער צונויפפאָר האָט אָנגענומען די פּלאַטפאָרם, וועלכע ס'האָבן פאָר-געלייגט די דייטשישע און רוסישע קאָמוניסטן, איז דורכגעגאַנגען זעהר אייניק און האָט באַוויזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך איצט פעסט געשטעלט אונטער דער פאָן פון דער אַרבעטער דיקטאַטור, פון דער ראַטן מאַכט און פונם קאָמוניזם.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך א נאָמען געגעבן קאָמוניס-טישער אינטערנאַציאָנאַל, פונקט ווי דער קאָמוניסטן-פאַרבאַנד בראש פון וועלכן ס'איז נאָך געשטאַנען קאַרל מאַרקס. מיט זיין גאַנצער אַרבעט דערווייזט דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער גייט אין מאַרקס וועגן, דאָס הייסט אין רעוואָלוציאָנערן וועג אויך אַראָפּצואוואַרפן מיט גוואַלט—די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אַל דאָס לע-בעדיקע, ערליכע, רעוואָלוציאָנערע, וואָס ס'איז נאָר פאַראַן אינם אינטערנאַ-ציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, שליסט זיך אַלץ מער און מער אָן אין נייעם אינטער-נאַציאָנאַל, וואָס פאַראייניקט די שטרעמונגען פון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער.

(דער אָנרוף אַליין פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל באַווייזט, אַז ער האָט קיין שום געמיינזאַמעס ניט מיט די סאָציאַל-פאַררעטער.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געהאַלטן אַז דער נאָמען „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ איז ניט קיין ריכטיקער פאַר אַ פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. „דעמאָקראַט“ הייסט אַ אנהייִנגער פון א באשטימטער פאָרם פון מאכט. און אין דער קומעדיקער געזעלשאפט וועט, ווי מיר האָבן אויבן געזעהן, בכלל קיין שום מלוכה ניט זיין. און אין דעם איבערגאנג-פעריאָד מוז זיין די דיקטאטור פון די ארבעטער. די פאַררעטער פונם ארבעטער קלאס גייען ניט ווייטער פאר א דעמאקראטישער רעפובליק. מיר גייען צום קאָמוניזם.

אינם פארווארט צום „קאמוניסטישן מאניפעסט“ האט ענגעלס געשריבן, אז דער נאמען סאציאליסט האָט אין זיין צייט באַמיינט: די באוועגונג צווישן דער ראדיקאלער אינטעליגענץ, אין דער צייט ווען דער קאמוניזם איז געווען א ריין ארבעטער-באוועגונג. פאר אונזערע אויגן קומט פאָר דאס זעלביקע. די קאמוניסטן שטיצן זיך רק אויף די ארבעטער, די סאציאל=פאררעטער — אויף די ארבעטער-אריסטאקראטיע, אויף די אינטעליגענץ, שיינקער און קרע-מער, בכלל אויף דער קליין בורזשואזיע).

דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל פארווירקליכט, אויף אזא אופן במעשה מאַרקס לערע און רייניקט זי אפּ פון יענע אנוואקסן, וועלכע זיינען צו איר צוגעשטאנען אין משך פון דעם „פרידליכן“ פעריאד פון דער אנט-וויקלונג פונם קאפּיטאַליזם. דאס, וואס דער גרויסער לערער פונם קאמוניזם, האט געפּריידיקט מיט זעכציג יאר צוריק, ווערט איצט פארווירקליכט אונטער דער אנפירונג פונם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

ליטעראַטור צום קאפּיטל. לענין און זינאָוויעוו, „דער סאציאַליזם און די מלחמה“ לענין און זינאוויעוו, „אנטקעגן דעם שטראם“. ג. זינאוויעוו, „די מלחמה און דער קריזיס פונם סאציאליזם“. טיילן 1 און 2. נ. לענין, „די פּראלעטארישע רעוואלוציע און דער רענעגאט קאאוטסקי“. ג. האָרטער, „דער אימפּעריאליזם“. די מאניפעסטן פון צימערוואלד און די ביולעטע-נען פון דער צימערוואלדער קאמיסיע. זשורנאַל „דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל“.

דער צווייטער טייל.

די דיקטאטור פונם פראלעטאריאט און די בויאונג פונם קאמוניזם.

אריינפיר. די באדינגונגען אויף צו בויען דעם קאמוניזם אין רוסלאנד.

§ 41. די אינטערנאציאנאלע לאגע פון רוסלאנד. § 42. די גרויס אינדוסטריע אין רוסלאנד. § 43. די שווערע ירושה פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה. § 44. דער בירגער-קריג און דער קאמף מיטן וועלט-אימפעריאליזם. § 45. דער קליינבירגערליכער כאראקטער פונם לאנד, דאס פעלן פון גרויסע ארגאניזאציאנס געוואוינהייטן ביים פראלעטאריאט און א. ז.

§ 41. די אינטערנאציאנאלע לאַגע פון רוסלאַנד. די נויטיקייט פון אַ קאָמוניסטישער איבערקערעניש ווערט ראשית כל ארויסגערופן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעמערקט אויך פריער, דורך דעם, וואָס רוסלאנד איז צו שטאַרק אַריינגעדריקט אין דער סיסטעם פון דער וועלט-ווירטשאַפט זי איז מער ניט ווי אַ טייל פון דער דאָזיקער וועלט-ווירטשאַפט. און אויב עס שטעלט זיך אַ פראַגע, ווי אַזוי קען רוסלאַנד אַריבערגיין צו דער קאָמוניסטישער אָרדענונג, וויבאַלד ווי איז אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד, איז אויף דאָס די פראַגע מוז מען קודם כל ענטפערן מיט די אָנווייזונג אויף די אינטערנאַציאָנאַלע באַטייטונג פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע פונם פראָלעטאַריאַט קען באַ היינטיקער צייט זיין נאָר אַ וועלט-רעוואָלוציע. און אַזוי טאַקע אַנטוויקלט זי זיך. אייראָפּע וועט אומפאַרמיידליך איבערגיין צו דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און נאָך איר — צום קאָמוניזם. ווי אַזוי, קען, בכן, רוסלאַנד בלייבן אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וויבאַלד דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איינגלאַנד וועלן איבערגיין צו דער דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט? ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז רוסלאַנד מוז אַריינגעצויגן ווערן אינם סאָציאַליזם. איר אָפּגעשטאַנענקייט, די לפי ערך שוואַכע אַנטוויקלונג פון איר אינדוסטריע וכדומה — אָט די אלע חסרונות וועלן פארשוואונדן ווערן, אויב רוסלאנד וועט זיך ווירטשאַפטליך פאראייניקן מיט די פראָגרעסיווע לענדער אין א אינטערנאַציאָנאלע, אָדער על כל פנים אין אַ אייראָפּייאישע, ראַטן רעפּובליק. אמת, נאָך דער מלחמה-צורודערונג און נאָך דער רעוואָלוציע וועט גאַנץ אייראָפּע זיין שרעקליך הרוב און בלוטאָרעם. נאָר אַ מעכטיקער און אַן אַנטוויקלטער פראָלעטאריאַט וועט קענען אין אַ משך פון אַ ריי יאָרן צוריק אויפשטעלן די קאָלאָסאַלע אינדוסטריע, וועלכע וועט העלפן אויך דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאנד. און רוסלאַנד איז, פון דער אַנדער זייט, אַ לאַנד מיט

גרויסע נאַטור רייכקייטן: וואַלד, קוילן, נאַפט, אײַזן, ברויט, — דאָס אַלץ קען מען בײַ אַ גוטער אָרגאַניזאַציע, בײַ אַ פ׳ידליכן לעבן האָבן די והותר. הייסט עס, אַז מיר פון אונזער זייט וואָלטן געקענט העלפן די מעי״ב-חברים מיט אונזערע רוי-מאַטעריאַלן. בײַ דעם תנאי, אַז גאַנץ איראָפּע גייט איבער אונטער דער מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָלט פאַר אַלעמען געקלעקט די אַנטוויקלטע אינדוסטריע, און אַזוי ווי דער איבערגאַנג פון דער מאַכט צום פּראָלעטאַריאַט וועט סײַ ווי סײַ אומפאַרמיידליך פאָרקומען, איז, פאַרשטייט זיך, אַז די איפגאַבע פונם אַרבעטער קלאַס פון רוסלאַנד באַשטייט אין דעם, ער זאָל וואָס מער אַריינטראָגן אין דער זאַך פון איבערגאַנג צום קאָמוניזם. מיט דעם דערקלערט זיך, ווי מיר האָבן געזעהן אין ערשטן טייל, דאָס, וואָס אונזער פּאַרטיי זעהט גאַנץ באַשטימט איר אויפגאַבע אין דער **באַלדיקער** בויאונג פונם קאָמוניזם.

§ 42. **די גרויס אינדוסטריע אין רוסלאַנד.** מע דאַרף, פון דער אַנדער זייט, באַמערקן, אַז אונזער אינדוסטריע (אַ קליינע אין פאַרגלײַך מיט דער לאַנדווירטשאַפט) האָט געהאַט אַ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אינם ערשטן טייל האָבן מיר געזעהן, אַז אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע זיינען געווען בײַ אונז אונטערנעמונגען, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען פאַרנומען צען און מער טויזנטער אַרבעטער. פון 1907-טן יאָר האָט זיך די אינדוסטריע אין רוסלאַנד גיך צענטראַליזירט און האָט זיך באַדעקט מיט אַ נעץ פון סינדיקאַטן און טרעסטן. אין אָנהויב מלחמה האָט די בורזשואַזיע געהאַט אַפילו צוגעטראָטן צו דער אָרגאַניזירונג פונם מלוכה-קאַפּיטאַליזם. און אָט דאָס באַשטעטיקט רק דעם געדאַנק, אַז אונזער אינדוסטריע קען מען, הגם דאָס איז ניט אַזוי גרינג, פאָרט אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט איר אין אַן אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די רעכטע עסערן און די מענשעוויקעס, וועלכע האַלטן אין איין שרײַען, אַז דער סאָציאַליזם איז אין רוסלאַנד אַן אַבסאָלוט אוממעגליכע זאַך, האָבן שטענדיק געהאַלטן פאַר מלוכה-רעגולירונג און קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. זיי האָבן נאָר געמיינט, אַז דאָס איז נויטיק דאַן, ווען די גאַנצע מאַכט אין דער מלוכה געפינט זיך אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, ווען די בורזשואַזע מלוכה „רעגולירט״ און „קאָנטראָלירט״. מיט איין וואָרט, די מענשעוויקעס און די עסערן האָבן געהאַלטן, ניט קוקנדיק אויף זייער גאַנצן פּאַטריאָטיזם, פאַר מלוכה-קאַפּיטאַליזם לויטן פּרייסישן מוסטער. נאָר איטליכער פאַרשטייט, אַז האַלטן פאַר מעגליך דעם מלוכה-קאַפּיטאַליזם הייסט האַלטן פאַר מעגליך אויך די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזירונג פון דערווירטשאַפט. אין דער אמתן, דער אונטערשייד באַשטייט דאָך נאָר אין דעם, וואָס אין איין פאַל ווערט די ווירטשאַפט אָרגאַניזירט דורך דער בורזשואַזער מלוכה, און אין צווייטן פאַל — דורך דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. אויב די פּראָדוקציע וואָלט געווען בײַ אונז אויך אַזוי פיל אָפּגעשטאַנען, אַז ס׳וואָלט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן קיין שום אָרגאַניזירונג, וואָלט מען זי, פאַרשטייט זיך, ניט

געקענט אָרגאַניזירן אויך אויף מלוכה-קאַפּיטאַליסטישע יסודות. אין א לאַנד, וואו ס'איז גיטאָ קיין גרויס-אינדוסטריע, וואו ס'איז נאָר פאַראַן א מאַסע קליינע באַלעבאַטימלאַך, קען מען אַט די באַלעבאַטימלאַך ניט אָרגאַניזירן אפילו אויף א מלוכה-קאַפּיטאַליסטישן שטייגער. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די אָרגאַניזירונג ווערט מעגליך נאָר בא א געוויסער מדרגה פון קאַפּיטאַל-צענטראַליזירונג. אַזא מדרגה פון צענטראַליזירונג איז געווען ביים רוסישן קאַפּיטאַל. דאָס אַנערקענען אפילו די קעגנער פונם קאָמוניזם, ווען זיי האַלטן פאַר מעגליך א בורזשואַזע „מלוכה-רעגולירונג" פון דער אינדוסטריע, ניט אין דעם איז באַשטאַנען די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער רוסישער פאָלקס-ווירטשאַפט, וואָס ס'איז ניט געווען קיין גרויסע פאַבריקן, נאָר אין דעם, וואָס די גאַנצע אינדוסטריע בכלל איז געווען מער ניט ווי א קלענערער טייל אין פאַרגלייך מיט דער לאַנדווירטשאַפט. פון דעם דרינגט גאַנץ קלאָר אַרויס דער אויספיר: דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט מוז, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, אָרגאַניזירן פּראָלעטאַריש די אינדוסטריע און האַלטן זי פעסט אין די הענט, ביז ס'וועט ניט אָנטקומען קיין הילף פון די מערב-חברים. אין דער לאַנדווירטשאַפט דאַרף מען אָרגאַניזירן א ריי שטיק פונקטן פון געזעלשאַפטליכער חברשער ווירטשאַפט. און ווען מיר וועלן האָבן די מעגליכקייט צו פאַראייניקן זיך מיט דער מערב-אינדוסטריע, דאַן וועט די אָרגאַניזירטע אַלגעמיינע אינדוסטריע געבן די מעגליכקייט אַריינצוציען אין דער אַלגעמיינער גרויסער חברשער אָרגאַניזאַציע אויך די קליינע פּראָדוצירער פון די פּויערים. אויב, לאָמיר זאָגן, מיר האַלטן געהאַט אַן אַלגעמיין אייראָפּייאישע, דורכן פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירטע אינדוסטריע, וואָלט די דאָזיקע אינדוסטריע געקענט געבן דעם דאָרף א סך שטאָטישע פּראָדוקטן. נאָר זי וואָלט זיי געגעבן דעם דאָרף אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. עס וואָלט ניט געווען אַזוי, אַז הונדערטער טויזנטער פּריוואַטע הענדלער, סוחרים און ספּעקולאַנטן וואָלטן פאַרטיילט די פּראָדוקטן צווישן די דערפער. נאָר דאָס וואָלטן געטאָן די מלוכהשע אַרבעטער לאַגערס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויך די פּויערים וואָלטן דאַן געמוזט אויפן אָרגאַניזירטן אופן געבן פאַר דעם זייער ברויט; דאָס דאָרף וואָלט זיך ביסלאַכווייס צוגעוואוינט צו א געמיינזאַמער ווירטשאַפט. וואָס ווייטער — אַלץ מער, און עס וואָלט אַריין אין דער אַלגעמיינער חברשער משפּחה. אַ שטאַרקע און אַן אָרגאַניזירטע אינדוסטריע וואָלט אויך דאָס דאָרף אַריינגעצויגן אין געמיינשאַפטליך לעבן. מיט דער הילף פון א שטאַרקער אינדוסטריע וואָלט מען געקענט גוט העלפן דעם פּויערטום, וואָס וואָלט אַליין איינגעזעהן, אַז ס'איז א סך בעסער צו לעבן אויפן נייעם שטייגער.

נאָר דערגרייכן דאָס איז זעהר שווער, און ס'וועלן נאָך אַוועקגיין א סך יאָרן, ביז ס'וועט זיך אַלץ איינאָרדענען און דאָס לעבן וועט זיך שטעלן אויפן נייעם וועג. פאַרוואָס דאָס איז שווער, וועגן דעם ווערט געזאָגט ווייטער.

§ 43. די שווערע ירושה פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה. ביז די וועלט־רעוואלוציע וועט מנצח זיין, קומט אונז אויס אײנע אליין צו טאן די ארבעט. און דער ארבעטער קלאס, וואס האט אין 1917-טן יאר פארכאפט די מאכט, האט באקומען א גאנץ שווערע ירושה. רוסלאנד איז אינגאנצן חרוב און פארארעמט געווען.

די מלחמה האט איינגעשלונגען אלע כוחות. מער ווי א העלפט פון אלע פאבריקן האט געמוזט ארבעטן אויף דער מלחמה און פארוועגדן מאטעריאלן אויף צעשטערונגס-ענינים. בלויז אין 1915-טן יאר איז פון 11½ מיליארד פון דער גאנצער פאלקס־הכנסה אויסגעגעבן געווארן 6 מיליארד אויף דער מלחמה. צום אנהויב פון דער רעוואלוציע זיינען שוין בולט ארויסגעטראטן די קאלאסאלע רעזולטאטן פון דער מלחמה. די מעטאלורגישע פאבריקן האבן פארקלענערט זייער פראדוקציע אויף 40%, די טעקסטיל־פאבריקן אויף 20%, ס'האט אנגעהויבן פעלן די פראדוקציע פון קוילן, רוי־אייזן, אײַזן און שטאל. פונם ערשטן מערץ ביזן ערשטן אויגוסט 1917 איז פארמאכט געווארן 568 אונטערנעמונגען און מער ווי הונדערט טויזנט פראלעטאריער זיינען ארויסגעווארפן געווארן אויפן גאס. דער מלוכה־חוב איז מורא'דיק גרויס גע־ווארן, און מיט יעדן חודש, מיט יעדן טאג איז די לאגע פונם לאנד געווארן אלץ ערגער און ערגער.

ס'פארשטייט זיך, אז פארן פראלעטאריאט, וואס האט אין אקטיאבער 1917-טן יאר פארכאפט די מאכט, האט זיך געשטעלט אן אויסערגעווײנטליך שווערע אויפגאבע: בויען א קאמוניסטישע ווירטשאפט אין א חרובן לאנד. די שווערע ירושה איז געווארן נאך שווערער בעת ס'האט זיך פאר־ענדיקט די אלטע אימפעריאליסטישע מלחמה: שוין די דעמאביליזאציע אליין פון ארמעע אליין האט אפגעקאסט געוואלטיקע הוצאות. בעת דער דעמאבי־ליזאציע איז במשך אין גאנצע א טייל געווארן פון אונזערן שוין אזוי אויך גע־נוג צעשטערטן טראנספארט, און אונזערע אייזנבאנען האבן זיך כמעט אינ־גאנצן אפגעשטעלט. ס'איז ווירקליך שווער געווארן עפעס וואס אריבערצופירן. צוזאמען מיט דער טראנספארט זיינען אפגעשטארבן אויך די קאמוניקאציאן־מיטלען.

נאר דאס קען אבסאלוט ניט דינען פאר א ראיה קעגן דער ארבעטער רעוואלוציע. ווען ניט וואלט ווייטער געהערשט די בורזשואזיע, וואלט זי ווייטער געפירט די גרויסע אימפעריאליסטישע מלחמה, זי וואלט ווייטער גע־צאלט קאלאסאלע סומעס די פראנצויזן און ענגלענדער, און, דער עיקר, זי וואלט אלע הוצאות אריבערגעלייגט אויף די ארבעטער און פויערים. אונזער דוחקות און פארארעמטקייט וואלטן נאך אין א גרעסערער מאס געדארפט העלפן? דעם באשלוס איבערצובויען די אלטע וועלט אויף נייע יסודות: מען האט געמוזט שפארעוודיק און ארגאניזירטערהייט אויסגעבן דאס אלטע, מען האט געמוזט איבערטראגן די שווערע הוצאות אויף דער בורזשואזיע, מע

האָט געמוזט מיט אַלע כוחות און מיטלען, וואָס האָבן זיך נאָר געפונען אינם רשות פונם פּראָלעטאַריאַט, איינהיטן דעם אַרבעטער קלאַס. נאָר אָט די נוי־טיקע אַרבעט איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין כמעט אומנאַטירליך שווערע באַדינגונגען: ס'איז אויסגעקומען האָבן צוטון מיט דער קאַשע, וואָס ס'האָבן פאַרקאָכט די הערן אימפּעריאַליסטן.

§ 44. דער בירגער קריג און דער קאַמף מיטן וועלט־אימפּעריאַליזם. די בורזשואַזיע האָט די גאַנצע צייט געזעהן ניט צו דער־לאָזן דעם אַרבעטער קלאַס, אַז ער זאָל אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע און זאָל זיך בכלל פאַרנעמען מיט בויאונגס־אַרבעט. פון סאַמע אָנהויב נצחון פונם פּראָלעטאַריאַט האָט זי אין אַ ברייטער מאָס אָנגעהויבן אנווענדן דעם סאַבאָטאַזש: אַלע געוועזענע גרויסע באַאַמטע, די אינזשענערן, לערערס, באַנק־אָנגעשטעלטע און זייערע געוועזענע באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן מיט אַלע מיטלען שטערן די אַרבעט; איין פאַרשווערונג איז געגאַנגען נאָך דער צווייטער, איין ווייסגוואַרדייאישער אויפשטאַנד נאָכן צווייטן. די רוסישע בורזשו־אַזיע האָט זיך פאַרבונדן מיט די טשעכאָ־סלאָוואַקן, מיט דער אַנטאַנט, מיט די דייטשן, מיט די פּוילן און א. וו. און אין אַ כסדר'דיקע מלחמה האָט זי געשטרעבט צו דערשטיקן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען געצוואונגען צו שאַפן אַ גרויסע אַרמיי, כדי אָפּצוהיטן זיך קעגן די אַרמייען פון די גרעסטע רויבער אין קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער. דער גאַנצער וועלט־אימפּעריאַליזם איז אָנגעפאַלן אויפן רוסלענדישן פּראָלע־טאַריאַט, ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז הגם דער דאָזיקער קריג איז פאַרן פּראָלעטאַריאַט אַ באמת הייליקע און אַ באמת באַפרייעדיקע מלחמה, דאָך פאָדערט ער גרויסע הוצאות. מיט די רעשטן פון דער אינדוסטריע מוז מען באַזאָרגן די רויטע אַרמיי, מע מוז טויזנטער בעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרן אָפּגעבן דער אַרמיי און אַזוי ווייטער. חוץ דעם האָט זיך דער בורזשואַזיע כמעט גלייך פון אָנהייב אָן איינגעגעבן באַפעסטיקן זיך אין זעהר וויכטיקע אין עקאָנאָמישן פּרט פונקטן. די דאָזיקע גענעראַלן האָבן אָפּגענומען ביים אַרבעטער די דאָנער קוילן, די איינגלענדער האָבן פאַרכאַפּט דעם נאַפט אין באַקו, די רייכע מיט ברויט אוקראַינע, סיביר, טיילווייז דער וואָלגע־קאַנט פלעגן אויך אָפט פאַרכאַפּט ווערן דורך די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. דעם אַר־בעטער קלאַס איז דעריבער אויסגעקומען אין קומט נאָך איצט אויס ניט נאָר מיט געווער אין די הענט צו ווערן זיך קעגן די אומצאָליקע שונאים, נאָר אויך בויען זיין פּראָלעטאַרישע ווירטשאַפט ניט האָבנדיק קיין וויכטיקסטע פּראָדוקציאָן־מיטלען: קיין הייץ און רוי־מאַטעריאַלן.

מיט דעם דערקלערט זיך דער לייַדנספולער אַנטוויקלונגס־גאַנג: דער אַרבעטער קלאַס מוז לגמרי צוקלאַפּן זיינע שונאים. כל זמן ער וועט זיי ניט צוקלאַפּן ביזן סוף, וועט ער ניט קענען איינשטעלן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין דאָס נייע לעבן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אינם קאַמף מיטן אַרבעטער קלאַס וועט די בורזשואַזיע אַן אַלץ, וואָס ס'קען נאָר שטיקן עקאָנאָמיש דעם רוסלענ־דערשן פּראָלעטאַריאַט. זי האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אין אַ משך פון אַ רייַ יאָרן געפינט זיך רוסלאַנד אין אַ בלאָקאַדע (ס'קומען ניט אָן פון אויסלאַנד קיין שום סחורות); בשעת זיי טרעטן אָפּ, מאַכן די ווייסע אַלץ חרוב און פאַרברענען אַלץ, אַזוי האָט דער אַדמיראַל קאָלטשאַק, למשל, פאַר־ברענט צענדליקער מיליאָנען פוד ברויט. ער האָט פאַרברענט אַ גוטע העלפט פונם וואָלגער פלאָט און אַזוי ווייטער. דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע, איר ווילדער קאַמף, די הילף מצד דעם וועלט־אימפּעריאַליזם — אָט דאָס איז די צווייטע הויפּט־מניעה אויפן וועג פונם אַרבעטער קלאַס.

§ 45. דער קליינבירגערליכער כאַראַקטער פונם לאַנד, דאָס פעלן פון גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־געוואוינהייטן ביים פּראָלע־טאַריאַט און א. וו. מיר האָבן אויבן געזען, אַז די אינדוסטריע געווען בײַ אונז גענוג צענטראַליזירט, מע זאָל קענען אויפשטעלן די פראַגע וועגן איר פּראָלעטאַרישער נאַציאָנאַליזירונג, וועגן פאַרוואַנדלען זי אין אַן אייגנ־טום פון דער אַרבעטער־מלוכה און וועגן אָרגאַניזירן זי אויף נייע יסודות. נאָר, פון דער אַנדער זייט, איז אונזער אינדוסטריע זייער שוואַך אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט פונם לאַנד. דאָס רוב באַפעלקערונג איז בײַ אונז ניט קיין שטאָטישע, נאָר אַ דאָרפישע. לויט דער ציילונג פון 1897־טן יאָר איז געווען בײַ אונז 16 מיליאָן שטאָט־איינוואוינער און 101 מיליאָן דאָרף־איינוואוינער (נעמענדיק אין באַטראַכט אויך סיביר, נאָר אָן פינלאַנד). אין 1913־טן יאָר איז לויט די ציפערן, וועלכע עס ברענגט אָגאַנאָווסקי, האָט די שטאָטישע באַפעלקערונג געבילדעט 30 מיליאָן און די דאָרפישע 140. די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט, אויף אַזאַ אופן, אין 1913־טן יאָר געבילדעט אַרום 18 פּראָצענט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. נאָר די באַפעלקערונג פון די שטעט באַשטייט דאָך ניט רק פונם פאַבריק־זאַוואָדישן פּראָלעטאַריאַט. אין די שטעט לעבן אויך סוחרים און פאַבריקאַנטן, קליין־בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ — אָט די אַלע שיכטן ציילן אָן מיליאָנען, אויב מע זאָל זיי רעכענען צוזאַמען. אמת, אויך אין דאָרף איז פאַראַן געוועזענע באַטראַקעס, האַלבפּראָלעטאַריער, די דאָרפישע אָרימשאַפט, זיי שטיצן די אַרבעטער. נאָר זיי זיינען ניט אַזוי באַוואוסטזיניק און אָרגאַניזירט.

די גרעסטע מערהייט פון דער רוסלענדערשער באַפעלקערונג זיינען קליינע באַלעבאַטימלאַך. זיי האָבן אפילו געקרעכצעט אונטערן יאָך פון קאַפּי־טאַל און פון די גוטבאַזיצער, נאָר זיי זיינען אַזוי צוגעוואוינט צו זייער אָפּגעזונדערטער, אייגענער, פּערזענליכער ווירטשאַפט, אַז זיי איז שווער מיט אַמאָל צוגעוואוינען צו אַ געמיינשאַפטליכער זאַך, צו בויען אַ געמיינזאַמע חברשע ווירטשאַפט. פאַרכאַפּן פאַר זיך דעם ביסן, וואָס מע רייַסט אַרויס בײַ דעם צווייטן, זאָרגן נאָר וועגן דער אייגענער ווירטשאַפט — אָט די גע־

וואוינהייט איז שטארק איינגעווארצלט אין איטליכן קליינעם **באלעבאס**, און דאס אליין מאכט שוין געוואלטיק שווער די ארבעט פון צו בויען דעם קאמו-ניזם אין רוסלאנד, אויב מע זאל שוין גאר אפילו ניט נעמען אין באטראכט די איבעריקע סיבות.

אונזער שוואכקייט שפיגלט זיך אויך אפ אויפן ארבעטער קלאס. אין אלגעמיין האט ער דערצויגן אין זיך א רעוואלוציאנערן, א קאמפס-גייסט. נאר ס'זיינען אויך פאראן אין אים אפגעשטאנענע טיילן, וואס זיינען ניט צוגעוואוינט צו אן ארגאניזאציע, ניט אלע ארבעטער זיינען אזעלכע, ווי אין פעטערבורג. ס'איז פאראן א סך אפגעשטאנענע, ניט באוואוסטזיניקע, וועלכע זיינען נאך ניט צוגעוואוינט צו ארבעטן פאר'ן גאנצן כלל. ס'איז פאראן א סך ארבעטער, וואס זיינען נאר וואס געקומען פון דארף. אין א סך פרטים זיינ-קען זיי, פונקט ווי די פויערים, און זיינען זיך טועה צוזאמען מיט זיי.

אט די חסרונות פונם ארבעטער קלאס גופא פארשווינדן צוזאמען מיט דעם, ווי ער פירט זיין קאמף און ווערט פארייניגעצויגן אין דער ארבעט. נאר ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס מאכט אויך שווער די פארווירקליכונג פון אונזערע אויפגאבן, נאר דאס באטייט ל'הלוטין ניט, אז די דאזיקע פאר-ווירקליכונג איז אן **אוממעגליכע** זאך.

ליטעראטור. די פראטאקאלן פון 8-טן צוזאמענפאר, דערהויפט די וויכוחים וועגן דער פראגראם. לענין און בוכארינס רעדעס; דערנאך לענינס רעדעס וועגן די אויפגאבן פון דער ראטן-מאכט. (אין פארשיידענע אויסגאבן). וועגן דער עקאנאמישער לאגע פון רוסלאנד זעה: ציפע-ראוויטש, „סינדיקאטן און טרעסטן אין רוסלאנד“. וו. פ. מיליוטין, „די איצטיקע עקאנאמישע אנטוויקלונג פון רוסלאנד און די דיקטאטור פונם פראלעטאריאט“. (1918—1919) ג. אטינסקי. „די בויאונג פונם סאציאליזם“ (פאראן אין אידיש). (אינם ערשטן קאפיטל פונם דאזיקן בוך ווייזען פא-ראן אויסגעצייכנט איבערגעגעבענע באווייזן, אז דער מלחמה-חורבן מאכט נאך מער נויטיק דעם סאציאליזם).

קאפיטל VI.

די ראטן מאכט.

§ 46. די ראטן מאכט ווי א פארם פון פראלעטארישער דיקטאטור. § 47. פראלעטארישע און בירזשואזע דעמאקראטיע. § 48. דער דערווייליקער און דער קלאסן כאראקטער פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. § 49. די מאטעריעלע מעגליכקייט צו פארווירקליכן די רעכט פונם ארבעטער קלאס. § 50. גלייכקייט פון ארבעטנדיקע אומאפהענגיק פון געשלעכט, רעליגיע, ראסע § 51. פארלאמענטאריזם און ראטן-ארדענונג. § 52. מיליטער און די ראטן-מאכט. § 53. די אנפירנדיקע ראלע פונם פראלעטאריאט. § 54. די ביוראקראטיע און די ראטן מאכט.

§ 46. די ראטן מאכט ווי א פארם פון פראלעטארישער דיקטאטור. אונזער פארטיי האט די ערשטע ארויסגעשטעלט און האט דורכגעפירט אין לעבן די פאדערונג פון א ראטן מאכט. אונטערן לאזונג „די גאנצע מאכט די ראטן" איז פארגעקומען די גרויסע אקטיאבער רעוואלוציע פון 1917-טן יאר. ביז זמן דער דאזיקער לאזונג איז ניט ארויסגעשטעלט געווארן פון אונזער פארטיי, איז אזא לאזונג בכלל גאר ניט געווען. נאר דאס הייסט ניט, אז ער איז אן אויסגעטראכטער, אז ער איז גענומען „פון קאפ". אדרבא, ער איז ארויסגעקומען, געבוירן געווארן אין דער סאמע געדיכטעניש פונם לעבן. נאך אין דער רעוואלוציע פון 1905—1906-טן יאר זיינען אויפגעקומען קלאסן ארגאניזאציעס פון די ארבעטער, ראטן פון ארבעטער דעפוטאטן. אין דער רעוואלוציע פון 1917-טן יאר זיינען די דאזיקע ארגאניזאציעס אויפגעקומען אין א סך א גרעסערן מאסשטאב: כמעט אומעטום זיינען, ווי שוועמלאך אויסגעוואקסן ראטן פון ארבעטער, סאלדאטן און דערנאך פון פויערים. ס'איז קלאר געווען, אז די דאזיקע ראטן, וואס זיינען ארויסגעטראטן ווי קאמף-ארגאנען פאר די מאסן, וועלן אומפארמיידליך ווערן מאכט-ארגאנען.

ביז דער רוסישער רעוואלוציע פון 1917-טן יאר האט מען א סך גערעדט וועגן פראלעטארישער דיקטאטור. נאר מע האט בעצם ניט געוואוסט, אין וואס פאר א פארם די דאזיקע דיקטאטור וועט פארווירקליכט ווערן. די רוסישע רעוואלוציע האט די דאזיקע פארם געפונען; דאס איז די ראטן מאכט. די ראטן מאכט פארווירקליכט די דיקטאטור פונם פראָ-

לעטאַריאַט, וואָס איז ווי אַ הערשעדיקער קלאַס אָרגאַניזירט אין זיינע ראַטן און וואָס דערשטיקט מיט דער הילף פונם פויערטום, דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פון די פּריצים.

אַ סך האָבן פריער געמיינט, אַז די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז מעגליך אין אַ פאָרם פון דער אַזוי אָנגערופענער „דעמאָקראַטישער רעפּובליק", וואָס דאַרף איינגעשטעלט ווערן דורך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַ פּאַרלאַמענט, אַן אויסגעקליבענעם פון אַלע קלאַסן פונם פאָלק. און עד היום האַלטן זיך די אַפּאָרטוניסטן און סאָציאַל-פּשרות-מאַכער באַ דער דאָזיקער „מיינונג, טענהנ'דיק, אַז רק אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק קענען ראַטעווען דאָס לאַנד פון דעם שווערן בירגער-קריג. נאָר דאָס ווירקליכע לעבן באַווייזט עפּעס גאָר אַנדערש. אין דייטשלאַנד, למשל, איז נאָך דער רעוואָלוציע אין נאָיאַבר 1918-טן יאָר איינגעשטעלט געוואָרן אַזאַ רעפּובליק. נאָר דאָרטן איז אין משך פונם גאַנצן 1918-טן יאָר און דעם גאַנצן 1919-טן יאָר געגאַנגען אַ בלוטיקער קאַמף. אינם דאָזיקן קאַמף טרעט דער אַרבעטער קלאַס אַרויס די גאַנצע צייט מיט דער פאָדערונג פון אַ ראַטן מאַכט. דער לאָזונג פון אַ ראַטן מאַכט איז געוואָרן דער אַמתער אינטערנאַציאָנאַלער לאָזונג פונם פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטער שטעלן אים אַרויס אין אַלע לענדער און ביינדן אים צונויף מיטן לאָזונג פון אַן אַרבעטער דיקטאַטור. דאָס לעבן האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונזער פאָדערונג: „די פּוילן מאַכט די ראַטן" ניט נאָר באַ אונז אין רוסלאַנד, נאָר אין אַלע לענדער, וואו ס'איז פאַראַן אַ פּראָלעטאַריאַט.

§ 47. פּראָלעטאַרישע און בורזשואַזע דעמאָקראַטיע.

אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטישע רעפּובליק שטיצט זיך אויף די אַלגעמיינע אָפּשטימונג און אויף דעם אַזוי אָנגערופענעם „אַלפאָלקישן", „אַלנאַציאָנאַלן", „איבער-קלאַסישן" ווילן. די אָנהענגער פון אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פון אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וכדומה, זאָגן אונז, אַז מיר זיינען עובר אויף דעם אַלגעמיינעם ווילן פונם פאָלק. מיר וועלן ראשית כל באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע.

אין דעם ערשטן טייל פונם ביכל האָבן מיר געזען, אַז די איצטיקע געזעלשאַפט באַשטייט פון קלאַסן מיט קעגנסותדיקע אינטערעסן. דאָס הייסט, אַז אויב פאַר דער בורזשואַזיע לוינט אַ לאַנגער אַרבעטס-טאָג, לוינט ער ניט פאַרן פּראָלעטאַריאַט און אַזוי ווייטער. מע קען ניט מאַכן קיין שלום צווישן די קלאַסן, פּונקט ווי מע קען ניט מאַכן קיין שלום צווישן וועלף און שעפּסן. די וועלף האָבן ליב צו דערעסן זיך מיט שעפּסן, די שעפּסן מוזן זיך ווערן קעגן די וועלף. אויב דאָס איז אַזוי (און דאָס איז געוויס אַזוי) טאָ פרעגט זיך: צי קען מען דען פעסטשטעלן דעם געמיינזאַמען ווילן פון די וועלף און די שעפּסן? צי קען מען פעסטשטעלן דעם שעפּסיש-וועלפישן ווילן? יעדער פאַרשטענדיקער מענטש וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַן אומזין. עס קען ניט זיין

קיין געמיינזאם שעפסיש-וועלפישער ווילן. ס'קען זיין איינס פון דיביידע: אָדער דער ווילן פון די וועלף, וואס פאַרקנעכטעט די שעפסן, די אָפּגעגאַרטע און געדריקטע; אָדער דער ווילן פון די שעפסן, וואָס האָט מציל געווען די שעפסן פון די וועלף און האָט דערשלאָגן די רויב-חיות. קיין מיטן קען דאָ ניט זיין. נאָר די זעלביקע, גאנץ קלאָרע זאך קומט פאַר אויך מיט די קלאסן. אין דער איצטיקער געזעלשאפט שטייט א קלאס אנטקעגן א קלאס, די בור-זשואַזיע אנטקעגן דעם פּראָלעטאריאט, דער פּראָלעטאריאט אנטקעגן דער בורזשואזיע. זיי זיינען אויף מעסערס. טא וואָס פאר א געמיינזאמער ווילן, א בורזשואזיש-ארבעטער ווילן, קען בא זיי זיין? ס'איז קלאָר, אַז ס'קען ניט זיין קיין בורזשואזיש-ארבעטער באַגערן און שטרעבונגען, פּונקט ווי עס קען ניט זיין קיין וועלפיש-שעפסישע. ס'קען זיין אָדער דער ווילן פון דער בור-זשואזיע, וועלכע בינדט אָן מיט פארשיידענע מיטלען דעם דאָזיקן ווילן דעם אונטערדריקטן רוב פונם פאָלק, אָדער דער ווילן פונם פּראָלעטאריאט, וועל-כער בינדט אָן זיין ווילן דער בורזשואזיע. בפרט נאריש איז צו ריידן וועגן א צווישנקלאסנווילן און וועגן „אלגעמיין-נאציאָנאלע אינטערעסן" אין א צייט פון א בירגער-קריג, פון א רעוואלוציע, ווען די אלטע וועלט פּלאצט אין אלע אירע עקן. דער פּראָלעטאריאט וויל דאָ איבערמאכן די וועלט, די בור-זשואזיע וויל באפעסטיקן די אלטע קנעכטשאפט.

טאָ וואָס זשע פאר א „געמיינזאמער" ווילן קאן זיין באַ דער בורזשואזיע און ביים פּראָלעטאריאט? ס'איז קלאָר, אז די ווערטער גופא וועגן אן אלגא-ציאנאלן ווילן איז מער ניט ווי א רמאות, ווען מע פארשטייט אונטער דעם אלע קלאסן, אזא געמיינזאמער ווילן איז ניטא און ער קען ניט זיין.

נאר די בורזשואזיע נויטיקט זיך אין אזא רמאות. זי נויטיקט זיך אין דעם כדי צו באַרעכטיקן איר הערשאפט. זי איז א מינדערהייט. זי קען ניט זאגן אָפן, אז עס רעגירט א הייפעלע קאפּיטאליסטן. זי נויטיקט זיך דעריבער אין רמאות, או זי רעגירט כלומרשט אין נאָמען פונם „גאנצן פאָלק", פון „אלע קלאסן" פון דער „גאנצער נאציע" וכדומה.

ווי אזוי זשע ווערט די דאזיקע רמאות פארווירקליכט אין א דעמאָקרא-טישער רעפּובליק? די הויפּט-סיבה פון דעם, וואס דער פּראָלעטאריאט איז דאָ פארקנעכטעט, איז זיין עקאָנאָמישע פארקנעכטונג. אפילו אין דער סאמע דעמאקראטישער רעפּובליק געפינען זיך די פאבריקן און זאוואדן אין די הענט פון די קאפּיטאליסטן, די ערד — אין די הענט פון די קאפּיטאליסטן און פּריצים. דער ארבעטער האט גארנישט ניט, א חוץ זיינע ארבעטס-הענט, דער פויער-אָרעמאן — א נישטיק שטיקל ערד. זיי זיינען אייביק געצוואונגען צו ארבעטן אין שרעקליכע באדינגונגען, אונטערן יאך פון זייערע באלעבאטים. אויפן פּאפּיר קענען זיי א סך אויפטאן, אין דער ווירקליכקייט — גארנישט. ווייל דאס גאנצע עשירות, די מאכט פונם קאפּיטאל געפינט זיך אין די הענט פון זייערע שונאים. אט דאָס איז די אזוי אנגערופענע בורזשואזע דעמאקראטיע.

(א בורזשואַזע רעפּובליק איז פאַראַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין דער שווייץ און אין פראַנקרייך. נאָר אין אַט די אַלע לענדער, שטייען בײַ דער מאַכט די שענדליכסטע אימפּעריאַליסטן, די קיניגן פון טרעסטן און פון בײַנק, די פאַרביסנסטע שונאים פונם אַרבעטער קלאַס. די סאַמע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס האָט עקסיסטירט אין 1919-טן יאָר, איז געווען די דייטשע רעפּובליק מיט איר גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. נאָר דאָס איז דאָך געווען א רעפּובליק פון קאַרל ליבקנעכטס רוצחים).

די ראַטן מאַכט פאַרווירקליכט א נײַעם, א סך מער פולקומערן טיפּ פון דעמאָקראַטיע — די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע. דער תוך פון דער דאָזיקער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי באַזירט זיך אויפן איבערגאַנג פון די פּראָדוקציאָן-מיטלען אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע. דאָס הייסט אויף דער פולשטענדיקער אָפּשוואַכונג פון דער בורזשואַזיע; אין דער דאָזיקער דעמאָקראַטיע איז געראַדע די פריער אונטער-דריקטע מאַסן און זייערע אָרגאַניזאַציעס ווערן איצט די פאַרוואַלטונג-אָרגאַנען. אַרבעטער און פּויערים-אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אויך בײַ דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדענונג; זיי זיינען, הייסט עס, פאַראַן אויך אין בורזשואַ-דעמאָ-קראַטישע רעפּובליקן, נאָר דאָרט ווערן זיי אָפּגעשטויסן אויפן הינטערגרונט דורך די אָרגאַניזאַציעס פון די גבירים. בײַ דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע האָבן די גבירים ניט קיין עשירות. אין די מאַסן-אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער, פּויערים, האַלבפּראָלעטאַריער און א. וו. (ראַטן, פאַראיינען, פאַבריק-זאַוואָדישע קאָמיטעטן וכדומה) ווערן דער אמתער יסוד פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה-מאַכט. אין דער קאָנסטיטוציע פון דער ראַטן רעפּובליק געפינט זיך אויפן ערשטן אָרט אַזאַ פּונקט: „רוסלאַנד ווערט דערקלערט פאַר א ראַטן רעפּובליק פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים דעפּוטאַטן. די פולע מאַכט אין צענטער און אויף די ערטער געהערט די דאָזיקע ראַטן“.

די ראַטן דעמאָקראַטיע ניט נאָר זי באַזייטיקט ניט די אַרבעטער אָרגאַ-ניזאַציעס פון פאַרוואַלטונג, נאָר, אדרבא, זי מאַכט זיי פאַר פאַרוואַלטונג-אָרגאַנען. און אַזוי ווי די ראַטן און די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבע-טער קלאַס און פון פּויערטום נעמען אַרום מיליאָנען אַרבעטנדיקע, גיט אויף אַזאַ אופן די ראַטן מאַכט צום ערשטן מאָל נײַע אויפגאַבן דעם אַנצאָליקן סכום מענטשן, וואָס זיינען ביז אַהער געווען פאַרגעסן און פאַרלאָזן און האָבן זיך געפּאַרקעט אונטן. אין דער אַלגעמיינער אַרבעט גייען דורך די ראַטן, דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דורך די פאַבריק-זאַוואָדישע קאָמיטעטן אַרײַן אַלץ ברייטערע און ברייטערע פאָלקס מאַסן פון אַרבעטער און פּויערים-אָרעמעלײַט. דאָס קומט פאַר אומעטום. אין די פּראָווינציעלע שטעטלאַך און אין די דערפער הויבן זיך אָן צו פאַרנעמען מיט דער פאַרוואַלטונג און מיט דער בויאונג פון א נײַעם לעבן אַזעלכע מענטשן, וואָס וואָלטן זיך פריער מיט דעם קיינמאָל ניט פאַרנומען. די ראַטן מאַכט פאַרווירקליכט אויף אַזאַ

אופן אויך די ברייטע זעלבסטפארוואלטונג פון פארשיידענע געגנטן און זי ציט אויך אריין אין דער דאָזיקער אַרבעט די ברייטע מאַסן.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי איז וואָס ברייטער אַנטוויקלען דעם דאָזיקן נייעם, פּראָלעטאַרישן דעמאָקראַטיזם. מיר דאַרפן שטרעבן צו דעם, אַז אין די אָרגאַנען פון דער ראַטן מאַכט זאָלן אַרבעטן ווי מעגלעך ברייטערע שיכטן פון פּראָלעטאַריער און פויערשער אָרעמשאַפט. דער חבר לענין האָט ריכטיק געשריבן אין איינער אַ בראָשור זיינער, וואָס איז אַרויס נאָך פאַר דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, אַז אונזער אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן אויסלערנען אפילו יעדע קעכין פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע און אויפן וועג פון איר פאַרווירקליכונג וועלן מיר טרעפן מניעות און אַ סוף. די דאָזיקע מניעות באַשטייען ראשית כל אין אַ ניט גענוגנדיקן קולטורעלן צושטאַנד פון די מאַסן. פּראָגרעסיווע אַרבעטער איז פאַראַן אַ לפי ערך דינער שיכט. אַזעלכע זיינען, למשל, די מעטאַליסטן. נאָר ס׳זיינען פאַראַן אָפּגעשטאַנענע שיכטן, און וועגן דאָרף איז דאָך שוין אָפּגערעדט. גאַנץ אָפט האָבן זיי ניט קיין גענוגע איניציאַטיוו, און זיי קענען דאַן בלייבן פון דער זייט. די אויפגאַבע פון אונזער פאַרטיי איז סיסטעמאַטיש, טריט בא טריט, אַריינציען אויך די דאָזיקע שיכטן אין דער אַלגעמיינער מלוכה-אַרבעט. דערהויבן צו איר אַלץ נייע און נייע שיכטן קען מען, פאַרשטייט זיך, נאָר דורך דעם, וואָס מע וועט העכערן זייער קולטורעלקייט און אָרגאַניזירטקייט. און דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון דער פאַרטיי.

§ 48. דער דערווייליקער און דער קלאַסן כאַראַקטער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

די בורזשואַזיע פלעגט שטענדיק באַהאַלטן איר קלאַסן הערשאַפט אונטער אַ שלייער פון „אַלנאַציאָנאַלע ענינים". ווי האָט געקענט די בורזשואַזיע, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ הייפעלע פּאַראַזיטן, אָפן מודה זיין אין דעם, אַז זי בינדט אַלעמען אָן איר קלאַסן ווילן? ווי האָט זי געקענט זאָגן, אַז די מלוכה — איז אַ רויבערישער פאַרבאַנד? ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט דאָס ניט געקענט טאָן. אפילו דאַן, ווען די בורזשואַזיע פלעגט אַרויסוואַרפן די מאַסק פון בלוטיקער געוועלטיקער-דיקטאַטור, רעדט זי אויך וועגן „אַלנאַציאָנאַלע" ענינים. נאָר באַזונדער געלונגען נאַרט זי דאָס פאָלק אין די אַזוי אָנגערופענע „דעמאָקראַטישע רעפּובליקן". דאָ רעגירט די בורזשואַזיע און פירט דורך איר דיקטאַטור איינפירנדיק איינציקע „בלומרשטע" פרייהייטן. זי גיט איינמאָל אין דריי-פיר יאָר אויך די אַרבעטער דאָס רעכט אַריינצוּוואַרפן אַ וואַל-צעטל, נאָר פון פאַרוואַלטונג באַזייטיקט זי זיי. דערפאַר אָבער שרייט זי בקול רמה, אַז „דאָס גאַנצע פאָלק" פאַרוואַלטעט.

די ראַטן מאַכט אַנערקענט אָפן פאַר אַלעמען איר קלאַסן-כאַראַקטער. זי האָט ניט וואָס צו באַהאַלטן, אַז זי איז אַ קלאַסן מאַכט, אַז די ראַטן מלוכה

איז אַ דיקטאַטור פון די אָרעמע לײַט. אַגילו מיט איר נאָמען שטרײַכט זי עס
אונטער: אַ ר ב ע ט ע ר און פּ ױ ע ר י ם רעגירונג — אַזוי הייסט די רעגי-
רונג פון דער ראַטן מאַכט. אין דער קאָנסטיטוציע, דאָס הייסט אין די גרונט-
געזעצן פון אונזער ראַטן רעפּובליק, וואָס זײַנען פעסטגעשטעלט געוואָרן
דורך דעם אַלרוסלענדישן ראַטן-צונויפפאָר, ווערט אָפן געזאָגט: „דער דרי-
טער אַלרוסלענדישער ראַטן-צונויפפאָר פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים
דעפּוטאַטן האַלט, אַז איצטער, אין אַ מאָמענט פון אַנטשיידענעם קאַמף צווישן
פּראָלעטאַריאַט מיט זײַנע עקספּלואַטאַטאָרן קאָנען די עקספּלואַטאַטאָרן קיין שום
אָרט ניט פאַרנעמען אין קיין איינעם ניט פון די מאַכט-אָרגאַנען". הייסט עס
אַז די ראַטן מאַכט ניט נאָר זי אַנערקענט איר קלאַסן-כאַראַקטער, נאָר זי
האַלט זיך אויך ניט אָפּ פון אָפּצונעמען דאָס וואַל-רעכט און אויסצושליסן פון
די מאַכט-אָרגאַנען די פאָרשטייער פון יענע קלאַסן, וואָס זײַנען פײַנטליך צום
פּראָלעטאַריאַט און צום פּויערטום. פאַרוואָס קען און דאַרף די ראַטן מאַכט
זײַן אַזוי אָפנהאַרציק? דערפאַר, ווײַל זי איז באמת די מאַכט פון די אַרבע-
טעדיקע, דאָס הייסט די מאַכט פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.
זי האָט ניט וואָס צו באַהאַלטן אַז זי איז געבאָרן געוואָרן אין די אַרבעטער
קוואַרטאַלן. פאַרקערט. וואָס בולטער זי וועט אונטערשטרײַכן איר אָפּשטאַמונג
און איר באַשטימונג, אַלץ נעהענטער וועט זי זײַן צו די מאַסן, אַלץ מיט מער
ערפאָלג וועט גיין איר קאַמף מיט די עקספּלואַטאַטאָרן.

נאָר אַזאַ לאַגע וועט אייביק ניט דויערן. דער תוך פון דער זאַך באַ-
שטייט דאָך אין דעם, אַז מע דאַרף דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון די
עקספּלואַטאַטאָרן, און ווײַבאַלד די דאָזיקע עקספּלואַטאַטאָרן וועלן דערשטיקט
ווערן, ווײַבאַלד מע וועט אָנטאָן אויף זיי אַ צוים, און זיי וועלן ווערן שטיל
און רויִק; ווײַבאַלד נאָר זיי וועלן איבערדערציִען ווערן און וועלן זיך פאַר-
וואַנדלען אין פּונקט אַזעלכע אַרבעטסדיקע, ווי אַלע איבעריקע, וועלן, פאַר-
שטייט זיך אַליין מער און מער פאַרשווונדן ווערן כלערליי „אַנדריקע" און
ביסלאַכווײַז וועט אויך פאַרשווונדן ווערן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט

(דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן אין אונזער קאָנסטיטוציע (זע אָפּטיילונג II,
קאַפּיטל V: „די גרונט אויפגאַבע פון דער אויסגערעכנטער אויף דעם איצטיקן
איבערגאַנג-מאָמענט קאָנסטיטוציע פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער פע-
דעראַטיווער ראַטן רעפּובליק איז אײַנצושטעלן די דיקטאַטור פונעם שטאָטישן
און דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט און אָרעמסטן פּויערטום אין דער פאָרם פון אַ
מעכטיקער אַלרוסלענדישער ראַטן מאַכט מיטן צוועק פולשטענדיק צו דער-
שטיקן די בורזשואַזיע, פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך
דעם צווייטן און אײַנפירן דעם סאָציאַליזם, בײַ וועלכן ס'וועט ניט זײַן ניט
קיין צעטיילונג אויף קלאַסן, ניט קיין מלוכה-מאַכט).

פון דאַנען דרינגען אויך אַרויס די אויפגאַבן פון אונזער פּאַרטיי. די
פּאַרטיי דאַרף סיסטעמאַטיש אויסרײַסן די בורזשואַזע רמאות, וואָס באַשטייט

אין דעם, וואס מע גיט דעם ארבעטער עפעס וואסערע ניט איז רעכט, נאר מע לאָזט אים איבער אין מאַטעריעלער אָפּהייַנגיגקייט פון די באַלעבאַטים. די אויפגאבע פון דער פארטיי באַשטייט אין דעם, אַז זי זאָל מיטהעלפן דער־שטיקן די עקספּלואַטאַטאָרן מיט אַלע מיטלען, וואָס געפינען זיך נאָר אין רשות פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָר גלייכצייטיק באַשטייט די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אויך אין דעם, וואָס צוגלייך מיט דעם ווי ס׳וועלן דערשטיקט ווערן די עקספּלואַטאַטאָרן און זייערע משרתים, צוגלייך מיט דעם, ווי זיי וועלן „איבערגעאַנדערשט" ווערן, ביסלאַכווייס אָפּשוואַכן און אָפּשאַפן יענע מיטלען, וואָס זייַנען גילטיק געווען פאַר דער פריהערדיקער צייט. לאָמיר אָננעמען, למשל, אַז די אינטעליגענץ האָט זיך אויף אַזוי פיל דערנעהענטערט צום אַרבעטער קלאַס, אַז זי האָט אויפגעהערט צו בלאָזן זיך אויף אים. אז אין איר אַרבעט האָט זי זיך איינגעאַנבן געשטעלט אויפן צד פון דער ראַטן מאַכט. אַז זי האָט זיך איינגעלעבט מיטן פּראָלעטאַריאַט. אייב דאָס וואָלט געשעהען (און דאָס איז פאַרשטייט זיך, אַ פּראַגע פון צייט), וואָלטן מיר מחויב געווען צו געבן דער דאָזיקער אינטעליגענץ אַלע רעכט, אין אַרייַננעמען זי אין אינזער משפּחה. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט, ווען קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעפּובליק טרעט ארויס די גאַנצע וועלט, איז נאָך פרי צו ריידן פון אַזאַ פאַרבייטערונג פון רעכט; נאָר מיר מוזן כסדר דערקלערן, אַז דאס וועט זיין, און אז דאס וועט זייַן אַלץ גיכער, וואס גיכער ס׳וועלן אויף אייביק דערשטיקט ווערן אַלע און כלערליי פּרובן פון די עקספּלואַטאַטארן צו גיין קעגן דעם קאַמוניזם. אזוי וועט ביסלאכווייס אפשטארבן די מלוכה פונם פּראלעטאריאט, פארוואנדלענדיק זיך אין אַן אָנקלאַסן קאמוניסטישע געזעלשאפט, אין וועלכער ס׳זייַנען פאַר־שוואונדן געווארן אַלערליי טיילונגען אויף קלאסן.

§ 49. די מאטעריעלע מעגליכקייט צו פארווירקליכן די רעכט פונם ארבעטער קלאס. איינע פון די הויפּט־רמאות פון דער בורזשואזער דעמאקראטיע באשטייט אין דעם, וואס זי גיט מער ניט ווי כלומרשטע רעכט; אויפן פּאפּיר שטייט געשריבן, אז די ארבעטער קענען גאנץ פרייַ קלייַבן זיך אין פּארלאמענט, אז זיי האבן פונקט אזעלכע רעכט, ווי דער באלעבאס (זיי זייַנען כלומרשט „גלייכע לויטן געזעץ"); זיי קענען זיך פרייַ פארזאַמלען אין פאראיינען, צונויפקלייַבן זיך אויף פארזאמלונגען, ארויס־לאזן וואסערע זיי ווילן צייטונגען, ביכער וכדומה. אין דערייַן זעהט מען אייַן דעם „מהות פון דער דעמאקראַטיע" און מע דערקלערט, אז דא איז א דע־מאָקראטיע פאר אַלעמען, פאר דאס גאנצע פאָלק, פאר אלע בירגער, ניט אזוי ווי אין א ראַטן רעפּובליק.

קודם כל דארף מען זאגן, אז אזא בורזשואזע דעמאקראטיע איז גאר אויף דער וועלט ניטא. זי איז געווען מיט הונדערט יאר צוריק, און איצט האבן זי די הערן בורזשואַ אליין אפּגעשאפט.

(פאַר אַ בעסטן ביישפּיל פון דעם קען דינען אַמעריקע, אין די פּאַראַי-ניקטע שטאַטן זיינען פאַר דער מלחמה צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן, למשל, אַזעלכע געזעצן: ס'ווערט פאַרבאָטן צו פאַרשווערן דעם פּרעזידענט; ס'ווערט פאַרבאָטן צו פאַרשווערן די פאַרבינדעטע; ס'ווערט פאַרבאָטן צו דערקלערן דאָס, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן און די פאַרבינדעטע האָבן זיך אריינגע-מישט אין דער מלחמה, צוליב מאַטיוון פון נידעריקע מאַטעריעלע פּניות; ס'ווערט פאַרבאָטן צו פּרידיקן וועגן אַ פּריצייטיקן שלום; ס'ווערט פאַרבאָטן צו פאַראורטיילן עפנטליך די פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג; ס'ווערט פאַרבאָטן צו רימען אָדער צו לויבן דייטשלאַנד; ס'ווערט פאַרבאָטן צו פּרידיקן דאָס אַראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, דער קלאַסנקאַמף וכדומה. פאַר עובר זיין די דאָזיקע געזעצן קומט פון 3 ביז 20 יאָר קאַטאָרגע. פאַר עובר זיין די דאָזיקע געזעצן איז אין אַ משך פון איין יאָר אַרעסטירט געוואָרן קרוב $1\frac{1}{2}$ טויזנט אַרבעטער. ס'איז חרוב געמאַכט געוואָרן אַ גאַנצע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע „אינדוסטריע-אַרבע-טער פון דער וועלט” און אירע פירער זיינען טיילווייס דערהרגעט געוואָרן. פאַר אַ ביישפּיל פון „פרייהייט פון שטרייקן” קען דינען דער שטרייק אויף די קוילן-גרובן אין אריזאָן זומער 1917-טן יאָר, ווען מע האָט די אַרבעטער גע-שאָסן, געשלאָגן מיט בייטשן, אויסגעשמירט מיט פּעך; מע האָט אַרויסגעוואָרפן פון זייערע דירות אויפן גאס גאַנצע אַרבעטער-פאַמיליעס. אָדער דער שטרייק אויף ראָקפעלערס קוילן-גרובן אין לוראַן (שטאַט קאָלאָראַדאָ), ווען ראָקפע-לערס (אַ באַנקיר) געדונגען מיליטער האָט דערשאָסן און פאַרברענט עטליכע הונדערט אַרבעטער און אַרבעטערינס. דער פּאַרלאַמענט אין אַמעריקע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער ווערט אויסגעקליבן אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, טוט אַלץ, וואָס עס הייסן אים די טרעסט-קיניגן; כמעט אַלע דע-פּוטאַטן זיינען אונטערגעקויפט פון זיי. אַלץ דיקטירן די ניט־געקרוינטע קיניגן; ראָקפעלער, דער קיניג פון די ביינק, פון נאַפט, פון ברויט, פון מילך; מאָרגאַן, דער צווייטער באַנק-קיניג און קיניג פון די אייזנבאַנען; שוואַב, דער שטאָל-קיניג; סוויפט, דער פליישי-קיניג; דיופּאָנט, דער פּולווער-קיניג, וואָס האָט פאַר דער מלחמה-צייט פאַרדינט געוואַלטיקע גרויסע רייכקייטן. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז ראָקפעלער באַקומט אין איין שעה צען טויזנט טאָלער (אַ טאָלער האָט פאַר דער מלחמה געקאָסט 2 רובל); אַז זייער אַ מאַלצייט, וואָס ער אָרדנט איין פאַר זיינע געסט קאָסט 11 מיליאָן טאָלער. ווי אַזוי קען מען עס ביישטיין קעגן אַזאַ כוח? און אַז די באַנדע פון די שוואַבס און ראָקפעלערס האַלט אין אירע הענט אַלץ אונטער דעם אויסזעהן פון „דעמאָ-קראַטיע”).

נאָר אויב ס'וואָלט אפילו אין דער ווירקליכקייט געווען אַזאַ דעמאָקראַ-טיע, וואָלט זי אויך, אין פאַרגלייך מיט דער ראַטן מאַכט, ניט ווערט געווען קיין צובראָכענע דרייער, ווייל פאַר אַרבעטער קלאַס איז וויכטיק ניט צו האָבן רעכט אויפן פּאַפּיר, נאָר האָבן אַ מעגליכקייט צו פאַרווירקליכן

די רעכט און אט דאס טאקע קען ניט זיין בא דער הערשאפט פונם קאפיטאל בא אזא אָרדענונג, ווען בא די קאפיטאליסטן בלייבט דאס אייגנטום אויף אלע רייכקייטן, אויב אפילו אויפן פאפיר האבן די ארבעטער דאס רעכט צו פארזאמלען זיך. קען זיין, אז זיי זאלן ניט האבן וואו דאס צו טאן: אלע שיינקער, לאמיר זאגן, אנגערעדט פון די גרויסע אדירים אדער מחמת אייגענעם האס צו די ארבעטער וועלן ניט געבן קיין דירות און א גוטן טאג. אדער נאך א ביישפיל: די ארבעטער ווילן ארויסגעבן א צייטונג און האבן רעכט אויף דעם, נאר צו דעם דארף מען דאך האבן געלט, פאפיר, אן ארט פאר א קאנטאר, א דרוקעריי און א. וו. און אט די אלע זאכן געפינען זיך אין די הענט פון די קאפיטאליסטן. די קאפיטאליסטן וועלן ניט געבן און — אויס צייטונג: מע קען גארנישט טאן. פון די ארימע ארבעטער-גראשנס איז — וער אנצוזאמלען קאפיטאלן. און אט אזוי קומט עס ארויס, וואס די בורזשואזיע האט אן א סוף צייטונגען, קען פון טאג צו טאג נארן דאס פאלק, ווי איר געפעלט. און דער ארבעטער, הגם ער האט אויפן פאפיר „רעכט" האט אין דער אמתן גארנישט.

אט אין דעם באשטייט טאקע דער מהות פון די „פרייהייטן" פאר ארבעטער בא א בורזשואזע דעמאקראטיע. די דאזיקע פרייהייטן זיינען פאראן נאר אויפן פאפיר, זיי זיינען, ווי מע זאגט, „פארמעלע" פרייהייטן; נאר אין תוך גענומען איז דא קיין שום פרייהייט ניט פאראן, ווייל מע קען זי ניט פארווירקליכן. דא קומט פאר דאס זעלביקע, וואס אין אלע לעבנס-געביטן לויט דער בורזשואזער תורה זיינען אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דער ארבעטער און דער באלעבאס גלייך, ווייל ס'איז פאראן „פרייהייט פון אפמאך"; דער באלעבאס איז פריי צו דינגען דעם ארבעטער, דער ארבעטער איז פריי צו פארדינגען זיך אדער ניט פארדינגען זיך, נאר דאס איז דאך מער ניט ווי אויפן פאפיר; אין דער אמתן אבער איז דער באלעבאס רייך און זאט, דער ארבעטער איז הונגעריק און ארעם, ער איז געצוואונגען צו פארדינגען זיך. וואס זשע איז עס פאר א גלייכקייט? צווישן רייכע און ארעמע קען קיין גלייכקייט ניט זיין, הגם אויפן פאפיר איז די דאזיקע גלייכקייט יא פאראן. דעריבער טראגן די „פרייהייטן" בא דער הערשאפט פונם קאפיטאל אין דער אמתן א פאפיר-כאראקטער.

אין דער ראטן רעפובליק באשטייען, פארקערט, די פרייהייטן פארן ארבעטער קלאס קודם כל אין דעם, וואס עס ווערט געגעבן די מעגליכקייט צו פארווירקליכן זיי. אין דער קאנסטיטוציע פון דער ר. פ. ס. ר. ר. ווערט קלאר געזאגט (אפטייל II, קאפיטל V):

14. כדי צו פארזיכערן פאר די ארבעטנדיקע די אמתע פרייהייט אויסצודריקן זייער מיינונג שאפט די ר. ס. פ. ר. ר. אפ די אפהייגיקייט פון דער פרעסע פונם קאפיטאל און גיט איבער אין די הענט פונם ארבעטער קלאס און פון דער פויערשער ארעמשאפט אלע טעכנישע און מאטעריעלע מיטלען

אויף אריסצוגעבן צייטונגען, בראשורן, ביכער און אלערליי אנדערע דרוק-זאכן און פארזיכערט זייער פרייע פארשפרייטונג איבערן גאנצן לאנד.

15. כדי צו פארזיכערן פאר די ארבעטעדיקע די אמתע פרייהייט פון פארזאמלונגען גיט די ר. ס. פ. ר. ר. אנערקענענדיק דאס רעכט פון די בירגער פון דער ראטן רעפובליק פריי איינצוארדענען פארזאמלונגען, מיטינגען, פראצעסיעס וכדומה — איבערן אין רשות פונם ארבעטער קלאס און פון דער פויערשער ארעמשאפט אלע צוגעפאסטע פאר פאלקס-פארזאמלונגען בנינים מיט זייער איינארדנונג, באלייכטונג און באהייצונג.

16. כדי צו פארזיכערן פאר די ארבעטעדיקע די אמתע פרייהייט פון פאראייגען גיט די ר. ס. פ. ר. ר. וואס האט צובראכן די עקאנאמישע און פאליטישע מאכט פון די פארמעגלעכע קלאסן און האט מיט דעם באזייטיקט אלע מניעות, וואס האבן ביז איצט אין דער בורזשואזער געזעלשאפט געשטערט די ארבעטער און די פויערים, צו באנוצן זיך מיט דער פרייהייט פון ארגאניזירונג און טאט — די ארבעטער און די ארעמסטע פויערים, בלערליי שטיצע, סיי מאטעריעלע, סיי אנדערע, כדי די זאלן זיך קאנען פאראייניקן און ארגאניזירן.

17. כדי צו פארזיכערן פאר די ארבעטעדיקע דעם אמתן צוטריט צו קענטעניש שטעלט די ר. ס. פ. ר. ר. פאר איר אויפגאבע צו געבן די ארבעטער און ארעמסטע פויערים א פולשטענדיקע, אלזייטיקע און אומזיסטע בילדונג.

אט אין דעם באשטייט דער קאלאסאלער אונטערשייד צווישן די פאלשע פרייהייטן פון דער בורזשואזער דעמאקראטיע און די אמתע פרייהייט פון דער פראלעטארישער דעמאקראטיע.

די ראטן מאכט און אונזער פארטיי האבן א סך אויפגעטאן אין דער דאזיקער פראגע. די הייזער פון די אדעליקע, די טעאטערס, די דרוקערייען, דאס פאפיר וכדומה — אלץ געהערט איצט די ארבעטער ארגאניזאציעס און דער ארבעטער מלוכה-מאכט. אונזער ווייטערדיקע אויפגאבע באשטייט אין דעם, צו העלפן מיט אלע מיטלען די אפגעשטאנענע שיכטן פונם פראלעטאריאט און פונם פויערטום אויסצונוצן זייערע רעכט. דאס ווערט דערגרייכט אויף צוויי אופנים: פון איין זייט, מוזן מיר כסדר ווייטער גיין, אויף דעם איינמאל אנגעמערקטן וועג און זען מיט אלע מעגלעכקייטן צו פארברייטערן די מאטעריעלע באדינגונגען פון די ארבעטער-פרייהייטן, דאס הייסט: אויף וויפל ס'איז מעגליך געפינען נייע הייזער, אדער בויען אזעלכע, ארגאניזירן נייע דרוקערייען, צוטרעטן צו בויען ארבעטער פאלאצן און א. ז. און פון דער אנדער זייט, אויפקלערן פאר די אפגעשטאנענע שיכטן יענע מעגליכקייטן, וואס זיינען שוין פאראן, גאר וואס ווערן נאך ניט אויסגענוצט פון דער מאסע צוליב איר פינסטערקייט, אומוויסנקייט, אומקולטורעלקייט.

§ 50. די גלײַכקייט פון די ארבעטנדיקע אומאָפּהענגיק פון געשלעכט, רעליגיע און ראַסע.

די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע האָט אויפן
וואָרט פּראָקלאַמירט אַ ריי פרייהייטן, נאָר פאַר די אונטערדריקטע זיינען די
דאָזיקע פרייהייטן געווען פאַרשלאָגן מיט פינף שלעסער און פאַרחתמעט מיט
זיבן חתימות. אגב האָט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע נישט איינמאָל פּראָקלאַ-
מירט די גלייכקייט פון די מענטשן אומאָפּהענגיק פון געשלעכט, רעליגיע,
ראַסע און נאַציע. מיט פאַרמעגן האָט זי צוגעזאָגט, אַז בײַ דער בורזשואַ-
זער דעמאָקראַטישער אָרדענונג וועלן די מענטשן און די פרויען, די ווײַסע, געלע
און שוואַרצע, די אייראָפּייער און אַזיאַטן, די בודיסטן, קריסטן, אידן וכדומה
זײַן אַלע גלײַך. אָבער אמתן האָט עס די בורזשואַזיע ניט פאַרווירקלעכט.
פאַרקערט אין דער תקופה פונם אימפּעריאַליזם האָט זיך אומעטום שרעקלעך
פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע און ראַסן אונטערדריקונג (וועגן דעם זעה אויס-
פירלעך דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל). נאָר אַפילו בנוגע צו די פרויען האָט די
בורזשואַזע-דעמאָקראַטיע ניט פאַרווירקלעכט קיין שום גלײַכקייט. די פרוי איז
געבליבן מאַכטלאָז און זי איז אויך איצט אַ שטוב חיה און איינע פון בעט-
מכשירים פאַרן מאַנסביל.

די פרוי-ארבעטערין איז באַזונדער נידערגעשלאָגן, רעכטלאָז
אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; אין אַלע געביטן זיינען אירע רעכט
נידעריקער אַפילו פאַר יענע נישטיקע רעכט, וואָס די בורזשואַזיע האָט גע-
געבן דעם ארבעטער-מאַנסביל, דאָס רעכט צו קלייבן אין פּאַרלאַמענט איז
געווען סך הכל אין צוויי-דריי לענדער; אין ירושה-געביט פלעגט די פרוי
שטענדיק באַקומען אַ קלענערן חלק; אינם געביט פון פאַמיליען-פאַרהעלטע-
נישן איז זי שטענדיק געווען אונטערגעוואָרפן דעם מאַן און שטענדיק איז זי
געווען די שולדיקע; הקיצור, בײַ דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע זײַנען דורכ-
אויס געווען אַזעלכע אָרדענונגען, וואָס דערמאָנען שטאַרק די אָרדענונגען בײַ
די פּראַים, וועלכע פלעגן אויסבייטן, קויפן, באַשטראָפן אָדער גנבענען פרויען
ווי עפּעס אַ זאַך, אַ לאַלקע אָדער אַן ארבעט-בהמה. „אַ הון איז ניט קיין
פויגל, אַ אידענע איז ניט קיין מענטש", אַזאַ מיינונג הערשט אין דער
קנעכטישער געזעלשאַפט. אַזאַ לאַגע האָט געבראַכט דעם פּראָלעטאַריאַט פיל
שאָדן. אינם ערשטן טייל פון בוך האָבן מיר געזעהן, אַז צווישן דער אַלגעמיי-
נער צאָל ארבעטער איז פאַראַן אַ היפּשע טייל פרויען. ס'איז זעלבסטפאַר-
שטענדלעך, אַז ווען צווישן די צוויי העלפטן פונם פּראָלעטאַריאַט וועט זײַן אַ
אומגלײַכקייט, וועט דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט שרעקלעך אָפּגעשוואַכט
ווערן, אָן דער הילף פונם פרויען-פּראָלעטאַריאַט איז אוממעגלעך אַן אַלגעמיי-
נער נצחון, איז אוממעגלעך די „באַפרייאונג פון ארבעט". דעריבער איז דער
ארבעטער קלאַס פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז צווישן דער מאַנסבילשער
און דער פרויען-העלפט פונם פּראָלעטאַריאַט זאָל זײַן אַ פולשטענדיקע קאַמף-
חברשאַפט און אַז די דאָזיקע חברשאַפט זאָל פאַרפעסטיקט ווערן דורך גלײַכ-
קייט. די ראַטן מאַכט האָט די ערשטע דורכגעפירט די דאָזיקע גלײַכקייט

אין אַלע געביטן פון לעבן: בנוגע צו זכויות, פאַמיליען-פאַרהעלטענישן, פּאָליטישע רעכט וכדומה — דורכאויס זייגען די פרויען פאַרגלייכט מיט די מאַנסבילן.

די אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי איז מיטצוהעלפן, אַז די דאָזיקע פאַר־גלייכונג זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן. דאָ מוז מען קודם כל שטענדיק דערקלערן די ברייטע שיכטן אַרבעטענדיקע, אַז די פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי איז זעהר שעדליך. עד היום קוקן נאָך די אַרבעטער אויף זייערע ווייבער, ווי אויף „באַבעס“, אין דאָרף לאַכט מען אָפּ, ווען אַ „באַבע“ הייבט אויף אָן צו פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפטליכע ענינים. אין דער ראַטן רעפּובליק האָט די פרוי רעכט, צוגלייך מיטן מאַנסביל, צו קלייבן אין אַלע ראַטן און אויך אויסגעקליבן צו ווערן. זי קען פאַרנעמען אַ שטעלע פון אַ קאָמיסאַר, אויס־פירן יעדע אַרבעט אין דער אַרמיי, אין דער פאָלקס-ווירטשאַפט, אין דער מלוכה-פאַרוואַלטונג.

וואָר די פרויען-אַרבעטערינס זיינען בײַ אונז אַ סך מער אָפּגעשטאַנען־ איידער די מאַנסבילן-אַרבעטער. און אויף זיי קוקן אַ סך פון אויבן אַראָפּ. דאָ מוז דורכגעפירט ווערן אַ גרויסע אַרבעט: צווישן די מאַנסבילן, זיי זאָלן אויפ־הערן „ניט צולאָזן“ די פרויען; צווישן די פרויען-אַרבעטערינס; זיי זאָלן אויס־נוצן זייערע רעכט, זיי זאָלן ניט מורא האָבן און ניט שעמען זיך.

מע מוז געדיינקען: אפילו יעדע ק ע כ י ן דאַרפן מיר צוגעוואוינען אויף צו פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה.

מיר האָבן אויבן געזעהן, אַז דאָס וויכטיקסטע איז פונדעסטוועגן ניט די רעכט אויפן פּאַפּיר, נאָר די מעגליכקייט צו פאַרווירקליכן די דאָזיקע רעכט. ווי אַזוי וועט די פרוי-אַרבעטערין פאַרווירקליכן אירע רעכט, וויבאַלד זי מוז פירן די שטוב-ווירטשאַפט, גיין אויפן מאַרק, שטיין אין די אָטשערעדן, וואַשן וועש, אַכטונג געבן אויף די קינדער, טראָגן דעם שווערן יאָך פון אָט דער שטוב-ווירטשאַפט? די אויפגאַבע פון דער ראַטן מאַכט און פון אונזער פּאַרטיי דאַרף באַשטיין אין דעם, אַז מיר זאָלן פאַרגרינגערן פאַר די פרויען-אַרבעטע־רינס אָט די אַרבעט, מיר זאָלן באַפרייען די פרוי-אַרבעטערין פון די פאַרעל־טערטע פאַרצייטיקע פאַרהעלטענישן. די אָרגאַניזירונג פון הייזער-קאָמונעס ניט אַזעלכע, וואו מע זידלט זיך, נאָר וואו מע לעבט טאַקע באמת מעשה מענטש מיט צענטראַלע וועשערייען; די אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטליכע גאַרקיכן; די אָרגאַניזירונג פון אַנשטאַלטן פאַר זויג-קינדער, פון קינדער גערטנער, פון שפּילפּלעצער, פון זומערדיקע קינדער קאָלאָניעס, פון שולן מיט געזעלשאַפט־ליכער דערנערונג פאַר די קינדער וכדומה — אָט וואָס ס'קאָן באַפרייען די פרוי און געבן איר די מעגליכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט אַלץ דעם, מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך דער פּראָלעטאַריער-מאַנסביל.

אין אַ צייט פון אַ חורבן און פון אַ הונגער איז, פאַרשטייט זיך, שווער אוועקצושטעלן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָט די זאַך. נאָר די פּאַרטיי דאַרף

טאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגליך, כדי אויף אַזאַ אופן צוציען אויך די פרויי אַרבעטערין צו דער אַלגעמיינער אַרבעט.

וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון נאַציעס, ראַסעס און א. וו. דאַרף מען זעהן דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל. דאָ ווילן מיר ברענגען נאָר יענע פּאַראַגראַפן פון אונזער קאָנסטיטוציע, וואָס זיינען שייך דער דאָזיקער פראַגע (אָפּטייל II, קאַפּ. V)

20. אַרויסגייענדיק פון דער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטענדיקע פון אַלע נאַציעס, גיט די ר. ס. פ. ר. ר. די אויסלענדער, וואָס וואוינען אויף דער טעריטאָריע פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, פאַרנעמען זיך מיט אַרבעט און געהערן צום אַרבעטער קלאַס אָדער צום פּויערטום, וואָס באַנוצט זיך ניט מיט פרעמדער אַרבעט, אַלע פּאָליטישע רעכט פון רוסלענדישע בירגער, און דערלאָזט, אַז די אָרטיקע ראַטן קאָנען געבן אַזעלכע אויסלענדער די רעכט פון רוסלענדישן בירגערטום אָן שום פאָרמעלע שוועריקייטן.

21. די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע ראַטן רעפּובליק גיט דאָס רעכט פון א מקום מקלט אַלע אויסלענדער, וואָס ווערן געיאָגט פאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע פאַרברעכנס.

22. די ר. ס. פ. ר. ר., אַנערקענענדיק גלייכע רעכט פון אַלע בירגער, אומאָפּהענגיק פון דעם, צו וועלכער נאַציע אָדער ראַסע זיי געהערן, דערקלערט, אַז דאָס איינשטעלן אויף דעם פּאַך וואָסערע ניט איז פּריווילעגיעס אָדער הנחות, ווי אויך וועלכע ניט איז אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אָדער דאָס באַגרעניצן זייער גלייכבאַרעכטיקונג איז סותר די גרונט-געזעצן פון דער רעפּובליק.

§ 51. דער פּאַרלאַמענטאַריזם און די ראַטן אָרדענונג. אין די

בורזשואַזע דעמאָקראַטישע מלוכות שטייט אין דער שפּיץ פון אַלץ דער אַזוי אָנגערופענער פּאַרלאַמענט. דאָס איז אַן אַנשטאַלט, וואָס ווערט אויסגעקליבן אויף דעם אָדער יענעם אופן; אין איינִיקע לענדער קלייבן אהין רק די גבירים, אין אַנדערע ווערט צוגעלאָזן אויך א טייל פון די אָרעמע לייט, אין די דריטע קלייבן אַלע מאַנסבילן, אָנהויבנדיק פון א געוויסן עלטער, און די פערטע — אויך די פרויען.

נאָר אפילו דאָרטן, וואו די פּאַרלאַמענטן פלעגן אויסגעקליבן ווערן אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, פלעגן שטענדיק דורכגיין אין דער מערהייט די אָנהייגער פון דער בורזשואַזיע. פאַרוואָס פלעגט עס זיין אַזוי דורכאויס? דאָס איז ניט שווער צו פאַרשטיין. נאָכדעם וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, זאָל זיין, אַז די אַרבעטער, וואָס זיינען אין א מערהייט אינם לאַנד, האָבן שטימרעכט, נאָר זאָל אויך זיין, אַז די גאַנצע רייכקייטן געפינען זיך אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, אַז אַלע ציטונגען זיינען אויך אין זייערע הענט, אַז אויך אַלע בנינים פאַר פאַרזאַמלונגען זיינען בא זיי; און זיי צו

רינען זייער גרויס די קינסטלער, דרוקערייען, מיליאנען בלעטלאך; אז פון אלע בימות זאגט מען דרשות לטובת זיי; זאל זיין אויך, אז די ארבעטער ארעמעלייט זייגען טאג איין טאג אויס פארנומען מיט שווערער ארבעט, אז זיי האבן קיין צייט ניט און קיין ארט ניט צו פארזאמלען זיך, אז צווישן זיי דרייען זיך ארום געשיקטע אגענטן פון דער בורזשואזיע (פארשיידענע אדוואקאטן, זשורנאליסטן, רעדנער), וועלכע שטעלן ארויס כלומרשט שיינע לאזונגען, וועלכע חנפענען זיך אונטער צו די ארבעטער; לאמיר זיך אויך פארשטעלן די קאלאסאלע געלט-קראפט פון די סינדיקאט-הערן, וועלכע קויפן גלייך אונטער רעם תחילת ערליכן אויסגעקליבענעם דורך די ארבעטער, געבן אים שטעלעס, ליבן אים אין די צייטונגען און א. וו. און א. וו. איצט וועלן מיר פארשטיין, פארוואס באשטייט די מערהייט אפילו אין אזעלכע פארלאמענטן פון אפענע אדער באהאלטענע אגענטן פון דער בורזשואזיע, פונם פינאנץ-קאפיטאל, פון די באנק-קיניגן.

און די ארבעטס-מאסן איז דעריבער זעהר שווער אויסצוקלייבן אייגענע מענטשן.

און וויבאלד דער דעפוטאט איז שוין דורכגעגאנגען אין פארלאמענט איז שוין א סוף צו אלץ; ער שפייט דאן אויף די, וואס האבן אים געקליבן. אויף דריי-פיר יאר איז ער שוין זיכער. ער איז אומאפהייגיק פון זיי. ער פארקויפט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס. און אפרופן אים קאר מען ניטש, דער געזעץ דערלויבט עס ניט.

אט אזוי איז די זאך אין א בורזשואזי-דעמאקראטישער רעפובליק, בייב פארלאמענטאריזם. אין ראטן רוסלאנד איז גאר אנדערש. דא האבן ניט די פאראזיטן — די סוחרים און פאבריקאנטן, די ארכיערייען און גוטבאזיצער, די גענעראלן און קולאקעס — קיין שטימרעכט. זיי קלייבן ניט אויס און קענען ניט אויסגעקליבן ווערן. דערפאר איז פאר די ארבעטער און פאר די ארעמע-לייט זעהר פשוט און גרינג דאס קלייבן, און חוץ דעם איז אימליכן, וואס איז אויסגעקליבן אין ראט, קענען זיינע ווילער-ארבעטער א פ ר ו פ ן און שיקן אויף זיין ארט אן אנדערן. אויב דער דעפוטאט פילט שלעכט אויס זיינע התחייבותן, אויב ער איז בונד אין זיין פאן ונכדומה, קען ער אפגערופן ווערן. אט דאס דאזיקע רעכט פון א פ ר ו פ ן איז אין ערגעץ ניט אויסגעשטעלט אזוי ברייט, ווי אין רוסלאנד.

אין א בורזשואזער רעפובליק איז דער פארלאמענט „אן ארט, וואו מע רעדט", די איינציקע ארבעט פון די דעפוטאטן איז חקירה'ן און האלטן רעדעס. די אמתע זאכליכע ארבעט טוען אפ באאמטע, מיניסטארן און א. וו. דער פארלאמענט נעמט אן געזעצן און „קאנטראלירט" די מיניסטארן מיט דעם, וואס ער מאכט פא-שיידענע אנפראגן, שטימט אפ דאס, וואס עס לייגט פאר די רעגירונג. אין פארלאמענט איז, ווי מע דריקט זיך אויס, קאנצענטרירט די געזעצגעבערישע מאכט. און די אויספירונג-מאכט געפינט זיך אין די הענט פון די מיניסטארן. די ארבעט שוט אויף ניט דער פארלאמענט: דער פארלא-

מענש און זיינע דעמוקראטן פאַרטרעטן זיך גאָר מיט ריידן. בײַ דער ראַטן
אָרדענונג איז גאָר אַנדערש. דער הויפּט, דער העכסטער אָרגאַן איז דער ראַטן-
צוזאַמענפאָר. „דער אַלרוסלענדישער ראַטן-צוזאַמענפאָר, — ווערט געזאָגט אין דער
קאָנסטיטוציע, — איז די העכסטע מאַכט פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטי-
שער פעדעראַטיווער ראַטן-רעפּובליק". ער דאַרף זיך צונויפקלײַבן ניט ווייניק-
ער ווי צוויי מאָל אין יאָר; ער פירט אויס [illegible] צו דער גאַנצער
אַרבעט פון גאַנץ לאַנד און [illegible] באַשליסן, וועלכע ווערן דערמיט גע-
זעצן. נאָר [illegible] נישט [illegible] פּלויער-
זעק, נאָר [illegible] פון די [illegible], וועלכע [illegible] אויס די גאַנצע אַרבעט.
און צווישן [illegible] פון זיי [illegible] די העכסטע מאַכט
דעם [illegible], וואָס [illegible] צוויי פּאַר:
דער [illegible] אויס [illegible] „[illegible] געזעצן; און זיינע
הענט איז [illegible] די [illegible] און די [illegible]; זיינע
[illegible] פון די [illegible]; זיינע [illegible] אַרבעטן
אין די [illegible], און דער צ. א. ק. איז אויך דאָ אין אַן
אַרבעטס-[illegible].

פונקט ווי דער צ. א. ק., אזוי [illegible] זיך אויך יעדע ראַטן אָבלאַסט
אין אַ [illegible] שטאָט זיך [illegible] מאָסן
אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס: די ראַטן [illegible] זיך סיי
אויף די [illegible], סיי אויף די [illegible], סיי
אויף די [illegible] קאָמיטעטן, סיי אויף די [illegible], די [illegible]
אָרגאַניזאַציעס [illegible] פּאָליטיק, [illegible], און זיי אַלע
האַלטן [illegible] מיט זייער [illegible] די ראַטן מאַכט. דורך די [illegible] אָרגאַניזאַ-
ציעס [illegible] די אַרבעטנדיקע מאַסן [illegible] אין דער [illegible]
מיט דער [illegible]. די [illegible] אַרבעטער [illegible] אָדער די [illegible]
פאַראיינען [illegible] פאַרטרעטער מענטשן אויף אַלע [illegible] און
אויף אַלע שטאַפּלען. און די [illegible] אַרבעטער גייען אויך אזוי [illegible] ניט
נאָר ריידן, נאָר [illegible]. גאָר אַנדערש קומט עס אויס אין דער אַזוי
גערופענער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דער אַרבעטער — דער וויילער ווערט
נאָר אויסן זיין [illegible]. און די זאַך איז [illegible]. ער האָט איינגעפילט
ווי עס זאָגט [illegible] די [illegible], זיין „בירגער-חוב", און מער האָט ער ניט
וואָס צו זאָגן.

אָט דאָ, אָט אין דעם ליגט איינע פון די [illegible] [illegible]. פאַרוואָס? ווייל
ער טאַקע צוליב דער [illegible] סיבה, [illegible] האָבן שוין פריער גע-
זאָגט, אויבן [illegible] דאָ די אַרבעטער [illegible] אין עפּעס „און [illegible]",
אין דער אמתן אָבער [illegible] זיי [illegible] און [illegible] אָן אַ זייט;
מיט אַלץ [illegible] און אַלץ [illegible] אַ [illegible] קאַסטע פון [illegible]
באַאַמטע, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער מאַסע, די אזוי אָנגערופענע ביוראָקראַטיע.

דער פֿאַרוואַלטונג=אַפּאַראַט איז אָפּגעריסן פֿון די מאַסן: די מ אַ ס ן האָבן צו אים ק ן שום ש י כ ו ת ניט.

(בײַן 16-טן אָדער בײַן 17-טן יאָרהונדערט פֿלעגן די מלוכה=באַאַמטע בעשטימט ווערן אויסשליסלעך פֿון די אַ ד ע ל י ק ע מיט [illegible] צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז אויפֿגעקומען אַ פּ ר אָ פֿ ע ס י אָ נ ע ל באַ-אַמטנטום. און דער [illegible] דאָס [illegible] אַ [illegible] באַאַמטנ-טום זיך רעקרוטירן, [illegible] פֿון דער זעלבער [illegible] אינטעליגענץ, און דער צײַט [illegible] העכערע שיכטן פֿלעגן גענומען ווערן פֿון דער גרויס-בורזשואַזיע. נאָר [illegible] די ניבעריקע [illegible] פֿלעגן דערצויגן ווערן [illegible] דער רוסישער מלוכה; און [illegible] פֿון [illegible] צו באַקומען [illegible] די [illegible] אַ [illegible] „[illegible]". [illegible] מיט אַ גע-[illegible] דורכגעפֿירט [illegible] פֿון וואַליקער [illegible] צום „[illegible]". [illegible] איז געוואָרן די צאָל פֿון [illegible] ווי אַזוי איז [illegible] זיין וואוקס, קען מען זעהן [illegible] (מיר [illegible] פֿון [illegible] „די ביוראָקראַ-טיע"): אין עסטרייך איז אין 1 74 [illegible] יאָר געוואָרן קרוב 27 [illegible] באַאַמ-טע, אין 1891 [illegible] — 36 [illegible], אין 1900-טן [illegible] 159 [illegible]; אין פֿראַנקרייך איז שוין אין 1891-טן יאָר [illegible] געוואָרן [illegible] מיליאָן (קרוב 4% פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג); אין ענגלאַנד אין 1891-טן יאָר קרוב אַ מיליאָן (2.6%) אין די [illegible] שטאַטן אין 1840-טן יאָר — 250 [illegible] אין א. וו. אַפֿילו [illegible], אַ בורזשואַזער שרײַבער, [illegible] פֿאַר די גרונט=אײַגנשאַפֿטן פֿון דער [illegible] קאַסטע [illegible] וואָס: [illegible] אין [illegible]; [illegible]; [illegible] [illegible]; [illegible]. אין [illegible] דעסט [illegible] אַז [illegible] די [illegible] פֿון [illegible] און [illegible] קאַפּי-טאַליסטישע לענדער. מיר זאָגן נאָך אַמאָל, אַז די העכערע באַאַמטע ווערן רעקרוטירט [illegible] פֿון די גרויס-בורזשואַזיע און פֿון די [illegible] פּריוויש [illegible] קרייזן. אין [illegible] קען עס ניט זיין אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וואו די בורזשואַזיע שטייט בײַ דער מאַכט.)

אין ראַטן רוסלאַנד איז די מאַסן ניט נאָר זיי קלײַבן (אין קלײַבן דערבײַ ניט נאָר פּאַרטיקולער [illegible] אַקאַט, נאָר אײגענע מענטשן), נאָר נעמען אויך אַנטייל אין דער פֿאַרוואַלטונג, ווײַל אין די דאָזיקע פֿאַרוואַלטונג זײַנען אַרײַנגעצויגן סײַ די ראַטן סײַ צענדליקער אַנדערע טאַקן אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

וואָס איז שייך די ראַטן גופֿא, זײַנען אַפֿילו די וואַלן אין זיי אַזוי אײַנ-געאָרדנט, אַז ס'זאָל זײַן אַ צוזאַמענבונד מיט די מאַסן. ווײַל די וואַלן אין די ראַטן קומען פֿאָר ניט לויט די ק ר י י ז ן, נאָר לויט די אַרבעט-פּונקטן (אין די פֿאַבריקן, זאַוואָדן וכדומה) אָרער, ווי מע זאָגט לויט „די פּראָדוקציע=אײַנ-

הייסן", מענטשן, וואס זיינען באהעפט דורך זייער געמיינשאפטלעכער ארבעט, קלייבן אויס זייערע פארטרויטע פערזאָנען, זייערע „דעפוטאטן".

אָט אזוי פארווירקליכט די ראטן מאכט אַ טויזנט מאָל העכערע, א מער פּאָלקסטימלעכע פאָרם פון דעמאָקראַטיע, די פּראָלעטארישע דע-מאָקראַטיע.

אין וואס באַשטייט די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער פּארטיי? דער אלגעמיינער וועג איז קלאָר: דאָס איז דער וועג פון פארווירקליכן אין אלץ א גרעסערער מאָס די פּראָלעטארישע דעמאָקראַטיע. דער וועג פון וואָס מער דערנעהענטערן די ארבעטנדיקע מאסן צו דער ראטן מאַכט (די דעפוטאטן, די אויסגעקליבענע און א. וו.) צו די מאסן; דער וועג פון צוציהען אלץ ברייטערע מאסן צום דירעקטן אנטייל אין דער פארוואלטונג; לסוף, דער וועג פון איינשטעלן דעם קאָנטראָל פון מיליאָנען אויגן איבער זייערע דעפוטאטן און זייער ארבעט. עס דארף וואָס ברייטער דורכגעפירט ווערן די פאראנטוואָרטלעכקייט און דאָס אָפּגעבן אַ דין וחשבון מצד די באאמטע.

עס פאָדערט זיך אַ קאָלאָסאַלע ארבעט כדי צו לייזן אָט די אלע אויפגאבן. דאָ שטויסט מען זיך אָן אויף א סך פּראקטישע מניעות. אָט די אלע מניעות מוז מען נובר זיין און דערגרייכן א פולשטענדיקע און א קאָמפּאקטע איינהייט צווישן דעם מלוכה-אפּאראט און די אקטיווע, דעם קאָמוניזם בויענדיקע מאסן פונם פּראָלעטאריאט און פון דער דאָרפישער ארעמשאפט.

§ 52. די ארמיי און די ראטן מאכט. די פּראָלעטארישע דעמאָקראַטיע האט, ווי יעדע אנדערע מלוכה-מאכט, אירע באוואפנטע כוחות, איר ארמיי און איר פלאט. אין א בורזשואזי-דעמאָקראטישער מלוכה דינט די ארמיי פאר א מיטל צו דערשטיקן דעם ארבעטער קלאס און צו פארטיידיקן די בורזשואזע קעשענע. די פּראָלעטארישע ארמיי, די רויטע ארמיי פון דער ראטן רעפּובליק, דינט די קלאסן צילן פונם פּראָלעטאריאט און דעם קאמף קעגן דער בורזשואזיע. דעריבער איז פאראן א טיפער אונטערשייד צווישן דער לאגע גופא און די פּאָליטישע רעכט פון דער בורזשואזער און דער פּראָלעטארישער ארמיי. די בורזשואזיע איז געצוואונגען צו זאגן א ליגן, אז זי האלט איר ארמיי „אויסער פּאָליטיק". אין דער אמתן מאכט זי זי פאר א געווער פון איר רויבערישער און קאנטער-רעוואלוציאנערער פּאָליטיק אונטער דעם שלייער פון פארטיידיקן די „אלנאציאנאלע אינטערעסן". זי טוט אלץ וואס ס'איז נאר מעגליך, כדי אפּצוזונדערן די ארמיי פונם פאָלק, אויף טויזנטערליי אופנים נעמט זי אפּ בא די סאלדאטן די מעגלעכקייט צו פארווירקליכן זייערע פּאָליטישע רעכט. גאר אנדערש איז עס אין דער ראטן רעפּובליק. דא דערקלערט, ערשטנס, דער פּראָלעטאריאט אפן, אז אונזער ארמיי איז א געווער פון פּאָליטישן קלאסנקאמף קעגן דער בורזשואזיע. דא העלפט, צווייטנס, די מלוכה מיט אלע מיטלען מיט, אז די ארמיי זאל זיך צונויפגיסן מיטן פאָלק; די ארבעטער און די רויטארמייער זייבען צונויפגעגאסן אין זייערע ראטן (זיי-

רופן זיך טאַקע אָן „ראַטן פון אַרבעטער און רויטאַרמייאישע רעפּוטאַטן"), די
אַרבעטער און די רויטאַרמייער לערנען זיך אין איינע און די זעלביקע שולן,
קורסן, זיצן צוזאַמען אויף מיטינגען, נעמען אָנטייל אין דעמאָנסטראַציעס
מיט איינמאָל האָבן די אַרבעטער אונטערגעטראָגן קאַמף-פּאַנעס די רויטאַרמייער
און די רויטאַרמייער די אַרבעטער. אין אַ ראַטן מלוכה, וואָס שטעלט מיט זיך
פאָר ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ גרויסע רעפּובליק פון אַרבעטעדיקע, קען נאָר
דאַן זיין ערפאָלגרייך דער קאַמף מיט די שונאים, ווען ס'איז געזיכערט די
איינקייט פון דער רויטער אַרמיי מיטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער קלאַס.

וואָס מער דער אַרבעטער קלאַס וועט זיין צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער
אַרמיי, און די אַרמיי מיטן אַרבעטער קלאַס, אַלץ פעסטער וועט זיין אונזער
מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע קראַפט. אין, ט'פאַרשטייט זיך, אז אונזער פּאַרטיי
דאַרף באַזונדער שטיצן, באַפעסטיקן און אונטערהאַלטן דעם דאָזיקן צוזאַמע-
בונד. די פּראַקטיק האָט שוין באַוויזן, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף דער
אַרמיי דער צוזאַמענבונד מיט די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז גענוג
זיך נאָר צו דערמאָנען דעם ווידערשטאַנד, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן קאָל-
טשאַקן זומער 1919-טן יאָר, און דעניקינען — האַרבסט דעמועלביקן יאָר. די
דאָזיקע נצחונות האָבן געקענט אָפּגעהאַלטן ווערן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דער
אַרמיי האָבן געהאָלפן, אַדאַנק דעם, וואָס ס'האָבן זיך דערנעהענטערט צו איר
ס'האָבן זיך אין איר אַריינגעגאָסן חברים — אַרבעטער פון דער פּאַרטיי, פון
די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער פּאַראיינען און א. וו. און די רויטע אַרמיי פונ
פּראָלעטאַריאַט איז דעריבער באמת, און ניט אויפן וואָרט, די ערשטע פאָלקס-
אַרמיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן ווילן פון די אַרבעטעדיקע, וואָס איז
דורך זיי אָרגאַניזירט געוואָרן, וואָס געפינט זיך מיט זיי אין אַ שטענדיקן צו-
זאַמענבונד און וואָס פאַרוואַלטעט מיטן לאַנד דורך אירע פאָרשטייער אין די
ראַטן, זי איז ניט עפּעס קיין באַזונדערע זאַך, נאָר דער זעלביקער אַרבעטער
קלאַס און דאָרפישע אָרעמשאַפט, וואָס ניים אונטערן אָנפיר פונם אַרבעטער
קלאַס. זי לעבט צוזאַמען מיט די אַרבעטעדיקע אין איין טייל. אונאויפהערליך צו
באַפעסטיקן דעם דאָזיקן צוזאַמענבונד — דאָס איז די אומבאַדינגטע אויפגאַבע
פון אונזער פּאַרטיי.

§ 53. די אָנפירעדיקע ראָלע פונם פּראָלעטאַריאַט, אין אונזער

רעוואָלוציע, וואָס איז א קאָמוניסטישע רעוואָלוציע, שפּילט די הויפּט-ראָלע
די ראָלע פון אַ פירער, דער פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט איז דער
סאַמע באַהעפטער און אָרגאַניזירטער קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינ-
ציקער קלאַס, אין וועלכן זיינע לעבן-באַדינגונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער
געזעלשאַפט האָבן דערצויגן ריכטיקע קאָמוניסטישע אָנשויאונגען, האָבן אָנגע-
וויזן א ריכטיקן צוועק און ריכטיקע וועגן, וואָס פירן צו דעם דאָזיקן צוועק.
דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן
דער אָנפירער און דער פירער פון דער גאַנצער רעוואָלוציע. דאָס פּויערטום

(די כערעדניאקעס און טיילווייז אויך די ארעמשאפט) האט זיך ניט איינמאל געוואקלט און שטענדיק פלעגט עס האבן אן ערפאלג נאר דאן, ווען עס פלעגט גיין נאכן פראלעטאריאט. און, פארקערט, ווען עס פלעגט גיין קעגן אים, פלעגט עס אומפארמיידלעך ארויספאלן אונטערן יאך פון א האר ניט אין דעני־קין, קאלטשאק, אדער פון אן אנדער פריץ, קאפיטאליסט און גענעראל.

אט די אנפירנדיקע ראלע, אט די אנפירנדיקע באטייטונג פונם פרא־לעטאריאט האט זיך אפגעשפיגלט אויך אין אונזער ראטן קאנסטיטוציע. ווייל אונזערע געזעצן געבן דעם פראלעטאריאט אייניקע פריווילעגיעס בנוגע צו די פאליטישע רעכט. די ראטן צונויפפארן, למשל, ווערן צונויפגערופן אויף אזא אופן, אז די ארבעטער אין די שטעט האבן אויף איינע און די זעלביקע צאל מענטשן א גרעסערע צאל דעלעגאטן, איידער די פויערים.

(אט זיינען די אנטשפרעכנדיקע פאראגראפן פון דער קאנסטיטוציע.

דער אלרוסלענדישער ראטן־צונויפפאר ווערט צונויפגעשטעלט פון די פארשטייער פון די שטאטישע ראטן צו איין דעפוטאט אויף 25 טויזנט וויילער, און פון די פארשטייער פון די גובערניאלע ראטן צונויפפארן — צו איין דע־פוטאט אויף 25 טויזנט איינוואוינער (אפטייל III, קאפ. VI, פונקט 25).

די ראטן־צונויפפארן ווערן צונויפגעשטעלט אויף אזא אופן:

א) די געגנט־צונויפפארן — פון די פארשטייער פון די שטאטישע ראטן און פון די אויעזדנע ראטן־צונויפפארן — צו איין דעפוטאט אויף 25 טויזנט איינוואוינער, און פון די שטעט — צו איין דעפוטאט אויף 5 טויזנט וויילער, נאר ניט מער ווי 500 דעלעגאטן פארן גאנצן געגנט, — אדער פון די פאר־שטייער פון די גובערניאלע ראטן־צונויפפארן, וואס ווערן אויסגעקליבן לויט דערזעלביקער נארמע, אין פאל ווען דער דאזיקער צונויפפאר קומט פאר סאמע פארן געגנט ראטן צונויפפאר.

ב) די גובערניאלע (קרייזן) צונויפפארן — פון פארשטייער פון די שטא־טישע ראטן און פון די וואלאסט ראטן־צונויפפארן צו איין דעפוטאט אויף 10 טויזנט איינוואוינער, און פון די שטעט — צו איין דעפוטאט אויף 2 טויזנט וויילער, נאר ניט מער ווי 300 דעפוטאטן אויף די גאנצע גובערניע (קרייז); אין פאל אבער ווען כאמע פארן גובערניאלן צונויפפאר ווערט צונויפגערופן א יעזדנע ראטן־צונויפפאר, ווערן די דעלעגאטן אויסגעקליבן לויט דערזעל־ביקער נארמע ניט דורך די וואלאסטן, נאר דורך דעם אויעזדנעם ראטן־צונויפפאר.

אמת, אין די שטעט קלייבט מען דעפוטאטן לויט דער צאל וויילער, און אין די דערפער — לויט דער צאל איינוואוינער, (וואוהין מע רעכנט אריין ניט נאר די ארבעטנדיקע, נאר אויך די קולאקעס, די גלחים, די לאנדווירטשאפטלעכע בורזשואזיע א. א. וו., און אויך די קינדער, וועלכע האבן ניט קיין וואלרעכט), הייסט עס, אז די פריווילעגיעס פון די שטאטישע

ארבעטער זיינען אין פארגלייך מיט די פויערים גאר ניט אזיינע גרויסע, ווי סע האט זיך איינגערעדט קודם. נאר אזעלכע פריווילעגיעס זיינען אן שום ספק נויטיק).

די דאזיקע פריווילעגיע, וואס איז פארפעסטיקט אין דער קאנסטיטוציע, האט אפגעשפיגלט נאר דעם, וואס ס'איז געווען אין לעבן גופא. ווייל דער אינדוסטריעלער אין די שטעט פראלעטאריאט האט געפירט נאך זיך די צע־בראקענע דארפישע מאסע.

די אייגנארט פון אונזער פארטיי באשטייט אין דעם, אז מע זאל דער־קלערן קודם כל דעם ווירקלעכן כאראקטער פון די דאזיקע פריווילעגיעס. אויך וויל די מער אנגעשטעלטע דארפישע מאסן וועלן אויפגעקלערט ווערן, נאכדעם ווי זיי וועלן זיך אין דער פראקטיק איבערצייגן אין דעם, אז די אר־בעטער ליניע איז א ריכטיקע און איז אויסגעצייכנט געשאפן פאר זיי, ווען זיי וועלן דערזעען, אז זייער הילף איז ניט מיט דער בורזשואזיע, נאר דוקא מיטן פראלעטאריאט, דאן, פארשטייט זיך, וועט פארשווינדן ווערן די דאזיקע אומ־גלייכקייט: אין לעבן גופא וועט שוין מער ניט זיין די דאזיקע אומגלייכקייט.

דער חוב פון אונזער פארטיי איז אויסצונוצן די פריווילעגיעס פונם פראלעטאריאט אויף אזא אופן, אז זי זאל האבן דאנק דעם א גרעסערע ווירקונג אויפן דארף, צוזאמענבינדיק די פראגרעסיווע ארבעטער מיט די פויערים. כדי רעוואלוציאנער אויפצוקלערן די דארפישע ארעמשאפט, ניט צוליב דעם ווערן די דאזיקע פריווילעגיעס איינגעהאלטן פארן פראלעטאריאט, כדי ער זאל זיך איינשליסן אין זיך און זאל זיך אפזונדערן פון דארף. נאר, פארקערט, צוליב דעם, כדי אויסנוצנדיק זיי, האבנדיק א גרעסערע דעה אין די ראטן און אין דער מלוכישער פארוואלטונג מיטן לאנד זאל דער ארבע־טער קלאס זיך נעהענטער צוזאמענקומען מיטן דארף און זאל מיטהעלפן דער חברשער פאראייניקונג פונם פראלעטאריאט מיט די סערעדניאקעס און מיט דער ארעמשאפט און זאל זי ארויסרייסן פון אונטער דער ווירקונג פון די קו־לאקעס, גבירים, געוועזענע פריצים.

§ 59. די ביוראקראטיע און די ראטן מאכט. די ראטן מאכט האט זיך ארגאניזירט, ווי א מאכט פון א נייעם קלאס, פונם פראלעטאריאט, אויף די חורבות פון דער אלטער בורזשואזער מאכט. איידער דער פראלע־טאריאט האט ארגאניזירט זיין אייגענע מאכט, האט ער צעשטערט די פרעמדע מאכט פון זיינע קעגנער. מיט דער הילף פון דער ראטן מאכט פלעגט ער דערשלאגן און צעשטערן די רעשטן פון דער אלטער מלוכה. אזוי האט דער פראלעטאריאט צעשטערט די אלטע פאליציי, די רעשטן פון דער אכראנקע, די זשאנדארמעריע, דעם צאריש־בורזשואזן געריכט מיט זיינע פראקוראָרן און אדוואקאטן; זי האט ווי מיט א בעזים אויסגעקערט אן א סוף אלטע

קאָנצעלאַריעס, האָט פאַרניכטעט די בורזשואַזע מיניסטעריומס מיט זייערע באַ־
אַמטע און א. וו. וואָס פאַרא צוועקן האָט דער פּראָלעטאַריאַט געהאַט דערביי?
און אין וואָס באַשטייט די אַלגעמיינע אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי? וועגן
דעם האָבן מיר גערעדט פריער, איינס ערשטן טייל פונם בוך. די אויפגאַבע
באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן אויפן אָרט פונם אַלטן באַאַמטנטום אַוועק־
שטעלן די מאַסן גופא; מיר זאָלן מאַכן אַזוי, אַז אַ ל ע אַרבעטנדיקע זאָלן
זיך נעמען פאַר דער פאַרוואַלטונג־אַרבעט (אויף איינציקע שטעלעס איינער נאָך
דעם אַנדערן אויף אַ קורצע צייט, אויף אַנדערע — זיך בייטן נאָך אַ לייגגע־
רער צייט), נאָר אויף אָט די וועגן האָבן מיר געטראָפן אַ ריי גאַנץ גרויסע
שוועריקייטן.

ערשטנס: די ניט גענוגע אנטוויקלונג, די פינסטערקייט, די מורא פון
די אָפּגעשטאַנענע שיכטן אין שטאָט, און נאָך מער אין דאָרף. אַקטיווע, באַ־
וועגליכע, דרייסטע, אַזעלכע, וואָס קלייבן זיך פולשטענדיק פאַנאַנדער, „פּערע־
דאָוויקעס" איז פאַראַן אַ לפי ערך דינער שיכט. די איבעריקע הויבן ערשט
אָן צוצוקומען, נאָר ס'איז אויך פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך מורא
צו נעמען זיך פאַר דער אַרבעט, אַ סך ווייסן נאָך ניט זייערע אייגענע רעכט
און פילן זיך נאָך ניט ווי באַלעבאַטים פונם לאַנד. און דאָס איז גאָר קיין
וואונדער ניט. די אין אַ משך פון דורות נידערגעשלאָגענע און אונטערדריקטע
מאַסן קענען ניט אינגאַנצן מיט אַמאָל איבערגיין פון אַ האַלב ווילדן צושטאַנד
צו פאַרוואַלטן מיטן לאַנד. תחילת טרעט אַרויס דער ערשטער, דער מער אַנט־
וויקלטער שיכט: אַזעלכע זיינען, למשל, די פּעטערבורגער אַרבעטער; זיי
קען מען באַגעגענען אומעטום: אָפט זיינען זיי קאָמיסאַרן אין דער אַרמיי,
אַי אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אינדוסטריע, אַי „איספּאָלקאָם־מיטגלידער" אין
דאָרף, אַי פּראָפּאַגאַנדיסטן, אַי מיטגלידער פון די העכסטע ראַטן אַנשטאַלטן,
אַי לעקטאָרן, ביסלאַכווייז ווערט איבערגעאַרבעט אויך די איבעריקע מאַסע;
עס קומען צו נייע, זיי פאַרבייטן די אַלטע, זיי לערנען זיך ביסלאַכווייז אַליין,
נאָר ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער אַלגעמיינער נידעריקער קולטורע־
לער צושטאַנד איז דערביי אַ גרויסע מניעה.

צווייטנס: דאָס פעלן פון געוואוינהייטן אין פאַרוואַלטונג־ענינים. דאָס
איז שייך אפילו אויך די בעסטע חברים. דער אַרבעטער קלאַס האָט דאָך דאָס
ערשטע מאָל גענומען די מאַכט אין זיינע הענט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט
פאַרוואַלטעט און האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געלערנט פאַרוואַלטן. פאַרקערט,
אַי די צאַרישע רעגירונג, אין אַ משך פון פיל יאָרצענדליקע, אַי די ניט לאַנג־
דויעריקע רעגירונג פון גוטשקאָוו־קערענסקי האָבן מיט אַלע מיטלען געזען
ניט צולאָזן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער דאָזיקער אַרבעט. די בורזשואַזע און
די פריציש מלוכה איז דאָך געווען אַן אָרגאַניזאַציע ניט אויף צו דערציען,
נאָר אויף צו דערשטיקן די אַרבעטער. ס'פאַרשטייט זיך, אַז איצט, ווען דער
אַרבעטער קלאַס שטייט בא דער מאַכט, מאַכט ער גאַנץ אָפט פעלערן, לער־
נענדיק זיך אויף דער פּראַקטיק. אויף די דאָזיקע פעלערן לערנט ער זיך, נאָר
דאָך מאַכט ער זיי.

דריטנס: די בורזשואזע ספעציאַליסטן פונם אַלטן שטייגער. דער פּראָ-לעטאַריאַט איז געווען געצוואונגען נעמען זיי צו זיך אויף דינסט. ער האָט זיי אונטערטעניק געמאַכט, ער האָט זיי געצוואונגען אַרבעטן, ער האָט צובראָכן זייער סאַבאָטאַזש. און סוף כּל סוף וועט ער זיי ענדגילטיק איבער-מאַכן אויף זיין שטייגער. נאָר איידער וואָס טראָגן זיי אָפּט אַריין זייערע אַלטע געוואוינהייטן און מעטאָדן: זיי קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די מאַסע, זיי פירן זייער ליניע, מאַכן אין אַ סך מאָל שטאַרקער דעם קאַנצעלאַריזם. די פּאַרטיי-מענטשן און אַ. אַ. און שטעקן אָן מיט דעם אויך אונזערע מענטשן.

פערטנס: די בעסטע כוחות ווערן אָפּגעצויגן אין דער אַרמיי. אין די שווערסטע באַריבונגען פונם בירגער-קריג, ווען אין דער אַרמיי זיינען נויטיק באַזונדער זיכערע, ערליכע, דרייסטע קעמפער, קומט אויס צו שיקן פאַר פראָנט-אַרבעט געראָדע די בעסטע, די איינגענע מענטשן, און פאַרן טייל ווערט יעדערער דער שיכט פון אַלטע פּערעדאָוויקעס נאָך דינער.

אָט דאָס אַלץ מאַכט אומגעהויער שווער אונזער אַרבעט און העלפט מיט אין אַ געוויסער מאָס דער טיילווייזער אויפלעבונג פונם ביוראָקראַטיזם אינע-ווייניק אין דער ראַטן אָרדענונג. דאָס איז אַ גרויסע געפאַר פאַרן פּראָלע-טאַריאַט. ניט צוליב דעם האָט ער חרוב געמאַכט די אַלטע באַאַמטנטום-מלוכה, זי זאָל ווידער אויסוואַקסן פון אונטן. און אונזער פּאַרטיי דאַרף דעריבער שטרעבן אויסצומיידן די דאָזיקע געפאַר. אויסמיידן זי קען מען נאָר דורכן אַריינציען די מאַסן אין דער אַרבעט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט זאַך איז בכלל אויפצוהייבן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון דער אַרבעטער און פּויערים מאַסע, אויפקלערן זיי, זעהן, אַז ס'זאָל וואַקסן איר בילדונג. נאָר צו-זאַמען מיט דעם איז נויטיק אויך אַ גאַנצע רייע אַנדערע מיטלען. בתוכם רע-קאָמענדירט אונזער פּאַרטיי:

יעדער מיטגליד פונם ראַט מוז אומבאַדינגט צוגעצויגן ווערן צו דעם אַז ער זאָל אויספירן אַ וואָסער ניט איז אַ ר ב ע ט פון מלוכה-פאַרוואַלטונג. יעדער מיטגליד פונם ראַט דאַרף ניט נאָר באַטראַכטן אַלגעמיינע פראַגן. נאָר ער דאַרף אַליין שטיין בײַ אַ וואָסער ניט איז געזעלשאַפטליכן ענין, דאָס הייסט, ער דאַרף אַליין פאַרנעמען אַ וואָסער ניט איז געזעלשאַפטליכע שטעלע.

דער כסדרדיקער איבערבייט פון די דאָזיקע אַרבעטן. דאָס הייסט, אַז דער חבר מוז אין אַ באַשטימטע צייט אַרום איבערבייטן איין אַרבעט אויף אַ צווייטע און ביסלאַכווייס צוגעוואוינען זיך צו די וויכטיקסטע פאַרוואַלטונג-צווייגן. ער דאַרף ניט זיצן אין אַ משך פון יאָרן אויף איינעם און דעמזעל-ביקן אָרט; דאַן קען ער זיך נאָך אַליין פאַרוואַנדלען אין אַ באַאַמטן; ער מוז, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט איין אַרבעט, איבערגיין צו אַ צווייטער.

לסוף, רעקאָמענדירט די פּאַרטיי, ווי אַן אַלגעמיינע ריכטונג פון דער

ארבעט, אז ביסלאכווייס דארפן אין דער ארבעט פון פארוואלטן מיט דער מלוכה אריינגעצויגן ווערן די גאנצע ביז איינעם ארבעטעדיקע באפעלקערונג. אין דעם באשטייט, אייגנטליך, דער יסוד פון אונזער פאליטיק. אין דעם פרט זיינען שוין געמאכט געווארן אייניקע טריט. ווען, למשל, אין פעטערבורג האבן אין די זיבצנער בא דער בירזשואזיע אנטייל גענומען צענדליקער טויזנטער פראלעטאריער; אדער ווען די גאנצע בירגערליכע ארבעטער באפעלקערונג האט גענומען אויף זיך צו היטן די שטאט; אדער ווען פרויען-ארבעטערינס זיינען גענומען געווארן צו דינען אין דער מיליציע, כדי אומצוביטן די מאנסבילן. אדער, לאמיר זאגן, אין די ראטן קען מען אריינפירן העלפערס פון ניט מיטגלידער פונם ראט און זיי קוקן זיך צו צו דער ארבעט פונם איספאלקאם אדער פון די אפטיילונגען; דאס זעלבע קען מען איינשטעלן אויך אין די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן און אין די פאראייניגן, דורכלאזנדיק דורך זיי כסדר אלע ארבעטער. מיט אייןווארט, מיר דארפן אין דער אדער יענער פארם (אין וועלכע ס׳איז באקוועמער, דאס וועט ווייזן די פראקטיק) גיין ווייטער מיטן ווער פון דער פאריזער קאמונע. פאראייניקן די פארוואלטונג-זאך, צוציען צו איר די מאסן, פארניכטן יעדן ביוראקראטיזם, וואס ברייטער ס׳וועט זיין אט דער אנטייל פון די מאסן, אלץ גיכער וועט אפשטארבן די פראלעטארישע דיקטאטור. ווען אלע אן אויסנאם דערוואקסענע און געזונטע פארוואלטן, דאן פארשווינדן די לעצטע רעשטן פון וואסער ניט איז באאמטנטום. און דאס ציזאמען מיט דער פארשווינדונג פון דער אנטקעגנשטייענדיקער בורזשואזיע וועט מאכן א סוף צו יעדער מלוכה: מענטשן וועלן פארוואלטן ניט איבער מענטשן, נאר רק איבער זאכן; מאשינעס, בנינים, לאקאמאטיוון, אפאראטן. דאס וועט זיין א פולשטענדיקע קאמוניסטישע ארדענונג.

(דאס אפשטארבן פון דער מלוכה וועט גיין באזונדער גיך נאך דעם פולשטענדיקן נצחון איבער די אימפעריאליסטן. איצטער, אין א צייט פון אכזריותדיקן בירגער-קריג, קומט אונז אויס צו בויען אלע אונזערע א־גאניזאציעס אויפן מיליטערישן שטייגער. דעריבער האבן זיך אויך די ארגאנען פון דער ראטן מאכט אויף אזא אופן איבערגעבויט. אמאל איז אפילו קיין צייט ניטא אויפצוקלייבן די ראטן און ס׳איז כמעט א כלל געווארן, אז אלע פראגן ווערן געלייזט דורך די איספאלקאמען.

אזא דערשיינונג ווערט ארויסגערופן דורך דער מיליטערישער לאגע פון דער ראטן רעפובליק; בא אונז איז ניט פשוט א פראלעטארישע דיקטאטור, נאר א מיליטעריש-פראלעטארישע; די רעפובליק שטעלט מיט זיך פאר א באוואפנטן לאגער. ס׳פארשטייט זיך, אז ניט שטענדיק וועט אזוי זיין און אז דאס וועט פארשווינדן, ווי נאר ס׳וועט מער קיין

נויטיקייט ניט זיין אין א מיליטערישער איינאָרדענונג פון אלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס.

ליטעראַטור צום קאַפּיטל. נ. לענין (וו. איליאין) „מלוכה און רעוואָלוציע" (פּערזאָן און אידיש). נ. לענין, „צי וועלן די באָלשעוויקעס איינהאַלטן די מלוכה־מאַכט?". נ. אָסינסקי, א דעמאָקראַטישע רעפּובליק אָדער א ראַטן רעפּובליק?". נ. לענין, „טעזיסן וועגן א בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, אנגענומען אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל". נ. לענין, „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי". פּ. א. סטוטשקא, „די קאָנסטיטוציע פון דער ר. ס. פ. ר. ר. אין פראַגן און ענטפערן. גאַר פּאָפּולערע בראַשורן זייען אַט עלבע. בוכאַרין, „א פּאַרלאַמענטאַרישע אָדער א ראַטן רעפּובליק" (א באַזונדערער קאַפּיטל פון ער בוכאַרין). „די פּראָגראַם פון די קאָמוניסטן" (פּערזאָן און אידיש). קאַרפּינסקי, „וואָס איז אונזער ראַטן מאַכט" (פּערזאָן און אידיש). קאַרפּינסקי און לאַצים. „וואָס איז אונזער די ראַטן מאַכט און ווי אזוי ווערט זי געפירט".

קאפיטל VII.

די נאציאנאלע פראגע און דער קאמוניזם.

§55. די נאציאנאלע אונטערדריקונג. §56. די אויפגאבע פונם פראלעטאריאט. §57. די שיטות פון נאציאנאלן האס. §58. די פעלקער-גלייכבארעכטיקונג און דאס רעכט אויף זעלבסט-באשטימונג; די פעדעראציע. §59. ווער דריקט אויס „דעם ווילן פונם פאלק“. §60. אנטיסעמיטיזם און דער פראלעטאריאט.

§55. די נאציאנאלע אונטערדריקונג. איינער פון די אונטערדריקונג-מינים פון איין מענטשן דעם צווייטן איז די נאציאנאלע אונטערדריקונג. איינע פון די מחיצות, וואס טיילן פאנאנדער די מענטשהייט איז, א חוץ די קלאסן-מחיצות, די נאציאנאלע צעטיילונג, די נאציאנאלע שנאה און האס.

איינער פון די מיטלען צו פארפירן דעם פראלעטאריאט און פארטונקלען זיין קלאסנבאוואוסטזיין איז די נאציאנאלע העצעריי, מיט וועלכער די בורזשואזיע פירט קונציק אן אין אירע אינטערעסן.

לאמיר זיך פאנאנדערקלייבן, ווי אזוי דארף א באוואוסטזיניקער פראלעטאריער צוגיין צו דער נאציאנאלער פראגע און ווי אזוי דארף ער זי פארענטפערן אין די אינטערעסן פונם נצחון פונם קאמוניזם.

א נאציע אדער א פעלקערשאפט איז א גרופע מענטשן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט איין שפראך און פארנעמען א באשטימטע טעריטאריע, סיזיינען פאראן נאך אנדערע סימנים פון א פעלקערשאפט. נאר דאס זיינען די הויפט און די גרונט-סימנים.*)

וואס אזוינס איז נאציאנאלע אונטערדריקונג, איז בעסער פון אלץ צו דערקלערן מיט א ביישפיל: די צארישע רעגירונג האט גערודפט די אידן, האט זיי ניט געלאזט באזעצן זיך אין גאנץ רוסלאנד, האט זיי ניט צוגעלאזט אויף מלוכה-שטעלעס, האט באגרענעצט דאס אנקומען אין די שולן, פלעגט איינארדענען אידישע פאגראמען און אויך די זעלבע רעגירונג האט ניט געלאזט די אוקראינער לערנען די קינדער אין די שולן אויף דער אוקראינישער

*) די אידן, למשל, האבן אמאל געהאט אן אייגענע טעריטאריע און אן אייגענע שפראך; איצט האבן זיי ניט קיין טעריטאריע און ניט אלע אידן קענען העברעאיש. די ציגיינער האבן אן אייגענע שפראך, נאר זיי האבן ניט קיין באשטימטע טעריטאריע. די איינגעזעסענע טונגוסן אין סיביר האבן א טעריטאריע, נאר זיי האבן פארגעסן זייער שפראך.

שפראך, זי האט פארבאטן ארויסצוגעבן צייטונגען אויף דער אייגענער שפראך, און קיין איין פאלק אין דער מלוכה האט זי ניט דערלאזט פריי באשליסן, צי וויל אט דאס פאלק אריינגיין אין דער רוסישער מלוכה, צי וויל עס ניט.

די דייטשישע רעגירונג פלעגט פארמאכן פוילישע שולן, די עסטרייכישע האט גערודפט די טשעכישע שפראך און האט מיט געוואלט אנגעבונדן די טשעכן די דייטשישע שפראך, די איינגלישע רעגירונג האט חוזק געמאכט און מאכט נאך עד היום חוזק איבער די תושבים פון אפריקע און אזיען, מאכט אונטערטעניק די אפגעשטאנענע האלב ווילדע פעלקער, בארויבט זיי און שיסט זיי פאר די פרובן צו באפרייען זיך פון אונטער דעם יאך.

מיט איין ווארט, ווען אין א מלוכה האט איין פאלק אלע רעכט, און דאס צווייטע נאר א טייל פון די דאזיקע רעכט, ווען איין נאציע, א שוואכערע, איז מיט געוואלט צוגעטייקט צו דער שטארקערער און מצבינדט איר קען איר ווילן אן א פרעמדע שפראך, פרעמדע מנהגים און אזוי ווייטער און מע לאזט איר ניט לעבן איר אייגענעם לעבן, אט דאס איז נאציאנאלע אונטערדריקונג און נאציאנאלע אומגלייכקייט.

§ 56. די אייניקייט פונם פראלעטאריאט. קודם כל דארפן מיר אויפקשטעלן און פארענטפערן די הויפט און גרונט־פראגע: צי איז פאר דעם רוסישן ארבעטער א שונא דער דייטש, פראנצויז, איינגלענדער, איד, כינעזער, טאטער אומאפהייניגיק פון דעם, צו וועלכן קלאס ער געהערט? צי קען ער פארהאסן אדער באציען זיך מיט אומצוטרוי צו א פאבריקאנט פון אן אנדער פאלק נאר דערפאר, וואס ער רעדט אויף אן אנדער שפראך, וואס בא אים איז די הויט א שווארצע אדער א געלע, וואס בא אים זיינען אנדערע מנהגים און מדות? ס'איז קלאר, אז ער קען ניט און דארף ניט. דער ארבעטער פון דייטשלאנד, דער ארבעטער פון פראנקרייך, דער ארבעטער נעגער איז פונקט אזא פראלעטאריער ווי דער רוסישער ארבעטער, אויף וואספארער שפראך ס'זאלן ניט רעדן די ארבעטער פון פארשידענע לענדער. באשטייט דער עצם תוך פון זייער לאגע אין דעם, וואס זיי אלע ווערן עקספלואטירט פון קאפיטאל, וואס זיי אלע זיינען חברים לויט זייער ארעמקייט, אונטערדריקונג און רעכטלאזיקייט.

צי קען א רוסישער ארבעטער מער ליב האבן זיין קאפיטאליסט נאר דערפאר, וואס ער זידלט אים מיט עכט רוסישע ווערטער, וואס ער גיט אים אין די ציינער אויפן רוסישן שטייגער, וואס ער שמייסט די שטרייקער מיט אן אמתער רוסישער נאגאיקע? ס'פארשטייט זיך אז ניט, פונקט ווי דער דייטשישער ארבעטער קען ניט מער ליב האבן זיין קאפיטאליסט דערפאר, וואס ער מאכט פון אים חוזק אין דייטש און אויפן דייטשישן שטייגער. די ארבעטער פון אלע לענדער זיינען קלאסן־ברידער און שונאים פון די קאפיטאליסטן פון אלע לענדער.

דאס זעלביקע קען מען אויך זאגן וועגן דער דארפישער ארעמשאפט פון אלע פעלקער. דעם רוסישן פויער, דעם ארעמאן און דעם סערעדניאק — אין

אסך נעהענטער און טייערער דער אונגאַרישער האלב פּראָלעטאַריער, דער פּויער-אָרימאַן פון סיציליען און בעלגיען, איידער זיין אייגענער רוסישער גביר-קולאַק, און פאַרשטייט זיך שוין איידער דער עכט רוסישער פּריץ-הויט-שינדער ווי א שטייגער פּורישקעוויטש אדער מאַרקאָוו.

נאר די ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט דאַרפן ניט נאָר קוקן אויף זיך ווי אויף קלאַסן-ברידער, ווי אויף ברידער לויט אונטערדריקונג און קנעכטשאפט. עס וואָלט גאַנץ שלעכט געווען, אויב זיי וואָלטן נאָר געזידלט זייערע קאַפּיטאַליסטן איטליכער אויף זיין שפּראַך, אויב זיי וואָלטן נאָר אָפּ-געווישט איינער דעם צווייטן די טרערן און וואלטן געפירט א קאַמף מיט זייערע שונאים נאר פאר זיך און נאָר אין דער אייגענער מלוכה. ברידער לויט אונטערדריקונג און קנעכטשאפט דאַרפן ווערן אויך ברידער לויט אַן אַלוועלטליכן פאַרבאנד צו קעמפן מיטן קאַפּיטאַל. זיי מוזן פאַרגעסן אַן אלע נאציאָנאַלע אינטערשיידן, וואס שטייען אויף זייער וועג, און מוזן זיך פאַר-אייניקן אין איין מעכטיקן פאַרבאַנד צוליב א געמיינזאַמען קאַמף מיטן קאַפּי-טאַל. נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך פאראייניקן אין אַזאַ אינטערנאַציאָנאלן פאַרבאַנד, קענען זיי מנצח זיין דעם וועלט-קאַפּיטאָל. דעריבער האָבן נאָך מער ווי מיט זיבעציק יאָר צוריק די גרינדער פון קאָמוניזם, מאַרקס און ענ-געלס, ארויסגעשטעלט אין זייער בארימטן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ דעם גרויסן לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער, פאַראייניקט זיך!“.

דער ארבעטער קלאַס מוז גובר זיין אלערליי נאציאָנאַלע אבערגלויבנס און פיינדשאפט ניט נאר כדי פאָרצונעמען אן אלוועלטליכן דראַנג אויפן קאַפּי-טאָל און כדי אים פולשטענדיק מנצח צו זיין, נאָר אויך כדי צו אָרגאַניזירן אן איינהייטליכע וועלט-ווירטשאַפט. ניט נאר דאס ראטן-רוסלאנד קען ניט לעבן אָן דאָנער קוילן, אָן באָקוער נאַפט אָן טורקעסטאַנער באָוול, נאָר גאנץ אייראָפּע קען זיך ניט באַגיין אָן דעם רוסישן האלץ, קאַנאַביס, ליין, פלאַטינע און אמעריקאנער ברויט, איטאַליע—אָן איינגלישן קוילן איינגלאנד — אָן עגיפּ-טישן באַוול און א. וו. די בורזשואַזיע איז ניט געווען בכוח צו אַרגאַניזירן די וועלט ווירטשאפט און דא האט זי געבראכן האלז און נאַקן, אַזא ווירטשאפט קען נאר דער פּראָלעטאַריאַט אויפשטעלן, און דערצו מוז ער פּראָקלאַמירן דעם לאָזונג: די גאנצע וועלט, אלע אירע רייכקייטן געהערן דער גאנצער אר-בעטס-וועלט. נאר אזא לאָזונג באַטייט א פולשטענדיקן אָפּזאָג מצד די דייטשי-שע ארבעטער פון זייערע נאציאָנאַלע רייכקייטן, מצד די איינגלישע — פון זייערע און א. וו. אויב די נאציאנאלע אבערגלויבנס און די נאציאָנאלע זשעדנעקייט וועט זיין א מניעה אויפן וועג צו אינטערנאציאנאליזירן די אינ-דוסטריע און די לאַנדווירטשאפט, איז נידער מיט זיי אומעטום און דורכאויס, אונטער וואס פאַר א שלייערס זיי זאָלן ניט ארויסטרעטן!

§ 57. די סיבה פון נאַציאָנאלן האַס. נאר פאר קאַמוניסטן איז נאָך ניט גענוג דאס, וואס זיי דערקלערן א מלחמה דער נאציאנאלער אונטער-דריקונג און די נאציאנאלע אבערגלויבנס און פּראָקלאַמירן א אינטערנאציאָנאלע

פאראייניקונג אינם קאמף מיטן קאפיטאל און אן אלוועלטליכן ווירטשאפט-פאר-באנד פונם זיגרייכן פראלעטאריאט. מען מוז אויסגעפינען א וועג כדי וואס גיכער גובר צו זיין איטליכן נאציאנאלן שאוויניזם און עגאאיזם, נאציאנאלע שעמפקייט און זעלבסמיינונג. נאציאנאלן אומצוטרוי בא די ארבעטנדיקע מאסן, און אט די ירושה פונם היהשן פעריאד פונם מענטשנס לעבן און פון דער היהשער נאציאנאלער העצעריי פון דער פעאדאל-בורזשואזער תקופה הייגעגן נאך עד היום ווי א שווערער בארג אויפן האלז פונם אלוועלטליכן פראלעטאריאט.

די נאציאנאלע אפגעזונדערקייט און שנאה פירן זייער אפשטאמונג פון נאך גאר אמאליקע צייטן. ס'איז געווען א צייט ווען באזונדערע שבטים פלעגן ניט נאר פירן מלחמה איינער מיטן צווייטן פאר ערד און וועלדער, נאר פלעגן אויך פשוט אויפפרעסן; מענטשן פון א פרעמדן שבט. רעשטן פון אט דעם היהשן אומצוטרוי און שנאה פון איין פאלק צום צווייטן, און נאך מער פון איין ראסע צו דער צווייטער, לעבן נאך עד היום צווישן די ארבעטער און פויערים פון אלע לענדער. אט די רעשטן פון שבט-שנאה שטארבן ביסלאכווייס אפ מיט דער אנטוויקלונג פונם וועלט-אויסטויש, מיט דער עקאנאמישער דערנעהנטע-רונג, איבערוואנדערונג און אויסמישונג פון פארשיידענע פעלקערשאפטן, וואס פאלן אריין אויף איין טעריטאריע בפרט אויבן באדן פון געמיינזאמען קלאסנ-קאמף פון די ארבעטער פון פארשיידענע לענדער. נאר די זעלביקע רעשטן פון נאציאנאלער שנאה ניט נאר זיי ווערן ניט קלענער, נאר פלאקערן אויף מיט א נייער קראפט, ווען צו דער נאציאנאלער שנאה קומט נאך צו דער קעגנ-זאץ פון קלאסן-אינטערעסן, אדער עפעס א כמו אזא קעגנזאץ.

די בורזשואזיע פון יעדן לאנד עקספלואטירט און אונטערדריקט איר פראלעטאריאט, נאר זי וועגדעט אויך אן אלע מיטלען כדי צו דערווייזן איר פראלעטאריאט, אז ניט זי איז זיין שונא, נאר די אנדערע פעלקער, וואס זיינען ארום אים. די דייטשישע בורזשואזיע שרייט צו אירע ארבעטער: שלאג דעם פראנצויז, שלאג דעם איינגלענדער! די איינגלישע בורזשואזיע שרייט: שלאג דעם דייטש! די בורזשואזיע פון אלע לענדער הויבט אן, ביחוד די לעצטע צייט, צו שרייען: שלאג דעם אידן! דאס אלץ ווערט געטאן, כדי אראפצופירן דעם קלאסנקאמף פונם ארבעטער קלאס קעגן זיינע אונטערדרי-קער די קאפיטאליסטן אויפן וועג פון נאציאנאלן קאמף.

נאר כדי אפצוציען די ארבעטער פונם קאמף פארן סאציאליזם, באגענוגנט זיך ניט די בורזשואזיע רק מיט נאציאנאלער העצעריי, זי פרובט אויך מאטע-ריעל אים פאראינטערעסירן אין דער אונטערדריקונג פון אנדערע פעלקער, ווען די דייטשישע בורזשואז האבן אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט-מלחמה געשריען מיט אלע כוחות: „דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס" דער דייטשישער נאציאנאלער הימן, האבן די בורזשוואזע עקאנאמיסטן פון דייטשלאנד באמיעט זיך צו דערווייזן זייערע ארבעטער, אז זיי וועלן האבן א סך נוצן פון נצחון, דאס הייסט, פון אונטערדריקן און בארויבן די ארבע-טער פון די באזיגטע לענדער. פאר דער מלחמה האט די בורזשואזיע טאקע

אין דער אמתן אונטערגעקויפט די אויבערשטע שיכטן פונם ארבעטער קלאס מיט אירע רווחים, וואס זי האט באקומען פון בארויבן די קאלאניעס און פון אונטערדריקן די שוואכע און אפגעשטאנענע פעלקערשאפטן. די ארבעטער פון די פראגרעסיווע אייראפעיאישע לענדער, אין דער פערזאן פון זייער אמבעסטן באצאלטן טייל, האבן זיך אונטערגעגעבן אונטער דער פראוואקאציע פון די קאפיטאליסטן און האבן זיך געלאזן איבערצייגן דורך די סאציאל-פאטריאטן, אז זיי האבן אויך א פאטערלאנד, הגם באלד נאר זיי נעמען אנטייל אין בארויבן די קאלאניעס און די האלבאפהענגיקע פעלקער. דער ארבעטער, וועלכער ווייזט זיך ארויס ביים קאפיטאליזם, ווי א פאטריאט, יענער פארקויפט פאר א טאפ לינזן זיין אמת פאטערלאנד, דעם סאציאליזם, און פארוואנדלט זיך אין א דערשטיקער פון די אפגעשטאנענע און שוואכע פעלקער.

§ 58 די פעלקער-גלייכבארעכטיקונג און דאס רעכט אויף זעלבסטבאשטימונג; פעדעראציע. די קאמוניסטישע פארטיי, וואס דערקלערט אן אומבארמהערציקע מלחמה קעגן יעדער אונטערדריקונג פון איין מענטשן דעם צווייטן, זאגט זיך אויפן סאמע קאטעגארישן אופן ארויס קעגן נאציאנאלער אונטערדריקונג, וואס איז אומפארמיידלעך באַ דער עקזיסטענץ פון א בורזשואזער ארדענונג. נאך מער אנטשלאסן און אומבארמהערציק פירט זי א קאמף קעגן יעדן אנטייל פונם ארבעטער קלאס גופא אין דער דאזיקער אונטערדריקונג. באר ס׳איז נאך ניט גענוג, אז דער פראלעטאריאט פון די גרויסע און שטארקע מלוכות זאל זיך אפזאגן פון יעדן פרוב צו אונטערדריקן אנדערע פעלקער, וועלכע ס׳האט אונטערגעדריקט זיין בורזשואזיע, זיינע פריצים. ס׳איז אויך נויטיק, אז דער פראלעטאריאט פון די אונטערגעדריקטע פעלקער זאל ניט פילן קיין אומצוטרוי צו זיינע חברים פון די לענדער, וואס זיינען געווען לענדער אונטערדריקערס. ווען די דייטשישע בורזשואזיע פון עסטרייך האט אונטערגעדריקט טשעכיע, האט דער טשעכישער ארבעטער געהאלטן בכלל אלע דייטשן פאר זיינע אונטערדריקער. די פוילן האט אונטערגעדריקט אונזער צאריזם, נאר בא דער פוילישער באפעלקערונג איז געבליבן אן אומצוטרוי צו אלע רוסן, און ניט נאר צו די רוסישע קיסרים, פריצים און קאפיטאליסטן. כדי מיטן הארצן אויסצורייסן יעדן אומצוטרוי פון די ארבעטער פון די אונטערגעדריקטע פעלקער צו די ארבעטער פון די אונטערדריקעדיקע פעלקער, דארף מען ניט נאר פראקלאמירן, נאר אויך טאקע אין דער אמתן דורכפירן פולשטענדיקע נאציאנאלע גלייכקייט. די דאזיקע גלייכקייט דארף דורכגעפירט ווערן אין געביט פון גלייכבארעכטיקונג פון שפראך, שול, רעליגיע און א. וו. נאר דאס איז נאך ווייניק: דער פראלעטאריאט דארף זיין גרייט דורכצופירן א פולשטענדיקע נאציאנאלע זעלבסטבאשטימונג. דאס הייסט, ער דארף געבן דער ארבעטס-בעפעלקערונג פון יעדן פאלק די פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו באשליסן די פראגע, צי וויל דאס דאזיקע פאלק לעבן אין מלוכה-איינהייט מיטן צווייטן, צי וויל עס אריינטרעטן מיט אים אין אן איינגן פריי-ווילקן מלוכה-פארבאנד (פעדעראציע), אדער עס וויל זיך אינגאנצן אפטיילן.

לאזט אקארשט, וועט פרעגן דער לייענער, שוין זשע קען א קאמוניסט דערלאזן א צעטיילונג פון פעלקער? וואו־זשע וועט עס זיין מיט דער איינהייטליכער אלוועלטליכער פראלעטארישער מלוכה, צו וועלכער עס שטרעבן אלע קאמוניסטן? דא איז כלומרשט פאראן עפעס א סתירה.

קיין שום סתירה איז דא ניטא, וועלן מיר ענטפערן. טאקע צוליב דעם כדי וואס גיכער צו דערגרייכן די פולשטענדיקע איינהייט פון דער גאנצער ארבעטנדער וועלט קומט גאמאל אויס איינגיין אויף דעם, אז איין פאלק זאל זיך אויף א צייט אפטיילן פונם צווייטן.

לאמיר באטראכטן אלע פאלן וואס קענען דא פארקומען.

זאל זיין, אז אין באיערן, וואס גייט אריין אין פאראייניקטן דייטשלאנד, איז פראקלאמירט א ראטן־רעפובליק, און אין בערלין הערשט נאך אלץ די בורזשואזע דיקטאטור פון נאסקע און שיידעמאן. צי מעגן אין דעם פאל די באיערישע קאמוניסטן קעמפן פאר אומאפהענגיקייט פון באיערן? ניט נאר די באיערישע קאמוניסטן, נאר אויך די קאמוניסטן פונם איבעריקן דייטשלאנד דארפן באגריסן אזא אפטיילונג, ווייל דאס ראטישע אפטיילן זיך וועט הייסן אפטיילן זיך ניט פונם דייטשישן פראלעטאריאט, נאר פונם דרוק פון דער דייטשישער בורזשואזיע.

לאמיר נעמען פארקערט: אין גאנץ דייטשלאנד, א חוץ באיערן, איז פראקלאמירט די ראטן־מאכט, די בורזשואזיע פון באיערן איז פאר אפטיילן זיך פון דייטשלאנד, דער פראלעטאריאט פון באיערן איז פאר פאראייניקן זיך. ווי דארפן זיך האלטן די קאמוניסטן? ס'איז קלאר, אז די קאמוניסטן פון דייטשלאנד דארפן שטיצן די באיערישע ארבעטער און מיט געווער דערשטיקן די פרובן פון דער דייטשישער בורזשואזיע אפצוטיילן זיך. דאס וועט הייסן דערשטיקן ניט באיערן, נאר דערשטיקן די באיערישע בורזשואזיע.

זאל זיין, אז די ראטן־מאכט איז פראקלאמירט אי אין ענגלאנד, אי אין אירלאנד, דאס הייסט אי אין דעם אונטערדריקער, אי אין דעם אונטערגעדריקטן לאנד. זאל זיין ווייטער, אז די אירלענדער ארבעטער האבן ניט קיין צוטרוי צו די ארבעטער פון ענגלאנד, צו די ארבעטער פון א לאנד, וואס האט זיי אונטערגעדריקט אין א משך פון א סך יארהונדערטער. זאל זיין, אז זיי ווילן זיך פולשטענדיק אפטיילן פון ענגלאנד, אט דאס אפטיילן זיך איז שעדליך אין עקאנאמישן פרט, ווי אזוי דארפן זיך אין דעם פאל אויפפירן די ענגלישע קאמוניסטן? אויף קיין פאל ניט טארן זיי ניט מיט געוואַלט, דאס הייסט, פונקט אזוי ווי ס'האט געטאן די ענגלישע בורזשואזיע איינהאלטן אירלאנד. זיי דארפן איר געבן די פולשטענדיקע מעגליכקייט אפצוטיילן זיך. צוליב וואס? צוליב דעם, ערשטנס, כדי איינמאל פאר אלעמאל צו דערווייזן די אירלענדער ארבעטער, אז ניט זיי, נאר זייער בורזשואזיע האט אונטערגעדריקט אירלאנד און דורך דעם געווינען זייער צוטרוי. צוליב דעם, ווייטנס, כדי די אירלענדער ארבעטער זאלן זיך אויף דער פראקטיק איבערצייגן, אז פאר זיי לוינט ניט צו עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק ווי א קליינע מלוכה, [illegible]רי זאלן זיך אויף דער פראקטיק איבערצייגן, אז נאר אין אן איינער מלוכהשער

אוןווירטשאפטליכער איינהייט מיטן פראלעטארישן איינגלאנד און מיט די איבעריקע פראלעטארישע לענדער קען מען בעסער פאר אלץ איינארדענען די פראדוקציע.

זאל זיין ווייטער, אז א וואסער גיט איז פאלק מיט א בורזשואזער ארדענונג וויל זיך אפטיילן פון א פאלק מיט א פראלעטארישער ארדענונג און אז די מערהייט אדער אפילו א באטרעפליכער טייל פונם ארבעטער קלאס פון יענעם פאלק, וואס וויל זיך אפטיילן, איז פאר אפטיילן זיך. זאל זיין, אז ער טרויט נאך נים ניט נאר די קאפיטאליסטן, נאר אויך די ארבעטער פון יענעם לאנד, ווקמעס בורזשואזיע ס'האט אים אונטערגעדריקט. אין דעם פאל איז בעסער פאר אלץ צו געבן דעם פראלעטאריאט די מעגליכקייט צו בלייבן אויג אויף אויג מיט זיין בורזשואזיע. די זאל ניט קענען טענהן: ניט איך דריק דיך, נאר אט יענץ לאנד. דער ארבעטער קלאס וועט זיך גאנץ גיך איבערציגן, אז די בורזשואזיע איז פאר זעלבסשטענדיקייט, כדי זעלבסשטענדיק צעשינדן די הויט פון איר פראלעטאריאט. ער וועט זיך אויך איבערציגן, אז דער פראלעטאריאט פון דער שכנישער ראטן-מלוכה רופט אים אין פארבאנד ניט כדי אים צו עקספלואטירן, ניט כדי אים אונטערצודריקן, נאר כדי צוזאמען זיך צו באפרייען פון עקספלואטאציע און אונטערדריקונג.

בכן קענען די קאמוניסטן, וואס זיינען קעגן דעם, אז דער פראלעטאריאט פון איין לאנד זאל זיך אפטיילן פונם פראלעטאריאט פון א צווייטן לאנד, בפרט, ווען די דאזיקע לענדער זיינען צוזאמענגעבונדן עקאנאמיש, איינגיין אויף צייטווייליק אפטיילן זיך. אזוי לאזט די מוטער דעם קינד איינמאל זיך צורירן צום פייער, עס זאל זיך נים רייסן צו אים צען מאל.

§ 59. ווער דריקט אויס „דעם ווילן פונם פאלק“? די קאמוניסטישע פארטיי אנערקענט דאס רעכט פון פעלקער אויף זעלבסטבאשטימען זיך, אפילו איינגאנצן זיך אפצוטיילן. נאר זי האלט, אז דעם ווילן פונם פאלק דריקט אויס די ארבעטענדיקע מערהייט פונם פאלק און ניט זיין בורזשואזיע. דעריבער וואלט געווען ריכטיקער, ווען מיר זאגן, אז מיר אנערקענען ניט דאס רעכט פון פעלקער אויף זעלבסטבאשטימונג, נאר דאס רעכט פון דער ארבעטנדיקער מערהייט פונם פאלק. וואס איז נוגע דער בורזשואזיע, איז אפנעמענדיק בא איר אויף דער צייט פונם בירגער-קריג און פון דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט אלע בירגער-פרייהייטן, נעמען מיר בא איר אפ אויך דאס רעכט ארויסצוזאגן איר מיינונג אין דער נאציאנאלער פראגע.

ווי זשע וועט זיין מיטן רעכט אויף זעלבסטבאשטימען זיך און אויך אפטיילן זיך בא פעלקער, וואס שטייען אויף א זייער נידעריקער אדער אויף דער סאמע נידעריקסטער אנטוויקלונגס-שטופע? וואס-זשע וועט זיין מיט פעלקער, וואס האבן נאך ניט נאר קיין פראלעטאריאט, נאר האבן אויך נישט קיין בורזשואזיע אדער וואס הויבן ערשט אן צו אנטוויקלען זיך? לאמיר נעמען, למשל, אזעלכע פעלקער, ווי טונגוזן, קאלמיקן, בוריאטן, א סך פעלקער פון די קאלאניעס, וואס מען רופט מיט דעם נאמען פעלקער ... לאמיר זאגן, זיי וועלן פארלאנגען אפטיילן זיך אויף עפעס א קולטורעלע פעלקער אדער אפילו פון

פעלקער, וואס האבן פארווירקליכט דעם סאציאליזם? צי וועט עס ניט זיין א פארשטערקונג פון באַרבאַריזם אינמיטן חשבון פון ציוויליזאציע?

מיר מיינען, אז אויב דער סאציאליזם וועט פארווירקליכט ווערן אין די פראגרעסיווע לענדער פון דער וועלט, וועלן די אפגעשטאנענע און האלב ווילדע פעלקער גרינגער פון אלץ טאקע פרייוויליק אריינגיין אינם פעלקער-פארבאנד. די אימפעריאליסטישע בורזשואזיע, וואס האט גערויבערט די קאלאניעס און פלעגט זיי מיט געוואלט צווינגען צו זיך, האט וואס מורא צו האבן, אז די קאלאניעס וועלן זיך אפטיילן. דער פראלעטאריאט, וואס האט ניט בדעה צו בארויבן די קאלאניעס, קאן באקומען די אים נויטיקע רוי-מאטעריאלן פון די דאזיקע קאלאניעס דורך סחורות-אויסטויש, איבערלאזנדיק די תושבים און אפגעשטאנענע פעלקערשאפטן איינארדענען זייער לעבן אינגעווייניק אזוי, ווי זיי ווילן.

כדי צו מאכן א סוף מיט כל המינים פון נאציאנאלער אונטערדריקונג און אומגלייכקייט, שטעלט, בכן, די קאמוניסטישע פארטיי ארויס דעם לאזונג פון פעלקער-זעלבסטבאשטימונג.

דער פראלעטאריאט פון אלע לענדער וועט אויסנוצן דאס דאזיקע רעכט, כדי צו דערשלאגן דעם נאציאנאליזם און פרייוויליק אריינצוגיין אין פעדעראטיון פארבאנד.

און ווען א פעדעראטיווער פארבאנד וועט זיך ארויסווייזן פאר ניט גענוג אויף צו שאפן אן אלגעמיינע אלוועלטליכע ווירטשאפט און די גרעסטע פרייהייט וועט אין דער פראקטיק זיך איבערצייגן, אז דאס איז נאך ניט גענוג, דאן וועט געשאפן ווערן אן איינהייטליכע אלוועלטליכע סאציאליסטישע רעפובליק.

(אויב מיר זאלן זיך צוקוקן צו דעם, ווי אזוי די בורזשואזיע פלעגט שטעלן און פארענטפערן (אדער פארפלאנטערן, וואס ס׳פלעגט זיך אפטער טרעפן) די נאציאנאלע פראגע, וועלן מיר זעהן, אז בשעת זי איז געווען יונג פלעגט די בורזשואזיע פארענטפערן די נאציאנאלע פראגע אויף איין אופן, און בשעת זי איז אלט געווארן און האט אנגעהויבן צעפאלן ווערן, פארענטפערט זי גאר אנדערש די פראגע.

ווען די בורזשואזיע איז געווען אן אונטערדריקטער קלאס, ווען בא דער מאכט זיינען געשטאנען די פריצים בראש מיט א קיניג אדער א קיסר, ווען די קיסרים אדער קיניגן פלעגן געבן נדן זייערע טעכטער גאנצע פעלקער, דאן האט די בורזשואזיע ניט נאר געהאלטן שיינע רעדעס וועגן פעלקער-פרייהייט, נאר זי האט אויך געפרובט צו פארווירקליכן די דאזיקע פרייהייט, לכל הפחות, פאר איר אייגענעם פאלק. ווען איטאליע איז געווען אונטערגעווארפן אונטער דער עסטרייכישער מאנארכיע, איז, למשל, די איטאליענישע בורזשואזיע געשטאנען בראש פון דער באפרייאונג-באוועגונג פון איר לאנד און האט זיך דערשלאגן, אז איטאליע האט זיך באפרייט פון פרעמדער אונטערדריקונג און האט זיך פאראייניקט אין איין מלוכה. ווען דייטשלאנד איז

געווען צעבריקלט אויף צענדליקער קליינע מלוכות און נאַפּאָלעאָן האט זיי אַלעמען געטראָטן מיט זיינע פיס. דאן האט די דייטשישע בורזשואַזיע גע- שטרעבט צו פאַראייניקן דייטשלאַנד אין איין מלוכה און צו באפרייען זיך פון די פראַנצויזישע אונטערדריקער. ווען אויף פראַנקרייך, וואס האט אראָפּ- געוואָרפן די אליינהערשונג פון לודוויג דעם זעכצעטן, זיינען אנגעפאלן די מאָנאַרכיסטישע מלוכות פון גאנץ איירּאָפּע. דאן האט די ראַדיקאַלע פראנצוי- זישע בורזשואַזיע אנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג פון איר לאנד און האט געשאַפן דעם הימן „די מאַרסעליעזע". מיט איין ווארט, אומעטום איז די בור- זשואַזיע פון די אונטערגעדריקטע פעלקער געשטאנען בראש פון זייער באַ- פרייאונגס-קאַמף, האט געשאַפן די רייכסטע נאציאנאלע ליטעראטור, האט געגעבן די גלענצנדסטע שרייבער, קינסטלער, פּאָעטן, פילאָסאָפן. אזוי איז גע- ווען פריער, ווען די בורזשואַזיע איז אליין געווען אן אונטערגעדריקטער קלאַס.

פארוואס האט די בורזשואַזיע פון די אונטערגעדריקטע פעלקער גע- שטרעבט צו באפרייען זיי? אויב מע זאל לייענען אירע פּאָעטן און קינסטלער, אויב מע זאל זיי גלויבן, איז עס געווען דערפאר, ווייל זי איז קעגן יעדער נאַ- ציאנאלער אונטערדריקונג, ווייל זי האלט פאר פרייהייט און זעלבסטבאשטי- מונג פון יעדער, אפילו דער קלענסטער, פעלקערשאפט. אין דער אמתן האט די בורזשואַזיע בשעתו געשטרעבט צו באפרייען זיך פון דער פרעמדער אונ- טערדריקונג, כדי צו שאַפן אן אייגענע בורזשואַזע מלוכה, כדי אליין אָן קאָנקורענטן צו רויבן איר פאלק, כדי צוצונעמען פאר זיך דעם גאנצן מערווערט, וואס עס שאַפן די ארבעטער און ארבעטס-פויערים פונם געגעבע- נעם לאנד.

דאס דערהייבט די געשיכטע פון יעדן קאפּיטאליסטישן לאנד. ווען די בורזשואַזיע איז אונטערגעדריקט צוזאמען מיט איר אייגענעם פאלק, שרייט זי וועגן פעלקער-פרייהייט בכלל, וועגן דער ניט דערלאזבארקייט פון יעדער נאציאנאלער אונטערדריקונג. נאר גלייך ווי דער קאפּיטאליסטישער קלאַס באַ- קומט די מאכט אין די הענט ארויס די אויסלענדישע איינגעמער, זאלן עס זיין די אויסלענדישע פריצים אדער אויסלענדישע בורזשואַזיע, שטרעבט ער אליין צו דערטרעטן יענע שוואַכערע פעלקערשאפט, וועלכע עס לויבט נאר צו דער- שטיקן. די רעוואָלוציאָנערע פראנצויזישע בורזשואַזיע האט אין דער פּערזאָן פון דאנטאָן, ראָבעספּיערן, און די איבעריקע גרויסע טוער פון איר ער- שטער רעוואָלוציע גערופן אַלע פעלקער פון דער וועלט צו באפרייען זיך פון יעדער טיראַניע. די מאַרסעליעזע פון רוזשע דע ליל, וועלכע ס'האבן געזונגען די סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע, איז פארשטענדליך און נאָענט יעדן אונטער- געדריקטן פאלק. נאר אט די זעלבע פראנצויזישע בורזשואַזיע (הגם אין דער געשטאַלט פון אן אנדער שיכט איר) האט אונטער דער אנפירונג פון נאַפּאָ- לעאָן און אפילו אונטער די קלאַנגען פון דער זעלביקער מארסעליעזע גע- שטיקט די פעלקער פון שפּאַניען, איטאַליע, דייטשלאַנד, עסטרייך און האט זיי געראַבירט אין משך פון דער גאנצער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. די אונטערגעדריקטע דייטשישע בורזשואַזיע האט אין דער פּערזאָן פון שילער

מיט זיין „ווילהעלם טעל״ געזונגען לויב־לידער דעם קאַמף פון פעלקער קעגן פרעמדע טיראַנען, נאר די זעלביקע בורזשואַזיע האט אין דער פערזאָן פון ביסמאַרקן אין מאָלטקע אפגענומען און מיט געוואַלט צוגעאייניקט צו זיך די פראַנצויזישע פראָווינץ עלזאַס־לאָטאַרינגיע, האט אָפגענומען בא דענעמאַרק שלעזווינג, האט אנגטערגעדריקט די פוילן פון פויזן און א. וו. די איטאַליענישע בורזשואזיע, ווי נאר זי האט זיך באפרייט פון די עסטרייכישע פריצים, האט אנגעהויבן שיסן די באַצוואינגענע בעדרואינער פון טריפאָל; די אַלבאַנער און דאַלמאַטינער אויפן ברעג פון אַדריאַטישן ים. די טערקן אין אַנאַטאָליען)

פאַרוואָס איז דאַס אזוי געווען און פארוואס איז דאס גאך איצט אויך אזוי? פאריואס האט די בורזשואַזיע אומעטום און דורכאויס ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאציאָנאַלער פרייהייט און פארוואָס האט זי קיינמאָל און אין ערגעץ ניט דאס ניט פארווירקליכט.?

(דאס קומט פאר דערפאר, ווייל יעדע בורזשואַזע מלוכה, וואס האט זיך באַפרייט פון נאציאָנאַלער אונטערדריקונג, שטרעבט צו פארברייטערן זיך. די בורזשואַזיע פון יעדן קאַפיטאַליסטישן לאנד באַנוגנט זיך ניט מיט דעם, וואָס, זי עקספּלואַטירט נאר איר אייגענעם פראָלעטאריֵרט. זי נויטיקט זיך אין רוי־מאַטעריאלן פון אלע עקן וועלט און שט עבט צו פאַרשאַפן פאר זיך קאָלאָניעס, כדי, פארקנעכטנדיק די תושבים, האבן די מעגליכקייט פריי צו באַזאָרגן אירע פאַבריקן מיט אט די רוי־מאטעריאַלן. זי נויטיקט זיך אין מערק צו פארקויפן אירע סחורות און זי שטרעבט צו פאַרשאפן זיך אזוינע מערק אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער. זיך לחלוטין ניט רעכענענדיק מיט דעם, ווי כּאַציט זיך צו דעם די באפעלקערונג און די יונגע, נאך ניט איינגעפעסטיקטע בורזשואַזיע פון די דאזיקע לענדער. זי נויטיקט זיך אין לענדער, וואוהין צ עקספּאַרטירן די מותרות־קאַפיטאַלן און וואו מע זאָל קענען ארויסקוועטשן פאר זיך ריווח פון די אָרטיקע ארבעטער, און זי פארקנעכטעט די דאזיקע לענדער און אָרדנט זיך אין זיי איין, ווי אין אן אייגענעם לאנד. אויב אויפן וועג ביים פארכאַפּן די קאָלאניעס און עקאָנאמיש צו פארקנעכטן די אפגעשטאַגענע לענדער, שטייט א שטאַרקע בורזשואזיע פון א צווייטן לאנד, ווערט די פראגע געלייזט דורך א מלחמה, ווי, אשטייגער, אט די וועלט־מלחמה. וואס האט זיך פארענדיקט אין אייראָפּע. דער פועל־יוצא איז געווען דער־ וואס די קאָלאָניעס און די אָפּגעשטאנענע לענדער זיינען געבליבן פונקט אַזוי פאַר־קנעכטעט ווי פריהער, ס'האבן זיך נאָר געביטן די אונטערדריקער, נאר חוץ דעם, זיינען איצט פארקנעכטעט געווארן די באַזיגטע דייטשלאנד, עסטרייך, באָלגאַריע, וועלכע זיינען פאר דער מלחמה געווען פרייע לענדער. בכן איז די אנטוויקלינג פון דער בורזשואזער אָרדענונג ניט נאר זי פארקלענערט די צאָל לענדער, וואס געפינען זיך אונטערן דרוק פון אנדערע לענדער און פון זייער בורזשואזיע, נאר גראדע פארקערט: די בורזשואזע הערשאפט פירט צו אלגעמיינער נאציאנאלער אונטערדריקונג, די גאנצע וועלט פאלט ארונטער

אונטערן יאָך פון יענער גרופּע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וואס האט אָפּגע-
האלטן א נצחון.)

60. דער אנטיסעמיטיזם און דער פּראָלעטאריאַט. צו די
געפערליכסטע מינים פון נאַציאָנאַלער העצעריי געהערט דער אנטיסעמיטיזם,
דאס הייסט, די העצעריי קעגן דער סעמיטישער ראסע, צו וועלכער עס אָנ-
געהערן די אידן (צוזאַמען מיט די אראבער). די אידן האט געראָדפט און גע-
העצט די צארישע אליינהערשונג, כדי צו מציל זיין זיך פון דער ארבעטער-
פּויערשער רעוואָלוציע. דו ביסט דערפאר אָרעם, ווייל דיך באַרויבן די אידן,
האָבן געטענהט די שוואַרצמאַהניקעס און האבן גצוזע"ן צו ווענדן דעם צאָרן
פון די אונטערגעדריקטע ארבעטער און פּויערים ניט קעגן די פּריצים און די
בורזשואזיע, נאר קעגן דאס גאנצע אידישע פאלק. און די אידן טיילן זיך, ווי
אלע איבעריקע פעלקער, אויף פאַרשיידענע קלאסן, און דאס פאָלק באַרויבן
רק די בורזשואזע שיכטן פונם אידנטום און זיי באַרויבן גלייך מיט די קאַ-
פּיטאַליסטן פון די איבעריקע פעלקער. די אידישע ארבעטער און בעלי-
מלאכות אין געוועזענעם תחום האבן שטענדיק געלעבט אין געוואַלטיקן דלות
און ארימקייט, נאָך א גרעסערער, איידער די ארבעטער פון איבעריקן
רוסלאנד.

די רוסישע בורזשואזיע האט געהעצט קעגן די אידן ניט נאר כדי אָפּ-
צואווענדן פון זיך דעם כעס פון אירע עקספּלואטירטע ארבעטער, נאר אויך
כדי פּטור צו ווערן פון קאָנקורענטן אין האנדל און אינדוסטריע.

לסוף איז פאר דער לעצטער צייט באמערקט זיך אין אלע לענדער א
פאַרשטאַרקונג פון אידן-העצעריי מצד די בורזשואזע קלאסן. די בורזשואזיע
פון פאַרשיידענע לענדער ניט נאר זי קעמפט אויף אזא אופן מיט איינעם פון
די קאָנקורענטן אויף באַרויבן דעם פּראָלעטאריאַט, נאר זי קעמפט אויך מיט
דער אָנקומענדיקער רעוואלוציע אויף ניקאָלאַי דעם צווייטנס שטייגער. נאָך
גאר ניט לאַנג איז אין דייטשלאנד, איינגלאַנד און אמעריקע דער אנטיסעמי-
טיזם געווען זעהר שוואַך אנטוויקלט, איצט האַלטן אפילו די איינגלישע מי-
ניסטאָרן אַנטיסעמיטישע רעדעס. דאָס איז א ריכטיקער סימן, אז די בורזשו-
אזע אָרדענונג אויפן מערב האלט ביים צובראָכן ווערן און אז די בורזשואַזיע
פּרובט זיך אויסקויפן פון דער ארבעטער רעוואָלוציע, אָפּגעבנדיק איר פאר
א קרבן די ראָטשילדס און די מענדעלסאָנס. אין רוסלאַנד איז דער אנטיסע-
מיטיזם איינגערוהיקט געוואָרן אין דער פעווראַל-רעוואָלוציע און האט, פאַר-
קערט, אָנגעהויבן ווערן אלץ שטאַרקער, וואס שארפער ס'איז געווארן דער
בירגער-קריג צווישן דער בורזשואזיע מיטן פּראָלעטאַריאַט און וואס האפנוגס-
לאָזער עס וועט די פּרובן פון דער בורזשואַזיע.

דאס אלף דערווייזט, אז דער אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון די מינים
קאַמף מיטן סאָציאַליזם, און אַז א שלעכטער ארבעטער און פּויער וועט זיין
יענער, וואס וועט זיך לאזן פּארפירן דורך זיין קלאַסן-שונא.

ליטעראטור: וו. לענין: „וועגן דאס רעכט פון **פעלקער אויף זעלבסטבאשטימונג**" (ארטיקלען אין ישראל „בידונג"), א. בוכאלין: „די נאציאנאלע פראגע אין דער מארקסיזם", כ. יאלעווסקי: „די נאציאנאלע פראגע אין דער אינטערנאציאנאל", ס. סטאלין: „אמת און ליגן וועגן אידן", כ. יאראסלאווסקי: „וועגן אידן", א. בעבעל: „דער אלט סעמיטיזם און דער פראלעטאריאט" יו. מארקלאוו: „דאס לעבעט וואָרט פונם אנטיסעמיטיזם"

קאַפּיטל VIII.

די פּראָגראַם פון קאָמוניסטן בנוגע צו דער מיליטער-פראַגע.

§ 61. אונזער אַלטע פּראָגראַם בנוגע דער מיליטער פראַגע. § 62. די נויטיקייט פון דער רויטער אַרמיי און איר קלאַסן צוזאַמענשטעל. § 63. די אַלגעמיינע מיליטער-בילדונג פון די אַרבעטערס. § 64. בירגער דיסציפּלין אָדער א דיסציפּלין א באַוואוסטזיניקע. § 65. פּאָליטישע קאָמיסאַרן און קאָמוניסטן קערנדלאַך. § 66. די פאָרמירונג פון דער רויטער אַרמיי. § 67. דער קאָמאַנדיר-צוזאַמענשטעל פון דער רויטער אַרמיי. § 68. אַן אויסגעקליבענער אָדער באַשטימטער קאָמאַנדיר-צוזאַמענשטעל. § 69. די רויטע אַרמיי איז א צייטווייליקע אַרמיי.

§ 61. אונזער אַלטע פּראָגראַם בנוגע צו דער מיליטער-פראַגע. אין 12-טן פּאַראַגראַף האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי ס'פלעגט געבויט ווערן און וועמען ס'פלעגט דינען די שטענדיקע אַרמיי פון דער בורזשואַז-פּריצישער מלוכה. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער, בתוכם אויך די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פלעגן אַרויסשטעלן די פאָדערונג אָפּצושאַפן די שטענדיקע אַרמיי. אין דער זעלבער צייט פלעגן די סאָציאַליסטן אויפן אָרט פון אַ שטענדיקער אַרמיי פאָדערן אַן אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונם פאָלק, די אָפּשאַפונג פון דער אָפיצערן-קאַסטע, און אַז דער קאָמאַנדע-צוזאַמענשטעל זאָל אויסגעקליבן ווערן דורך די סאָלדאַטן גופא.

לאָמיר זעהן, ווי אַזוי דאַרפן זיך קאָמוניסטן באַציהען צו די דאָזיקע פראַגן.

קודם כל קומט אויף די פראַגע, פאַר א וואָסערער געזעלשאַפט פלעגט אַרויסגעשטעלט ווערן די אויבנגעבראַכטע פּראָגראַם: פאַר אַ בורזשואַזער, פאַר א סאָציאַליסטישער אָדער אויף די צייט פונם קאַמף מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט פאַרן סאָציאַליזם.

מע דאַרף זאָגן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זייגען אַריין אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אַליין געווי נים געוואוסט, פאַר וואָסערער געזעלשאַפט זיי שרייבן זייער פּראָגראַם, דאָס ה. האָט דאָך געהאַלטן, אַז מע

שרייבט פאר א בורזשואזער געזעלשאפט. אלע סאציאליסטן פלעגן זיך גע-ווינטשליך פארופן אויף די שווייץ, וואו ס'איז ניט געווען קיין שטענדיקע ארמיי, נאר וואו ס'האט עקזיסטירט אן אלגעמיינע פאלקס-מיליציע.

ס'איז גאנץ קלאר, אז די געבראכטע פראגראם קען ניט פארווירקליכט ווערן אין א בורזשואזער געזעלשאפט, בפרט אין א צייט פון אלץ שארפער און שארפער ווערנדיקן קלאסנקאמף. אפשאפן די קאזארמע הייסט צעשטערן דאס ארט, וואו מע מושטירט די ארבעטער און פויערים און מע מאכט פון זיי תליינים פון זייערע אייגענע קלאסן ברידער. דאס הייסט צעשטערן דאס איינציק ארט, וואו נאר ס'איז מעגליך צו שאפן פון די ארבעטעריקע אן ארמיי, וועלכע וועט גיין אויף מלחמה יעדע רגע, ווען ס'וועט נאר זיין נויטיק די קאפיטאליסטן. אפשאפן די אפיצערן-קאסטע הייסט א סוף צו מאכן פון יענע איינציקע דרעסירער, וואס האבן געקענט שאפן אן אייזערנע דיסציפלין און אונטערווארפן דאס באוואפנטע פאלק אונטערן ווילן פונם בורזשואזן קלאס. דערלאזן, אז דער קאמאנדיר-צוזאמענשטעל זאל אויסגעקליבן ווערן הייסט דערלאזן, אז די באוואפנטע ארבעטער און פויערים זאלן קלייבן אייגענע און ניט קיין בורזשואזע קאמאנדירן. דאס הייסט, אז די בור-זשואזיע וואלט געהאלפן בויען אן ארמיי אויף אראפצווארפן איר אייגענע הערשאפט.

און די געשיכטע פונם קאפיטאליזם אין אייראפע האט דערוויזן און דערוויזט, אז די מיליטער-פראגראם, וואס ס'האבן ארויסגעשטעלט די סאציא-ליסטישע פארטייען, קען ניט פארווירקליכט ווערן בא דער בורזשואזער ארדע-נונג. דאס הייסט, בא א צוטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף קלאסן און בא אלץ שטארקער ווערנדיקן קלאסנקאמף, וואס שטארקער ס'ווערט דער דאזיקער קאמף, אלץ ווייניקער חשק האט די בורזשואזיע, וואס שטייט בא דער מאכט, צו באוואפענען דאס גאנצע פאלק, נאר, אדרבא, זי באמיהט זיך צו אנטוואפענען דאס פאלק און לאזן דאס געווער נאר אין די הענט פון זיכערע ווייס-גווארדייאישע אפטיילונגען. בכן, אין די מיליטער-פראגראם פון די סאציא-ליסטן, אויף וויפל מע האט זי דורכצופירן בא דער הערשאפט פון דער בור-זשואזיע, ניט מער, ווי א קליינבירגערליכע אוטאפיע.

אפשר, טויג אבער די דאזיקע פראגראם גראדע אויף אונטערצוברעכן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע ?

דאס אויך ניט. כדי זיך אפצואווערן קעגן דעם ארבעטער קלאס, וועלכער וויל בא איר אפנעמען די מאכט, האט קיין שום זינען ניט פאר דער בורזשו-אזיע מסכים צו זיין אויף צו באוואפענען אים. די בורזשואזיע האט נאר דע-מאלט דורכגעפירט די אלגעמיינע מיליטער-פליכט און האט פארטריים דעם סאלדאט-ארבעטער די ביקס, בל זמן זי האט געהאט איינצוהאלטן אין גע-הארנאמקייט די סאלדאטן פונם פאלק, ווי נאר דאס דאזיקע פאלק שטייט אויף צום קאמף, מוז מען עס דאווקא אנטוואפענען. דאס ווייסן אלע ערנסטע

פּאָליטיקער פונם בורזשואַזן קלאַס. און פאַר די אַרבעטער און פויערים האָט דאָסגלייכן אויך קיין שום זינען ניט צו פאָדערן אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונם פאָלק, ווײַבאַלד זיי קלייבן זיך אַליין צו באַוואָפענען, אַנטוואָפענען די בורזשואַזיע און אָפּנעמען בײַ איר די מאַכט. הייסט עס, אַז אויך פאַרן איבערגאַנג-פּעריאָד, פאַרן פּעריאָד פונם קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר די מאַכט, טויג ניט די אַלטע סאָציאַליסטישע מיליטער-פּראָגראַם. זי טויג נאָר אויף אַ גאַנץ קורצע צייט אויף צו צושטערן די שוין עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע אַרמיי. זי טויג נאָר אין איר נעגאַטיוון טייל, וואו עס רעדט זיך וועגן אָפּשאַפן די אָפיצערן-קאַסטע און וועגן אויסקלייבן דעם קאָמאַנדיר-צונויפשטעל דורך די סאָלדאַטן גופא. די קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס האָבן טאַקע אויסגענוצט אין 1917-טן יאָר אָט די פאָדערונג פון זייער אַלטער פּראָגראַם. זיי האָבן פון דעם קיסרס און קערענסקיס אַרמיי אַרויסגעריסן דעם גענעראַליש-אָפיצערישן גיפט און דורך דעם האָבן זיי אַרויסגעריסן די אַרמיי פון אונטערטעניק צו זיין אונטער דעם בורזשואַז-פּריצישן קלאַס.

פאַרקערט, פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז די אַלטע מיליטער-פּראָגראַם פולשטענדיק אָנגענומען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט אין אַ ריי לענדער מנצח זיין די בורזשואַזיע און וועט פאַרניכטן די קלאַסן, דאַן וועט מען קענען דורכפירן די אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונם פאָלק, דאַן וועט זיין באַוואָפנט דאָס גאַנצע אַרבעט-פאָלק. ווייל אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן אַלע זיין אַרבעטנדיקע, דאַן וועט אויך זיין מעגליך צו פאַרניכטן אַלע און כלערליי קאַזאַרמעס. דאַן וועט אויך מעגליך זיין דורכצופירן, אַז די קאָמאַנדיר-מאַכט זאָל אויסגעקליבן ווערן, וואָס וואָלט, אַ חוץ אייניקע גליקלעכע אויסנאַמען, כלל ניט געווען נוצליך פאַר דער פּראָלעטאַרישער אַרמיי אין דער צייט פון פאַרשאַרפטן בירגער-קריג.

נאָר דאָ קומט נאַטירליך אויף די פראַגע: ווען און צוליב וואָס וועט זיין נייטיק די אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונם פאָלק אין די לענדער, וואו ס'האָט מנצח געווען דער סאָציאַליזם? די אינעווייניקסטע בורזשואַזיע וועט דאָך ווערן באַזיגט און פאַרניכטעט. און די סאָציאַליסטישע מלוכות האָבן דאָך ניט בדעה צו פירן מלחמות צווישן זיך. דאָ מוז מען געדיינקען, אַז דער סאָציאַליזם קען ניט זיגן אין אַלע לענדער פון דער וועלט מיט אַמאָל. אייניקע לענדער וועלן נאַטירליך אָפּשטיין פון אַנדערע אין ענין פון פאַרניכטן די קלאַסן און אינם פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. יענע לענדער, וואָס האָבן באַזיגט זייער בורזשואַזיע און האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַרבעטער, וועט אויסקומען אָדער פירן מלחמה, אָדער זיין גרייט צו מלחמה קעגן דער בורזשואַזע פון יענע לענדער, וואו ס'איז נאָך ניט פּראָקלאַמירט געוואָרן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, אָדער העלפן מיט באַוואָפנטער קראַפט דעם פּראָלעטאַריאַט פון יענע לענדער, וואו ס'איז פּראָקלאַמירט זיין דיקטאַטור, נאָר וואו דער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע איז נאָך ניט דערפירט ביזן סוף.

62. די נויטיקייט פון דער רויטער ארמיי און איר קלאסנצוזאמענשטעל. דאס רוב סאציאליסטן, וואס זיינען אריין אין צווייטן אינטערנאציאנאל, האבן געהאלטן, אז דער סאציאליזם קען פארווירקליכט ווערן דורך דעם, וואס מע וועט זיך דערשלאגן די מערהייט אין די פארלאמענטן, איינשלעפערנדיק זיך מיט אזעלכע פרידליך-קליינבירגערליכע האפענונגען, האט דאס דאזיקע רוב, נאטירליך, ניט געטראכט וועגן דער מעגליכקייט און נויטיקייט צו ארגאניזירן א פראלעטארישע ארמיי אין פעריאד פונם קאמף פארן סאציאליזם. דער אנדערער טייל סאציאליסטן, וואס האט געהאלטן פאר אומפארמיידליך א געוואלט-איבערקערעניש מיט געווער אין די הענט, האט פונדעסטוועגן ניט פאראויסגעזעהן, אז דער דאזיקער באוואפנטער קאמף קען זיך פארציען אויף א לאנגע צייט, אז אייראפע וועט דורכגיין א פעריאד ניט נאר פון סאציאליסטישע רעוואלוציעס, נאר אויך פון סאציאליסטישע מלחמות. דעריבער איז אין קיין איין סאציאליסטישער פראגראם ניט געווען ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון ארגאניזירן א רויטע ארמיי, דאס הייסט אן ארמיי פון באוואפנטע ארבעטער און פויערים. דעם ארבעטער קלאס פון רוסלאנד איז דעם ערשטן אין דער גאנצער וועלט אויסגעקומען צו בויען די דאזיקע ארמיי, *) ווייל אים האט זיך דעם ערשטן אין דער וועלט איינגעגעבן פעסט צו פארכאפן אין זיינע הענט די מלוכה-מאכט און פארטיידיקן זי קעגן דעם דראנג פון דער אייגענער בורזשואזיע און פון די בורזשואזע מלוכות פון דער גאנצער וועלט. ס'איז קלאר ווי דער טאג, אז אן דער רויטער ארמיי וואלטן די ארבעטער און פויערים פון רוסלאנד ניט געקענט איינהאלטן קיין איינאיינציקע פון די עראבערונגען פון זייער רעוואלוציע און זיי וואלטן צעקלאפט געווארן דורך די כוחות פון זייער אייגענער און פון דער אינטערנאציאנאלער רעאקציע. די רויטע ארמיי קען ניט געבויט ווערן אויפן גרונט פון אלגעמיינער מיליטער-פליכט, דער פראלעטאריאט קען ניט אין א צייט, ווען דער קאמף האט זיך נאך ניט פארענדיקט פארטרויען די ביקס ניט די בורזשואזע שיכטן פון שטאט, ניט די קולאקישע אויבערשטע שיכטן פון דארף; אין זיין ארמיי דארפן אריינגיין אויסשליסליך פארשטייער פון די ארבעט-קלאסן, וואס עקספלואטירן ניט קיין פרעמדע ארבעט און וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם נצחון פון דער ארבעטער-רעוואלוציע. נאר די פראלעטאריער פון שטאט און די דארפישע ארעמשאפט קענען בילדן דעם קערן און דעם יסוד פון דער רויטער ארמיי; נאר די באהעפטונג פון די דאזיקע מאסן מיט די פויערים-סערעדניאקעס קען מאכן די רויטע ארמיי פאר אן

---

*) מיר רייִדן דא וועגן אן ארמיי אין פולן זין פון וואָרט, וואס איז נוגע התחלות פון א רויטער ארמיי, קען מען האלטן פאר א פארגייער פון אונזער רויטער ארמיי די ארמיי פון דער פאריזשער קאמונע, וועלכע ס'האבן געשאפן די ארבעטער און שטאטישע ארעמשאפט פון פאריז אין 1871-טן יאר.

אַרמײַ פֿון אַלע אַרבעטעדיקע לויט איר צונויפֿשטעל. וואָס איז נוגע די בורזשואַזיע און די קולאַקעס, דאַרפֿן זיי אויספֿירן זייער מיליטער־פֿליכט פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה אינם טיל־לאַנדווער. דאָס פֿאַרשטייט זיך, באַשטייט נאָך ניט, אַז אַ געװאָנט שטאַרקע פּראָלעטאַרישע מלוכה וועט ניט צווינגען מיט דער צייט די עקספּלואַטאַטאָרן אַז זיי זאָלן שיסן אין זייערע ווייסע פֿרײַנט פֿון יענער זייט פֿראָנט, פּונקט ווי די בורזשואַזיע פֿלעגט דורך איר שטענדיקער אַרמײַ צווינגען די פּראָלעטאַריער שיסן זייערע קלאַסן־ברידער.

די שטענדיקע אַרמײַ פֿון דער בורזשואַזיע ווערט הגם פֿאָרמירט אויפֿן גרונט פֿון אַלגעמיינער מיליטער־פֿליכט און איז כּלומרשט אַן אַלנאַציאָנאַלע אַרמײַ, נאָר אין דער אמתן איז זי אַ קלאַסן אַרמײַ. דער פּראָלעטאַריאַט, פֿאַרקערט, האָט קיין שום גרונט ניט צו באַהאַלטן דעם קלאַסן כאַראַקטער פֿון זיין אַרמײַ, פּונקט ווי ער באַהאַלט ניט דעם קלאַסן כאַראַקטער פֿון זיין דיקטאַטור. די רויטע אַרמײַ איז איינער פֿון די אַפּאַראַטן פֿון דער ראַטן מלוכה. אין אַלגעמיין ווערט זי געבויט לויט דעמזעלביקן טיפּ, ווי דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. און פּונקט ווי בײַ די וואַלן אין די ראַטן האָבן ניט, לויט דער ראַטן קאָנסטיטוציע, קיין שטימרעכט יענע, וועמען די דאָזיקע קאָנסטיטוציע דאַרף עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דערשטיקן, פּונקט אַזוי ווערן ניט צוגעלאָזן אין דער רויטער אַרמײַ יענע, וועמען די דאָזיקע אַרמײַ דאַרף צעקלאַפּן אינם בירגער־קריג.

§ 63. אַלגעמיינע מיליטערישע בילדונג פֿון די אַרבעטעדיקע.

די אַלגעמיינע מיליטערישע בילדונג פֿון די אַרבעטעדיקע, וואָס די ראַטן רעפּובליק פֿון רוסלאַנד איז צוגעטראָטן צו פֿאַרווירקליכן, דאַרף קודם כּל שטאַרק פֿאַרקירצן די קאַזאַרמע־בילדונג. דער אַרבעטער און דער פּויער דאַרפֿן זיך אויסלערנען די מיליטערישע קונסט אויף אַזאַ אופֿן, אַז זיי זאָלן זיך ווי ווייט מעגלעך ווייניקער אָפּרייסן פֿון דער פּראָדוקציע. דאָס ברענגט אַ קאָלאָסאַלע פֿאַרקלענערונג פֿון די הוצאות אויף דער אַרמײַ און היט אָפּ די פּראָדוקציע פֿון פֿאַרקירצט אָדער צושטערט ווערן. די אַרבעטער און פּויערים, וואָס לערנען די מיליטער־ענינים אין פֿרייע צייטן, גרייטן זיך צו ווערן סאָלדאַטן פֿון דער רעוואָלוציע, ניט אויפֿהערנדיק צו זיין פּראָדוצירער פֿון ווערטן.

די צווייטע וויכטיקע אויפֿגאַבע פֿון דער אַלגעמיינער בילדונג פֿון די אַרבעטעדיקע, איז שאַפֿן אין יעדער שטאָט, אין יעדער וואָלאָסט פּראָלעטאַריש־פּויערישע רעזערוון, וואָס זיינען פֿיהיק יעדע רגע נעמען זיך פֿאַרן ביקס, ווען ס'דערנעהענטערט זיך דער שונא. די פּראַקטיק פֿינם בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָט באַוויזן, וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע באַטייטונג ס'האָבן אָט די רעזערוון פֿאַרן נצחון אין דער סאָציאַליסטישער מלחמה. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען וועגן די רעזערוון אַרבעטער־פּאָלקן פֿון פּעטראָגראַד, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן די רויטע הויפּטשטאָט פֿון די ווייסע רויבער, וועגן די אַרבעטער

פון אוראַל און פון דאָנער באַסיין, ווען די ארבעטער און פויערים פון
אָרענבורג, אוראַלסק, אָרענבורגער גובערניע און א. וו.

§ 46. בייטש דיסציפלין אדער א באוואוסטזיניקע דיסציפלין.

אין דער אימפעריאַליסטישער אַרמיי קען לויט איר גאַנצער טבע ניט זיין קיין
באוואוסטזיניקע דיסציפלין. די דאָזיקע אַרמיי באשטייט פון פאַרשיידנאַרטיקע
קלאַסן גרופּעס. די אַרבעטער און פויערים, וואָס זיינען מיט געוואַלט פאַרטריבן
אין די קאַזאַרמעס פון דער בורזשואַזער אַרמיי, זיינען געצוואונגען, ווען זיי
הויבן אָן צו פאַרשטיין זייערע אינטערעסן, ניט אונטערוואַרפן זיך באַ-
וואוסטזיניק אונטער דער דיסציפלין פון זייערע דרעסירער אין גאָלדענע עפּאָ-
לעטן. נאָר אדרבא, באַוואוסטזיניק עובר זיין די דאָזיקע דיסציפלין. דעריבער
מוז אין די בורזשואַזע אַרמייען די דיסציפלין זיין א שטעקן-דיסציפלין, דע-
ריבער זיינען אין איר דאָס שמייסן, כלערליי פייניקן און מאַסן-צושיסונגען
ניט קיין צופעליקע דערשיינונגען, נאָר דער יסוד פון יעדער אָרדענונג, דיס-
ציפלין, פון „מיליטערישער דערציהונג".

פאַרקערט, אין דער רויטער ארמיי, וואָס ווערט געבילדעט פון אַרבעטער
און פויערים און וואָס פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון אַרבעטער און פויערים,
איז וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרנעמט דעם אָרט פון צוואַנג דאָס פרייוויליקע
אונטערוואַרפן זיך פון די ארבעטעריקע אינטער דער דיסציפלין פונם בירגער-
קריג. וואָס העכער עס ווערט דער באַוואוסטזיין-צושטאַנד פון דער רויטער
אַרמיי, אַלץ מער הויבן אָן די רויטע סאָלדאַטן צו פאַרשטיין, אַז איבער זיי
קאָמאַנדעוועט אין דער לעצטער שורה דער גאַנצער ארבעט-קלאַס דורך זיין
מלוכה און דורך זיין מיליטער-קאָמאַנדע. די דיסציפלין אין דער רויטער אַרמיי
איז, אויף אַזאַ אופן, די אונטערוואַרפונג פון דער מינדערהייט (פון די סאָל-
דאַטן) אונטער די אינטערעסן פון דער אַרבעטעריקער מערהייט. הינטער יעדער
פאַרשטענדיקע פאַראָרדענונג פון דער קאָמאַנדיר-מאַכט שטייט ניט דער קאָמאַנ-
דיר און זיין ווילקיר, ניט די בורזשואַזע מינדערהייט און איר רויבער-אינטע-
רעס, נאָר די גאַנצע אַרבעטער און פויערים רעפּובליק. דעריבער האָט אין
דער רויטער אַרמיי די פּאָליטישע דערציהונג פון די סאָלדאַטן, די פּראָפּאַ-
גאַנדע און אַגיטאַציע א גאַנץ באַזונדערע באַטייטונג.

§ 65. די פּאָליטישע קאָמיסאַרן און די קאָמוניסטן-קערנדלאַך.

אין דער ראַטן רעפּובליק פון רוסלאַנד, וואו אַלע אַרבעטעריקע
האָבן דאָס רעכט אויסצודריקן זייער ווילן דורך די ראַטן, קלייבן די אַרבע-
טער און די פויערים שוין אין א משך פון 2 יאָר רק קאָמוניסטן אין די
אויספירונג-אָרגאַנען. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז, אויב מען זאָל באַנוצן דעם
בורזשואַזן אויסדרוק, די רעגירעדיקע פּאַרטיי פון דער רעפּובליק, לויטן ווילן
פון די מאַסן, ווייל קיין איין אַנדער פּאַרטיי האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן פאַר

פֿיהיק אָנצופֿירן ביזן סוף מיט דער מנצחדיקער אַרבעטער-פּויערים רעוואָלוציע. דער רעזולטאַט פֿון דעם איז דאָס, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין קלאַסאַלן אויספֿירונג-קאָמיטעט פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אויך אין דער רויטער אַרמיי געהערט דעריבער די קאָמוניסטן די אָנפֿירנדיקע ראָלע. די דורכפֿירער פֿונם קלאַסנווילן פֿונם פּראָלעטאַריאַט אין דער אַרמיי, די דורכפֿירער, וואָס זיינען באַפֿולמעכטיקט פֿון דער פּאַרטיי און פֿון די מיליטערישע צענטערן, זיינען די פּאָליטישע קאָמיסאַרן. דאָס באַשטימט שוין די קעגנזייטיקע באַציהונג פֿונם קאָמיסאַר סיי צו דעם קאָמאַנדיר-צוזאַמענשטעל, סיי צו די קאָמוניסטישע קערנדלאַך פֿון די מיליטער-טיילן. דאָס קאָמוניסטישע קערנדל איז אַ טייל פֿון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי. דער קאָמיסאַר איז אַ באַפֿולמעכטיקטער פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי. פֿון דעם נעמט זיך זיין אָנפֿירנדיקע ראָליע סיי אינעם מיליטער-טייל, סיי אינעם קאָמוניסטישן קערנדל פֿונם מיליטער-טייל. פֿון דעם נעמט זיך אויך זיין רעכט צו זיין אַ משגיח איבערן קאָמאַנדיר. ער גיט אַכטונג אויפֿן קאָמאַנדיר-צוזאַמענשטעל, פּונקט ווי דער פּאָליטישער אָנפֿירער גיט אַכטונג אויפֿן טעכנישן אויספֿירער.

די אויפֿגאַבע פֿונם קערנדל איז קלאָר צו מאַכן פֿאַר די רויטאַרמייער דעם זינען פֿון דעם בירגער קריג און די נויטיקייט אונטערצוואַרפֿן זייערע אינטערעסן אונטער די אינטערעסן פֿון אַלע אַרבעטנדיקע. די אויפֿגאַבע פֿונם קערנדל איז מיט זיינע אייגענע מעשים צו דערהייבן די איבערגעגעבנקייט דער רעוואָלוציע און צו וועקן דערצו אויך די חברים פֿון מיליטער-טייל. דאָס רעכט פֿון יעדער מיטגליד פֿונם קערנדל איז אַכטונג צו געבן אויף דער קאָמוניסטישער אויפֿפֿירונג פֿון זיין קאָמיסאַר און אויך פֿון די איבעריקע קאָמיסאַרן און דערשלאָגן זיך דורך די העכערע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע אָדער דורך די מער פֿאַראַנטוואָרטלעכע חברים קאָמיסאַרן, אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן די נויטיקע מיטלען. גאָר אויף אַזאַ אופֿן וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיין אימשטאַנד, אויסמיידנדיק דערביי, אַז די רויטאַרמייער זאָלן עובר זיין די אַלגעמיין-מיליטערישע דיסציפּלין, פֿולשטענדיק צו קאָנטראָלירן אַלע אירע מיטגלידער און זעהן, אַז זיי זאָלן ניט מיסגעברויכן ניט זייער מאַכט.

אַ חוץ די קערנדלאַך און די פּאָליטישע קאָמיסאַרן, פֿאַרנעמען זיך מיט דער פּאָליטישער דערציהונג פֿון אונזער אַרמיי אַ גאַנצע גענץ פֿון פּאָליטישע אָפּטיילונגען פֿון דיוויזיעס, אַרמייען און פֿראָנטן און אויך די אַגיטאַציאָן-אויפֿקלערונג-אָפּטיילונגען פֿון די מיליטער-קאָמיסאַריאַטן פֿון טייל. די פּראָלעטאַרישע מלוכה פֿון רוסלאַנד שאַפֿט אין געשטאַלט פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אַ מעכטיקן אויפֿקלערונג און אָרגאַניזירונג-אַפּאַראַט פֿאַר איר אַרמיי און פּרובט דערגרייכן וואָס גרעסערע רעזולטאַטן פֿאַרווענדנדיק וואָס ווייניקער כוחות. אַדאַנק די דאָזיקע אַפּאַראַטן טראָגט די אַגיטאַציאָן-אויפֿקלערונג אַרבעט אין אונזער אַרמיי ניט קיין צופֿעליקן, נאָר אַ סיסטעמאַטישן, פּלאַנמעסיקן כאַראַקטער. די צייטונג, דאָס מינדלעך וואָרט אויף אַ מיטינג און די שול-בילדונג ווערן צוגייענגליך פֿאַר יעדן רויטאַרמייער.

צום באַדויערן, האָבן די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס ניט אויסגעמיטן
דעם גורל פון כמעט אַלע גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון דער ראַטן מאַכט: זיי
האָבן אַ שטאַרקע נטיה צו ביוראָקראַטיזירן זיך, זיי רייסן זיך אָפּ פון די מאַסן
פון איין זייט, און פון דער פּאַרטיי, פון דער אַנדער זייט. און פאַרוואַנדלען
זיך אין דער פּראַקטיק אָפּט אין אַ מקום מקלט פאַר פוילע און טאַלענטלאָזע
מיליטער-פּאַרטייאישע טשינאָווניקעס. אַן ענערגישער קאַמף מיט אַזעלכע מיני
אַנטייגונגען איז פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ מער דרינגענדיקע זאַך.
אידער דער קאַמף מיטן ביוראָקראַטיזם און פּאַראַזיטיזם אינעם אַלגעמיינעם
ראַטן מעכאַניזם, ווייל פון די ערפאָלגן אינעם דאָזיקן קאַמף הייבט אָן
אַ געוויסער מאָס אָפּ די זיכקייט פון אונזער נצחון אינעם בירגער-
קריג.

66. די פאַרמירונג פון דער רויטער אַרמיי. די אַלגעמיינע
מיליטער-בילדונג דאַרף דערפירן ביז אַ מינימום די קאַזאַרמע-בילדונג, כדי
מיט דער צייט איינגאַנצן צו באַגראָבן די רויטע קאַזאַרמע. די פאָרמירונג פון
דער רויטער אַרמיי דאַרף זיך ביסלעכווייז דערנעענטערן צו די פּראָדוקציע-
פאַראייניקונגען פון די אַרבעטדיקע און פאַרניכטן דורך דעם דעם קינסטליכן
כאַראַקטער פון דער אַרמייאישער פאַראייניקונג. פשוטער גערעדט, איז די
מעשה אַזוי: די טיפּישע שטענדיקע אַרמיי פונם קיסר אָדער פון דער בורזשואַ-
פּריצישער מלוכה פלעגט צונויפגעשטעלט ווערן פון מענטשן, וואָס גע-
הערן צו פאַרשיידנסטע קלאַסן, און די מאָביליזירטע פלעגן דערביי מיט
געוואַלט אָפּגעריסן ווערן פון זייער נאַטירליכער באַזע: דער אַרבעטער —
פון דער פאַבריק, דער פּויער — פונם אַקער, דער אָנגעשטעלטער — פון דער
אונטערנעמונג, דער קרעמער — פון זיין טיש. דערנאָך פלעגן די מאָביליזירטע
קינסטליך פאַראייניקט ווערן אין דער קאַזאַרמע און פלעגן פאַנאַנדערגעטיילט
ווערן צווישן די מיליטער-טיילן. דער בורזשואַזער מלוכה האָט געלוינט איבער-
רייסן יעדן צוזאַמענבונד פון דעם מאָביליזירטן פּראָלעטאַריער און פּויער מיט
זיין פאַבריק, מיט זיין דאָרף; כדי גרינגער צו מאַכן פון אים אַ בלינד גע-
צייג אויף אונטערצודריקן די אַרבעטדיקע, כדי גרינגער צו צווינגען די
אַרבעטער און פּויערים פון איין גובערניע שיסן די אַרבעטער און פּויערים
פון אַ צווייטער גובערניע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטרעבט בעת איר בויאונג פון דער רויטער
אַרמיי דורכצופירן גראָדע דעם היפּך פון דעם. הגם די אומשטאַנדן פונם
בירגער-קריג צווינגען זי איינגיין אָפּטמאָל אויף פאָרמירן איר אַרמיי לויטן
אַלטן שטייגער, נאָר אין תוך גענומען שטרעבט זי צו גאָר עפּעס אַנדערש.
די שטרעבט צו דעם, אַז דער פאָרמירעדיקער טייל, למשל, ראָטע, באַטאַליאָן,
פּאָלק, בריגאַדע, זאָל זיך אויף וויפל ס'איז מעגליך צונויפקומען מיט דער
פאַבריק, מיטן זאַוואָד, מיטן דאָרף און א. ז. וו. אַנדערש גערעדט, זי שטרעבט
אויפצובויען די קינסטליכע אַן און פאַר זיך מיליטער-פאַראייניקונג אויף דער
נאַטירליכער פּראָדוקציע-פאַראייניקונג פון די אַרבעטדיקע און דורך דעם

קלענער מאכן די קינסטליכקייט. די אויף אזא אופן זיך פארמירעדיקע פראלעטא-רישע טיילן זייען מער באהעפט, זיי ווערן דיסציפלינירט שוין דורך דעם פראָ-דוקציע אופן און נויטיקן זיך ווייניקער אין דעם, אז מע זאל אנווענדן די צוואנג דיסציפלין פון אויבן.

א גרויסע באטייטונג פאר דער פארמירונג פון דער רויטער ארמיי האט דאס שאפן א זיכערן באוואוסטזיניקן פראלעטארישן קאדער. די דיקטאטור פונם פראלעטאריאט אין אזא בעיקר פויערשן לאנד, ווי רוסלאנד, באטייט, אז די פראלעטארישע מינדערהייט פירט אן און ארגאניזירט די פויערשע מערהייט (די סערעדניאקעס). וועלכע גייט נאך נאך דעם ארגאניזירעדיקן פראלעטאריאט-טרויט אים אין פאליטישער אנפירונג און בויאונג. דאס קען אינגאנצן אנגעווענדעט ווערן אויך בנוגע צו דער רויטער ארמיי, וואס איז אויף אזוי פיל דיסציפלינירט און שטארק, אויף וויפל ס'איז שטארק איר פראלעטארישער און קאמוניסטישער קערן. קלייבן מאטעריאל פאר דעם דאזיקן קערן ריכטיק אים פארטיילן, ארומרינגלען אים אין א געהעריקער מאס מיטן צושטויבטן, נאר מיטן א סך פילצייליקן פויערשן מאטעריאל, אט דאס איז די ארגאניזאציאנעלע גרונט-אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין ענין פונם בויען די זיגרייכע רויטע ארמיי.

§ 67. דער קאמאנדיר-צוזאמענשטעל פון דער רויטער ארמיי

די רויטע ארמיי האט זיך אנגעהויבן בויען אויף די חורבות פון דער אלטער צארישער ארמיי. דער פראלעטאריאט, וואס האט געזיגט אין דער אקטיאבער-רעוואלוציע, האט ניט געהאט קיין אייגענע פראלעטארישע אפיצערן. אריינגעמען און אנווענדן אינם בירגער-קריג די פראקטיק פון דער וועלט-מלחמה, אריינעמען און אנווענדן פאר דער מיליטערישער בילדונג פון זיין ארמיי די אנגעזאמלטע מיליטער-טעכנישע פראקטיק פונם אראפגעווארפענעם רעזשים האט דער פראלעטאריאט געקענט נאר אויף איינעם פון די דריי אופנים: 1) שאפן זיינע אייגענע רויטע קאמאנדירן און רק זיי צולאזן צו דער קאמאנדע, און לאזן פאר די אלטע אפיצערן נאר די ראלע פון לערער; 2) איבערגעבן די קאמאנדע פון דער ארמיי די אלטע אפיצערן אונטער א געהעריקער השגחה פון קאמיסארן; 3) אנווענדן אי דאס, אי יענץ צוזאמען. די צייט האט ניט געווארט, דער בירגער-קריג האט זיך אנגעהויבן, מע האט געמוזט גלייך בויען אן ארמיי און גלייך זי שיקן אין שלאכט. דער פראלעטארישער ארמיי איז דעריבער אויסגעקומען אנצואווענדן דעם דריטן אופן. ס'האבן זיך אנגעהויבן ארגאניזירן שולן פון רויטע קאמאנדירן, וועלכע פלעגן ארויסלאזן אפיצערן, וואס זייען אין דער גרעסטער מאסע פייהיק צו פארנעמען נאר די נידעריקערע קאמאנדיר-שטעלעס. צוגלייך מיט דעם זיינען אין א ברייטער מאס צוגעצויגן געווארן די אלטע אפיצערן צו דער בויאונג פון דער רויטער ארמיי.

דאס אויסנוצן די געוועזענע אפיצערן איז געווען פארבונדן מיט א ריי גאנץ גרויסע שוועריקייטן, וועלכע מיר האבן נאך עד היום ניט גובר געווען. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס דאזיקע אפיצערנטום טיילט זיך אין דריי גרופעס.

א מינדערהייט, וואס האט מער אדער ווייניקער מיטגעפילט דער ראטן מאכט א מינדערהייט, וואס איז אויסגעשפראכן געשטאנען און שטייט אויפן צד פון די קלאסן שונאים פונם פראלעטאריאט און העלפט זיי אקטיוו. א מערהייט, פון אפיצערן, וואס גייען נאך דעם, ווער ס׳איז שטארקער און וואס דינען דער ראטן מאכט פונקט אזוי ווי די ארבעטער דינען דעם קאפיטאליסט, וואס קויפט ארבעטס-קראפט. פאר דער קאמוניסטישער פארטיי שטייט אין צוזאמענהאנג מיט דעם די אויפגאבע אינגאנצן אויסנוצן די איר מיטפילנדיקע מינדערהייט, מיט אלע מיטלען פון אויסעראָרדנטליכע רעפרעסיעס זעהן, אז די ווייסגווארדייאישע מינדערהייט זאל איר קיין שאדן ניט ברייגען. פאסט פארזיכער, פאר זיך דעם אפיצער־סאָרעדניאק, וואס איז פאליטיש נייטראל אינם בירגער-קריג, און דער-שלאגן זיך, אז ער זאל געוויסנהאפטיק ארבעטן אין טייל אין זיין טריי אויפן פראנט.

דאס אויסנוצן די געיועזענע אפיצערן האט שוין אונז געגעבן קאלאסאלע רעזולטאטן אין ענין פון בויען די רויטע ארמיי. אונז איז דא כדאי געווען צו עקספראפריאירן די בורזשואז-פריצישע ארדענונג אינם געביט פון מיליטער-טעכנישע קענטעניסן. נאר אט דאס ״נוצליכע אויסנוצן איז געווען אויך מוראדיק געפערליך, אויף היפל עס איז געווען פארבונדן מיט מאסן פארראטן פונם קא-מאנדיר-צוזאמענשטעל און מיט א גרויסער צאל קרבנות מצד די רויט-ארמייאישע מאסן, וועלכע זיינען אפגענארט געווארן און איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון די שונאים.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז די הויפט-אויפגאבע פון דער קאמו-ניסטישער פארטיי ערשטנס צוגרייטן וואס מער אמתע קאמאנדירן פון דער ארבעטער פיערים ארמיי — רויטע קאמאנדירן — און וואס גיכער אויסצולערנען די קאמוניסטן אין דער געשעפענער דורך דער ראטן מאכט רויטער אקאדעמיע פון גענעראל שטאב. צווייטנס, איינג באהעפטן אלע קאמסארן קאמיניסטן און אלע מיליטער-טוער פון דער פארטיי כדי איינצושטעלן אן אמתן קאנטראל איבער דעם גאנצן ניט קאמוניסטישן קאמאנדיר-צוזאמענשטעל.

§ 68. אן אויסגעקליבענער אדער א באשטימטער קאמאנדיר-צוזאמענשטעל. די ארמיי פון א בורזשואזער מלוכה, וואס איז געשאפן אויפן יסוד פון אלגעמיינער מיליטער פליכט, באשטייט אין איר גרעסטן רוב פון פוי-ערים און ארבעטער, אנפירן אבער פירט מיט איר אן דאס אפיצערנטום, וואס געהערט צום אדל און צו דער בורזשואזיע. ווען מיר האבן אין אונזער פריער-דיקער פראגראם ארויסגעשטעלט די פאדערונג, אז דער קאמאנדיר-צוזאמענשטעל זאל אויסגעקליבן ווערן, האבן מיר מיט דעם געהאט בדעה ארויסצורייסן דאס קאמאנדירווען מיט דער ארמיי פון די הענט פון די עקספלואטאטארישע קלאסן. די דאזיקע פאדערונג איז געווען אויסגערעכנט אויף דעם פאל, ווען די פאליטישע מאכט בלייבט אין די הענט פון דער בורזשואזיע. און די ארמיי אבער ווערט דעמאקראטיזירט ווערן, ס׳פארשטייט זיך, די דאזיקע פאדערונג האט ניט געקענט

פארווירקליכט ווערן, ווייל קיין בורזשואזיע אין דער וועלט וואלט קיינמאל אין ערגעץ ניט איינגיין אויף אפצוגעבן אן א קאמף איר מיליטערישן אונטערדריקונג-אפאראט. נאר כדי צו קעמפן מיטן מיליטאריזם, כדי צו קעמפן מיט די פריווילעגיעס פון דער אפיצערן-קאסטע האט די פאדערונג פון אן אויסגעקליבענעם קאמאנדיר-צוזאמענשטעל געהאט א קאלאסאלע באטייטונג, פונקט ווי זי האט א באטייטונג פאר דער צושטערונג בכלל פון אימפעריאליסטישע ארמייען.

די רויטע ארמיי איז, פארקערט, אונטערטעניק דעם פראלעטאריאט. ער פירט מיט איר אן דורך די צענטראלע ראטן ארגאנען, וועלכע ער קלייבט אליין אויס. ער פירט מיט איר אן אויף אלע טרעפלאך פונם ארמייאישן טורעם דורך קאמיסארן-קאמוניסטן, דאס גרעסטע רוב פון וועלכע ווערט סיי אין טייל סיי אויפן פראנט רעקרוטירט פון ארבעטער. בא אזא לאגע קען די פראגע וועגן אויסגעקליבנקייט פונם קאמאנדיר-צוזאמענשטעל האבן א באטייטונג רק ווי א טעכנישע פראגע. דער עצם ענין באשטייט דאך איצט אין דעם, וואס לויט בעסער, וואס מאכט די ארמיי אין איר איצטערדיקן צושטאנד מער שלאכטפעיהיק: צו דאס אויסקלייבן קאמאנדירן פון אונטן, צי דאס באשטימען זיי פון אויבן, און אויף וויפל מיר גדיינקען וועגן דעם, אז אונזער רויטע ארמיי באשטייט דער עיקר פון פויערים, אויף וויפל מיר גדיינקען וועגן דעם מאנגל וואס קומט צו איר אויס צו ליידן אין אלץ, וועגן איר אויסגעמאטערטקייט פון צוויי מלחמות נאכאנאנד, וועגן דער נידעריקער באוואוסטזיין-מדרגה פון דעם פויערשן טייל פון דער ארמיי, וועט אונז גאנץ קלאר זיין, אז די אויסגעקליבנקייט פונם קאמאנדיר-צוזאמענשטעל וואלט געפירט נאר צו דער צופאלונג פון אונזערע מיליטער-טיילן, דאס, פארשטייט זיך, שליסט ניט אויס קיין מעגליכע פאלן, ווען אין איינצלנע פריווילעקע און אייגנ באהעפטע באוואוסטזיניק-רעוואלוציאנערע מיליטער-טיילן קען דאס אויסקלייבן קיין שאדן ניט ברייגגען; מע וואלט אויסגעקליבן בערך די זעלביקע, וועלכע מע וואלט באשטימט. נאר ווי א כלל דארף מען זאגן, אז די אויסגעקליבנקייט פונם קאמאנדיר-צוזאמענשטעל, הגם דאס איז אן אידעאל, נאר בא היינטיקער צייט איז עס שעדליך און געפערליך. און ווען די מאסן ארבעטנדיקע וואס בילדן איצט די רויטע ארמיי, וועלן דערגרייכן אזא מדרגה, ווען די אויסגעקליבנקייט וועט זיין נוצליך, און נויטיק, דאן וועט שוין, מסתמא, גאר קיין ארמייען אויף דער וועלט ניט זיין.

§ 69. די רויטע ארמיי איז א צייטווייליקע ארמיי. די בורזשואזיע האלט די קאפיטאליסטישע ארדענונג פאר די „נאטירליכע“ ארדענונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט. זי האלט, אז איר הערשאפט איז אייביק און זי בויט דעריבער דעם אינסטרומענט פון איר הערשאפט — די ארמיי — אויף לאנגע, לאנגע יארן, כמעט ווי אויף אייביק. אנדערש קוקט דער פראלעטאריאט אויף זיין רויטער ארמיי. די רויטע ארמיי איז באשאפן פון די קעמפנדיקע כדי צו קעמפן מיט דער ווייסער ארמיי פונם קאפיטאל. די רויטע ארמיי

איז אויפגעקומען פונעם בירגער־קריג, און זי וועט פארשווינדן נאך דעם זיגרייכן סוף פונעם דאזיקן קריג, נאך דער פארניכטונג פון קלאסן, נאכדעם ווי די פראלעטארישע דיקטאטור וועט פון זיך אליין ליקווידירט ווערן. די בורזשואזיע ווילט, אז איר ארמיי זאל עקזיסטירן אייביק, ווייל די דאזיקע אייביקייט וואלט אפגעשפיגלט די אייביקייט פון דער בורזשואזער ארדענונג. און דער ארבעטער קלאס וויל, פארקערט, אז זיין קינד זאל שטארבן מיט א נאטירליכן און בכבודיקן טויט, ווייל דער מאמענט, ווען ס׳וועט מעגליך זיין פאנאנדערצולאזן די רויטע ארמיי, וועט זיין דער מאמענט פון ענדגילטיקן נצחון פון דער קאמוניסטישער ארדענונג.

די קאמוניסטישע פארטיי דארף דערקלערן די רויטארמייער, אז זיי זיינען סאלדאטן פון דער לעצטער ארמיי אויף דער וועלט, אויב די רויטע ארמיי וועט מנצח זיין די נייסטע גווארדיע פונעם קאפיטאל. נאר זי דארף אויך דערקלערן אלעמען, וואס נעמען אנטייל אין בויען די רויטע ארמיי, איר גאנצן איינגעפעסטיקטן פראלעטאריש־פויערשן קאדער: אז דער פראלעטאריער איז נאר אויף א צייט און נאר על פי נויט געווארן א סאלדאט, אז נאר דער פראדוקציע־געביט איז דער נאטירליכער געביט, וואו ער דארף אנווענדן זיין ארבעט, אז דער אנטייל אין דער רויטער ארמיי טאר בשום אופן ניט ברענגען צו דערצו, אז עס זאל באשאפן ווערן א וואסער ניט איז שיכט, וואס זאל אויף א לאנגע צייט זיין אפגעריסן פון דער פראדוקציע און פון דער לאנדווירטשאפט.

ווען ס׳האט זיך אנגעהויבן בויען די רויטע ארמיי, וועלכע איז אויסגעוואקסן פון דער רויטער גווארדיע פונעם פראלעטאריאט, האבן די מענשעוויקעס און די עסערן אויפגעהויבן א מוראדיקן גוואלד קעגן די קאמוניסטן דערפאר, וואס זיי זיינען ביגד אינם לאזונג פון אלגעמיינע באוואפענונג פונעם פאלק, אז זיי שאפן א שטענדיקע קלאסן ארמיי. דאס, וואס די רויטע ארמיי קען ניט זיין קיין שטענדיקע, איז קלאר פון דעם, וואס די בירגער קריג קען ניט דויערן אייביק. און אונזער ארמיי איז דערפאר א קלאסן ארמיי, ווייל דער בירגער־קריג איז געווארן שרעקליך פארביטערט. אנערקענען דעם קלאסנקאמף און ארויסזאגן זיך קעגן א קלאסן ארמיי, דאס קען נאר א לגמרי סעמפער קליינבירגערליבער אויספיסט. כאראקטעריש איז, וואס אפילו די בורזשואזיע גופא האלט שוין ניט פאר מעגליך און ניט פאר נויטיק צו באהאלטן דעם קלאסן כאראקטער פון איר ארמיי אין דער צייט, וואס גייט נאך דער ליקווידירונג פון דער וועלט־מלחמה. זעהר אינטערעסאנט איז אין דעם פרט דער גורל פון די שטענדיקע ארמייען פון דייטשלאנד, איינגלאנד, פראנקרייך. די דייטשישע גרינדונג־פארזאמלונג איז אויסגעקליבן דורך אלגעמיינע אפשטימונג, די שטיצט זיך פונדעסטוועגן אויף נאסקעס ווייסגווארדייאישע מיליטער־טיילן און ארמיי, וואס איז געשאפן געווארן אויפן יסוד פון אלגעמיינער מיליטער־פליכט קען שוין ניט דינען פאר א שטיצע פארן בורזשואזן דייטשלאנד בא דעם פארביטערטן קלאסנקאמף אויף דער צעשאלונג־שטופע פון דער בורזשואזער

געזעלשאפט, צו וועלכער ס'איז דערגאנגען דייטשלאנד. אין פראנקרייך אין איינגלאנד זיינען אין 1919-טן יאר די שטיצע פון דער רעגירונג ניט די ארמיי וואס איז געשאפן געווארן אויפן יסוד פון אלגעמיינער מיליטער-פליכט און וואס האט זיך באטייליקט אין דער וועלט מלחמה, נאר ווידער מיליטער-טיילן פון וויסגווארדייאישע פרייוויליקע, די זשאנדארמעריע און די פאליציי. אויף אזא אופן ווערט ניט נאר רוסלאנד, אנהייבנדיק פונם סוף פון 1917-טן יאר, נאר אייך גאנץ איראפע פונם סוף פון 1918-טן יאר כאראקטעריזירט דורך דער אפשאפונג פון דער סיסטעם פון אלגעמיינער מיליטער-פליכט און דורך דעם איבערגאנג צו דער סיסטעם פון קלאסן ארמייען. דערביי „טרעטן" די רוסלענדישע סאציאל-פאררעטער — די מענשעוויקעס און די עסערן — ארויס קעגן דער באשאפונג פון דער רויטער ארמיי פונם פראלעטאריאט, און אויף מערב ארגאניזירן זייערע חברים נאסקע און שיידעמאן אלייך די ווייסע ארמיי פון דער בורזשואזיע אויף אזא אופן, ווי'זט זיך דער קאמף קעגן דער באשאפונג פון א רויטער ארמיי פונם פראלעטאריאט אין נאמען פון אלגעמיינער באוואפענונג און „דעמא-קראטיע" אין דער פראקטיק ארויס ווי א קאמף פאר א קלאסן ארמיי פון דער בורזשואזיע).

וואס איז נוגע דער פאלקס-מיליציע, האט דער ביישפיל פון דער אממערסטן דעמאקראטישער פון אלע בורזשואזע רעפובליקן פון דער וועלט — פון דער שווייצארישער — באוויזן, אין וואס עס פארוואנדלט זיך די דאזיקע מיליציע אין די מאמענטן, ווען ס'פארשארפט זיך דער קלאסנקאמף. די „פאלקס" מיליציע פון דער שווייץ האט זיך בא דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע אינם לאנד פארוואנדלט אין פונקט אזא געווער צו דערשטיקן דעם פראלעטאריאט, ווי יעדע שטענדיקע ארמיי פון וויניקער דעמאקראטישע לענדער. אזא וועט זיין דער גורל פון „אלגעמיינער באוואפענונג פונם פאלק" אומעטום און דורכאויס וואו זי זאל ניט פארווירקליכט ווערן בא דער פאליטישער און עקאנאמישער הערשאפט פונם קאפיטאל.

די קאמוניסטישע פארטיי שטייט ניט פאר אלגעמיינער באוואפענונג פונם פאלק, נאר פאר אלגעמיינער באוואפענונג פון די ארבעטנדיקע. און נאר אין יענער געזעלשאפט, וואו ס'וועט קיין אנדערע ניט זיין, א חוץ ארבעטנדיקע נאר אין אן אנקלאסן געזעלשאפט איז מעגליך די אלגעמיינע באוואפענונג פונם פאלק.

ליטעראטור. קיין ליטעראטור איז כמעט ווי ניטא. מיר וועלן אנווייזן טראצקיס אר-טיקלען, וואס האבן זיך געדרוקט אין „פראוודא" און „איזוועסטיא", דער זאמלבוך „די רעוואלו-ציאנערע מלחמה" אונטער דער רעדאקציע פון פאדוואיסקי און פאוולאוויטש. ל. טראצקי, „די אינטערנאציאנאלע לאגע און די רויטע ארמיי" (פאראן אין אידיש), ל. טראצקי, „די ראזן מאכט און דער אינטערנאציאנאלער אימפעריאליזם" (פאראן אין אידיש), ג. זינאוויעוו, „ארומער לאגע און די אויפגאבע צו שאפן א רויטע ארמיי", ג. זינאוויעוו, „די רעדע וועגן שאפן די רויטע ארמיי". וו. מ. יאראסלאווסקי, „די נייע ארמיי".

קאפיטל IX.

דער כראַלעטאַרישער געריכט.

§ 70. דער געריכט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. § 71. דאַס אויסוויילן די שופטים דורך די אַרבעטעדיקע. § 72. אַן איינהייטליכער פאָלקסגעריכט. § 73. די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן. § 74. די שטראָפן פונם פּראָלעטאַרישן געריכט. § 75. די צוקונפט פונם פּראָלעטאַרישן געריכט.

§ 20 **דער געריכט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.** צווישן אַנדערע אַנשטאַלטן פון דער בורזשואַזער מלוכה, וואָס דינען איף אונטערצודריקן די אַרבעטס-מאַסן און אויף צו פאַרפירן זיי, איז אויך דער בורזשואַזער געריכט.

אָט די בכבודיקע אַנשטאַלט טראָגט אַרויס אירע פּסק-דינים לויט געזעצן, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט אין די אינטערעסן פון דעם עקספּלואַטאַטאָרן קלאַס. איף וואָס פאַר אַן אויפן ס'זאָל בכן ניט זיין געבויט דער צוזאַמענשטעל פונם געריכט, איז ער שוין לכתחילה באַגרענצט אין זיינע באַשלוסן דורך בענדער פאַרשיידענע תקנות, וואָס ס'איז אונטערגעפירט אַ סך הכל צו די פּריווילעגיעס פונם קאַפּיטאַל און צו דער רעכטלאָזיקייט פון די אַרבעטס-מאַסן.

וואָס איז נוגע דער אָרגאַניזירונג גופא פונם בורזשואַזן געריכט, אַנטשפּרעכט זי פילשטענדיק דעם טיפּ פון אַ בורזשואַזער מלוכה. דאָרט וואו די בורזשואַזע מלוכה איז מער אָדער ווייניקער אָפּנהערציק, דאָרט, וואו ס'קומט איס צו לאָזן אַן אַ זייט די צביעות, כדי אַרויסצובאַקומען פּסק דינים לטובת די הערשעדיקע קלאַסן, דאָרט ווערן די שופטים באַשטימט פון אויבן, און אויב זיי ווערן אויסגעקליבן, איז נאָר פון דעם פּריווילעגירטן טייל פון דער געזעלשאַפט. פאַרקערט, איף וויפל די מאַסן זיינען שוין גענוג אָנגעלערנט פון קאַפּיטאַל, זיינען גענוג אים אונטערטעניק און האַלטן זיינע געזעצן אויך פאַר זייערע געזעצן, אויף אַזוי פיל ערלויבט מען די אַרבעטעדיקע צו זיין אַליין שופטים, פונקט ווי מען ערלויבט זיי צו וויילן אין די פּאַרלאַמענטן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן אָדער זייערע משרתים. איף אַזאַ אופן איז אויפגעקומען און האָט עקסיסטירט דער געריכט מיט געשוואָרענע אַסעסאָרן, אַ דאַנק וועלכן מע האָט געקענט אַרויסגעבן די פּסק-דינים לטובת דעם קאַפּיטאַל פאַר פּסק-דינים „פונם פאָלק גופא“.

§ 71. דאס אויסווילן די שופטים דורך די ארבעטעדיקע

אין די פראגראמעס פון די סאציאליסטן, וואס זיינען געווען אין צווייטן אינ-טערנאציאנאל, פלעגט ארויסגעשטעלט ווערן די פאדערונג, אז די שופטים דארפן אויסגעקליבן ווערן דורכן פאלק. אין דער תקופה פון פראלעטארישער דיקטאטור איז פונקט אזוי אוממעגלעך צו פארווירקליכן די דאזיקע פאדערונג, און די איז פונקט אזוי רעאקציאנער, ווי די פאדערונג פון אלגעמיינעם וואל-רעכט אדער פון אלגעמיינער באוואפענונג פונם פאלק. ווען דער פראלעטאריאט שטעלט זיך בא דער מאכט, קען ער ניט דערלאזן, אז שופטים איבער אים זאלן זיין זיינע קלאסן שונאים, ער קען ניט האלטן פאר משגיחים איבער די דעקרעטן, וואס זייער ציל איז צו פארניכטן די הערשאפט פונם קאפיטאל, פארשטייער פונם קאפיטאל אדער פון גרויסער ערדאייגענטום. אחוץ דעם, מוז מען די אנסופיקע צאל אלערליי קרימינעלע און ציווילע ענינים פארקומען אינם גייסט פון דער נייער געשאפן ווערנדיקער סאציאליסטישער געזעל-שאפט.

דעריבער האט די ראטן מאכט ניט נאר פארניכטעט אלע אפאראטן פונם אלטן געריכט, וועלכער פלעגט, דינענדיק דעם קאפיטאל, צבועיש זיך ארויסגעבן פאר די שטים פון פאלק, נאר זי האט אויך געבויט א נייעם געריכט, כלל ניט באהאלטנדיק זיין קלאסן כאראקטער. אין דער געשטאלט פונם אלטן געריכט האט די מינדערהייט עקספלואטאטארן געמשפט די ארבע-טעדיקע מערהייט. דער געריכט פון דער פראלעטארישער דיקטאטור איז א געריכט פון דער ארבעטעדיקער מערהייט איבער דער עקספלואטאטארישער מינדערהייט. און אזוי איז ער טאקע געבויט, די שופטים ווערן אויסגעקליבן נאר דורך די ארבעטעדיקע, פאר שופטים ווערן אויסגעקליבן רק ארבעטעדיקע. פאר די עקספלואטאטארן פארבלייבט נאר דאס רעכט צו ווערן געמשפט.

§ 72. אן איינהייטלעכער פאלקס-געריכט. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז די ארגאניזאציע פונם געריכט זייער א פארפלאנטעטע, די בור-זשואזע יוריסטן שטאלצירן זייער מיט דעם, וואס א דאנק דעם, וואס ס'איז פאראן א גאנצער לייטער פון געריכט-אינסטאנצן, איז דעריבער געזיכערט די גערעכטיקייט. און די צאל געריכט-טעותן ווערט דערפירט ביז א מינימום. נאר אין דער אמתן איז דאס, וואס יעדער ענין גייט דורך דורך פארשיידענע אינ-סטאנצן, איז שטענדיק געווען און בלייבט נאך עד היום באקוועם מער ניט ווי פאר די פארמעגלעכע קלאסן. די רייכע שיכטן פון דער באפעלקערונג האבן אין זייער רשות א גאנצע מחנה געדונגענע אדוואקאטן. און זיי קענען זיך דעריבער דערשלאגן, אז די העכערע אינסטאנצן זאלן ארויסטראגן זייער פסק-דין צו גוטן, אין דער צייט ווען אן ארעמער בעל-תביעה מוז זיך אפזאגן פון ווייטער דעם משפט, ווייל דאס פאדערט גרויסע מיטלען. דאס וואס דער משפט גייט דורך דורך פארשיידענע אינסטאנצן, גאראנטירט א „גערעכ-טיקן" פסק-דין נאר אין דעם זין, וואס עס גאראנטירט א פסק-דין אין די אינ-טערעסן פון די עקספלואטאטארישע גרופעס.

דער איינהייטלעכער געריכט פון דער פראלעטארישער מלוכה פארקירצט

ביז א מינימום יענעם טערמין, וואָס דער משפּט גייט דורך פונם מאָמענט
ווען ער איז אָנגעקומען צום געריכט ביזן ענדגילטיקן פּסק-דין. די געריכט
שלעפּעניש ווערט געוואַלטיק פאַרקירצט. און אויב זי איז נאָך אויך איצט
פאַראַן, איז עס נאָר צוליב דער אַלגעמיינער ניט־פלינקייט פון אַלע ראַטן
אַנשטאַלטן אין די ערשטע חדשים און יאָרן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַ-
טור. דער פּועל יוצא דערפון איז דאָס, וואָס דער געריכט ווערט צוגענגלעך
פאַר די מאַסע אָרעמסטע און מיטעלסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און ער
וועט ווערן נאָך צוגענגלעכער, ווען ס'וועט פאַרבייגיין דער שאַרפער פּעריאָד
פונם בירגער-קריג און ווען אַלע צווישנבאַציִונגען צווישן די בירגער פון
דער רעפּובליק וועלן באַקומען א מער פעסטן און זיכערן כאַראַקטער. אין א
צייט פון מלחמה, ווען די געוועזענע פּריצים יאָגן די אַרבעטער, אין א צייט פון
בירגער-קריג, זיינען די געזעצן לטובת די אַרבעטנדיקע ביים אויסשטויסן געוואָרן.
די פאָלקס-געריכטן אַרבעטן. נאָר ניט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט שוין גע-
האַט צייט צו באַקאַנען זיך מיטן מהות פונם נייעם געריכט און אָפּצושאַצן
אַלע זיינע מעלות.

אין א צייט, ווען די אַלטע געזעלשאַפט ווערט צעבראָכן און עס בויט
זיך א נייע, איז די אויפגאַבע פון די פאָלקס-געריכטן זייער גרויס. די ראַטן
געזעצגעבונג קען ניט דערגרייכן דאָס ציל. די געזעצן פון דער בורזשואַזנ-פּרי-
וואַטישער אָרדענונג זיינען אָפּגעשאַפט; די געזעצן פון דער פּראָלעטאַרישער
מלוכה זיינען אָנגעשריבן מער ווי ווי אין אַלגעמיינע שטריכן, און איינצלנע
פעלן זיי קיינמאָל ניט אָנגעשריבן ווערן, ווייל דער אַרבעטער קלאַס האָט ניט געדאַרפט
צו פאַראייביקן זיין הערשאַפט און ער באַנוצט זיך ניט אין צענטראַלקער
געזעצער פאַרשידענע דעקרעטן, נאָכדעם ווי ער דריקט אויס זיין ווילן אין א
אַלגעמיינער פאָרם איז גרונט-רעכטעט. ווען ער שוין איבערגעבן די פאָלקס-שופטים
וואָס ווערן אויסגעקליבן דורך די אַרבעטנדיקע, צו מאַכן אויף אים פּירושים
און אָנווענדן אים אין דער פּראַקטיק. ס'ווערט נאָר וויכטיק, אַז די פּסק-דינים
פון די ראַטישע געריכטן זאָלן אָפּשפּיגלען דעם פאָלקסטימלעכן איבערצייגונג מיט די
מנהגים און דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזער אָרדענונג. אַז די פאָלקס-
שופטים זאָלן משפּטן לויט דעם סאָציאַליסטישן, פּראָלעטאַרישן, און ניט לויט
דעם בורזשואַזן געוויסן. אין דער גרויסער צאָל משפּטים, וואָס קומען אויף,
ווען עס גרעבן זיך די אַלטע פאַרהעלטענישן און ווען עס ווערן פאַרווירקלעכט
די רעכט פונם פּראָלעטאַריאַט, האָבן די פאָלקס-געריכטן א מעגלעכקייט צו
רעפאָרמירן ביזן סוף יענע איבערקערעניש, וועלכע ס'האָט אָנגעהויבן די אָק-
טיאַבער-רעוואָלוציע פון 1917-טן יאָר און וועלכע דאַרף זיך פאַרשפּרייטן אויף
קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די בירגער פון דער ראַטן רעפּובליק. ביים
באַטראַכטן, פון דער אַנדער זייט, יענע גרויסע צאָל משפּטים, וואָס קומען אויף
אומאָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, דאַרפן
די פאָלקס-געריכטן אַרויסווייזן א גאַנץ נייע באַציִונג פונם רעוואָלוציאָנערן
פּראָלעטאַריאַט צו אַזעלכע פאַרברעכנס און דורכפירן א גאַנצע רעוואָלוציע
אינעם כאַראַקטער פון די באַשטראָפונג-מיטלען.

§ 73. **די רעוואלוציאנערע טריבונאלן.** דעם אויסגעקליבענעם פאלקס-געריכט וואס קען אלע מאל אפגערופן ווערן דורך די וויילער, דעם געריכט, אין וועלכן יעדער ארבעטעדיקער פארווירקליכט איינער נאך דעם אנדערן זיין רעכט צו זיין א שופט, באטראכט די קאמוניסטישע פארטיי ווי א נאָרמאַלן געריכט פון א סאציאליסטישער געזעלשאפט. נאר אין דער צייט פונם מוראדיק פארשארפטן בירגער-קריג, איז פאראן א נויטיקייט צו ארגאניזירן צוזאמען מיט די פאלקס-געריכטן אויך רעוואלוציאנערע טריבונאלן. די אויפגאבע פון די רעוואלוציאנערע טריבונאלן באשטייט אין משפטן גיך און אומברחמנותדיק די שונאים פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע. די דאזיקע געריכטן זיינען איינער פון די מיטלען צו דערשטיקן די עקספלואטאטארן, און אין דעם פרט זיינען זיי פונקט אזעלכע ארגאנען פון פראלעטארישער פארטייאיקונג אין אנגריף, ווי די רויטע גווארדיע, ווי די רויטע ארמיי, ווי די אויסערארדנטלעכע קאמיסיעס. און דעריבער זיינען די רעוואלוציאנערע טריבונאלן ארגאניזירט אויף ווייניקער דעמאקראטישע יסודות, ווי די פאלקס-געריכטן, זיי ווערן באשטימט פון די ראטן און ווערן ניט אויסגעקליבן דירעקט פון די ארבעטס-מאסן.

§ 74. **די שטראפן פונם פראלעטארישן געריכט.** אינם בלוטיקן קאמף קעגן קאפיטאל קען זיך דער ארבעטער קלאס ניט אפזאגן פון דער העכסטער שטראף, וועלכע ער לייגט ארויף אויף זיינע אפענע פיינט. ס'איז אוממעגליך אפצושאפן טויט-שטראף כל-זמן ס'דויערט דער בירגער-קריג. נאר א ריין אביעקטיווער פארגלייך פונם פראלעטארישן געריכט מיטן געריכט פון בורזשואזער קאנטר-רעוואלוציע באווייזט די אויסערגעוויינטלעכע ווייכקייט פון די שופטים-ארבעטער אין פארגלייך מיט די תלינים פון דער בורזשואזער יוסטיציע. נאר אין גאר זעלטענע פאלן פארמשפט ער צום טויט. דאס איז בפרט כאראקטעריסטיש פאר די געריכט-פראצעסן פון די ערשטע חדשים פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. ס'איז גענוג דא צו דערמאנען, אז דער בארימטער פורישקעוויטש פון פעטראגראד, איז בשעתן פארמשפט געווארן פונם רעוואלוציאנערן טריבונאל צו צוויי וואכן תפיסה אינגאנצן. א שטארקע גרויסמוטיקייט בא די פראגרעסיווע קלאסן פון דער געזעלשאפט, בא די קלאסן, וואס האבן א צוקונפט, א גרויסע אכזריות — בא אפשטארבנדיקע קלאסן אנטפלעקט זיך אויך אין דער פראקטיק פונם פראלעטארישן געריכט.

וואס איז נוגע די שטראפן, וועלכע די פראלעטארישע געריכטן לייגן ארויף פאר פארברעכנס, וואס טראגן ניט קיין קאנטר-רעוואלוציאנערן כאראקטער, אונטערשיידן זיך ראדיקאל די דאזיקע שטראפן פון די שטראפן פונם בורזשואזן געריכט. און דאס איז גאנץ פארשטענדליך. דאס גרעסטע רוב פארברעכנס, וואס ווערן געמאכט אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, שטעלן מיט זיך פאר אדער פארברעכנס קעגן אייגנטום-רעכט אדער פארברעכנס, וואס זיינען אזוי אדער אנדערש פארבונדן מיט אייגנטום. נאטירליך, אז די בורזשואזע מלוכה פלעגט זיך נוקם זיין אן די פארברעכער, און די שטראפן פון

דער דאזיקער געזעלשאפט שטעלן מיט זיך פאר פארשיידענע מינים נקמה פונם בייזן אייגנטימער. פונקט אזוי זינגלאז זיינען געווען און זיינען נאך איצט די שטראפן פאר פארברעכן, וואס טראגן א צופעליקן כאראקטער אדער פאר פארברעכנס, וואס זיינען צונויפגעבונדן מיט דער אלגעמיינער אימפילקומקייט פון די בורזשואזע פארהעלטענישן אין גאנצן גענומען, פארברעכנס אויפן פאמיליען-באדן, ראמאנטיש, אויפן באדן פון אלקאהאליזם און דעגענעראציע, אויפן באדן פון אומוויסנקייט און אונטערדריקטקייט פון די סאציאלע אינסטינקטן און א. וו.). דעם פראלעטארישן געריכט קומט אויס האבן צו טאן מיט פארברעכנס, פאר וועלכע דער באדן איז צוגעגרייט געווארן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואס איז נאך נים ליקווידירט אין אלע אירע איבערלעבונגען. דער פראלעטארישער געריכט האט באקומען פון דער אלטער ארדענונג א דערצויגענעם דורך דער דאזיקער ארדענונג קאדער פון פראפעסיאנעלע פארברעכער. דעם פראלעטארישן געריכט איז לחלוטן פרעמד דער נקמה געפיל. ער קען נים נעמען נקמה פון מענטשן דערפאר, וואס זיי האבן געלעבט אין א בורזשואזער געזעלשאפט, דעריבער שפיגלען טאקע שוין אפ די שטראפן פון אונזערע פאלקס-געריכטן א פולשטענדיקע רעוואלוציע אין דער יוסטיציע. אלץ אפטער ווערט אנגעווענדעט א תנאי שטראף: דאס איז א שטראף אן א שטראף, וואס שטעלט זיך פאר איר הויפט-אויפגאבע אננעמען מיטלען, אז דער פארברעכן זאל נים געמאכט ווערן נאך א מאל. ס׳ווערט אנגעווענדעט געזעלשאפטליכער אויסרייד — א מיטל, וואס איז גילטיק רק אין אן אנקלאסן געזעלשאפט און וואס איז אויסגערעכנט אויפן וואוקס פונם געזעלשאפטליכן באוואוסטזיין און פון דער געזעלשאפטליכער פאראנטווארטליכקייט, תפיסה אן ארבעט — אט דער צוואנג-פאראזיטיזם, וואס פלעגט אזוי אפט אנגעווענדעט ווערן פונם צאריזם, ווערט פארביטן מיט געזעלשאפטליכער ארבעט. בכלל שטרעבט דער פראלעטארישער געריכט צו באצאלן פארן שאדן, וואס דער פארברעכער ברענגט דער געזעלשאפט, מיט דער פארגרעסערטער ארבעט פונם שולדיקן. לסוף, ווען דער געריכט האט צו טאן מיט א רעצידיוויסט, ווען באפרייען אפילו נאך דעם, ווי ער וועט אויספירן זיין שטראף וואלט הייסן שטעלן אין געפאר דאס לעבן פון אנדערע בירגער, ווערט דורכגעפירט די איזאלירונג פונם פארברעכער פון דער געזעלשאפט, און דעם פארברעכער ווערט דערביי געגעבן די פולשטענדיקע מעגליכקייט זיך מאראליש צו ענדערן.

דאס רוב פון די אויסגערעכנטע שטראף מיטלען, וואס באטייטן א פולשטענדיקע איבעראנדערשונג פון די געוויינטליכע שטראף-מיטלען זיינען שוין פארטיידיקט געווארן פון די בעסטע בורזשואזע יוריסטן, נאר די דאזיקע מיטלען זיינען אין דער בורזשואזער געזעלשאפט געבליבן נים מער ווי א טרוים. דורכפירן זיי אין לעבן האט געקענט אנהויבן נאר דער נצחונות׳דיקער פראלעטאריאט.

§ 75. די צוקונפט פונם פראלעטארישן געריכט. וואס איז שייך די רעוואלוציאנערע טריבונאלן, איז אט די פארם פונם פראלעטארישן

געריכט האט קיין שום צוקונפט ניט, פונקט ווי די רויטע ארמיי, ווען די וועט מנצח זיין די ווייסע גווארדיע, ווי די אויסערארדנטליכע קאמיסיעס, ווי אלע ארגאנען, וואס דער פראלעטאריאט האט געשאפן אינם פעריאד פונם ניט פאר־ענדיקטן בירגער־קריג. מיטן נצחון פונם פראלעטאריאט איבער דער בורזשואזער קאנטר־רעוואלוציע וועלן די דאזיקע ארגאנען פארשווינדן, ווייל ס׳וועט מער אין זיי קיין נויט ניט זיין.

דער פראלעטארישער געריכט, פארקערט, אין דער פארם פון אן אויסגע־קליבענעם פאלקס־געריכט וועט, אן שום ספק, איבערלעבן דעם סוף פונם בירגער־קריג און וועט נאך מוזן א לאנגע צייט מיט זיינע פסק־דינים אפרייניקן די רעשטן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אין אירע פארשיידנארטיקע אנטפלע־קונגען. די פארניכטונג פון די קלאסן מאכט ניט מיט אמאל קיין סוף מיט דער קלאסן פסיכאלאגיע, וועלכע לעבט שטענדיק איבער די געזעלשאפטליכע פאר־העלטענישן, וואס האבן זי ארויסגערופן, ביז די קלאסן אינסטינקטן און געוווינ־הייטן. אחוץ דעם, קען זיך אויף א לאנגער צייט פארציען דער פראצעס גופא פון דער קלאסן פארניכטונג. ניט מיט אמאל וועט פארקומען די פארוואנדלונג פון דער בורזשואזיע אין אן ארבעטס־גרופע, די פארוואנדלונג פון די סוחרים אין ארבעטער פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט. דער לעצטער פראצעס וועט זיין א לאנגדויערדיקער און וועט ארויסרופן א סך געריכט־פראצעסן. אויך דאס פריוואט־אייגנטום אויף געברויך־מיטלען, וואס וועט עקסיסטירן כל זמן ס׳וועט ניט אנקומען די ריין קאמוניסטישע פארטיילונג, וועט פירן צו אסך עוולות און פארברעכנס. לסוף, פארברעכנס קעגן דער געזעלשאפט, וואס ווערן ארויסגערופן דורכן פערזענלעכן עגאאיזם פון איינצלנע מיטגלידער און אלערליי שטערונגען פונם געזעלשאפטלעכן וואוילשטאנד וועלן נאך אויך א לאנגע צייט מוזן בא־שטראפט ווערן אין די געריכטן. דער געריכט וועט, אמת, ענדערן דאן זיין כא־ראקטער: ביסלאכווייז, אויף וויפל ס׳וועט אפשטארבן די מלוכה, וועט ער זיך פארוואנדלען אין אן ארגאן אויף אויסצודריקן די געזעלשאפטלעכע מיינונג, און וועט אלץ מער אננעמען דעם כאראקטער פון א חברישן געריכט, וועמעס פסק־דינים וועלן אויסגעפירט ווערן ניט מיט געוואלט, נאר זיי וועלן האבן בלויז א מאראלישע באטייטונג.

[illegible] קאמוניסטישע ליטעראטור וועגן דעם בורזשואזן און פראלעטארישן געריכט [illegible], פון די אלטע קען מען רעקאמענדירן [illegible] ק. מארקס. [illegible] געריכט [illegible] קלענער פראצעס פון קאמוניסטן, ענגעלס [illegible] פון דער [illegible] מלוכה, [illegible] די ארבעטער־פראגראם און [illegible] פון דער [illegible], ענגעלס [illegible] די ערטער [illegible] קאאוטסקי, „די [illegible] פון [illegible] פארברעכנס", וואן־קאן „די עקאנאמישע פאקטארן [illegible] פארברעכנס", [illegible] „די סאציאלע פאקטארן פון [illegible]".

[illegible] — „די קאנסטיטוציע פון דער ר. ס. פ. ס. ר." און [illegible] ס. [illegible] „דער פאלקס־געריכט" און א. ו. [illegible] [illegible] ארויסגעגעבן [illegible]

קאפּיטל X.

די שול און דער קאמוניזם.

§ 76. די שול פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. § 77. די ערשטע־ארדנונג — אויפגאבן פון קאמוניזם. § 78. די שול איז א מיטל פון קאמוניסטישער דערציונג און אויפקלערונג. § 79. די פאראלעלע־פארלערנונג. § 80. די איינהייטלעכע ארבעטשול. § 81. ספעציעלע בילדונג. § 82. די הויכשול. § 83. ראטן און פארמישילן. § 84. אויסערשולישע בילדונג. § 85. נייע בילדונג־טעטיקייט. § 86. די אוצרות פון קונסט און וויסנשאפט פאר די ארבעטערקע. § 87. די עלנט־פראפאגאנדע פון אטעאיזם. § 88. די פאלקסבילדונג ביים צארישן און בא דער ראטן מאכט.

§ 76. די שול פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט שפילט די שול אויס דריי גרונט־אויפגאבן: 1) זי דערציט דעם יונגן דור ארבעטערקע אינם גייסט פון איבערגעגעבנקייט און ירעות הכבוד צו דער קאפּיטאליסטישער ארדנונג; 2) די גרייט צו פון דער יוגנט פון די הערשנדיקע קלאסן „געבילדעטע" דרעסירער פארן ארבעטס־פאלק; 3) די באדינט די קאפּיטאליסטישע פּראדוקציע, אויסנוצנדיק די וויסנשאפט צוליב דער טעכניק פונם קאפּיטאליסטישן רווח און כדי צו פארגרעסערן דעם דאזיקן רווח.

די ערשטע אויפגאבע ווערט אין דער שול דורכגעפירט אויף דעם זעלבן אופן, ווי אין דער ארמיי, וואס הייסט, עס ווערט, ראשית כל, געשאפן א געהעריקע קאדער א מיסטער פון פאליטישן [illegible]. די לערער פון די בורזשואזע שולן, וואס זיינען באשטימט פארן פאלק, זיינען דורך א געוויסן קריים, וואו זיי ווערן צוגעברייט צו זייער ראלע פון דרעסירער. פאר לערער אין די שולן ווערן צוגעלאזן נאר די געטרייע פונם בורזשואזן שטאנדפּונקט מענטשן. אויף דעם גיבן שוין אכטונג די מיניסטעריומס פון בורזשואזער בילדונג און זיי טרייבן אוס ברחמנותדיק ארויס פון דער לערער־סביבה אלע עקזיליכע, וואס הייסט, סאציאליסטישע עלעמענטן. די דייטשישע פאלקס־שול פון פאר דער רעוואלוציע, וואס האט געדינט ווי א דערגענצונג צו ווילהעלמס קאזארמע, שטעלט מיט זיך פאר א בולטן מוסטער פון דעם, ווי אזוי די פריצים און דער בורזשואזיע פלעגט זיך אויסנוצן מיט די [illegible] פאבריצירן געטרייע און בלינדע קנעכט פונם קייזער. די לימודים אין די שולן, [illegible] בורזשואזיע שולן זיינען, [illegible] א באשטימטער [illegible] גרונט, וואס איז [illegible] צוגעפאסט [illegible] פון [illegible]

דרעסירן די תלמידים. אלע לערנבוכער פלעגן זיך צונויפגעשטעלט ווערן אין א געוויסן גייסט. די זעלביקע צוועקן האט געדינט אויך די גאנצע בורזשואזע ליטעראטור, וועלכע איז געשאפן געווארן פון מענטשן, וואס האבן געקוקט אויף די בורזשואזע ארדענונג, ווי אויף א נאטירלעכע, אייביקע און בעסטע פון אלע מעגלעכע ארדענונגען, א דאנק דעם פלעגן די תלמידים אוממערקלעך פאר זיך אליין ווערן דורכגעדרונגען מיט בורזשואזער פסיכאלאגיע און פלעגן קומען אין התפעלות פון אלע בורזשואזע מדות: דרך ארץ צו רייכקייט, כבוד, יחוס, זיי פלעגן דורכגעדרונגען ווערן מיט א שטרעבונג צו קאריעריזם, מיט א שטרעבונג צו פערזענלעכן וואוילטאג און אז. וו. די ארבעט פון די בורזשואזע לערער פלעגן פארענדיקן די גלחים מיט זייער לערנען „רעליגיע-געזעצן", וועלכע פלעגן, א דאנק דעם אייגנגן צוזאמענבונד צווישן דעם קאפיטאל מיט דער קירכע, שטענדיק זיין די געזעצן פון די פארמעגליכע קלאסן. 1)

דער צווייטער צוועק ווערט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט דערגרייכט דורך דעם, וואס מע מאכט באוואוסטזיניק די מיטעלע און הויכע בילדונג ניט צוגייגנגליך פאר די ארבעטער-מאסן, לערנען זיך אין די מיטל און בפרט אין די הויכשולן פאדערט זעהר גרויסע מיטלען, וועלכע די ארבעטעדיקע פארמאגן עס ניט

לערנען זיך אין די דאזיקע שולן דויערט צענדליקער און מער יארן און עס איז דעריבער ניט צוגייגנגליך פארן ארבעטער און פויער, וועלכער מוז, כדי אויסצוהאלטן זיין פאמיליע, שוין פון קינדוויס אן טרייבן זיינע קינדער ארבעטן אויפן פאבריק, אין פעלד אדער אין דער הויז-ווירטשאפט. די מיטל און די הויכשולן ווערן פאקטיש פארוואנדלט אין לערנאנשטאלטן פאר דער בורזשואזער יוגנט. דא ווערט די יונגט פון די הערשעדיקע קלאסן צוגעגרייט אויף צו פארבייטן זייערע פאטערס אויף די עקספלואטאטארישע פאסטענס אדער שטעלעס פון באאמטע און טעכניקער פון דער בורזשואזער מלוכה. און די לימודים אין די דאזקע שולן טראגן א שטרייג-קלאסן כאראקטער, אייב אינם געביט פון מאטעמאטיק, טעכניק און אינם געביט פון נאטורוויסנשאפטן איז עס ניט אזוי ניכר לויטן עצם פון די דאזיקע געגנשטאנדן, טרעט עס גאנץ בולט ארויס אין די געזעלשאפטליכע וויסנשאפטן, וועלכע באשטימען אייגנטליך די וועלטאנשויבונג פון די תלמידים. מע לערנט דארט די בורזשואזע פאליטישע עקאנאמיע צוזאמען מיט די סאמע פולקומנע מעטאדן צו „צעקלאפן מארקסן". סאציאלאגיע און געשיכטע ווערן אויך געלייענט אין א ריין בורזשואזן גייסט. די געשיכטע פון רעכט פארענדיקט זיך מיט דער באַקאנטשאפט פונם בורזשואזן רעכעט, ווי מיט נאטירליכן רעכט פון דעם

---

1) אין רוסלאנד ביים צאריזם פלעגט מען האלטן די פאלקס-מאסן אין הכנעה צו דער פריצישער מלוכה ניט אזוי דורך דער בורזשואזו-גלחיש-צארישער „בילדונג", ווי דורך דעם, וואס מע פלעגט ניט דערלאזן קיין שום בילדונג. אין דעם פרט איז באוואוסט די „סעמריע" פונם באַרימטן בילדונג-שונא פאבעדאנאסצעוו, וועלכער האט געהאלטן די עם הארצות פינם פאלק פאר די הויפט שטיצע פון דער אליינהערשונג.

מענטשן און דעם בירגער" און א. וו. און א. וו. דער פועל-יוצא פון דעם אי-
דער, וואס די מיטל און די הויכשולן גיבן די בורזשואזע זינדלאך אלע וויכטיקע
ידיעות כדי צו באדינען די בורזשואזע געזעלשאפט און כדי צו שיצן די גאנ-
צע סיסטעם פון דער בורזשואזער עקספלואטאציע.

אויב אין די הויכשול, פאלן אריין קינדער פון ארבעטעדיקע, געוויינטלעך
די צום מערסטן טאלענטפולע, רייסט זיי דאס רוב דער בורזשואזער שול-
אפאראט מיט ערפאלג אפ פון זייער אייגענעם קלאס שמעקט זיי אן מיט בור-
זשואזער פסיכאלאגיע און נוצט סוף כל סוף אויס די טאלענטן פון די ארבע-
טעדיקע אויף צו דערשטיקן מאקע אט די ארבעטעדיקע.

וואס איז שייך צו דער דריטער אויפגאבע, דערגרייכט זי די בורזשואזע
שול אט אויף וואס פאר אן אופן. אין א קלאסן געזעלשאפט ווערט די וויסנ-
שאפט אפגעריסן פון דער ארבעט: זי ווערט נישט נאר א פארמעגן פון די פאר-
מעגלעכע קלאסן נאר נאך מער: א פראפעסיע פון א באשטימטן און פון א גענוג
שמאלן קרייז מענטשן. סיי די וויסנשאפטלעכע לימודים, סיי די וויסנשאפטלעכע
פארשונג ווערן אפגעריסן פונם ארבעטס-פראצעס. כדי אויסצונוצן די מאטער-
יאלן פון דער וויסנשאפט פאר דער פראדוקציע, האט די בורזשואזע געזעלשאפט
געמוזט שאפן א גאנצע ריי אינסטיטוטן, וואס העלפן מיט דער אוטיליזירונג פון
די וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען פאר דער טעכניק, און א ריי טעכנישע שולן
וואס גיבן א מעגלעכקייט צו האלטן די פראדוקציע אויף איין הויך מיט די ער-
פאלגן פון דער „ריינער", דאס הייסט, אפגעריסענער פון ארבעט וויסנשאפט. צו-
זאמען מיט דעם גיבן די פאליטעכנישע שולן דער קאפיטאליסטישער געזעל-
שאפט נישט נאר א פערסאנאל מיט טעכנישע קענטענישן, נאר אויך א קאדער
משגיחים און אדמיניסטראטארן איבערן ארבעטער קלאס. חוץ דעם, ווערן גע-
שאפן צו באדינען דעם פראצעס פון סחורות-צירקולאציע פארשידענע האנדל-
שולן, קאמערץ-אינסטיטוטן און א. וו. דאס, וואס ס'איז אין אט דער גאנצער ארגאני-
זאציע צוזאמענגעבונדן מיט דער בורזשואזער פראדוקציע, דאס מוז אפ-
שטארבן, ס'וועט איינגעהיט ווערן נאר וואס העלפט מיט דער אנטוויקלונג פון
דער וויסנשאפט, — ס'וועט אפשטארבן מיט די איזאלירונג פון דער
וויסנשאפט פון דער ארבעט. ס'וועט איינגעהיט ווערן דאס שטודירן טעכנישע
קענטענישן, ס'וועט פארענדערט ווערן דער אופן צו שטודירן זיי אפגעזונדערט
פון פיזישער ארבעט. ס'וועט איינגעהיט ווערן און ס'וועט פארברייטערט ווערן
די אויסנוצונג פון דער וויסנשאפט פאר דער פראדוקציע — ס'וועלן פארניכטעט
ווערן די מניעות פאר דער דאזיקער אויסנוצונג, וואס דער קאפיטאל פלעגט
אויסנוצן די וויסנשאפט נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפל דאס פלעגט אין יעדן
געגעבענעם מאמענט גרעסער מאכן די ריווח-נארמע.

§ 77. די צעשטערונג-אויפגאבן פונם קאמוניזם. אין דעם
שול-ענין שטייט די קאמוניסטישע פארטיי, ווי אויך אין אלע געביטן, נישט נאר
פאר שאפונג, נאר די ערשטע צייט אויך פאר צעשטערונג-אויפגאבן. אין דער
שול-סיסטעם פון דער בורזשואזער געזעלשאפט דארף גלייך צעשטערט ווערן

אלץ, וואס ס'האט געמאכט די שול פאר א געצייג פון קלאסן הערשאפט פאר דער בורזשואזיע.

אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז די שול אויף די העכערע שטופן געווען א פארמעגן פון די עקספלואטאטארישע קלאסן. די דאזיקע שול אין געשטאלט פון אנצאליקע גימנאזיעס, רעאל-שולן, אינסטיטוטן, קאדעטן-קארפוס און א. וו. מוז פארניכטעט ווערן.

דער לערער-פערסאנאל פון דער בורזשואזער שול דינט דער זאך פון בורזשואזער אויפקלערונג און פארפירעריי. פון דער פראלעטארישער שול מוז אומברחמנותדיק ארויסגעטריבן ווערן יענער טייל פונם לערער-פערסאנאל פון דער אלטער שול, וועלכער קען ניט, אדער וויל ניט זיין קיין געצייג פון קאמוניסטישער אויפקלערונג פון די מאסן.

אין דער אלטער שול פלעגן באגוצט ווערן לערנביכער, וואס זיינען צוזאמענגעשטעלט געווען אין א בורזשואזן גייסט. ס'פלעגן באנוצט ווערן מעטאדן פון לערנען, וואס האבן געדינט די קלאסן צוועקן פון דער בורזשואזיע. דאס אלץ מוז אין דער נייער שול אפגעווארפן ווערן.

די אלטע שול איז געווען צונויפגעבונדן מיט דער רעליגיע דורכן חיוב-לימוד פון רעליגיע, דורך חיוב-תפילות און דורכן באזוכן דעם קלויסטער. די נייע שול פארווירקליכט דאס, וואס ס'וועט ארויסגעטריבן ווערן די רעליגיע פון איר געוועט, אונטער וואס פאר א פארם זי זאל ניט פרובן אריינדרינגען אהין, און וואס פאר א נייער פארם ס'זאלן זי ניט וועלן אריינשלעפן אהין די אפגעשטאנענע גרופעס עלטערן.

די אלטע הויכשול האט געשאפן א געשלאסענעם פראפעסארן-קרייז, א וויסנשאפטליכן צעך וואס פלעגט שטערן, אז אין אוניווערסיטעט זאל אריינדרינגען נייע לערערשע כחות; דער וויסנשאפטליכער צעך פון דער בורזשואזער פראפעסור מוז פאנאנדערגעלאזן ווערן, און די קאפעדרע מוז ווערן צוגייינגליך פאר אלע וואס זיינען פייהיק צו ווערן פראפעסארן.

ביים צאריזם פלעגט ניט דערלאזט ווערן דאס לערנען אויף דער מוטער-שפראך. די רוסישע שפראך איז געווען א חיוב, א מלוכה אין שול-שפראך די נייע שול מאכט א סוף צו אלע שפורן פון נאציאנאלער אונטערדריקונג אינם געביט פון בילדונג, און לאזט פריי אלע פעלקער לערנען אויף זייער מוטער-שפראך.

§ 78. די שול איז א געצייג פון קאמוניסטישער דערציהונג און אויפקלערונג.

די בורזשואזיע איז א געוואלטיקע מינדערהייט פון דער באפעלקערונג. דאס האט איר ניט געשטערט אויסצונוצן די שול, ווי אויך אנדערע ארגאנען פון קלאסן אונטערדריקונג, כדי צו דערציהען און דרעסירן מיליאנען ארבעטדיקע אין איר גייסט, און אנבינדן אויף אזא אופן דעם רוב באפעלקערונג די אנשויאונגען און מאראל פון א נישטיקער מינדערהייט. אין קאפיטאליסטישע לענדער איז דער פראלעטאריאט און דער האלבפראלעטאר

יאט א מערהייט פון דער באפעלקערונג. אין רוסלאנד איז דער ארבעטער קלאס וואס איז א מינדערהייט לויט זיין צאל, פאליטיש דער פירער און ארגאניזאטאר פונם קאמף פון אלע ארבעטנדיקע. ס'איז נאטירליך דעריבער, אז, ווי באלד ער האט די שול גענומען אין זיינע הענט, דארף ער זי קודם כל אויסנוצן, כדי אויפצוהויבן אויף א געהעריקע הויך פון קאמוניסטישער באוואוסטזיניקייט אלע אפגעשטאנענע שיכטן פון דער ארבעט-באפעלקערונג. די בורזשואזיע פלעגט אויסנוצן די שול כדי צו פארקנעכטן די ארבעטנדיקע. דער פראלעטאריאט וועט אויסנוצן די שול כדי צו באפרייען, כדי צו פארניכטן יעדער זכר פון גייסטיקער קנעכטשאפט אינם באוואוסטזיין פון די ארבעטנדיקע. די בורזשואזיע פלעגט דערציהען א דאנק דער שול, פראלעטארישע קינדער אינם בורזשואזן גייסט, די אויפגאבע פון דער נייער קאמוניסטישער שול באשטייט אין דערציהען די בור-זשואזע און קליינבירגערליכע קינדער אין א פראלעטארישן גייסט. אינם גייס-טיקן געביט, אין דער פסיכאלאגיע פון די מענטשן דארף די קאמוניסטישע שול דורכמאכן פונקט אזא צעשטערונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט און איר עקספראפריאירונג, ווי די ראטן מאכט האט דורכגעמאכט אינם עקאנאמישן גע-ביט מיט דער נאציאנאליזירונג פון די פראדוקציאן-מיטלען. מע דארף צוגרייטן דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן צו נייע געזעלשאפטליכע פארהעלטענישן. ס'איז שווער אז א קאמוניסטישע געזעלשאפט זאלן בויען אזעלכע מאסן, וואס אין א סך געביטן פונם גייסטיקן לעבן שטייען זיי נאך מיטביידע פיס אויפן באדן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט מיט איר אבערגלויבנס. די אויפגאבע פון דער נייער שול באשטייט אין דעם. אז מע זאל צופאסן דעם באוואוסטזיין פון די דערוואקסענע צו די געענדערטע געזעלשאפטליכע פארהעלטענישן, און דער עיקר—דערציהען דעם יונגן דור אזוי, אז ער זאל מיט זיין גאנצער פסיכא-לאגיע שטיין אויפן באדן פון דער נייער קאמוניסטישער געזעלשאפט.

צום דאזיקן צוועק דארפן דינען אלע ווייטער אויסגערעכנטע רעפארמען אינם שול-געביט, וואס זיינען שוין טיילווייס דורכגעפירט, טיילווייס אנגעמערקט דורכגעפירט צו ווערן.

§ 79. פארשול-דערציהונג.

אין דער בורזשואזער געזעלשאפט פלעגט מען באטראכטן דאס קינד אויב ניט שטענדיק, איז לכל הפחות אין זעהר א בא טייטנדיקער מאס, ווי אן אייגנטום פון זיינע עלטערן, ווען די עלטערן זאגן: „מיין טאכטער, מיין זון“, באטייט עס איצט ניט נאר דאס, וואס צווישן זיי זיינען פא-ראן קרובהשאפט פארהעלטענישן, נאר אויך דאס רעכט פון די עלטערן אויף דערציהען זייערע אייגענע קינדער. דאס דאזיקע רעכט האט פונם סאציאליס-טישן שטאנדפונקט קיין שום גרונט ניט, דער איינצלנער מענטש געהערט ניט זיך אליין, נאר דער געזעלשאפט — דעם מענטשליכן מין. נאר א דאנק דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאפט איז דער איינצלנער אינדיווידום אימשטאנד צו לעבן און צו אנטוויקלען זיך. און דאס קינד געהערט דעריבער יענער געזעל-שאפט, אין וועלכער און א דאנק וועלכער עס איז געבארן געווארן, און ניט רק

דער „געזעלשאפט“ פון זייער עלטערן. אויך דער געזעלשאפט געהערט דאס סאמע וויכטיקע און גרונטליכע רעכט אויף צו דערציהען די קינדער. און פון דעם שטאנדפונקט דארף מען ניט נאר אפזאגן די עלטערן אין זייער פרעטענזיע איינ־ציאווארצלען דורך הויזדערציהונג אין דער פסיכאלאגיע פון זייערע קינדער זייער באגרענעצטקייט, נאר מע דארף זי ניט אויסנוצן אויפן סאמע אומרחמנותדיקן אופן די געזעלשאפט קען פארטרויען די עלטערן די קינדער־דערציהונג, נאר זי קען דאס אויך ניט פארטרויען זיי, און, וואס ווייטער, וועט זי אלץ ווייניקער גרונט האבן צו פארטרויען די קינדער־דערציהונג די עלטערן. ווייל פייהיקייטן צו דערציהען קינדער טרעפן זיך פארט זעלטענער, ווי די פייהיקייטן צו געבוירן קינדער. פון הונדערט מוטערס זיינען, אפשר, איינע־צוויי פייהיק צו זיין דערציהערינס די צו־קונפט געהערט דער געזעלשאפטליכער דערציהונג. די געזעלשאפטליכע דערצי־הונג גיט דער סאציאליסטישער געזעלשאפט די מעגליכקייט צו דערציהען דעם יונגן דור אזוי, ווי דאס וועט זיין נייטיק, און אויסגעבן אויף דאס וואס ווייניקער כוחות און מיטלען.

די געזעלשאפטליכע קינדער־דערציהונג איז נאך נייטיג ניט נאר מחמת פעדאגאגישע טעמים; זי לוינט אויך אין עקאנאמישן זינען. הונדערט טויזנטער מיליאנען מוטערס וועלן, בעת ס׳וועט פארווירקליכט ווערן די געזעלשאפטליכע דערציהונג, באפרייט ווערן פאר דער פראדוקציע און פאר זייער אייגענער קול־טורעלער אנטוויקלונג. זיי וועלן באפרייט ווערן פון דער הויז־ווירטשאפט, וואס מאכט טעמפ דעם מוח, און פון אן א סוף קלייניליכע ארבעטן, וואס זיינען צו־נויפגעבונדן מיטן דערציהען די קינדער אין דער היים.

אט פארוואס די ראטן מאכט שטרעבט צו שאפן א גאנצע ריי אנ־שטאלטן, וואס דארפן פארבעסערן די געזעלשאפטליכע דערציהונג, מאכנדיק זי בייסלאכווייס פאר אן אלגעמיינע. אזוינע זיינען די קינדער־גארטנס, וואוהין די פארנומענע מיט ארבעט ארבעטער און אנגעשטעלטע קענען שיקן זייערע קינ־דער, איבערגעבנדיק זיי אין די הענט פון ספעציאליסטן פאר פארשולדערציהונג אזוינע זיינען די קינדערהיימען, דאס הייסט טאקע קינדער־גארטנס, וואו די קינ־דער קענען פארברענגען א לענגערע צייט. אזוינע זיינען די קינדער־קאלאניעס, וואו ס׳לעבן און ווערן דערצויגן קינדער, וואס ווערן אויף שטענדיק, אדער אויף א לאנגע צייט אפגעריסן פון די עלטערן אהער געהערן אויך די אנשטאלטן פאר זויג־קינדער, דאס הייסט אנשטאלטן פאר דערציהען קינדער ביז 4 יאר און וואס גיבן א היים די קינדער, כל זמן זייערע עלטערן זיינען בא דער ארבעט.

די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי באשטייט אין דעם. אז זי זאל, פון איין זייט זיך דערשלאגן דורך די ראטן־ארגאנען א נאך גיכערע אנט־וויקלונג פון פארשול אנשטאלטן און בעסער אוועקשטעלן דארט די ארבעט, און פון דער אנדער זייט, אין דעם, אז זי זאל דורך ענערגישע פראפאגאנדע צווישן די עלטערן גובר זיין די בורזשואזע און קליינבירגערליכע אבערגלויבנס וועגן דער נייטיקייט און די מעלות פון דער הויז־דערציהונג, שטיצנדיק עס מיט ביי־שפילן פון צום מערסטן מוסטערהאפט אוועקגעשטעלטע דערציהונגס־אנשטאלטן

פון דער ראטן מאכט. גיבן אפט טרעפט זיך, וואס גערארע די שלעכט אוועקגעשטעלטע ארבעט אין די קינדער-היימען, גארטנס, און א. וו. האלט אפ די עלטערן פון אפצוגעבן א הין זייערע קינדער. די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי, און בפרט פון אירע פרויען-סעקציעס, באשטייט אין דעם, אז מע זאל וועקן די עלטערן, זיי זאלן זיך דערשלאגן אז ס'זאל בעסער אוועקגעשטעלט ווערן די געזעלשאפטלעכע דערציהונג ניט דורך דעם, וואס זיי וועלן זיך אפזאגן פון איר, נאר אדרבא דורך דעם, וואס זיי וועלן אפגעבן זייערע קינדער אין די אנטשפרעכנדיקע אנשטאלטן און דורך דעם, וואס זיי וועלן פארווירקליכן דעם ברייטסטן קאנטראל איבער זיי מצד די עלטער, -ארגאניזאציעס.

§ 80. די איינהייטליכע ארבעט־שול. די פארשול אנשטאלטן ווערן געשאפן פאר קינדער ביז זיבן יאר. ווייטער דארף די דערציהונג און די בילדונג אריינדרינגען אין שול. די בילדונג דארף זיין אבליגאטאריש, און דאס איז א קאלאסאלער טריט פאראויס אין פארגלייך מיט די ציינן פון צאריזם. די בילדונג דארף זיין אן אומזיסטע, און דאס איז שוין א קאלאסאלער טריט פאראויס אין פארגלייך מיט דעם, וואס מיר זעהען אפילו אין די מאמע פראגרעסיווע בורזשואזע לענדער, וואו די בילדונג איז אן אומזיסטע רק אין די נידעריקע שולן. די בילדונג דארף באטייליך זיין א גלייכע פאר אלעמען, און דאס מאכט א סוף צו אלערליי פריווילעגיעס אין ענין פון דערציהונג און בילדונג פאר איינצלנע גרופעס פון דער באפעלקערונג. אט די אלגעמיינע, גלייכע פאר אלעמען און פאר אלעמען אבליגאטארישע בילדונג דארף ארומנעמען די גאנצע יוגנט אין עלטער פון 8 ביז 17 יאר.

די שול דארף זיין אן איינהייטליכע. דאס הייסט, ערשטנס. אז ס'דארף אפגעשאפט ווערן די צוטיילונג פון די שולן אויף אינגלאך און מיידלאך שולן און אז ס'דארף דורכגעפירט ווערן אין לעבן שולן פאר קינדער פון ביידע געשלעכטער. דאס הייסט, אז ס'דארף אפגעשאפט ווערן די צוטיילונג פון די שולן אויף נידעריקע, מיטעלע, הויכע, וואס זיינען ניט צוזאמענגעבונדן איינע מיט דער צווייטער און ניט צוגעפאסט איינע צו דער צווייטער לויט זייערע פראגראמען, דאס הייסט, אז ס'דארף אפגעשאפט ווערן די צוטיילונג סיי פון די נידעריקע, סיי פון די מיטעלע און סיי פון די הויכע שולן אויף שולן, וואס גיבן אן אלגעמיינע בילדונג, און אויף שולן, וואס גיבן א ספעציעלע אדער פראפעסיאנעלע בילדונג, אויף שולן, צוגייגלעכע פאר אלעמען, אויף שולן, צוגייגלעכע רק פאר געוויסע קלאסן אדער שטאנדן. אן איינהייטליכע שול באטייט אן איינהייטליכן לייטער, וועלכן עס קען און דארף דורכגיין יעדער תלמיד פון דער סאציאליסטישער רעפובליק, אנהויבנדיק פון דעם נידעריקסטן טרעפל — פונם קינדער-גארטן — און פארענדיקנדיק מיט דעם העכסטן טרעפ, וואו עס פארענדיקט זיך יעדע שול בילדונג און יעדע פאליטעכנישע בילדונג אין אזא מאס, אין וועלכער זי איז א חוב פאר אלע תלמידים.

ווי ס'איז קלאר פאר יעדן לייענער, שטעלט מיט זיך די איינהייטליכע

שול פאר אן אידעאל ניט נאר פאר יעדן פראגרעסיוון פעדאגאג, נאר דאס איז דער איינציק מעגליכער שול-טיפ אין א סאציאליסטישער. דאס הייסט אין אן אנ-קלאסן געזעלשאפט אדער אין א געזעלשאפט, וואס שטרעבט צו פארוואנדלען זיך אין אן אנקלאסן געזעלשאפט. דורכפירן אין לעבן די איינהייטליכע שול קען נאר דער סאציאליזם, הגם נאך די פעדאגאגן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט האבן אויך זיך ארויסגעזאגט פאר דער געוואונטשנקייט פון אזא מין טיפ שול.

די שול פון דער סאציאליסטישער רעפובליק דארף זיין אן ארבעט-שול. דאס הייסט, אז דאס לערנען און די דערציונג דארף זיין פאראייניקט מיט אר-בעט און דארף זיך שטיצן אויף ארבעט. דאס איז וויכטיק צוליב א סך סיבות. צוליב דעם, ערשטנס, אז דאס לערנען זאל גיין מיט ערפאלג. גרינגער פון אלץ, מיט מער חשק און גרינטליכער פון אלץ לערנט זיך דאס קינד אויס ניט דאס, וואס עס האט איינגעחזרט פון ביכל אדער פונם לערערס ווערטער, נאר דאס, וואס עס האט אליין דורכגעמאכט אין דער פראקטיק מיט זיינע אייגענע הענט. דערקענען די ארומיקע נאטור איז גרינגער פון אלץ, ווען מע פרובט זיך ווירקן אויף די דאזיקע נאטור, די פאראייניקונג פון ארבעט מיט לערנען האט זיך שוין אנגעהויבן אין די פראגרעסיווע בורזשואזע שולן, נאר זי קען ניט דורכגעפירט ווערן ביזן סוף אין א בורזשואזער ארדענונג, וועלכע דערציט באוואוסטזיניק פארזיטישע עלעמענטן פון דער געזעלשאפט און טיילט מיט א טיפן תהום אפ די פיזישע ארבעט פון דער גייסטיקער.

ווייטער איז די ארבעט וויכטיק פאר דער ריין-פיזישער אנטוויקלונג פון די קינדער, און אויך פאר דער גלייכמיטיקער אנטוויקלונג פון אלע זייערע פעיקייטן. ס'איז אויסגעפונען אין דערווייזן אויף דער פראקטיק, אז די צייט וואס גייט אוועק אין שול אויף ארבעט, מאכט ניט קלענער, נאר אדרבא זי מאכט גרעסער די ערפאלגן פון די קינדער ביים איינלערנען סאמע פארשיידנארטיקע קענט-נישן.

די ארבעט-שול שטעלט, לסוף פאר פאר דער קאמוניסטישער געזעלשאפט א דירעקטע נויטיקייט. זיכערליכער ביזער פון דער דאזיקער געזעלשאפט מוז, לכל הפחות אין די גרונט-שטריכן קענען אלע פראפעסיעס. די דאזיקע געזעלשאפט וועט ניט האבן קיינע שום איינגעשלאסענע צעכן, קיינע פארגליווערטע פרא-פעסיעס קיינע גרופעס, וואס זיינען פארגליווערט געווארן אין זייער ספעציאלי-טעט. אפילו דער סאמע גאניאלישער געלערנטער מוז גלייכצייטיק זיין א געני-טער פיזישער ארבעטער. צום תלמיד, וואס גייט דורך די איינהייטליכע ארבעט-שול, זאגט די קאמוניסטישע געזעלשאפט: „דו קענסט ניט זיין קיין פראפעסאר אבער א פראפעסאר פון וועבן מוזטו זיין". אנהויבנדיק פון קינדער-שפילן אין קינדער-גארטן, גייט דאס קינד איבער צו ארבעט, ווי צו אהמשך פון די שפילן גאנץ אומבאמערקבאר און א דאנק דעם וועט ער זיך פון לכתחילה צוגעוואוי-נען קוקן אויף ארבעט ניט ווי אויף אן אומאנגענעמע נויטיקייט אדער ווי אויף א שטראף, נאר ווי אויף א נאטירליכע, פון זיך אליין קומעדיקע אנטפלעקונג פון זיינע פעיקייטן.

אַרבעט דאַרף זײַן אַ באַדערפעניש, ווי וועלן עסן און טרינקען, און צו דער דאָזיקער באַדערפעניש דאַרף מען צוגעוואוינען און זי דאַרף מען אַנט־וויקלען אין דער קאָמוניסטישער שול. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט מיט איר אומפּעטיקן פּראָגרעס פון דער טעכניק, וועט אומפאַרמײַדלעך אויס־קומען ניך איבערצוואַרפן קאָלאָסאַלע מאַסן אַרבעטס־כוחות פון איינע אינ־דוסטריע־צווייגן אין די צווייטע. אַ וואָסער ניט איז, למשל, אַנטדעקונג אין דער וועבעריי און שפּינעריי אינדוסטריע קען פאָרן, אַז ס'זאָל פאַרקירצט ווערן די צאָל וועבער און שפּינער און ס'זאָל פאַרגרעסערט ווערן די צאָל אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען מיט דעם. כדי צוריסצוקומען באַוול און אַז. וו. אין אַזעלכע פאַלן מוז אומפאַרמײַדלעך פאָרקומען צווישן די פּראָפעסיעס אַ כוחות־איבעראָרטנײַלונג, און דאָס קען דורכגעפירט ווערן נאָר דאַן, ווען יעדער אַר־בעטער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז באַקאַנט ניט רק מיט איינער נאָר מיט אַ גאַנצער ריי פּראָפעסיעס. די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון אַזאַ מין לאַגע, אויסנוצנדיק די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי, דאָס הייסט דעם שטענדיקן קאָדער אַרבעטסלאָזע. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט ניט זײַן קיין אַרבעטסלאָזע־אַרמיי; דער רע־זערוו פון יעדער אינדוסטריע־צווייג, וואָס פעלט אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, וועט באַשטיין אין דער פעיִקייט פון אַרבעטער פון אַן אַנדער צווייג צו דערפילן דעם דאָזיקן מאַנגל. רק די איינהייטלעכע אַרבעטס־שול קען צוגרייטן קאָדערס אַזעלכע אַרבעטער, וואָס וועלן זײַן ביכולת צו דערפילן אין דער קאָ־מוניסטישער געזעלשאַפט פאַרשיידענע פונקציעס.

18 §. ספּעציעלע בילדונג. ביז עלטער פון 17 יאָר מוז די גאַנצע יוגנט פון דער רעפּובליק דורכגיין די איינהייטלעכע אַרבעטס־שול און באַקומען דאָרט יענעם סכום טעאָרעטישע און פּראַקטישע קענטעניש, וועלכע זײַנען נויטיק פאַר יעדן בירגער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. נאָר מיט דעם קען זיך ניט פאַרענדיקן די בילדונג. אחוץ אַלגעמיינע קענטעניש, זײַנען נויטיק ספּעציעלע קענטעניש, דער פאַרנעם פון יעדער פון די נויטיקע וויסנ־שאַפטן איז אַזוי גרויס, אַז ס'איז קיין שום מעגלעכקייט ניטאָ, אַז איין מענטש זאָל זיך קענען אויסלערנען אַלע וויסנשאַפטן. די איינהייטלעכע אַרבעטס־שול שליסט לגמרי ניט אויס קיין ספּעציעלע בילדונג זי טראַגט זי מער ניט אַרי־בער אויף די העכסטע שטופע. שוין אויף דער צווייטער מדרגה פון דער איינ־הייטלעכער אַרבעטס־שול, דאָס הייסט, אין עלטער פון 14 ביז 17 יאָר, ווייזן זיך שוין אומפאַרמײַדלעך אַרויס די נטיות פון די תלמידים צו דער אָדער צו יענער זאַך, און שוין אויף דער דאָזיקער מדרגה איז ניט נאָר מעגלעך, נאָר פּשוט אומפאַרמײַדלעך נויטיק צו געבן אַן אויסוועג די דאָזיקע נאַטירלעכע פעיִקייטן צו אַ מער גרינדלעכער באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, עס זאָל קיין שאָדן ניט ברענגען דער אַלגעמיינער בילדונג־פּראָגראַם פון דער אַרבעטס־שול.

נאָר די אמתע ספּעציעלע בילדונג דאַרף זיך אָנהייבן ערשט נאָך 17 יאָר.

דער דאָזיקער עלטער איז א גרענעץ-פּונקט אויך צוליב אן אנדער סיבה. ביז 17 יאָר איז די יוגנט פון די אַרבעט-שולן מער תלמידים, איידער אַרבעטער. די ארבעטס-פּראָצעסן אין דער שול שטעלן זיך פאר א גרונט-אויפגאבע ניט שאַפן ווערטן און גרעסער מאכן דעם ביודזשעט פון דער מלוכה, נאָר דער-ציהונג-אויפגאַבן. נאך 17 יאר פארוואנדלט זיך דער תלמיד אין אן אַרבעטער. ער מוז אריינטראגן זיין חלק-ארבעט, זיין חלק אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן אין דער מענטשהייט-קאָמונע. ער קען באקומען ספּעציעלע בילדונג ערשט נאך דעם ווי ער האט אויסגעפּילט זיין גרונט-חוב פאר דער געזעלשאַפט. דעריבער דארף זיין א כלל, אז ספּעציעלע קענטעניש קען די יוגנט נאך 17 יאר באַקומען רק אין די ניט ארבעטס-צייט. מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק וועט דער ארבעטס-טאג זיין ווייניקער ווי 8 שעה, און אויף אזא אופן וועט בא יעדער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט זיין גענוג צייט פאר ספּעציעלע בילדונג. אין אייניקע פאלן איז מעגליך צו מאכן אן אויסנאַם פאר באזונדער באגאבטע מענטשן און באפרייען זיי צייטווייליק פון ארבעט אויף עטליכע יאר, זיי זאָלן זיך פארנעמען מיט בילדונג און וויסנשאפטליכע פאָרשונגען אָדער פארקירצן פאר זיי דעם ארבעטס-טאג אין פארגלייך מיטן אלגעמיין איינגעשטעלטן. אויב די געזעלשאפט וועט אנערקענען, אז דאס איז אַלץ נויטיק.

§ 82. די הויכשול. בא הייגטיקער צייט איז נאך שווער אינגאַנצן פאראויסצוזען, וואס פאר א כאראקטער ס'וועלן ביים קאָמוניזם טראָגן די ספּעציעלע הויכשולן. זיי וועלן מסתמא, זיין סאמע פארשיידנאַרטיקע, פון מער אדער ווייניקער קורץ-צייטיקע קורסן ביז פּאָל טעכניקומס און שולן-לאַבאראטאָריעס, וואו דאָס לערנען זיך וועט גיין האַנט בא האַנט מיט וויסנשאַפטליכע פאָרשונגען און וואו ס'וועלן לגמרי אָפּגעשאַפט ווערן די מחיצות צווישן די פּראָפעסארן און די סטודענטן. נאר בא הייגטיקער צייט קען מען שוין גאַנץ באשטימט זאָגן, אז אונזערע אוניווערזיטעטן אין זייער איצטיקער פאָרם מיט זייער איצטיקער פּראָפעסור שטעלן מיט זיך פאר אָפּגעלעבטע אינסטיטוטן. זיי געבן די ווייטערדיקע בילדונג דער יוגנט, וואָס איז דורכגעגאַנגען די בורזשואזע מיטלשולן אינם אלטן גייסט. לעת עתה קען מען רעפאָרמירן די דאָזיקע אוניווערזיטעטן, באַנייען דעם פּראָפעסאָרן-צוזאמענשטעל מיט מענטשן, וואס באַפרידיקן, אפשר, ניט דעם צענז פון „דאָקטוירים פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט”, נאר וואס קענען מיט ערפאלג דורכפירן א פולשטענדיקע רעוואָלוציע אינם לערנען די געזעלשאַפטליכע וויסנשאַפטן און אָפּנעמען בא דער בורזשואזער וויסנשאַפט איר לעצטן מקום-מקלט. מע קען ענדערן דעם צוזאמענשטעל פון די צוהערער, מאכנדיק די אוניווערזיטעט — אוידיטאָריע בעיקר פאר אַרבעטער-אוידיטאָריע, און דורך דעם מאכן די נאטור און טעכנישע וויסנשאפטן פאר א פארמעגן פונם ארבעטער קלאס. און דאס צוציהען ארבעטער שטעלט אומפארמיידליך די פראגע וועגן אויסהאַלטן זיי אויפן חשבון פון דער מלוכה די גאנצע צייט, וואָס זיי לערנען זיך. ווען אַלץ דעם

זאָגט דער 3-טער פּונקט פון אונזער פּראָגראַם אינם געביט פון פאָלקס-בילדונג.

§ 83 ראַטן און פּאַרטיי-שול. שטענדיק בא דער מאַכט, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צעשטערט דעם שול-אַפּאַראַט פונם צאַריזם, וואָס האָט זיך כמעט ווי ניט געביטן אין דער צייט פון קערענסקיס רעגירונג. אויף די חורבות פון דער אַלטער קלאַסן שול האָט זי אָנגעהויבן בויען די איינהייטליכע אַרבעט-שול, ווי אַ שפּראָצונג פון אַ נאָרמאַלער אַרבעט-שול פון דער קומעדיקער קאָמוניסט. געזעלשאַפט. פון דער בורזשואַזער הויכשול פּרובט זי אויסוואָרצלען אַלץ, וואָס ס'איז איר געווען צוגעפּאַסט אויף אונטערצוהאַלטן די הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל, און מאַכט אַלע קענטענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פאַר דער צייט, ווען ס'האָבן געהערשט די פאַרמעגליכע קלאַסן, פאַר אַ פאַרמעגן פון אַלע אַרבעטעדיקע, און מיט דעם הויבט זי זיך אָן גרייטן צו בויען אַ נאָרמאַלן טיפּ פון אַ הויכשול פאַר דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

נאָר צווישן אַלע ווינשאַפטן, וועלכע ס'פאַרמאָגט די בורזשואַזע קולטור, איז ניטאָ אַזאַ, וואָס זאָל לערנען ווי אַזוי צו מאַכן אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. צווישן אַלע שולן, וועלכע ס'האָט געבויט די בורזשואַזיע און וועלכע ס'הויבן זיך אָן בויען פאַר דער קומעדיקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, איז ניטאָ אַזאַ, וואָס זאָל לערנען, ווי אַזוי צו בויען אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה. דער איבערגאַנג-פּעריאָד פונם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַ באַזונדערן מין שול, וואָס דאַרף באַדינען די פאַרקומענדיקע רעוואָלוציע און די בויאונג פונם ראַטן אַפּאַראַט. אָט דאָס אַלץ וועלן מוזן ממלא זיין די פּאַרטיי-ראַטן שולן, וואָס זיינען אויפגעקומען פאַר אונזערע אויגן, די קורץ-צייטיקע פון גאַנץ צופעליקע קורסן, און האָבן זיך פאַרוואַנדלט און פאַרוואַנדלען זיך נאָך אַלץ אין שטענדיקע אינסטיטוטן אויף אויסצואַרבעטן פּאַרטיי און ראַטן טוער. דאָס איז געווען אומפאַרמיידליך. די בויאונג פון דער ראַטן מלוכה איז אַ לגמרי נייע זאַך, וואָס האָט ניט קיין ביישפּילן אין דער געשיכטע. די אַרבעט פון די ראַטן אַנשטאַלטן אַנטוויקלט זיך פון טאָג צו טאָג, ווערט פולקומער, און פאַר יעדן ראַטן טוער, איז כדי ער זאָל קענען אַרבעטן מיט ערפאָלג, נויטיק צו זיין באַקאַנט מיט דער פּראַקטיק וואָס ס'האָט שוין דורכגעמאַכט זיין פאַרגייער. דאָס לערנען זיך פון זיך אַליין, ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה, וואָס קומט פאָר דורכן אַנטיילנעמען פון אַלע אַרבעטער, איז ניט גענוג, די דאָזיקע פּראַקטיק מוז מען אָנזאַמלען, סיסטעמאַטיזירן, אַרומטראַכטן און מאַכן זי פאַר אַ פאַרמעגן פון אַלע אַרבעטער וואָס נעמען אַנטייל אין דער ראַטן בויאונג. כ״איטליכער נייער שיכט אַרבעטער, וואָס ווערט צוגעצויגן אויף צו פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה, זאָל ניט איבערחזרן די טעותן פון זיינע פאַרגייער, כדי ער זאָל זיך לערנען ניט אויף זיינע, נאָר אויף פרעמדע, שוין געמאַכטע, שוין באַצאָלטע פון דער מלוכה פעלערן. די שול פון ראַטן אַרבעט דאַרף דינען אָט דעם דאָזיקן צוועק; זי דינט שוין אים, אויף וויפל מיר האָבן אין דער רעפּובליק אַ צענטראַלע

שול פון ראטן אַרבעט ביים אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר=קאָמיטעט, ווי א שטענדיקע שול. אין גיכן וועלן, אָן שום ספק, באַשאַפן ווערן אַזעלכע שולן אין איטליכער גובערניאַלער שטאָט.

וואס איז שייך צו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי=שולן, ענדערן זיי ראַדיקאַל זייער כאראקטער אינם פּעריאָד פון פּאַקטישן איבערגאנג צום קאָמוניזם. די שולן פון א באשטימטער פּאַרטיי, וואס שטייט זיך אויפן פּראָלעטאַריאַט, די ריין פּאָליטישע שולן, פאַרוואַנדלען זיך אין שולן פאַר קאָמוניסטישער איבער=בויאונג פון דער געזעלשאַפט, — אין מלוכה-שולן. גלייכצייטיק=ווערן זיי מילי=טער=אקאַדעמיעס פאַרן בירגער-קריג. נאָר אַדאַנק די דאָזיקע שולן איז דער פּראָלעטאַריאַט אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם זינען און די אָביעקטיווע אויפ=גאַבן פון יענער איבערקערעניש, וועלכע ער מאַכט דורך האַלבסטיכייאיש, האַלבאומבאַוואוסטזיניק, האַבנדיק פאַר די אויגן, רק שמאָל=קאָנקרעטע צוועקן און ניט האַבנדיק קיין מעגליכקייט אַרומצוכאַפּן דעם איבערבויאונג-פּראָצעס אינגאַנצן גענומען. די פּאַרטיי=שולן זיינען ניט נאָר ביכולת וויסנשאַפטליך צו דערקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט די נאַטור און דעם ענדציל פון זיין רעוואָלו-ציע, נאָר זיי לערנען אים אויך, ווי אַזוי צו דערפירן די דאָזיקע רעוואָלוציע ביזן סוף אין אַ וואס מער קירצערער צייט מיט א וואָס קלענערער כוחות-פאַרשווענדונג.

§ 84 די אויסערשולבילדונג.

דער צאַריזם האָט באַוואוסטזיניק געהאַלטן, אין א צושטאַנד פון עם-הארצות דאָס רוב פון דער רוסלענדישער אַרבעטס-באַפעלקערונג. די ראַטן מאַכט, וואס האָט באַקומען בירושה פון דער זעלבסטהערשונג א קאָלאָסאַלן פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן, מוז, נאַטירלעך, אַננעמען די סאַמע ענערגישע מיטלען, כדי צו באַפרייען זיך פון דער דאָזיקער ירושה. צוליב דעם צוועק עפענען די אָפּטיילונגען פאַר פאָלקסבילדונג שולן פאַר דער=וואַקסענע אַנאַלפאַבעטן און נעמען אָן א ריי אַנדערע מיטלען כדי צו קעמפן מיט דער עם-הארצות. נאָר אַחוץ דעם וואס זי נוצט אויס דעם שול=אַפּאַראַט פונם בילדונגס=קאָמיסאַריאַט, מוז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָננעמען אַלע מיטלען, כדי די מאַסן זאָלן אַנטייל נעמען אינם לערנען די אַנאַלפאַבעטן, אַט דעם דאָזיקן צוועק דאַרפן דינען די ראַטן פאַר פאָלקסבילדונג, וואס ווערן אויסגעקליבן דורך די פאַראינטערעסירטע אין בילדונג אַרבעטנדיקע מאַסן. די דאָזיקע צוועקן דינט אויך די מאָבילזירונג פון אַלע, וואס קענען לייענען און שרייבן, אויף צו לערנען די אַנאַלפאַבעטן אַזאַ מאָבילזירונג הויבט אָן דורכ-געפירט ווערן אין אַ ריי פונקטן פון דער רעפּובליק, און די פּאַרטיי דאַרף זיך דערשלאָגן אַז זי זאָל אומעטום דורכגעפירט ווערן לויט א באַשטימטן פּלאַן.

אחוצן קאַמף מיטן אַנאַלפאַבעטיזם, קומט אויס דער ראַטן מאַכט אָפּגעבן א סך כוחות און מיטלען אויף צו העלפן דער באַפעלקערונג, דערהויפּט דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג, אין ענין פון זעלבסטבילדונג, צוליב דעם צוועק

ווערט אָרגאַניזירט אַ גאַנץ ביבליאָטעק, וואָס באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דעם אַרבעטער-לייענער. סיווערן געשאַפן פאָלקס-אוניווערסיטעטן. דער קינע-מאַטאָגראַף, וואָס האָט געדינט אַלץ צו פאַרפירן די באַפעלקערונג און רייץ צו מאַכן זייערע באַלעבאַטים, ווערט ביכלעכווייז, הגם, צום באַדויערן זעהר לאַנגזאַם, פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקן מיטל אויף אויפצוקלערן די מאַסן און דערציִען זיי אין גייסט פון סאָציאַליזם. אַלערליי קורסן, פאַר אַלעמען צו-גענגלעכע [illegible] לעקציעס וכדומה ווערן, אַ דאַנק די פאַרקירצונג פונם אַרבעטס-טאָג, [illegible] פאַר אַלע אַרבעטער. אין דער צוקונפט וועלן באַקומען [illegible] פאַר בילדונגס-צוועקן די פאַך-מעסיק אָרגאַני-זירטע [illegible] פון די אַרבעטער אין דער אורלויב-צייט, וואָס האָבן דעם ציל צו באַקאַנען זיך מיט זייער לאַנד און מיט פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט. די דאָזיקע עקסקורסיעס וועלן מיט דער צייט האָבן זעהר אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די באַציִונגען צווישן די אַרבעטער פון די דאָזי-קע לענדער.

§ 58. די בילדונגס-טעאָר. די שול-רעפאָרמען האָבן זיך דער ראַטן [illegible] אַזוי די רעפאָרמען אָדער די נייע בויאונג אין [illegible], דאָס דערקלערט זיך ניט נאָר מיט דעם, וואָס די ראַטן [illegible] פאָלקס-בילדונג אַ ניט לערך גרעסערן טייל פון איר [illegible] די [illegible] פראָגרעסיווע פון די בורזשואַזע מלוכות. די פאַר-ווירקליכונג פון דער [illegible] פון דער איינהייטלעכער אַרבעטס-שול איז שוין אין אַ [illegible] גענומען דורך די פראָגרעסיווע פעדאַגאָגן פון דער [illegible], דעם גרעסטן טייל פעדאַגאָגן פון רוסלאַנד איז [illegible] אײַנגעקומען פּראַקטיקלעכן טיילווייז דאָס, וואָס זיי [illegible] נאָר געזוכט דורכצופירן פון ריין פעדאַגאָגישן שטאַנד-פונקט [illegible] די שול-טעאָר, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו דער ראַטן מאַכט [illegible] אָרדענונג איז געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס [illegible] קענען ניט פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע בכלל, [illegible] פון דער דורכגעמאַכטער דורכן פּראָלעטאַריאַט [illegible] שול-ענין.

[illegible] אומשטאַנד מאַכט פונדעסטוועגן לגמרי ניט קלענער די [illegible] פון דער ראַטן מלוכה אין אַכטע קאָמוניסטישע שול-טעאָר. די צאָל [illegible] צווישן די לערער, ווי בכלל צווישן אַלע ספּעציאַליסטן, איז זעהר [illegible]. די צאָל פון קעגנער פון קאָמוניזם איז אַ סך גרעסער. נאָר [illegible] איז פאַראַן שול-טוער טשינאָווניקעס, וואָס זיינען גרייט צו [illegible] אָרדענונג און דורכצופירן אַלערליי פּראָגראַמעס, נאָר געהענ-[illegible] איז זיי די פּראָגראַם פון וועלכער ס׳האָבן געהאַלטן זייערע עלטער-[illegible] אין איבערגעגאַנג מיט דעם שטייט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ [illegible] אויפגאַבע: מאָביליזירן, פון איין זייט, די בעסטע עלעמענטן

פון דער לערער-סביבה און דורך ענערגישער אַרבעט צווישן זיי שאַפן פון זיי קאַדרען קאָמוניסטישע טוער; פון דער אַנדער זייט שאַפן גאַנץ נייע קאַדרען בילדונג-טוער פון דער יוגנט, וואָס ווערט לכתחילה דערצויגן אינם גייסט פון קאָמוניזם בכלל און אינם גייסט פון דער קאָמוניסטישער שול-פּראָגראַם בפרט.

§ 86. די אוצרות פון קונסט און וויסנשאַפט פאַר די אַר־בעטעדיקע. בײַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ווערט דער טאַלאַנט גע־רעכנט פאַר אַן אייגנטום פון זיין דירעקטן באַלעבאָס און פאַר א מיטל נתעשר צו ווערן. דער פּראָדוקט פון דער טעטיקייט פונם טאַלאַנט שטעלט מיט זיך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פאַר א סחורה, וואָס קען פאַרקויפט ווערן פאַר דעם אָדער יענעם מקח און וואָס קען אויף אַזאַ אופן ווערן אַן אייגנטום פון דעם, וועמ׳ס׳וועט מער באַצאָלן. די אַרבעט פון א געניאוס, וואָס האָט א קאָ־לאָסאַלע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג און וואָס שטעלט מיט זיך אייגנטליך פאַר א קאָלעקטיווע שאַפונג, קען אָפּגעקויפט ווערן פון א וואָסער ניט איז רוסישן קאַלופּאַיעוו אָדער פון אַן אַמעריקאַנער מאַגנאַט, און מיט דעם זעל־ביקן רעכט קען זי געענדערט אָדער פאַרניכטעט ווערן. אויב דער באַרימטער מאָסקווער סוחר טרעטיאַקאָוו וואָלט אין א שיינעם פרימאָרגן פאַרטראַכט צו פאַרברענען זיין בילדער-גאַלעריי אַנשטאָט אָפּצוגעבן זי דער שטאָט מאָסקווע, וואָלט ער קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט געהאַט לויט די געזעצן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. און ווי א רעזולטאַט פון אַט דעם קויפן-פאַר־קויפן פון קונסטווערק, זעלטענע ביכער, מאַנוסקריפּטן און א. וו. איז א גרויסע צאָל פון זיי אַבסאָלוט ניט צוטרעגלעך פאַר די ברייטע שיכטן פון דער גע־זעלשאַפט און איז א פּריוואַטער פונם עקספּלואַטאַטאָרן קלאַס.

די ראַטן רעפּובליק דערקלערט פאַר א געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן אַלע קונסטווערק, קאָלעקציעס וכדומה און שאַפט אַזאַ אַלערליי מחיצות פאַר זייער געזעלשאַפטליכער באַנוצונג. דעם דאָזיקן צוועק דינען אויך אַלע פאַראָרדע־נונגען, וואָס זיינען געווענדעט אויף אַרויסצונעמען פון פּריוואַט אייגנטום אַלע גרויסע ביכער-זאַמלונגען, וואָס ווערן אויף אַזאַ אופן אויך פאַרוואַנדלט אין געזעלשאַפטליך פאַרמעגן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף זיך דערשלאָגן, אַז די מלוכה-מאַכט זאָל גיין נאָך ווייטער מיט דעם דאָזיקן וועג. בײַ דעם גרויסן מאַנגל אין ביכער און בײַ דער אוממעגליכקייט צו אַנטוויקלען א ברייטן פאַרלאַג און צו איבערדרוקן ביכער, מוז מען נאָך ווייטער באַגרענעצן דאָס פּריוואַטאייגנטום אינם דאָזיקן געביט און קאָנצענטרירן די ביכער אין געזעלשאַפטליכע ביבליאָ־טעקן, שולן וכדומה.

אחוץ דעם ווערט דורכגעפירט, אין די אינטערעסן פון בילדונג און אין די אינטערעסן אויף צו געבן די ברייטסטע מאַסן א מעגליכקייט אויסצונוצן

פאר זיך דעם טעאטער, א נאציאנאליזירונג פון אלע טעאטערס, דורך וואס עס ווערט אומדירעקט דערגרייכט די סאציאליזירונג פונם טאלענט אינם געביט פון סצענע, ווי אויך אין וואקאלער קונסט.

אויף אזא אופן, איז אלע ווערק פון וויסנשאפט און קונסט, וואס זיינען געשאפן געווארן אויפן יסוד פון דער עקספלואטירונג פון די ארבעטנדיקע מאסן, אויף זייערע רוקנס, אויף זייער חשבון, קערן זיך צוריק אויף דאס ניי, אום צו זייערע אמתע באלעבאטים.

§ 87. די מלוכה-פראפאגאנדע פונם קאמוניזם. ווען עס ווערט צעשטערט די בורזשואזע ארדענונג און אויף אירע חורבות הויבט זיך אן צו בויען א נייע קאמוניסטישע געזעלשאפט, קען די פראפאגאנדע פון די אידייען פונם קאמוניזם ניט בלייבן רק אין די הענט פון דער קאמוניסטישער פארטיי און קאן נישט געפירט ווערן רק אויף אירע באשיידענע מיטלען. די קאמוניסטישע פראפאגאנדע ווערט א נויטיקייט פאר דער גאנצער זיך רעפארמירעדיקער געזעלשאפט, זי מוז פארגיכערן דעם דאזיקן אומפארמיידליכן פראצעס, זי מוז אויפקלערן די בויער פונם נייעם, וואס טוען אפט זייער זאך אומבאוואוסטזיניק, דעם זינען פון זייערע אייגענע באמיהונגען און ארבעט. דעריבער איז ניט נאר די פראלעטארישע שול, נאר בכלל דער גאנצער מעכאניזם פון דער פראלעטארישער מלוכה דארף דינען דעם ענין פון קאמוניסטישער פראפאגאנדע. די דאזיקע פראפאגאנדע דארף אין דער ארמיי געפירט ווערן דורך די מיליטער-פאליטישע ארגאניזאציעס, זי דארף געפירט ווערן דורך אלע ראטן ארגאנען.

דער כאראקטער כלי זין פאר מלוכה-פראפאגאנדע פונם קאמוניזם איז דער מלוכה-פארלאג. די סאציאליזירונג פון אלע פאפיר-רעזערוון און פון אלע דרוקעריען גיט דער פראלעטארישער מלוכה א מעגליכקייט ארויסצוגעבן בא דעם קאלאסאלן מאנגל אין פאפיר, אין מיליאנען עקזעמפליארן דאס, וואס ס'איז מער נויטיק פאר די מאסן אין דעם מאמענט, וואס מיר לעבן איבער. דער פועל-יוצא איז אזוי, וואס ווערט געדרוקט פונם מלוכה-פארלאג, ווערט צוגייענגליך פאר די מאסן, ניט נאר צוליב די ביליקע פרייזן, נאר ביסלאכווייס הויבן אן הן הן די ביבליאטעקן, די בראשורן די צייטונגען הן די פלאקאטן אנקומען צו די מאסן גאר אומזיסט. די מלוכה-פראפאגאנדע פונם קאמוניזם ווערט סוף כל סוף פארוואנדלט אין א מיטל צו מאכן א סוף פון יעדן זכר פון בורזשואזער פראפאגאנדע פון פריערדיקן פעריאד וואס פלעגט פארסמען די מוחות פון די ארבעטעדיקע, און ווערט א מיטל צו שאפן א נייע אידעאלאגיע, נייע געדאנקען, געוואוינהייטן צו שאפן א נייע וועלט-באטראכטונג בא די ארבעטער פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

§ 88. פאלקס-בילדונג ביים צאריזם און בא דער ראטן מאכט.

די מלוכה האט ארויסגעגעבן אויף פאלקס-בילדונג:

אין 1891-טן יאר	— —	רובל 22,810,260
„ 1911	— —	27 883 000
„ 1916	— —	195 676 000
„ 1917	— —	339, 831 687
„ 1918	— —	2, 914, 082, 124
די ערשטע העלפט 1919	— —	3, 888, 000, 000

אויף אזא אופן האט דער איבערגאנג פון דער מאכט צום פראלעטאר-יאט גלייך געפירט צו דער פארגרעסערונג פון די הוצאות אויף פאלקס-בילדונג כמעט אין ניין מאל.

אין 1917-טן יאר איז צום ערשטן סעפטיאבר געווען — 38, 387 נידעריקע שולן (אין 26 גובערניעס).

אין דעם שול פעריאד פון 1918 - 1917-טע יאר איז געווען שולן פון דער ערשטער מדרגה 52, 276, קינדער — 4, 138, 982.

אין דעם שול פעריאָד 1919 - 1918 איז געווען בערך 52, 238.

אין דער זעלביקער צייט איז אין 1917 - 1918 געווען שולן פון דער צווייטער מדרגה — 1830, אין 1919 - 1918 — 3783.

קיין פאָרשול דערציהונג איז ביים צאַריזם לחלוטין ניט געווען, דער ראַטן מאַכט איז אויסגעקומען אויף דאס ניי צו ארגאניזירן די זאַך, ניט קוקנ-דיק אויף א ריי אומגינסטיקע באַדינגונגען איז ביזן 1-טן אקטיאבר 1919 גע-ווען אין 31 גובערניעס קינדער-גארטנס, שפּיל-פּלעצער, קינדער היימען 2615, אין זיי 155, 443 קינדער, ארום און ארום ווערן איצט באַדינט קרוב 2.5 % קינדער אין עלטער פון 3 ביז 5 יאָר. נאָר אין די שטעט ווערן שוין באַדינט 10,1 %, און די דאזיקע צאל ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

ליטעראטור צו דער פראגע וועגן דער ארבעטשול 1) די תקנות וועגן דער איינהייטליכער ארבעט-שול פון דער רוסלענד. סאציאל. פעדעראט. רעפובליק (1918, ארויסגעגעבן פון צ. א. ק. פרייז 60 ק.) (פאראן אין אידיש), 2) „די איינהייטליכע ארבעט-שול" א פארטראג פון וו. מ. פאז-נער (1918, ארויסגעגעבן פון צ. א. ק.) 3) די ארבעט-שול, ביולעטענען פון דער בילדונגס-אפטיי-לונג פונם מאסקווער ראט. 4) בלאנסקי, „די שול און דער ארבעטער קלאס" (פאראן אין אידיש) 5) בלאנסקי, „די ארבעט-שול" (I און II.) 6) לעווישין, „די ארבעט-שול" 7) לעווישין, די אינ-טערנאציאנאלע פראבלעמען פון דער סאציאלער פעדאגאגיק (ר. זיידעל, ג. קערשענשטיינער או. אנד.) 8) קרופסקאיא, „פאלקס-בילדונג און דעמאקראטיע" 9) דיואי, „די שול און די געזעלשאפט" 10) שארעלמאן, „די ארבעט-שול" 11) שארעלמאן, „אין דער לאבאראטאריע פונם פאלקס-לערער"

12) האנסבעיג, „די פעדאגאגיק" 13) האנסבעיג, „שאפונג-ארבעט אין דער שול" 14) וואכנבלאט פונם פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „פאלקס-בילדונג" תחילת ארויס ווי א ביילאגע צו „איזוועסטיא" פון צ. א. ק. און אנהויבנדיק פון 18-טן נאמער — זעלבסטשטענדיק. דער לעצטער נומער (51-52), „אינם וואכנבלאט" איז געדרוקט א גאנצע ריי ארטיקלען וועגן דער ארבעט-שול 15) די פראטאקאלן פונם ערשטן אלרוסלענדישן בילדונגס-צונויפפאר (ארויסגאבע פון דער צונויפפאר-אפטיילונג פונם נארקאמפראס, 1919)

פון ניט קאָמוניסטישע ליטעראַטור קען מען אָנווייזן.

קערשענשטיינער „באגריפן פון אן ארבעט-שול" „די ארבעט-שול" (פערטע אויפלאגע) פון „זאדרוגא" מאסקווע 1918 גורליט, „די פראבלעמען פון דער אלגעמיינער איינהייטליכער שול" (מלוכה-פארלאג) פעריעה. „אין דער נייער שול (ארויסגאבע פון גארבונאוו-פאסאדאוו) שולץ. „די שול-רעפארם פון דער סאציאל-דעמאקראטיע" (מלוכה-פארלאג). „פיאדראוו-האדסוויג", „די ארבעט-שול און דער קאלעקטיוויזם", מאסקווע 1918. (ארויסגאבע „פאלקס-לערער"), נ. יאנזשול. „דער ארבעט-פרינציפ אין די שולן פון אייראפע", מאסקווע 1918 (ארויסגאבע „פאלקס-בילדונג") שאצקי. „דאס מינטערע לעבן" מיונד, „די קומענדיקע שול".

קאַפּיטל XI.

רעליגיע און קאָמוניזם.

§89. פאַרוואס קענען זיך ניט אײַנלעבן רעליגיע און קאמוניזם? §90. דאָס אָפּטײלן די קירכע פון דער מלוכה. §91. דאָס אָפּטײלן די שול פון דער קירכע. §92. דער קאַמף מיט די רעליגיעזע פאראורטײלן פון די מאַסן.

§ 89. **פאַרוואָס קענען זיך ניט אײַנלעבן רעליגיע מיט קאָמוניזם?** „די רעליגיע איז ווי אָפּיום פארן פאלק“, האט געזאגט קאַרל מאַרקס. די אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטײַ באַשטײַט אין דעם, אַז זי זאל דעם דאזיקן אמת פארשטענדליך מאַכן פאר די ברײַטסטע קרײזן פון די אַרבעטעדיקע מאַסן. די אויפגאַבע פון דער פאַרטײ באַשטײט אין דעם, אַז אַלע אַרבעטעדיקע מאַסן, ביז די סאַמע אפּגעשטאנענע, זאלן גוט תופס זײַן דעם אמת, אַז די רעליגיע איז פריער געווען און איז נאָך איצט אויך אײנער פון די מעכטיקסטע מיטלען אין די הענט פון די אונטערדריקער אויף אונטערצוהאַלטן די אומגלײכקײט, עקספּלואַטאַציע און קנעכטישע הכנעה פון די אַרבעטעדיקע.

אײניקע געמײנע קאָמוניסטן טראַכטן זיך אַזוי: „מיר שטערט ניט די רעליגיע צו זײַן אַ קאָמוניסט, — איך גלויב צוגלײַך אי אין גאָט, אי אין קאָמוניזם מײַן גלויבן אין גאָט שטערט מיר ניט צו קעמפן פארן ענין פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“.

אַזאַ מין מײנונג איז אין שורש ניט קײַן ריכטיקע. רעליגיע און קאָמוניזם קענען זיך ניט אײַנלעבן צוזאַמען ניט טעארעטיש, ניט פּראַקטיש.

יעדער קאָמוניסט דאַרף באַטראַכטן די געזעלשאַפטליכע דערשײנונגען (פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן, רעוואָלוציעס, מלחמות וכדומה), ווי עפּעס אַזוינס, וואס קומט פאַר לויט באַשטימטע געזעצן, און די געזעצן פון דער געזעלשאפטליכער אַנטוויקלונג ווערן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײט אײַנגעשטעלט דווקא דורכן וויסנשאַפטליכן קאָמוניזם, אַדאַנק דער טעאָריע פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואס איז געשאַפן געוואָרן דורך אונזערע גרויסע לערער, קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. לויט דער דאַזיקער טעאָריע ווירקן אויף די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג ניט קײַן שום איבערנאַטירלעכע כּוחות. נאָך מער, די זעלביקע טעאָריע שטעלט פעסט, אַז דער באַגריף גופא וועגן גאָט און וועגן פאַרבאָרגענע, חוץ לשכל'דיקע כּוחות איז אויפגעקומען אויף אַ געוויסער שטופע פון דער מענטשליכער געשיכטע און אויף אַ געוויסער שטופע הויבט עס אָן צו

פאַרשווינדן ווערן, ווי א קינדישער באגריף, וואס ניט די פראקטיק פונם לעבן
און ניט דער קאַמף פונם מענטשן מיט דער נאטור באשטעטיקט אים ניט. און
נאָך דערפאַר, וואס די רויבערישע קלאַסן לוינט אונטערצוהאלטן די אומ=
וויסנקייט פונם פאלק און זיין קינדיש גלויבן אין ניסים (און דעם שליסל (דעם
פיתרון) פון די דאזיקע ניסים האלטן בא זיך אין קעשענע), זיינען די רעלי-
גיעזע פאראורטיילן אזוי לעבנס-פייהיק און מישן די רעיונות אפילו בא א סך
קלוגע מענטשן.

קיינע שום איבערנאטירליכע כוחות ווירקן אויך ניט אויף די ענדערונ-
גען אין דער נאטור איינגאנצן גענומען. דער מענטש האט דערגרייכט גרויסע
רעזולטאטן אין זיין קאמף מיט דער נאטור, ער ווירקט אויף איר און זיינע
אינטערעסן און פירט א, מיט אירע כוחות ניט אדאנק זיין גלויבן אין גאט און
אין זיין הילף, נאר ניט קוקנדיק אויף דעם דאזיקן גלויבן און אדאנק דעם. וואס
אין אלע ערנסטע זאכן איז ער אין דער פראקטיק שטענדיק אן אטעאיסט.
דער וויסנשאפטליכער קאמוניזם שטיצט זיך אין זיין באנעמען אלע נאטור-
דערשיינונגען אויף די פאקטן פון די נאטורוויסנשאפטן, וועלכע געפינען זיך אין
א שטענדיקער פיינטשאפט מיט כלערליי רעליגיעזע אויסטראכטונגען.

דער קאָמוניזם קען זיך אויך אין דער פראַקטיק ניט איינלעבן מיטן רע-
ליגיעזן גלויבן. די טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאָדערט פון אירע
מיטגלידער אַ באַשטימטן אַרט האַנדלען. די מאָראַל פון יעדער רעליגיע פאָ-
דערט אויך פון די גלויביקע אַ באַשטימטע אויפפירונג (למשל, די קריסטליכע
מאָראַל: „אויב עמיצער וועט דיר אַ פּאַטש טאָן אין איין באַק, שטעל אים
אונטער די צווייטע"). צווישן די דירעקטיוון פון דער קאָמוניסטישער טאַק-
טיק און די געבאָטן פון דער רעליגיע עקסיסטירט ס׳רוב אַן אייביקע סתירה.
דער קאָמוניסט, וואָס וואַרפט אָפּ די געבאָטן פון דער רעליגיע און האַנדלט
לויט די פאָדערונגען, וואָס ס׳שטעלט אים די פאַרטיי, הערט אויף צו זיין אַ
גלויביקער. אַ גלויביקער, וואס האלט זיך פאר אַ קאָמוניסט און איז עובר אויף
די פאַראָרדענונגען פון דער פאַרטיי צוליב די געבאָטן פון דער רעליגיע, הערט
אויף צו זיין אַ קאָמוניסט.

דער קאַמף מיט דער רעליגיע האט צוויי זייטן, וועלכע יעדער קאָמוניסט
מוז שטרייַנג אונטערשיידן, ערשטנס דער קאַמף מיט דער קירכע, ווי מיט אַ
באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזער פראָפּאַגאַנדע, וואָס איז מאַטעריעל
פאַראינטערעסירט אין דער פינסטערניש און רעליגיעזער קנעכטשאַפט פונם
פאָלק, צווייטנס, דער קאַמף מיט די ברייט פאַרשפרייטע און טיף איינגעוואָר-
צלטע רעליגיעזע פאָראורטיילן פונם רוב אַרבעטנדיקע מאַסן.

§ 90. דאָס אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה. די קירכע שטעלט
מיט זיך פאָר לויט דעם קריסטליכן קאַטעכיזיס אַ חברה גלויביקע, וואס זיינען
פאַראייניקט דורך איין גלויבן, סאקראַמענטן און א. וו. פאר אַ קאָמוניסט
שטעלט מיט זיך די קירכע פאָר אַ חברה פון מענטשן, וואָס זיינען פאַראייניקט
דורך באַשטימטע הכנסה-קוואַלן אויפן חשבון פון די גלויביקע, אויפן חשבון פון

זייער אומוויסנקייט און פינצטערקייט, אַ חברה, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן מיט
אַ חברה פון אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרן, ווי די גוטסבאַזיצער, קאַפּיטאַליסטן. וואָס
איז צוזאַמענגעבונדן מיט זייער מלוכה, וועלכע העלפט זיי אונטערצודריקן די
אַרבעטנדיקע און וועלכע באַקומט פון איר זייט, פון דער דאָזיקער חברה הילף
און שטיצע. דער צוזאַמענבונד צווישן דער קירכע און דער מלוכה איז שוין
זעהר אַלט. בפרט אייַנג צוזאַמענגעבונדן איז געווען די קירכע מיט דער פעאָ-
דאַל-פּריצישער מלוכה. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אויב מע זאָל זיך
דערמאָנען, אַז די זעלבסטהערשעדיק-פּריצישע מלוכה האָט זיך געשטיצט אויף
די גרויסע ערדבאַזיצערס, און די קירכע האָט מיט זיך אויך פאָרגעשטעלט אַ
גרויסן ערדבאַזיצער, וואָס האָט געהאַט מיליאָנען דעסיאַטין ערד. אַט די צוויי
כוחות האָבן זיך אומפאַרמיידלעך געמוזט פאַראייניקן, כדי איינאייַנעם צו קעמפן
מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן און כדי צו באַפעסטיקן דורך אַזאַ בונד זייער ממשלה
איבער זיי. בעת די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט געקעמפט מיט די פּריצים, איז
די בורזשואַזיע איין צייט מיטראַדיק אָנגעפאַלן אויף די קירכע, ווי אויף אַן ערד-
באַזיצער, ווערעמעס בהלאת די בורזשואַזיע האָט געהאַט חשק אַרייַנצוכאַפּן אין
אירע הענט, ווי אויף אַן אייגנטימער און געברויכער פון הכנסות, וועלכע מע
קלייַבט צונויף פון די אַרבעטנדיקע, — הכנסות, אויף וועלכע ס'האָט געוואָרפן
אַן אויג אַט טאַקע די זעלביקע בורזשואַזיע. דער דאָזיקער קאַמף איז אין איי-
ניקע לענדער געווען זייער אַ שאַרפער (פראַנקרייך), אין אַנדערע אַ מער שוואַ-
כער (איינגלאַנד, דייטשלאַנד, רוסלאַנד), דעריבער איז די פאָדערונג וועגן אָפּ-
טיילן די קירכע פון דער מלוכה (וואָס האָט אין דער פּראַקטיק געזאָלט באַ-
טייטן דעם איבערגאַנג פון די מיטלען, וואָס די מלוכה פלעגט אויסגעבן אויף
די קירכע, אין די הענט פון דער בורזשואַזיע) שוין אַרויסגעשטעלט געוואָרן
פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. נאָר
די דאָזיקע פאָדערונג איז אין ערגעץ ניט פאַרווירקליכט געוואָרן פון דער בור-
זשואַזיע, די סיבה איז די, וואָס אומעטום האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קאַמף פונם
אַרבעטער קלאַס קעגן די קאַפּיטאַליסטן, און דער בורזשואַזיע האָט ניט גע-
לוינט אָפּצוזאָגן זיך פון אַ בונד-חבר. איר איז בעסער כדאי געווען שלום צו
מאַכן מיט דער קירכע, אָפּקויפן אירע תפילות צוליבן קאַמף מיטן סאָציאַליזם,
אויסנוצן איר השפעה אויף די פינסטערע מאַסן אויף אונטערצוהאַלטן אין זיי
דעם געפיל פון קנעכטישער הכנעה צו דער עקספּלואַטאַטאָרישער מלוכה („יעדע
מאַכט איז פון גאָט").

דאָס, וואָס די בורזשואַזיע האָט איר קאַמף מיט דער קירכע ניט פאַר-
ענדיקט, דאָס האָט דערפירט ביזן סוף די פּראָלעטאַרישע מלוכה. איינער פון די
ערשטע דעקרעטן פון דער ראַטן מאַכט אין רוסלאַנד איז געווען דער דעקרעט
וועגן אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה. מע האָט אָפּגענומען בא דער קירכע
אַלע אירע ערד-נחלאות. און מע האָט זיי איבערגעגעבן די אַרבעטנדיקע, און
אַלע קאַפּיטאַלן פון דער קירכע זייַנען געוואָרן אַ פאַרמעגן פונם אַרבעט-פאָלק.
מע האָט אָפּגענומען בא דער קירכע אַלע הכנסות, וואָס זי פלעגט באַקומען
פונם צאַריזם און וועלכע זי האָט זיך גאַנץ רוהיק ווייטער באַקומען אין די

צייטן פון דער רעגירונג פון „סאציאליסט“ קערענסקי; די רעליגיע איז דער קלערט געווארן פאר א פריוואט-זאך פון יעדן בירגער. אין דער זעלבער צייט האט די ראטן מאכט אפגעווארפן פון זיך יעדן געדאנק אין וואסערע ס'זאל ניט זיין פארמען, אויסצונוצן די קירכע אויף צו באפעסטיקן די פראלעטארישע הערשאפט.

§ 91. **דאס אפטיילן די שול פון דער קירכע.** די פאראייניקונג פון רעליגיעזער פראפאגאנדע מיטן שול-לימוד איז דער צווייטער מעכטיקער מיטל אין די הענט פון די גייסטליכע אויף צו באפעסטיקן די הערשאפט פון דער קירכע און איר השפעה איף די מאסן. דא ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון די גלחים די צוקונפט פון דער מענטשהייט, איר יוגנט. ביים צאריזם האט זיך גערעכנט פאר אן ענין פון מלוכה-וויכטיקייט אונטערצוהאלטן דעם רע-ליגיעזן פאנאטיזם, די טעמפקייט און אומוויסנקייט. רעליגיע איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע לימודים אין שול. די זעלבסטהערשונג האט געשיצט די קירכע אין דער שול, און די קירכע — די זעלבסטהערשונג. חוץ דעם וואס רע-ליגיע איז געווען א חיוב-לימוד און חוץ דעם, וואס מע איז געווען מחויב צו באזוכן די גאטעסדינסטן, האט זיך די קירכע דערשלאגן נאך א גרעסערע זאך. זי האט אנגעהויבן פארכאפן אין אירע הענט די פאלקס-בילדונג. און מיט דעם צוועק איז רוסלאנד באדעקט געווארן מיט א נעץ קירכליך-שולן.

אדאנק דעם צוזאמענלעבן פון דער שול מיט דער קירכע פאלט די יוגנט שוין פון קינדרווייס און אונטער דער מאכט פון דער רעליגיע, אדער זי געפינט זיך אין א צושטאנד פון פולשטענדיקער אוממעגליכקייט אויסצוארבעטן א וואסער ניט איז גאנצע וועלטאנשויאונג. אויף איינע און די זעלביקע פראגע (למשל, וועגן די אויפקומונג פון דער ערד) גיבן די רעליגיע און די וויסנשאפט פארשיידענע ענטפערן, און דער אויפנעמעדיקער שכל פונם תלמיד ווערט פאר-וואנדלט אין א שלאכטפעלד צווישן דער פינקטליכער וויסנשאפט און די געמיינע אויסגעטראכטע מעשיות פון די אבסקוראנטיזם-העלדן.

אין א סך לענדער ווערט די יוגנט דערצויגן ניט נאר אינם גייסט פון איבערגעגעבנקייט צו דער עקזיסטירנדיקער ארדענונג, נאר גאנץ אפט אפילו אינם גייסט פון איבערגעגעבנקייט צו דער שוין אראפגעווארפענער זעלבסט-הערשעריק-קירכליך-פריצישער ארדענונג, ווי, למשל, אין פראנקרייך. אזא מין פראפאגאנדע איז א ריין קאנטר-רעוואלוציאנערע אפילו פונם שטאנדפונקט פון דער בורזשואזער מלוכה.

(דער בורזשואזער ליבעראליזם האט אויך אין זיינע פראגראמען ארויס-געשטעלט די פאדערונג וועגן אפטיילן די שול פון דער קירכע. ער האט גע-קעמפט פאר פארבייטן דעם לימוד פון רעליגיע אין שול מיטן לימוד פון דער בורזשואזער מאראל און פאר פארמאכן די שולן, וואס זיינען ארגאניזירט דורך די רעליגיעזע חברות און מאנאסטירן. נאר אויך אט דער קאמף איז אין ערגעץ ניט דערפירט געווארן ביזן סוף. א ביישפיל איז פראנקרייך, וואו אלע בורזשו-אזע מיניסטעריאומס פלעגן אין א משך פון צוואנציג יאר פיערליך צוזאגן פא-

באנדערלאזן אלע קאנגרעגאציעס (רעליגיעזע קאטוילישע חברות), קאנפיסקירן זייערע קאפיטאלן, פארווערן זיי אונטעררי‌כטן אין די שולן, און פלעגן ענדיק מיט פשרות און קאמפראמיסן מיט די קאטוילישע גייסטליכע. א בולטן ביישפיל פון אזא מין פשרה צווישן דער בורזשואזיע און דער קירכע האט ניט לאנג געגעבן קלעמאנסא, וואס איז בשעתו געווען א פארביסענער שונא פון דער קירכע און וואס האט געענדיקט מיט דער ווענדונג צו פאנגעסן די שנאה און האט מיט זיינע אייגענע הענט געטיילט די פארשטייערס פון די קאטוילישע גייסטליכע אָרדענס פאר זייער פאטריאָטיזם. אינם קאמף פאר עקספלואטירן אנדערע לענדער (די מלחמה מיט דייטשלאנד), אינם קאמף אינעווייניק מיטן ארבעטער קלאס האט שוין די בורזשואזע מלוכה געשלאָסן אן אפמאך מיט דער קירכע און זיי שטיצן איינער דעם צווייטן.

אָט די דאזיקע פשרה צווישן דער בורזשואזיע מיט דער קירכע דריקט זיך אויס ניט נאר אין דעם, וואס די בורזשואזיע פארגעסט אינגאנצן אן אירע אַלטע, קעגן דער רעליגיע געווענדעטע, קאמף-לאזונגען, און הערט אויף צו פירן אַ קאמף מיט דער רעליגיע. דאס איז נאך ניט אינגאנצן. וואס ווייטער, ווערט די בורזשואזיע גופא אלץ א מער „גלויביקער קלאס“. די עלטערזיידעס פונם איצטיקן אייראָפּייאישן בורזשוא זיינען געווען אַטעאיסטן, פריידענקער, פארביסענע שונאים פון די גלחים און פון אלץ וואס האט צו זיי א שייכות. די קינדער און די פאָטערס האבן געמאכט א טריט אויף צוריק. בלייבנדיק אליין אַטעאיסטן, ניט גלויבנדיק אליין אין די רעליגיעזע אויסגעטראכטע מעשיות, און לאַכנדיק פון זיי אין באָרד, האבן זיי פונדעסטוועגן געהאלטן, אז מע מוז אײַנהיטן די דאָזיקע מעשיות, אז מע דארף אַיינהיטן אַ רעליגיעזע צוים פארן פאָלק. און זייערע איצטיקע זין ,לסוף, איז ניט נאָר זיי האלטן פאר נויטיק, אײַנהיטן די רעליגיעזע צוים פארן פאָלק, נאָר זיי טוען זי שוין אן אויף זיך אַליין. פאַר אונזערע אויגן האט נאך דער אָקטיאַבר רעוואָלוציע דער געוועזענער ליבעראלער בורזשואַ אין בורזשואַזער אינטעליגענץ זיך אַ לאָז געטאָן אין קלויסטער און האָט זיך אָנגעהויבן בוקן צו דעב, פון וואס ער האט פריער חוזק געמאַכט. אָט אַזאַ איז דער גורל פון אַלע אָפּשטאַרבעדיקע קלאַסן, פאר וועלכע עס בלייבט שוין קיין אַנדער זאַך ניט איבער, אַ חוץ זוכן אַ „נחמה“ אין דער רעליגיע.

פונקט אַזאַ צוריקקער צו דער רעליגיע באַמערקט זיך אויך באַ דער בורזשואַזיע פון אײַראָפּע, וועלכע האט נאָך לעת עתה ניט פארלאָרן די מאַכט. נאָר אויב דער בורזשואַזער קלאַס הויבט אָן צו גלויבן אין גאָט און אין אומשטערבליכקייט אויפן הימל, הייסט עס רק, אז ער פילט, אז דאָ, אויף דער ערד, איז שוין נאָהענט זיין טויט-שעה.)

דאָס אָפּטיילן די שול פון דער קירכע האט ארויסגערופן און רופט נאָך אויך איצט ארויס פראָטעסטן מצד די מער אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן ארבעטער און פויערים. אַ סך פון די עלטערן פאָדערן נאָך אַלץ, אַז דער לימוד פון „זאַקאָן באָזשי“ זאָל דערלאָזט ווערן אין די שולן ווי אַ ניט אָבליגאַטאָרישער לימוד פאר די, וואס ווילן. קעגן אַזעלכע פרובן אַוועקצוגיין אויף צוריק פירט

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דעם סאַמע אַנטשלאָסענעם קאַמף. דערלאָזן אין שול דעם לימוד פון קירכן-פּאַרטונקעלונג, הגם אפילו ווי אַ נים אָבליגאַטאָרישן לי- מוד, הייסט געבן מלוכה-שטיצע דער באַפעסטיקונג פון רעלי- גיעזע פאָראורטיילן. די קירכע וועט דאַן באַקומען אין איר רשות אַ פּאַרטיקע אַאודיטאָריע פון קינדער (וועלכע מע קלייבט צונויף אין שול מיט אַ צוועק, וואָס איז פּונקט דער היפוך פון די אויפגאַבן פון דער רעליגיע), זי וועט דאַן באַקומען אין איר רשות אַ דירה, וואָס געהערט דער מלוכה, און זי וועט זיין אַדאַנק דעם אימשטאַנד צו פארשפרייטן דעם רעליגיעזן סם צווישן דער יוגנט כמעט אין דעם זעלביקן מאַסשטאַב, ווי זי האט עס געטאָן, אײדער די שול איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער קירכע.

דער דעקרעט וועגן אָפּטיילן די שול פון דער קירכע דארף בלייבן בא זיין גאַנצער קראַפט, און אויף קיינע הנחות פאר מיטלאַלטעריי טאָר די פּראָ- לעטאַרישע מלוכה נים גיין. דאָס, וואס ס'איז אויפגעטאָן אין דעם דאָזיקן גע- ביט, איז נאָך צו ווינציק, און די עלטערן האבן נאָך די פולשטענדיקע מעגליכ- קייט צו פארקריפּלען דעם שכל פון זייערע קינדער מיט רעליגיעזע מעשיות. די ראַטן מאַכט דערלאָזט געוויסן-פרייהייט פאר דערוואקסענע. נאָר די דאָזיקע געוויסן-פרייהייט פאר די עלטערן ווערט בא זיי פארוואנדלט אין א פרייהייט צו פארסמען דעם שכל פון זייערע קינדער מיטן זעלביקן סם, מיט וועלכן ס'האט פריער זיי אליין פארסמט די קירכע. די עלטערן בינדן אָן זייערע קינ- דער זייערע אייגענע טעמפּקייט, עם-הארצות. זיי גיבן ארויס פאר אמת יעדע בא-ישקייט און מאכן מיט דעם שרעקליך שווער די ארבעט פון דער איינהייט- ליכער ארבעט-שול. באַפרייען די קינדער פון די רעאקציאָנערע השפּעות פון זיי- ערע עלטערן איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. אַ ראַדיקאַלער מיטל צו דעם איז געזעלשאַפטליכע קינדער-דערציהונג, דורכגע- פירטע אין איר פולן פאַרנעם. נאָר פאר דער נאָהענסטער צייט איז נויטיק, אַז מיר זאָלן זיך נים באַ-רענעצן מיטן פאַריאָגן די רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פון דער שול, נאָר די שול זאָל אריבערגיין, אין אַן אַנגריף קעגן דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע אין דער פאַמיליע און זי זאָל פון לכתחילה מאַכן דעם באַוואוסט- זיין פון די קינדער אומפילבאר פאר יענע רעליגיעזע מעשיות, אין וועלכע עס גלויבן נאָך עד היום און וועלכע עס גיבן ארויס פאר אמת גאַנץ דער- וואקסענע מענטשן.

§ 92. דער קאַמף מיט די רעליגיעזע פאָראורטיילן פון די מאַסן.

אויב דאס אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה און די שול פון דער קירכע האט די פּראָלעטארישע מאַכט פארווירקליכט לפי ערך גרינג און כמעט אָן גרויסע מניעות, וועט אַ סך אַ שווערערע זאך זיין דער קאַמף מיט די רע- ליגיעזע פאָראורטיילן, וואס האבן זיך שוין טיף איינגעוואָרצלט אינם באַוואוסט- זיין פון די מאסן און וואס ווייזן ארויס אַ קאָלאָסאַלע לעבנסקראַפט. דער דאָ- זיקער קאַמף וועט זיין א לאנגדויעריקער, ער פאָדערט גרויסע אויסגעהאלטנ- קייט און געדולד. אין אונזער פּראָגראַם ווערט וועגן דעם געזאָגט: „די ר. ק. פּ. ציט איבערגעצייגט אַז נאָר די פאַרווירקליכונג פון דער פּלאַנמעסיקייט און

פון דער באוואוסטזיניקייט אין דער גאנצער געזעלשאַפטליך־ווירטשאַפטליכער טעטיקייט פון די מאסן וועט ברייינגען מיט זיך דאס פולשטענדיקע אָפּשטאַרבן פון די רעליגיעזע פאָראורטיילן”. וואס באטייטן די דאָזיקע ווערטער?

די רעליגיעזע פראָפּאגאנדע, דער גלויבן אין גאָט און אין כלערליי איבערנאַטירליכע כוחות געפינען פאר זיך דעם גינסטיקסטן באָדן, דאָרט, וואו דער באוואוסטזיין פון די מאסן ווערט דורך דער גאנצער סביבה פונם געזעלשאַפטליכן לעבן געשטויסן אויף אָנווייזן איבערנאַטירליכע דערקלערונגען בנוגע צו די אַרומיקע דערשיינונגען אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאפט. די סביבה פונם קאפיטאליסטישן פראָדוקציאָן־אויפן שאפט גערא̈דע אַזאַ באָדן. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט ווערן די פראָדוקציע אין דער פראָדוקטן־אויסטויש אײַנגעאָרדנט נית באוואוסטזיניק, נית לויט א באשטימטן פלאַן, נאָר סטיכייאיש דער מארק הערשט איבערן פראָדוצירער, קיינער ווייס נית, צי ס׳איז אויסגעאַרבעט צו־פיל סחורות אָדער ווייניק סחורות. פאר די פראָדוצירער איז נית קלאָר, ווי אזוי ס׳אַרבעט דער גאנצער קאָלאָסאַלער און קאָמפּליצירטער מעכאַניזם פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע; פארוואס הויבן זיך פלוצלונג אָן קריזיסן און ארבעטסלאָזיקייט; די מקחים פון די סחורות פארוואס דאָ שטייגן זיי און דאָ פאַלן זיי און א. וו. נית ווייסנדיק, ווי אַזוי צו דערקלערן די אמתע סיבה פון די פארקומעדיקע געזעלשאפטליכע ענדערונגען, ווענדעט זיך דער געמיינער אַרבעטער צום „אויבערשטנס-ווילן”, וועלכער קען אַלץ דערקלערן.

פאַרקערט, אין אן אָרגאַניזירטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט אינם געביט פון פראָדוקציע אין פארטיילונג נית זיין קיין שום סודות פאַר די אַרבעטדיקע. איטליכער אַרבעטער וועט נית נאָר אויספירן דעם אים איבערגעגעבענעם טייל געזעלשאַפטליכע אַרבעט, נאָר ער וועט אַליין אָנטייל נעמען אין דער אויסאַרבעטונג פונם אַלגעמיינעם פראָדוקציע-פלאַן און וועט לכל ה[illegible] האבן וועגן אים א גאנץ קלאָרע פאָרשטעלונג. אינם גאנצן מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפטליכער פראָדוקציע וועט נית זיין קיין שום סודות, קיין אומפאַרשטענדליכעס, אומדערוואַרטעס, און ס׳וועט קיין שום באָדן נית זיין פאר מיסטישע דערקלערונגען און אַבערגלויבנגס, פונקט ווי פארן טישלער, וואס האט אליין געמאכט דעם טיש, איז קלאָר, פון וואַנעט דער טיש האט זיך גענומען אזוי וועט פאר אלע אַרבעטעדיקע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט זיין קלאָר, וואס און ווי אזוי זיי שאַפן מיט זייערע קאָלעקטיווע באמיהונגען.

דעריבער איז שוין דער פאַקט גופא פון אָרגאַניזירונג אין באַפעסטיקונג פון דער סאציאליסטישער ארדענונג א גע[illegible]אלטיקער קלאַפּ פאר דער רעליגיע און דער איבערגאנג פונם סאציאליזם צום קאמוניזם, דאס הייסט, פון אַ געזעלשאפט, וואס דערשלאגט דעם קאפיטאליזם, צו א געזעלשאַפט, וואס איז פריי פון יעדע שפורן פון קלאַסן צוטיילונג און פון קלאסנקאמף, וועט ברייינגען דערצו, אַז יעדע רעליגיע און יעדער פאָראורטייל וועלן שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט.

נאָר דאס באַטייט נאָך לחלוטין נית, אַז מיר קענען זיך באַרוהיקן דער-

מיט, וואס מיר פאַראויסזאָגן דעם אונטערגאַנג פון דער רעליגיע אין דער צוקונפט.

גערעדע איצט מוז געפירט ווערן אַ גאַנץ ערנסטער קאַמף מיט די רע-ליגיעזע פאָראורטיילן, געראַדע איצט, ווען די קירכע טרעט אַרויס ווי אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואס שטרעבט אויסצונוצן איר רעליגיעזע השפעה אויף די מאַסן, כדי אריינצוציען די דאָזיקע מאַסן אין אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראַוואָסלאַווער גלויבן, וועלכן ס'פאַר-טיידיקן די גלחים, שליסט צו אַ בונד מיט דער מאָנאַרכיע. דעריבער מוז די רעגירונג פון די סאָוועטן מאַכט שוין גלייך אַנטוויקלען די ברייטסטע אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס ווערט דערגרייכט סיי דורך ספּעציעלע פאָרלעזונגען, דורכן איינאָרדענען דיספּוטן און אַרויסגעבן פּאַסיקע ליטעראַטור, סיי דורך דער אַלגעמיינער פאַר-שפּרייטונג פון וויסנשאַפטלעכע קענטעניש, וועלכע רייסן אונטער הגם ביסלאַך-ווייז און לאַנגזאַם נאָר, דאָך זיכער, יעדן אויטאָריטעט פון דער רעליגיע. פאַר אַ גוטן מיטל אינם קאַמף מיט דער קירכע האט זיך אַרויסגעוויזן דאָס וואָס אין אַ רייע פּונקטן פון דער רעפּובליק האט מען געפּרואווט אויפדעקן די „אייביקע" רעליקוויען, וואס האט אַנטפּלעקט פאַר די ברייטסטע און דערביי די גלויביקע מאַסן יענע בידעריקע רמאות, אויף וועלכער עס באַזירט זיך יעדע רעליגיע בכלל און דער רוסישער פּראַוואָסלאַווער גלויבן בפרט.

נאָר דער קאַמף מיט דער רעליגיעזער אָפּגעשטאַנענקייט פון די מאַסן דאַרף געפירט ווערן ניט נאָר מיט דער גאַנצער ענערגיע און פעסטקייט, נאָר אויך מיט געהעריקער געדולד און פאָרזיכטיקייט. די גלויביקע מאַסע איז זייער שפּירעוודיק צו יעטווידער באַליידיקונג פון איר געפילן. דאָס איינפּלאַנצן דעם אַטעאיזם אין די מאַסן מיט געוואַלט, וואס ווערט דורכגעפירט דורך געוואַלט-טאַטן און חוזק מאַכן איבער די רעליגיעזע מנהגים און קולט-חפצים, ניט נאָר דאס פאַרגיכערט ניט, נאָר אדרבא עס פאַרהאַלט דעם קאַמף מיט דער רעליגיע. די קירכע, ווי אַ גערודפטע, געפינט נאָך מער מיטגעפיל בײַ די מאסן און וועקט אויף אין זיי דעם שוין לאַנג פאַרגעסענעם צוזאַמענבונד צווישן דער רע-ליגיע און דער פאַרטיידיקונג פון נאַציאָנאַלער פרייהייט, פאַרשטאַרקט דעם אַנ-טיסעמיטיזם און מאָביליזירט בכלל אַלע איבערלעבונגען פון דער שוין האַלב פאַרגעסענער אידעאָלאָגיע.

לאָמיר ברענגען אייניקע ציפערן, וואס באַווייזן, ווי אזוי די צאַרישע רעגירונג האט מיטן פאָלקס געלט געשטיצט די קירכע, און וואָס פאַר אַן עשירות ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט בײַ די קריסטוסעס דינער.

(די צאַרישע רעגירונג פלעגט געבן דורכשניטלעך יעדן יאָר דער קירכע דורכן סינאָד און דורך אנדערע אופנים ביז 50 מיליאָן רובל (לויטן איצטיקן רובל הייסט דאס הונדערט מאָל מער). דער סינאָד האט געהאט אין די בייַנק ביז 70 מיליאָן, די קלויסטערס און די מאָנאַסטירן האבן געהאט גרויסע ערד-נחלאות. אין 1905-טן יאָר האָבן די קלויסטערס געהאט 1,872000 דעסיאַטן, די מאנאסטירן 740,000 דעסיאַטן. זעקס רייכסטע מאָנאַסטירן האבן געהאַט 182,000 דעסיאטין, דער סאלאוועצער מאָנאַסטיר האט געהאט 66 טויזנט

דעסיאטין, דער סאראטאווער — 26 טויזנט, די אַלעקסאַנדער-נעווער לאַווּרע — 25 טויזנט און א. וו. אין פּעטערבורג האָבן די קלויסטערס און מאָנאַסטירן געהאַט אין 1903-טן יאָר 266 הכנסה-נחלאות אין א פאָרם פון הייזער, קראָמען, ערד פאַרבויטע מיט בנינים א. א. וו. אין מאָסקווע איז געווען 1054 הייזער, וואָס פלעגן ברענגען הכנסה, א יסער 32 גאַנץ הייזער. אין קיעוו האט צו די קלויסטערס געהערט 114 הייזער. און אט זיינען נאָך די עוואַנגעלישע הכנסות פון די מיטראָפּאָליטן און פון די אַרכיבישופן. דער פּעטראָגראַדער מיטראָפּאָליט פלעגט באַקומען 300 טויזנט רובל אַ יאָר. דער מאָסקווער און קיעווער — צו 100 טויזנט, דער נאָווגאָראָדער אַרכיבישוף — 31 טויזנט רובל.

[illegible] געווען ביז 30 טויזנט. תלמידים אין זיי — קרוב אַ מיליאָן. אין די נידעריקע שולן פונם בילדונגס-מיניסטעריאום האָבן „געאַרבעט" העכער 20 טויזנט רעליגיע-לערער.

ווי ס'איז באַוואוסט, האט די צאַרישע זעלבסט-הערשונג געשטיצט די פּראַוואסלאַווע קירכע, ווי די הערשעדיקע, ווי די איינציק אמתע. צענדליקער מיליאָנען רובלס פלעגן געזאַמלט ווערן אין אַ פאָרם פון שטייערן פון די מוסולמענער (טאַטערן, באַשקירן), פון די קאַטוילִיקער (פּויִלן), פון די אידן. און אויף דאָס דאָזיקע געלט פלעגן די פּראַוואסלאַווע גייסטליכע ערוויזן די פאַלשקייט פון יעדער אַנדער אמונה, אַ הוץ דער פּראַוואסלאַווער. די רעליגיעזע אונטערדריקונג איז געווען ביים צאַריזם אומגעהייער גרויס. אין דער ווירקליכקייט האט זיך די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד לויט די רעליגיעס אַזוי געטיילט: אויף יעדע הונדערט מאַן איז געווען 9 קאַטויליקער, 11 מאַהאַמעטאַנער, 5 פּראָטעסטאַנטן 4 אידן און 1 פון אַנדערע גלויבנס.

וואָס איז נוגע צו דער ארמיי פון די פּראַוואסלאַווע גייסטליכע, איז זי אין 1909 אָט ווי גרויס געווען:

באַ 52,869 קלויסטערס פון רוסלאַנד איז געווען:

פּראָטאָיערייען	2912
גלחים	46730
דיאַקאָנס	14670
תהילימזאָגערס	43518

אין 455 מענער-מאַנאַסטירן:

מאַנאַכן	9987
קלויסטערדינער	9582

אין 418 פרויען-מאַנאַסטירן:

מאַנאַכיניעס	14008
קלויסטערדינערינס	46811

יסך הכל שווארצע און ווייסע גייסטליכע אין רוסלאַנד 188,218)

דאָס איז די צאָל נאָר פון די פּראַוואסלאַווע גייסטליכע. נאָר דער דאָזיקער פּאַראַזיטישער שיכט איז פאַראַן באַ אַלע פעלקער, וואָס גלייבן אין אַנדערע אמונות. אָט די גאַנצע מאַסע וואָלט, אנשטאַט צו באַקומען גרויסע געלט-

סומען פון דער באַפעלקערונג פאַר אונטערהאַלטן די פאָלקס-אומוויסנקייט געקענט, פאַרקערט, מיט פיזישע אַרבעט שאַפן אַ קאָלאָסאַלע צאָל ווערטן. בעת ס'וועט זיך פאַרפולקומען איר ווירטשאַפטליכער אַפּאַראַט, וועט די סאָציאַליסטישע מלוכה דורכפירן אַרבעטס-פליכט פאַר די גייסטליכע אין פאַר די איבעריקע ניט פּראָדוקטיווע קלאַסן, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין אַרבעטער און פּויערים.

פון די מלוכה-מיטלען, וואָס פלעגן ביים צאַר אַרויסגעגעבן ווערן דער קירכע, פלעגט מער ווי 12 מיליאָן אַ יאָר אַנקומען די שטאָטישע און דאָרפישע גייסטליכע. (ס'איז פאַרשטענדליך, פאַרוואָס די דאָזיקע גייסטליכע פאָכערס זיינען קעגן אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה. וואָס איז אַלץ איינס ווי אָפּטיילן פון זייער קעשענע צענדליקער מיליאָנען רובלס). נאָר דאָס איז מער ניט ווי אַ טייל פון די הכנסות פון די גייסטליכע; אַ סך אַ גרעסערער טייל פון די דאָזיקע הכנסות פלעגט זיך באַקומען פונם שכר פאַר די רעליגיעזע צערעמאָניעס, פון ערד-אַרענדע, פון פּראָצענטן פון די קירכע-קאַפּיטאַלן. איינשטעלן פּינקטליך, ווי גרויס זיינען די הכנסות פון די גייסטליכע, האָט זיך אין רוסלאַנד קיינעם ניט איינגעגעבן. מע האַלט אַז די יערליכע הכנסה פון די גייסטליכע איז בערך 150 מיליאָן רובל, דאָס הייסט איף אומזער איצטיק געלט הונדערט מאָל מער אַ קאָלאָסאַלן טייל פון די דאָזיקע הכנסות, באַקומען די גייסטליכע נאָך עד היום פונם פאָלק.

א) ליטעראטור. קילטשעווסקי. „די רייכקייטן און הכנסות פון די גייסטליכע". י. מ. לוקין. אנטאנאוו, „קירכע און מלוכה". שעלעוואנאוו. „קירכע און מלוכה אין איבערגאנג-צייט". פ. מינ[illegible] רעליגיע און קאָמוניזם". א. סטעפּאַנאָוו. „די אויפקומונג פון אונזער גאָט". א. סטעפּאַנאָוו. „די גייסטליכע, זייערע הכנסות, זייערע תפילות און קללות" ה. קונאָוו. „די אויפקום[illegible] פון דער רעליגיע און פונם גלויבן אין גאָט". ק. קאוטסקי „די אויפקומונג פון דער אורא[illegible] ביבלישער געשיכטע". קאַאוטסקי. „די אַנטיקע וועלט, דאָס יידנטום און קריסטנטום". ק. קאַאוטסקי „די קאַטוילישע קירכע און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". א. בעבעל. „קריסטנטום און סאָציאַליזם". שטאַמפּפער און וואַנדערוועלדע. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און רעליגיע". לאַפאַרג. „די אויפקומונג פון רעליגיעזע גלויבונגען". ס. דאַגילאָוו, „דאָס שוואַרצע חיל". ר. קילווער. „סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און קריסטנטום". ג. [illegible]. „די קירכע און די שול אין דער ראַטן רעפּובליק". י. גוראָוו. „וואָס באַווייזט דער געזעץ וועגן געוויסן פרייהייט". פ. לאַפאַרג. „דער מיף פון דעם זעלבסט מעוברת ווערן". ניקאָלסקי קריסטוס אין די ערשטע קריסטליכע געמיינדעס". וויפּער. „די אויפקומונג פונם קריסטנטום". פּאָקראָווסקי. „די רוסישע געשיכטע". (ניקאָלסקיס אַרטיקל) ד. בעדני. „די פּאַסטוי-גייסטליכע".

קאפּיטל XII.

די אינדוסטריע אָרגאניזירונג.

§ 93. די עקספּראָפּריאירונג פון דער בורזשואזיע און די פּראָלעטאַרישע ארגאניזירונג פון דער גרויס אינדוסטריע.

די סאַמע ערשטע אויפגאַבע פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער ראַטן מאַכט, ווי פונם ארגאַן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, איז געווען אַפּנעמען בא דער בורזשואזיע די פּראָדוקציאָן-מיטלען, אדער, ווי מע זאָגט, עקספּראָפּריאירן די בורזשואזיע. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז ס'האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן עקספּראָפּריאירן די קליין-פּראָדוקציע און ניט וועגן עקספּראָפּריאירן די האַנטווערקעריי, נאָר וועגן אַפּנעמען די פּראָדוקציאָן-מיטלען בא דער גרויס-בורזשואזיע און וועגן אוועקשטעלן די גרויס פּראָדוקציע אויף א נייעם וועג, אַר-גאַניזירן זי אויף א נייעם שטייגער. און וואָס פאַר א פאָרם האָט עס די ראַטן מאַכט געקאָנט כאַן? מיר האָבן שוין גערעדט אינם ערשטן טייל, אז דער פּראָ-לעטאַריאַט גוויטיקט זיך ניט אין צוטיילן די פאַבריקן און זאַוואָדן און ניט אין צעראַבירן זיי, נאָר אין ארגאַניזירן א געזעלשאַפטליכע חברשע פּראָדוקציעס ס'איז פאַרשטענדליך, אז אין א צייט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור קען עס געטאָן ווערן נאָר אויף איין אופן: נאָר דורך פּראָלעטאַרישער נאציאָנאַליזירונג דאָס הייסט, דורכן איבערגעבן אלע פּראָדוקציאָן - און צירקולאַציאָן-מיטלען אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, אין די הענט פון דער גרעסטער און מעכטיקסטער ארגאַניזאַציע פונם ארבעטער קלאַס.

אין דער פארוואלטונג מיט דער אינדוסטריע, ביז די גאנצע פאלקס-ווירטשאפט
ווי אין איינהייטליכער גאנצעס, וועט ניט איבערגיין פאקטיש פון אונטן ביז אויבן
אין די הענט פון די פראדוקציע-פאראיינען.

פון די נידעריקע פארוואלטונג-ארגאנען מיט דער אינדוסטריע דארף מען
בפרט אנמערקן די טעטיקייט פון די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן. זיי זיינען
פאקטיש די קערנדלאך פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען. וואס זיינען אונטער-
געווארפן אונטער דער פארוואלטונג פונעם אנטשפרעכנדיקן פאראיין. אויסגע-
קליבענע דורך די ארבעטער פון דער געגעבענער פאבריק אדער זאוואד, האבן
די דאזיקע פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן געשאפן, איבער דער ארבעטס-

ווייניק אין דער אונטערנעמונג, אויף וויפל זי איז נוגע די ארבעטס-קראפט. די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן פארוואלטן, הייסט עס, מיטן „דינגען" און אפשאפן, זיי גיבן אכטונג איבער דער פארזארגונג פון די משפחות און איבער דער אויסצאלונג פון שכירות, איבער דער אויסארבעטונג-נארמע, דיסציפלין, ורדומה. זיי זיינען, א חוץ דעם, אן אויסגעצייכנטע אנפאנג-שול פאר פארוואלטונג פאר די ברייטע ארבעטער-מאסע).

די פראפעסיאנעלע (פראדוקציע) פאראייניגן דארפן אויף אזא אופן זיכערן דעם אייניגסטן צוזאמענבונד צווישן די צענטראלע ארגאנען פון מלוכה-פארוואלטונג, צווישן דער פאלקס-ווירטשאפט און די ברייטע ארבעטדיקע מאסן.

אריינפירן אין אלץ א גרעסערן מאסשטאב די דאזיקע מאסן אין דער ארבעט פון פארוואלטן מיטן ווירטשאפטליכן לעבן דאס איז די ערשטע און די דרינגענדיקסטע אויפגאבע פון די פראדוקציע-פאראייניגן. שטיצנדיק זיך אויף די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן, פאראייניקנדיק כמעט אלע ארבעטנדיקע, דארפן די פראדוקציע-פאראייניגן צושטעלן אלץ נייע און נייע טוער אויך צו ארגאניזירן די פראדוקציע. דעם צוועק דינט סיי דאס לערנען זיך פארוואלטן דירעקט אויף דער פראקטיק (אין די פ. זאוו. קאמיטעטן, אין די זאוואד-פארוואלטונגען, אין די סאוונארכאזן, גלאווקעס און אז. וו.) סיי די ספעציעלע אויפקלער-ארבעט, וועלכע פאנאנדערקלען די פאראייניגן (אינסטרוקטארן-קורסן אדגל.).

דאס אריינציען די ברייטע מאסן אין די בויאונג-ארבעט איז איינע פון די בעסטע מיטל צו קעמפן מיטן ביוראקראטיזם אינעם ווירטשאפטליכן אפאראט פון דער ראטן מאכט. דער דאזיקער ביוראקראטיזם דערגרייכט אפטמאל ביז א געוואלדיקער גרויס, בפרט דארט, וואו ס'איז פאראן ווייניק ארבעטער. נאר א סך „ראטן אנגעשטעלטע". גאנץ אומזיסטע שאפיר-שלעפעניש, קאנצעלאריוני-גראבקייט, נאכלעסיקייט, סומאטאכע — דאס איז נאך גאנץ ווייניק פארוואס אין די ווירטשאפטס-ארגאניזאציעס. ארויסטרייבן עס קען מען דורכן אויפהויבן די ברייטע ארבעטער שיכטן. און נאר אויף אזא אופן קען מען צושטעלן א באמת פאלקס-קאנטראל איבער דער ארבעט אין אלע אונזערע ווירטשאפט-אנשטאלטן.

§ 99. די אויסנוצונג פון דער ארבעטס קראפט. זעהר א וויכטיקע באטייטונג פאר אונזער גאנצע צוקונפט האט די געהעריקע אויסנוצונג פון דער ארבעטס קראפט, וואס מיר פארמאגן. ווען די פראדוקציאן-מיטלען זיינען אפגענוצט, און רוי-מאטעריאלן איז פאראן זעהר ווייניק, דאן איז די ארבעטס קראפט דער יסוד פון דער גאנצער פראדוקציע, און פון דער געהעריקער אנווענדונג פון דער דאזיקער קראפט הייננט אפ אלץ. דא קריגטן פאר אונז ארויס אן ערך אזעלכע אויפגאבן: אויסנוצן אלע כוחות; מיט אנדערע ווערטער, אויסנוצן אלע ארבעטספייהיקע עלעמענטן, געפינען פאר זיי ארבעט,

זעהן, אז זיי זאלן זיין פארנומען. מע דארף געדיינקען: אין אונזער הונגער-צייט איז יעדער עסער, וואס טוט קיין שום נוצליכע ארבעט ניט, א פשוטע משא פאר דער געזעלשאפט. און אזעלכע מענטשן זיינען פאראן אין א גאנץ גרויסער צאל. און ס'איז אויך פאראן א סך ארבעטן, וועלכע מע קען טאן אן באזונדער קאמפליצירטע פראדוקציאן-מיטלען: אזעלכע זיינען, למשל, די ארבעטן פון אפהיטן די ריינקייט אין די שטעט, פארריכטן די בריקן, שאסייען, די אייזנבאנען, פון רייניקן די קאזארמעס און פארשיידענע בנינים; ס'איז אויך פאראן א גאנצע ריי ארבעטן אינם געביט פון ארויסבאקומען רוי אדער באהייצונג-מאטעריאלן האקן האלץ און טראנספארטירן עס, ארויסבאקומען טארף וכדומה. אמת, דא איז פאראן זעהר א סך שוועריקייטן: ס'קאן זיין, אז ס'איז דא מענטשן און העק, נאר ס'איז ניטא וואס צו געבן עסן די דאזיקע מענטשן — און מע קען קיין האלץ ניט האקן א. א. וו. נאר פונדעסטוועגן איז גאנץ קלאר, אז נאר אויב מיר וועלן אויסנוצן די לעבעדיקע ארבעטס-קראפט, וועלן מיר זיך ארויספלאנטערן פון דער שווערער לאגע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם שטייט די פראגע וועגן דורכפירן א מאביליזאציע פון אלעמען ביז איינעם אויף דורכפירן די אדער יענע געזעלשאפטליכע ארבעטן. אין דער צייט ווען מע מוז דרינגעדיק דורכפירן א באפעסטיקונג, ווערן אויסגעצייכנט אויסגענוצט די ארבעטס-כוחות פון מאסן, וועלכע גייען געוויינטליך לאיבוד. די דאזיקע זאך דארף אוועקגעשטעלט ווערן סיסטעמאטיש. וועגן אלגעמיינע ארבעטס פליכט איז אנגעוויזן אויך אין דער קאנסטיטוציע פון דער ר. ס. פ. ר. ר. נאר פונדעסטוועגן איז זי נאך גאנץ ווייט פון צו זיין פארווירקליכט אין לעבן. אט דאס איז די ערשטע פראגע: אנווענדונג פונם גאנצן סכום ארבעטס-כוחות פון דער ארבעט-רעפובליק.

די צווייטע פראגע איז די פראגע וועגן פארטיילונג און איבערפארטיילונג פון די ארבעטס-כוחות. ס'איז גאנץ קלאר, אז די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט וועט אפהייגען פון דעם. אויף וויפל צוועקמעסיק ס'זיינען פארטיילט די דאזיקע כוחות צווישן פארשיידענע ראיאנען און צווישן פארשיידענע ארבעטס-צווייגן.

די דאזיקע פארטיילונג פון די ארבעטס כוחות און זיי טראנספארטירן פאדערט א קאלאסאלע ארבעט אויף צו מאכן א חשבון פון די ארבעטס-כוחות, בדי אוועקצושטעלן דאס באמת ריכטיק און פלאנמעסיק: אויב ס'איז ניט אויסגערעכנט, וויפל מיטלען דו פארמאגסט איז אוממעגליך ריכטיק זיי צו פארטיילן. די דאזיקע אויפגאבע קאן די ראטן מאכט לייזן נאר דורך די פראפעסיאנעלע פאראיינען און מיט זייער אנטייל.

§ 100. **די חברשע ארבעטס-דיסציפלין.** דער צושטאנד פון די פראדוקטיווע כוחות פון א לאנד ווערט באשטימט ניט נאר לויט דעם, וויפל ס'איז דארט פאראן מאשינעס, געציי, רוי-מאטעריאלן און א. וו., נאר אויך לויט די ארבעטס-כוחות פונם לאנד. בפרט איצטער, ווען פראדוקציאן-מיטלען זיינען

פאראן זעהר ווייניק, האט דער צושטאנד פון דער ארבעטס-קראפט און די לע-בעדיקע ארבעט ממש די גרעסטע און די עיקרדיקע באטייטונג.

דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע-אופן האט געהאלטן דעם ארבעטער קלאס אין א צוים. האט געצוואונגען אים צו ארבעטן אויפן באלעבאס און האט אים געטריבן צו דערצו דורך א בייטש-דיסציפלין.

די רעוואלוציע האט אונטערגעריסן און צעשטערט ביזן סוף די דאזיקע דיסציפלין פון קאפיטאליסטישער ארבעט, פונקט ווי זי האט און דער ארמיי צעשטערט די אימפעריאליסטישע דיסציפלין און האט געמאכט א סוף צו דעם, אז די סאלדאטן זאלן פאלגן די צארישע גענעראלן, נאר, כ׳פארשטייט זיך, אז אן א נייער דיסציפלין קען מען אפילו נישט חלומען וועגן א קאמוניסטישער בויאונג. אויך אין דעם פרט איז צו באמערקן די פולשטענדיקע אנאלאגיע מיט דער ארמיי. די אלטע ארמיי האבן מיר צעשטערט, א קורצע צייט איז געווען אן „אנארכיע“, אן אומארדענונג, ס׳איז געווען נישט געווען. נאר מיר האבן אויפגעבויט א נייע ארמיי, אויף נייע יסודות פאר נייע צוועקן. — אן ארמיי, וואס באפינט זיך אין די הענט פונם פראלעטאריאט און קעמפט קעגן יענע גוטבאזיצער און קאפיטאליסטן, וועלכע האבן געהאט צעשאפן איבער דער אלטער ארמיי.

דאס זעלביקע קומט אויך פאר מיט דער „גרויסער ארבעטס-ארמיי“, מיטן ארבעטער קלאס. די צייט פון צופאלונג פון דער אלטער דיסציפלין איז שוין פארביי. ס׳הויבט זיך אן אויסצושטעלן א נייע, א חברשע ארבעטס-דיסציפלין, וואס ווערט דורכגעפירט און אונטערגעהאלטן נישט דורכן באלעבאס און דורך די קאפיטאליסטישע בייטש, נאר דורך די ארבעטער-ארגאניזאציעס גופא: דורך די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן און פראפעסיאנעלע פאראיינען.

בא דער ארגאניזירונג פון דער פראדוקציע דארף מען אויך נעמען אין באטראכט די ארגאניזירונג פון ארבעט אויף דער פאבריק.

דערייבער איז די חברשע ארבעטס-דיסציפלין איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען אויף צו ארגאניזירן די געמיינשאפטליכע פראדוקציע און אויך אויפצו-הויבן די פראדוקטיווע כוחות.

די חברשע דיסציפלין דארף גיין האנט בא האנט מיט דער גרעסטער זעלבסטעטיקייט פונם ארבעטער קלאס. דאס באטייט נישט, אז די ארבעטער דארפן הארטן אויף באפעלן פון אויבן און קיין מאל נישט ארויסווייזן קיין אייגענע איניציאטיוו; פארקערט, יעדע פארבעסערונג אין דער פראדוקציע, יעדע המצאה פון נייע מיטלען, ווי אזוי צו ארגאניזירן די ארבעט און א. וו. דארף זיך דורכשלאגן א וועג. די אפגעשטאנענע ארבעטער-שיכטן זעהען נישט גאנץ אפט קיין וועגן, נישט וועלכע מע דארף גיין אין דער דאזיקער ארבעט. און אזעלכע וועגן זיינען דאך פאראן. די ארבעטער זיינען פאראייניקט אין פאראיינען, און די דאזיקע פאראיינען פירן אן מיט דער פראדוקציע; די ארבעטער האבן טאג טעגליך פאר זייערע אויגן אי דעם פאבריק-זאוואדישן קאמיטעט, אי די ארבעטער פארוואלטונג. אלץ, וואס מע ווייל, קען מען דורכפירן פון אונטן אויך

דורך די ארבעטער ארגאניזאציעס. [illegible] מען וועט נאר זיין א ביסעלע מער באוועגליך, נישט שרעקן זיך, נאר ווירקן. אז דער ארבעטער קלאס איז איצט דער באלעבאס פונעם לעבן.

די ארבעטס-דיסציפלין דארף זיך שטיצן אויפן געפיל און אויפן אחריות-באוואוסטזיין פון יעדן ארבעטנדיקן פאר זיין קלאס, אויף דעם באוואוסטזיין, אז [illegible] און פוילקייט איז א פארברעכן בנוגע צו דער אלגע-מיינער זאך פון אלע ארבעטנדע. קיין קאפיטאליסטן, ווי א רעגירנדיקע קאסטע, איז איצט נישטא. [illegible] די ארבעטער ארבעטן איצט נישט אויפן קאפיטאליסט, נישט אויפן [illegible], נאר אויף זיך אליין, ווי [illegible] זייער אייגענע זאך [illegible] צו די ארבעטנדיקע. פריער, בא דער הערשאפט פון די קאפיטאליסטן, איז [illegible] געווען צו דאגן וועגן דעם, ווי [illegible] ביסל. איצט איז גאר אן אנדער זאך. און אז דער [illegible] פאראנטווארטלעכקייט פארן גאנצן ארבעטנדן קלאס דארף לעבן [illegible] יעדן ארבעטער.

די ארבעטס-דיסציפלין דארף זיך, לסוף, שטיצן אויפן שטרענגסטן קעגנ-זייטיקן קאנטראל, [illegible] פון דער ארבעטס-פראדוקטי-וויטעט איז [illegible] ארבעטער זאך, און אז מיר וועלן נישט גיין פאראויס, [illegible] מיר מוזן אומקומען. דארפן אלע חברים מיט א באלע-באטישן [illegible] אויף דער [illegible] זאך, ווי [illegible] פון דער [illegible] איז דאך אויך א קאמף, א קאמף מיט [illegible], מיר מוזן [illegible], מיר מוזן [illegible] קליידער. [illegible] ברויט און [illegible] קאפיטאליסט, [illegible] אויף די [illegible], מיר קעגנ-זייטיקן קאנטראל [illegible] צום [illegible] אריסטאקראטן פון [illegible], יעדער איז [illegible] אין דער ארבעטער-זאך, יעדער איז א [illegible] פון די ארבעטער זאך.

[illegible] ארבעטס-דיסציפלין [illegible] פאדערט זיך, [illegible] זיך, און [illegible], און ארבעט פון [illegible] די מאסן, די [illegible] [illegible] זייער [illegible] איינצעלנע [illegible] בא [illegible] דער [illegible]: דער [illegible] האט געטריבן — איז [illegible] און [illegible] אן צו [illegible] די [illegible] זאך — [illegible]. [illegible] האבן מיר געשאפן אן [illegible], [illegible] דער פראגרעסיווער [illegible] פון [illegible] דאס [illegible], וועגן וואס עס האנדלט זיך אין [illegible] דערשלאגן דאס [illegible]. דאס [illegible] זיך איצט [illegible] אויף [illegible] פראדוקציע. דאס [illegible] די מאסן פארגרינגערט [illegible], וואס די ארבעטער מאסן זעהען מיט זייערע אייגענע אויגן און [illegible] זיך אויף דער אלטעגליכער פראקטיק, אז זייער גורל

געפ׳נט זיך אין זייערע אייגענע הענט. בפרט לערנען זיי זיך דארט, וואו נאך דער ראטן מאכט פלעגט זיך איינשטעלן אויף א קורצע צייט די מאכט פון דער קאנטר-רעוואלוציע: אזוי איז געווען אויף אוראל, אין סיביר און א וו.

די פראגרעסיווע ארבעטער-קאמוניסטן האבן געגעבן א מוסטער פון א נייער, חברשער דיסציפלין דורך דעם, וואס זיי האבן איינגעארדנט די אזוי אנגערופענע קאמוניסטישע שבת-טעג, און זיי האבן געארבעט פרייוויליק און אומזיסט, הויבנדיק די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבעט אין עטליכע מאל מער אין פארגלייך מיט דער געוויינטליכער ארבעט.

(דער חבר לענין האט באטראכט די שבת-טעג ווי א „גרויסע התחלה“. די ערשטע, ווער ס׳האט זיי ארגאניזירט, זיינען געווען די מאסקווער אייזנבאנער-קאמוניסטן, און גלייך פון אנהויב אן האט זיך דערביי ארויסגעוויזן א קאלאסאלע פארגרעסערונג פון דער פראדוקטיוויטעט. אויף דער אלעקסאנדראווער אייזנבאן האבן 5 סלאקערס אין 4 שעה געמאכט 80 וואליקעס (213 פראצ. געוויינטליכער פראדוקטיוויטעט); צוואנציק נים קוואליפיצירטע ארבעטער האבן אין דעריבער ביקער צייט צונויפגעקליבן 600 פוד אלטן מ: טעריאל און 70 וואגאן-רעסארן צו 3 מיט א האלבן פוד (300 פראצ. פראדוקטיוויטעט). פון דעם האט זיך אנגעהויבן. דערנאך זיינען די שבת-טעג אריבער אין פעטערבורג, וואו זיי זיינען גלייך ארגאניזירט געווארן אין א ברייטן מאסשטאב.

			די צאל ארבעטער.
I	שבת-טאג	(16 אווגוסט)	5,175
II	„	(23 אווגוסט)	7,650
III	„	(30 אווגוסט)	7,900
VI	„	(6 סעפטיאבר)	10,250
V	„	(13 סעפטיאבר)	10,500

ווען מע זאל איבערפירן אין געלט, איז אויסגעארבעט פאר 5 טעג

1.67.188 רובל

דערנאך זיינען די שבת-טעג אויך פארשפרייט געווארן אין דער פראווינץ און האבן אנגעהויבן פארכאפן אויך די אומפארטייאישע מאסע. די התחלה פון די מאסקווער אייזנבאנער האט זיך טאקע באמת ארויסגעוויזן פאר א גרויסע התחלה, ווייל זיי האבן אנגעטאפט דאס ריכטיקע שטעגעלע אויפן וועג צו א נייער דיסציפלין).

ס׳פארשטייט זיך, אז ס׳איז אוממעגליך צו שאפן א נייע ארבעטס-דיסציפלין אן דעם אנטייל פון די פראפעסיאנעלע פאראייגען. נאך מער, די פראפעסיאנעלע פאראייגען דארפן די דאזיקע זאך שטופן פאראויס, אויספרובירנדיק נייע פארמען זוכנדיק נייע וועגן: ווייל די גאנצע זאך איז נאך א נייע און אן אומגעווייגט-ליבע, און, האלטנדיק זיך פאר דאס אלטע, קען מען זייט ניט אוועקגיין.

מיטלען, וועלכע וועלן שוין אנגעווענדעט אין וועלכע מע דארף מיט אלע בעגליכקייטן אנטוויקלען און פארגרעסערן, ווייט אין אונזער פארטיי אט וואכערין.

1) איינשטעלן א דין וחשבון: בא אונז איז דאס נאך גאנץ שוואך אנטוויקלט; און אן דעם קען מען קיין שום זאך ניט ארגאניזירן, ניט דורכפירן קיין איינפארשונג, קאנטראלירן ניט אויסגעפינען דעם שורש פון אלע מניעות.

2) איינשטעלן אויסארבעטונג-נארמעס; דאס הייבט זיך ערשט אן צו אנטוויקלען. די קאפיטאליסטן פלעגן אין זייערע אונטערנעמונגען איינשטעלן אן אויסארבעטונג-נארמע, כדי אויסצופרעסן מערערע פון די ארבעטער; די דאזיקע נארמעס פלעגן איינגעשטעלט ווערן דורך בעלעבאטים-ארגאניזאציעס; בא אונז דארפן די אויסארבעטונג-נארמעס איינגעשטעלט ווערן און אנטוויקלט ווערן דורך די פראפעס אנעלע פאראייגען, דאס הייסט, דורך ארבעטער-ארגאניזאציעס. די ארבעטער-ארגאניזאציעס רעכענען אליין אויס, וויפל מע קען אויסארבעטן, בעמענדיק אין באטראכט אי די קעלט, אי דעם הונגער, אי דאס וואס טינעלט אויס רוי-מאטעריאלן, אי דעם שלעכטן צושטאנד פון די מאשינען. נאר ווינאלד די נארמעס זיינען איינגעשטעלט, איז שוין א שלעכטער ארבעטער דער, וועמעס ארבעט זיי ניט אויס. מיר דארפן שאפן א פראפעסיאנעלן ארבעטס-כבוד, אז יעדער ארבעטער זאל קוקן אויף יענעם, וועלכער כאפט און אן ערנסטע סיבה ניט אריינגעטראגן זיין חלק אין דער אלגעמיינער זאך, ווי אויף א ניט ארנטליכן פויל און פאסניק.

3) איינשטעלן א פראגעמאראנטליכקייט פאר די חברישע ארבעטס-געריכטן. דאס באטייט, אז אויף איטליכן וועט ניט נאר זיין א חברישער קאנטראל, נאר מע וועט צו איטליכן מעגן האבן א טענה פאר שלעכטע ארבעט. און וויבאלד דאס ווערט ניט דער באלעבאס א טענה צו זיין געריכטעכנעכטן, נאר דער ארבעטער קלאס און זיינע ארגאניזאציעס שטעלן ארויס א טענה צו זיינע איינציגע מיטגלידער.

מע קען איינפירן נאך א גאנצע ריי מיטלען, נאר זיי אלע שטעלן פאר זיך דעם צוועק, אויסשטעלן און קאנפליקטן די ארבעטס-ארמיי, וועלכע לייגט דורך א [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

§ 101 די ארגאניזירונג פון בורזשואזע ספעציאליסטן.

די אינטעליגענץ [illegible] [illegible] איז אן ארגאניזירטע זאך און [illegible], מע-כאניקער, [illegible] [illegible], [illegible] און פראקטיקער. אין דער ארבעטער סביבה זיינען [illegible] [illegible] [illegible]: ניט די פריציש-צארישע, ניט די בורזשואזע [illegible], [illegible] ניט געקענט די ארבעטער קיין מעגליכקייט צו לערנען זיך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], און מיר האבן נאר איין אויסוועג: אז מען [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] דער בורזשואזיע. די [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

און אויך פון געוויזענע דירעקטארן און קאפיטאליסטישע ארגאניזאטארן איז אויף דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט א בורזשואזן גייסט. נאך מער, דער גרעסטער טייל פונם דאזיקן שיכט איז פיינטליך געשטימט צו אונז און איז פייהיק צו פארראטן אונז לטובת אונזערע קלאסן־שונאים. און פונדעסטוועגן מוזן מיר זיי נעמען צו זיך אויף שטעלעס, ווייל קיין אנדערע זיינען ניטא, און ס'איז דעריבער קיין אנדער ברירה ניטא.

דער דאזיקער שיכט האט געפירט א פארביטערטן קאמף קעגן דעם פראלעטאריאט, ראשית כל דורך סאבאטאזש. די ראטן מאכט האט איינגעבראכן דעם דאזיקן סאבאטאזש. ביסלאכווייז, טיילנווייס, האבן איינציקע גרופעס אנגעהויבן איבערגיין צו אונז, ווען זיי האבן דערזעהן, אז דער ארבעטער קלאס האט גאר ניט ברעה צו איבערגעבן רוסלאנד דעם דייטשישן אימפעריאליזם; איינציקע הויבן אן פארשטיין, אז צום קאפיטאליזם קומט שוין טאקע, ווייזט אויס א סוף אויף דער וועלט. ס'האט זיך אנגעהויבן א שפאלטונג אין די דאזיקע שיכטן. די אויפגאבע פונם פראלעטאריאט איז צו פארשטארקן און פארשטארקן די דאזיקע שפאלטונג.

ס'פארשטייט זיך, אז דער קאמוניזם האט ניט וואס צו האפן אויף געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט מצד אט די אלע „ספעציאליסטן". ס'וואלט געווען נאריש צו מיינען, אז אט די מענטשן, וואס זיינען מיט טויזנטער פעדים צוגויפגעבונדן מיט דער בורזשואזיע, וועלן איבערדערצייגן ווערן אין א משך פון א קורצע צייט. נאר דער פראלעטאריאט דארף אין דעם פאל האנדלען, ווי אן אויסגערעכנטער באלעבאס: ער נוציקט זיך אין זיי, און ער מוז זיי צ ו ו י נ ג ע ן ארבעטן פאר זיך.

דא קומט אויס האנדלען אט ווי אזוי: כלערליי הנחות די, וואס ארבעטערליך, ניט קארגן קיין מיטלען אויף צו באצאלן זיי — דאס וועט זיין מעשה אויסגערעכנטער באלעבאס. נאר פאר קאנטר־רעוואלוציע, פאר א קאמף קעגן פראלעטאריאט, פאר פאררעטערישע פאליטיק, פאר סאבאטאזש — אומברחמנותדיקע שטראף. דער פראלעטאריאט דארף שעצן און קענען שעצן אמתע ערליכע ארבעטער. נאר ער קען ניט דערלאזן, אז מע זאל אים ברענגען שאדן בפרט איצטער, ווען אים קומט אויס צו ליידן הונגער־יסורים און טויזנטער אנדערע צרות.

ס'פארשטייט זיך, אז ס'איז נויטיק א שטרענגער קאנטראל, בפרט איבער די „ספעצן" פון געוועזענע דירעקטארן און קאפיטאליסטישע גדולים. ניט איינמאל האבן זיי שוין געפרובט צו פירן הינטערווייל'אכס זייער אייגענע ליניע. נאר דא זיינען נויטיק די זעלביקע מיטלען, ווי אינם קאמף מיט די פארראטן פון די געוועזענע אפיצערן און גענעראלן אויפן פראנט.

די פארטיי וועט, פון דער אנדער זייט, קעמפן מיט יענע ניט ריכטיקע, שוין צו פארא׳יינפאכטע מיינונגען, וואס באשטייען אין דעם, אז מיר וועלן זיך בכלל באגיין אן שום ספעצן. דאס איז א נארישקייט. אזוי ריידן קענען נארבעל גאיהדיקע, אבער אומוויסנדיקע מענטשן, וועלכע האבן זיך קיינמאל ניט

פארטראכט ערנסט וועגן די אויפגאבן, וואס ליגן איצט אויף די פלייצעס פונם פראלעטאריאט. דער פראלעטאריאט דארף אויפשטעלן אן אמת מאדערנע פראדוקציע לויט דעם לעצטן ווארט פון דער וויסנשאפט. ער וועט, פארשטייט זיך, שאפן, צוגרייטן (און גרייט שוין צו) זיינע א ייגענע, רויטע אינזשע-ניערן און טעכניקער. פונקט ווי ער גרייט צו רויטע קאמאנדירן. נאר די צייט ווארט ניט, און אים קומט אויס גלייך אויסנוצן דאס, וואס ס'איז פאראן, אנגע-טענדיק זיינע מיטלען קעגן דעם מעגלעכן שאדן. באוואפנענדיק זיך קעגן דעם דאזיקן שאדן, ארגאניזירנדיק א קאנטראל איבער דער ארבעט פון יענע, וועלכע זיינען אונז פרעמד.

דא ליגט אויך נאך א פראגע, נעמליך, די פראגע וועגן שכירות. דער קאמוניזם שטרעבט צו מאכן גלייך די שכירות. נאר, צום באדויערן, קענען מיר ניט גלייך איבערשפרינגען צום קאמוניזם. מיר מאכן ערשט די ערשטע טריט אויפן וועג צו אים. און דא דארפן מיר אויך נעמען אין באטראכט די פשוטע אויסרעכענונג.

אויב מיר האלטן די „ספעצן" געצאלט אזוי פיל, וויפל מיר צאלן די ניט קוואליפיצירטע ארבעטער, וואלט זיי אלץ איינס געווען, צי זיין א פשוטער ארבעטער, צי א אינזשענער, צי א קוריער, צי א שיק איינגל. צווינגען די דאזיקע מענטשן, וואס זיינען צוגעוואוינט צו אן אנדער לעבן, אז זיי זאלן גוט ארבעטן אויף אזעלכע באדינגונגען וואלט געווען ניט שכלדיק. בעסער צאלן זיי מער, נאר דערשלאגן זיך פון זיי בעסערע רעזולטאטן. דער פראלעטאריאט דארף דא טאן אזוי, ווי עס טוט א באלעבאס מיט שכל: בעסער באצאלן. נאר באקומען א גוטע ארבעט פון די דאזיקע מענטשן, אן וועלכע מע קען איצט, אין דעם מאמענט ניט אויסקומען.

נאר, ס'פארשטייט זיך, אז אונזער גרונט-פאליטיק באשטייט אין דעם, אז מיר זאלן שטרעבן צו גלייכן שכירות. און אין דעם פרט האט שוין די ראטן מאכט א סך אויפגעטאן, פריער פלעגט די שכירות פון די העכערע אנגעשטעלטע (פון דירעקטארן, הויפט-בוכהאלטערן, גרויסע אינזשענערן-ארגאניזאטארן, וויסנ-שאפטלעכע קאנסולטאנטן, בעלי-יועצים וכדומה) צוזאמען מיט כלערליי גראטי-פיקאציעס. זיין אין עטלעכע צענדליק מאל העכער פאר די שכירות פון א ניט קוואליפיצירטן ארבעטער; איצט איז זי סך הכל העכער אין פיר מאל. הייסט עס, אז בא אלץ דעם, וואס מיר האבן אויבן געזאגט, האבן מיר בא-טייטלעך קלענער געמאכט דעם אונטערשייד אין דער לאגע פון די דאזיקע שיכטן.

) די אויסגלייכונג קומט פאר אויך צווישן פארשידענע קאטעגאריעס ארבעטער. לויט די פאקטן פונם חבר שמידט, האבן אין 1914-טן יאר 4,43% ארבעטער באקומען ביז 50 קאפיקעס א טאג שכירות, נאר ס'זיינען אויך געווען ארבעטער, וואס פלעגן אין דער זעלבער צייט באקומען העכער 10 רובל (0,04%) דא איז, הייסט עס, דער אונטערשייד אין די שכירות געווען אזא, אז די נידעריקע

קאטעגאריעס פלעגן באקומען צוואנציק מאל ווייניקער פאר די העכערע
ספּעציאליסטן, אזעלכע אתה בחרתּניקעס. וואס פלעגן אין 1914-טן יאר באקו-
מען 10 רובל, איז געווען זייער ווייניק, נאר דאך זיינען אזעלכע געווען. אין
1916-טן יאר זיינען געווען ארבעטער-מאנסבילן, וואס האבן באקומען ביז 50
קאפּיקעס, 42%, און ארבעטער, וואס פלעגן פארדינען העכער 10 ר. —
1,15%.

איצט, לויט דעם ארבעטס-דעקרעט פון 1919-טן יאר איז די קלענסטע
שכירות — 1.00 ר., און די גרעסטע — 4800 ר., און די לעצטע שכירות זיינען
בלויז אויך צו די „ספעצן“.

דאס, וואס אייניקע גרופּעס פון דער טעכנישער אינטעליגענץ וועלן זיך
אפּרייסן פון דער בורזשואזיע און וועלן איבערגיין צום פּראלעטאריאט, וועט
פארקומען אלץ גיכער, וואס פעסטער עס וועט זיין די ראטן מאכט. און אזוי ווי
די באפעסטיקונג פון דער ראטן מאכט וועט אוממעגלעך זיין, איז דעריבער
אויך אוממעגלעך דאס צוקומען פון דער אינטעליגענץ ספּעציאליסטן צו זיך, און
אנשטאט זיך פון זיך ווייטער צו שטויסן אין אומזין, אדרבא, מיר דארפן זיי אוועק
שטעלן אויף אונזער ארבעט אין א סביבה פון חברישער מיטארבעט, זיי זאל
זיך רייבן אין אונזער סביבה. זיי זאלן זיך אין א געמיינזאמער ארבעט איבער-
ארבעטן אין אונזערע מענטשן, זיי האבן נאך א סך אבערגלויבנס, פאר
אורטיילן, נארישקייטן, נאר בא באשטימטע באדינגונגען קענען זיי זיך און זיי
וועלן זיך איינארבעטן מיט אונז. שוין איצט ווערן זיי ביסלאכווייס
ארייגעצויגן דורך די פּראדוקציע-פאראיינען אין אונזער ארבעט, זיי געוואוינען
זיך צו צו דער נייער לאגע און לעבן זיך איין מיט איר, און אונזער אויפגאבע דארף
דא זיין — העלפן זיי און גיין אנטקעגן זייערע עלעמענטן, וועלכע דערנעהענטערן
זיך ביסלאכווייס צו אונז. אין די פּראדוקציע-פאראיינען, דורך זיי, אין דער גע-
מיינזאמער ארגאניזאציאנס-ארבעט וועט זיך אויפדאסניי צונויפקומען די ארבע-
טער פון גייסטיקער און פיזישער ארבעט, וועלכע דער קאפּיטאליזם האט אפּגע-
טיילט איינע פון די אנדערע.

§ 102. די פאראייניקונג פון דער פּראדוקציע מיט דער וויסנשאפט.

די אנטוויקלונג פון די פּראדוקטיווע כוחות פאדערט, אז די פּרא-
דוקציע זאל זיך צונויפגיסן מיט דער וויסנשאפט. אפילו די גרויסקאפּיטאליסטישע
פּראדוקציע האט אנגעווענדעט די וויסנשאפט צו דער פּראדוקציע אין א גרויסן
מאסשטאב. די אמעריקאנער און דייטשישע זאוואדן האבן געהאט בא זיך ספּע-
ציעלע לאבאראטאריעס: גאנצע טעג פלעגט מען דארט זיצן, ארויסגעפינען
נייע מיטלען, נייע אפּאראטן און א. וו. דאס אלץ פלעגט געטאן ווערן צוליבן
רווח פון פּריוואטע קאפּיטאליסטן. איצט דארפן מיר עס אוועקשטעלן אויף אן
ארגאניזירטן שטייגער, עס זאל דינען דער גאנצער ארבעטס-געזעלשאפט.
פריערדיקע ערפינדער פלעגן אייסארבעטן סודות; זיי פלעגן גיין אין די
קעשענעס פון די אונטערנעמער און פלעגן אנשטאפּן זייערע בייטלען; איצט

באהאלט בא אונז קיין איין אונטערנעמונג ניט אירע המצאות פון די איבעריקע. נאר זי פארשפרייט זיי אויף אלע אונטערנעמונגען.

די ראטן מאכט האט אין דעם פרט אנגענומען א גאנצע ריי מיטלען; ס'איז געשאפן געווארן א גאנצע ריי וויסנשאפטליכע אנשטאלטן, טעכנישע און עקאנאמישע, ס'זיינען ארגאניזירט געווארן פארשיידנארטיקע לאבאראטאריעס, פרובסטאנציעס; ס'איז פארגענומען געווארן א ריי וויסנשאפטליכע עקספעדיציעס און אויספארשונגען (אגב, זיינען אנטדעקט געווארן נייע קוואלן פון סלאנץ און נאפט; ס'איז אנטדעקט געווארן א מיטל ווי אזוי אויסצוארבעטן צוקער פון זעג שטויב און א. וו.); מע האט קלאר געמאכט די פאראנענע אין דער רעפובליק וויסנשאפטליכע כוחות און אוועקגעשטעלט זיי צו דער ארבעט.

אונז פעלט צו דערצו זעהר א סך, דאס סאמע נויטיקע, אנהויבנדיק פון באהייצונג און ענדיקנדיק מיט איידעלע וויסנשאפטליכע אינסטרומענטן. נאר מיר מוזן קלאר פארשטיין די נויטיקייט פון דער דאזיקער ארבעט און מיט אלע מיטלען אונטערהאלטן די ווייטערדיקע צונויפגיסונג פון דער וויסנשאפט מיט דער טעכניק און מיט דער פראדוקציע-ארגאניזירונג. דער קאמוניזם איז א ריכטיק פארשטענדיק, איז, הייסט עס, וויסנשאפטליך אוועקגעשטעלטע פראדוקציע. מיר וועלן דעריבער מיט אלע מיטלען שטרעבן, אז מיר זאלן לייזן אט די אויפגאבע פון וויסנשאפטליך אוועקגעשטעלטער פראדוקציע.

ליטעראטור צום קאפיטל. נ. אסינסקי. „די בויאונג פונם סאָציאַליזם“ (פאראן אין אידיש) וו. פ. מיליוטין. „די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און די דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט“. מיליוטין, „ארטיקלען“ אין „פאָלקסווירטשאפט“ פאר 1919-טן יאָר. די פראטאקאָלן פונם 8-טן פארטייצונויפפאר (די וויכוחים וועגן דער פראגראם), די צופאלונג פונם קאפיטאליזם און די בויאונג פונם קאָמיניזם“, א. סטעפאנאָוו, „פון ארבעטער קאנטראָל צו ארבעטער-פארוואלטונג“, די ארבעטן פונם ערשטן און צווייטן צונויפפאר פון די סאוונארכאָזן, ס. ציפעראוויטש. „סינדיקאטן און טרעסטן“ ס. טאמסקי. „עסקיזן וועגן פראפעסיאנעלער באוועגונג אין רוסלאנד; אין זשורנאל „דער קאמוניסטישער אינטערנאציאָנאל“. די ארבעטן פון די צונויפפאָרן פון די פראפעסיאָנעלע פאראיינען; ארטיקלען אין „מעטאליסט“ וועסטניק“. א. גאָלצמאן, „די ארבעטס-נארמירונג“, ג. לעגין, „די גרויסע התחלה“.

קאפיטל XIII

די ארגאניזירונג פון דער לאנדווירטשאפט

§ 103. די ערד-פארהעלטענישן אין רוסלאנד פאר דער רעוואלוציע. § 104. די ערד-פאר-העלטענישן נאך דער רעוואלוציע. § 105. פארוואס באדארף מען צוקומען צו דער גרויס-סאציאליסטישער ווירטשאפט? § 106. די סאוועטן-ווירטשאפט. § 107. די שטאטישע ערד-ווירטשאפט. § 108. קאמונע און ארטעל. § 109. געזעלשאפטלעכע ערד-באארבעטונג. § 110. לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראציע. § 111. דאס מלוכה-פארזארגונג פון דער [illegible] ערד, די [illegible] פון א ראציאנעלע [illegible] פראקאט-פונקטן, מעליאראציע, איבערטיילונג. § 112. [illegible] דער פויערישער ווירטשאפט. § 113. די פאראייניקונג פון דער אינדוסטריע [illegible] דער לאנדווירטשאפט. § 114. די טאקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי בנוגע צום פויערטום.

§ 103. די ערד-פארהעלטענישן אין רוסלאנד פאר דער רעוואלוציע. נאך פאר דער רעוואלוציע איז אונזער לאנדווירטשאפט געווען בעיקר א פויערים-ווירטשאפט. נאך דער אקטאבער-איבערקערעניש, נאכדעם, ווי ס'איז ליקווידירט געווארן דער פריוואטער גרונטבאזיץ, איז אונזער לאנד-ווירטשאפט געווארן כמעט אויסשליסלעך א פויערישע און כמעט אויסשליסלעך א קליינע ווירטשאפט. בא אזעלכע באדינגונגען קומט אויס דער קאמוניסטישער פארטיי אין איר קאמף פאר א גרויסע קאלעקטיוויסטישע ווירטשאפט [illegible] צו זיין מוראדיק אומגעהויערע שווער [illegible] באר דער דאזיקער קאמף האט זיך שוין אנגעהויבן, און אפילו [illegible] געווארן באוויזן, און זיין באדייט אנהויב, האט ער שוין געבראכט אייניקע רעזולטאטן.

כדי די סביבה און די באדינגונגען [illegible] די קאמוניסטן קומט אויס צו פאלוירקליכן זייער פראגראם [illegible] דארף, זאגן מיר קלאר, מוז מען ברייננגען אייניקע פאקטן [illegible] לאנדווירטשאפט פאר דער רעוואלוציע און וועגן יענע ענדערונגען [illegible] ארייגעטראגן די רעוואלוציע.

פאר דער רעוואלוציע [illegible] די ערד [illegible] אין אייראפעאישן רוס-לאנד פארטיילט געווען אזוי ווי [illegible]:

מלוכה-ערד [illegible]	138.0[illegible] דעסיאטין
[illegible]	[illegible] „
[illegible]	[illegible] „

כמעט די גאַנצע מלוכה־ערד באַשטייט פון וועלדער אָדער טויג בכלל נים אין איר איצטערדיקן צושטאַנד פאַר לאַנדווירטשאַפט. וואָס איז נוגע צו דער ערד פון פריוואַטע מענטשן און אַנשטאַלטן, זיינען די אַט יי אונזערע איינגע־טיילט געוואָרן:

פריוואַט־ערד, דעסיאַטין:

פריוואַטע ערד	101.735.343 דעסיאַטין
קרוין־ערד	1.840.115 „
קירכע־ערד	1.871.868 „
מאָנאַסטיר־ערד	733.777 „
שטאָטישע ערד	[illegible]042.570 „
מיליטער־קאָזאַקן־ערד	[illegible]159.540 „
אַנדערע	646.[illegible]5 „

וואָס איז נוגע דער נחלה־ערד, איז לויט דער סטאַטיסטיק פון 1905־טן יאָר, פאַראַנען געווען צווישן 12.277.355 הויפן, דאָס הייסט, אויף יעדן הויף איז אויסגעקומען 11.3 דעסיאַטין. נאָר אַז די דורכשניטלעכע צי־פער מאַכט [illegible] די נחלה־ערד [illegible] פון דאָס רוב פויערים פאַר די צענטראַלע גובערניעס אויך השגות, ווען די ערד וואָס זיי האָבן נים צום געניגן [illegible] ערד־נחלות [illegible] די פרעג [illegible], אין דער אמת האָבן די געוועזענע פריוואַטע פויערים, וואָס בילדן די מערהייט פון אונזער פויערים, בעת זייער באַפרייונג אַ נחלה פון 4.2 דעסיאַטין אויף יעדן הויף, און איינצעלנע גובערניעס און אויעזדן וואו די נחלות זיינען געווען נאָך צוויי מאָל קלענער. צום 1906־טן יאָר איז די צאָל פויערישע הויפן געווען מער פון 15 מיליאָן (15.1[illegible]2.202), די גרויס פון פויערשן ערד־אייגנטום איז זעהר ווייניק געוואַקסן, די ערד־נחלות איז געוואָרן נאָך קלענער.

די טייל פון דער נחלה־ערד איז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון די געזאַמטע ערד, וואָס דער פויערים געקענט קריגן מאַכן זיין ערד־אייגנטום נאָר אויפן יסוד פון דער איינגעפאַנגטער גרופע „פריוואַטע מענטשן און אַנשטאַלטן“.

פון די פריוואַטע באַזיצער האָבן די רייכסטע געמוזט פאַרלירן זייער ערד די פויערים, וואָס האָבן געקויפט 53.169.008 דעסיאַטין, די סוחרים און רייכע פויערים. און אויך די געזעלשאַפטן און חברות פון בורזשואַזי־קלאַסן טיפ. סך הכל האָבן די פריוואַטע באַזיצער, וואָס יעדער פון זיי פאַרמאָגט מער 20 דעסיאַטין, געהאַט צוזאַמען 82.841.413 דעסיאַטין. די חברות האָבן געהאַט 1[illegible]778.67[illegible] דעסיאַטין. און אַ העלפט פון דער גאַנצער געמויזט ווערן דער קלאַס פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע. וואָס איז נוגע די אָנ־שטאַלטן, האָבן זיי די פויערים באַקומען אויסגעטיילט דאָס ראשית כל די נחלאות פון דער קירכע, פון די מאָנאַסטירן און טיילווייז די קרוין־ערד.

§ 101. די ערד־פּאָליטיק נאָך דער רעוואָלוציע

דער פריוואַטער ערד־באַזיץ, דער הויפט דער פריצישער, האָט פאַר דער

רעוואָלוציע געהאַט אויף זיך געוואַלטיק גרויסע חובות, ס'איז געווען פאַר-
משכּונט איבער 60 מיליאָן דעסיאַטין אין א סומע פון 3.497.894.000 רובל,
מיט אנדערע ווערטער, די אמתע בעל-באַטים פון דער פּריצישער ערד זיינען
געווען די באַנק, די רייכע און אויסלענדישע. מיט דעם דאַרף מען דער-
קלערן דאָס, וואָס פאַרשיידענע פּשרותמאַכערישע פּאַרטייען, בּראש מיט די
עסערן, האָבן אזוי הויך געשריען וועגן איבערגעבן אומזיסט די פּויערים די
גאַנצע ערד און האָבן אזוי פּחדניש אָפּגעטראָטן אויף צוריק און האָבן אָפּגע-
לייגט די קאָנפיסקירונג, ווען מע האָט זי געדאַרפט דורכפירן אין לעבן. רק
די פּאַרטיי פון קאָמוניסטן-בּאָלשעוויקעס וואָס האָט מיטן קאַפּיטאַל ניט גע-
האַט קיין שום אנדערע באַווירונגס-פּונקטן, א חוץ מלחמה אויף לעבן און טויט
דיק זי האָט געקענט, להיפּך צו די פּשרותמאַכער, שטיצן ביזן סוף די פּויער-
שע רעוואָלוציע, וואָס איז געווענדעט קעגן די פּריצים. די דאָזיקע רעוואָלוציע
האָט געפינען איר געזעצגעבערישן אויסדרוק אינעם דעקרעט וועגן ערד, וואָס
איז אָנגענומען געוואָרן דורכן צווייטן ראַטן-צונויפפאָר און וואָס איז אריינגע-
טראָגן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

לויט דעם דאָזיקן דעקרעט און לויט דעם גרונט-געזעץ וועגן ערד, וואָס
איז אָנגענומען געוואָרן אויפן דריטן צונויפפאָר, ווערט אָפּגעשאַפט פּריוואַט-
אייגנטום אויף ערד; די גאַנצע ערד פון דער רעפּובליק קומט אָן אין רשות פון
יענע, וועלכע וועלן זי באַאַרבעטן מיט אייגענע הענט (דאָס אויסנוצן די ערד
איז ניט באַגרענעצט ניט מיט נאַציאָנאַליטעט, ניט מיט בּירגערשאַפט). די
ערד ווערט פאַרטיילט לויט די צאָל פאַראַנענע מענטשן, אין א גרויס, וואָס
איז ניט העכער פאַר דער אַרבעטס-נאָרמע. שפּעטער אין די תּקנות וועגן דער
סאָציאַליסטישער ערד-איינאָרדענונג ווערט די גאַנצע ערד פון דער רעפּובליק
דערקלערט פאַר אַן אייגנטום פון דער גאַנצער אַרבעטער-פּויערים מלוכה,
וועלכע האָט דאָס העכסטע רעכט צו שאַפן האָבן איבער איר.

דער רעזולטאַט פון דער ערד-רעוואָלוציע, וואָס איז באַפעסטיקט גע-
וואָרן דורך דער געזעצגעבונג, איז געווען דער, וואָס די ערד-פאַרהעלטענישן
אין רוסלאַנד האָבן איבערגעלעבט א פולשטענדיקע איבערקערעניש און לעבן
נאָך עד היום איבער א גאַנצע ריי ענדערונגען.

קודם כל איז אויפן שטח פון גאַנץ גרויסרוסלאַנד אינגאַנצן פאַרניכטעט
געוואָרן דער פּריצישער און בכלל דער גרויסער און מיטעלער ערד-פאַרמעג.
דער קולאַקישער ערד-פאַרמעג איז אויסגעגליכט געוואָרן מיטן מיטל-פּויערישן.

פון דער אַנדערער זייט, איז דער ערד-אויסנוץ פון דער אָרעמשאַפט
און פונם ערד-אָרעמען פּויערטום גופא, וואָס האָט אגב באַקומען פיה און אינ-
ווענטאַר פון די קולאַקעס און פון די הרובֿ געמאַכטע גיטער, גרעסער געוואָרן
ביז דער דורכשניטלעכער נאָרמע פון א קאָפּ-נחלה.

וואָס איז נוגע דער אויסגלייכונג פון די ערד-נחלות אין די וואָלאָסטן,
אויעזדן און גובערניעס, איז זי נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט און קען נאָך א
לאַנגע צייט ניט פאַרענדיקט ווערן.

בּאַ היינטיקער צייט איז נאָך אוממעגלעך איינצופירן א סך הכל צו

דער רעוואָלוציע אין די ערד-פאַרהעלטענישן. נאָר אין **אַלגעמיין און אינ-
גאַנצן** גענומען איז די לאַגע אַזאַ. כמעט די גאַנצע אַקער-ערד **פונעם גרויסן
און** מיטעלן פּריוואַטן ערד פאַרמאָג איז איבערגעגאַנגען **אין די הענט פון**
די פּויערים.

די פּויערישע ערד איז באַפרייט. דער ראַטן-מאַכט האָט זיך **איינגעגעבן
איינצוהאַלטן** אין אירע הענט נאָר קרוב 2 מיליאָן דעסיאַטין **ערד ראַטן-
ווירטשאַפטן**. די פּויערים האָבן פאַראַקערט אויך אַ טייל פון דער ערד, **וואָס
האָט** געהערט צו די שטעט. צו זיי איז אויך אַריבער די **גאַנצע ערד, וואָס**
האָט געהערט דער קירכע, די מאָנאַסטירן, און טיילווייז אויך **די קרוין-ערד.
בכלל** איז אין רשות פון די פּויערים איבערגעגאַנגען קרוב 40 מיליאָן **דעסיאַטין**
פון פּריוואַטע נחלאות אַליין.

אין רשות פון דער ראַטן-מאַכט איז אַ חוץ **דעם** שטח **פון די ראַטן
ווירטשאַפטן און** פון די צוקער-פאַבריקן, פאַרבליבן די **געוויסע מלוכה-ערד**
כמעט אינגאַנצן און אויך די נאַציאָנאַליזירטע **וועלדער פון די פּריוואַטע
ערדבאַזיצער.**

אויף אַזאַ אופן, קומט אויס, דער רוסלענדישער **קאָמוניסטישער פּאַרטיי
צו** קעמפן פאַרן סאָציאַליזם אין **דער לאַנדווירטשאַפט אין זייער אומגינסטיקע
באַדינגונגען**. **דער** גרעסטער טייל **פון דער ערד, וואָס געפינט זיך פאַקטיש אין**
די הענט **פון** דער מלוכה, טויג ניט אויף באַאַרבעטן **צו ווערן, און דער גרעס-
טער טייל פון** גוטער ערד פונעם לאַנד געפינט זיך **אינעם רשות פון דער
זעלבסטשטענדיקער** פּויערישער ווירטשאַפט.

נאָר ווי אומגינסטיק ס'זאָלן ניט זיין די באַדינגונגען **פאַר דער סאָציאַ-
ליזירונג פון דער** לאַנדווירטשאַפט **אין** רוסלאַנד, **וואָס פאַר אַ האַרטנעקיקן**
[illegible] ס'זאָל ניט אַרויסווייזן די **קלייןבירגערלעכע ווירטשאַפט, גע-
הערט דאָך אַ גם** פּויערשן רוסלאַנד די **צוקונפט** נאָר **דער גרויסער סאָציאַליס-
טישער ווירטשאַפט.**

**§ 105. פאַרוואָס געהערט די צוקונפט דער גרויסער סאָ-
ציאַליסטישער ווירטשאַפט?** די גרויסע **קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט
פלעגט** גובר זיין די ווירטשאַפט פונעם בעל-מלאכה **און פונעם פּויער, דערביי**
נאָר גייט עס, אמת, גיכער און **מערקלעכער** שוין אין **דער אינדוסטריע איידער
אין** דער **לאַנדווירטשאַפט**. די **קאָמוניסטישע** ווירטשאַפט ברענגט **מער נוצן,
און איז פּראָדוקטיווער** פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער, און זי איז **דעריבער. אוודאי
נוצלעכער** איידער די קליינע **פּויערישע ווירטשאַפט.** אויב **אַ פונט איז שווע-
רער** פאַר **אַ זאָלאָטניק**, און **אַ פוד איז שווערער** פאַר **אַ פונט, איז, פאַרשטיי-
זיך, אַ פוד אַ סך שווערער** פאַר **אַ זאָלאָטניק.**

איצט וועלן מיר דאָס **אַלץ** דערווייזן **אויף אַ** כמעט **באַשיימפּערלעכן אופן**

ראשית כל, ווען באַ דער סאָציאַליסטישער **לאַנדווירטשאַפט די גאַנצע
ערד פון דער** רעפּובליק ווערט פאַרטיילט אַזוי, אַז **אין יעדן ראַיאָן, קרייז, אויף
יעדן** פעלד זאָל מען קענען די **אייגנשאַפטן און** מעלות **פון** דער **ערד, זייען**

דאָ תבואות, גרינסן, גראָז און טעכנישע געוויקסן (פלאַקס, קאַנאַביס, בוראַ-קעס, זונבלומען און א. וו.), דאס וואס עס לוינט בעסער לויט די אייגנ-שאפטן פון דער ערד. באשטימען עס דארף די אגראָנאָמישע וויסנשאפט, און בא אונזער פריערשער ווירטשאפט ווערט אָפט געטאָן קאַפויר: מע פארזייט תבואה און מע נעמט אראָפּ א שלעכטע גערעטעניש דאָרט, וואו ס׳וואָלט גע-קענט זיין אן אויסגעצייכנטע גערעטעניש אויף פלאַקס, און מע זייעט קאָרן, וואו ס׳קען וואקסן ווייץ, און דאס גלייכן.

אדאנק דעם, וואס ס׳וועט דורכגעפירט ווערן אן אלגעמיינער וויסנ-שאפטליכער פלאַן און דער גאנצער ערד-שטח וועט צעטיילט ווערן לויט א באַשטימטן פלאַן, שוין אדאנק דעם אליין וועט זיך העכערן די פראָדוקטיווי-טעט פון דער ערד, אויב אפילו אין אלע איבעריקע פרטים וועט די זאַך בלייבן, ווי פריער.

נאר בא א מיטעלע״ און גרויסער ווירטשאַפט (און גרינגער בא א גרוי-סער, איידער בא א מיטעלער) קען מען איינפירן א פילפעלדיקע ווירטשאפט-סיסטעם. בא אזא סיסטעם געווינט מען א כך אין פרט פון ערד-שטח. און בא אונזער פריער מיט זיין דרייפעלד סיסטעם איז א דריטל ערד כמעט בלייבט יעדעס יאָר ניט באארבעט.

און פארן פויער איז כמעט ווי אוממעגליך צו פירן א ריכטיקע פיל-פעלד-סיסטעם, אין דעם פאל, ווען ערד איז פאראן ווייניק, און נאך מער איז עס שווער דאן, ווען דער קול (די געמיינדע) טיילט די ערד אויף פאַסן.

בא א גרויסער ווירטשאַפט גייט ניט לאיבוד קיין ערד אויף אָפשניט-שטיקער און אויף גרענעץ-וועגן, דעמאָלט, ווען בא אונזער פויער גייען אין גאנץ רוסלאנד אוועק הונדערטער טויזנטער דעסיאטינעס נאר אויף גרענעץ-וועגן... לויט דעם, ווי איך האָב אויסגערעכנט, פארלירט אונזער פויער נאר אויף די גרענעץ-וועגן פון 60 ביז 80 מיליאָן פוד ברויט א יאָר.

דער הויפט-מקור, וואס האלט אונטער די פרוכטבאַרקייט פונם באָדן איז די באַמיסטיקונג. א גרויסע ווירטשאפט איז בכוח צו האלטן מער פיה (און דערבײַ האט זי די מעגליכקייט אויסצוקומען מיט א קלענערער צאָל פערד), הייסט עס, אז זי איז בכוח צו האָבן מער מיסט. פאר א גרויסע ווירטשאפט לוינט מער צו קויפן קינסטליכע באמיסטיקונג אדער זעלבסטשטענדיק אויס-ארבעטן אייניקע מינים באמיסטיקונג, וואס איז ווייניק צוגייגליך פאר דער קליינער ווירטשאפט.

שווערער פון אלץ איז צו דער צייט, טיף און ווי מעגליך ביליק (דאָס הייסט מיט א וואס קלענערער ארבעט-פאַרווענדונג) פאראקערן. דא איז טאַקע דער קליינער באַלעבעסל באמת א גאָרנישט אין פארגלייך מיט דער גרויסער סאָציאַליסטישער (און אפילו מיט דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער) ווירטשאפט. דאס ביליקסטע, גיכסטע און טיפסטע פאראקערן באַקומט זיך, ווען מע אַר-בעט מיט א טראַקטאָר. נאָר ס׳איז אוממעגליך צו ארבעטן מיט א טראַקטאָר אויף די קליינע פויערשע ערד-פאַסיקלאַך. אגב לוינט א סך בעסער ארבעטן מיט עטליכע טראַקטאָרס, מיט 10—8 מיט אמאָל, איידער מיט איינצלנע.

דאס זעלביקע איז אויך מיט אנדערע מער גרעסערע מאשינעס, מיט אזעלכע, וואס שפארן אממערסטן אייגן ארבעט. א דאמף-דרעש-מאשין און א דאמף שנייד-מאשין קענען אנגעווענדעט ווערן רק אין א גרויכערווירטשאפט.

לסוף איז אויך רק אין א גרויסער ווירטשאפט מעגליך פולשטענדיק אויסצונוצן דעם אינווענטאר.

פולשטענדיק ווערן, למשל, אויסגענוצט:

א פערד-פלוג — בא 27 דעסיאטין אקער-ערד.

געוויינטליכע זיי-מאשינעס, שנייר און דרעש-מאשינעס — בא 63 דעסיאטין אקער-ערד.

דאמף-דרעש-מאשינעס — בא 225 דעסיאטין.

דאמף-פלוג — בא 900 דעסיאטין.

אין שיין א דאמף-פלוג און א טראקטאר אליין מאכן בא אלע איבעריקע גלייכע באדינגונגען אויף א דריטל העכער די פרוכפעריקייט פון דער ערד.

אויב די ווירטשאפט איז געצוואונגען צו באגיין זיך מיט פערד-קראפט, איז אויך דאן האט די גרויסע ווירטשאפט גרעסערע מעלות, ווייל אין א א גרויסער ווירטשאפט באדינט יעדעס איינצלנע פערד א גרעסערע צאל דעסיאטינעס. ס'איז אויסגערעכנט, אז אין א גרויסער ווירטשאפט פאדערט זיך אויף צו באארבעטן דעם זעלביקן פלאץ פין צוויי ביז דריי מאל ווייניקער פערד.

רק אין א גרויסער ווירטשאפט קען אנגעווענדעט ווערן עלעקטרי־ ווייטער, אנשטאט 100 שלעכטע שטעליכלאך פאר פערד קאן מען דא האבן רק גרויסע פערד-שטאלן, אנשטאט 100 שלעכטע קיכן — איין גרויסע און א. ו.

הארעווען בהמות לוינט ווייטער מער פון אלץ אין א גרויסער ווירטשאפט.

נאר די וויכטיקסטע עקאנאמיע איז די עקאנאמיע אין ארבעטס-קראפט, די מעגליכקייט פאר דער מענטשהייט צו פארקירצן אין צוויי און דריי מאל די ארבעטס-צייט פינם ערד-ארבעטער, ניט מאכנדיק דערביי קלענער, נאר אדרבא, נאך גרעסער די פראדוקטיוויטעט פון דער ערד אין דריי-פיר מאל אט איז א ביישפיל.

לויט דער לעצטער ציילונג פון 1916-טן יאר איז אין רוסלאנד געווען פארזייעט סך הכל 71.430.800 דעסיאטין. אויב מע זאל האלטן, אז אט דער גאנצער שטח ווערט געאקערט איין מאל אין יאר (און אז דאס איז ניט אזוי, ווייסט יעדער באלעבאס), איז כדי צו פאראקערן אט דעם שטח קומט אויס דעם פויערטום צו מאביליזירן זיין גאנצע ארבעטס-קראפט, דאס הייסט ביז 20 מיליאן מענטשן און אויך דאס ארבעטס-פיה. כדי צו באארבעטן דעמזעלביקן שטח מיט טראקטארס (א טראקטאר פאראקערט 8—10 דעסיאטין א טאג, בא כסדרדיקער ארבעט — אסך מער), איז גענוג איין מיליאן ארבעטס-פערדה.

אן עקאנאמיע אין צוואנציג מאל. *)

---

*) אמת, הגם די ארבעטער בא די טראקטארס, דארף מען נאך נעמען אין באטראכט די ארבעטס קראפט פון די בייסטערס אין די טראקטאר-ווערקשטאטן, די ארבעטס-קראפט, וואס איז

אויב אנשטאט הונדערט מיטאגן אין יעדער באזונדערער קיך וועט זיין איין גרויסער מיטאג פאר אלעמען אין א געזעלשאפטליכער גאר-קיך, וועלן 90 קעכינס פון הונדערט זיין איבעריק און וועלן זיך קענען פארנעמען מיט מער נוצליכער ארבעט, פארגרינגערנדיק די ארבעט פון אנדערע.

און די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי באשטייט דעריבער אין דעם, אז מע זאל מיט אלע כוחות קעמפן פאר א מער פולקומע, דאס הייסט, פאר זאציאליסטישע פירונג אין דער לאנדווירטשאפט, א פירונג, וועלכע איז בכוח צו באפרייען דאס דארף פון בארבארישער כוחות-פארווענדונג אין קארליק ווירטשאפטן, פון א בארבארישן גוטשעפן דעם באדן, פון בארבארישן אזיאטישן שטייגער פון בהמות-אויסניצונג, פון בארבארישער הויז-קיך.

מיט וואס פאר א וועגן האט די קאמוניסטישע פארטיי בדעה צו גיין, כדי צו דערגרייכן דעם דאזיקן גרויסן ציל? ס'זיינען פאראן עטליכע וועגן לאמיר אנהויבן פונעם גיכסטן.

§ 106 **ראטן-ווירטשאפט.** ווען די פויערים האבן אין 1917-טן יאר פארכאפט די פריצישע ערד, איז חרוב געווארן א סך קולטורעלע נחלאות, וואו ס'האט זיך געפירט א מוסטער-ווירטשאפט, וואו ס'איז געווען צוגעקליבן בהמות פון די בעסטע מינים און וואו ס'זיינען געווען קאמפליצירטע לאנדווירטשאפטליכע מאשינען. נאר א טייל פון די נחלאות, וואס די ראטן האבן פארשטאנען באצייטנס איינצונעמען, האט זיך איינגעגעבן צו ראטעווען. אט די נחלאות, וועלכע די ראטן האבן גענומען אויפן חשבון, האבן באקומען דעם נאמען ראטן-ווירטשאפטן. אחוץ דעם, זיינען אין די ראטן-ווירטשאפטן אריין יענע ערד, וועלכע האט ניט געקענט צוטיילט ווערן צווישן די פויערים, אויף וויפל די לעצטע האבן שוין געהאט נחלות לויט דער נארמע.

די ראטן ווירטשאפט דאס איז דער איינציקער מעגליכער מקור אויף צו שאפן א גרויסע, סאציאליסטישע מוסטער-ווירטשאפט מיט אלע אירע מעלות. נאר דורך די ראטן-ווירטשאפטן זיינען מיר בכוח אויף דער פראקטיק צו דערווייזן די פויערים אלע מעלות פון א גרויסער קאלעקטיווער ערד-ארבעט.

אין אזא ווירטשאפט קענען מיר איינפירן א ריכטיקע פיל פעלדער-סיסטעם און דערווייזן אין דער פראקטיק אלע חסרונות פון דער דרייפעלדער-סיסטעם.

אין איר קענען מיר אנווענדן אלע לאנדווירטשאפטליכע מאשינען, ביז די סאמע קאמפליצירטע.

די ראטן-ווירטשאפטן זיינען די איינציקע פינקטן, וואו ס'ווערט איינגעהיט פון פארניכטונג און וואו ס'פארמערן זיך די בהמות פון די בעסטע מינים. נאר דורך די צונויפפארונג-פונקטן פון די ראטן ווירטשאפטן קענען מיר ביסלאכווייס פארבעסערן דעם בהמות-מין פון דער ארומיקער פויערשער באפעלקערונג.

פארווענדעט געווארן אויף צוצוגרייטן די טראקטארס, דעם גאפט און א. וו. אין דאס אלץ אויסרעכענען פאר יעדע דעסיאטין, די עקאנאמיע פון דער טראקטאר-ארבעט וועט אויסקומען דאן א קלענערע, נאר זי וועט דאך זיין א קאלאסאלע.

באַ די ראַטן ווירטשאַפטן איז גרינגער פון אַלץ איינצוואָרדענען מוסטער פעלדער פאַר די פויערים, און אויך פאַרבעסערן די זוימען דורך דער הילף פון סאָרטירונג. שוין איצטער קלייבן די סאָרטיר מאַשינעס אָפּ די פאַרבע- סערטע זוימען ניט נאָר אין די ראַטן ווירטשאַפטן גופא, נאָר זיי סאָרטירן אויך קערנער פאַר דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

באַ די ראַטן ווירטשאַפטן אָרגאַניזירן זיך לאַנדווירטשאַפטליכע שולן פאַרלעזונגען וועגן אַגראָנאָמיע. ס'ווערן אָנגעמערקט לאַנדווירטשאַפטליכע אויס- שטעלונגען א. א. וו.

באַ די ראַטן ווירטשאַפטן ווערן געשאַפן וואַרשטאַטן אויף צו רעמאָנ- טירן די געצייג תחילת פאַר דער אייגענער ווירטשאַפט און שפּעטער אויך צו פאַדינען די אַרומיקע דערפער.

די אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשטייט אין דעם, אַז זי זאָל וואו ס'איז נאָר מעגליך, גרעסער מאַכן די צאָל ראַטן ווירטשאַפטן און די גרויס פון זייער ערד-שטח (ניט אָנרירנדיק ווי מעגליך די אינטערעסן פון דער פויערשער ווירטשאַפט), אַז זי זאָל ביסלאַכווייס צונויפקלייבן אין זיי דאָס גאַנצע מער טייערע צוכט-פיה פון דער רעפּובליק. אָרגאַניזירן דאָרט אויף די פולקומסטע יסודות די טעכנישע איבעראַרבעטונג פון לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטן, פאַרניכטן דעם ביוראָקראַטיזם און די ניט באַלעבאַטישע געשעפטס- פירונג, אויף וויפל אייניקע ראַטן ווירטשאַפטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין מאָנאַסטירן פאַר פּריצים און פאַרנעמען זיך רק מיט דעם, וואָס זיי באַזאָרגן מער ניט ווי זייערע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, גאָרנישט ניט געבנדיק דער ראַטן מלוכה. צוקלייבן אַ קאַדער פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס זיינען פייהיק צו שאַפן ניט נאָר אַן אַרבעטער-קאָנטראָל, נאָר איבערצוגיין מיט דער צייט צו אַרבעטער-פאַרוואַלטונג מיט די נחלאות, פאַראינטערעסירן אין די ראַטן ווירטשאַפטן די אַרומיקע פויערשע באַפעלקערונג, צוציען זי אויף צו באַטראַכטן די לאַנדווירטשאַפטליכע פּלענער פון די ראַטן ווירטשאַפטן און דערפירן זי צו דערצו, אַז זי זאָל קוקן אויף די ראַטן ווירטשאַפטן ווי אויף א זאַך פון דער גאַנצער אַרבעטס-באַפעלקערונג פונם לאַנד. די צאָל פון ראַטן ווירטשאַפטן איז צו האַרבסט פון 1919-טן יאָר געווען 3.536, באַקוועמע ערד (אַחוץ וועלדער) איז געווען באַ זיי 2170 טויזנט דעסיאַטין.

§ 107 די שטאַטישע לאַנדווירטשאַפט.

באַ דעם שרעקליכן דערנערונג-קריזיס, וואָס שפּעלט מיט זיך פאַר א נאַטירליכן רעזולטאַט פון דער מלחמה און פון דער רעוואָלוציע, האָט זי ריכטיק אוועקגעשטעלטע לאַנדווירטשאַפט פון די שטעט א קאָלאָסאַלע באַטייטונג אין פּרט פון ראַטע- ווען דעם שטאַטישן פּראָלעטאַריאַט פון אויסשטאַרבן. די דאָזיקע ווירטשאַפט הויבט זיך אָן איינצושטעלן און זי האָט פאַר זיך א גרויסע צוקונפט. די נאָהענטסטע אויפגאַבע פון דער מוניציפּאַלער לאַנדווירטשאַפט איז צו באַזאָרגן יעדע שטאָט מיט א געהעריגן ערד-שטח פאַר אַ גוט אוועקגעשטעלטע גרויסע ווירטשאַפט. פאַר דער רעוואָלוציע האָבן אונזערע שטעט געהאַט מער ווי 2

מיליאָן דעסיאַטין ע״ד. דאָס רוב פון דער דאָזיקער ערד, וואָס איז פאַרנומען מיט בנינים, לאָנקעס, פּאַרקנס, גערטנער, איז נאָך עד היום אַן אייגנטום פון די שטעט. נאָר אַ טייל פון דער אַקערערד איז איבערגעגאַנגען צו די פּויערים און איז פאַרלאָרן פאַר די שטעט. מע מוז די דאָזיקע ערד אומקערן די שטעט, — נאָך מער, מע מוז עקספּראָפּריאירן אַלע ערד־פלעצער אַרום די שטעט, אויף וויפל דאָס וועט זיין נויטיק פאַר אַ ריכטיקע און ברייטע ווירטשאַפט.

אין אייניקע שטעט האָבן שוין די ערד־אָפּטיילונגען פון די ראַטן אין 1919-טן יאָר דערלאַנגט צו נעמען אין זייערע הענט די גערטנערייען און זיי האָבן באַקומען אַזוי פיל גרינס, וואָס ס׳איז געווען גענוג אויסצוהאַלטן אין אַ משך פון אַ יאָר די גאַנצע אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אויף דעם דאָזיקן וועג דאַרף מען גיין ווייטער. ס׳איז נויטיק, אַז יעדע שטאָט זאָל באַאַרבעטן אַזוי פיל גאָרטן־ערד, וויפל מ׳דאַרף כדי צו באַפרידיקן מיט גרינס די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג. ס׳איז נויטיק אַז יעדע שטאָט זאָל האָבן אַ גרויסע פערמע, וואָס זאָל באַזאָרגן מיט מילך, לכל הפחות, אַלע קראַנקע און קינדער, און זי זאָל, הייסט עס, האָבן אַ גענוגן שטח ערד אויף צו זייען פוטער־גראָז. בײַ אַ גוט אוועקגעשטעלטער שטאָטישער לאַנדווירטשאַפט קען מען, ווייטער, באַזאָרגן די אַרבעטער ניט נאָר מיט קאַרטאָפל און קרויט, נאָר אויך מיט גרויפּן (גערשטן, הירזש). מע קען מיט אייגענע מיטלען אויסהאַלטן אַלע פערד פון שטאָט, און אַדאַנק דעם קען מען דורכפירן די נאַציאָנאַליזירונג פונם פערד־טראַנספּאָרט־פאַך. מיטן אויסנאַם פון די הויפּט־שטעט, קען די איבערגעבראַכטע פּראָגראַם (אויב מע זאָל פאַר זיך ניט שטעלן קיין אוטאָפּיסטישן צוועק באַזאָרגן די שטאָטישע באַפעלקערונג אויך מיט ברויט) פּראַקטיש פאַרווירקליכט ווערן אין אַלע שטעט פון דער רעפּובליק אינם משך פון דעם נאָהענטסטן יאָר. ווי ס׳האָט שוין באַוויזן די פּראַקטיק.

נאָר די שטאָטישע ראַטן ווירטשאַפטן האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַטייטונג נאָך אין צוויי פּרטים. ערשטנס, אין פּרט פון פולער אויסנוצן יענעם גרויסן סכום באַמיסטיקונג, וועלכע ס׳גיבן די שטעט אין דער פאָרם פון מיסט, אָפּפאַלן און עקסקרעמענטן, איצט גייט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם לאיבוד. צווייטנס, כדי צו פאַראייניקן די לאַנדווירטשאַפט מיט דער אינדוסטריע. אַ געוויסער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג קאָן אין די נאָהענטסטע יאָרן נאָר אויף דער טעריטאָריע פון אַ גרויסער שטאָטישער לאַנדווירטשאַפט אַנטייל נעמען אין לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעטן, אָן שום שאָדן פאַר דער אינדוסטריע.

די ראַטן ווירטשאַפטן און די שטאָטישע לאַנדווירטשאַפט דאַרף שפּילן אַ ראָלע ניט נאָר פון מוסטער־ווירטשאַפטן, נאָר זיי דאַרפן אויך האָבן אַ גרויסע באַטייטונג אינם פּרט פון גרינגער מאַכן דעם דערנערונג־קריזיס. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז אינם שאַרפסטן מאָמענט, פאַר דער רעאַליזירונג פון דער נייער גערעטעניש, ווען די פּויערים האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן אָדער הויבן ערשט אָן צו דרעשן דאָס קאָרן, פלעגן די ראַטן־ווירטשאַפטן ארויסנעמען די דערנערונג־אָרגאַנען פון אַ קריטישער לאַגע. דעם ערשטן ברויט פון דער

נייער גערעטעניש האָט מען אין 1918-טן און 1919-טן יאָר באַקומען פון די ראַטן ווירטשאַפטן. די דאָזיקע ראָלע פון די ראַטן ווירטשאַפטן דאַרף מיט דער צייט נאָך גרעסער ווערן, ווען ס'זאָל אויסגענוצט ווערן דער גאַנצער שטח פון די ראַטן ווירטשאַפטן, קען די ראַטן רעפּובליק באַקומען פון זיי קרוב אַ העלפט ברויט, אין וועלכן זי נויטיקט זיך אויף אויסצוהאַלטן די שטאָטישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, און דאָס וועט אין אַ באַטייטנדיקער מאָס קלענער מאַכן איר אָפּהענגיקייט פון דער פּויערשער ווירטשאַפט.

§ 108 קאָמונעס און אַרטעלן. די ראַטן ווירטשאַפטן קענען וואַקסן נאָר אויפן חשבון פון יענע ערד-פעלדער, וועלכע שטייען איצט ליידיק אין די עקן שטאַט, אָדער אויפן חשבון פון יענער מלוכה-ערד, וועלכע קען דורך מעליאָראַציע (דאָס הייסט פאַרבעסערונגען, אַפּריינקונגען, אויסטריקענונגען און אַ. וו.) ווערן טויגלעך אויף צו באַאַרבעט ווערן. וואָס איז נוגע אונזער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט, קען זי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַליסטישע נאָר דאַן, ווען אויפן וועג פון סאָציאַליזירונג וועט זיך שטעלן אונזער פּויערשע לאַנדווירטשאַפט. אויך די ראַטן ווירטשאַפטן וועט דאָס פּייערטום באַשיימפּערליך זעהן אַלע מעלות פון אַ גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. דערגרייכן אין דער איינצלנער ווירטשאַפט אַט די אַלע מעלות וועט מעגליך זיין נאָר דורך פאַראייניקן זיך אין קאָמונעס און אַרטעלן. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט דער איינציגער פון קלענער פּויערשער צו גרויסער ווירטשאַפט פאָרקומען דורך דער רואינירונג און פּראָלעטאַריזירונג פונם קליינעם איגנטימער. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קאָן די געזעלשאַפטליכע ווירטשאַפט אויפקומען פון דער קליינער קודם כל דורך פאַראייניקונג פון אַ סך קליינע ווירטשאַפטן.

צווישן די פּויערים האָבן דאָס וואָרט „אַרטעל“ און „קאָמונע“ גאַנץ אַנדערע אין דיזעלביקע באַטייטונג. אַ סך קאָמונעס ווערן אָנגערופן אַרטעלן, ווייל דער פּויער האָט פיינט דאָס וואָרט „קאָמונע“ און האָט מורא דאָס צו באַנוצן אַפילו דאַן ווען ער איז געצוואונגען אין דער פּראַקטיק צו בויען אַ קאָמונע. און בכלל באַשטייט דער חילוק צווישן אַ קאָמונע און אַן אַרטעל אין דעם, וואָס אַן אַרטעל איז ניט מער ווי אַ פּראָדוקציע-פאַראייניקונג (אַ חברהשאַפט אין אַרבעט), און אַ קאָמונע איז ניט נאָר אַ פּראָדוקציע, נאָר אויך אַ געברויך-פאַראייניקונג (דאָס הייסט אַ חברהשאַפט ניט נאָר אין אַרבעט, נאָר אויך אין פאַרטיילונג און געברויך).

די צאָל קאָמונעס און אַרטעלן וואַקסט גיך אין ראַטן רוסלאַנד. אָט זיינען די פאַקטן וועגן דעם פון האַרבסט 1919-טן יאָר.

	די צאָל	דער שטח טויגבאַרע ערד
קאָמונעס	1901	קרוב 150 טויזנט דעסיאַטין
אַרטעלן	3698	
חברות אויף באַאַרבעטן געזעלשאַפטליך די ערד	668	

די געברענטע ציפערן באַווייזן, אַז די באַוועגונג לטובת דער אויסביל-
דונג פון קאָמונעס אין [illegible] טראָגט אַ מאַסן כאַראַקטער און אַז די דאָ-
זיקע באַוועגונג פאַרברייטערט זיך און וואַקסט. נאָר די דאָזיקע ציפערן באַ-
ווייזן אונדז די שוואַכע זייט פונעם דאָזיקן מין פאַראייניקונג. מיר האָבן דאָ צו
טאָן ניט מיט אַן איבערגאַנג פון קליין ווירטשאַפט צו אַ גרויסער, נאָר מיט
אַן איבערגאַנג צו אַ מיטעלער ווירטשאַפט אָדער אפילו צו אַ קלענערער פאַר
אַ מיטעלער ווירטשאַפט. אין די קאָמונעס קען צוליב דעם ניט באַווייזן ניט
אירע אנטיילנעמער און ניט דער גאַנצער אַרומיקער באַפעלקערונג אַלע מעלות
פון דוקא אַ גרויס ווירטשאַפט. אויף אַ שטח פון 80 דעסיאַטין קענען ניט
אַלע מאַשינעס פולשטענדיק אויסגענוצט ווערן און ניט שטענדיק איז מעגליך
צו אָרגאַניזירן אַ פעלדער-סיסטעם פון ווירטשאַפט. פונדעסטוועגן האָט אויך
דאָס, וואָס ווערט דערגרייכט אפילו דורך פאַראייניקונג אין אַ מיטעלע ווירט-
שאַפט, אַ קאָלאָסאַלע באַטייטונג. ס'ווערט אויסגענוצט די מעלה פון אַרבעט-
צוטיילונג, אַ טייל פרויען ווערט באַפרייט פון דער הויז-ווירטשאַפט און העלפט
גיכער פאַרענדיקן אַלע לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעטן. ס'באַקומט זיך אַ מעג-
ליכקייט צו באַגיין זיך מיט אַ קלענערער צאָל פערד. אַלע אַרבעטן ווערן
פאַרענדיקט אין דער צייט, די ערד ווערט בעסער באַאַרבעט און דער רעזול-
טאַט פון דעם איז דער, וואָס די גערעטעניש איז אַ בעסערע ווי אויף דער
פויערשער ערד.

די עקאָנאָמיע אין אַרבעטס-כוחות, וואָס ווערט דערגרייכט אין אַ קאָ-
מונע, ווייַזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס דאָס רוב קאָמונעס נעמען זיך פאַר אַ
ריי אַרבעטן, וואָס טראָגן ניט קיין לאַנדווירטשאַפטליכן כאַראַקטער: זיי בויען
מילן, עפענען אויף קוסטאַר-וואַרשטאַטן, רעמאָנט-וואַרשטאַטן און אַנדערע
א. א. וו.

דער ווייַטערדיקער טריט אויפן וועג צום סאָציאַליזם [illegible]
מאַכן נאָר דורך ווייטערדיקער פאַראייניקונג.

דאָס קען דערגרייכט ווערן אָדער דורך דער צונויפגיסונג פון צוויי
שכנישע קאָמונעס, אָדער דורך דער געגעבענער קאָמונע אדאנק דעם, וואָס
זיי נעמען אַריין צענדליגער נייע מיטגלידער פון די נאָהענטע פויערשע
חברות, אָדער דורך דער צונויפגיסונג פון אַ [illegible] אָדער פון קאָמונעס מיט
דער שכנישער ראַטן ווירטשאַפט.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דאָרף
באַשטייט בא היינטיקן מאָמענט אין דעם, אַז זי זאָל די גאַנצע פויערשע
קליינע ווירטשאַפט אויפהויבן אויף אַ העכערע [illegible] אויף אַ מדרגה
פון אַ מיטעלער קאָמונאַלער ווירטשאַפט. ס'איז פאַראַן אַלע גרונטן צו מיינען
אַז טאַקע מיט אָט דעם וועג וועט בעיקר גיין ווייטער די אַנטוויקלונג פון די
פראָדוקטיווע [illegible] דאָרף. די פראָלעטאַרישע מלוכה האָט אַ מעגליכקייט
צו פאַרגיכערן [illegible] ניט נאָר דורך פלאַנמעסיקער אַגיטאַציע
מיט רייד און אַגיטאַציע מיט מעשים (ראַטן ווירטשאַפטן) נאָר אויך דורך דעם,
וואָס זי וועט געבן די אויפקומענדיקע קאָמונאַלע ווירטשאַפטן כלערליי מאַ-

סעריעלע פריווילעגיעס (געלט־שטיצע, באזאָרגן מיט זוימען, בהמות, אינווענ־טאר, מיט אגראָנאמישער הילף).

§ 109 **געזעלשאפטליכע ערד־באארבעטונג. א קאָמונע דאָס איז** א פעסטע פאַראייניקונג פון פויערים ניט נאָר צוליב ארבעט, נאָר אויך צוליב פארטיילונג און געמיינשאַפטליכן חברשן לעבן. אן אַרטעל—דאָס איז אַ שטענ־דיקע פאַראייניקונג נאָר צוליב אַרבעט. געזעלשאפטליכע ערד־באַארבייטונג איז אַ נאך ווייניקער פעסטע פאַראייניקונג, א נאָך מער פרייערע און, אויב איר ווילט, אַ מער צופעליקע, איידער אן ארטעל. א געוויסע דורך־חברה, וואס קען ניט בילדן קיין קאָמונע, צוליב אינעווייניקסטע מחלוקתן, וועלכע קען זיך ניט באַהעפטן אין אַן ארטעל צוליב דיזעלביקע סיבות, קען פונדעסט־וועגן דעריגיין צו געזעלשאפטליכן פאַראַקערן. ניט צוגויפבינדנדיק אירע אנ־טיילנעמער מיט קיין שום אַנדער זאַך. דער רעזולטאַט פון דעם איז, אז אלץ בלייבט ווי געווען, אחוץ איין זעהר וויכטיקע זאך: די געזעלשאפטליכע ערד וועט ניט געטיילט ווערן אויף פאסן, נאָר זי וועט באארבעט ווערן דורך דער גאנצער עדה. בא יעדער הויף וועט פאַרבלייבן זיין גאָרטן, ס'וועט איינגע־האלטן ווערן דאָס גאַנצע אייגנטום פון יעדן פויער, נאָר הן די מאשינעס הן די פערד וועלן א געוויסע צייט אַרבעטן אויף דאָס גאַנצע דאָרף.

אין די תקנות וועגן דער סאָציאַליסטישער ערד־איינאָרדענונג, וואָס איז באַשטעטיקט דורך דעם צענטראַלן אויספיר־קאמיטעט, איז פאַראויסגעזעהן אויך דער דאָזיקער פאַל פון סאַמע אַנפאנגליכער שטופע פון קאָלעקטיוועו ווירטשאַפט. די מעלות פון דער דאָזיקער פאָרם פון אַזאַ אייניקונג באַשטייען אין דעם, וואס יעדער פויער האַלט איין זיין פולשטענדיקע טעטיקייט־פרייהייט אין אלץ, אַחוץ דעם אַרבעט־פּראָצעס גופא, און ער קען דעריבער גיכער מסכים זיין אויף אַזאַ פאראייניקונג, וואו ער האָט ניט מורא צו פאַרלירן זיין זעלבסטשטענדיקייט די געזעלשאַפטליכע ערד־באַארבעטונג האָט אין זיך אַ סך מעלות: עס קומט אַ סוף צו דער ערד־צואוואָרפנקייט. עס באקומט זיך אַ מעגליכקייט צו פירן א פיל־פעלדר ווירטשאַפט־סיסטעם, מע קען פולשטענדיק אויסנוצן דעם אינוועטאַר, ס'קען בא דער אַרבעט איינגעפירט ווערן אַרבעט־צוטיילונג, מע קען העלפן די משפחות, וואָס האָבן ניט קיין אַרבעטער, קיין אינווענטאר, קיין בהמות און אַ. וו.

מע קען האָפן, אז די געזעלשאַפטליכע ערד־באַארבעטונג, ווי די ערשטע שטופע צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, וועט ברייט זיך פאַרשפרייטן אין אונ־זער דאָרף. ס'זיינען שוין פאַראן פאַקטן, אַז אין סעזאָן פון 1919־טן יאָר איז אַזאַ באַארבעטונג איינגעפירט געווארן אין אַ גאַנצער ריי געגנטן. גאַנץ גרויסע עדות פלעגן זיך טיילן אויף צענדליגער און פלעגן געמיינשאַפטליך באַאר־בעטן די ערד. אין אייניקע פאלן פלעגט אויף אַזאַ אופן באַארבעט ווערן א טייל געזעלשאַפטליכע ערד.

§ 110 לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראציע. נאך פאר דער רעוואלוציע איז צווישן דעם פויערטום ברייט פארשפרייט געווען די קאאפערירונג אויף צו באארבעטן פארשיידענע פראדוקטן פון לאנדווירטשאפט. אהער געהערן די קעז און פוטער אויסארבעטעדיקע ארטעלן, וואס זיינען זעהר פארשפרייט, דערהויפט, אין די צפון גובערניעס און אין די ניט פראדוצירעדיקע גובערניעס פון דער איבערשטער וואלגע. אהער געהערן פארשיידענע ארטעלן און חברות אויף אנפאנגליכע באארבעטונג פון פלאקס, אויף אויסארבעטן מעליאס, אויף טריקענען גרינסן, פרעסן היי און א. וו. די ראטן מאכט שטיצט מיט אלע מעגליכקייטן אט די דאזיקע אלע פאראייניקונגען. די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי באשטייט אין דעם, אז זי זאל דערוועקן די ארבעטעדיקע שיכטן פון דארף צו בילדן אזעלכע קאאפעראציעס, צו גרעסער מאכן זיי און פארשטארקן די באארבעטונג-אופנים און צו קעמפן גלייכצייטיק מיט אלע פרובן צו פארוואנדלען די דאזיקע ארטעלן אין שטיץ-פונקטן פארן קליין קאפיטאל צו קעמפן מיט דער ראטן מאכט און מיט דער גרויסער סאציאליסטישער ווירטשאפט.

§ 111 די מלוכה-פארזייאונג פון דער ליידיקער ערד, די מאבילייזירונג פון די אגראנאמישע כוחות, פראקאט-פונקטן, מעליאראציע, איבערוואנדערונג. די גרויסע צורודערונג פון דער לאנדווירטשאפט, וואס איז ארויסגערופן געווארן דורך דער מלחמה, האט געבראכט צו דעם אז שטענדיק בלייבט א גרויסער שטח ערד ניט פארזייעט. די פראלעטארישע מלוכה קען ניט לאזן ליידיק ערד אין דער צייט, ווען אין די שטעט און אין די ניט פראדוצירעדיקע גובערניעס הערשט א שארפער דערנערונג-קריזיס. דעריבער נעמט אויף זיך די ראטן מלוכה פארזייען די ליידיקע נחלאות, וועמען זיי זאלן ניט געהערן. דער דאזיקער מיטל האט א באזונדער וויכטיקע באטייטונג אין יענע געגנטן, וואו ס'האט זיך אפגעשפילט דער בירגער-קריג, ווייל דא האט גאנץ אפט די גאנצע קולאקן באפעלקערונג פון די דערפער געלאזן זייערע נחלאות און איז אוועק צוזאמען מיטן קעגנער. פונקט אזא וויכטיקע באטייטונג האט דאס, וואס די מלוכה נעמט אראפ די תבואות פון די פעלדער פון אזעלכע באלעבאטים אדער פון די, וואס קענען עס ניט טאן מיט אייגענע כוחות.

אויפהויבן די לגמרי רואינירטע לאנדווירטשאפט פון רוסלאנד איז מעגליך נאר דורך א ריי ענערגישע און רעוואלוציאנערע מיטלען. אײנער פון די דאזיקע מיטלען איז די מאבילייזירונג פון די אגראנאמישע כוחות, דאס הייסט, די דערקלערונג פון אלע אגראנאמען פאר מיליטער חיובדיקע. אגראנאמען זיינען שטענדיק געווען ווינציק אין רוסלאנד. נאר איצטער פילט זיך באזונדער שטארק דער מאנגל אין אגראנאמישע כוחות צוליב דער גרויסער ארבעט פון איבערבויען די לאנדווירטשאפט און פון אויפהויבן אירע פראדוקטיווע כוחות, וועלכע מע מוז דורכמאכן אין אונזער דארף. די מאבילייזירונג פון די אגראנאמישע כוחות איז אייגנטליך א מאבילייזירונג

פון אַגראָנאָמישע קענטעניש, איבער וועלכע די מלוכה איז בכוח צו האָבן צעשאפן מיט דער גרעסטער צוועקמעסיקייט.

די אימפעריאַליסטישע מלחמה האָט אָפּגענומען בײַ רוסלאַנד די מעג־ליכקייט צו באַקומען פון אויסלאַנד לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינעס. אונזער לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינענבוי האָט קיינמאָל ניט באַפרידיקט די אינערליכע פאָדערונג און פיל מאַשינעס, בתוכם כמעט אַלע סאמע טייערע און קאָמפּלי-צירטע, פלעגן מ'יר באַקומען פון דייטשלאַנד, שוועדן און אַמעריקע. אין דער זעלביקער צייט האט זיך צוליבן מאנגל אין מעטאַל, באַהייצונג און צוליב אַ ריי אַנדערע סיבות פאַרקלענערט ביזן מינימום די פּראָדוקציע פון אונזערע מאשינענבוי זאַוואָדן: דאס אַלץ האָט געבראַכט צו א קאָלאָסאַלן מאַנגל אין אינווענטאַר אין אונזער לאַנדווירטשאַפט. בײַ דער קאָלאָסאַלער באַדערפעניש אין מאשינעס און בײַ זעהר קליינע רעזערוון, וואָס ס'געפינען זיך אין רשות פון דער פּראָלעטארישער מלוכה, האט א קאָלאָסאַלע באַטײַטונג די ריכטיקע פאַרטיילונג פונם אינווענטאַר און די פולשטענדיקע אויסנוצונג זיינע. אזא אויסנוצונג איז אוממעגליך בײַ פּריוואַטאייגנטום אויף לאַנדווירטשאַפטליכע געצייג, ווייל א צײַט שטייט די מאַשינע לײַדיק בײַ אירע באַלעבאַטים, דעמאָלט, ווען דער שכן האט ניט מיט וואָס צו אָקערן אָדער מיט וואָס אָראָפּצונעמען די גערעטעניש.

כדי צו העלפן דווקא די שיכטן פונם דאָרף, וואָס נויטיקן זיך צום מערסטן אין אינווענטאַר און כדי דער דאָזיקער אינווענטאַר זאָל פולשטענדיק אויס־גענוצט ווערן, מוז מען אים אָפּגעבן ניט אין פּריוואַטאײַגנטום, גאָר באַזאָרגן די באַפעלקערונג, וואָס נויטיקט זיך אין מאַשינעס, דורך פּראָקאַט־פונקטן, מיט אַנדערע ווערטער, דער אינווענטאַר, וואָס איז באַשטימט פאַרן פויערטום, איז פאַרטיילט צווישן געוויסע ראַיאָנעס (וואָלאָסט, דאָרף, קרייז), און ווערט ניט פאַרקויפט איינצלנע פויערים, נאָר ער פאַרבלייבט אין די לאַגערס, פון וועלכע מע גיט אים אויף אַ צייט אַלעמען וואָס נויטיקן זיך אין אים פאַר אַ געוויסן געצאָלט אויף צו דעקן די הוצאות. אַזעלכע לאַגערס ווערן אָנגערופן פּראָקאַט־פונקטן. (אויסלײַ־פונקטן). דאָרט האַלט מען דעם אינ-ווענטאר, דאָרט ברייגגט מען אַים אין אָרדענונג נאָך דער אַרבעט און אין גוט אוועקגעשטעלטע פונקטן רעמאָנטירט מען אים אויך. פּראקאט־פונקטן זיינען שוין פאַראַן און זיי אַרבעטן שוין, הגם נאָך זעהר ווינציק. די אויפ־גאבע פון דער ראטן מאכט דאָרף באַשטיין אין דעם, ווי ווייט ס'איז מעגליך אז אַלע לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינעס און אַלע אן אויסנאם קאָמפּליצירטע מאשינעס, וואָס זיינען באשטימט פאַרן דאָרף, זאָלן אָנקומען רק אין די פּראָקאט־פונקטן. דאס פאַרזיכערט די פולשטענדיקע אויסנוצונג פונם אינווענ־טאר אין משך פונם גאַנצן אַרבעטס-פעריאָד פון דער מאַשין, ניט ריידנדיק וועגן דעם, אז דאָס העלפט דער אָרעמשאפט, וואַס האָט ניט קיין מיטלען צו קויפן א מאַשין אין אייגנטום. אין די פּראָקאט־פונקטן דארף געבראכט ווערן דער אינווענטאר, וואָס ווערט קאָנפיסקירט בײַ די קולאַקעס. סוף כל סוף קען די ברייט אוועקגעשטעלטע סיסטעם פון באזאָרגן מיט אינווענטאר דורך די

פּראָקאָס-פּונקטן ברענגען הגם בהדרגה, נאָר דאָך זיכער צו דער נאַציאָנאַ-
ליזירונג פון די וויכטיקסטע געצווייג פון לאַנדווירטשאַפטליכער פּראָדוקציע
און קען, בכן, אַחוץ דירעקטער הילף דער פויערשער ווירטשאַפט, מיטהעלפן
איר פאַרגעזעלשאַפטליכונג. אין דער אַגראַר-פּראָגראַם פון דער פּראָלעטאַרי-
שער מאַכט אין רוסלאַנד דאַרף די מעליאָראַציע פאַרנעמען איינע פון די
וויכטיקסטע ערטער. אין רשות פון דער ראַטן-מאַכט געפינען זיך עטליכע
מיליאָן דעסיאַטין, וואָס טויגן לעת עתה ניט אויף באַאַרבעט צו ווערן, נאָר
וואָס קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין טויגליכע ערד, ווען ס'זאָל דאָרט דורכ-
געפירט ווערן אַ געוויסע אַרבעט אין פּרט פון אָפּרייניקן, אויסראַמען די
וואָרצלען, אויסטריקענען, דרענירן (אויסטריקענען דורך אונטערערדישע רערן
און קאַנאַלן), קינסטליך באַגיסן אין א. וו. ווי ענג ס'זיינען די גרעניצן, וואו
מע וואָלט געקאָנט פאַרברייטערן דעם שטח פון די ראַטן-ווירטשאַפטן אויף
ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט אָדער וואָס ס'איז באַאַרבעט געוואָרן, אַזוי גרויס
איז דער שטח, וואָס אונזער יונגע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט קען מיט דער
הילף פון מעליאָראַציע אָפּנעמען בײַ דער נאַטור.

די אַרבעט אויף צו פאַרבעסערן די קרקע איז די וויכטיקסטע פון די
געזעלשאַפטליכע אַרבעטן, וואָס די ראַטן-מאַכט דאַרף אָרגאַניזירן און צוליב
וועלכע ס'דאַרפן קודם כל אויסגענוצט ווערן אַלע פּאַראַזיטאַרישע שיכטן פון
דער געזעלשאַפט.

די עמיגראַציע-פּאָליטיק. אין אונזער פּראָגראַם פעלט דער דאָזיקער
פּונקט, נאָר מע דאַרף זיך אויף אים אָפּשטעלן, ווייל דער ראַטן-מאַכט
וועט פריער אָדער שפּעטער אויסקומען פּראַקטיש זיך פאַרנעמען מיט דעם
וואָס פאַר אַ עמיגראַציע-פּאָליטיק זי דאַרף פירן.

ניט קוקנדיק אויף די חלוקה פון די פּריצים-נחלאות, פילט זיך שוין
זייער שאַרף דער ערד-מאַנגל אין אַ ריי גובערניעס. אין דער זעלביקער צייט
איז אין אונזערע גרעניץ-געגנטן פאַראַן אַ סך ליידיקע ערד. די עמיגראַציע
פונם צענטער אין די גרעניץ-קאַנטן איז אַן אומפאַרמיידליכע זאַך שוין אין
דער נאָהענטער צוקונפט. די אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה וועט
דאַן באַשטיין אין דעם, זי זאָל באַזעצן אויף די נייע ערטער די עמיגראַנטן
ניט אויף באַזונדערע ערד-טיילן, וואו זיי וועלן פירן אַ קליינע ווירטשאַפט,
נאָר צוגרייטן אַלץ וואָס ס'איז נויטיק פאַר אַ גרויסער קאָמוניסטישער ווירט-
שאַפט (געמיינשאַפטליכע בנינים, געמיינשאַפטליכן פּלאַץ, וואָס איז געפּלאַנירט
אויף צו פירן אַ פיל-פעלד ווירטשאַפט סיסטעם, קאָמפּליצירטע מאַשינעס און
א. וו.).

§ 112 **הילף דער פויערשער ווירטשאַפט.** סיי די ראַטן ווירט-
שאַפטן, סיי די קאָמונעס מיט די אַרטעלן, [illegible] אַלע אויבנאויסגערעכנטע
מיטלען קענען הייבן די אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט [illegible] ווירטשאַפט און
אויך די פּראָדוקטיווקייט פונם באָדן דורך דער אָרגאַניזירונג פון אַ גרויסע
קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. דער דאָזיקער וועג איז דער איינציק ריכטיקער און

גיכער וועג, וואס ברײנגט גלײך צום ציל. נאר ווי גרויס ס'זאלן ניט זײן אונזערע ערפאלגן אינם געביט פון ארגאניזירן די ראטן ווירטשאפטן און די קאמונעס, וועט די קלײנע פויערשע ווירטשאפט עקסיסטירן נאך א לאנגע צייט און וועט נאך א היפשע צייט זײן די הערשעדיקע פארם פון לאנד־ווירטשאפט אין רוסלאנד סיי לויט דער גרויס פון דעם שטח, וואס זי באארבעט, סיי לויט דער צאל פראדוקטן, וואס זי גיט ארויס. ס'קומט דעריבער אויף א פראגע, אויף וואס פאר אן אופן קאן מען דאך העלפן דער דאזיקער ווירטשאפט, אז זי זאל פארגרעסערן די פראדוקטיוויטעט פון דער ערד, הגם זי וועט נאך א לאנגע צייט בלײבן פארוויקלט אין איר קלײנ־בורזשואזן הייטל.

אונזער פראגראם מערקט אן א רײ מיטלען, וועלכע די ראטן מאכט קען דורכפירן אין לעבן, כדי צו העלפן דער קלײנער פויערשער ווירטשאפט. אט זײנען די דאזיקע מיטלען.

ערשטנס, הילף אין ענין פון ריכטיק אײנשטעלן די גרעניצן צווישן די נחלות, די הויפט־צרה פון אונזער דארף, מיט וועלכער די פויערים גופא זײנען וואס ווייטער, אלץ ווײניקער צופרידן, איז די ערד־צעוואָרפנקייט און די ווייטקייט צווישן, איין שטיק ערד פונם צווייטן. גאנץ אפט גייען צו די נחלות פון איין עדה אײנג צו די גערטנער פון א צווייטער און פארקערט אײניקע פעלדער געפינען זיך אויף א מהלך פון 10—7 וויארסט פון די ישובים און בלײבן דעריבער אפט ניט באארבעט. כדי צו מאכן א סוף צו דער ערד־צעוואָרפנקייט און צו דער ווייטקייט שטרעבט דאס פויערטום סטיכייאיש צו באזעצן זיך אין קלײנע ישובים און ענדערן אויף אזא אופן די פריערדיקע פארטײלונג פון דער באפעלקערונג, וועלכע אנטשפרעכט ס'רוב ניט דער איצטיקער פארטײלונג פון דער ערד, נאכדעם ווי מע האט צוטײלט צווישן זיך די פריצישע נחלות. אויף וויפל די שטרעבונג צו באזעצן זיך אין ישובים איז איינער פון די מיטלען צו קעמפן מיט דער ערד־צעוואָרפנקייט און מיט דער ווייטקייט און אויף וויפל זי איז א פארהנחה פאר א מער קולטורעלער ווירטשאפט, אויף וויפל דאס פויערטום גוטיקט זיך בכלל אין הילף בײם אײנשטעלן די גרעניצן, אויף אזוי פיל דארף איר די ראטן מאכט קומען צו הילף מיט אירע געאָדעזישע און אגראנאָמישע כוחות.

דער רוסישער פויער פארזייט ס'רוב די פעלדער מיט די זעלביקע זוימען, וועלכע ער טראגט אוועק אין מיל מאלן. ווען אבער מע זאל זייען מיט אפגעקליבענע זוימען, וואלט די גערעטעניש בא אלע אנדערע גלײכע באדינגונגען געווען א סך א גרעסערע. נאך גרעסער איז די גערעטעניש, ווען מע פארזייעט אויסגעבעסערטע זוימען. די דאזיקע זוימען קען דאס פויערטום באקומען רק בא דער מלוכה, ווייל רק זי איז ביכולת אײנצוקויפן זיי אין אויסלאנד, אדער טײלן זיך מיטן פויערטום מיט יענע קלײנע רעזערוון פארפיל־קומטע זוימען, וועלכע ס'האט זיך אײנגעגעבן אײנהיטן אין די ראטן ווירטשאפטן.

דאס פויערשע פיה איז שטארק קלײן געוואָרן און האט דעגענערירט

מע מוז פֿאַרבעסערן דעם מין פֿונם פֿויערשן פֿיה. און אַלץ פֿון די בעסטע מינים וואָס ס'איז נאָך פֿאַרבליבן אין רוסלאַנד, איז באַ היינטיקן טאָג קאָנצענטרירט אין די ראַטן גיטער און אין די ראַטן פֿערמעס, אָדער ס'געפֿינט זיך רעגיסטרירט באַ די ראַטן אָרגאַנען פֿאַר בעלי-חיים אייפֿציהונג. דורך אַן אָרגאַניזירונג פֿון צוגויפֿפּאָר-פּונקטן באַ יעדער ראַטןווירטשאַפֿט וואו ס' פֿאַראַן אָרט-פֿיה און דורך פּלאַנמעסיקע פֿאַרטיילונג פֿון די פּראָדוצירער איבער די ראַיאָן צוגויפֿפּאָר-פּונקטן, איז די מלוכה אימשטאַנד אין אַ גרויסער מאָס אונטערצוהאַלטן די געפֿאַלענע פֿויערשע בעלי-חיים ווירטשאַפֿט.

דאָס גרעסטע רוב פֿון אונזער פֿויערטום איז ניט באַקאַנט מיט אַ גאַנצער ריי זעהר וויכטיקע אַגראָנאָמישע גרונט-קענטעניש. די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַגראָנאָמישע קענטעניש גופֿא דאַרף שוין באַ אַזעלכע באַדינגונגען מיט-העלפֿן דער פֿאַרבעסערונג פֿון ערד-באַאַרבעטונג. חוץ פֿאָרלעזונגען איף אַגראָנאָמישע טעמעס, וואָס זיינען אַ חוב פֿאַר די ראַטן אַגראָנאָמען פֿון די ראַיאָן אַגראָנאָמישע פּונקטן, וועט עס דערגרייכט דורך איינאָרדענען אַ ריי פֿאָרלעזונגען אין די ראַטן ווירטשאַפֿטן, דורך איינאָרדענען קורצטערמיניקע קורסן, מוסטער-פֿעלדער, לאַנדווירטשאַפֿטליכע אויסשטעלונגען, דורך אַרויסגעבן פּאָפּולערע אַגראָנאָמישע ליטעראַטור א. אי. וו.

אחוץ פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַגראָנאָמישע קענטעניש, דאַרף די ראַטן מאַכט באַזאָרגן די פֿויערים מיט דירעקטער אַגראָנאָמישער הילף. באַ אונזער גאַנצער אָרעמקייט אין אַגראָנאָמישן פּערסאָנאַל, האָט שוין די אַגראָנאָמען-מאָביליזירונג דערגרייכט איר ציל אין דעם פּרט, וואָס אַן אַגראָנאָם, וואָס האָט פֿריער באַדינט כמעט אויסשליסליך די פּריוואַטע ווירטשאַפֿטן, אַרבעט איצט לטובת דעם פֿויער. אַחוץ דעם, מוז די ראַטן מאַכט צוגרייטן וואָס מער אַגראָנאָמישע כוחות פֿון די פֿויערים גופֿא. אַחוץ דער פֿאַרגרעסערונג פֿון די צאָל לאַנדווירטשאַפֿטליכע קורסן און שולן, קען עס אין דער נאָהענטסטער צוקונפֿט דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס די מער פֿייהיקע מיטגלידער פֿון די קאָמונעס און אַרטעלן וועלן דורכמאַכן ספּעציעלע קורסן, און זיי וועלן דאַן בילדן דעם פּראָגרעסיוון שיכט אַגראָנאָמיש געבילדעטע ערדאַרבעטער פֿון די פֿויערים גופֿא.

א קאָלאָסאַלע באַטייטונג האָט פֿאַרן פֿויערטום ביים איצטיקן מאָמענט די מעגליכקייט צו רעמאָנטירן דעם שטאַרק אָפּגענוצטן אינווענטאַר. קיין שום קליינע פּריוואַטע קוסטאַר-וואַרשטאַטן זיינען ניט אימשטאַנד ביים איצטיקן מאַנגל אין אייזן אויסצופֿירן דעם גאַנצן נויטיקן רעמאָנט. נאָר די מלוכה איז אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן אָט די זאַך אין אַ געהעריקן מאַסשטאַב סיי דורך דעם, וואָס זי וועט פֿאַרברייטערן די רעמאָנט-וואַרשטאַטן באַ די ראַטן ווירטשאַפֿטן, סיי דורך דעם, וואָס זי וועט שאַפֿן א פּלאַנמעסיק פֿאַרשפּרייטע נעץ וואַרשטאַטן ספּעציעל פֿאַרן פֿויערשן רעמאָנט.

מיליאָנען דעסיאַטין פֿויערשע ערד זיינען איצט אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי קענען ניט באַאַרבעט ווערן, בעת פֿאַרוואַנדלען זיי אין גאַנץ גוטע ערד איז גאָר ניט שווער. פֿון איין זייט ווערט דאָס ניט געטאָן, ווייל אַזא

אַרבעט איז ניט מער די כוחות פון יעדער איינצלנער ערד, און, פון דער אנדער זייט, ווייס ניט דאָס פויערטום קיין מיטלען ווי אַזוי זיי צו מעליאָרי־ זירן. אין דעם געיבט קען די הילף פאר די פויערים מצד דער פּראָלעטאַרי־ שער מלוכה זיין באַזונדער נוציק, און די דאָזיקע הילף ווערט שוין געגעבן אין אַ גאַנצער ריי ערטער, ניט קוקנדיקט אויפן בירגער־קריג.

(יעדע דעסיאַטין האָט געגעבן דורכשניטליך אַ גערעטעניש אין משך פון 1901—1910.

	קאָרן	ווייץ	גערשטן	האָבער	קאַרטאָפל
דענעמארק	120	183	158	170	
האָלאַנד	111	153	178	145	1079
איינגלאַנד	—	149	127	17	968
בעלגיע	145	157	179	161	1042
דייטשלאַנד	109	130	127	122	906
טערקיי	98	98	117	105	
פראַנקרייך	70	96	84	80	563
פאַראייניקטע שטאַטן	67	64	93	74	421
רוסלאַנד	50	45	51	50	410

אויף אַזאַ אופן איז, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די קרקע איז אין רוסלאַנד אַ בעסערע, איידער אויפן מערב, שטייען מיר אויפן לעצטן אָרט אין פּרט פון גערעטעניש. מיר באַקומען פון יעדער דעסיאַטין האָבער דריי מיט אַ האַלב מאָל ווייניקער, ווי אין דענעמארק, בעלגיע; ווייץ באַקומען מיר בײַ אַ פיר מאל ווינציקער, איידער אין דענעמארק, און דריי מאָל ווינציקער, איידער אין דייטשלאַנד און איינגלאַנד; קאָרן באַקומען מיר דריי מאָל ווינציקער ווי אין בעלגיע; אפילו אין טערקיי גיט יעדע דעסיאַטין צוויי מאָל מער תבואות, איידער אַ דעסיאַטין פויערשע ערד.

מע דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די גערעטעניש אויף די פויערישע פעלדער פון רוסלאַנד איז נאָך קלענער, ווי ס'איז אנגעוויזן אין דער טאַבעלע, ווייל די דורכשניטליכע גערעטעניש איז אויסגערעכנט בנוגע צו אלע פעלדער, בתוכם אויך די פּריצישע, וואו די גערעטעניש איז העכער פאַר דער פויער־ שער, אָנהויבנדיק פון איין פינפטל און דערגייט ביז צוויי א האַלב מאָל.

אויף אזאַ אופן האָט דאָס פויערטים די מעגליכקייט ניט מאַכנדיק גרע־ סער דעם שטח ערד, צו באַקומען צוויי-דריי מאל גרעסערע גערעטענישן, ווי איצט, אויב מע זאָל איבערגיין פון די אַלטפרענקישע צו נייע פארפולקומטע ערדאַרבעט-אופנים.

§ 113. די פאַראייניקונג פון דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט.

די אנטוויקלונג פון די שטעט, וואס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואס די אינדוסטריע איז אָפּגעזונדערט פון דער לאַנד־

ווירטשאַפט און דורך דעם, וואָס די ראָלע פון דער אינדוסטריע אינם גאַנצן פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט איז פאַרגרעסערט געוואָרן, — די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אין דער לעצטער תּקופה פונם קאַפּיטאַליזם אָנגענומען אַ גאַנץ אומגעלומפּערטן כאַראַקטער. די בעסטע כּוחות פונם דאָרף זיינען סיסטעמאַטיש אַנטלאָפן פון דאָרף אין שטאָט. די שטאָטישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן ניט נאָר גיכער פאַר דער דאָרפישער, נאָר אויך אויפן חשבון פון דער דאָרפישער. אין אַ ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיך די לאַנדווירטשאַפטליכע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט. פון דער אַנדער זייט, זיינען איינצלנע שטעט מוראדיק אויסגעוואַקסן. דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַ ריי שעדליכע רעזולטאַטן, סיי פאַר דער שטאָט און סיי פאַרן דאָרף. מיר וועלן אָנווייזן די וויכטיקסטע: דאָס דאָרף איז געבליבן כמעט אָן מענטשן און איז פאַרווילדעט געוואָרן, עס איז אָפּגעריסן פון דער שטאָטישער קולטור, דער שטאָט-איינוואוינער איז אָפּגעריסן פון דער נאַטור, פון געזונטער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט און דער רעזולטאַט פון דעם איז דאָס, וואָס די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט גיך דעגענערירט, אין שטאָט איז אומצוועקמעסיק אַריבערגעטראָגן אַ גאַנצע ריי פּראָדוקציעס וואָס אַרבעטן איבער פּראָדוקטן פון לאַנדווירטשאַפט, דער באָדן ווערט גרוואַלטיק אויסגעשעפּט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דעם, וואָס די שטאָט קערט ניט אום דעם דאָרף אין אַ פאָרם פון באַמיסטיקונג דאָס, וואָס זי נעמט בײַ אים אין אַ פאָרם פון דערנערונג און א. וו.

די דערנעהענטערונג פון שטאָט צום דאָרף, די פאַראייניקונג פון דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט, דאָס צוציהען צו לאַנדווירטשאַפט די פאַבריק-אַרבעטער—אָט דאָס זיינען די נאָהענטסטע אויפגאַבן פון דער אָמוניסטישער בויאונג-אַרבעט אינם דאָזיקן געביט. אן אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרן דורך דעם, וואָס מע האָט צוגעשריבן עטליכע צענדליק טויזנט דעסיאַטין ראַטן ערד צו פאַרשיידענע זאַוואָדן, אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען, דורך דעם, וואָס ס'ווערט שוין אָנגעמערקט אַ פּלאַנמעסיקער און אָרגאַניזירטער פּלאַן אויף איבערצופירן שטאָטישע אַרבעטער אין די ראַטן ווירטשאַפטן, דורך דעם, וואָס ס'ווערן געשאַפן גערטנער-ווירטשאַפטן בײַ איינצלנע זאַוואָדן און פאַבריקן, דורך די קאָמוניסטישע שבת-טעג פון די שטאָטישע אַרבעטער אין די פאַרשטאָט-דערפער, דורך דער מאָביליזירונג פון די ראַטן אָנגעשטעלטע אויף אַראָפּצונעמען די גערעטעניש פון די שטאָטישע גערטנער א. א. וו.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט זיך באַמיהען, אַז אין דער דאָזיקער ריכטונג זאָלן געמאַכט ווערן אויך ווייטערדיקע טריט, זייענדיק איבערגעצייגט אַז די צוקונפט געהערט צו דער פאַראייניקונג פון דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט, און אַז אַזאַ פאַראייניקונג וועט פירן דערצו, אַז די מוראדיק אויסגעוואַקסענע און איבערבאַפעלקערטע שטעט וועלן נאָרמאַל פאַרקלענערט ווערן אויפן חשבון פון דער דאָרף-טעריטאָריע.

§ 114 די טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בנוגע צום פּויערטום. אין אונזער אַגראַר-פּראָגראַם ריידן מיר וועגן דעם, וואָס מיר האָבן בדעה צו פּאַרווירקליכן אין דער לאַנדווירטשאַפט. איצט וועלן מיר זאָגן, ווי אַזוי מיר מיינען פּאַרווירקליכן אונזער פּראָגראַם, אויף וועלכע שיכטן האָבן מיר בדעה זיך צו שטיצן, מיט וועלכע מעטאָדן האָפן מיר צוציהען צו זיך די פּויערשע מערהייט אָדער, לכל הפחות, פאַרזיכערן איר נייטראַליטעט.

אינם קאַמף מיט דער פּריצישער ערדבאַזיצעריי האָט דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט געהאַט מיט זיך דאָס גאַנצע פּויערטום ביז איינעם, ניט אויס-געשלאָסן אויך די קולאַקעס. מיט דעם דערקלערט זיך דער גיכער ערפאָלג פון דער אָקטיאַבער-איבערקערעניש, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזע דערוויילּיקע רעגירונג, וועלכע האָט זיך געפּרובט אָפּצוציהען די ליקווידירונג פון דער פּריצישער ערדבאַזיצעריי. נאָר שוין דאָס דורכפירן אין לעבן דעם געזעץ וועגן דער אַזויגערופענער ערד-סאָציאַליזירונג מיט דער אויסגלייך-צו-טיילונג פון דער ערד האָט אָפּגעשליידערט די קולאַקעס אין לאַגער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. די קולאַקעס האָבן פאַרלאָרן אַ טייל געקויפטע ערד, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע. זיי האָבן פאַרלאָרן די ערד, וועלכע זיי האָבן באַנוצט, אַרענדירעדיק די נחלות פון דער אָרעמשאַפט. זיי האָבן פאַרלאָרן אַלץ, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן בעתן חורבן פון די פּריצישע גיטער. לסוף, האָבן זיי פאַרלאָרן די מעגליכקייט אַנצוואַרעווענדן לוין-אַרבעט. די קולאַקעס שטעלן מיט זיך פאַר אַ קלאַס, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען דאָס אָרט פונם פּריץ. אויב אונזער רעוואָלוציע וואָלט פאַרבליבן אין די גרעניצן פון אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער איבערקערעניש. זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ קלאַס, וואָס איז לויט זיין טבע אַ טויט-פיינד פון אַלע פּרובן צו אָרגאַניזירן אויף סאָציאַליסטישע יסודות די לאַנדווירטשאַפט. דער דאָזיקער קלאַס אדרבא איז אַ פּרעטענדענט אויף צו שטויסן די אַנטוויקלונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפט אויפן וועג פון פערמער-ווירטשאַפט, ווי אין דענעמאַרק און אַמעריקע. ווען ניט די פּראָלעטאַרישע מאַכט מיט איר סאָציאַליסטישער פּאָ-ליטיק, וואָלט אויפן אָפּגערייניקטן פונם פּריץ באָדן פון רוסלאַנד מוראדיק גיך זיך אַנטוויקלט אַ מיטעלע בורזשואַז-פערמערישע ווירטשאַפט מיט לוין-אַרבעט מיט פאַרבעסערטע אופנים פון ערד-באַאַרבעטונג און צוגלייך מיט דעם אויך אַ קאַלאָסאַלער שיכט האַלבפּראָלעטאַרישן פּויערטום. דער קולאַק איז אַריינ-געטראָטן אין דער רעוואָלוציע באַפליגלט מיט די גלענצענדיקסטע האָפענונגען און אַרויס איז ער פון איר אָן אָפּגעפּליקטער אפילו פון יענעם טייל אייגנטום, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע. די קולאַקעס מוזן, ביז זיי וועלן לגמרי ניט ליקווידירט ווערן, אַרויסטרעטן ווי טויטליכע שונאים פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה און פון איר ערד-פּאָליטיק און, פון זייער זייט, קענען זיי האָפן מצד דער ראַטן מאַכט רק אויף אָן אומבאַרחמנותדיקן קאַמף מיט זייערע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פּרובן. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגליכ-קייט, אַז דער ראַטן מאַכט וועט אויסקומען דורכצופירן אַ פּלאַנמעסיקע עקספּראָפּריאַציע פון די קולאַקעס, מאָביליזירנדיק זיי אויף געזעלשאַפטליכע

בעט און קווה כי אויף ארבעט פון מעליאריזירן די ערד פון די פויערים און פון דער מלוכה.

די הויפט-מאסע פונם פויערטום אין רוסלאנד איז דאס מיטעלע פויערטום. דער „סערעדניאק„ האט באקומען די פריצישע ערד נאר מיט דער הילף פונם שטאטישן פראלעטאריאט און נאר מיט זיין הילף קען ער איינהאלטן די דאזיקע ערד. פונם דראנג פון דער בורזשואז-פריצישער קאנטר-רעוואלוציע פונקט אזוי איז אויך רק אין פארבאנד מיטן פראלעטאריאט, רק גייענדיק מיט אים, רק אונטערהאלטנדיק זיך אונטער זיין אנפירונג, קען דאס מיטעלע פויערטום זיך ראטעווען פונם דראנג פונם וועלט-קאפיטאל, פון דער רויבעריי פון די אימפעריאליסטישע רויבער, פון אייגזאמען מיליאנדן געלט פאר די חובות פונם צאריזם און פון דער דערוויילעקער רעגירונג. און לסוף איז נאר דער בונד מיטן סאציאליסטישן פראלעטאריאט וועט אים געבן די מעגליכקייט אן אָרעמקייט, אן רואינירונג און אן מוראדיקע יסורים אריבערצוגיין פון דער קליינער ווירטשאפט, וואס איז בא אלע באדינגונגען פארמשפט אויף פארשוואונדן צו ווערן, צו א בעסערער, אממערסטן פראדוקטיווער גרויסער חברשער ווירטשאפט.

די הארץ פון א קליין אייגנטימער ציהט דעם סערעדניאק פארקערט צו א בונד מיט די קולאקעס, צו דעם שטויסט אים בפרט די נויטיקייט צו טיילן זיך מיט די שטאטישע ארבעטער מיט די מותרות פונם ברויט, טיילן זיך ניט האבנדיק קיין האפענונג גלייך צו באקומען פאר דעם פראדוקטן פון דער שטאטישער אינדוסטריע. די קאמוניסטישע פארטיי דארף דעריבער שטרעבן אפצורייסן דאס מיטעלע פויערטום פונם קולאק, וואס טרעט בעצם גרויס ווי אן אגענט פונם וועלט-קאפיטאל און שטרעבט פראוואקאטאריש צו דערפירן דאס פויערטום, אז עס זאל פארלירן אלע זיינע ערָאבערונגען, וואס עס האט באקומען אינם גאנג פון דער רעוואלוציע. אונזער פארטיי דארף, ווייטער מיט א באזונדערער קלארקייט דערווייזן דעם מיטעלן פויערטום, אז רק דער-וויילעקע און גיך פארבייגייענדיקע אינטערעסן גיבן אים צו חשק צו גיין צוזאמען מיט די קולאקעס און מיט דער בורזשואזיע, און אז, פארקערט, מער לאנגדויעריקע, מער וויכטיקע און מער גרינטליכע אינטערעסן זאגן אים אונטער, ער זאל, ווי אן ארבעטעדיקער קלאס, שליסן א בונד מיטן פראלעטאריאט. לסוף, קעמפנדיק פאר סאציאליסטישע איבערבויאונג פון דער לאנדווירטשאפט, דארפן מיר ניט צורייצן דעם סערעדניאק דורך אומפארזיכטיקייט און דורך צו גרויסע איילעניש, און ווי ווייט מעגליך איז אויסמיידן מיט געוואלט אים צוציהען צו די קאמונעס און ארטעלן. בא היינטיקן מאמענט באשטייט די גרונט-אויפגאבע פונם קאמוניזם אין רוסלאנד אין דעם, אז די ארבעטער זאלן מחמת זייערע, און די פויערים מחמת זייערע מאטיוון צוקלאפן די קאנטר-רעוואלוציע. ווען דאס וועט פארקומען, וועט פאר די סאציאליסטישע איבערבויאונג פון דער לאנדווירטשאפט ניט זיין קיין מניעות, וועלכע מע זאל ניט קענען בייקומען. וואס איז נוגע דער דארפישער ארעמ-שאפט איז הגם א באטייטעדיקער טייל פון איר האט אדאנק דער רעוואלוציע

אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אויפהויבנדיק זיך ווירטשאפטלעך ביז דער מדרגה פונם מיטעלן פויערטום, דאך זיינען אירע פּראָלעטאַרישע און האלב פּראָלע-טאַרישע שיכטן עד היום דער טייל פונם דאָרף, וועלכער איז דער אמתערסטן אויסגעהאלטענער יסוד אין דער פּראָלעטאַרישער דיקטאטור. אדאנק די אָרעמ-שאפט-פאַרבאנדן, האט זיך איינגעגעבן דער ראַטן מאכט צו געבן די קולאקעס א רייע ערנסטע קלעפּ און אפּרייסן פון זיי דעם סערעדניאק. אדאנק דער קאמוניסטיש געשטימטער ארעמשאפט, האט זיך איינגעגעבן צו שאפן אין דאָרף דעם אפּאַראַט פון דער ראַטן מאכט און דורכצופירן די ערשטע, מער וויכטיקסטע און אנטשיידנסטע מיליטער-מאָביליזאציעס פונם פויערטום. די ארעמשאפט האט, לסוף, ביז דער לעצטער צייט געגעבן דאס רוב מיטגלידער פון די קאָמונעס און די אַרטעלן און האט געהאָלפן דורכצופירן אַלע אגראַר-דעקרעטן און אויך אַנדערע ניט נאר אגראַר-דעקרעטן פון דער ראַטן מאכט[1].

די הויפּט-אויפגאַבע פון דער קאמוניסטישער פּאַרטיי בנוגע צו דער דאָרפישער ארעמשאפט באשטייט אין דעם, אז מע זאָל די דאָזיקע ארעמ-שאפט ארויספירן פון יענעם צושטאנד, אין וועלכן זי איז פאַר-בליבן נאָכדעם ווי מע האט פאַנאַנדערגעלאָזן די ארעמשאפט-קאָמיטעטן. בעסער פון אלץ קען מען באַהעפטן די ארעמשאפט אויף א פּראָדוקציע-יסוד עס טער פון אלץ קען מען פאַרזיכערן איר ווירקונג אין דאָרף, ווען מע זאָל איר געבן די מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן זיך אויפן באָדן פון מער פולקומען אופן פון לאנדווירטשאפט. דאָס קען מען דערגרייכן, אויב די גאַנצע ארעמ-שאפט וועט איבערגיין צו קאָמונאלער אדער ארטעלן ערד-באארבעטונג. דער קולאק איז שטאַרק אין דאָרף, ווייל ער איז אַ גוטער בעלעבאָס. דעם קולאקס באלעבאטישקייט איז די סמעטענע פון דער קליין בורזשואזער פויערשער ווירטשאפט. ווען די ארעמשאפט פאראייניקט זיך אין קאָמונעס, ווערט זי א פאַרשטייערין פון א מער פולקומען פּראָדוקציע-אופן, איידער די געוויינטלעכע פויערשע ווירטשאפט, זי ווערט עקאָנאָמיש שטארקער פאַרן סערעדניאַק און אפילו פאַרן קולאק. און אט אויף דעם עקאָנאָמישן יסוד, אויף אט דער מא-טעריעלער איבערהאַנט פונם קאָמונאַר איבער דעם קליינעם באלעבעסל קען אויפגעבויט ווערן די דיקטאטור פון דער ארעמשאפט אין דאָרף. נאר דאס וועט שוין זיין ניט קיין דיקטאטור פון ארעמשאפט אין בוכשטעבלעכן זין פון ווארט, ניט קיין הערשאפט פון „שלעפּערס און ליידיקגייערס" ווי ס'האבן זיך ניט שטענדיק אָן א שום גרונט באקלאָגט די קולאַקעס אין די צייטן פון די ארעמשאפט-קאָמיטעטן. דאָס וועט זיין א הערשאפט פונם פּראָגרעסיוון שיכט פונם ארבעטנדיקן דאָרף, וואס האָט אויף צוויי יארהונדערטן איבערגעיאָגט די מערהייט.

---

1) בא אונזער אגיטאַציע צווישן פויערטום, אז עס זאָל אָן אקטיוון אנטייל נעמען אינם בירגער-קריג מוז מען אונטערשטרייכן דווקא די פ ו י ע ר ש ע מ א ט י ו ו ן. דאס פויערטום אינ-טערעסירט ניט דאס, וואס מיר קעמפן פאַרן סאציאליזם, ווי פאַר אזויגעם, נאר דאס, וואס מיר נעמען אפּ ביים אימפּעריאליזם די מעגלעכקייט צו עקספּלואטירן באַרבאַריש דעם קליינאייגנטימער און דערלאָזן אים ניט, אַז ער זאָל ווידער אויסקוקן דעם פּריץ איידער דעם זוחוי אים אויפן נאַקן.

באהעפטן אָבער די גאנצע ארעמשאַפט אין קאמונעס איז זעהר א שווערע זאַך. פאַר דער לעצטער צייט גייען אין די קאמונעס און בפרט אין די ארטעלן פויערים-סערעדניאקעס אין א גרויסער צאל. מע מוז שאַפן א ריי פראפעסיאָנעלע פאראייניקונגען פון דער ארעמשאַפט, אויף וויפל זי רייסט נאָך ניט איבער מיט דער קליינער ווירטשאפט. די דאזיקע פאראייניקונגען פון דער ארעמשאפט דארפן ווייטער פירן דעם קאמף מיט די קולאקעס, וועלכן ס'האבן נאָך ניט פארענדיקט די ארעמשאפט-קאמיטעטן. די ארעמשאַפט דארף זיך פאראייניקן אויפן באדן פון קעגנזייטיקער הילף. זי דארף אריינטרעטן אין עקאנאמישע באציהונגען מיט דער מלוכה, אויף וויפל זי קען פון איר נעמען א געוויסע ארבעט און באַקומען דערפאַר פארשיידענע פראדוקטן אויף גוטע באַדינגונגען, אדער בכלל באקומען פון איר כלערליי עקאנאמישע שטיצע. אין רוסלאנד איז פאראן א קאלאסאלע צאל פארשיידנאַרטיקע ארעמ-שאפט-פאראייניקונגען, נאר זיי טראגן אַלע אַן ארטיקן כאראקטער אדער זיי זיינען דערווייליקע און צופעליקע דערשיינונגען. מע דארף באהעפטן די דא-זיקע ארגאניזאציעס אין גרעסערע איינהייטן. א קאלאסאלע צוקונפט שטייט פאַר די ארעמשאפט-פאראייניקונגען פון די ניט פראדוצירנדיקע גובערניעס וואס זיינען פארנומען מיט ניט לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט (מיט ברענ-דזעגאכץ, פעך, מיט האקן און צונויפלייגן האלץ, מיט פארשיידענע מינים האלץ-איבערארבעטונג וכדומה).

די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי בנוגע צו דער ארעמשאפט באשטייט ווייטער אין דעם, אז זי זאָל זי פעסטער צוזאמענגיסן מיטן שטאטישן פראלעטאריאט, אפרייסן זי פון קליין-בורזשואזע געוואוינהייטן און פון פאלשע האפענונגען אויף א זעלבסשטענדיקע אינדיווידועלע פעסטע ווירטשאַפט און אויך אין דעם, אז זי זאָל שאַפן אומעטום, וואו ס'איז פאראן אן ערה פון ארעמשאַפט, קאָמוניסטישע קערנדלאך אין גרופעס פון מיטפילעדיקע. יעדער ארעמאן מוז ווערן א קאָמונאר. יעדער קאָמונאר מוז ווערן א קאָמוניסט.

ליטעראטור. פ. ענגעלס. „די פויערים-פראגע אין פראנקרייך און אין איינגלאנד". נ. לענין, „די אגראר-פראגע און מארקס קריטיקער". לענין, „די אגראר-פראגע אין רוסלאנד צום סוף פון נייַנצעטן יארהונדערט". פון די פאָפולערע בראשורן, וואס זיינען ארויס נאָך דער רעוואלוציע י. זשעגור „די ארגאניזירונג פון קאמוניסטישע ווירטשאפטן אין דער לאנדווירטשאפט". קי: „די דארף-קאמונע". נ. מעטשעריאקאוו. „וועגן לאנדווירטשאפטלעכע קאמונעס". י. פרעאבראזשענסקי „וועגן לאנדווירטשאפטליכע קאמונעס". י. לארין. „די ארגאניזירונג פון דער לאנדווירטשאפט". נ. מעטשעריאקאוו „די ערד-נאציאנאליזירונג". נ. לענין „א רעדע וועגן דער באציהונג צום מיטעל פויערטום אויפן אכטן צונויפפאר פון דער קאמוניסטישער פארטיי". מ. סומאטאכין „לאמיר לעבן אין א קאמונע". נ. לענין „דער קאמף פאר ברויט".

א סך בראשורן, וואָס זיינען שוין פארעלטערט געווארן, ווייזן מיר ניט אָן. געגויערע אנווייזונגען זיינען פאראן אין וו. קערזשענצעווס בראשור „די ביבליאטעק פון א קאמוניסט".

קאַפּיטל XIV.

די אָרגאַניזירונג פון פאַרטיילונג.

§ 115 ליקווידירונג פונם פריוואַטן האַנדל. § 116 געברויך-קאָמונעס. § 117 די קאָאָפּעראַציע פריער. § 118 די קאָאָפּעראַציע איצט. § 119 אַנדערע פאַרטיילונג-אָרגאַנען.

§ 115. ליקווידירונג פונם פריוואַטן האַנדל. איטליכער פּראָדוקציע-אופן האט זיך זיין פאַרטיילונג-אופן. מיט דער פאַרניכטונג פונם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום אויף פּראָדוקציע-מיטלען, האט די ראַטן מאכט געמוזט אומפארמיידלעך זיך צוזאַמענשטויסן מיטן קאַפּיטאַליסטישן פאַרטיילונג-אַפּאַראַט און זי האט געמוזט צוטרעטן אים בהדרגה צו פאַרניכטן. ראשית כל זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן די גרויסע האַנדל-לאַגערס. דאס איז אויך נויטיק געווען צוליב דעם שאַרפן דערנערונג-קריזיס אין דעם סחורות-הונגער. די סחורות, וואָס די ספּעקולאַנטן האבן פאַרבאַהאלטן כדי אויסצוואַרטן ביז ס׳וועלן שטייגן די מקחים, זיינען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די אַרבעטעדיקע מאַסן, און דאס האט עטוואס שוואַכער געמאַכט דעם קריזיס אין די ערשטע וואָכן נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

נאָר די נאַציאָנאַליזירונג פון די האַנדל-לאַגערס איז געווען מער ניט ווי דער ערשטער טריט. גלייך נאָכדעם איז דורכגעפירט געוואָרן די נאַציאָנאַליזירונג פונם גרויסן האַנדל. דאָס איז געטאָן געוואָרן הן כדי צו קעמפן מיט דער ספּעקולאַציע און צו רעגיסטרירן די פאַראַנענע אין דער רעפּובליק סחורות, הן כדי צו פאַרטיילן די סחורות ראשית כל צווישן די אַרבעטעדיקע קלאַסן. די ראַטן מאַכט האט אַיינגעפירט א קלאַסן פאַיאָק ניט נאָר אויף דערנערונג, נאָר אויך אויף מאַנופאַקטור און אויף אַלע זאַכן פון הויז-ווירטשאַפט.

נאָר, אפשר, וואָלט דער ראַטן מאַכט בעסער געלוינט צו טאָן אַזוי: קאָנפיסקירן אַלע סחורות-רעזערוון בא אַלע פריוואַטע סוחרים, פאַרטיילן זיי לויטן קלאַסן-פאַיאָק, ניט צעשטערן אָבער דעם האַנדל-אַפּאַראַט גופא, נאָר אדרבא, אויסנוצן אים, צוליגן איבער דיגען זיך.

אין דער אמתן איז טאַקע אין א באַדייטעדיקער מאָס אַזוי געטאָן געוואָרן. די סחורות זיינען, צום באַווייזן, צו שפּעט קאָנפיסקירט געוואָרן, ווען דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלט, און די באַלעבאַטים האבן עס באַהאַלטן. דער גאַנצער אַפּאַראַט פון די גרויסע לאַגערס ביז איינגאַנצן איבער צו דער ראַטן מאַכט און האט אָנגעהויבן אַרבעטן בא דער מיטווירקונג פונם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס-אַנגעשטעלטע

ס׳איז נאָר באַוויסיקט געוואָרן דער אויבן אָן, וואס איז באַשטאַנען פון באלע־באַטים און וואס וואלט בא די איצטערדיקע באַדינגונגען געוועזן לגמרי אַ פּאַ־ראזיטישער עלעמענט. אין דער אמתן, פריער האט מען געדארפט איינקויפן די סחורה, אויסזוכן זי, שליסן פארשיידענע אָפּמאכן, זינט אָבער דער הויפּט־פּראָדוצירער פון סחורות אויף די נאציאָנאליזירטע פאבריקן איז געוואָרן די פּראָלעטארישע מלוכה גופא, וואלט געווען אָן אומזין, אויב זי וואָלט זיך אליין פארקויפט די סחורות, און וואָלט געטראָגן אויף איר קארק די סוחרים. פון דער אנדער זייט, איז אויך וויפל מ׳וועט דורכגעפירט די ברויט־מאָנאָפּאָל זייַנען, צווישן דעם פּויער און דער מלוכה פון איין זייַט, צווישן דער מלוכה און דעם געברויכער, פון דער אנדער זייט, גאנץ איבעריק געוואָרן די האנדלס־פארמיט־לער. זיי האבן ניט מיט וואס איינצורייטן די פּויערים, זיי זאָלן אָפּגעבן דעם ברויט דער מלוכה, קויפער פאַרן ברויט איז אויך ניט נויטיק צו זוכן, זאָל נאָר זיין וואס און וואו צו קויפן.

בכן, אויף וויפל די פּראָלעטארישע מאכט האט באהערשט די פּראָדוקציע פון אַ רייַ וויכטיקסטע פּראָדוקטן און אויף וויפל אַ באַדייטנדיקער טייל פון דערנערונג־פּראָדוקטן ווערט אויסגעטיילט דורך אירע אָרגאנען נויטיקט זי זיך אויף אזא אופן אין אייגענע פארטיילונג־אַפּאַראַטן. פאַרן פּריוואטן האנדל איז דאָ קיין אָרט ניטאָ.

נאָר וואָס זשע טוט מען מיטן קליינעם פּריוואטן האנדל, וואס פארטיילט די פּראָדוקטן פון דער קליינער זעלבסטשטענדיקער קוסטארן־פּראָדוקציע? די דאָזיקע פּראָדוקציע האט גאָר די ראטן מאכט ניט באהערשט. איר האט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו ווערן דער מאָנאָפּאָלער איינקויפער פון אירע פּראַדוקטן.

וואס זשע טוט מען מיטן קליינעם האנדל, וואָס פארטיילט איבער צווישן דער באַפעלקערונג אַ זעלכע פּראָדוקטן (אויף ווילדע, פארשטייט זיך, פרייזן וועלכע ס׳קענען ניט צוגרייטן אויף פעסטע פרייזן די אגענטן פון דער ראַטן מאכט?

די דאָזיקע פראגע איז בלי ספק אַ מער קאָמפּליצירטע, איידער די פראגע וועגן גרויסן האנדל, וועמעס פארניכטונג איז באַשטימט געוואָרן שוין מיט דער עקספּראָפּריאירונג פונם קאפיטאל בכלל. פאר דער ראטן מאכט האט פּשוט קיין זין ניט צו פארבאטן דעם קליינעם האנדל, וויבאלד זי אליין איז ניט אימ־שטאנד צו פארבייטן דעם דאָזיקן האנדל מיט דער טעטיקייט פון אירע פאר־טיילונג־אָרגאנען. ס׳זיינען געווען פאלן, ווען די אָרטיקע ראטן און רעווקאָמען פלעגן, בפרט אין די ערשטע, וואס זיינען אקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון די ווייסגווארדייער, פארבאָטן דעם פרייען האנדל, איידער זיי פלעגן שאפן אייגענע דערנערונג־אָרגאנען, אָדער, וואס ס׳איז נאָך ווייטיקער, איידער ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן איינצואָרדענען אַז די דאָזיקע אפּאראטן זאלן זיין אימשטאנד ווי ניט איז רעגולער צושטעלן דער באַפעלקערונג פּראָדוקטן. דאָס פלעגט פירן צו דעם, אַז דער פריוואַטער האנדל פלעגט ווערן אומלעגאל, און די פרייַזן פלעגן שטייַגן אַ סך מאָל מער. דער קלייַנער האנדל וועט נאָר בהדרגה דערשלאָגן ווערן, צוגלייך מיט דעם, ווען אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע צאָל פּראָדוקטן

וואָס גייען אויף צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג' וועט דורכגיין דורך די הענט
פון דער מלוכה. אויב איצטער עקסיסטירט דער נאַרקאָמפּראָד (פאָלקס=קאָמי=
סאַריאַט פאַר דערנערונג) האָט בא האַנט מיט דער מעכטיק בליהעדיקער סו=
כאַרעווקע (אַ פּלאַץ אין מאָסקווע, וואו ס'ווערן אויף ספּעקולאַטיווע מקחים פאַר=
קויפט כלערליי סחורות, דער איבערז.), באַטייט עס נאָר איין זאַך: די מלחמה
צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם אינם געביט פון פאַרטיילונג גייט נאָך, זי
קומט איצט פאַר אויף די פּאָזיציעס פונם קליינעם האנדל און וועט פאַרענדיקט
ווערן נאָר דאַן, ווען די מלוכה-מאַכט וועט ווערן דער הויפּט=איינקויפער פון
די פּראָדוקטן אין דער קליינער אינדוסטריע, אָדער, — דאָס וועט זיין שפּע=
טער, — ווען זי וועט אליין ווערן דער פּראָדוצירער פון די דאָזיקע פּראָדוקטן,
דאַ רעדט זיך ניט, פאַרשטייט זיך, וועגן יענע פאַלן, ווען דער קליינער פּרי=
וואַטער האנדל מאַכט געשעפטן מיט פּראָדוקטן, וואָס זיינען שוין געווען אין די
הענט פון די דערנערונג=אָרגאַנען, וואָס האָט א שייכות צום קאַמף מיט די
גניבות און מיט אנדערע חסרונות פונם ראַטן פאַרטיילונג=מעכאַניזם. על כל
פנים וועט דער קליינער האנדל עקסיסטירן ביז ס'וועט אין די שטעט ניט צו=
ריק אויפגעשטעלט ווערן די גרויסע פּראָדוקציע און כל זמן די באַזאָרגונג פון
דער באַפעלקערונג מיט די גרונט געברויך=מיטלען וועט ניט ווערן א באמת
מלוכה-מאָנאָפּאָל.

בכן, הגם' דער צוועק פונם סאָציאַליזם איז די פאַרניכטונג פון אלע און
כלערליי פאַרמיטלער אינט פאַרטיילונג-פּראָצעס און מיט דער צייט וועט דער
דאָזיקער צוועק אוודאי דערגרייכט ווערן' דאָך איז אינגאַנצן צו פאַרניכטן דעם
אַפּאַראַט פונם קליינעם האנדל אין די נאָהענסטע טעג אוממעגליך.

§116. די געברויך=קאָמונעס. אויף וויפל די הויפּט=מאַסע פון די
פּראָדוקטן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער באַפעלקערונג, גייט דורך אָדער
וועט דורכגיין דורך די דערנערונג-אָרגאַנען פון דער מלוכה, מוזן עקסיסטירן
אנטשפּרעכעדיקע סאָציאַליסטישע פאַרטיילונג-אָרגאַנען, די דאָזיקע אָרגאַנען
דאַרפן באַפרידיקן אָט וואָסערע פאָדערונגען: זיי דאַרפן זיין צענטראַליזירטען
דאָס גאַראַנטירט די אממערסטן ריכטיקע און גלייכמאָסיקע פאַרטיילונג, דאָס
מאַכט קלענער די הוצאות אויף אויסצוהאלטן דעם אַפּאַראַט, וועלכער מוז על
כל פנים ביים סאָציאַליזם פאָדערן א סך ווייניקער כוחות און מיטלען, איי=
דער דער פּריוואַט-סוחרישע אַפּאַראַט. דער סאָציאַליסטישער פאַרטיילונג-אַפּאַ=
ראַט דאַרף אַרבעטן מיט דער גרעסטער גיכקייט. דאָס איז זעהר וויכטיק. ס'איז
נויטיק, אז ניט נאָר דער אַפּאַראַט גופא זאָל פאָדערן א מינימום כוחות און
מיטלען פון דער מלוכה. נאָר ער זאָל אויך ביים געברויכער ניט פאַרנעמען קיין
איבעריקע צייט. ווייל אנדערש וועט עס ברייגען צו א קאָלאָסאַלער כוחות=
פאַרשווענדונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. בעת ס'האָט עקסיסטירט דער פּרי=
וואַטער האנדל פלעגט דער געברויכער, האָבנדיק געלט, קאָנען אין א נאָרמא=
לער סביבה פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, קויפן וואָס ער וויל און ווען ער
וויל. דער סאָציאַליסטישער אַפּאַראַט טאָר אין דעם פּרט ניט זיין ערגער פאַרן פּרי=

וואס-סוחרישן. און גראָד די גרויסע צענטראַליזירטקייט קאָן דעם היינטיקן אַפּאַ-ראַט לייכט פאַרוואַנדלען אין אַ זעהר אומגעלומפּערטע ביוראָקראַטישע און זעהר לאַנגזאַם אַרבעטענדיקע מאַשין, בײַ וועלכער אַ סך סחורות וועלן פריער צו-פוילט ווערן, איידער זיי וועלן אָנקומען צום געברויכער. ווי אַזוי פאַרט שאַפט מען דעם היינטיקן אַפּאַראַט?

בײַ דער ראַטן מאַכט זיינען געווען צוויי וועגן: אָדער שאַפן אויף דאָס ניי דעם גאַנצן פאַרטיילונג-אַפּאַראַט, אָדער אויסנוצן אַלע יענע פאַרטיילונג-אָר-גאַנען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורכן קאַפּיטאַליזם, און וועלכע מע האָט געקענט צווינגען אַז זיי זאָלן דינען די צוועקן פון סאָציאַליסטישער פאַרטיילונג.

די ראַטן מאַכט האָט זיך געשטעלט אויפן צווייטן וועג, שאַפנדיק אירע אייגענע אָרגאַנען וואו דאָס איז נויטיק געווען. בפרט אינם ערשטן פעריאָד בעת ס׳זיינען געבראָכן געוואָרן די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, האָט זי געווענדעט איר אויפמערקזאַמקייט אויף די קאָאָפּעראַציע און האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצונוצן דעם קאָאָפּעראַטיון אַפּאַראַט צוליב דער פּראָדוקטן פאַרטיילונג.

§117. די קאָאָפּעראַציע פריער, בײַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע-נונג

באַשטייט די גרונט-אויפגאַבע פון דער קאָאָפּעראַציע אין דעם, אַז מע זאָל באַפרייען דעם געברויכער פונם האַנדל-פאַרמיטלער-ספּעקולאַנט, לאָזן דעם דעם האַנדל-ריווח אין די הענט פונם פאַראייניקטן געברויכער און גאַראַנטירן אים די קוואַליטעט פון די פּראָדוקטן. דעם דאָזיקן צוועק האָט די קאָאָפּעראַציע דערגרייכט מיט מער אָדער ווייניקער ערפאָלג, נאָר זי פלעגט עס דערגרייכן מער ניט ווי פאַר אירע מיטגלידער, דאָס הייסט, מער ניט ווי פאַר אַ טייל פון דער געזעלשאַפט. וואָס איז נוגע די קינדערשע חלומות פון די קאָאָפּעראַטאָרן אַז מיט דער הילף פון דער קאָאָפּעראַציע וועט זיך איינגעבן אויף אַ פרידליכן אופן באַנייען דעם קאַפּיטאַליזם איז אין דער ווירקליכקייט די מעשה אַזוי: בײַ אַלע אירע ערפאָלגן פלעגט די קאָאָפּעראַציע מער אָדער ווייניקער מערקליך אַרויסשטויסן רק דעם קליינעם האַנדל און דירעקט כמעט ניט אָן דעם גרויסן האַנדלען נאָר אדרבא, זי מוז אַליין אָנקומען צו אים און אויסנוצן זיין הילף. וואָס איז נוגע די פּראָדוצירענדיקע אונטערנעמונגען פון דער קאָאָפּעראַציע, פאַרנעמען זיי אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פונם קאַפּיטאַליזם אַ גאַנץ נישטיקן אָרט און האָבן קיין שום ווירקונג ניט אויפן גאַנג און אויף די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אינדוסטריע, די ריזאַנטישע אָרגאַניזאַציע פונם קאַפּיטאַל האָט בכלל קיינמאָל ניט געהאַלטן די קאָאָפּעראַציע פאַר אַן ערנסטן קאָנקורענט, האָבנדיק די פולע מעגליכקייט גרינג צו דערשטיקן עקאָנאָמיש די קאָאָפּעראַציע, ווען דאָס וואָלט איר געווען נויטיק, האָט זי געלאָזן די אילוזיעס פון דער קאָאָפּעראַציע פרייַ חלומען וועגן אַרויסשטויסן דעם קאַפּיטאַליזם, און זי האָט ניט געשטערט די בעלי-בתּים פון דער קאָאָפּעראַציע צו קומען אין התפּעלות פון די רווחים וואָס מע נעמט אָפּ בײַ די קליינע קרעמער. די קאָאָפּעראַציע גופא האָט זיך פול

שטענדיק צוגעפּאַסט צום קאַפּיטאַליזם און האָט אין דער פאַרטיילונג-סיסטעם
פונם קאַפּיטאַליזם פאַרנומען אַ געוויסן אָרט. זי האָט אפילו געבראַכט נוצן—
דעם קאַפּיטאַליזם מיט דעם וואָס זי פלעגט קלענער מאַכן די הוצאות אויפן
פאַרטיילונג-אַפּאַראַט און אויף אַזאַ אופן האָט זי באַפרייט אַ טייל פונם איבעריקן
האַנדלס-קאַפּיטאַל צוליב דער אינדוסטריע. פון דער אַנדער זייט איז אַדאַנק דעם
וואָס זי פאַרקירצט די צאָל קליינע האַנדל-פאַרמיטלער און וואָס זי דערנעהענ-
טערט דעם געברויכער צו דעם גרויס-קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוצירער, פלעגט די
קאָאָפּעראַציע פאַרגיכערן די סחורות-צירקולאַציע, פלעגט באַוואָרענען, אַז די
שטר-חובות וועלן צו דער צייט באַצאָלט ווערן און פלעגט אין דער לעצטער
שורה מאַכן מער יאַושדיקער די לאַגע פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו-אַרמיי
אַ באַדייטנדיקער טייל פון וועלכער פלעגט געוויינטליך אַריבערגיין אינם קליין
האַנדל. אַ חוץ דעם, איז דורך אַ ריי אויספאָרשונגען פעסטגעשטעלט. אַז אויף
וויפל מיר האָבן צו טאָן מיט דער פויערשער קאָאָפּעראַציע, ברייינגט זי אומע-
טום נוצן דעם גרויסן פאַרמעגליכן פויערטום, ניט העלפנדיק כמעט מיט גאָר
ניט דער אָרעמשאַפט. לויט איר קלאַסן צוזאַמענשטעל טיילט זיך די געברויך
קאָאָפּעראַציע אויף אַרבעטער קאָאָפּעראַציע, פויערשע און אַלגעמיין בירגערליך
שטאָטישע, דאָס הייסט בעצם קליינבירגערליכע. די אַרבעטער קאָאָפּעראַציע אין
שטענדיק געווען די לינקסטע אין דער אַלגעמיינער נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע אָר-
גאַניזאַציעס און די רעכטסטע אין דער נעץ פון די פּראָלעטאַרישע קלאַסן אָר-
גאַניזאַציעס. אין דער פויערשער קאָאָפּעראַציע איז דער טאָנגעבער דאָס גרויס
איינגעפונדעוועטע פויערטום. אין דער שטאָטישער קאָאָפּעראַציע פירט אָן די
קליינבירגערליכע אינטעליגענץ, וועלכע טרעט אַרויס אין דער ראָלע פון אי-
דעאָלאָגן פון דער גאַנצער קאָאָפּעראַציע בכלל און זאָגט איר צו אַ גרויסע צו-
קונפט אין פּרט פון צוברעכן דעם קאַפּיטאַליזם מיט די לעבלאַך קאָאָפּעראַטיוון
ברויט און קאַרטאָפל.

די ווירקליכע נאַטור פון דער קאָאָפּעראַציע איז אויפגעדעקט געוואָרן
דורך דער פּראָלעטאַרישער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. מיטן אויסנאַם
פון אַ טייל אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע האָט די גאַנצע איבעריקע קאָאָפּעראַציע, בפּרט
אין דער פּערסאָן פון אירע אינטעליגענטישע און קולאַקישע אָנפירער, פאַרנומען אַ
שאַרף-פיינטליכע פּאָזיציע בנוגע צו דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. די
סיבירער קאָאָפּעראַציע אין דער געשטאַלט פונם זאַקופּסביט (איינקויף-אָפּזאַץ)
און פון אַנדערע פאַרבאַנדן האָט זיך אויסגעשפּראָכן געשטעלט אויפן צד פון
דער ווייסגוואַרדייאישער קאָנטררעוואָלוציע אויף צו דערשטיקן די ראַטן מאַכט
מיט די כוחות פונם וועלט-אימפּעריאַליזם.

(צום ערשטן אָקטיאַבער 1917-טן יאָר איז אין רוסלאַנד געווען 612 פאַר-
באַנדן פון קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניקונגען. די דאָזיקע ציפער איז, אָפּנים, קלע-
נער פאַר דער ווירקליכער, ווייל, לויט איינציקע פאַקטן איז צום ערשטן יאַנואַר
1918 געווען ביז טויזנט פאַרבאַנד-פאַראייניקונגען. אין צענטראָסאָיוז (צענטראַ-
לער פאַרבאַנד פון געברויך-קאָאָפּעראַציע. דער איבערז.) האָט זיך צום ערשטן
יאַנואַר 1918-טן גערעכנט 281 פאַראייניקונגען, אין 269 פאַראייניקונגען זיינען

געווען 38,601 קאאפעראטיוון מיט 13,694,196 מיטגלידער. גאר אזוי ווי איין קאאפעראטיוו גייט גאנץ אפט אריין אין צוויי און דריי פאראייניקונגען מיט א מאל, איז די צאל קאאפעראטיוון אין רוסלאנד, אפנים, קלענער פאר דער אנגעוויזענער. דאס זעלבע אויך בנוגע צו די צאל מיטגלידער. וואס איז שייך די אינדוסטריעלע טעטיקייט פון די רוסישע קאאפעראטיוון, האבן די קאאפעראטיוון און קאאפעראטיוון-פארבאנדן געהאט אין 1918-טן יאר 469 אונטערנעמונגען (סירוב קליינע).

§ 18. די קאאפעראציע איצט. בא דער הערשאפט פונם קאפיטאליזם האט די קאאפעראציע אויסגעפירט אין זיין אלגעמיינער סיסטעם א באשטימטע ראלע. בא דער ראטן מאכט איז דעם קאאפעראטיוון אפאראט באשערט אדער ביסלאכווייס אפצושטארבן צוזאמען מיט אלע איבעריקע אפאראטן פון דער קאפיטאליסטישער פארטיילונג, אדער ס'איז אים באשערט אריינצוגיין אין דער סיסטעם פון סאציאליסטישער פארטיילונג און איבערגעבן זיך ביז דער ראלע פון א מלוכהשן פארטיילונג-אפאראט. די אלטע באלעבאטים פון דער קאאפעראציע די מענשעוויקעס, עסערן און כלערליי „סאציאליסטן" פון קאלטשאקס טיפ,— וואלטן וועלן, אז די קאאפעראציע זאל בלייבן אומאפהייניק פון דער פראלעטארישער מלוכה. דאס הייסט, לאזן איר פרייַ שטארבן. די ראטן מאכט, פארקערט, רעכענענדיק זיך מיט די ווירקליכע אינטערעסן פון דער קאלאסאלער מאסע ארבעטעריקע און, בפרט, מיט דער גרויסער צאל אנגעשטעלטע אין די קאאפעראטיוון, שטעלט זיך אויף אן אנדער וועג. ניט רעכענענדיק זיך מיט די שטימונגען פונם איבערשטן שיכט פון די אינטעליגענטישע קאאפעראטיוון און ניט אפוואַרפנדיק צוליב די קאנטרעוואַליציאַנערע נטיות פונם דאזיקן שיכט דעם גאנצן קאאפעראטיוון אפאראט, האט די ראטן מאכט שטענדיק געשטרעבט אריינצוציען דעם קאאפעראטיוון פארטיילונג-אפאראט אין דער אלגעמיינער סיסטעם פון אירע פארטיילונג-ארגאנען, זי האט געשטרעבט ניט צו פארשמעלערן, נאר אדרבא צו פארגרייטערן די ראמען פון דער קאאפעראציע-טעטיקייט די פראקטישע אויפגאבן, וואס שטייען דא פאר דער ראטן מאכט און פאר דער קאמוניסטישער פארטיי, זיינען אין אלגעמיין געווען אט וואסערע:

א נארמאלער קאאפעראטיוו פון בורזשואזן טיפ איז א פרייוויליקע פאראייניקונג פון בירגער, וואס טראגן אריין א באשטימטן אפצאל אין דער חברה בכלל באדינט דער קאאפעראטיוו רק זיינע מיטגלידער, און נאר דאן, ווען דאס ברענגט ניט קיין שאדן זיינע מיטגלידער, דערלאזט ער פארקויפן פראדוקטן דער גאנצער באפעלקערונג. מיר האלטן פאר נייטיק, אז די גאנצע באפעלקערונג זאל זיין קאאפערירט, אז יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט זאל זיין צוגעשריבן צו א וואסער ס'איז ניט קאאפעראטיוו, ווייל נאר אזא פארטיילונג דורך די קאאפעראטיוון וועט הייסן פארטיילונג צווישן דער גאנצער באפעלקערונג.

אין א געברויך-געזעלשאפט ווערט דער געשעפט געוויינטליך געפירט אויפן יסוד פון זעלבסטפארוואלטונג פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט

אויב אין דער פּראַקטיק וועט אַ קליין הייפל פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, זיי־נען אין [illegible] די מיטגלידער גופא. די קאָנסטיטוציע פונעם קאָאָפּעראַ־טיוו מיט [illegible] אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער אַז די זאָל [illegible], ווען אַלע בירגער פון דער רעפּוב־ליק [illegible] קאָאָפּעראַציע, האָבן זיי אַ פילע מעגליכקייט צו קאָנ־טראָלירן פון [illegible] דעם גאַנצן פאַרטיילונג־אַפּאַראַט פון דער פּראָ־לעטאַרישער [illegible] אויסווייזן גענוג זעלבסטטעטיקייט, קענען זיי [illegible] און ערפאָלגרייכן קאַמף מיט כלערליי מיסברויכן [illegible] ביוראָקראַטיזם אינם פאַרטיילונג־ענין און זיי וועלן זיך אויך [illegible] די ביטשיקע גיכקייט און פּונקטליכקייט אין דער אַר־בעט פון דער [illegible] קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע. אַ דאַנק דעם, אַ דאַנק דעם אָנטייל [illegible] גופא אין דער פאַרטיילונג־אַרבעט, וועלן זיך די פאַרטיילונג־אָרגאַנען [illegible] פון הייגעדיקע פון אויבן איבער די מאַסן אין אָרגאַנען [illegible] גופא, און דאָס וועט אָן שום ספק מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג [illegible] באַוואוסטזיין און פון דער באַוואוסטזיניקער חברשער [illegible] זעלבסטטעטיקע, און דאָס וועט אויך מיטהעלפן, אַז עס זאָל שטייגן [illegible] גאַנצן פּראָדוקציע־פאַרטיילונג מעכאַניזם פון דער [illegible]. ווייטער איז נייטיק נאָכדעם ווען די גאַנצע [illegible] וועט, זאָלן די אָנפירנדיקע ראָלע אין די קאָאָפּעראַטיוו [illegible] די פּראָלעטאַרישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין די שטעט [illegible] דורכן מער אַקטיוון אָנטייל פון די שטאָ־טישע אַרבעטער אין דער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט, דורכן דורכפירן בײַ די וואַלן אין [illegible] פּראָלעטאַרישע מערהייט און דערהויפּט דורך דעם, וואָס די [illegible] קאָאָפּעראַציון, און ניט די אַלגעמיינע בירגערליכע, וועלן פאַרוואַלטן [illegible] אין שטאָטישע גע[illegible]־קאָמונעס. צוליב דעם צוועק איז אויך נייטיק [illegible] אַן אײַנגן צוזאַמענבונד צווישן די קאָאָפּעראַ־טיוון אין די [illegible] אָרגאַנען, דאָס הייסט, צווישן די פּראָדוקציע אין פאַרטיילונג־[illegible] צוזאַמענבונד שטייט פאַר אַ קאָלאָסאַלע צו־קונפט [illegible] פון דער מלוכה געבראַכט וועלן צו דער ראָלע פון [illegible], און דאַן וועט דער לעבעדיקער צו־זאַמענבונד [illegible] אָרגאַניזאַציעס און די פאַרטיילונג־אָרגאַניזאַ־ציעס [illegible] באַזייטיקט. לסוף איז נייטיק, אַז די קאָ־מוניסטן זאָלן [illegible] גרופּע, אָנטייל נעמען אין דער קאָאָפּע־ראַטיווער [illegible] די אָנפירנדיקע ראָלע.

אין [illegible] פון די קאָאָפּעראַציון־פאַרוואַלטונגען די קולאַקישע [illegible] די פאַרשיידענע פּריווילעגיעס לטובת דעם [illegible] פאַרטיילונג, מע מוז זען, אַז דער [illegible] קאָאָפּעראַציון זאָל אַריבערגיין אין די הענט פון דער [illegible] באַוואוסטזיניקן מיטעלן פּויערטום.

§ 119. **אַנדערע פאַרטיילונג-אָרגאַנען.** פון דער אָקטיאַבער-איבער-קערעניש אָן איז אין ראַטנלאַנד אויפגעקומען אַ סך פאַרשיידענע פאַרטיילונג-אָרגאַנען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע. אין צענטער פון זיי שטייט דער פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר דערנערונג מיט אַלע זיינע פאַרצווייַגונגען אין די גובערניעס און אויעזדן, די דערנערונג-אָרגאַנען האָבן געהאַט און האָבן נאָך איצט אויך אַנדערע פאַרטיילונג-אָרגאַנען אין דער פאָרם פון אַ נעץ דערנערונגס-קראָמען און געשעפטן. די ראָלע פון פאַרטיילער האָבן אין די דערפער איין צייט געהאַט די אָרעמשאַפטס-קאָמיטעטן, וואָס האָבן געשאַפן אַ קעגנגעוויכט דער קאָאָפעראַטיווער פאַרטיילונג: אין דער צייט, ווען די קאָאָפעראַטיוון פלעגן ס'רוב פאַרטיילן די באַקומענע פראָדוקטן דערהויפט אין די אינטערעסן פונם פאַרמעגליכן פויערטום, האָבן די אָרעמשאַפטס-קאָמיטעטן געזעהן צו פאַרטיילן דעם גרעסטן און בעסטן טייל פראָדוקטן, וואָס זיי באַקומען פון דער מלוכה, צווישן דער אָרעמשאַפט. אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַרטיילונג שפּילן די הויז-קאָמיטעטן אין די גרויסע שטעט און די הייזער-קאָמונעס. אַחוץ דעם, פלעגן זיך מיט פאַרטיילונג פאַרנעמען די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און בפרט די פאַבריק-זאַוואָדישע קאָמיטעטן.

די אויפגאַבע פון דער ראַטן מאַכט באַשטייט אין דעם, אַז זי זאָל פאַרבייטן אָט די גרויסע צאָל פאַרטיילונג-אָרגאַנען אויף איין איינהייטליכן פאַרטיילונג-אָרגאַן אָדער איינשליסן זיי ווי רינגען אין דעם אַלגעמיינעם איינהייטליכן פאַרטיילונג-מעכאַניזם. אין דעם פרט שפּילן, למשל, די הויז-קאָמיטעטן און די הייזער-קאָמונעס אַ נוצליכע ראָלע, געבנדיק די געברויכער די מעגליכקייט צו באַקומען פראָדוקטן, ניט פאַרלירנדיק גאַנצע שעהן אין טעג אויף צו שטיין אין די אָטשערעדן.

קאפיטל XV.

די בייגק-אָרגאניזאציע און געלט-צירקולאַציע.

§ 120. די בייגק-נאַציאָנאַליזירונג און דער איינהייטליכער פאלקס-באנק; דער באנק, ווי א צענטראלע בוכהאלטעריע. § 121. דאס געלט און דאס אפשטארבן פון דער געלט-סיסטעם.

§ 120. די בייגק-נאַציאָנאַליזירונג און דער איינהייטליכער פאלקס-באנק; דער באנק, ווי א צענטראלע בוכהאלטעריע. וועגן דעם, וואס אַזויגס זיינען די בייגק און וואס פאר א ראָלע זיי שפּילן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט האָבן דאס רוב אַרבעטער א גאנץ מטושטש-דיקע פאָרשטעלונג. מע שטעלט זיך פאָר דעם באנק, ווי עפּעס א מורא'דיק גרויסן קאַסטן, וואוהין די גבירים ברייגגען צוטראָגן זייערע קאַפּיטאַלן. דער אַרבעטער, וואָס האט אָפּגעשפּאָרט געלט און וואָס טראָגט זיי אריין אין באַנק, ווייסט אויך, אז פאר דעם געלט באקומט ער פּראָצענטן און עס טרעפט אויך אָפטמאל, אז דאָס געלט גייט פארפאַלן און די באַלעבאַטים פון די דעפּאָזיטן ווערן בדלות.

דער באַנק איז קודם כל נים קיין געלט-קאַסטן. אין יעדן געגעבענעם מאָמענט איז אין באַנק פאַראַן גאַנץ ווייניק מזומן געלט. די עצם ארבעט פונם באַנק באַשטייט כלל נים אין דעם, אז ער זאל דינען פאר אַן אייזערנעם שראַנק פאר יענע מענטשן, וואס האבן אָפּגעשפּאָרט געלט. דורך די בייגק גייט, אמת, דורך הונדערטער מיליאָנען אָפּגעשפּאָרט געלט, נאר דאָס געלט בלייבט דאָרט נים ליגן. ראשית, פארלייהען עס די בייגק די אונטערנעמער, וועלכע עפענען אויף פאבריקן, עקספּלואַטירן די ארבעטער און גיבן אָפּ דעם באנק אַ טייל פונם ריווח פאר דער הלוואה (און דער באנק גיט אָפּ א טייל פון זיין ריווח דעם דעפּאָרענטן). והשניות, עפענען די בייגק גופא אויך נייע אונטערנעמונגען אויפן געלט, וואס זיי באקומען פון די דעפּאָנענטן, אדער זיי פינאנסירן די שוין עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונגען. לסוף, פארלייהען די בייגק זייער געלט די מלוכות *) און געמען דערפאר פּראָצענטן, דאס הייסט, ראַבירן

---

*) למשל, די אויסלענדישע בייגק האבן פארליהען דער צארישער רעגירונג און קערענסקיס רעגירונג העכער 16 מיליארד רובל.

דורך די רעגירונגען די פעלקער פון די דאָזיקע מלוכות. און אַזוי ווי די ביינק געהערן צו קליינע הייפעלאך גרעסטע קאַפּיטאַליסטן, באַשטייט, בכן, די אַרבעט פון די ביינק אין דעם, וואָס זיי קוועטשן אַרויס מער אייגנטום מיט דער הילף פון זייערע אייגענע קאַפּיטאַלן און פון יענע קאַפּיטאַלן, וואָס ס׳האָבן אַריינגעטראָגן די דעפּאָנענטן.

נאָר די ביינק זיינען ניט נאָר שפּינען, וואָס זויגן אַרויס מער אַרבעט פון די אַרבעטער און פּויערים. זיי האָבן נאָך אַן אַנדער באַטרעף. אויב איך לאָמיר זאָגן, האָב געלט און טראָג עס אַריין אין באַנק, הייסט עס, אַז איך האָב געהאַט וואָסערע ניט איז סחורות, וועלכע איך האָב פאַרקויפט און גע־מאכט זיי צו געלט. אויב דורך די ביינק גייען דורך אַלץ נייע און נייען געלט־סומען, און די צאָל קאַפּיטאַלן אין דער גאַנצער געזעלשאַפט וואַקסט באַטייט עס, אַז ס׳הויבן אַן צירקולירן אַלץ נייע און נייע מאַסן ווערטן. געלט דאָס איז אַ שיין אויף אַ פּראָדוקט, דאָס איז אַ מין פּראָדוקטן־פּאַספּאָרט. לויט דער געלט־צירקולאַציע קען מען אין אַלגעמיין און אין גאַנצן גענומען באַ־קומען אַ פאַרשטעלונג וועגן דער פּראָדוקטן־צירקולאַציע. און די ביינק ווערן אויף אַזאַ אופן אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט אין אַ מין רעכענונג־קאַנטאָר פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

פון דאַנעט איז ניכר, וואָס פאַר אַ ראָלע די ביינק קענען שפּילן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און וואָס עס דאַרף מיט זיי טאָן דער פּראָ־לעטאַריאַט, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט.

נאָך דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש אָדער, ריכטיקער, אין דער צייט פון דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש, מוז דער אַרבעטער קלאַס אומבאַדינגט פאַרכאַפּן אַלע ביינק און קודם כל דעם צענטראַלן מלוכה־באַנק. דאָס איז, ערשטנס, נייטיק, כדי צו קאָנפיסקירן אַלע געלט־דעפּאָזיטן פון דער בורזשואַזיע, אַלע ווערט־פּאַפּירן און בלעריליי געלט־התחייבותן פון די קאַפּי־טאַליסטן. אַזאַ פאַרכאַפּן איז אַ קלאַפּ גלייך אין האַרצן פון דער קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע.

מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן אין דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און אין נאָיאַבר 1917־טן יאָר דאָבן מיר געגעבן אַ טויט־קלאַפּ די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן פון רוסלאַנד.

וואָס זשע דאַרף די פּראָלעטאַרישע מאַכט טאָן מיט די פאַרכאַפּטע ביינק? זי דאַרף אויסנוצן אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ ווערט אין דער באַנק־אָר־גאַניזאַציע פונם קאַפּיטאַל. זי דאַרף, הייסט עס, איינהייטן די ביינק, ווי אַכשבון אַפּאַראַט פון דער פּראָדוקציע און ווי אַ פאַרטיילער פון די פינאַנץ־מיטלען עס מוז ראשית כל דורכגעפירט ווערן אַ פולשטענדיקע נאַציאָנאַליזירונג פונם באַנק־געשעפט. דאָס באַטייט, אַז ניט נאָר אַלע אָפּגענומענע בא דער בורזשו־אַזיע ביינק ווערן פאַרוואַנדלט אין מלוכה־אַנשטאַלטן פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אַז אויך אַלע באַנק־אָפּעראַציעס ווערן אויף להבא דערקלערט פאַר אַ מאָנאָפּאָל פון דער מלוכה. קיינער, אַ חוץ די מלוכה, טאָר ניט עפענען קיין ביינק.

דערנאָך דאַרפן אַלע בענק פאַראייניקט ווערן אינאיינעם. די, וואָס זיינען איבעריק, דאַרף מען פאַרמאַכן, און ס'דאַרפן פאַרבלייבן רק די, וואָס זיינען נויטיק, ווי אַן אָפטיילונג פונם איינהייטליכן באַנק פון דער ראַטן-רעפובליק.

אַנשטאָט די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע רעכענונג-אופנים און אַנשטאָט די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע באַנק-אָפעראַציעס, מיט וועלכע ס'פלעגן זיך פאַרנעמען די בורזשואַזע בענק, ווערט אין דעם איינהייטליכן פאָלקס-באַנק איינגעפירט אַן איינאַרטיקע און אַ פשוטע רעכענונג-סיסטעם. דער רעזולטאַט פון דעם וועט זיך באַקומען אַזאַ, וואָס די פּראָלעטאַרישע מלוכה וועט זיין אימשטאַנד צו האָבן אַ פולשטענדיק בילד וויפל און וואוהין די מלוכה גיט ארויס געלט, וויפל און פון וואַנעט זי באַקומט.

גאָר אויך אין דעם איינהייטליכן באַנק פון דער רעפובליק וועט מען פירן אַ רעכענונג פון אַלע הכנסות און הוצאות פון דער מלוכה, טאַ וואָס וועט דאַן ווערן מיטן באַנק, ווען די מלוכה גופא וועט זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרוואַלטונג פונם איינהייטליכן קאָלאָסאַלן ווירטשאַפטליכן אַפאַראַט פונם לאַנד?

ס'איז קלאָר, אַז דער באַנק וועט דאַן זיין דאָסזעלביקע, וואָס ס'איז איצט אַ ביכהאַלטעריע-קאַנטאָר ביי אַ וואָסער ניט איז ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונג. דער באַנק, ווי אַ זוינער, וועט ביסלאַכווייז אָפגעשאַפט ווערן און וועט זיך פאַרוואַנדלען, ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן אין אונזער פּראָגראַם „אין אַ צענטראַל ביכהאַלטעריע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט”.

§ 121 **דאָס געלט און דאָס אַפשאַרבן פון דער געלט-סיסטעם.** די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט ניט וויסן פון קיין געלט. יעדער אַרבעטער וועט דאָרט אויסאַרבעטן פּראָדוקטן פאַרן אַלגעמיינעם קעסל און וועט ניט באַקומען קיין שיין, אַז ער האָט איבערגעגעבן די פּראָדוקטן דער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, ער וועט ניט באַקומען קיין געלט. פונקט אַזוי וועט ער אויך קיין שום געלט ניט צאָלן דער געזעלשאַפט, ווען ער וועט זיך נויטיקן אין עפעס וואָס פונם אַלגעמיינעם קעסל. גאָר אַנדערש איז ביי דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואָס דאַרף זיין אַן איבערגאַנג-אָרדענונג פונם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם. דאָס געלט קומט אומפאַרמיידליך אויף און שפילט זיין ראָלע ביי אַ סחורה-ווירטשאַפט. ווען איך, אַ שוסטער, וויל באַקומען אַ רעקל, פאַרוואַנדל איך מיין סחורה, דאָס הייסט, שטיוול, תחילת אין געלט, דאָס הייסט אין אַזאַ סחורה, וואָס איך קען אויסבייטן אויף יעדע אַנדערע סחורה, אין דעם געגעבענעם פאַל אויף אַ רעקל, אין וועלכען איך נויטיק זיך. אָט אַזוי טוט יעדער סחורות-פּראָדוצירער. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט די סחורות-ווירטשאַפט נאָך אין אַ געוויסער מאָס זיך האַלטן.

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן מיט ערפאָלג דערשטיקט דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און האָבן די געוועזענע הערשעדיקע קלאַסן פאַרוואַנדלט אין אַרבעטענדיקע. ביי אונז איז נאָך פאַרבליבן דאָס פויערטום,

וואס ארבעט ניט אויפן אלגעמיינעם קעסל. יערער פויער וועט זעהן פארקויפן דער מלוכה זיין עודף, אויסבייטן אים אויף א אינדוסטריע-פראָדוקט, אין וועלכן ער נויטיקט זיך. דער פויער וועט פאַרבלייבן א סחורות-פּראָדוצירער און ער וועט זיך נאָך נויטיקן אין געלט כדי אָפּצורעכענען זיך מיט זיין שכן און מיט דער מלוכה, פונקט ווי ס'וועט זיך נויטיקן אין געלט די מלוכה כדי אָפּצורעכענען זיך מיט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס וועלן נאָך ניט אריין אין די אַלגעמיינע פּראָדוקציע-קאָמונע. און נאָך שווערער וועט זיין מיט אַמאָל אָפּצושאַפן דאָס געלט דערפאַר, ווייל עס עקסיסטירט נאָך אין א גרויסער מאָס דער פרייער האַנדל, וועלכן די ראַטן מאַכט איז נאָך לעת עתה ניט בכוח צו פאַרבייטן מיט סאָציאַליסטישער פאַרטיילונג. לסוף, לוינט גאר ניט אָפּצושאַפן מיט אַמאָל דאָס געלט אויך ווייל דאָס אַרויסלאָזן פּאַפּיר-געלט פאַרבייט די שטייערן און גיט א מעגליכקייט דער פּראָלעטאַרישער מלוכה צו האלטן זיך אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען.

נאר סאָציאַליזם דאָס איז א קאָמוניזם, וואָס האלט זיך נאָך אין בויען א ניט פאַרענדיקטער קאָמוניזם. אויף וויפל די בויאונג וועט גיין מיט ערפאָלג, אויף אַזוי פיל וועט מען אַלץ מער אויפהערן צו באַניצן זיך מיט געלט, און אין א שיינעם פרימאָרגן וועט דער מלוכה אפשר אויסקומען צו דערשטיקן די אָפּשטארבעדיקע געלט-צירקולאציע. דאָס איז בפרט וויכטיק כדי לגמרי צו פאַרניכטן די רעשטן פון די בורזשואַזע קלאַסן, וועלכע באַקומען נאָך אַלץ פאר זייער באַהאַלטן געלט אַזעלכע ווערטן, וואָס זיין געשאַפן דורך די אַרבעטעדיקע קלאַסן אין אַט דער יעלביקער געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'איז פּראָקלאַמירט דער געבאָט: „דער וואָס אַרבעט ניט, דער טאָר ניט עסן“.

ביסלאַכווייס פאַרלירט דאָס געלט זיין באַטייטונג שוין אין סאַמע אָנהויב סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אַלע נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען האָבן, פונקט ווי אַן אונטערנעמונג פון איין גרויסן באַלעבאָס (אין דעם געגעבענעם פאַל פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה) איין געמיינזאַמע קאַסע און זיי נויטיקן זיך ניט אין דעם, אַז זיי זאָלן קויפן אָדער פאַרקויפן איינע דער צווייטער פאַר געלט. ס'ווערט ביסלאַכווייס איינגעפירט אַן אַנגעלט-אָפּרעכענונג. און אַ דאנק דעם ווערט דאָס געלט אַרויסגעשטופּט פון א קאָלאָסאַלן געביט פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט. בנוגע צום פויערטום פאַרלירט אויך דאָס געלט אַלץ מער און מער זיין באַטייטונג, און דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט דער סחורות-אויסבייט. אפילו אינם פריוואַטן האַנדל מיט די פויערים גייט אויך דאָס געלט אַראָפּ אַלץ מער און מער אויפן הינטערגרונט. און דער קויפער קען באַקומען ברויט נאָר פאַר וועלכע ניט איז פּראָדוקטן, ווי קליידער, מאַטעריע, געשירר, מעבל און א. וו. דער ההדרגתדיקער פאַרניכטונג פונם געלט העלפט אויך מיט דאָס וואָס די מלוכה לאָזט ארויס אן אומגעהויער גרויסע צאָל פּאַפּיר-געלט, בא א קאָלאָסאַלער פאַרקלענערונג פונם סחורות-אויסבייט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער צורודערונג פון דער אינדוסטריע. דאָס, וואָס דאָס געלט פאַרלירט אַלץ מער און מער זיין ווערט, באַטייט בעצם א טשיכיאישע אַנולירונג פונם געלט.

נאָך דעם שטאַרקסטן קלאַפּ וועט די עקזיסטענץ פון געלט באַקומען דע-
מאָלט, ווען ס'וועלן אײַנגעפירט ווערן ביודזשעט-ביכלאַך און ווען מע וועט צאָלן
די אַרבעטער פאַר דער אַרבעט מיט פּראָדוקטן. אינם אַרבעטס-ביכל וועט פאַר-
שריבן ווערן, וויפל ער האָט אויסגעאַרבעט, דאָס הייסט, וויפל אים קומט אַרויס
פון דער מלוכה. און לויט דעם דאָזיקן ביכל וועט ער באַקומען אינם קאָנסום-
געשעפט פּראָדוקטן. בײַ דער דאָזיקער סיסטעם וועלן די, וואָס אַרבעטן ניט
גאָרנישט ניט קענען באַקומען פאַר געלט, נאָר דאָס קען פאַרווירקליכט ווערן
נאָר דאַן, ווען די מלוכה וועט זײַן אימשטאַנד צו קאָנצענטרירן אין אירע הענט
אַזוי פיל געברויך-פּראָדוקטן, וואָס ס'זאָל זײַן גענוג צו באַזאָרגן אַלע אַרבעטע-
דיקע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס קען ניט פאַרווי-
רקליכט ווערן, אייב ס'וועט ניט צוריק אויפגעשטעלט ווערן די חרוב געוואָרע-
נע אינדוסטריע און אויב זי וועט ניט פאַרברייטערט ווערן.

אין אַלגעמיין מאָלט זיך דאָס בילד פון דער פאַרניכטונג פון געלט-צירקו-
לאַציע אָט ווי אַזוי: תחילת ווערט דאָס געלט פאַרטריבן פונם געביט פונם פּראָ-
דוקטן-אויסבײַט אינעווייניק אין די נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען (פאַבריקן
אײַזנבאַנען, ראַטן ווירטשאַפט, און א. וו.) שפּעטער פאַרשווינדט דאָס געלט
פונם אָפּרעכענונג געביט צווישן דער מלוכה און די טוער פון דער סאָציאַלי-
סטישער מלוכה (דאָס הייסט צווישן דער ראַטן מאַכט, אָנגעשטעלטע און אַרבע-
טער פון די ראַטן אונטערנעמונגען). ווייטער פאַלט אָפּ דאָס געלט און ווערט
פאַרביטן מיט סחורות-אויסבײַט אין די באַציהונגען צווישן דער מלוכה און די
קליינע פּראָדוקציע (פּויערים, קוסטאַרן). דערנאָך פאַרשווינדט דאָס געלט אינם
סחורות-אויסבײַט אינעווייניק אין דער קליינער פּראָדוקציע, און לגמרי וועט
דאָס געלט פאַרשווינדן אפשר, ווען ס'וועט פאַרשוואונדן ווערן די קליינע פּראָ-
דוקציע גופא.

ליטעראַטור צום קאַפּיטל XV. קיין ליטעראַטור וועגן דער דאָזיגער פראַגע איז כמעט ניטאָ
מע קען רעקאָמענדירן, יו. פּיאַטאַקאָוו „דער פּראָלעטאַריאַט און די באַנק“. סאָקאָלניקאָוו, „צו דער
פראַגע וועגן דער באַנק-נאַציאָנאַליזירונג“. אחוץ דעם א ריי אַרטיקלען אינם „עקאָנאָמישן לעבן“.
און אין „פאָלקס-ווירטשאַפט“.

קאפיטל XVI.

פינאנצן פון דער פראלעטארישער מלוכה.

§ 122. א מלוכה—דאס איז א פאראזיטישער אפאראט. § 123. די פראלעטארישע מלוכה—דאס איז א פראדוקטיווער אפאראט. § 124. דער בודזשעט פון דער פראלעטארישער מלוכה.

§ 122. די מלוכה — דאס איז א פאראזיטישער אפאראט. ווי ס'איז שוין אויבן געזאגט געווארן, איז די מלוכה אן ארגאניזאציע פון געוואלט און הערשאפט פון איין קלאס איבער א צווייטן אדער איבער עטליכע. אויב דער גאנצער בורזשואזער קלאס ווערט מיט דער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם אלץ מער און מער א קלאס פון ליידיקגייער און פאראזיטן, וועלכער איז מער ניט ווי א געפרעסער און העלפט גארניט ניט דער פראדוקציע, טא וואס-זשע קאן מען שוין זאגן וועגן דער בורזשואזער מלוכה, וואס באשיצט די רואיקייט און די הכנסות פון די דאזיקע ליידיקגייער קעגן די עקספלואטירטע און אויפגערעגטע מאסן? די פאליציי מיט דער זשאנדארמעריע, די שטענדיקע ארמיי, דער גערעכטס-אפאראט, בכלל אלע פארוואלטונג-אפאראטן פונם לאנד דאס זיינען רק באנוצטע מענטשן, פון וועלכע קיינער האט ניט אויסגעארבעט קיין איין פוד ברויט, קיין איין ארשין מאנופאקטור, קיין נאדל און קיין שפילקע. אט די גאנצע ארגאניזאציע לעבט אויפן חשבון פונם מערפראדוקט, וואס ווערט אויסגעארבעט דורך די ארבעטער און פויערים. דער דאזיקער מערפראדוקט ווערט אויסגעקוועטשט דורך דער מלוכה אין א פארם פון דירעקטע און אומדירעקטע צינזן. אונזער צארישע רעגירונג, למשל, פלעגט אויף אזא אופן ארויסבאקומען פון די ארבעטער און פויערים העכער 3 ביליארד גאלד (אויב מע זאל עס איבערגיין אויף איצטערדיק פאפיר-געלט און אויף זייער איינקויף-פעאיקייט, וועט עס זיין העכער 300 מיליארד, דאס הייסט 3 מאל מער איידער ס'איז פאראן אין גאנץ רוסלאנד). נאר א קליינער טייל פון די צינזן פלעגט אוועקגיין אויף פראדוקציע, אויף בויען, למשל, אייזנבאנען, שאסייוועגן, דאמפשיפן, בריקן, מלוכה-זאוואדן און א. וו.

וואס איז נוגע דער פראלעטארישער מלוכה איז אין דעם פעריאד, כל זמן ס'דויערט נאך דער בירגער-קריג, כל זמן ס'איז נאך ניט איינגעבראכן דער

ווירטשאַפט פון דער בורזשואַזיע. אין דעם פּעריאָד קומט דער דאָזיקער מלוכה אויס צו זיין אַן אָרגאַן, וואָס שטייט איבער דער פּראָדוקציע. די אַרבעט פון אַ סך אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה איז ניט קיין אַרבעט, וואָס שאַפט נייע ווערטן, פּאַרקערט, אַ ריי מלוכה-אָרגאַנען לעבט אויפן חשבון פון די פּראָדוקטן, וואָס ווערן געשאַפן דורך די אַרבעטער און פּויערים אַזאַ איז, למשל, אונזער גאַנצער מיליטער-אַפּאַראַט און די רויטע אַרמיי, די פאַרוואַלטונג-אָרגאַנען, די אָרגאַנען אויף צו קעמפן מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע און אַ. וו. נאָר פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה איז כאַראַקטעריש גע-ראָד ניט דאָס, דאָס הייסט ניט דאָס, וואָס עס מאַכט די דאָזיקע מלוכה ענליך צו אַן עקספּלואַטאַטאָרן-מלוכה. פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה איז כאַראַקטעריש געראָד דאָס וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע — ווערט ביסלאַכווייס איבערגעאַנדערשט פון אַ ניט פּראָדוקטיוון אָרגאַניזם אין אַ פאַרוואַלטונג-אָרגאַניזאַציע מיט דער ווירטשאַפט.

§ 123 די פּראָלעטאַרישע מלוכה איז אַ פּראָדוקטיווער אַפּאַראַט.

אַפּאַראַט. שוין אַ צייט פאַרן סוף פונם בירגער-קריג באַווייזט דערהויפּט די פּראָלעטאַרישע מלוכה די פּראָדוקטן-פּראָדוקציע אין אַ באַרטיילונג. דאָס ווערט גאַנץ קלאָר, ווען מע זאָל אַפילו פּשוט אויסרעכענען די צענטראַלע און אָרטיקע קאָמיסאַריאַטן, די גרעסטע פון די ראַטן אָרגאַניזאַציעס איז דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט מיט אַלע זיינע פאַרצווייגונגען. דאָס איז לגמרי אַ פּראָדוקציע-אָרגאַניזאַציע. ווייטער גייען די קאָמיסאַריאַטן: פאַר ערדאַרבעט, פאַרדערונג, פאַר קאָמוניקאַציאָן, פאַר אַרבעט — ווידער אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקציע, מיט פאַרטיילונג אָדער מיטן באַדינען די אַרבעטס-קראַפט. ווייטער דער קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס-בילדונג ווערט אַ דאַנק דעם, וואָס ער פירט דורך די פּראָגראַם פון דער איינהייטלעכער אַרבעטשול פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזאַציע אויף צו צוגרייטן געניטע אַרבעטס-קראַפט. דער קאָמיסאַריאַט צו פאַרהיטן דעם פאָלקסגעזונט איז אין אַ פּראָלעטאַרישער מלוכה אַן אָרגאַן אויף צו פאַרהיטן דעם געזונט פון די אַרבעטעריקע, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג — איז דער עיקר די פאַרזאָרגונג פון געוועזענע אַרבעטעריקע אָדער פון צוקונפטיקע אַרבעטעריקע (פרויען, קאָלאָניעס און אַ. וו.) אַפילו דער פאַרוואַלטונג-קאָמיסאַריאַט איז געוואָרן בעיקר אַ הילף און אָנפירונג-אָרגאַניזאַציע פאַר דער אָרטיקער, דערהויפּט, דער מוניציפּאַלער ווירטשאַפט. אין אַלגעמיין פאַרוואַנדלט זיך דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער מלוכה-אָרגאַניזם אין אַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן מיט דער פאָלקסווירטשאַפט און באַדינט זי פון פאַרשיידענע זייטן, אין פאַרשיידענע געביטן. דאָס וועט אונז גאַנץ קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן באַטראַכטן דעם ביודזשעט פון דער ראַטן-רעפּובליק, אָט זיינען די אַמערסטן כאַראַקטערישע הוצאות:

ס'איז אַסיגנירט געװאָרן אױף די ערשטע העלפט פון 1919־טן יאָר אין מיליאָנען רובלס.

אױפן העכסטן ראַט פאַר פאָלקסװירטשאַפט	— — —	10.976
אױפן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דערנערונג	— —	8.[illegible]
״	פאַר קאָמוניקאַציאָן	— — 5.073
״	פאַר בילדונג	— — 3.888
״	פאַר געזונט פאַרהיטונג	— — — 1.228
״	פאַר סאָציאַלע פאַרזאָרגונג	— — 1.619
״	פאַר ערדאַרבעט	— — 534
״	פאַר מיליטער־ענינים	— — 12.150
״	פאַר ים־ענינים	— — 521
״	פאַר אױסערליכע ענינים	— — 11
״	פאַר נאַציאָנאַלע ענינים	— — 17
״	פאַר יוסטיץ	— — 250
״	פאַר אינערליכע ענינים	— — 857
אױף דער אױסעראָרדנטליכער קאָמיסיע	— —	348

פון די דאָזיקע ציפערן איז צו זעהן, אז די באַזײטיקונג פון דער רע־
פובליק נעמט נאָך אָפּ זעהר א סך מיטלען, נאָר װאָרעם אַז די דאָזיקע
הוצאות, װאָס ס'װערן אַרױסגערופן דורך אױסערגעװײנליכע אומשטענדן, און
ס'װעט גאַנץ קלאָר װערן, אַז נײַן צענטל הוצאות פון יעדער פּראָלעטאַרישער
מלוכה זײַנען הוצאות אױף פּראָדוקציע, אױף פאַרװאַלטן די גיטער, אױף פאַר־
זאָרגן אַז זי זאָל קענען עקזיסטירן אין דער צוקונפט, אױף אונטערהאַלטן די
אַרבעטסקראַפט וכדומה רײן װירטשאַפטליכע הוצאות.

נאָר דאָס איז נאָך װיניק, אױך די קאָמוניסטישע שבתניקעס צאָלן אָפּ
סײַ די אַרבעטער פון פּראָדוקציע־אָרגאַניזאַציעס, סײַ די רויט־אַרמייער, סײַ

די מיליטער־קאָמיסאַרן זייער הויפּ דער פּראָדוקטיווער אַרבעט. הגם, תחילת פאַרשטייט זיך, אין אַ באַשיידענער מאָס. ביז 1919־טן יאָר איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען אַזאַ מלוכה, וועמעס באַאַמטע סיזאָלן רעגולער רעמאָנטירן לאָקאָמאָטיוון און זאָלן אויסלאָדן האָלץ פאַר דער דאָזיקער מלוכה.

§ 124 דער בודזשעט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה

אויבן האָבן מיר געזען, אַז וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערן די הוצאות פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה פּראָדוקטיווע הוצאות. פרעגט זיך, פון וואָסערע קוואַלן דאַרף זי שעפּן אירע הכנסות.

די פינאַנצן פון ראַטן רעפּובליק גיבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם.

אין אָנהויב פון איר עקזיסטענץ האָט די ראַטן מאַכט געהאַט אייניקע הכנסות, וואָס טראָגן אַן אויסעראָרדנטליכן כאַראַקטער: אַזעלכע זיינען געווען די קאָנפיסקירטע אין די באַנקען דעפּאָזיטן פון דער בורזשואַזיע, די מזומנע מלוכה־מיטלען, וואָס זיינען פאַרבליבן פון דער אַלטער רעגירונג, די סומען וואָס מע האָט באַקומען פון קאָנטריבוציעס בנוגע צום בורזשואַזן קלאַס, די סומע וואָס מ'האָט אויסגעלייזט ביים פאַרקויפן די רעזערוון, וואָס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן בײַ פּריוואַטע סוחרים און פירמעס און א. וו. נאָר די דאָזיקע אַלע הכנסות זיינען געווען געוואַלטיק קליין אין פאַרגלייך מיט די נייטיקע הוצאות אמת, די קאָנטריבוציעס אויף די קאַפּיטאַליסטן זיינען איין צייט געווען כמעט דער איינציקער מקור פאַר דער עקזיסטענץ פון די אָרטיקע ראַטן, נאָר פאַר דער צענטראַלער מאַכט האָבן זיי ניט געקענט האָבן קיין וויכטיקע באַטייטונג און דער דאָזיקער מקור האָט זיך, לגופו, ניט לאַנג געהאַלטן דאָס הייסט, מע האָט ווירקליך אַלץ אָפּגענומען בײַ דער בורזשואַזיע אָדער, וואָס ס'האָט פאַסירט אַ סך אָפּטער, די בורזשואַזיע איז זיך צעלאָפן און האָט באַהאַלטן אירע קאַפּיטאַלן. דער פּראָגרעסיווער הכנסות־שטייער האָט אויך ניט געגעבן און ניט קיין גרויסע רעזולטאַטן. אויף וויפל ער איז נוגע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, האָט ער קיין שום זינען ניט, ווייל די מלוכה נעמט דאָ אין אַ פאָרם פון שטייער אַ טייל פון דעם, וואָס זי צאָלט אויס אין אַ פאָרם פון געהאַלט. אויף וויפל ער איז נוגע דער שטאָטישער בורזשואַזיע, איז אַזוי ווי די בורזשואַזיע עקזיסטירט שוין כמעט ניט אָפיציעל און פאַרנעמט זיך מיט איר מלאכה אומלעגאַל, איז געוואַלטיק שווער צו קלייבן דעם דאָזיקן שטייער און פּראַקטיש גיט ער כמעט ווי גאָרנישט. מיט אַ גרעסערן ערפאָלג וואָלט מען געקענט נעמען דעם דאָזיקן שטייער ביים פאַרמעגליכן טייל פונם פּויערטום, נאָר כדי דער שטייער זאָל זיך צאָלן רעגולער איז נויטיק אַ רעגולערע סיס־טעמאַטישע אַרבעט פון די באַשטייערונגס־אָרגאַנען געשטיצט פון די אָרטיקע דערהויפּט פון די וואָלאָסט מאַכט־אָרגאַנען. נאָר דער דאָזיקער גאַנצער אַפּאַ־ראַט איז נאָך ניט גענוג איינגעאָרדנט, אז די זאַך זאָל גיין מיט ערפאָלג, וואָס איז שייך דעם מיטעלן פּויערטום, איז זיין באַשטייערונג ניט געוואונשן,

כל זמן עס דויערט דער בירגער-קריג, צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי ניט אָפּ-
צושטויסן אים פונם פּראָלעטאַריאַט. דער פּרואוו אַרויסצוקלייבן דעם אויסער-
אָרדנטלעכן רעוואָלוציאָנערן שטייער אין א סומע פון 10 מיליאַרד האָט זיך
ניט איינגעגעבן, און מיט דער גרעסטער מיה האָט מען צונויפגעקליבן ווייני-
קער פאַר א מיליאַרד. די עמיסיע פון פּאַפּיר-געלט, אויף וויפל מע קען נאָך
קויפן פאַר דאָס דאָזיקע געלט, איז בעצם א באַזונדערע שטייער-פאָרם. די
דאָזיקע עמיסיע, וואָס ברענגט צו דעם, אַז דאָס געלט פאַרלירט זיין ווערט, פירט
אומדירעקט צו דער עקספּראָפּריאַציע פונם געלט-קאַפּיטאַל פון דער בורזשואַ
זיע, מאַכנדיק זיין איינקויף-מעגלעכקייט און אַן ערך קלענער אין פאַרגלייך מיט
דעם, וואָס די בורזשואַזיע האָט געקענט קויפן פאַר דאָס דאָזיקע געלט פריער.
ס'פאַרשטייט זיך, אַז די עמיסיע פון געלט-פּאַפּיר קען א לאַנגע צייט ניט
דינען פאַר א הכנסות-מקור פאַר א מלוכה, וואָס שטרעבט בכלל צו פאַרניכטן
דאָס געלט. פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי
צו בויען איר הכנסות אויף א פעסטערן יסוד.

אַזא פעסטער יסוד איז די פּראָדוקציע גופא. אויב ס'פלעגט זיך איינ-
געבן די געלט-עמיסיע ווי א מקור פון הכנסה, איז עס געווען דערפאַר, ווייל
דעם דאָזיקן מין שטייער פלעגט מען געמען אומבאַמערקבאַר, פונקט
אַזוי גאַנץ אומבאַמערקבאַר קען מען באַקומען אומדירעקטע שטייערן פון
מלוכה-מאָנאָפּאָלן. דער דאָזיקער מין הכנסה פון דער מלוכה איז אויך א ריכ-
טיקער לויט זיין תוך. דער פּראָדוצירונגס-ווערט פון א וואָסער ניט איז פּראָ-
דוקט, וועלכן די מלוכה לאָזט אַרויס, דאַרף דאָך אין זיך כולל זיין אויך די
הוצאות אויף פאַרוואַלטן מיט דער פּראָדוקציע. און אַזא פאַרוואַלטונג פאַר-
ווירקלעכט דער פּראָלעטאַרישער מלוכה-אַפּאַראַט. פּראַקטיש הייסט עס אַז אויב
פירן פאַסאַזשירן קאָסט א מיליאַרד רובל א יאָר, מעג די מלוכה נעמען פאַר
פאָרן אַזא געצאָלט, אַז זי זאָל באַקומען פון דער פאַסאַזשירן-באַוועגונג א מי-
ליאַרד מיט צוויי הונדערט מיליאָן. אויב די געגעבענע אויסגעאַרבעטע מאַנופאַק-
טור קאָסט 5 מיליאַרד, מעג די מלוכה פאַרקויפן פאַר זעקס מיליאַרד און א. וו.
דער עודף דאַרף גיין אויף אויסבעסערן די מלוכה. די דאָזיקע הכנסות פון
מאָנאָפּאָלן קען מען זיך פאָרשטעלן, פאָרשטעלן ניט נאָר אין א געלט-
פאָרם, נאָר פשוט אין א פאָרם פון אויסטיילן א געוויסן סכום פּראָדוקטן.

אויב די פּראָלעטאַרישע מלוכה ווערט פאַרוואַנדלט אין א פאַרוואַלטונג-
אָרגאַן מיט דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין גאַנצן גענומען ווערט די
פראַגע וועגן אויסהאַלטן די מלוכה, דאָס הייסט, די אַלטע פראַגע וועגן ביוד-
זשעט, זעהר פאַראיינפאַכט, דאָ ווערט זיך פשוט האַנדלען וועגן אויסטיילן א געוויסן
סכום פּראָדוקטן אויף א געוויסע ווירטשאַפטלעכע הוצאה.

נאָר אויב עס ווערט זעהר פאַראיינפאַכט די פראַגע וועגן מלוכה-ביוד-
זשעט, איז עס גאָר ניט אַזא פשוטע זאַך קלאָר צו מאַכן, וואָס פאַר א טייל
פון די פּראָדוקטן קען געגעבן ווערן, דאָס הייסט, אויסגעגעבן ווערן אין

דער גאַנצערווירטשאַפט, מיט דער גרעסטער מבינות וועט מען דאַרפן אויס-רעכענען וואס פאַר א צאָל פּראָדוקטן ס'קען פאַרברויכט ווערן אין א רעשט, וויפל דארף מען איבערלאָזן בתור רעזערוו, וויפל דארף אַוועקגיין אויף צו פאַרברייטערן די רעפּראָדוקציע און א. וו.

מיט דער פאַרניכטונג פון דער מלוכה, ווי א פּאַראַזיטישן אַפּאַראַט, ווער'ט אזוי ארום די פראגע וועגן מלוכה-ביודזשעט פארוואנדלט אין אן אַל-געמיינע פראגע וועגן פארטיילן אלע פּראדוקטן פון דער סאָציאַליסטישער גע-זעלשאפט, ווייל דער מלוכה-ביודזשעט ווערט פארוואנדלט אין א טייל פונם אלגעמיינעם ביודזשעט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין גאַנצן גענומען.

קיין ליטעראטור וועגן דער פראגע איז כמעט ווי ניטא.

מע קען אנווייזן: א. פאסיאיצוו, „די פינאנץ-פאליטיק פון דער ראטן-מאכט“.

קאפיטל XVII

די פראָגראם פון קאָמוניסטן אין דער וואוינונג-פראגע.

§ 125 די וואוינונג-פראגע אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. § 126 די וואוינונג-פראגע אין דער פראלעטארישער מלוכה.

§125 די וואוינונג-פראגע אין דער קאפיטאליסטישער געזעל-שאפט. אין ערגעץ ניט טרעטן אַזוי בולט ניט אַרויס די פריווילעגיעס פונם בורזשואזן קלאס, ווי אינם וואוינונג-געביט. די בעסטע קווארטאלן פון די שטעט זיינען באזעצט פון דער בורזשואזיע. די בעסטע גאסן סיי לויט דער ריינקייט, סיי לויט דער גרויסער צאָל סעדער און בוימער זיינען באזעצט פון די פארמעגליכע קלאַסן. דער ארבעטער קלאס איז פארקערט, אַבסאלוט אין אלע לענדער פארטריבן אויף די עקן שטאָט. און פארטריבן איז ער א הין גאָר ניט דערפאר, וואָס דאס רוב פאבריקן געפינט זיך אויסער דער שטאט אויב די פאבריק געפינט זיך אין צענטער שטאָט, זיינען די אַרבעטער פון דער דאָזיקער פאַבריק אַלץ אייגס פארטריבן אין די אַרבעטער-פארשטעטלאך, אויפן עק שטאָט, אין די פאבריקאנטן פון די אונטערנעמונגען, וואס געפינען זיך אויפן עק שטאָט, לעבן אלץ אייגס אין צענטער.

די בורזשואזע פאמיליעס פארנעמען גאַנצענע באזונדערע הייזער אָדער דירות מיט א צאָל צימערן, וואס איז גרעסער פאר די צאָל איינוואוינער האבן פאר זיך סעדער, וואגעס און אלע לעבנס-באקוועמליכקייטן.

די אַרבעטער פאמיליעס לעבן אין איינגשאפט אין קעלערס, איינצלנע צימערן, קליינינקע דירות ארער, וואס עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט, לעבן אין געמיינזאמע באראקעס, ווי ארעסטאנטן פון געמיינזאמע תפיסה-קאמערן. דעם גאנצן טאָג אטעמט ער אין זיינע לונגען פאבריק-רויך, פייל-שטויב, האלצשטויב, און סתם שטויב און די גאנצע נאכט מוז דער ארבעטער אטעמען אין אַ צימער, וואו עס שלאפן גאנץ אפט 5,4 קינדער.

ס'איז גאר קיין וואונדער ניט, וואָס די סטאטיסטיק האט זעהר גיך

באמערקט, אויף וויפל מער ס׳שטארבן די מענטשן אין די ארבעטער קווארטאלן, וועלכע האבן א לאנגן ארבעטס־טאג, נאר א קליין הייזל און א קורץ לעבן. אט זיינען פאקטן. אין איינגלאנד איז די שטערבליכקייט אויף יעדע 1000 מענטשן 22 א יאר. אין די בורזשואזע קווארטאלן פאלט די שטערבליכקייט ביז 17, און אין די ספעציעל ארבעטער קווארטאלן שטייגט זי ביז 36, און אין די קווארטאלן, וואס זיינען פארנומען מיטן ארימסטן טייל פון די ארבעטער, וואקסט די שטערבליכקייט ביז 40—50 אויף טויזנט. אין ברוסעל, אין דער הויפט־שטאט פון בעלגיע, שטארבט אין די ארבעטער־קווארטאלן איין מענטש פון 29, און אין די בעסערע בורזשואזע קווארטאלן איינער פון 53, דאס הייסט, אז די שטערבליכקייט אין די ארבעטער קווארטאלן איז כמעט צוויי מאל גרעסער, איידער בא דער בורזשואזיע.

די בורזשוא, וואס וואוינען אין ליכטיקע, טרוקענע און ווארימע דירות לעבן דורכשניטליך אנדערהאלבן מאל לייגער ווי די איינוואוינער פון די עקן, שטאט סיט זייערע קעלערס און בוידימס.

אין בודאפעשט האבן די מענטשן, וואס זיינען געשטארבן אין עלטער העכער פון פינף יאר, דורכשניטליך געלעבט:

די וואס האבן געהאט 1—2 איינוואוינער אויף א צימער 47, 16 יאר

„	39, 51	„	6—2 „
„	37, 10	„	10—5 „
„	32, 03	„	מער פון 10 „

נאך גרעסער ווערט די שטערבליכקייט פון די ארבעטער־קינדער אין פארגלייך מיט דער שטערבליכקייט פון די קינדער בא דער בורזשואזיע אין די בורזשואזע פאמיליעס, וואס האבן ניט מער ווי איין איינוואוינער אויף א צימער איז די שטערבליכקייט פון קינדער אין עלטער ביז 1 יאר פיר מאל קלענער, ווי אין די דירות, וואו עס קומט אויס אויף יעדן צימער מער ווי 3 איינוואוינער. אין עלטער פון 1 ביז 5 יאר איז די שטערבליכקייט אין די בורזשואזע דירות צוויי מאל קלענער ווי בא די ארבעטער.

די ארבעטער לא די, וואס זיי זיינען געצוואונגען צו שטארבן אדורכשניטליך אויף 15 יאר פריער פאר די בורזשוא אין זייערע צופוילטע און איינגע דירות, זיינען זיי נאך געצוואונגען צו צאלן פאר דעם דאזיקן פארגעניגן די קאפיטאליסטן־הויזבאזיצער. פאר יעדן ווינקל, פאר יעדן קעלער, פאר יעדן בוידים, שוין אפגערעדט וועגן א ווירקליכן צימער אדער דירה, מוז מען צאלן צינז די הויזבאזיצער וועסטו ניט באצאלן, טרייבט מען דיך ארויס אויפן גאס. דירה־געלט פלעגט שטענדיק אפנעמען בא די ארבעטער א באדייטעדיקן טייל פון זייער פארדינסט — פון 15 ביז 25% פונם גאנצן חודש־פארדינסט פונם ארבעטער. די דאזיקע הוצאה איז ניט נאר ניט געווארן קלענער אדער ווערט ניט

קלענער, נאר אדרבא, זי ווערט גרעסער אין די קאפיטאליסטישע לענדער. אין האמבורג, למשל, פליעגט פון יעדע הונדערט מארק הכנסה (א מארק איז קרוב 50 קאפיקעס לויט דעם פארמלחמה-קורס) אויסגעגעבן ווערן אויף דירה-געלט:

1900	1881	1868	בא די וואס פלעגן באקומען א יאר פון:	
24, 7%	24, 1%	19, 8%	מארק 1200 - 900	
23, 2%	18, 9%	19, 9%	1800—1200	
21, 6%	19, 5%	20, 3%	2400 - 1800	
15, 1%	15, 7%	16 5%	9000 6000	
6,0	3, 1%	6, 7%	60,000 - 30,000	
3,0	3, 9%	3, 7%	--60,000	העכער

וואס קלענער ס'איז, אויף אזא אופן, די הכנסה, אלץ א גרעסערער פראצענט פון דער הכנסה פאלט אויף דירה-געלט, און אלץ גיכער מיט יעדן יאר וואקסט דער דאזיקער טייל. בכן דער בורזשואזיע איז, פארקערט, דער פראצענט אויף דירה-געלט כמעט זעקס מאל קלענער אויף יעדע הונדערט רובל פון הכנסה, און דער דאזיקער פראצענט ניט ער וואקסט ניט, נאר ער ווערט נאך אפשר קלענער.

§ 126 די וואוינונג-פראגע אין דער פראלעטארישער מלוכה.

די פראלעטארישע רעוואלוציע האט דורכגעפירט א פולשטענדיקע איבערקערע-ניש אין די וואוינונג פארהעלטענישן. די ראטן מאכט איז צוגעטראטן נאציאנא-ליזירן די בורזשואזע הייזער, זי האט אין איינעם מיט דעם אפגעשאפט די חובות פון די ארבעטער פאר דירה-געלט. און אנדערע פאלן האט זי די קלענער גע-מאכט, וואס איז נאך ווייניק. אויפן סדר איז אויפגעשטעלט און טיילווייז דורכגעפירט אין לעבן דער פלאן ווענן אפשאפן דירה-געלט פאר ארבעטער, וואס לעבן אין נאציאנאליזירטע הייזער. ווערנאך האט זיך אין די גרעסטע שטעט אנגעהויבן א סיסטעמאטישע איבערציהונג פון די ארבעטער פון די קעלער-דירות, פון די האלבצושטערטע הייזער און אומגעזונטע קווארטאלן אין די בורזשואזע ספעציעלע הייזער און אין די קלאסאלע הייזער פון די צענטראלע קווארטאלן אחוץ דעם האט זיך אנגעהויבן א סיסטעמאטישע באזארגונג פון די ארבעטער מיט מעבל און אלע חפצים פאר הייזער-אמגאנג.

די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי באשטייט אין דעם, אז זי זאל ווייטער פירן די דאזיקע פאליטיק, זי זאל פארפולקומען די הויז-ווירטשאפט

זי זאל קעמפן מיט דער פארלאנגקייט פון די נאציאנאליזירטע הייזער, ניט פארלאזן זיך, אז ס׳זאל ערגער ווערן די לאגע פון רעמאנט און פון אפהיטן די ריינקייטן, מע זאל האלטן אין ארדענונג אלע אפאראטן, ווי א שטייגער די עלעקטרישע באלייכטונג, קאנאליזאציע, צענטראל-באהייצונג א. א. וו.

אין דער זעלבער צייט איז די ראטן מאכט, וואס פירט דורך אין א ברייטער מאס די נאציאנאליזירונג פון דער גרויסער קאפיטאליסטישער הויז-באזיצערײַ, האט קיין שום ניט ניט אנצורירן די אינטערעסן פון דער קלײַנער הויזבאזיצערײַ, די הויזבאזיצער פון ארבעטער, אנגעשטעלטע און בכלל איינ-וואוינער. די טרואות, זוכצופירן די ברייטסטע נאציאנאליזירונג אויך פון די קליינע הייזער, וואס זיינען געמאכט געווארן אין דער פראווינץ, האבן געבראכט רק צו דעם, אז ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאל אכטונג געבן איבער די נאציא-נאליזירטע הייזער און הייזלאך, זיי האבן אנגעהויבן חרוב ווערן, און אפט פלעגן זיך אפילו ניט געפינען קיינע בעלנים צו וואוינען אין זיי. און צווישן די קליינע הויזבאזיצער האט זיך געוועקט אן אומציפרידנקייט און אויפרעגונג קעגן דער ראטן מאכט, די ראטן מאכט וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן פאר דעם שווערסטן הויזונגס קריזיס אין די שטעט, א קריזיס, וואס איז גרויסגע-רוסן געווארן דורך דעם, וואס מע האט אויפגעהערט צו בויען נייע הייזער, האט אויך דורכגעמאכט א קאלאסאלע ארבעט אויף ריכטיק צו פארטיילן אלע בירגער אין אלע הייזער. די וואוינונג-אפטיילונגען פון די ראטן נעמען אויפן חשבון די ליידיקע דירות אין די שטעט, און זעצן אין זיי אריין איינוואוינער לויט א באשטימטן פלאן. אין דער זעלבער צייט מאכן די דאזיקע אפטיילונגען קלאר, וויפל מענטשן ס׳איז פאראן אין די הייזער און וויפל זיי קאנען ארייג-נעמען און פאר־געבן צימערן פאר יענע פאמיליעס און איינצעלנע מענטשן, וואס פארנעמען בעסער צימערן, ווי די נארמע דערלאזט.

מיט דער ליקווידירונג פונם בירגער-קריג און פון דער פראדוקציע- צו-רודערונג, וועט זיך אנהייבן א שטארקער וואוקס פון דער שטאטישער באפעל-קערונג, דער פראלעט ריאט, וואס איז זיך צולאפן אין די דערפער, וועט זיך אנהייבן אומקערן אין די שטעט. אהין וועט אנהייבן לויפן די איבעריקע באַ-פעלקערונג פון די דערפער, פאר דער ראטן מאכט וועט זיך דאן שטעלן די פראגע וועגן בויען נייע בנינים — וועגן אזעלכע בנינים, וואס זאלן קאנען באפרידיקן די וואוינונג-באדערפעניש פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט, בא איצטעדי-קער צייט איז נאך שווער צו זאגן, וואס פאר א בנין-טיפ וועט זיין דער בעס-טער: די גרויסע הייזער מיט אלע באקוועמליכקייטן, מיט א סאד, געמיינזאמע עסצימערן וכדומה, אדער גוט איינגעארדנטע קליינע ארבעטער-הייזלאך. נאר איין זאך איז קלאר: די וואוינונג-פראגראם דארף ניט שטיין אין קיין סתירה מיט דער פראגראם פון פאראייניקן די אינדוסטריע מיט ערד-ארבעט. זי דארף מיט-העלפן, אז די שטאט זאל וואקסן אויפן חשבון פון דער דארפישער אומגעגנט, און

ניט צונויפקלייבן אין איין ארט הונדערטער טויזסער און מיליאנען מענטשן וואס האבן ניט קיין מעגליכקייט צו אטעמען פרישע לופט, וואס זיינען אפגע-ריסן פון דער נאטור און וועמען ס׳איז באשערט פריצייטיק אויסצושטארבן.

ליטעראטור. פ. ענגעלס „די וואוינונג-פראגע". פעדאראוויטש. „די וואויוונגען פון די ארבעטער". א. א. דעמענטיעוו. „די פאבריק, וואס גיט זי דער באפעלקערונג און וואס נעמט זי בא איר". וו. פר. עסלאוסקי, „די וואוינונג-פראגע אויפן מעריב און אין רוסלאנד". מ. פאקראוו-סקאיא, „די פארבעסערונג פון די ארבעטער-וואוינונגען אין איינגלאנד".

קאפיטל XVIII

ארבעט-שוץ און סאָציאַלע פארזאָרגונג.*)

§ 126 וואס איז אזוינס ארבעט-שוץ? § 127 די הויפט-געביטן פון ארבעט-שוץ. § 128 וואס איז אויסגעטאן אינם געביט פון ארבעט-שוץ אין רוסלאנד. § 129 וואס איז אזוינס סאָציאַלע פארזאָרגונג. § 130 די הויפט געביטן פון סאציאַלער פארזאָרגונג. § 131 וואָס איז אויפגעטאן אינם געביט פון סאציאַלער פארזאָרגונג. § 132 אנדערע אויפטואכצן אויף צו פארבעסערן די לאגע פונם ארבעטער קלאס. § 133 די ווייטערדיקע אויפגאבן פון דער פארטיי.

§ 126. **וואס איז אזוינס ארבעט-שוץ?** דער ארבעטער קלאס קעמפט פאר א קאמוניסטישע ארדענונג דערפאר, ווייל די דאזיקע ארדענונג וועט אים באפרייען פון עקספלואטאציע און וועט אים געבן א מעגליכקייט אויף אזוי פיל צו אנטוויקלען די פראדוקטיווע כוחות, אז דער מענטש וועט נית דארפן שוויצן גאנצענע טעג אויף אויסצוארבעטן די סאמע נויטיקע זאכן. דעריבער זייבן אלע בצחונות, וואס דער ארבעטער קלאס דערגרייכט אויף זיין וועג צום קאמוניזם, אין תוך גענומען דירעקט אדער אומדירעקט ארבעט-שוץ זיי העלפן דאך מיט דער פארבעסערונג פון דער לאגע פונם ארבעטער קלאס לאמיר, למשל, נעמען די פאליטישע פרייהייט פונם ארבעטער קלאס בא דער ראטן רעפובליק און די לאגע פונם ארבעטער קלאס. ווי פון א הערשעדיקן קלאס ס'איז קלאר, אז די דאזיקע פאליטישע לאגע איז אין דערזעלביקער צייט א טייל פאראויס אינם זין פון ארבעט-שוץ. דאס זעלביקע קען מען זאגן אבסא־לוט וועגן אלע נצחונות פונם ארבעטער קלאס. נאר פונדעסטוועגן דארף מען פון אט דעם ברייטן באגריף פון „ארבעט-שוץ" אונטערשיידן א מער ספעציעלן באגריף. דא האנדלט זיך נית וועגן דער לאגע פונם ארבעטער קלאס בכלל, נאר וועגן דער לאגע פונם ארבעטער קלאס אויף דער פאבריק, זאוואד, אין קוילן-גרוב, מיט אנדערע ווערטער, וועגן זיין לאגע אינם פראצעס פון דער ארבעט גופא. אין דער אמת, די ארבעט אויף די פאבריקן, אין זאוואדן, בא א סך מא־שינען, אפט בא גיפטיקע ארויסהויבונגען, שטעלט מיט זיך פאר א גרויסע סכנה.

*) דאס דאזיקע קאפיטל איז אנגעשריבן פון בוכארינען.

די ראזיקע סכנה ווערט נאך גרעסער אדאנק דעם לאנגן ארבעטס-טאג, וועלכער מאטערט אויס די ארבעטער, נעמט אפ די גאנצע כוחות, שוואכט אפ די אויפמערקזאמקייט און העלפט דעריבער דעם וואוקס פון אומגליקליכע צופאלן. נאר שוין א לאנגער ארבעטס-טאג אליין שוואכט שרעקליך אפ דעם ארגאניזם.

אט די ראזיקע עטליכע ביישפילן איז איינגטליך, גענוג, כדי קלאר צו מאכן, אויף וויפל דער צושטאנד פון די ארבעטעריקע היינגט אפ פון דער ארבעט-סביבה און פון איריע באדינגונגען. נאר דא מוז מען זיך אביסל אויספירליכער אפשטעלן אויף דעם.

1. קודם כל די פראגע וועגן „א ו מ ג ל י ק ל י כ ע צ ו פ א ל ן". אט זיינען אייניקע ציפערן. אויפן געווער שיפבוי-זאוואד אין פעטערבורג פלעגן די אומגליקליכע צופאלן אויסגערעכנט ווערן אט אזוי:

	די צאל אומגליקל. צופ.	די צאל ארבעטער	אויף 1000 ארבעטער אומגל. צופ
אין 1914-טן יאר	4386	6186	709
„ 1915-טן יאר	4689	7002	669
„ 1916-טן יאר	2830	7602	371
„ 1917-טן יאר	1269	6059	210

די פארקלענערונג פון דער צאל אומגליקליכע צופאלן איז ארויסגערופן געווארן, דער עיקר, אדאנק א ריי ספעציעלע מיטלען. נאר פונדעסטוועגן איז 210 אומגליקן אויף 1000 ארבעטער פארט א קאלאסאלע ציפער.

די צאל פון אומגליקליכע צופאלן דערגרייכט אפטמאל ביז 70 פראצענט פון דער גאנצער צאל ארבעטער. ווי ס'גיט איבער איין דאקטאר, פלעגן די פעלד-ארבעטן אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע ברענגען צו דעם, אז די זעמסטווע-קראנקנ-הייזער פלעגן ווערן ענליך צו די אויפנאם-פלאטצן אין מיליטער-צייט. אומגליקליכע צופאלן פלעגן זיך טרעפן ניט נאר אין רוסלאנד, נאר, פארשטייט זיך, אין דער גאנצער וועלט. אינם ענגלישן פארלאמענט האט דער סאציאליסט מעקדאנאלד אמאל געמאכט א חשבון, אז פון 1200 מענטשן, וואס זיינען דערהרגעט געווארן אין די קוילן-גרובן, זיינען 1100 אומגעקומען נאר דערפאר, וואס די קאפיטאליסטן האבן ניט אנגעווענדט די סאמע נויטיקע זיכערקייט-מיטלען.

דער דאזיקער לעצטער ביישפיל באווייזט אונז, אז, ווען מען וויל נאר קען מען א סך קלענער מאכן די צאל אומגליקליכע צופאלן. נאר די קאפיטאליסטן האט ניט געלוינט אויסצוגעבן געלט אויף א ריי נויטיקע צופאסונגען.

2. ד י ש ע ד ל י כ ע א ר ב ע ט - ס ב י ב ה און די פראפעסיאנעלע קראנקהייטן, שטערבליכקייט וכדומה וואס זיינען מיט דער דאזיקער סביבה צוזאמענגעבונדן — דאס איז די צווייטע גרונט-פראגע.

לאמיר, למשל, נעמען די פארפאר-זאוואדן, לויט, ווי עס דערציילט לאזארעוו, איז אויף די דאזיקע זאוואדן אין רוסלאנד, וואו ס'איז ניט געווען קיין שום פארפולקומינגען, גענוג געווען פינף יאר ארבעט, כדי צו פארוואנדלען דעם

מענטשן אין א „לעבעדיקן ברמינן". אויף די כעמישע, גלאז-זאוואדן, אין די קוילן-גרובן וכדומה איז די פראדוקציע צונויפגעבונדן מיט א ריי אזוי גערופענע פראפעסיאנעלע קראנקהייטן. נאר אויך אין די איבעריקע פראדוקציעס קען מען באמערקן אזעלכע ערשיינונגען: אדערן-פארברייטערונג בא די, וואס ארבעטן שטייענדיקערהייט, קינבאקן-קראנקהייטן בא די, וואס ארבעטן מיט פארפאר פארגיפטונג מיט קוועקזילבער און ארסעניק, טובערקוליאז (סוכאטע) אין א סך צווייגן און א. וו.

לאמיר ברענגען אייניקע ציפערן.

אין איינגלאנד פלעגט יעדן יאר שטארבן פון סוכאטע (1900—1902) אויף יעדע הונדערט מענטשן:

פון די גייסטליכע 55 מאן אויף טויזנט.
אין ערד-ארבעטעריי און פיה-אויפציהונג 76 „
פון אדוואקאטן און נאטאריאוסן 92 „
פון באאמטע 129 „
אין דער גלאז-פראדוקציע 283 „
אין דער טעפער און פארפאר-פראדוקציע 285 „
פון די זעצער 300 „
אין דער הויזהאר-פראדוקציע 325 „
אין דער פראדוקציע פון מעסער און גאפל 533 „
בא די קוילן-גרעבער 816—579 „

לויט די מאטעריאלן פונם דאקטאר בארנאוו איז די שטערבליכקייט פון סוכאטע ביים פראלעטאריאט געווען:

בא די פאפיראסנמאכערינס 63,4%
„ די גראווירערן 58,3%
„ די זעצער 53,1%
„ די שניידער 50,9%
„ די שטיינהאקערס 50,6%
„ די שלאסערס, טאקערס, שוסטער, איינבינדער, בלעכער 47%—46
„ די קעסטלמאכער און טישלער 45,5%—45

לויט די מאטעריאלן פון דער דייטשישער סטאטיסטיק איז די שטערבליכקייט פון סוכאטע צווישן די מעטאל-שלייפער אין זאלינגען געווען 4 מאל גרעסער פאר דער דורכשניטליכער שטערבליכקייט פון דערזעלביקער קראנקהייט).

3. א חוץ בולטע קראנקהייטן, נעמט זיך פון די שלעכטע ארבעט-באדינגונגען אויך די דעגענערירונג פונם ארבעטער קלאס בכלל. דאס איז צו זעהן פון דעם, וואס סיוואקסט די צאל פארבראקירטע ביים צונעמען אויף מיליטער-דינסט יעדן יאר וואקסט די צאל שוואכברוסטיקע, קליינוואוקסיקע און א. וו. און דערביי איז אזעלכע צווישן די פראלעטאריער א סך א גרעסערע צאל, ווי צווישן איבעריקע שיכטן פון דער באפעלקערונג. אין שווייץ איז די צאל פארברא-

קירטע ארבעטער געווען 39½% פון דער אלגעמיינער צאל וואס האט זיך גע-
מעלדעט, און די צאל פארבראקירטע דארף-איינוואוינער איז געווען מער ניט
ווי 25%. דאס זעלביקע באמערקט זיך אויך אין די איבעריקע לענדער. בא די
פרויען איז די אלגעמיינע דעגענערירונג פארבונדן אפט מיט דעם, וואס זיי
פארלירן די פייהיקייט צו האבן קינדער.

דאס אלץ, צוזאמענגענומען, איז, ווי יעדערער זעהט, צוזאמענגעבונדן מיט
די פראדוקציע-באדינגונגען. דער קאפיטאליסטן קלאס איז ניט פאראינטערעסירט
געווען אין ארבעט-שוץ און האט געפירט בנוגע צו דער ארבעטס-קראפט א
רויבערישע פאליטיק: אויסקוועטשן דעם מענטשן און ארויסשליידערן דאס
שאלעכץ. אזא איז אויך די פאליטיק פונם סאמע „פראגרעסיוון" קאפיטאל, פונם
אמעריקאנער. דארט נעמט מען אן אין די פאבריקן רק געזונטע מענטשן,
באטראכטנדיק און ארומטאפנדיק פון אלע זייטן זייערע מוסקלען. שוואכע ארבע-
טער לאזט מען אפילו אין לאנד ניט אריין, האלטנדיק, אז דאס איז שלעכטע
ארבעטס-פיה. אין אמעריקע אבער דערלעבן די ארבעטער זעלטן-זעלטן ביז דעם
עלטער פון 45 יאר. דער הער קאפיטאל טרענט פון זיי בוכשטעבליך די אדערן
אויפן סאמע „פראגרעסיווען" אופן.

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די דיקטאטור פונם פראלעטאריאט גיט
דאס ערשטע מאל די מעגליכקייט אוועקצושטעלן דעם ענין פון ארבעט-שוץ
ווי ס'באדארף צו זיין. דער ארבעטער קלאס איז דירעקט פאראינטערעסירט
אין איינהיטן די ארבעטס-קראפט. ער דארף שטעלן די גרעסטע וועגן דער געהע-
ריקער באציהונג צו דער דאזיקער סאמע ווערטפולער און וויכטיקסטער פרא-
דוקטיווער קראפט. די קאמוניסטישע ארדענונג וועט זיך באזירן ניט אויף אן
אומזיניקער, פארברעכערישער, שעדליכער פארשווענדונג פון מענטשליכע כוחות,
נאר אויף א הויכער טעכניק, וואס שטעלט זיך פאר א צוועק איינצוהיטן די
דאזיקע כוחות. און דעריבער טאקע באקומט די ארבעט-שוץ אזא קאלאסאלע
באטייטונג אינם צום קאמוניזם איבערגאנג-פעריאד פונם מענטשהייט-לעבן.

בכן, פארשטייט מען אונטער ארבעט-שוץ פארהיטן די ארבעטעדיקע
פון די שעדליכע פראדוקציע-באדינגונגען.

§ 127. **די הויפט-געביטן פון ארבעט-שוץ.** די וויכטיקסטע בא-
דינגונג אויף אונטערצוהאלטן דעם ארבעטער קלאס און איינצוהיטן אים פון
דעגענערירונג, פון צו גיכער שטערבליכקייט און א. וו. איז א
נ א ר מ א ל ע ר א ר ב ע ט ס - ט א ג. דעריבער איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער
ארבעטער קלאס האט שטענדיק געשטעלט אויפן ערשטן פלאן פון זיין קאמף
געראד דעם קאמף פאר פארקירצן דעם ארבעטס-טאג. דער ארבעטס-טאג בא-

שטימט יענע פֿאַרשווענדונג פֿון דער מענטשליכער ענערגיע, וואָס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין פּראָפֿיטן, און אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט אויך אין ריווח פֿונם קאַפּיטאַליסט, וועלכער איז דעריבער אַזוי פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַרלייִנגערן דעם אַרבעטס-טאָג. בײַ אַ צו גרויסער פֿאַרשווענדונג פֿון זײַנע כּוחות רײַסט דער אַרבעטער אונטער די מעגליכקייט פֿון ווײַטערדיקער אַרבעט: ער „ווערט אָפּגענוצט" גיכער, זײַן אָרגאַניזם ווערט אָפּגעשוואַכט, ער ווערט גרינגער קראַנק און שטאַרבט גיכער. אַן אומנאָרמאַל לאַנגער אַרבעטס-טאָג איז אַ רויבערישע פֿאַרשווענדונג פֿון מענטשליכער ענערגיע, און אײַנשטעלן אַ נאָרמאַלן אַרבעטס-טאָג איז דער ערשטער געביט פֿון אַרבעטס-שוץ.

דער צווייטער געביט איז פֿאַרהיטן די אַממערסטן שוואַכע עלעמענטן פֿונם אַרבעטער קלאַס. דער אַרבעטער קלאַס באַשטייט ניט נאָר פֿון דערוואַקסענע מאַנסבילן, עס באַשטייט אויך פֿון אַלטע לײַט און פֿון קינדער און פֿון פֿרויען און מענער פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַרשיידן איז דער ווידערשטאַנד, וועלכן ס'קענען אַרויסווײַזן קעגן שעדליכע באַדינגונגען פֿאַרשיידענע טיילן פֿונם אַרבעטער קלאַס, וואָס עס קאָן אָהן מיה און אָהן שאָדן פֿאַר זײַן געזונט אויפֿטון אַ דערוואַקסענער מאַנסביל, דאָס קען זײַן זעהר שעדליך פֿאַר אַ פֿרוי (למשל, איבערטראָגן משאות) און זײַן אַבסאָלוט פֿאַרבאָטן פֿאַר האַלב דערוואַקסענע. די פֿרויען נויטיקן זיך, אַחוץ דעם, אין אַ באַזונדערן שוץ אין אייניקע מאָמענטן פֿון זייער לעבן (שוואַנגערשאַפֿט, קימפּעט, דער פּעריאָד פֿון קינדער-זויגן ס. א. וו.). דאָ זײַנען, הייסט עס, נויטיק באַזונדערע מיטלען. דאָס איז די אַרבעט-שוץ פֿון פֿרויען און קינדער.

דריטנס, איז זעהר וויכטיק דער געביט פֿון טעכנישן און סאַניטאַרן אײַנאָרדענען די פֿאַבריקן און זאַוואָדן. אײנם קאַמף מיט אומגליקליכע צופֿאַלן, מיט דער שעדליכער ווירקונג פֿון דער פּראָדוקציע, מיט די שלעכטע אַרבעטס-באַדינגונגען בכלל (שטויב, דאָס פֿעלן פֿון ליכט, קעלט, צוגווינטן, שמוץ און א. וו.) קען מען און מע דאַרף אויפֿטאָן זעהר אַ סך.

אָט דאָס זײַנען די דרײַ הויפּט-געביטן, וואו עס ווירקט „די אַרבעט-שוץ".

§ 128 וואָס איז אויפֿגעטאָן אינם געביט פֿון אַרבעט-שוץ אין רוסלאַנד. די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט האָט געשאַפֿן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז מע האָט געקענט פֿולשטענדיק דורכפֿירן יענע פֿאָדערונגען, וואָס פֿלעגן אויפֿגעשטעלט ווערן פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין דעם פּריטקען זיך קיין איין געזעצגעבונג אין דער וועלט ניט אויסגלײַכן מיט דער געזעצגעבונג פֿון דער ראַטן רעפּובליק. אונזערע אומגליקן, וועלכע עס איז פֿאַראַן בײַ אונז עד בלי דאַך היינטיגן אַפֿ גאָר בײַ אונז ניט פֿון שלעכטע געזעצן, נאָר פֿון דעם, וואָס בײַ אונז איז ביז פֿאַראַן אין אַ קליינער צאָל, וואָס אונז פֿעלט אַ סך אויס. נאָר דאָס היינגט אָפּ, ווי מיר האָבן אויבן געזעהן, פֿון יענעם קאַמף, וועלכן ס'פֿירט קעגן אונז דער אַלוועלטליכער אימפּעריאַליזם און פֿון יענער אימפּעריאַליסטישער הריגה, וועלכע ס'האָבן געפֿירט צווישן זיך די שונאים פֿונם אַרבעטער קלאַס.

אין אלגעמיין, אונטערצינדיק א סך הכל פון דעם, וואס ס'איז אויפגע-טאָן געוואָרן אינם געביט פון ארבעטס-שוץ און פון דעם, וואס ס'איז געוואָרן געזעצט פון דער ראטן-רעפובליק, באַקומען מיר אָט וואָס פאַר א בילד.

א) די באַגרענעצונג פון דער ארבעטס-צייט.

די ראטן-מאַכט האָט דאָ דורכגעפירט 3 גאַנצע ריי כללים:

1. ס'איז ענדגילטיק איינגעשטעלט געוואָרן אן 8 שעהדיקער אר-בעטס טאָג, פאַרפעסטיקט דורכן געזעץ (וואָס ס'האָט זעהר גיך געוואָלט טאָן די פשרות-מאַכערישע רעגירונגען און א 6 שעהדיקער פאַר גייסטיקער און קאָנטאָר-ארבעט.

2. ס'איז פאַרבאָטן, בדרך כלל, צו ארבעטן איבערשטונדן, נאָר אין אויסשליסליכע פאַלן איז עס ערלויבט אין א באַגרענעצטער צאָל און עס ווערט באַצאָלט אַנדערהאַלבן מאָל מער.

3. ס'איז פאַרקירצט דער ארבעטס-טאָג אין די באַזונדער שעדליכע פראָדוקציעס, ביז 7 שעה, למשל, אין דער טאַבאַק-פראָדוקציע, ביז 6 שעה אין דער גאַז-פראָדוקציע.

4. ס'איז איינגעשטעלט א נאָרמאַלער 42 שעה'דיקער אָפּרוה אין א וואָך (מיט דעם צוועק איז שבת אומעטום דער ארבעטס-טאָג פאַרקלענערט ביז 6 שעה) ווער עס ניצט ניט אויס דעם זונטאָג-טאָג יענער האָט רעכט אויסצו-נוצן א וועלכן ניט איז אַנדער טאָג אין וואָך.

5. יעדער ארבעטענדיקער האָט רעכט צו נעמען איינמאָל אין יאָר אור-לויב, פאַר וועלכן ער באַקומט פולשטענדיק זיין געהאַלט (לויטן ארבעטס-קאָ-דעקס אויף א חודש, בעת דער היינטיקער שווערער צייט (הערבסט 1919) אויף צוויי וואָכן).

6. אין באַזונדער שעדליכע פּראָדוקציע און אויך האַלב-דערוואַקסענע, וואָס פאָרן אין קאָלאָניעס, גיט מען א הוספה-אורלויב אויף צוויי וואָכן.

ב) פרויען און קינדער ארבעט-שוץ.

1. פאַר פרויען איז, בדרך כלל, פאַרבאָטן צו ארבעטן בײַנאַכט, איבער-שטונדן און ארבעטן פון טאָג.

2. ס'איז פאַרבאָטן אָנצונעמען אויף ארבעט מינדעריעריקע, אינגער פאַר 16 יאָר. בהדרגה ווערן די אַראָפּגענומען פון ארבעט (ראשית כל אין די שעד-ליכע פראָדוקציעס), איינציקווייז ווערן זיי באַצאָלט מאַטעריעל און אָפּגעגעבן אין שולן.

3. ס'איז פאַרקירצט דער ארבעטס-טאָג פאַר ניט פולי-יעריקע (פאַר מינדעריעריקע וואָס בלייבן ארבעטן ביז 4 שעה, פאַר האַלב דערוואַקסענע פון 16 ביז 18 יאָר ביז 6 שעה).

4. ס'איז פאַרבאָטן צו ארבעטן בײַנאַכט, איבערשטונדן און זונטאָג-אר-בעט פאַר אַלעמען, אינגער פון 18 יאָר.

ספּעציעל וועגן שיצן די מוטערשאַפט זיינען דורכגעפירט אָט וואָסערע געזעצן:

1. ס'איז איינגעשטעלט א שטיצע אין מאַסשטאַב פון פולן פאַרדינסט

פאַר אלע טראָגנ־יקע און קימפעטאָרינס, סיי די אַרבעטאָרינס גופא, סיי די פרויען פון אַרבעטער, אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס זיי ווערן באַפרייט פון אַרבעט צוליב שוואַנגערשאַפט און קימפעט.

2. טראָגעדיקע ווערן באַפרייט מיט 3 וואָכן פאַרן האָבן — די וואָס פאַרנעמען זיך מיט פיזישער אַרבעט, — און מיט 6 וואָכן די וואָס פאַרנעמען זיך מיט גייסטיקער און קאָנטאָר-אַרבעט.

3. קימפעטאָרינס ווערן אויך באַפרייט נאָכן האָבן אויף 8 און 6 וואָכן.

4. מוטערס, וואָז האָבן זויג-קינדער, ווערן באַפרייט פון דער אַרבעט אויף א האַלב שעה נאָך יעדערע 3 שעה אַרבעט.

5. אלע מוטערס באַקומען א הוספה-שטיצע אויף ארומצוגיין ארום דאָס קינד 720 רובל, און אויף צו געבן עסן דעם קינד 24 רובל א טאָג אין א משך פון 9 חדשים נאָכן קימפעט.

אין די דאָזיקע דירכגעפירטע אין לעבן כללים זיינען פאַראַן אייניקע אָפנייגונגען פונם „געזעצן קאָדעקס וועגן ארבעט" די דאָזיקע אָפּנייגונגען באַשטייען אין דעם, וואָס עס ווערן דערלאָזן אין אויסשליסליכע פאַלן איבער-שטונדן, ניט מער ווי 50 טעג אין יאָר, וואָס איז דערלויבט די ארבעט פון מינדעריעריקע פון 14 ביז 16 יאָר מיט אן ארבעטס-טאָג פון 4 שעה; אין דעם וואָס אָנשטאָט א חודש-אורלויב ווערט געגעבן א צווייוואָכענדיקער אורלויב; אין דעם, וואָס די צאָל שעהן פון נאכט-ארבעט האט מען געמוזט פארגרעסערן ביז 7.

ג) טעכנישע און סאניטארע איינאָרדענונג פון די פאבריקן.

אין דעם פרט זיינען אָנגענומען אָט וואָסערע מיטלען.

1. ס׳איז ארויסגעגעבן געוואָרן אריי חיוב-פאראָרדענונגען אינם געביט פון טעכנישע זיכערקייט, פון סאניטארע און פראפעסיאָנעלער היגיענע, וועלכע האָבן די ציל באדייטעדיק צו פארבעסערן די אַרבעטס-באדינגונגען אויף די פאבריקן און זאוואדן.

2) אין אלע שעדליכע פראדוקציעס איז דורכגעפירט, דאס, וואס ס׳ווערט ארויסגעגעבן ספעציעלע קליידער, וואס באשיצן פון שטויב, גאזן, פייכקייט און א.וו.

3) פאר אלע ארבעטער ווערן ארויסגעגעבן ארבעטס-קליידער, וואָס בלייבן אן אייגענטום פון דער אונטערנעמונג, און מיט וועלכע די ארבעטער באַנוצן זיך אין דער ארבעטס-צייט.

4) כדי ווירקליך דורכצופירן אין לעבן אלע התחלות אינם געביט פון ארבעטס-שוץ, איז איינגעאָרדנט אן ארבעט-אינספעקציע, וואס ווערט אויסגעקליבן דורך ברייטע ארבעטער-קאָנפערענצן, פאר איינצעלנע פראפעסיעס, וואס טיילן זיך אויס מיט באזונדערע ארבעטס-באדינגונגען אדער מיט צושטויבטקייט פון די אַרבעטער (טראנספאָרט, בוי-אַרבעטער, ערדארבעטער וכדומה) ווערט דורך די אנטשפרעכעדיקע פאראייניגן אויסגעקליבן א ספעציעלע לויט די ראַיאָנען ארבעט-אינספעקציע.

אויף וויפל ס׳איז פארגרעסערט געוואָרן דער אנטייל פון די ארבעטער גופא אינם האָזיקן געביט, איז צו זעהן פון די ציפערן, וואָס באווייזן דעם

צוזאַמענשטעל פון די נייע אינספעקטאָרן. זיי באַווייזן, אז צום ערשטן אויגוסט 1919־טן יאָר איז צווישן אלע אינספעקטאָרן געווען 53 1/2 % אַרבעטער, די ווירקליכע ציפערן מוזן זיין נאָך א סך גרעסערע, ווייל בנוגע צו א סך פון זיי איז ניט קלאָר פעסטגעשטעלט זייער „פראָפעסיע". אויב מע זאָל רעכענען די צאָל אַרבעטער (פעסטגעשטעלטע) בנוגע צו דער אַלגעמיינער צאָל פעסטגעשטעלטע, וועט דער דאָזיקער פראָצענט שטייגן ביז 62 1/2 צוזאַמען מיט די אָנגעשטעלטע דערגייט ער ביז 88 1/2!

אָט זיינען מער אויספירליכע פאַקטן (צום ערשטן אויגוסט 1919־טן יאָר).

לויט זייערע פראָפעסיעס פאַרטיילן זיך די אינספעקטאָרן אָט ווי אזוי:

		פון דער גאַנצער צאָל		פון פעסט־געשטעלט.
אַרבעטער	112 מאַן אָדער	53 1/2 %		62 1/2 %
מייסטער, טעכניקער און צייכנער	21 „ „	10 %	„	11 1/2 % „
אָנגעשטעלטע (האַנדעל און קאָנטאָר)	28 „ „	13 %	„	15 1/2 % „
פעלדשערס	4 „ „	2 %	„	2 % „
פאַרמאַצעווטן . . .	1 „ „	1/2 %	„	1/2 % „
לערער	5 „ „	2 %	„	2 1/2 % „
סטודענטן	4 „ „	2 %	„	2 % „
דאָקטוירים	5 „ „	2 1/2 %	„	2 1/2 % „
אינזשענערן	1 „ „	1/2 %	„	1/2 % „
יוריסטן	1 „ „	1/2 %	„	1/2 % „
ניט קלאָר געמאַכט	28 „ „	13 %	„	

אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן האַלביאָר איז די צאָל אַרבעטער עטוואָס גרעסער געוואָרן 53 1/2 % קעגן 47 % אָדער 62 1/2 % פון די פעסטגעשטעלטע (קעגן פריערדיקע 60 %), דער פראָצענט פון מייסטערס און טעכניקער איז פאַרבליבן כמעט דער זעלביקער (10 % קעגן 11); באַטרעפליך גרעסער איז געוואָרן די צאָל אָנגעשטעלטע (13 % קעגן 8 %), דריי מאָל קלענער איז געוואָרן די לפי־ערכ'דיקע צאָל סטודענטן (2 % קעגן 6) און צוויי מאָל קלענער די אַבסאָלוטע צאָל (4 און 8); די איבעריקע קליינע גרופעס האָבן זיך כמעט ווי נישט געענדערט.

מיר באַקומען אויף אזאַ אופן אַן אמתע אַרבעטער־אינספעקציע, אַן אַרבעטער־אינספעקציע הן לויט אירע צוועקן, הן לויט איר צוזאַמענשטעל.

נאָר אינם געביט פון אַרבעט־שוץ איז נאָך דאָ אַ סך וואָס אויפצוטאָן אויף די פאַבריקן גופא. אין א מאַסע פאַלן עקסיסטירן נאָך בײַ אונז שרעקליכע אַרבעטס־באַדינגונגען, בפרט אין די אָפּגעשטאַנענע אונטערנעמונגען, וואו די אַרבעטער זיינען שלעכט אָרגאַניזירט, ווייניק באַוואוסטזיניק און ווייניק קולטורעל, אין אזעלכע לעכער איז נאָך אַלץ אָבער כמעט אַלץ פאַרבליבן ווי געוועזן, אמת, אָפט איז אוממעגליך איינצופירן די נייטיקע פאַרבעסערונגען, וואָס פאָדערן נייע צופּאַסונגען און א נייע איינריכטונג. נאָר דאָך קאָן מען

נאָך אַ סך אומשטאַנן אין רעם פּרט, ווען מען זאָל אריינציהען אַלץ מער די ברייטע מאַסן אין ענין פון פאַרבעסערן די אַרבעטס-סביבה.

§ 128. וואָס איז אונזער סאָציאַלע פאַרזאָרגונג? די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ווי מיר האָבן געזעהן, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצוקוועטשן ריווח באַם אַרבעטער קלאַס. דער געדונגענער אַרבעטער, דער פּראָלעטאַריער איז געווען פאַרן קאַפּיטאַליסט פשוט אַ מיטל אויף רייך צו ווערן. און ווי נאָר דער דאָזיקער לעבעדיקער מיטל פלעגט קאַליע ווערן אדער פלעגט שוין מער ניט טויגן אָדער איבעריק ווערן, פלעגט מען אים אומברחמנותדיק אַרויסשליידערן, ווי אַן אויסגעקוועטשטע ציטראָן-קאָרקע אָדער ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי. צרות פון אַרבעטס-לאָזיקייט, קראַנקהייטן, אַלטקייט, בעלי-מומים — דאָס אַלץ האָט ווייניק וואָס געריהרט דעם קאַפּיטאַל: ער פלעגט אַרויסשליידערן גרויסע מאַסן מענטשן אויפן גאַס, און פלעגט גאָרניט טראַכטן צו העלפן זיי אָדער פלעגט העלפן די סאַמע איבערגעגעבענע עלעמענטן, ווי, אַ שטייגער, די זיכערע באַאמטע, פון וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעצויגן זייער גאַנצן לעבנס-זאַפט.

די אַרבעטעדיקע און אָרימע לייט זייגען אין דער ראַטן-רעפּובליק ניט קיין אָביעקטן פאַר עקספּלואַטאַציע. גאָר פון דאַנען אָבער איז ניט געדרונגען, אַז מיר האָבן ניט קיין גרויסע אומגליקן. אין אונזער לאַנד, וואָס ווערט געריסן אויף שטיקער פון די שונאים, וואָס ווערט בלאָקירט פון אַלע זייטן, וואָס איז אָפּגעשניטן פון קוילן, נאַפט און רוי-מאַטעריאַלן, איז פאַראַן אָהן אַ סוף אומגליקן. ניט דער קאַפּיטאַליסט וואַרפט אַרויס פון פאַבריק, נאָר ס'קומט אָפט מאָל אויס צו פאַרמאַכן די דאָזיקע פאַבריק, ווייל ס'איז ניטאָ קיין באַהייצונג אדער קיין רוי-מאַטעריאַלן — און אָט האָט איר אַרבעטס-לאָזיקייט. דאָס איז ניט אַזאַ אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס ס'איז געווען פריהער; זי שטאַמט פון גאָר אַנדערע סיבות, נאָר זי איז פאַראַן. אונז זיינען פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה פאַרבליבן אינוואַלידן און בעלי-מומים; מיר האָבן אַ מאַסע קרבנות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, אַלטע, קראַנקע, קינדער, — ווענן זיי אַלע דאַרף מען זאָרגן, און אויף זיי אַלע פאָדערט זיך הוצאות. די אַרבעטער רעגירונג קוקט ניט אויף די הילף פאַר די אַלע עלעמענטן ווי אויף אַ נדבה אדער צדקה, דער דירעקטער חוב פון דער אַרבעטער-מלוכה איז שטיצן זיי, בפרט שטיצן די, וואָס זיינען אַרויס פון די אַרבעט-רייען אָדער פון די רייען פון דער רויטער אַרמיי.

אונזער ענדציל איז אַזאַ צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, ווען אַלע מענטשן, וואָס האָבן צוליב וועלכע ניט איז סיבות פאַרלאָרן זייער אַרבעטס-פעיהיקייט, וואָס קענען ניט אַרבעטן, זאָלן זיין פאָלשטענדיק באַזאָרגט: זקנים זאָלן האָבן אַ רוהיקן עלטער, אַלע לעבנס-בעקוועמליכקייטן; קינדער זאָלן האָבן אַלץ, אין וואָס זיי נויטיקן זיך אין זייער עלטער; קראַנקע און אינוואַלידן זאָלן זיך געפינען אין די בעסטע און סאַמע פּאַסיקע פאַר זיי באַדינגונגען; אַלע אויסגעהאָרעוועטע און אויסגעמאַטערטע זאָלן זיך קענען היילן אַזוי, ווי ס'האָבן

זיך אָנקלינגען פֿאַר [illegible] די [illegible] גורמים [illegible] מענטשן אַלײן. פֿאַר
שטאַרקן [illegible] זײן װי אַ [illegible] אומגליקלעכן טאָג״.
דערפֿאַרשטײט זיך, אַז אונזער איצטפֿערדיקע לאַגע איז אַפֿילו אין אַ קלײ-
נער מאָס ניט [illegible] די דאָס אַלײן. אױסער די אױנעלעמיכע װײגער זײַנען מיר
איצט אַ קאָנצענטרירטע, אונז פֿעלט אויס די טאָגע געזעלשאַפֿטלעכע זאַכן: למשל,
רפֿואות, די איבערפֿאַרזיכטן פֿירן די [illegible] צײַט, זײ בלײַבן דאָך אונז... נאָר
אין איין זאַך קען מען ניט אָפּזאָגן דער ראַטן־מאַכט: זי קאַרגט ניט
קײן מיטלען כּדי כאָטש [illegible] ניט איז צו העלפֿן די ניט
אַרבעטספֿעיִקע אין באַװײַזן [illegible].

§ 130. די הױפּט־געביטן פֿון סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג. ס'איז פֿאַראַן צװײ הױפּט־געביטן פֿון סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג. דאָס איז, ערשטנס, פֿאַרזאָרגן די מענטשן, װאָס האָבן פֿאַרלאָרן זײער אַרבעטספֿעיִקײט אָדער װאָס זײַנען געבליבן אָן אַרבעט זײַענדיק אומשטאַנד צו פֿאַרנע-מען זיך מיט אַ װעלכער ניט איז אַרבעט (פֿיזישער אָדער גײַסטיקער), אַחוץ דײַנען שײַך צופֿאַלן פֿון אַרבעטסלאָזיקײט. צופֿאַלן, װען מע פֿאַרלירט די אַרבעטספֿעיִקײט אויף אַ צײַט (אַ קראַנקהײט, אַ װאונד, שװאַנגערשאַפֿט, קימפּעט), אָדער אויף שטענדיק (אינװאַלידקײט, אַלטקײט, כראָנישע, שטענדיקע קראַנקהײט), צװײטנס, דאָס איז פֿאַרזאָרגן די מענטשן, װאָס האָבן געליטן אָדער פֿאַרלאָרן זײער אַרבעטספֿעיִקײט ניט בײַ דער אַרבעט, ניט אין זײער פּראָדוקציע. אַהער זײַנען שײַך די אינװאַלידן פֿון דער אַלטער מלחמה, די פֿאַרװאונדעטע רױט־אַרמײער, די משפּחות פֿון רױטאַרמײער. די װאָס האָבן געליטן פֿון דער קאָנטר־רעװאָלוציע, װאָס האָבן געליטן פֿון װעלכע ניט איז סטיכיִשע אומגליקן (שריפֿות, פֿאַרפֿליצונגען, עפּידעמיעס וכדומה). בײַ דאָרף, למשל, אױך האָבן אין זינען אַנדערע ניט אַרבעטספֿעיִקע, קרבנות פֿון דער אַלטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג און פֿון די שעדלעכע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטע-נישן, צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זײַנען שײַך אָרעמע לײַט, פֿאַרלאָזטע און פֿאַרװאָגלטע, דעפֿעקטיװע (דעגענעראַטן, משוגעים וכדומה).

א חוץ דעם, פֿאָדערט זיך אױך הילף אין פֿאַל, װען ס'שטאַרבן מיט-גלידער פֿון דער פֿאַמיליע.

אָט די אַלע עלעמענטן, װאָס דאַרפֿן פֿאַרזאָרגט װערן, בילדן זעהר אַ גרױסע צאָל מענטשן. די ערשטע קאַטעגאָריע פֿון זײ (װאָס האָבן פֿאַרלאָרן זײער אַרבעטספֿעיִקײט אָדער װאָס זײַנען געבליבן אָן אַרבעט, נאָר װאָס זײַנען אַזױ אָדער אַנדערש פֿאַרבונדן מיט זײער פּראָדוקציע), געפֿינען זיך אינם רשות פֿונם קאָמיסאַריאַט פֿאַר אַרבעט, װאָס געפֿינט זיך פֿאַקטיש אין די הענט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען; די צװײטע קאַטעגאָריע אינם רשות פֿונם קאָמיסאַריאַט פֿאַר סאָציאַלע פֿאַרזאָרגונג.

§ 131. װאָס איז אָנגעטאָן אינם געביט פֿון סאָציאַלע פֿאַר-זאָרגונג? די [illegible]־מאַכט האָט דורכגעפֿירט אין אַלגעמײן און אין גאַנצן

גענומען, די פאַרזאָרגונג פון די אַרבעטעדיקע באַ אַלע מינים פון פאַרלירן די אַרבעטספייהיקייט, בתוכם אייך באַ דער אַרבעטסלאָזיקייט. די לעצטע פאַרזאָרגונג עקסיסטירט נאָך אין ערגעץ ניט אין דער וועלט.

אָט זיינען די מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען צו פאַרזאָרגן די ערשטע קאַטעגאָריע:

1. אַלע מענטשן וואָס זיינען פאַרנומען מיט „לוין-אַרבעט" זיינען פריי פון הוצאות אויף סאָציאַלע פאַרזיכערונג.

2. אין דער אָרגאַניזירונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און אַרבעט-שוץ נעמען לחלוטין ניט קיין אַנטייל די אונטערנעמער, און אַלע אָרגאַנען עקסיסטירן אויפן יסוד פון פאַרשטייערשאַפט פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

3. ס'איז איינגעפירט פאַרזאָרגונג אין אַלע פאַלן פון פאַרלירן די אַרבעטספייהיקייט און אויך באַ אַרבעטסלאָזיקייט.

4. ס'איז איינגעפירט פאַרזאָרגונג פאַר די מיטגלידער פון דער פאַמיליע פון דעם אַרבעטעדיקן אין פאַל ווען דער אַרבעטער שטאַרבט.

5. ס'איז איינגעפירט געוואָרן באַ אַ קראַנקהייט, אַ מום, קאַראַנטין וכדומה פאַלן פון דערווייליקער ניט אַרבעטספייהיקייט, ארויסצוגעבן דעם אַרבעטעדיקן אַ סובסידיע אין אַ מאַסשטאַב פון פולן פאַרדינסט זיינעם.

6. ס'איז איינגעשטעלט אַ פענסיע ביז 1800 רובל אַ חודש (אין מאָסקווע) אויפן גאַנצן לעבן אַלע אַרבעט-אינוואַלידן, אומאָפהענגיק פון די סיבות, וואָס האָבן ארויסגערופן די אינוואַלידקייט (אַלטקייט, צעשעדיגונג, פּראָפעסיאָנעלע קראַנקהייטן וכדומה) און אומאָפהענגיק פון דער צאָל יאָרן וואָס ער האָט.

7. ס'איז איינגעפירט ארויסגעבן אַ סובסידיע אויף מקבר צו זיין די אַרבעטעדיקע 1440 רובל און פון 400 ביז 800 רובל פאַר די מיטגלידער פון דער פאַמיליע אָפהענגיק פון זייער עלטער.

8. ווען דער אַרבעטעדיקער שטאַרבט, ווערט פאַר זיין פאַמיליע באַשטימט אַ פענסיע אויפן גאַנצן לעבן ביז 1200 רובל אַ חודש (אין מאָסקווע) אָפהענגיק פון דער צאָל מיטגלידער פון דער פאַמיליע.

9. כדי צוועקמעסיקער צו לייזן די פראַגע וועגן באַשטימען די פענסיעס זיינען באַ דער אָפטיילונג פאַר אַרבעט געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע אַרבעטער-קאָמיסיעס, וואָס באַשטימען די פענסיעס און די שטיצע.

10. אין אַלע גובערניעס זיינען געשאַפן עקספּערטיזן-ביוראָס אונטערן פאָרזיץ פון אַרבעטער, און די דאָזיקע ביוראָס באַשטימען דעם גראַד פון אינוואַלידקייט.

11. אין אַלע אויעזדן זיינען געשאַפן קאָנטראָל-קאָמיסיעס אונטערן פאָרזיץ פון אַרבעטער, און די דאָזיקע קאָמיסיעס גיבן אַכטונג איבער דער היילונג און קאָנטראָלירן די קראַנקע.

12. כדי צו דערגעהנטערן די פאַרזאָרגונג אין אַלע געגנטן צו די ערטער, וואו עס לעבן די אַרבעטער, ווערן געשאַפן פונקטן אויף אָנצונעמען מעלדונגען וועגן שטיצע אין פענסיעס און אויף אויסצוצאָלן די פענסיעס און די

שטיצע, און אין די גרויסע אונטערנעמונגען ווערט די שטיצע אויסגעצאָלט אין די אונטערנעמונגען גופא.

13. ס׳זיינען אָפּגעשאַפט די באַגרענעצונג-טערמינען פאַר די שטיצעס, בּאַ אַ קראַנקהייט גיט מען איצט אַרויס שטיצע ביז מע ווערט געזונט, און בּאַ אינוואַלידקייט ביזן טויט.

14. די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג נעמט אַרום אַלע אָן אויסנאַם מענטשן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט לוין-אַרבעט און זי ווערט איינגעפירט פאַר קוסטאַרן, בעלי-מלאָכות און פויערים.

15. אויף די צווייטע העלפט פון 1919 האָט די ראַטן-רעפּובליק אַרויסגעגעבן אַן אַוואַנס פון 5 מיליאַרד רובל אויף צו פאַרזאָרגן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

פון דער צווייטער קאַטעגאָריע איז בפרט וויכטיק די פאַרזאָרגונג פון די פאַמיליעס פון די רויט-אַרמייער און פון די רויט-אַרמייער גופא.

אַ רויט-אַרמייער אַן אינוואַליד בעת ער פאַרלירט די פולע אַרבעטספייהיגקייט (העכער 60%) באַקומט אַ פּענסיע וועלכע איז גלייך צום דורכשניטליכן שכירות פון יענעם געגנט, אין וועלכן ער לעבט; די פּענסיע איז אַ קלענערע אָפּהייניגיק פון דעם, וויפל פאַר אַ גראַד אַרבעטס-פייהיגקייט ער פאַרלירט (בּאַ 15% 30% באַקומט ער $\frac{1}{5}$ שכירות); די ערד פון דעם רויט-אַרמייער דאַרף פאַראַקערט ווערן און זיין ווירטשאַפט דאַרף פאַרזאָרגט ווערן מיט זייאונג-מאַטעריאַלן; זיין פאַמיליע באַקומט אַ פּאַיאָק; ווי אַזוי די גרויס פונם פּאַיאָק הייננט אָפּ פון דער צאָל ניט אַרבעטס-פייהיקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע; די מיטגלידער פונם רויט-אַרמייערס פאַמיליע ווערן באַפרייט פון צאָלן דירה-געלט, זיי באַקומען אַ הוספה דערנערונג-קאַרטע. אין פאַל ווען דער רויט-אַרמייער שטאַרבט, באַקומען די ניט אַרבעטס-פייהיקע און ניט פאַרזאָרגטע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע אַ פּענסיע 60% דורכשניטליכן אין דעם געגעבנם געגנט שכירות, ווען ס׳איז פאַראַן איין ניט אַרבעטס-פייהיקער, און פול שכירות ווען ס׳איז פאַראַן דריי און מער ניט אַרבעטס-פייהיקע א. א. וו.

אויף געלט-שטיצע די רויט-אַרמייאישע פאַמיליעס איז אויסגעגעבן געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 1919-טן יאָר אַ מיליאַרד מיט צוויי-הונדערט מיליאָן, אויף די צווייטע העלפט איז אַסיגנירט געוואָרן $3\frac{1}{2}$ מיליאַרד. לויט די מאַטעריאַלן פונם ח׳ ווינאָקוראָוו באַקומען צו האַרבסט 1919-טן שטיצע קרוב $4\frac{1}{8}$ מיליאָן רויטע-אַרמייאישע פאַמיליעס.

אחוץ דעם, איז פון 4-טן יולי ביזן ערשטן דעקאַבער 1919-טן יאָר געווען איבערגעשיקט אין די גיבערניעס העכער . . . . . . $2\frac{1}{2}$ מיליאַרד רובל

אויף לאַנדווירטשאַפטליכע הילף איז אַסיגנירט געוואָרן . .	200	מיליאָן „
„ אויסהאַלטן מיט דירות	150	„ „
„ פּענסיעס רויטאַרמייער	100	„ „
„ העלפן די מילכאָמע אינוואַלידן	168	„ „

איינער פון די גרעסטע השׂגות אין דער זאך פון סאציאלער פארזארגונג איז בא אונז דער שלעכט ארבעטעריקער אפאראט, פיזערט שלעכט געפירט דער חשבון פון די, וואס ווערן פארזארגט, מע שטעלט שלעכט צו אויף די ערטער געלט צייכנס דער ביוראקראטיזם און די אנשטאלטן פונם קאמיסאריאט פאר סאציאלע פארזארגונג. פארבעסערן דעם ארגאניזאציאנס-אפאראט איז די אומבאדינגטע אויפגאבע פון דער פארטיי.

§ 132 אנדערע אויפטואכצן אויף צו פארבעסערן די לאגע פונם ארבעטער קלאס. א חוץ די מיטלען, וועגן וועלכע ס׳האט זיך גערעדט אויבן, האט נאך פאר דער לאגע פונם ארבעטער קלאס א קאלאסאלע באדייטונג אויך א גאנצע ריי אנדערע מיטלען, וואס זיינען אריין אינם זאמלבוך (קאדעקסן פון געזעצן וועגן ארבעט. די דאזיקע מיטלען דרינגען דירעקט ארויס פון דעם, וואס דער פראלעטאריאט איז דער הערשעדיקער קלאס, און זיי גייען דערייבער א סך ווייטער פון יענע פאדערונגען, וואס ס׳פלעגן ארויסגעשטעלט ווערן אין די פראגראמען פון די סאציאליסטישע פארטייען. דאס זיינען, דער עיקר, דריי מיטלען.

ערשטנס, די ארבעטער ארגאניזאציעס נעמען אן אנטייל אין דער פראגע וועגן צונעמען אדער אפשאפן, די דאזיקע פראגע הייגט אפ פון די פאבריק-זאוואדישע קאמיטעטן און פון די ארבעטער פארוואלטונגען.

צווייטנס, די מלוכה׳רעגולירונג פונם שכירות. דאס סאמע אינטערעסאנטסטע איז דא דאס, וואס די טאריפן ווערן אויסגעארבעט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען און ווערן דורכגעפירט דורכן קאמיסאריאט פאר ארבעט, וועלכער ווערט פאקטיש צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

דריטנס, וואס ספעציעלע ארגאנען בא די ראטן און בא די פראפעסיאנעלע פאראיינען (די אזוי גערופענע אפטיילונגען אויף צו פארטיילן און צו פירן א חשבון פון דער ארבעטס קראפט) זיינען מחויב אויסצוזוכן ארבעט פאר ארבעטלאזע.

אט די אלע מיטלען זיינען איינג צוזאמענגעבונדן מיט דער הערשעדיקער לאגע פון אלע ארבעטער ארגאניזאציעס און קודם כל פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען.

§ 133 די ווייטערדיקע אויפגאבן פון דער פארטיי. די ווי כטיקסטע אויפגאבע איז וואס פולער און ברייטער דורכצופירן אין לעבן אלע דעקרעטן און פארארדענונגען פון דער ראטן מאכט, עס טרעפט גאנץ אפט, אז די ווירקליכקייט גייט זיך פאנאנדער מיטן דעקרעט או ווערן פאסטער אין אנגעשריבן איינס און אין לעבן קומט פאר גאר אנדערש. פולשטענדיק, אויספירליך, ריכטיק דורכפירן אין לעבן אין מצבן אזעלכע בא א ריכטיק איינגעשטעלט אר-

גאניזאציאנס אפאראט, וואו דער צענטער איז צונויפגעבונדן מיט די ערטער, און די ערטער מיטן צענטער, וואו די גאנצע מאשינע גייט ווי געשמירט. דאס איז ווידער מעגליך נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפל צו דער ארבעט וועלן צוגעצויגן ווערן די מאסן גופא. צוליב דעם איז נויטיק:

1) פארשטארקן די ארבעט וועגן ארגאניזירן און פארברייטערן די ארבעטס-אינספעקציע. מע מוז אהין אריינגיסן אלץ נייע און נייע הוספה-כוחות פון די ארבעטער גופא, קיינער וועט ניט קענען בעסער פון די ארבעטער גופא, וואס זיינען אויסגעצייכנט באקאנט מיט די ארבעטס-באדינגונגען, באמערקן אלע חסרונות און אננעמען די נויטיקע טריט כדי זיי צו באזייטיקן.

2) ס'איז נויטיק צו פארשפרייטן די אינספעקציע אויף די קליין און דארף-אינדוסטריע. די דאזיקע אינדוסטריע איז שטענדיק געווען ווי א שטיף-קינד, און גראד דא עקסיסטירן די שרעקליכסטע ארבעטס-באדינגונגען. די ארבעטער אינספעקציע וואלט זעהר א סך געהאלפן אויפצוטאן אינעם דאזיקן געביט.

3) ס'איז אויך נויטיק צו פארשפרייטן די ארבעט-שוץ אויף אלע מינים ארבעטער, בתוכם אויך אויף בוי-ארבעטער, יבשה און וואסער טראנספארט, באדינונג און לאנדווירטשאפטליכע ארבעטער. די דאזיקע ארבעט-צווייגן, צעווארפענע וואס געבן זיך ווייניקער אונטער דער ארגאניזירונג, דארפן אויך איינגעשלאסן ווערן אין דער אלגעמיינער סיסטעם.

4) ס'איז ווייטער נויטיק ענדגילטיק אראפנעמען פון ארבעט די מינדעריעריקע און דורכפירן א גרעסערע פארקירצונג פונם ארבעטסטאג פאר די האלבדערוואקסענע.

אן אכטשעהדיקער ארבעטסטאג, וואס בילדעט דעם יסוד פונם גאנצן ארבעטס-שוץ איז, פונם שטאנדפונקט פון אונזער פארטיי, לחלוטין ניט קיין גרעניץ, וואס ווייטער ווי איר קען שוין די צאל ארבעטסשעהן ניט זיין. פון אנו דעם שטאנדפונקט איז ניט פאראן קיין שום פריער געגעבענער גרעניץ. אלץ הענגט דא אפ פונעם צושטאנד פון דער ארבעטס-פראדוקטיוויטעט. איצטער, בא דעם העכסטן גראד פון פאלונג פון דער גאנצער פראדוקציע און בא דער אלץ ווייטערדיקער צערודערונג, קען דער ארבעטסטאג, ווי א כלל, ניט געמאכט ווערן קירצער. אמאל (אין צוזאמענהאנג מיט דער מיליטערלאגע און אז״וו) קען ער אפילו פארלענגערט ווערן. נאר בא דער קלענסטער מעגליכקייט וועלן מיר דארפן פארווירקליכן א גאראנטירן זעקסשעהדיקן ארבעטסטאג פאר אלע ארבעטער, ווי ער עקזיסטירט שוין איצט בנוגע צו א פילצאליקן טייל אנגעשטעלטע.

פון דער אנדער זייט, כדי צו דערשלאגן זיך צו א העכערער פראדוקטיוויטעט און שפעדיק בעסער מאכן די קוואליטעט פון דער ארבעטס-קראפט איז וויכטיק אריינצופירן פרעמיאלע באצאלונג-סיסטעם.

די אלגעמיינע אויפגאבן פון סאציאלער פארזארגונג ערלייזיקט די פארטיי לגמרי ניט אינם גייסט פון צדקה און אויף אזא אופן, אז ס'זאל אונטערגע- האלטן ווערן פאראזיטיזם און די ליידיקגייעריי; העלפן דעם, וואס ס'נויטיקט זיך אין הילף, איז א חוב פון דער פראלעטארישער מאכט, פונקט ווי ס'איז א חוב פאר איר צו פארגרינגערן א ריי געפאלענע מענטשן אומקערן זיך צו אן ארבעטס-לעבן.

ליטעראטור צום קאפיטל XVIII. כ. קאפלון, „ארבעט-שוץ און זיינע ארגאנען". ג. מאליוטין, „אויפן וועג צו ליכטיקע וויסטעניש פונם קאמוניזם". דאקטאר געלפער, „די פראלעטא- רישע רעוואלוציע און די סאציאלע פארזארגונג פון די ארבעטעדיקע". פראפעסאר פרעס, „וואס אין אזוינס סאציאלע טעכניק?". ארטיקלען אינם ארבעט-וועסטניק און אין די אויסגאבן פונם קאמיסאריאט פאר סאציאלע פארזארגונג. א. האלצמאן, „פרעמירונג-סיסטעמען אין דער מעטאלורגישער אינדוסטריע".

קאַפּיטל XIX

די פאַרהיטונג פונם פאָלקס-געזונט.

§ 134. די נויטיקייט פון ספּעציעלער פאַרהיטונג פונם פאָלקס-געזונט. § 135. ראַציאָנאַליזירונג פון די מעדיצינישע אונטערנעמערישע אַנשטאַלטן. § 136. די אַרבעטס-פּליכט פון מעדיצינישע טוער. § 137. די נאָהענטסטע אויפגאַבן אינם געביט פון פאַרהיטן דעם פאָלקס-געזונט.

§ 134. די נויטיקייט פון ספּעציעלער פאַרהיטונג פונם פאָלקס-געזונט. דער קאַפּיטאַליזם האָט שטענדיק געהאַלטן דעם אַרבעטער קלאַס אין שמוציקע, אומגעזונטע קוואַרטאַלן. נאָר דער שרעק, אַז זי אַליין זאָל ניט פאַלן פאַר א קרבן פון עפּידעמיעס, האָט געצוואונגען די בורזשואַזיע אָנצונעמען וועלכע ניט איז מיטלען, כדי כאָטש עטוואָס געזינטער צו מאַכן די קוואַרטאַלן פון אירע געדונגענע קנעכט. נאָך אין 1784-טן יאָר האָט דער איינגלישער פּאַרלאַמענט ברייט פאַנאַנדערגעפּלט זיין בייטל און האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן די אַרבעטער; דאָס איז געשען געוואָרן מחמת דעם וואָס א ספּעציעלע פּאַרלאַמענט-קאָמיסיע האָט קלאָר געמאַכט אָט דעם פאַקט: די שרעקליכע טיפוס-עפּידעמיע איז געגאַנגען פון די פאַבריקן. דער קאַפּיטאַליזם האָט פּונקט אויף אַזוי פיל געזאָרגט וועגן פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער באַפעלקערונג, אויף וויפל דאָס איז געווען נויטיק, כדי צו פאַרזיכערן זיך אַליין פון „קראַנק ווערן".

די רעזולטאַטן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָבן שאַרף פאַרערגערט די לאַגע פון די ברייטע אַרבעטער מאַסן: די אַלגעמיינע באַדינגונגען, הונגער, קעלט וכדומה האָבן אַרויסגערופן געוואַלטיקע עפּידעמיעס, וואָס האָבן אויף רעכטס און אויף לינקס געטראָגן מיט זיך דעם טויט: כאָלערע, פלעק-טיפוס און, לסוף, א נייע קראַנקהייט „שפּאַנישע", פלעגן אָנקומען איינע נאָך דער אַנדערער. ס'איז קלאָר געווען אַז די „נייע" קראַנקהייט שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה. די אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע מענטשליכע אָרגאַניזמען זיינען ניט אימשטאַנד אַרויסצואווייזן א ווידערשטאַנד די קראַנקהייטן. די שטערבליכקייט וואַקסט אומגעהויער אין אַלע לענדער און באַקומט א כאַראַקטער פון אַן אמת מגפה'דיגקייט.

נאָר די מלחמה האָט איבערגעלאָזן נאָך איין ירושה: אַן אויסגעוואַקסענע פאַרשפּרייטונג פון ווענערישע קראַנקהייטן, בתוכם אויך פונם סיפיליס. די סאָלדאַטן זיינען מאַסנווייז קראַנק געווען אויף די דאָזיקע קראַנקהייטן און פלעגן עס דערנאָך צוטראָגן איבער די דערפער און ישובים.

ווענערישע קראַנקהייטן זיינען נאָך קיינמאָל אזוי ניט געווען פאַרשפּרייט, ווי איצטער.

דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען, פאָדערט א באַזונדערע טעטיקייט אויף צו פאַרהיטן דעם פאָלקס-געזונט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויף צו קעמפן מיט קראַנקהייטן ווערט אַסך אויסגעטאָן אויך דורך צווייטע וועגן: א קאָלאָסאַלע באַטייטונג, למשל, האָט די ריכטיקע לייזונג פון דער וואוינונג-פראַגע: מיט דער פאַרבעסערונג פון די אַרבעטער-וואוינונגען פאַרשווינדן די קוואַלן פון קלעפּיקע קראַנקהייטן; פונקט אזא קאָלאָסאַלע באַטייטונג האָט די אַרבעט-שוץ. אַלעמען פאַרשטייט, אַז פון דעם גרינגער יענעם צושטאַנד פון דער דערנערונגס-זאַך, פון דעם, ווי די באַפעלקערונג דערנערט זיך, הענגט אָפּ כמעט אַלץ און אַז. וו.

נאָר דאָס שליסט נישט אויס די נייטיקייט אָנצונעמען אויך א ריי באַזונדערע מיטלען, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין א געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב. באַזונדערס, ווען עס האַלט אזוי שוואַך מיט די עלעמענטאַרע עק-סיסטענץ-באַדינגונגען [illegible] יעדע הויזגעזינד-הילף איבער קאַמף מיט דעם דאָזיקן אומגליק זעהר ווייניק: אויף אזא אופן קומט אויך אַן אומבאַדינגטע נייטיקייט אין א ספּעציעלן צווייג פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און אַן אַרבעט אויף צו פאַרהיטן דעם פאָלקס-געזונט.

§ 5 ה. די נאַציאָנאַליזירונג פון מעדיציניש-אונטערנעמע-רישע אַנשטאַלטן. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט געהאַט אין איר רשות אויך די [illegible] פון מעדיציניש אַרבעט. פריוואַטע [illegible] עלעקטריע און ליכט-היילאַנשטאַלטן, [illegible] זיינען אָרגאַניזירט געווען אויף יסודות, וואָס האָבן געצילט [illegible] צו באַקומען ריווח. א גרויסע צאָל פון די [illegible] געווען אַריסטאָקראַטישע אויף צו היילן זיך פון טעמפּ, [illegible] קראַנקהייטן, וואָס זיינען א אָפּטער גאַסט [illegible] פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל-שאַפט. אַרבעטער זיינען ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַרומצופאָרן איבער קוראָרטן. אין די [illegible] קיין זאַך ניט געווען פון אַרבעטער.

דער [illegible] צו באַקומען ריווח. אַז די [illegible] אונטערנעמערישע [illegible] אָנשטאַלטן

מע האט געדארפט מאכן, אז זיי זאלן אויפהערן דינען דעם קאפיטאליס־טישן ביטל און זאלן אנהייבן דינען די ארבעטער־קלאס. דער ערשטער טריט צו דעם איז געווען די נאציאנאליזירונג פון די דאזיקע אנשטאלטן.

§ 136. ארבעטס-פליכט פון מעדיצינישע טוער. די גרויסע צאל עפידעמישע קראנקהייטן און די נויטיקייט גיך צו ליקווידירן זיי האט גע־מוזט אויפקשטעלן אויפן טאג-סדר די פראגע וועגן א פלאנמעסיקן, ארגאניזירטן און אין א גרויסן מאסשטאב געפירטן קאמף מיט די דאזיקע עפידעמיעס. בא דער לפי ערך קלענערער צאל מעדיצינישע טוער, איז זעלבסטפארשטענדליך, אויפגעקומען א שארפע באדערפעניש קלאר צו מאכן זייער צאל און מאבי־ליזירן זיי ראשית כל אויפן קאמף פראנט מיט די עפידעמיעס.

דאנק אט דעם מיטל, ווען סיזיגן אויסגענוצט געווארן כמעט אלע מעדי־צינישע כוחות, אנהייבנדיק פון די גרעסטע פראפעסארן און ענדיקנדיק מיט די סטודענטן פון ערשטן קורס און מיט פעלדשערס, פלעגט זיך איינגעבן צו פאר־האלטן די שרעקליכע עפידעמיעס די כאלערע און דעם פלעק-טיפוס.

די ארבעטס-פליכט פון די מעדיצינישע טוער האט, פונדעסטוועגן, ניט נאר אט די „מיליטערישע“ באטייטונג. צוזאמען מיט דער נאציאנאליזירונג פון די מעדיציניש-אנטערנעמערישע אנשטאלטן וועט דאס שאפן א באדן פאר דער צוקונפטיקער א ר ג א נ י ז י ר ט ע ר געזעלשאפטלעכער סאניטאריע און סאצי־אלער היגיענע.

§ 137. די נאהענטסטע אויפגאבן אינם געביט פון פארהיטן דעם פאלקס-געזונט. בא דעם נויטיקן מאנגל אין די סאמע נויטיקע זאכן (דערנערונג פאר די קראנקע, זייף און שפיטאלן, רפואות, מעדיצינישע אפאראטן און אינסטרומענטן און א. וו.), איז געווען שווער צו פירן די ארבעט. די דאזיקע ארבעט דריקט זיך דער עיקר אויס אין דריי גרונט־געביטן וואס צו אנהייבן זיי איז א ציל פון אונזער פארטיי.

ערשטנס, ענערגישע דורכפירן ברייטע סאניטארע פלאנען. דא דארף מען, דערלאנגען, אז נאך [illegible] געווען מאכן די נאענטסטע ערטער [illegible] די פארברויכטע [illegible] רינגס, גריבער [illegible] ארגאניזאציע [illegible] וואסער [illegible] קלעפיקע קראנקהייטן [illegible] פון די [illegible] איז אויך שייך דאס אויפקשטעלן די געזעלשאפטלעכע [illegible] היגיענישע יסודות; בא דער [illegible] איז עס לעבן מוזן [illegible] אויפקשטעלן דאס קאמף [illegible] די [illegible] קראנק־הייטן און [illegible] קען מען [illegible]

פירן שיין גלייך. ס'איז נויטיק, ווייטער, אננעמען מיטלען, וואס זאלן באווא-
רענען, אז קלעפיקע קראנקהייטן זאלן זיך ניט אנטוויקלען; סאניטארע אויפ-
זיכטס איבער אנשטאלטן, פריוואטע וואוינונגען, שולן; וואסער,—פילטרירונג
געקאכטע וואסער, דיזינפעקציע, חיוב-דיזינפעקציע פון די קליידער און וועש
און א. וו. און א. וו.

צווייטנס, איז נויטיק א פלאנמעסיקער קאמף מיט די אזוי גערופענע „סאציאלע קראנקהייטן", דאס הייסט, מיט יענע, וואס טראגן א מאסן כאראקטער און זיינען ארויסגערופן דורך טיפע סיבות. דאס זיינען, קודם כל, דריי קראנקהייטן: טובערקוליאז, וואס ווערט ארויסגערופן דורך שווערע ארבעט באדינגונגען, דער ווענעריזם, וואס האט זיך פארשפרייט, דער עיקר, צוזאמען מיט דער מלחמה און, לסוף, דער אלקאהאליזם, וואס ווערט ארויסגערופן דורך פארווילדקייט, נידערגע-שלאגנקייט און בארבאריזם פון איין זייט און דורך פאראזיטישער דעגענע-רירונג — פון דער אנדער זייט. די דאזיקע קראנקהייטן זיינען אזעלכע, וואס זיינען נוגע ניט נאר אונז. זיי וועלן האבן א גרויסעווירקונג אויף אויך די קומעדיקע דורות, די מענטשהייט שטייט פאר אן ערנסטער געפאר, וואס איז בפרט מוראדיק דער פאר, וואס איצט, מחמת דער גרויסער אפגעשוואכקייט, ווירקן די דאזיקע קראנקהייטן באזונדער שטארק.

לסוף, מוז מען דריטנס באזארגן די באפעלקערונג מיט פאר אלעמען צוגייגליכער און אומזיסטער מעדיציני-שער און רפואות-הילף. איצטער באשטייט די שוועריקייט אין דעם, וואס עס פעלן לגמרי אויס רפואות. דער דאזיקער מאנגל איז ניט אויף אזוי פיל ארויסגערופן דורך דער צורודערונג אין אינזער פראדוקציע, אויף וויפל דורך דער בלאקאדע; די „הומאנע" פארבינדעטע ווילן אונז שטיקן ניט נאר מיט דעם, וואס זיי שניידן פון אונז אפ רוי און באהייצונג-מאטער-יאלן און ניט נאר מיט דער „ביניקער הונגער-האנט" נאר אויך מיט עפי-דעמיעס: די פראגע האט א שייכות מיטן אלגעמיינעם קאמף אונזערן קעגן אלוועלטליכן אימפעריאליזם.

ליטעראטור צום קאפיטל XIX. נ. סעמאשקא, „די יסודות פון דער ראטן מעדיצין", פראפ. לונצמאן, „וועגן די מיטלען צו קעמפן מיטן פלעק-טיפוס". דער זאמלבוך: „א יאר ארבעט פונם פאלקס-קאמיסאריאט פאר פארהיטן דעם פאלקס-געזונט".

פראגראם

פון דער רוסלענדער קאמוניסטישער פארטיי (באלשעוויקעס).

די אקטיאבר-רעוואלוציע (25.טן אקטיאבר, 7-טן נאיאבר, 1917 יאר) אין רוסלאנד האט פארווירקליכט דעם לאזונג פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. בא דער שטיצע פונם ארימסטן פויערטום אדער האלב-פראלעטאריאט הויבט אן דער פראלעטאריאט צו בויען די יסודות פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט. דער אנטוויקלונגס-גאנג פון דע רעוואלוציע אין רוסלאנד און אין עסטרייך-אונגארן, דער וואוקס פון דער רעוואלוציאנערער פראלעטארישער באוועגונג אין אלע פארשריטליכע לענדער, די פארשפרייטונג פון דער ראטן-פארם פון דער דאזיקער באוועגונג. ד. ה. פון אזא פארם. וואס שטעלט זיך דעם דירעקטן ציל צו פארווירקליכן די פראלעטארישע דיקטאטור, — דאס אלץ האט באוויזן, אז ס'האט זיך אנגעהויבן די תקופה פון דער אלוועלטליכער פראלעטארישער קאמוניסטישער רעוואלוציע.

אט די דאזיקע רעוואלוציע איז אן אומפארמיידליכער פועל-יוצא פון דער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם, וואס הערשט דערווייל אין דעם גרעסטן טייל ציוויליזירטע לענדער. אונזער אלטע פראגראם האט גאנץ ריכטיק כאראקטעריזירט די נאטור פונם קאפיטאליזם און פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אין די פאלגנדיקע גרונדזאצן, (אויב נאר מ'זאל נישט רעכענען, וואס די פארטיי ווערט נישט ריכטיק אנגערופן סאציאל-דעמאקראטישע):

„די הויפט-אייגנשאפט פון אזא געזעלשאפט איז די פראדוקציע פון סחורות אויפן יסוד פון די קאפיטאליסטישע פראדוקציאנס-באציהונגען: דערביי געהערט דער וויכטיקסטער און באדייטנדיקסטער טייל פון די פראדוקציאנס-מיטלען און פון די מיטלען פארן סחורות-פארקער א קליינעם קלאס מענטשן לויט דער צאל, בעת די גרויסע מערהייט פון דער באפעלקערונג באשטייט פון פראלעטאריער און האלב פראלעטאריער, וואס זיינען געצוואונגען צוליב זייער עקאנאמישער לאגע צו פארקויפן שטענדיק אדער פעריאדיש זייער ארבעטס-קראפט, ד. ה. ווערן לוין-ארבעטער בא די קאפיטאליסטן און שאפן מיט זייער פראצע די הכנסות פאר די העכערע קלאסן פון דער געזעלשאפט.

די הערשאפט פון די קאפיטאליסטישע פראדוקציאנס-באציהונגען פארכאפט אלץ א גרעסערן געביט, פארברייטערט זיך אלץ מער און מער: די טעכניק ווערט אן אויפהער פארפולקאמט, און דאס פארגרעסערט די ווירטשאפטליכע באדייטונג פון גרויסע אונטערנעמונגען און פירט צום ארויסשטויס פון די קליינע זעלבסט-שטענדיקע פראדוצירער: א טייל פון זיי פערוואנדלט זיך אין פראלעטאריער, די איבעריקע שפילן שוין א קלענערע ראל אין געזעלשאפטליך-עקאנאמישען לעבן און ערטערווייז ווערן זיי געשטעלט אין א מער אדער ווייניקער פולקאמער, אפענער און שווערער אפהיינגיגקייט פון קאפיטאל.

צוליב דעם זעלביקן טעכנישן פראגרעס באקומען, אויסער דעם, די אונטערנעמער די מעגליכקייט אנצואווענדן ביים פראצעס פון פראדוקציע און סחורות-פארקער וואס מער און מער די ארבעט פון פרויען און קינדער: אזוי ווי פון דער אנדער זייט פארקלענערט אט דער פראגרעס לפי ערך בא די אנטער-

[illegible] אין לענדערי[illegible] פראצעס פון איבערגאנג פון די נאכ-
[illegible] קאפיטאל-אנשטרענגונג [illegible] ווערט די
[illegible] און שטארקער
עקספּלואַטירט.

אזא מין לאגע אין די הויפטזעכלעכע לענדער, ווייטער שטענדיקע קאנקורענץ אויפן וועלט-מארק, וועלכע פארשארפט זיך אלץ מער און מער, מאכט אלץ שווערער דעם אפזעץ פון סחורות, וואס ווערן פראדוצירט אלץ אין א גרעסערן סכום. די איבערפראדוקציע, וואס לאזט זיך פילן בשעת די שארפע אינדוסטריעלע קריזיסן, גאך וועלכע סקומען און מער אדער ווייניקער דויערנדיקע פע-ריאדן פון אינדוסטריעלן שטילשטאנד, שטעלט מיט זיך פאר אן אונפארמיידלעכן פועל-יוצא פון דער אנטוויקלונג פון די פראדוקציאנס-קרעפטן אין דער בורזשוא-אזער געזעלשאפט. די קריזיסן און די פעריאדן פון אינדוסטריעלן שטילשטאנד רואינירן נאך מער די קליינע פראדוצירער, מאכן נאך מער אפהענגיק די אר-בעט פונם קאפיטאל, פירן נאך גיכער צו א לאגע ערגער, און אמאל אויך א אבסאלוטער פארערגערונג פון דער לאגע פונעם ארבעטער-קלאס.

די פארפולקאמונג פון דער טעכניק, וואס פארגרעסערט די פראדוקטיווקייט פון ארבעט און דעם וואוקס פון געזעלשאפטלעכער רייכקייט, איז אלזא, גורם אין דער בורזשואזער געזעלשאפט דעם וואוקס פון סאציאלער אומגלייכקייט, די פארגרעסערונג פונם תהום צווישן די פארמעגלעכע און אומפארמעגלעכע, מאכט די עקזיסטענץ אלץ מער אומזיכערער, פארשטארקט די ארבעטס-לאזיגקייט און דערמיט א דחקות און דלות פון אלץ ברייטערע שיכטן פון די ארבעטנדיקע מאסן.

אבער וואס מער סיוואקסן און סיאנטוויקלען זיך אט די אלע סתירות, וואס כאראקטעריזירן די בורזשואזע געזעלשאפט, אלץ מער וואקסט אויך די אומצו-פרידנקייט פון דער הארעפּאשנער און עקספּלואטירטער מאסע מיט זייער לאגע, סיוואקסט די צאל און אויך די אחדות פון די פראלעטארישער און סיווערט שאר-פער זייער קאמף מיט די עקספּלואטאטארן. די פארפולקאמונג פון טעכניק, וואס קאנצענטרירט די פראדוקציאנס-און פארקער-מיטלען און פארגעמיינערט דעם ארבעטס-פראצעס אין די קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, שאפט אין דער זעל-ביקער צייט, אלץ שנעלער און שנעלער, די מאטעריעלע מעגלעכקייט צו פאר-בייטן די קאפּיטאליסטישע פראדוקציאנס-באציאונגען אויף קאמוניסטישע, ד. ה. די מעגלעכקייט פון דער סאציאלער רעוואלוציע, וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם ענדלעכן ציל פון דער גאנצער טעטיקייט פאר דער אינטערנאציאנאלער קא-מוניסטישער פארטיי, אלס באוואוסטזיניקער אויסדריקערן פון דער קלאסן-בא-וועגונג.

פארבייטנדיק דאס פריוואט-אייגנטום איבער די פראדוקציאנס און פאר-קער-מיטלען אויף געזעלשאפטלעכן אייגנטום און איינפירנדיק א פלאנמעסיקע ארגאניזאציע פון געזעלשאפטלעכן פראדוקציאנס-פראצעס, כדי עס זאלן גע-זיכערט ווערן דער וואוילשטאנד און די אלזייטיקע אנטוויקלונג פון אלע מיט-גלידער פון דער געזעלשאפט, — וועט די סאציאלע רעוואלוציע פונעם פראלעטא-ריאט פארניכטן די צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף קלאסן און דערמיט גופא באפרייען די אונטערגעדריקטע מענשהייט, ווייל זי וועט מאכן א סוף צו אלע ארטן עקספּלואטאציע פון איין טייל געזעלשאפט איבער דעם אנדערן.

כדי די דאזיקע סאציאלע רעוואלוציע זאל פארקומען, איז אומבאדינגט נויטיק די דיקטאטור פון פראלעטאריאט, ד. ה. די דערקאמפונג פון אזא פאלי-טישער מאכט, וואס וועט ערלויבן דעם פראלעטאריאט צו דערשטיקן יעדן ווי-דערשטאנד פון די עקספּלואטאטארן. שטעלנדיק זיך די אויפגאבע צו מאכן דעם פראלעטאריאט פאר פעאיג אויסצופילן זיין גרויסע היסטארישע שליחות, —

[illegible] קאָמוניסטישע [illegible] וועלט־
[illegible] אַלע בורזשואַזע
[illegible] שוין [illegible]
[illegible] פאַר [illegible] פון דער
פאַרשטאַרקונג [illegible] פאַר
דער [illegible] אַנטוויקלונגס־
לאַזיגקייט פון [illegible] און די פאַר־
שיקטע [illegible] אינגאַנצער
באַפרייאונג [illegible] די
קאָמוניסטישע [illegible] פון דער אַרבעטער־
קער און עקספּלואַטירטע [illegible] און [illegible] אויפן
שטאַנדפּונקט פונם [illegible].

דער פּראָצעס פון [illegible] אין קאַפּיטאַל,
פאַרניכטונג [illegible] יאָרהונדערט
געבראַכט [illegible] פאַרבאַנד פון
קאַפּיטאַליסטן,—[illegible] האָבן באַקומען די הויפּט
באַדייטונג [illegible] פון באַנק־
קאַפּיטאַל מיטן שטאַרק קאָנצענטרירטן [illegible] קאַפּיטאַל און צו אַ גאַר־
שטאַרקן [illegible], וואָס
געמען אַרום גאַנצע [illegible] קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, האָבן [illegible] די
עקאָנאָמישע [illegible] פאַרטיילט צווישן
די [illegible] פון [illegible] קאַפּיטאַל, וואָס
פאַרשאַרפט [illegible] קאַפּיטאַליסטישע מלוכות,
אין די [illegible].

[illegible] אימפּעריאַליסטישע מלחמות. די
מלחמות פאַר [illegible] פון [illegible] רוי־מאַ־
טעריאַלן און פאַר [illegible] און פאַר
דער [illegible] שוואַכע [illegible] און די ערשטע
גרויסע [illegible] (1914—1918).

[illegible] די אומגעהויערע [illegible] וועלט־קאַפּיטאַליזם
בכלל, פון דער [illegible] פון [illegible] מאָנאָפּאָליטישן
קאַפּיטאַליזם; [illegible] פון דער [illegible] מלוכה־קאַפּיטאַליסטישער
רעגולירונג [illegible], וואָס
[illegible] האָבן צו [illegible] פון קאַפּיטאַליסטן;
[illegible] דער וואוקס פון [illegible] אויף די [illegible] אַרבעטער־קלאַס,
וואָס [illegible] פון די [illegible] מאָנאָ־
פּאָליעס, די [illegible] אימפּעריאַליסטישער
מלוכה, [illegible] און זיין
עקאָנאָמישן און [illegible], די חורבנות
מיט די קרבנות, וואָס די [illegible] מלחמה [illegible]—דאָס אַלץ וואָס
[illegible] צו
אַ העכערן [illegible] פון [illegible].

די אימפּעריאַליסטישע מלחמה [illegible] פאַרענדיקן ניט נור
מיט אַ יושרדיקן שלום, [illegible] זיינען בכלל ניט פעיִק
צו שליסן אַ וועלכן [illegible] שלום. אויף דער [illegible] אַנטוויקלונגס־
שטופע פונם קאַפּיטאַליזם [illegible] און פאַרוואַנדלט

זיך איצט אויף אונזערע אויגן אין אַ בירגער-קריג פון די עקספּלואַטירטע
אַרבעטס-מאַסן מיטן פּראָלעטאַריאַט בראש קעגן דער בורזשואַזיע.

דער אָנגריף, וואָס האַלט אין איין וואַקסן מצד דעם פּראָלעטאַריאַט און
איבערהויפּט זיינע נצחונות אין איינצעלנע לענדער, פאַרשטאַרקן דעם ווידער-
שטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרן און צווינגען זיי צו שאַפן נייע פאָרמען פון
אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניגונג פון קאַפּיטאַליסטן (פעלקער-ליגע א. ד. ג.); די
קאַפּיטאַליסטן, אָרגאַניזירנדיק די סיסטעם אַטישע עקספּלואַטאַציע פון אַלע פעל-
קער אויף דער ערד, שטרייבן אָן אַלע זייערע מעגלעכקייטן אוממיטלבאַר צו
דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט אין אַלע
לענדער.

אָט דאָס אַלץ מוז אוומבאַדינגט ברענגען צו אַ קאָמבינאַציע פון אַ בירגער-
קריג אינעווייניק אין די איינצעלנע מלוכות גופא מיט רעוואָלוציאָנערע מלחמות,
ווי פון פּראָלעטאַרישע לענדער, וואָס פאַרטיידיקן זיך, אזוי אויך פון אונטער-
געדריקטע פעלקער קעגן דעם יאָך פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

בא אזעלכע תנאים זיינען די לאָזונגען פון פאַציפיזם, פון צווישנפעלקער-
ליכער אנטוואָפנונג בא דער ממשלה פון קאַפּיטאַליזם, פון בוררים-געריכטן,
א. ד. ג.—ניט נור אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע, נאָר אַ דירעקטער שווינדל, אַ מיטל
צו אָפּנאַרן די אַרבעטס-מאַסן, צו אנטוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט און אָפּ-
ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט פון דער אויפגאַבע צו אנטוואָפענען די עקספּלואַ-
טאַטאָרן.

נור די פּראָלעטאַרישע קאָמוניסטישע רעוואָלוציע קאָן ראַטעווען די מענש-
הייט פונם אָפּגרונט, וואוהין עס שטויסן זי דער אימפּעריאַליזם און די אימ-
פּעריאַליסטישע מלחמות. וואָס פאַר אַ שוועריגקייטן ס'זאָלן ניט שטיין פאַר
דער רעוואָלוציע, וואָס פאַר אַ צייטווייליקע מפּלות אָדער כוואַליעס פון קאָנטר-
רעוואָלוציע זאָל דער פּראָלעטאַריאַט ניט באַגעגענען אויף זיין וועג, — זיין
ענדגילטיקער נצחון אָבער מוז קומען.

צוליב דעם זיג פון אָט דער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע
פאָדערט זיך אַ פולקומער צוטרוי, אַן איינגסטער ברידערליכער פאַרבאַנד און
וואָס מעגליך אַ גרעסערע איינהייט פון די רעוואָלוציאָנערע מעשים פונם
אַרבעטער-קלאַס אין די פאָרשריטליכע לענדער.

די דאָזיקע תנאים קאָנען ניט פאַרווירקליכט ווערן אָהן אַ פּרינציפּיעלער
אַנטשלאָסענער שפּאַלטונג אין די סאָציאַליסטישע רייען, אָהן אַ אומרחמנות-
דיקן קאַמף מיט דער בורזשואַזער פאַלשער אויסטייטשונג פון סאָציאַליזם, וואָס
האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין די אויבערשטע שיכטן, בא די פּני פון די
אָפיציעלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אזא מין פאַרקריפּלונג פון סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר, פון איין
זייט, די שטרעבונג פון סאָציאַל-שאָוויניזם, פון סאָציאַליזם אין ווערטער,
שאָוויניזם אין מעשים, פאַרדעקן מיטן פאַלשן לאָזונג צו פאַרטיידיקן דאָס
פאָטערלאַנד, די פאַרטיידיגונג פון די רויבערישע אינטערעסן פון זייער אייגע-
נער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, וואָס קומט פאָר בכלל און וואָס איז איבער-
הויפּט בולט געוואָרן בעת דעם אימפּעריאַליסטישן קריג פון די יאָרן 1914—
1918. אזא שטרעמונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס די פאָר-
שריטליכע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, רויבנדיק די קאָלאָניאַלע און שוואַכע
פעלקער, גיבן די מעגליכקייט דער בורזשואַזיע, אויפן חשבון פון דער איבער-
הכנסה, וואָס זי באַקומט פון דער גזלה, צו שטעלן אין אַ פּריווילעגירטער
לאַגע און אויף אַזא אופן אונטערקויפן די אויבערשטע שיכטן פונם פּראָלע-
טאַריאַט, צו פאַרזיכערן זיי אין פרידנס-צייט מיט אַ גישקשה'דיקער קליינ-

בירגערליכער עקזיסטענץ און צוציהען צו זיך אויף דינסט די פירער פון די
דאזיקע שיכטן, זי אפארטוניסטן און סאציאל-שאוויניסטן, זייענדיק פאקטישע
לאקייען פון דער בורזשואזיע, ווערן דירעקטע קלאסן-שונאים פונם פראלעטא-
ריאט. איבערהויפט איצטער, ווען זיי דעקן זיך מיט א באוואפנטער האט
בשותפות מיט די קאפיטאליסטן די רעוואלוציאנס-באוועגונג פונם פראלעטא-
ריאט סיי אין די אייגענע לענדער, סיי אין פרעמדע.

פון דער אנדערער זייט, שטעלט מיט זיך פאר א בורזשואזע פארקריפלונג
פון סאציאליזם די שטרעמונג פון „צענטר", ווי דאס מערקט זיך תמיד אין
אלע קאפיטאליסטישע לענדער, וואס וואקלט זיך צווישן די סאציאל-שאוויניסטן
און די קאמוניסטן, פראקלאמירנדיק די אחדות מיט די ערשטע און פרובירנדיק
אויפצולעבן דעם 2-טן אינטערנאציאנאל, וועלכער האט מיאוס באנקראטירט.
דער אנפירער פונם פראלעטאריאט אין זיין קאמף פאר דער באפרייאונג איז
נור דער נייער, דער דריטער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל, וואס איינע
פון זיינע מחנות איז די ר. ק. פ. דער דאזיקער אינטערנאציאנאל איז פאקטיש
באשאפן געווארן דורך דער בילדונג פון קאמוניסטישע פארטייען פון די אמת-
פראלעטארישע עלעמענטן וואס האבן זיך געפונען אין די פריערדיקע סאציא-
ליסטישע פארטייען אין א ריי לענדער, באזונדערס אין דייטשלאנד און איז
פארמעל געגרינדעט געווארן אין מארט 1919 יאר אויף זיין ערשטן צוזאמענפאר
אין מאסקווע. דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל, וואס באקומט אלץ מער
מיטגעפיל אין די פראלעטארישע מאסן פון אלע לענדער, קערט זיך אום צום
מארקסיזם ניט נור מיט זיין נאמען, נאר אויך מיט זיין גאנצן אידייאיש-פאלי-
טישן אינהאלט, מיט אלע זיינע מעשים פארווירקליכט ער די רעוואלוציאנס-
לערע פון מארקסן, אפרייניקנדיק זי פון די בורזשואז-אפארטוניסטישע פאר-
קריפלונגען.

קאנקרעטער אנטוויקלנדיק די אויפגאבן פון דער פראלעטארישער דיקטא-
טור בנוגע צו רוסלאנד, וואו די הויפט-אייגנשאפט פון לאנד איז דער כמותדיקער
איבערוואג פון די קליינבירגערליכע שיכטן פון דער באפעלקערונג, רעפינירט
די ר. ק. פ. די דאזיקע אויפגאבן אויפן פאלגנדיקן אופן:

אויפן אלגעמיין-פאליטישן געביט.

1. א בורזשואזע רעפובליק, אפילו די סאמע דעמאקראטישסטע און גע-
הייליקטע מיט די לאזונגען פון פאלקס-ווילן, פון אלגעמיין-נאציאנאלן אדער
אויסערקלאסן-ווילן, האט געמוזט צוליב דעם, וואס עס איז פארבליבן די עקזיס-
טענץ פון פריוואט-אייגנטום אויף ערד און אנדערע פראדוקציאנס-מיטלען—
אומפארמיידליך פארשטעלן מיט זיך א דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, א מע-
כאניזם צו עקספלואטירן און אונטערדריקן די גרויסע מערהייט פון די ארבעטס-
לייט דורך א הייפעלע קאפיטאליסטן. להיפוך צו דעם האט די פראלעטארישע
אדער ראטן-דעמאקראטיע פארוואנדלט די מאסן-ארגאניזאציעס גראד פון די
קלאסן, וועלכע לײדן פון קאפיטאליסטישן יאך, גראד פון די פראלעטאריער און
ארימסטע פויערים-האלבפראלעטאריער, ד. ה. פון דער גרויסער מערהייט בא-
פעלקערונג, אין א שטענדיקן און איינציקן באזן פונם גאנצן מלוכה-אפאראט,
סיי פונם ארטיקן, סיי פונם צענטראלן, פון אונטן ביז אויבן. דערמיט גופא האט
די ראטן-רעגירונג פארווירקליכט, אגב אורחא, אין א פיל ברייטערער, ווי וואו
ניט איז, פארם די ארטיקע—און געגנט-זעלבסטפארוואלטונג, אן א וועלכער
ס'איז מאכט, וואס ווערט באשטימט פון אויבן. די אויפגאבע פון דער פארטיי איז
די אינטענסיווע ארבעט פאר דער ווירקליכער און פולקאמער דורכפירונג אין
לעבן פון דעם דאזיקן העכסטן טיפ דעמאקראטיזם, וואס צוליב זיין רעגלמעסי-
קער פונקציאנירונג איז נויטיק די אומאויפהערליכע שטייגערונג פונם קולטורעלן

צושטאנד, פון דער ארגאניזירטקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די מאסן.

ה) להיפוך צו דער בורזשואזער דעמאקראטיע, וואס פארשלייערט דעם קלאסן-כאראקטער פון איר ממשלה, אנערקענט די ראטן-מאכט אפן די אומפאר-מיידלעכקייט פון קלאסן-כאראקטער פון יעדער מלוכה. כל זמן ס'איז אינגאנצן נים פארשוואונדן די צעטיילונג פון דער געזעלשאפטלעך קלאסן און צוזאמען דערמיט אויך יעטווידע מלוכה-מאכט. א ראטן-מלוכה שטרעבט, לויט איר עצם מהות, צו דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פון די עקספלואטאטארן, און די ראטן-קאנסטיטוציע שטעלט זיך נים אפ פארן אפנעמען די פאליטישע רעכט בא די עקספלואטאטארן, ארויסגייענדיק פון דעם שטאנדפונקט, אז יעטווידע פרייהייט וואס ווידערשפריכט דער באפרייאונג פון ארבעט פונם קאפיטאליסטישן יאך איז נים מער, ווי א שווינדל. די פארטיי פונם פראלעטאריאט דארף מיט א פעסטער האנט דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פון די עקספלואטאטארן, דארף פירן אן אידייען-קאמף מיט די טיף-איינגעוואָרצלטע איינרייִדעניִשן וועגן דעם אבסאלוטן כאראקטער פון די בורזשואזע רעכט און פרייהייטן. און צוזאמען דערמיט דארף די פארטיי דערקלערן, אז דאס אפנעמען פאליטישע רעכט און כלערליי באגרענצונגען פון פרייהייט, זייִנען אויסשליסלעך נויטיק ווי דער-ווייליקע קאמף-מיטלען קעגן די פרובן פון די עקספלואטאטארן צו באשיצן אדער אויפצושטעלן זייערע פריווילעגיעס. צוגלייך מיט דעם, ווי ס'וועט אנהויבן פאר-שווינדן די אביעקטיווע מעגליכקייט, אז איין מענטש זאל קאנען עקספלואטירן דעם צווייטן, וועט אויך אנהויבן פארשווינדן די נויטיגקייט אין אזעלכע דער-ווייליקע מיטלען, און די פארטיי וועט שטרעבן זיי צו פארשמעלערן אדער גאר אינגאנצן אפצושאפן.

§ 49. 3. די בורזשואזע דעמאָקראַטיע האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס זי האָט די פאָליטישע רעכט און פרייהייטן, ווי, למשל, די רעכט פון פאַר-זאַמלונגען, פאַראיינען, פרעסע-פרייהייט פארמעל פארשפרייט צוגלייך אויף אַלע בירגער. אָבער אין דער אמת'ן האָט די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק און בעיקר די עקאָנאָמישע קנעכטשאַפט פון די אַרבעטדיקע געמאַכט פאַר די לעצטע אוממעגליך צו באַנוצן זיך בא דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אין אַ וועלכער ס'איז בריִיטער מאָס מיט די דאָזיקע רעכט און פרייהייטן.

די פראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע אָבער שטעלט פאַרקערט אָנשטאָט דער פאָרמעלער דעקלאַראַציע פון רעכט און פרייהייטן אַרויס די פאַקטישע פאַר-ווירקליכונג זייערע ראשית כל און מער ווי אַלץ אין די אינטערעסן גראָד פון יענע קלאַסן באַפעלקערונג, וואָס זייִנען געוועזן אונטערדריקט דורכן קאַ-פּיטאַליזם, ד. ה. אין די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. צוליב דעם עקספּראָפּריאירט די ראַטן-מאַכט בא דער בורזשואַזיע די דירות, טיפּאָג-ראַפיעס, פּאַפּיר-לאַגערן א. ד. ג., און גיט דאָס אַלץ איבער אין פולן רשות פון די אַרבעטעדיקע און זייערע אָרגאַניזאַציעס.

די אויפגאַבע פון דער ר. ק. פּ. באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל וואָס מער ברייטערע מאַסן פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג געבן די מעגליכ-קייט צו באַנוצן זיך מיט די דעמאָקראַטישע רעכט און פרייהייטן און פאַר-ברייטערן די מאַטעריעלע מעגליכקייט דערצו.

§ 50. 4. די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע האָט אין משך פון דורות דעקלאַ-רירט די גלייכהייט פון מענטשן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, רעליגיע, ראַסע און נאַציאָנאַליטעט. אָבער דער קאַפּיטאַליזם האָט אין ערגיץ ניט ער-לויבט פאַקטיש צו פאַרווירקליכן די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיגונג און האָט אין זיין אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע געבראַכט צו דער שטאַרקסטער פאַרשאַרפונג פון נאַציאָנאַלער און ראַסן-אונטערדריקונג. נאָר דערפאַר וואָס די ראַטן-מאַכט

אין [illegible] וואס [illegible] האט די [illegible] וואס אין דער ווערלט
געקאנט דורכפירן [illegible] געקאנט פול-
שטענדיק פארניכטן די לעצטע שפורן פון אומגלייכהייט פון די פרויען בנוגע
צו תשמיש-רעכט און בנוגע צו פאמיליען רעכט בכלל. די אויפגאבע פון דער
פארטיי איז איצט איבערהויפט: די אידייאישע און אויפציהערישע
ארבעט, כדי צו פארניכטן ביזן סוף אלע שפורן פון דער פריערדיקער אומ-
גלייכהייט אדער פון די פריהערדיקע אייגנווענישן, בפרט צווישן די אפגע-
שטאנענע שיכטן פון פראלעטאריאט און פויערטום.

ניט באגרענעצנדיק זיך מיט דער פארמעלער גלייכבארעכטיגונג פון
פרויען, שטרעבט די פארטיי צו באפרייען זיי אויך פון די מאטעריעלע שווע-
ריגקייטן און סונם שווערן יאך פון דער פאראלטערטער הויז-ווירטשאפט,
פארבייטנדיק די לעצטע מיט הייזער-קאמונעס, מיט געזעלשאפטליכע גארקיכן,
מיט צענטראלע וועשערייען, היימען פאר זויג-קינדער א. ד. ג.

§ 51. 5. פארזיכערנדיק פאר די ארבעטס-מאסן די אן אנ'ערך גרעסערע
איידער בא דער בורזשואזער דעמאקראטיע און ביים פארלאמענטאריזם, מעג-
ליכקייט דורכצופירן וואלן און אפרופן דעפוטאטן דורך אזא אופן, וואס איז
דער גרינגסטער און צוטריטליכסטער פאר די ארבעטער און פויערים, פאר-
ניכטעט די ראטן-מאכט אין דערזעלבער צייט די נעגאטיווע זייטן פון פא-
לאמענטאריזם, דערהויפט די צעטיילונג פון דער געזעצגעבערישער און עקזע-
קוטיווער מאכט, די אפגעריסנקייט פון די פארשטייערישע אנשטאלטן פון די
מאסן א. אז. וו.

די ראטן-מלוכה מאכט נעענטער דעם מלוכה-אפאראט צו די מאסן אויך
דורך דעם, וואס פאר א וואל-קרייז און פאר א גרונט-קערענדל פון דער מלוכה
ווערט גערעכנט ניט דער טעריטאריעלער קרייז, נור די פראדוקציאנס-איינהייט
(פאבריק, זאוואד).

פירנדיק די ארבעט אין דער דאזיקער ריכטונג, שטעלט זיך די פארטיי
פאר אן אויפגאבע - דערשלאגן זיך צו דער ווייטערדיקער דערנענטערונג פון
די מאכט ארגאנען מיט די ארבעטס-מאסן דורך דעם, וואס די זעלביקע ארבעט-
מאסן זאלן וואס שטרייגער און פולקומער פארווירקליכן דעם דעמאקראטיזם
אין דער פראקטיק, דערהויפט דורך דעם וואס ס'ווערט דורכגעפירט די פאר-
אנטווארטליכקייט פון די באאמטע, וועלכע דארפן אפגעבן א דין וחשבון.

§ 52 6. בעת די בורזשואזע דעמאקראטיע, וואס איז סותר אירע אייגענע
דעקלאראציעס, האט פארוואנדלט דאס מיליטער אין א געצייג פון די פאר-
מעגליכע קלאסן, אפגעטיילט אים פון די ארבעטס-מאסן און אפילו אים
אויסגעשטעלט קעגן זיי, פארניכטנדיק אדער שווערמאכנדיק פאר די סאל-
דאטן די מעגליכקייט צו פארווירקליכן די פאליטישע רעכט, גייט די ראטן-
מלוכה צונויף די ארבעטער און סאלדאטן אין אירע ארגאנען אויפן באדן
פון פולשטענדיקער גלייכהייט פון זייערע רעכט און איינהייטליכקייט פון
זייערע אינטערעסן. די אויפגאבע פון דער פארטיי איז צו באשיצן און צו
אנטוויקלען די דאזיקע פאראייניגונג פון די ארבעטער און סאלדאטן אין די
ראטן, פארשטארקנדיק דעם צוזאמענבונד צווישן דער באוואפנטער קראפט און
די ארגאניזאציעס פונם פראלעטאריאט און האלב-פראלעטאריאט.

§ 53 7. די אנפירנדיקע ראליע אין דער גאנצער רעוואלוציע האט גע-
שפילט דער שטאטישער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט, ווי א מער קאנצענט-
רירטער, פאראייניקטער, געבילדעטער, אין קאמף פארהארטעוועטער טייל פון
די ארבעטס-מאסן, און דאס האט זיך ארויסגעוויזן סיי אין דער אויפקומונג
גופא פון די ראטן, סיי אין זייער גאנצן אנטוויקלונגס-גאנג ביים פארוואנדלען

ך אין מאַכט אָרגאַנען אונטער [illegible]אָן-קאָנטראָל [illegible] האָט [illegible] אָפּגעשטעלט.
לאָזנדיק געוויסע פּריווילעגיעס פאַרן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין פאַר-
גלייך מ'ט די מער צעזייטע און צעשפּרייטע קליינבירגערליכע מאַסן אין דאָרף.

אויפקלערנדיק דעם צייטווייליקן כאַראַקטער פון די דאָזיקע פּריווילעגיעס,
וואָס זיינען היסטאָריש פאַרבונדן מיט די שוועריקייטן פון דער סאָציאַליס-
טישער אָרגאַניזירונג פון דאָרף דאָרף די ר. ק. פּ. שטרעבן סיסטעמאַטיש און
אָן קוויינקלונגען אויסצונוצן די דאָזיקע לאַגע פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַ-
ריאַט כדי פעסטער צו פאַראייניקן די פאָרשריטליכע אַרבעטער מיט די מער
אָפּגעשטאַנענע און צעשפּרייטע מאַסן פון די דאָרפישע פּראָלעטאַריער און האַלב
פּראָלעטאַריער, ווי אויך מיט דעם מיטעלן פּויער-טום, להיפך צו די אייגג-קאָר-
פּאָראַטיווע און אייגג-פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם, פלעגט
פלאַנצן צווישן די אַרבעטער.

§ 54.   נור אדאַנק דער ראַטן-אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה האָט די פּראָ-
לעטאַרישע רעוואָלוציע געקאָנט מיט איין קלאַפּ צעברעכן און ביזן גרונט צע-
שטערן דעם אַלטן, בורזשואַזן, אַמט און געריכטס-אַפּאַראַט פון דער מלוכה.
אַדאַנק דעם אָבער, וואָס דער קולטורעלער צושטאַנד פון די ברייטע מאַסן
שטייט ניט גענוג הויך, אַדאַנק דעם וואָס עס פעלן די נויטיקע פּראַקטיק און
געוואוינהייטן אין פאַרוואַלטונגס ענינים באַ די אַרבעטער, וואָס די מאַסע האָט
אַרויסגערוקט אויף פאַראַנטוואָרטליכע שטעלעס. אדאַנק דעם וואָס עס איז באַ
די שווערע באַדינגונגען נויטיק וואָס גיכער צוצוציען ספּעציאַליסטן פון דעם
אַלטן שניט און אָפּרייסן דעם סאַמע אַנטוויקלטן שיכט פון די שטאָטישע אַר-
בעטער צוליב מיליטערישע ענינים,—איבער די אַלע סבות, האָט באַ דער ראַטן-
אָרדנונג טיילוויס אויפגעלעבט דער ביוראָקראַטיזם.

פירנדיק אַן אנטשיידענסטן קאַמף מיטן ביוראָקראַטיזם, שטעלט ארויס די
ר. ק. פּ. אָט די מיטלען לגמרי צו באַזייטיקן די דאָזיקע צרה:

1. אָבליגאַטאָריש צוציהען יעדן מיטגליד פון ראַט צו דעם, אז ער זאָל
אויספירן אַ געוויסע ארבעט אויפן געביט פון מלוכה-פאַרוואַלטונג.

2. בייטן כסדר די דאָזיקע אַרבעטן, בכדי זיי זאָלן בהדרגה ארומנעמען
אלע פאַרוואַלטונגס-צווייגן.

3. אריינציהען בהדרגה די גאַנצע אָן אויסנאַם ארבעטס-באַפעלקערונג
אין דער אַרבעט פון פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה.

די פולקאָמע און אַלזייטיקע דורכפירונג פון די דאָזיקע אלע מיטלען,
וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ ווייטערדיקן טריט אויפן וועג, מיט וועלכן ס'איז
אוועק די פּאַריזער קאָמונע, און די פאַראיינפאַכונג פון די פאַרוואַלטונגס.
פונקציעס צוזאַמען מיט דער העכערונג פונם קולטורעלן צושטאַנד פון די אַר-
בעטנדיקע וועלן ברייגען צו דער פאַרניכטונג פון מלוכה-מאַכט.

אויפן געביט פון נאַציאָנאַלע באַציהונגען.

§ 55 57 60.   אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האַלט זיך די ר. ק. פּ. פאַר
אָט די דאָזיקע גרונטזאַצן:

1) דער וויכטיקסטער פונקט איז די פּאָליטיק אויף צו דערנעענטערן די
פּראָלעטאַריער און האַלב-פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן צוליב
זייער געמיינזאַמען רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן די פּריצים און דער בורזשו-
אַזיע.

§ 85.   2) כדי צו באַזייטיקן דעם אומצוטרוי מצד די אַרבעטס-מאַסן פון
די אונטערגעדריקטע לענדער צום פּראָלעטאַריאַט פון די מלוכות, וואָס האָבן
אונטערדריקט די דאָזיקע לענדער מוז מען פאַרניכטן אַלע און יעטווידע פּרי-

ווילעגיע פון וועלכער ס'איז נאַציאָנאַלער גרופּע, מוז מען אָנערקענען די פול-קומע גלייכבארעכטיגונג פון נאַציעס, דאָס רעכט פון די קאָלאָניעס און פון די אומגלייכבארעכטיקטע נאַציעס אָפּצוטיילן זיך און בילדן באַזונדערע מלוכות.

6) זולענדיק די ווילגיטיקע ציילן, שטעלט זיך אויף א איבערגאַנג-פאָרמען אויפן וועג צו פולקומער אייניקייט די פּאַרטיי אַרויס, די פעדעראַטיווע פאַראייניגונג פון די מלוכות וואָס זיינען אָרגאַניזירט לויטן ראַטן-טיפּ.

§ 59. 4) אין דער פראַגע וועגן דעם, ווער איז אין דער נאַציע דער טרע-גער פונ'ם ווילן אויף אָפּצוטיילן זיך, שטייט די ר. ק. פּ. אויפן היסטאָרישן קלאַסן-שטאַנדפּונקט, ריכטנדיק זיך מיט דעם, אויף וועלכער מדרגה פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג שטייט די געגעבענע נאַציע: אויפן וועג פון מיטל-אַלטער צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, אָדער פון דער בורזשואַזער דע-מאָקראַטיע צו דער פּראָלעטאַרישער אָדער ראַטן-דעמאָקראַטיע א. ד. ג.

יעדנפאַלס פאָדערט זיך פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון יענע נאַציעס, וואָס שפּילן א ראָל פון אונטערדריקער, א באַזונדערע פאָרזיכטיקייט און א באַזונ-דערע אויפמערקזאַמקייט צו די רעשטן פון די נאַציאָנאַלע געפילן בא די אָר-בעטנדיקע מאַסן פון די אונטערדריקטע אָדער אומגלייכבארעכטיקטע נאַציעס. נור בא אַזא פּאָליטיק איז מעגלעך צו שאַפן די תנאים פאַר א ווירקלעך פעס-טער, פרייוויליקער פאַראייניגונג צווישן נאַציאָנאַל-פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווי דאָס האָט באַוויזן דער פּרוּוו צו פאַראייניקן א ריי נאַציאָנאַלע ראַטן-רעפּובליקן אַרום ראַטן-רוסלאַנד.

אויפן מיליטערישן געביט.

§§ 61, 62. 10) אויפן מיליטערישן געביט ווערן די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי באַשטימט דורך די פאָלגנדע גרונטזאַצן:

1) אין דער עפּאָכע, ווען דער אימפּעריאַליזם צעפאַלט זיך און דער בירגער-קריג וואַקסט זיך פאַנאַנדער, איז אוממעגלעך צו בלייבן בא דער אַלטער אַרמיי אָדער בויען א נייע אויף דעם אַזוי גערופענעם איבער קלאַסן אָדער אַל-נאַציאָנאַלן יסוד. די רויטע אַרמיי, ווי א געצייג פון פּראָלעטאַרישער דיק-טאַטור, מוז אומבאַדינגט טראָגן א קלאַסן כאַראַקטער, ד. ה. זי מוז זיך פאָרמירן אויסשליסלעך פון פּראָלעטאַריאַט און נאָענטע צו אים האַלב-פּראָלעטאַרישע שיכטן פון פּויערטום. נור דאַן ווען ס'וועלן אונטערגיין די קלאַסן, וועט זיך אַזא קלאַסן-אַרמיי פאַרוואַנדלען אין אן אַלפּעלקערלעכע סאָ-ציאַליסטישע מיליציע.

§ 63. 2) ס'איז נויטיק א גאַנץ ברייטע מיליטערישע שטודירונג פאַר אַלע פּראָלעטאַריער, ווי אויך אייננפירן די געהעריקע מיליטערישע למודים אין דער שול.

§§ 64, 65. 3) די אַרבעט פון דעם מיליטערישן אונטעררייכט און מילי-טערישע אויפערציונג פון דער רויטער אַרמיי קומט פאַר אויפן יסוד פון דער קלאַסן-קריסטאַליזאַציע און פון סאָציאַליסטישער בילדונג. דעריבער זיינען צו-גלייך מיט די קאַמף-קאָמאַנדירן אויך נויטיק פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון זיכערע און איבערגעגעבענע קאָמוניסטן. ס'איז נויטיק צו גרינדן קאָמוניסטישע קערנד-לאַך אין יעדן מיליטער-טייל, כדי צו איינשטעלן אן אינעווייניקסטן אידייאישן צוזאַמענבונד און א באוואוסטזיניקע דיסציפּלין.

§ 66. 4) לויטן דער אָרדנונג פון דער אַלטער אַרמיי איז נויטיק: פאַר-קירצן אויך [illegible] צו לערנען אין דער קאַזאַרמע, דערנענטערן די [illegible] אין [illegible] פּאָליטישע [illegible]

די פאַבריקן, זאַוואָדן, פּראָפעסיאָנאַלע פאַראייניגען, אָרגאַניזאַציעס פון דאָרפישע אָרימע לייט.

§ 67. 5) דעם נויטיקן אָרגאַניזאַציאָנס-צונויפבונד און די נויטיקע פעסטקייט קאָן די יונגע רעוואָלוציאָנערע ארמיי באַקומען נור מיט דער הילף פון אזא קאָמאַנדירן-פּערסאָנאַל (די ערשטע צייט לכל הפחות א נידריקן), וואָס ווערט אויסגעטיילט פון באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און פויערים. דעריבער איז איינע פון די וויכטיקסטע אויסגאַבן ביים שאַפן אַן אַרמיי — צוגרייטן אויף קאָמאַנדירן-שטעלעס אַזעלכע סאָלדאַטן, וואָס ווייזן אַנמיינסטן פעהיק, ענערגיש און איבערגעגעבן דעם סאָציאַליזם.

6) ס'איז נויטיק אויפן ברייטסטן אויפן אויסצונוצן און אָנווענדן די אָפּעראַטיווע און טעכנישע פּראַקטיק פון דער לעצטער וועלט-מלחמה. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז נויטיק, אַז צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער ארמיי און צו דער אָפּעראַטיווער אָנפירונג זאָלן וואָס מער צוגעצויגן ווערן יענע מיליטערישע ספּעציאַליסטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די שול פון דער אַלטער ארמיי. דערביי אָבער איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז די פּאָליטישע אָנפירונג מיט דער ארמיי און דער אַלזייטיקער קאָנטראָל איבער דעם קאָמאַנדירן-פּערסאָנאַל זאָל זיין קאָנצענטרירט אין די הענט פונ׳ם אַרבעטער-קלאַס.

§ 68. 7) די פאָדערונג, אַז דער קאָמאַנדירן-פּערסאָנאַל זאָל זיין אַן אויסגעקליבענער, א פאָדערונג וואָס פלעגט האָבן א גרויסע פּרינציפּיעלע באַטייטונג בנוגע צו דער בורזשואַזער ארמיי, וואו דער קאָמאַנדירן-פּערסאָנאַל פלעגט צוגעקליבן און ערצויגן ווערן, ווי אַן אַפּאַראַט אויף אונטערטעניק צו מאַכן די סאָלדאַטן און מיט דער הילף פון סאָלדאַטן — די אַרבעטס-מאַסן. די פאָדערונג פאַרלירט איצטער בנוגע צו דער רויטער ארמיי אינגאַנצן איר פּרינציפּיעלע באַדייטונג, ווייל די רויטע ארמיי איז א קלאַסן-ארמיי פון אַרבעטער און פויערים. א מעגליכע קאָמבינאַציע פון אויסוויילן און באַשטימען ווערט דער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן-ארמיי דיקטירט אויסשליסליך דורך ריין-פּראַקטישע טעמים און הייגנט אָפּ פון דעם, אויף וואָס פאַר א הויך עס געפינט זיך די פאָרמירונג, אויף ווי פיל עס זיינען צונויפגעגאָסן די ארמיי-טיילן, וואָס פאַר א קאָמאַנדירן-קאַדרען זיינען בנמצא א. ד. ג.

אויפן יוסטיץ-געביט.

§§ 70, 71. 11. די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט גענומען די גאַנצע מאַכט אין אירע הענט און האָט פאַרניכטעט די אָרגאַנען פון בורזשואַזער הערשאַפט — די געריכטן פון דער אַלטער קאָנסטרוקציע — האָט אַנשטאָט דער פאָרמול פון דער אַלטער דעמאָקראַטיע: „די ריכטער דאַרפן אויסגעקליבן ווערן דורכן פאָלק“, אַרויסגעשטעלט א קלאַסן-לאָזונג „די ריכטער דאַרפן אויסגעוויילט ווערן פון די אַרבעטנדיקע דורך די אַרבעטנדיקע גופא“ און האָט דעם דאָזיקן לאָזונג דורכגעפירט אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון געריכט, אויסגלייכנדיק דערביי ביידע געשלעכטן צין אַלע רעכט, סיי ביים אויסקלייבן ריכטער סיי ביים אויסגעקליבן צו ווערן.

כדי צוצוציהען צו דער יוסטיץ אַרבעט די ברייטסטע מאַסן פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און פונם אָרימסטן פּויערטום, איז איינגעפירט, אַז אין געריכט זאָלן אַנטייל נעמען צייטווייליקע ריכטער, וואָס בייטן זיך כסדר; די רשימות פון אַזעלכע ריכטער דאַרפן צונויפגעשטעלט ווערן דורך די מאַסן-אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער, דורך די פּראָפעסיאָנאַלע פאַראייניגן א. ד. ג.

§§ 72, 73. [illegible]
[illegible]

סטרוקציע און פילע אינסטאנצן, האט די ראטן-מאכט פאראיינפאכט די קאָנ-
סטרוקציע פון געריכט, געמאכט אים אבסאָלוט צוטריטליך פאר דער באפעל-
קערונג און באזייטיגט יעטווידן בוראקראַטיזם אין דער פירונג פון משפטים.

אָפּשאפנדיק די געזעצן פון די אַראפּגעווארפענע רעגירונגען, האט די
ראטן-מאכט איבערגעגעבן די ריכטער, וואס ווערן אויסגעקליבן פון די ראַטן-
די פארווירקליכונג פונ׳ם פראָלעטארישן ווילן; זיי דארפן אנווענדן די דעק-
רעטן פון פראָלעטאריאט און, ווען אזעלכע פעלן אויס אדער זיינען ניט גאר
פולקום און קלאָר, דארפן זיי זיך רעכענען מיט זייער אייגענעם סאָציאליסטיש-
רעכט-באוואוסטזיין.

§ 74. אויף דעם געביט פון באשטראפן האבן די נייע געריכטן שוי-
אריינגעבראכט א ראדיקאלע ענדערונג אין כאראקטער פון באשטראָפונגען: זי-
פארווירקליכן אין א ברייטן מאסשטאב די תנאי-פארמשפטונג, זיי פירן איי-
בתור א שטראף די געזעלשאפטליכע באמערקונג, אנשטאט צו רויבן די פריי-
הייט ביים ארבעטער, לייגן זיי ארויף אויף אים אבליגאטארישע ארבעט,
לאזנדיק אים פריי, זיי פארבייטן די טורמעס מיט אויפציהונגס-אנשטאלטן
און גיבן די מעגליכקייט צו אנווענדן די פראקטיק פון חבר-געריכטן.

§ 75. שטייענדיק פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונ׳ם געריכט
אויף דעם זעלביקן וועג, דארף די ר. ק. פ. שטרעבן-דערצו, אז די גאנצע
אַרבעטענדיקע באפעלקערונג זאל צוגעצויגן ווערן צו דער אויספירונג פון
ריכטער-פליכטן, און אז די סיסטעם פון שטראפן זאל לגמרי פארביטן ווערן
מיט א סיסטעם פון מיטלען, וואס האבן אן אויפציהערישן כאראקטער.

אויפן געביט פון פאלקס-בילדונג.

§§ 76, 77. 12 אויפן געביט פון פאלקס-בילדונג שטעלט זיך די ר. ק. פ.
פאר אן אויפגאבע צו דערפירן ביזן סוף די זאך, וואס האט זיך אנגעהויבן
נאך דער אקטאבער רעוואלוציע פון 1917-טן יאר: פארוואנדלען די שול, וואס
האט געדינט ווי געצייג פון דער קלאסן-הערשאפט פאר דער בורזשואזיע, אין
א געצייג, וואס זאל לגמרי פארניכטן די טיילונג פון דער געזעלשאפט אויף
קלאסן, אין א געצייג וואס זאל איבערבויען די געזעלשאפט אויף קאמוניסטישע
יסודות.

אין א פעריאד פון פראָלעטארישער דיקטאטור, ד. ה. אין א פעריאד פון
צוגרייטן באדינגונגען, וואס זאלן מעגליך מאכן די פולקומע פארווירקליכונג פון
קאמוניזם, דארף די שול זיין ניט נור א דורכפירערן פון די קאמוניסטישע פרינ-
ציפן בכלל, נאר אויך א דורכפירערן פון דער אידייאישער אויפציהערישער און
ארגאניזאציאנעלער ווירקונג פונ׳ם פראָלעטאריאט אויף די האלב-פראָלעטארישע
און ניט פראָלעטארישע שיכטן פון די ארבעטענדיקע מאסן, כדי צו דערציהען א
דור, וואס זאל זיין פעהיק לגמרי איינצושטעלן די קאמוניסטישע ארדענונג. די
נאענטסטע אויפגאבע אויף דעם דאזיקן וועג איז בא דעם יעצטיקן מאמענט, די
ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון די יסודות פון דער שול און בילדונגס-ארבעט וואס
זיינען שוין איינגעשטעלט דורך דער סאוויעטן-מאכט.

§ 80. 1) דורכפירן אן אומזיסטע אבליגאטארישע אלגעמיינע און פאליטעכ-
נישע (וואס מאכט באקאנט טעארעטיש און פראקטיש מיט אלע הויפטצווייגן פון
אינדוסטריע) בילדונג פאר אלע קינדער פון ביידע געשלעכטן ביז 17 יאר.

§ 79. 2) באשאפן א נעץ פאר-שול-אנשטאלטן: היימער פאר וויג-קינדער,
קינדער-גערטנער, קינדער-היימען א. ד. ג. כדי צו פארבעסערן די געזעל-
שאפטליכע אויפציהונג און צו באפרייען די פרוי.

§ 3) פולשטענדיק פארווירקליכן די פרינציפן פון אן איינהייטלעכער

ארבעט-שול. מיט דער מוטער-שפראך ווי א למוד-שפראך, מיט א געמיינזאמען אונטעררי‏כט פאר די קינדער פוןביידע געשלעכטן, די שול מוז אומבאדינגט זיין א וועלטליכע ד. ה. א פרייע פון א וועלכער ניט איז רעליגיעזע ווירקונג: זי דארף איינג פארבינדן די למודים מיט געזעלשאפטליך פראדוקטיווער ארבעט, זי דארף צוגרייטן אלזייטיק אנטוויקלטע מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט.

4) באזארגן אלע לערן-קינדער מיט שפייז, קליידער, שוכווארג און לערמיטלען אויפן חשבון פון דער מלוכה.

§ 85. 5) צוגרייטן פון א נייעם קאדר ארבעטער אויפן געביט פון בילדונג ארבעטער, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון קאמוניזם.

§ 86. 6) צוציהען די ארבעטס-באפעלקערונג צו אנ׳אקטיוון אנטייל אין די בילדונגס-ענינים (די אנטוויקלונג פון די „ראטן פאר פאלקס-בילדונג". די מאביליזאציע פון די וואס קאנען לייענען און שרייבן א.א.וו.)

§§ 83, 48. 7) אן אלזייטיקע מלוכה-הילף פאר דער זעלבסט-בילדונג און זעלבסט-אנטוויקלונג פון די ארבעטער און פויערים (בשאפן א נעץ אנשטאלטן פאר אויסערשול-בילדונג: ביבליאטעקן, שולן פאר דערוואקסענע, פאלקס-הייזער און אוניווערסיטעטן, קורסן, לעקציעס, קינעמאטאגראפן, סטודיעס א. ד. ג.)

§ 81. 8) א ברייטע אנטוויקלונג פון פראפעסיאנאלער בילדונג פאר פערסאנען פון 17 יאר אן, אין צוזאמענהאנג מיט אלגעמיינע פאליטעכנישע ידיעות.

§ 82. 9) עפענען א ברייטן צוטריט אין די אאודיטאריעס פון די הויכשולן פאר די אלע, וואס ווילן זיך לערנען, און קודם כל פאר ארבעטער: צוציהען צו פעדאגאגישער טעטיגקייט אין די הויכשולן אלעמען, ווער ס׳קאן דארט לערנען; באזייטיקן אלע יעטווידע קינסטליכע מחיצות צווישן די פרישע וויסנשאפטליכע קרעפטן און דער פראפעסור; מאטעריעל באזארגן די יעניקע וואס לערנען זיך, כדי צו געבן די פראלעטאריער און די פויערים א פאקטישע מעגליכקייט צו באנוצן זיך מיט דער העכסטער שול.

§ 86. 10) צוגלייך מיט דעם איז נויטיק צו עפענען און מאכן צוטריטליך פאר די ארבעטענדיקע אלע אוצרות פון קונסט, וואס זיינען באשאפן געווארן דורך דער עקספלואטאציע פון זייער ארבעט און וואס האבן זיך ביז איצט געפונען אין אויסשליסליכן רשות פון די עקספלואטאטארן.

§ 87. 11) אנטוויקלען די ברייטסטע פראפאגאנדע פון קאמוניסטישע אידייען און אויסניצן צוליבן דאזיקן צוועק דעם אפאראט און די מיטלען פון דער מלוכה-מאכט.

אויפן געביט פון רעליגיעזע באציהונגען.

§§ 90, 92. 13) בנוגע צו דער רעליגיע באנוגנט זיך די ר. ק. פ. ניט מיט דעם, וואס ס׳איז דעקרעטירט געווארן דאס אפטיילן די קירכע פון דער מלוכה און די שול פון דער קירכע, ד. ה. מיט אזעלכע מיטלען, וואס די בורזש אזע דעמאקראטיע שטעלט ארויס אפילו אין אירע פראגראמען, אבער זי האט עס ערגיץ אין דער וועלט ניט דערפירט ביזן סוף מחמת די פילארטיקע פאקטישע פארבינדונגען צווישן קאפיטאל מיט דער רעליגיעזער פראפאגאנדע.

די ר. ק. פ. גייט ארויס פון דער איבערצייגונג, אז נור די פלאנמעסיגקייט און די באוואוסטזיניגקייט אין דער גאנצער געזעלשאפטליך-ווירטשאפטליכער טעטיגקייט פון די מאסן וועט ברייגגען מיט זיך דאס פולקומע אפשטארבן פון די רעליגיעזע פאראורטיילן. מיטהעלפנדיק די ארבעטענדיקע מאסן פאקטיש צו באפרייען זיך פון די רעליגיעזע פאראורטיילן און ארגאניזירנדיק א ברייטסטע אויפקלערונגס-וויסנשאפטליכע און אנטי-רעליגיעזע פראפאגאנדע, שטרעבט די פארטיי דערצו אז [illegible] די עקספלואטא-

טארישע קלאסן און דער ארגאניזאציע פון די רעליגיעזע פראפאגאנדע, דערביי אבער מוז מען זעהען ניט צו באליידיקן די געפילן פון די גלויביקע, ווייל דאס קען נור פירן ניט מער ווי צו דער פארשטארקונג פונ'ם רעליגיעזן פאנאטיזם.

אויפן עקאנאמישן געביט.

§ 93. 1. פארזעצן און דערפירן ביזן סוף די אנגעהויבענע אין די הויפט- און גרונט-שטריכן שוין פארענדיקטע. עקספראפריאציע פון דער בורזשואזיע, די פארוואנדלונג פון די פראדוקציאנס און פארקערס-מיטלען אין אן אייגנטום פון דער ראטן-רעפובליק ד. ה. אין אן אלגעמיין אייגנטום פון אלע ארבעטענדיקע.

§ 94. די הויפט-און גרונט-זאך, וואס באשטימט מיט זיך די גאנצעווירט-שאפטליכע פאליטיק פון דער סאוועטן-מאכט, דארף זיין אויפצוהויבן דורך אלערליי מעגליכקייטן די פראדוקציאנס קרעפטן פון לאנד. נעמענדיק אין אכט דעם שווערן עקאנאמישן חורבן פון לאנד, מוז אלץ אונטערגעווארפן ווערן דעם פראק-טישן ציל—תיכף און אומבאדינגט פארגרעסערן דעם סכום פון די נויטיקסטע פראדוקטן פאר דער באפעלקערונג. דורך די פראקטישע רעזולטאטן אין דער הינזיכט דארף אויסגעמאסטן ווערן דער ארבעטס-ערפאלג פון יעטווידן ראטן-אנשטאלט, וואס איז פארבונדן מיט דער פאלקס-ווירטשאפט.

דערביי איז ראשית כל אומבאדינגט נויטיק צו ווענדן די אויפמערקזאמקייט אט אויף וואס:

§95. 3. די צופאלונג פון דער אימפעריאליסטישער ווירטשאפט האט פארן ערשטן פעריאד פון ראטן-בויאונג איבערגעלאזט בירושה א געוויסע כאאטישקייט אין דער ארגאניזאציע און אין דער פארוואלטונג מיט דער פראדוקציע. דעריבער ווערט נאך דרינגליכער ארויסגערוקט—ווי איינע פון די עיקר-אויפגאבן—די מאקסימאלע פאראייניגונג פון דער גאנצער ווירטשאפטליכער טעטיגקייט פון לאנד לויט איין אלגעמיינעם מלוכה-פלאן; די מאקסימאלע צענטראליזאציע פון דער פרא-דוקציע אין דעם זין, אז זי זאל פאראייניקט ווערן לויט די איינצעלנע צווייגן און גרופעס צווייגן, און זאל קאנצענטרירט ווערן אין די בעסטע פראדוקציאנס איינ-הייטן און ס'זאל פארשנעלערט ווערן די אויספירונג פון די ווירטשאפטליכע אויפ-גאבן: די מאקסימאלע באנוצונג פון דעם גאנצן פראדוקציאנס-אפאראט, די ראציאנאלע און עקאנאמע אויסנוצונג פון אלע מאטעריעלע רעסורסן פון לאנד.

§ 97. דערביי מוז מען זארגן אז ס'זאל פארברייטערט ווערן די עקאנאמישע מיטארבעטערשאפט און די פאליטישע פארבינדונגען מיט אנדערע פעלקער, שטרעבנדיק גלייכצייטיק איינצושטעלן איין איינהייטליכן ווירטשאפטליכן פלאן צוזאמען מיט די פעלקער, וואס זיינען שוין אריבער צו דער ראטן-קאנסטרוקציע.

§ 99. 4. בנוגע צו דער קליין-און הויז-אינדוסטריע איז נויטיק אויסצונוצן זי אויפן ברייטסטן אופן, געבן די הויז-פראדוצירער מלוכה-באשטעלונגען, אריינ-שליסן די הויז-און קליין-אינדוסטריע אין אלגעמיינעם פלאן פון באזארגן מיט רוי און היילף-מאטעריאלן, אויך אונטערהאלטן זיי פינאנציעל מיט דעם תנאי, אז די איינצעלנע פראדוצירער, הויז אינדוסטריעלע ארטעלן, פראדוקציאנס-קאאפערא-טיוון און קליינע אונטערנעמונגען זאלן פאראייניקט ווערן אין גרעסערע אינ-דוסטריעלע און פראדוקציאנס-איינהייטן; ארויסרופן אזעלכע פאראייניגונגען דורך עקאנאמישע פריווילעגיעס וואס זאלן איינאייגענען מיט די אנדערע מיטלען אנגעווענדעט ווערן אויף פאראלוזירן די שטרעבונג פון די הויז-פראדוצירער צו פארוואנדלען זיך אין קליינע פאבריקאנטלעך און שאפן פאר די דאזיקע אפגע-שטאנענע פראדוקציאנס-פארמען א מעגליכקייט און א גשמארצעדיקן איבערגאנג צו דער מער העכערער מאשינעריזירטער גרויס-אינדוסטריע.

§ 100. [illegible] דער אויפ[illegible] [illegible] ארגאניזאציע פון דער פארגעזעלשאפטליכטער איז

דוסטריע דאַרף זיך שטיצן ראשית כל אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זיי דאַרפן זיך אַלץ מער באַפרייען פון דער קאָרפּאָראַטיווער איינגעשלאָסנקייט און זיך פאַרוואַנדלען אין גרויסע פּראָדוקציאָנס פאַראייניגונגען, וואָס זאָלן אַרומנעמען די מערהייט, און בהדרגה אויך דורכאויס די אַלע, וואָס אַרבעטן אין געגעבענעם פּראָדוקציאָנס-צווייג.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זיינען שוין לויט די געזעצן פון דער סאָוועטן-רעפּובליק און לויט דער איינגעשטעלטער פּראַקטיק די אַנטיילנעמער פון אַלע אָרטיקע און צענטראַלע פאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען פון דער אינדוסטריע, דאַרפן קומען צו דער צו, אַז ס'זאָל פאַקטיש קאָנצענטרירט ווערן אין זייערע הענט די גאַנצע פאַרוואַלטונג מיט דער פאָלקס ווירטשאַפט ווי מיט אַן איינהייטליכעס ווירטשאַפטליכעס גאַנצעס. פאַרזיכערנדיק אויף אַזאַ אופן אַ פעסטן צוזאַמענבונד צווישן דער צענטראַלער מלוכה-פאַרוואַלטונג, דער פאָלקס-ווירטשאַפט און די ברייטע אַרבעטדיקע מאַסן, דאַרפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַריינציען אין אַ סאַמע ברייטן מאַסשטאַב די לעצטע אין דער אונמיטעלבאַרער אַרבעט פון פירן די ווירטשאַפט. דער אַנטייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין דער ווירטשאַפטס פירונג און די צוציהונג דערצו איז די ברייטע מאַסן פון פאַראיינס דער הויפּט-מיטל אינם קאַמף מיט דער ביוראָקראַטיזאַציע פון דעם עקאָנאָמישן אַפּאַראַט פון דער סאָוועטן-מאַכט און גיט די מעגליכקייט צו שטעלן אַ ריאַלן פאָלקס-קאָנטראָל איבער די רעזולטאַטן פון דער פּראָדוקציע.

§ 99. 6. פאַר דער פּלאַנמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט איז נויטיק די מאַקסימאַלע אויסנוצונג פון דער גאַנצער אַרבעטס-קראַפט, וואָס געפינט זיך אין דער מלוכה, איר ריכטיקע פאַרטיילונג סיי צווישן פאַרשיידענע טעריטאָריאַלע קאַנטן, סיי צווישן פאַרשיידענע צווייגן פון פאָלקס-ווירטשאַפט דאָס דאַרף בילדן די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער ווירטשאַפטליכער פּאָליטיק בא דער סאָוועטן-מאַכט. און די דאָזיקע אויפגאַבע קען דורך איר פאַרווירקליכט ווערן נור אין איינגן קאָנטאַקט מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער גאַנצער אַרבעטס-פעיקער באַפעלקערונג צוליב דער אויספירונג פון געוויסע געזעלשאַפטליכע אַרבעטן, וואָס ווערט געמאַכט דורך דער סאָוועטן-מאַכט מיטן אַנטייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, מוז דורכגעפירט ווערן אַ סך ברייטער און סיסטעמאַטישער, ווי דאָס פלעגט געטאָן ווערן ביז אַהער.

§ 100. 7. ביים פאַנאַנדערפאַלן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעטס-אָרגאַניזאַציע קאָנען אויפגעשטעלט און אַנטוויקלט ווערן די פּראָדוקציאָנס-קרעפטן פון לאַנד, קאָן פאַרפעסטיקט ווערן דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אָרט נאָר אויפן יסוד פון הבֿרישער דיסציפּלין פון די אַרבעטעדיקע פון זייער מאַקסימאַלער זעלבסט-טעטיקייט, דורכן פאַרשטיין די אחריות און דורכן קענטיקן שטרייכנסטן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט.

כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל פאָדערט זיך אַן עקשנותדיקע סיסטעמאַטישע אַרבעט כדי איבערדערציען די מאַסן. אַן אַרבעט, וואָס ווערט גראַד איצט פאַרגרינגערט מחמת דעם, וואָס די מאַסן זעהען בפועל ממש ווי ס'ווערן באַזייטיקט די קאַפּיטאַליסטן, די פּריצים, די סוחרים און זיי קומען דורכן אייגענעם פּראַקטישן דערין צו דער איבערצייגונג, אַז דער שטאַנד פון זייער וואוילשטאַנד איז אויסשליסלעך אָפּהענגיק אין דער דיסציפּלינירטקייט פון זייער אייגענער אַרבעט.

אין דער דאָזיקער אויפגאַבע צו שאַפן אַ נייע סאָציאַליסטישע דיסציפּלין ליגט די הויפּטראָלע בעיקר אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָפּוואַרפנדיק די אַלטע שאַבלאָנען [illegible] פון די לעצטע צוליב דעם דאָזיקן ציל קאָנצענטרירן און אויס [illegible] אַרבן און דער [illegible] אַ דין וחשבון.

נארמעס פון אויסארבעטונג אחריות פאר טעכנישע הויכע ארבעטער־גרופעס און ד. ג.

§ 101. 8. דיזעלביקע אויפגאבע. די אויפגאבע אויף צו אנטוויקלען די פּראָדוקציאָנס כוחות פאָדערט, אז עס זאָלן תיכף ברייט און אלזייטיק אויסגענוצט ווערן די ספּעציאַליסטן פון דער וויסנשאַפט און פון דער טעכניק, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה. הגם די דאָזיקע ספּעציאַליסטן זיינען ס׳רוב אוודאי דורכגעזאַפּט מיט דער בורזשואזער וועלטאַנשויאונג און מיט די בורזשואַזע געוואוינהייטן. די פּאַרטיי האַלט, אז דער פּעריאָד פון א שאַרפן קאַמף מיט די דאָזיקע שיכטן, ווי אן ענטפער אויפן סאַבאָטאַזש, וואָס זיי האָבן געפירט ארגאַניזירט, האָט זיך שוין פאַרענדיקט, ווייל בכלל איז שוין דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש באַזיגט. די פּאַרטיי דאַרף אין איינגן קאָנטאַקט מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פירן איר פריערדיקע ליניע: פון איין זייט ניט געבן די קלענסטע פּאָליטישע הנחה די אנגעוויזענע בורזשואַזע שיכטן און אומברחמנותדיק דערשטיקן יעדן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פּרוב פון זייער צד. פון דער צווייטער זייט, אויך אומברחמנותדיק קעמפן מיט דער פּלומרשט־ראַדיקאַלער, אין דער אמתן אָבער עם־הארצישער איינגעלויבטקייט, אז די ארבעטנדיקע זיינען ביכולת צו באַזיגן דעם קאַפּיטאַליזם און די בורזשואַזע אָרדענונג, ניט לערנענדיק זיך בא די בורזשואַזע ספּעציאַליסטן, ניט אויסנוצנדיק זיי, ניט דורכמאַכנדיק א לאַנגע שול פון ארבעט צוזאַמען מיט זיי.

שטרעבנדיק צו גלייכהייט פון געצאָלט פאַר יעדן מין ארבעט און צו שטעגדיקן קאָמוניזם, קאָן אָבער די סאָוועטן־מאַכט ניט שטעלן זיך פאַר אן אויפגאַבע תיכף ומיד צו פאַרווירקלעכן אָט די דאָזיקע גלייכהייט פון שכירות אין דעם געגעבענעם מאָמענט, בשעת ס׳ווערן געמאַכט נאָר די ערשטע טריט צום איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם. דעריבער איז נאָך נייטיק אויף א געוויסער צייט צו פאַרבלייבן בא א העכערן געצאָלט פאַר ספּעציאַליסטן, כדי זיי זאָלן קאָנען ארבעטן ניט ערגער, נאָר בעסער ווי פריער, און צוליב דעמזעלביקן צוועק טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן פון דער סיסטעם פון פּרעמיעס פאַר מער ערפאָלגרייכע און בפרט אָרגאַניזאַטאָרישע ארבעט.

דאָס גלייכן איז נייטיק, אז די בורזשואַזע ספּעציאַליסטן זאָלן זיך געפינען אין דער אַטמאָספער פון דער חברשער אַלגעמיינער ארבעט האַנט בא האַנט מיט דער מאַסע פון פּשוטע אַרבעטער, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך באַוואוסטזיניקע קאָמוניסטן; דאָס וועט מיטהעלפן, אז איינע די אַנדערע זאָלן זיך פאַרשטיין און עס זאָלן זיך דערנענטערן צווישן זיך די פיזישע און די גייסטיקע אַרבעט; וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט ביז אַהער צעטיילט.

§ 102. 9. די ראַטן־מאַכט האָט שוין אָנגענומען אַ גאַנצע רײַ מיטלען כדי צו אַנטוויקלען די וויסנשאַפט און דערנענטערן זי צו דער פּראָדוקציע: ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע נעץ נייע וויסנשאַפטלעך־פּראַקטישע אינסטיטוטן, לאַבאָראַטאָריעס, פּרוב־סטאַנציעס, עקספּערימענטאַלע פּראָדוקציעס כדי אויסצופּרובירן נייע טעכנישע מעטאָדן, אויסבעסערונגען, א. א. וו. איז שטיצנדיק אָט די דאָזיקע אַלע מיטלען שטרעבט די ר. ק. פּ. צו אַנטוויקלען זיי ווייטער און צו שאַפן אַ מער שטימונג, [illegible] באַוועגונגען פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין איר צוזאַמענהאַנג מיטן אויפהייבן די פּראָדוקציאָנס־קרעפטן פון לאַנד.

אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט.

§ 103. 1. [illegible] די סאָוועטן־מאַכט [illegible] האָט [illegible] דעם [illegible] די שטעג־
דיקע אָפּשאַפונג [illegible] און [illegible] אָרגאַניזירן [illegible]
[illegible] אַ [illegible]

ליסטישע לאַנדווירטשאַפט. די וויכטיקסטע פון אַזוינע מיטלען זיינען:

1) איינאָרדענען ראַטן־ווירטשאַפטן, ד. ה. גרייסע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיעס; 2) אונטערהאַלטן די געזעלשאַפטן און אויך חברות, וואָס אָרגאַניזירן זיך צוליב געזעלשאַפטליכע ערד־באַאַרבעטונג; 3) פאַרזייען אויפן מלוכה־חשבון די אַלע ניט פאַרזייטע ערד־פלעצער צו וועמען זיי זאָלן ניט געהערן; 4) די מלוכה־מאָביליזאַציע פון אַלע אַגראָנאָמישע קרעפטן, כדי אָנצונעמען ענערגישע מיטלען, אַז עס זאָל געהעכערט ווערן די לאַנדווירטשאַפטליכע קולטור; 5) שטיצן די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָמונעס ווי לגמרי פרייוויליקע פאַרבאַנדן פון ערד־אַרבעטער, וואָס ווילן פירן אַ גרויסע אַלגעמיינע ווירטשאַפט.

באַטראַכטנדיק אַט די אַלע מיטלען, ווי דעם איינציקן וועג, וואָס פירט צו דער אַבסאָלוט נויטיקער העכערונג פון פראָדוקטיוויקייט פון דער לאַנד־ווירטשאַפטליכער אַרבעט שטרעבט די ר. ק. פ. דורכצופירן אין לעבן די אַלע מיטלען אין אַ פולער מאָס, אויף וויפל דאָס וועט נור מעגלין זיין, פאַרשפרייטן זיי אויף די מער אָפּגעשטאַנענע געגנטן פון לאַנד און צו מאַכן וויי־טערדיקע טריט אין דערזעלביקער ריכטונג.

§§ 110, 111. די ר. ק. פ. שטייט בפרט פאַר דעם:

1) אַז ס'זאָל ברייט געשטיצט ווערן מצד דער מלוכה די לאַנדווירט־שאַפטליכע קאָאָפּעראַציע, וואָס איז פאַרנומען מיטן איבעראַרבעטן די פּראָדוקטן פון לאַנדווירטשאַפט;

2) ס'זאָל ברייט דורכגעפירט ווערן די סיסטעם פון מעליאָראַציעס;

3) דאָס אָרימע און מיטעלע פויערטום זאָל ברייט און פּלאַנמעסיק באַזאָרגט ווערן מיט אינווענטאַר מיט דער הילף פון פּראָקאַט־פּונקטן (ליי־פּונקטן).

§ 112. רעכנענדיק זיך מיט דעם, וואָס די קליינע פויערשע ווירטשאַפט וועט נאָך לאַנג עקזיסטירן, שטרעבט די ר. ק. פ. דורכצופירן אַ ריי מיטלען, וואָס זאָלן העכערן די פּראָדוקטיוויקייט פון דער פויערשער באַלעבאַטישקייט. אַזעלכע מיטלען זיינען: 1) רעגולירן דעם פויערשן אויסנוץ (די ערד־פּלעצער זאָלן ניט זיין צעוואָרפן, צו לאַנג א. ד. ג.); 2) באַזאָרגן די פויערים מיט פאַרבעסערטער זריעה און מיט קינסטליכער באַמיסטיקונג; 3) פאַרבעסערן די ראַסע פון די פויערשע פיה; 4) פאַרשפּרייטן אַגראָנאָמישע ידיעות; 5) געבן אַגראָנאָמישע הילף די פויערים; 6) רעמאָנטירן אין די סאָוועטן־רעמאָנט־וואַרשטאַטן דעם פויערשן לאַנדווירטשאַפטליכן אינווענטאַר; 7) איינאָרדענען ליי־פּונקטן, פּרוב־סטאַנציעס, מוסטער־פעלדער א. ד. ג.; 8) מעליאָריזירן די פויערשע ערד.

§ 113. 11. היות ווי דער קעגנזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף איז איינע פון די טיפסטע סבות פון דער ווירטשאַפטליכער און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון דאָרף, און אין דער עפּאָכע פון אַזאַ טיפן קריזיס, ווי דער יעצטיקער, שטייט סיי די שטאָט סיי דער דאָרף פאַר דער אומיטלבאַרער געפאַר פון דעגענעראַציע און אונטערגאַנג, זעהט די ר. ק. פ. אין דער פאַרניכטונג פון דעם דאָזיקן קעגנזאַץ איינע פון די עיקר־אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער בויאונגס־אַרבעט און צוגלייך מיט די אַלגעמיינע מיטלען, האַלט זי פאַר נויטיק אַ ברייטע און פּלאַנמעסיקע צוציאונג פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער צו דער קאָמוניסטישער בויאונגס־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, די אַנטוויקלונג פון דער טעטיקייט פון דעם אַלגעמיין־מלוכה'שן „אַרבעטער־קאָמיטעט פון מיטווירקונג", וואָס איז שוין צוליב דעם דאָזיקן צוועק געגרינדעט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מלוכה, א. ד. ג.

מליען אויך די פּאָרמאַציעס און האַלב-מיליטערישע מיליציען פון פּוּרע, אַרי-
גאַניזירט קודם כּל די, אין אַ זעלבסטשטענדיקע קראַפט, גרינגגריק אין דאָרף
פּאַרטיי-קריזיס, אָרגאַניזאַציעס פון אָרימע פּויערים, יאונגערע כּחות און פּראָ-
פעסיאָנעלע טואַריאַנען פון דאָרפישע פּראָלעטאַריער און האַלב-פּראָלעטאַריער
א.אַ.וו. דערגאַנצענדיק זיי דורך כלערליי מיטלען צום שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט
און אַרויסרייסנדיק זיי פון אונטער דער ווירקונג פון דער דאָרף-בורזשואַזיע
און פון די קליין-אייגנטימלעכע אינטערעסן.

בנוגע צו די בעלי-גופים, צו דער דאָרף-בורזשואַזיע באַשטימט די פּאָליטיק
פון דער ר. ק. פּ. אין דעם, אַז זי זאָל פירן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן
זייערע עקספּלואַטאַטאָרישע נטיות, דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד, וואָס די דאָ-
זיקע וועלן אַרויס קעגן דער סאָוועטן-פּאָליטיק.

בנוגע צום מיטעלן פּויערטום באַשטייט די פּאָליטיק פון דער ר. ק. פּ.
אין דעם, אַז זי זאָל בהדרגה שטופּנווייז פּלאַנמעסיק אַריינציען דעם דאָ-
זיקן עלעמענט אין דער סאָציאַליסטישער בויאונגס-אַרבעט. די פּאַרטיי האַלט
פאַר איר אויפגאַבע אָפּצוטיילן דעם דאָזיקן פּויערשן עלעמענט פון די בעלי
גופים, צוציִען אים אויפן צד פון אַרבעטער-קלאַס דורך דעם, וואָס זי ווענדט
זיך אויפמערקזאַם באַציִען צו זיינע באַדערפענישן, קעמפן מיט דער אָפּגע-
שטאַנענקייט ניט דורך געוואַלט-מיטלען, נאָר דורך מיטלען פון אידייאישער
ווירקונג, שטרעבנדיק אין אַלע פאַלן, וואו מ'זייגן אָנגערירט זיינע לעבנס-
אינטערעסן, צו פּראַקטישע פּשרות מיט אים, געבנדיק אים הנחות אין די
אופנים פון דורכפירן די סאָציאַליסטישע רעפאָרמען.

אויפן געביט פון פאַרטיילונג.

§§ 115—119. 13. אויפן פאַרטיילונגס-געביט באַשטייט די אויפגאַבע ביים
איצטיקן מאָמענט פון דער ראַטן-מאַכט אין דעם, אַז מען זאָל דורכאויס אַלץ
ווייטער פאַרבייטן דעם האַנדל אויף אַ פּלאַנמעסיקע און אָרגאַניזירטע פאַר-
טיילונג פון פּראָדוקטן, אין דעם אַלגעמיין-מלוכה-מאַסשטאַב. דער ציל איז---
אָרגאַניזירן די גאַנצע באַפעלקערונג אין איין איינהייטלעכער נעץ פון גע-
ברויך-קאָמונעס, וואָס זאָלן, זיין פעיִק בּאַ דער מאַקסימאַלער שנעלקייט,
פּלאַנמעסיקייט, עקאָנאָמיע און בּאַ דעם מינימאַלן פאַרלוסט פון אַרבעט צו
פאַרטיילן אַלע נויטיקע פּראָדוקטן, שטרייכנג צענטראַליזירנדיק דעם גאַנצן
פאַרטיילונגס-אַפּאַראַט.

אין יסוד פון די געברויך-קאָמונעס און זייערע פאַראייניגונגען דאַרף
אויסגענוצט ווערן די עקזיסטירנדיקע בירגערלעכע און אַרבעטער-קאָאָפּע-
ראַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פון געברויכער
און אַן אַפּאַראַט פון מאַסן-פאַרטיילונג, וואָס איז אַמייסטנס צוגעגרייט
דורך דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם.

האַלטנדיק, אַז ניט די אָפּשאַפונג פון אים, נאָר די ווייטערדיקע קאָמו-
ניסטישע אַנטוויקלונג פון אַזאַ מין קאָאָפּעראַטיוון אַפּאַראַט איז פּרינציפּיעל
דאָס איינציק ריכטיקע, דאַרף די ר. ק. פּ. סיסטעמאַטיש פאָרזעצן איר
פּאָליטיק: פאַרפליכטן אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער צו אַרבעטן אין די קאָאָפּעראַ-
ציון, געבן זיי אַ גענויערע ריכטונג אין אַ קאָמוניסטישן גייסט מיט דער
הילף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַנטוויקלען די זעלבסט-טעטיקייט
און די דיסציפּלין פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַראייניקט
אין קאָאָפּעראַטיוון, דערשלאָגן זיך, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל אַרומגע-
נומען ווערן דורך קאָאָפּעראַטיוון, און אַז די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון זאָלן זיך
צונויפגיסן אין איין איינהייטלעכן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס דאַרף אַרומנעמען פון

אויף די [illegible] רעפּובליק [illegible] איז זייער וויכטיק,
אַז די ווערשטעריקע [illegible] פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף די איבעריקע שיכטן
פון די אַרבעטנדיקע זאָל זיין שטענדיק באַוואָרנט און אַז אומעטום זאָלן
פּראַקטיש אויסגעאַרבעט ווערן פאַרשיידנאַרטיקע מיטלען, וואָס זאָלן פאַר-
ברייטערן און פאַרטיפן דעם איבערגאַנג פון די קליינבירגערליכע קאָאָפּע-
ראַטיוון פון אַלטן קאַפּיטאַליסטישן טיפּ צו גרויסע קאָמונעס, וואָס זאָלן אָנ-
געפירט ווערן דורך פּראָלעטאַריער און האַלב-פּראָלעטאַריער

אויפן געלט- און באַנק-געביט.

§§ 120—121 14. אויסמיידנדיק די פעלער פון דער פאַריזער קאָמונע,
האָט די ראַטן-מאַכט אין רוסלאַנד גלייך פאַרכאַפּט דעם מלוכה-באַנק, דער-
נאָך איז זי איבערגעגאַנגען צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פון פּריוואַטע קאָמערץ-
ביינק, איז צוגעטראָטן צו דער פאַראייניקונג פון די נאַציאָנאַליזירטע ביינק,
פון די שפּאָר-קאַסעס און פון די קאַזנאַטשייסטוועס מיטן מלוכה-באַנק, באַ-
שאַפנדיק אויף אַזאַ אופן דעם חוט השדרה פון אַן איינהייטלעכן פאָלקס-באַנק
פון דער ראַטן רעפּובליק און פאַרוואַנדלנדיק אים אָנשטאָט אַ צענטער פון דער
עקאָנאָמישער הערשאַפט פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל און אָנשטאָט אַ געצייג פון
דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די עקספּלואַטאַטאָרן אין אַ געצייג פון דער
אַרבעטער-מאַכט און אין אַ הייבשטאַנג פאַר דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש;
שטעלנדיק זיך פאַר אַ ציל ווייטער און קאָנסעקווענט דורכפירן ביזן סוף די
אַרבעט, וואָס די ראַטן-מאַכט האָט אָנגעהויבן, רוקט די ר. ק. פּ. אויפן ערשטן
פּלאַן אַרויס אַט די פּרינציפּן:

1) די מאָנאָפּאָליזירונג פון אַלע באַנק-ענינים אין די הענט פון דער
ראַטן-מלוכה.

2) די ראַדיקאַלע ענדערונג און פאַראיינפאַכונג פון די באַנק-אָפּעראַציעס
דורך דעם, וואָס דער באַנק-אַפּאַראַט דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַפּאַ-
ראַט פון אַן איינהייטלעכער דיסקאָנטע און פון אַן אַלגעמיינער בוכהאַלטעריע
פון דער ראַטן-רעפּובליק. צוגלייך מיט דעם, ווי ס'וועט אָרגאַניזירט ווערן אַ
פּלאַנמעסיקע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט — וועט עס ברענגען דערצו, אַז עס
וועלן פאַרניכטעט ווערן די ביינק און זיי וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ
צענטראַלער בוכהאַלטעריע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

15. אין דער ערשטער איבערגאַנגס-צייט פונעם קאַפּיטאַליזם צום קאָמו-
ניזם, כל זמן ס'איז נאָך פולשטענדיק ניט אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּראָ-
דוקציע און די פּראָדוקטן-פאַרטיילונג, איז אוממעגלעך צו אַנולירן דאָס געלט.
באַ אַזאַ לאַגע הערן ניט אויף די בורזשואַזע עלעמענטן פון דער באַפעלקע-
רונג צו אויסנוצן די געלט-צייכנס, וואָס בלייבן אין פּריוואַט-אייגנטום, צוליב
ספּעקולאַציע, פּראָפיט און באַרויבונג פון די אַרבעטנדיקע. די ר. ק. פּ.
שטיצנדיק זיך אויף דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די ביינק, שטרעבט דורכצופירן
אַ ריי מיטלען, וואָס זאָל פאַרברייטערן דעם געביט פון אָהנגעלטיקע חשבונות
און צוגרייטן די פאַרניכטונג פון געלט: אָבליגאַטאָריש האַלטן די געלט אין
פאָלקס-באַנק, איינפירן בודזשעט-ביכלעך, פאַרבייטן דאָס געלט אויף טשעקן,
קורצטערמיניקע בילעטן אויף צו באַקומען פּראָדוקטן א. ד. ג.

אויפן פינאַנציעלן געביט.

§§ 122—124 16. אין אונזער עפּאָכע, ווען ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן
די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די עקספּראָפּריאירטע באַ די קאַפּיטאַליסטן פּראָ-
דוקציאָנס-מיטלען, הערט אויף די מלוכה-מאַכט צו זיין אַ פּאַראַזיטישער

פּאַראַל [illegible] פּראָדוקציאָנס-מיטלען [illegible] אין אַ נײַער
[illegible] וואָס [illegible] מיטגעטיילט [illegible] פאָרשריט
פון דער [illegible] עקאָנאָמיק [illegible]
דער מלוכה [illegible] אין אַ גרעסערער מאָס [illegible] פּאָליטיק-
[illegible]

בײַ [illegible] די הכנסות און
הוצאות [illegible] בײַ אַ ריכטיקער אָרגאַניזירונג פון אַ פּלאַנמע-
סיקער מלוכה [illegible] און פּראָדוקטן-פאַרטיילונג [illegible] צו דעם
ווי [illegible] די דירעקטע מלוכה-הוצאות [illegible] איבער-
גאַנגס-עפּאָכע [illegible] ק. פּ. שטעלט [illegible] אַז די סיסטעם פון קאָנ-
טריבוציעס אויף די קאַפּיטאַליסטן, וואָס איז געווען [illegible] און
געזעצליך אין דער [illegible] צײַט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, זאָל
איבערגיין אין אַ [illegible] פון אַ פּראָגרעסיוון הכנסה-און פאַרמעגן-שטײַער. און
אויף וויפיל דער ריזיקער שטײַער וועט איבערלעבן זיך אַליין נאָך אַ ברייט
דורכגעפירטער עקספּראָפּריאַציע פון די פאַרמעגליכע קלאַסן, וועט די דעקונג
פון די מלוכה-הוצאות מוזן פאָרקומען דורך דער אומגעמיטלבאַרער פאַרוואַנדלונג
פון אַ טייל הכנסות, וואָס באַקומען זיך פון פאַרשיידענע מלוכה-מאָנאָפּאָליעס,
אין אַ הכנסה פון דער מלוכה.

אויפן געביט פון דער וואוינונגס־פראַגע.

§§ 125-126. 17. שטרעבנדיק צו לייזן די וואוינונגס-פראַגע, וואָס איז
בפרט פאַרשאַרפט געוואָרן בעת דער מלחמה, האָט די ראַטן-מאַכט אַלע הײַזער
פון די קאַפּיטאַליסטישע הויז-באַזיצער פולשטענדיק עקספּראָפּריאירט און איבער-
געגעבן די שטאָטישע ראַטן; זי האָט מאַסנווייז אַריבערגעזעצט די אַרבעטער
פון די פאָרשטעט אין די בורזשואזע הײַזער; זי האָט איבערגעגעבן די בעסטע
פון זיי די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און דערבײַ גענומען דאָס אויסהאַלטן פון
די געביידעס אויפן חשבון פון דער מלוכה; זי האָט פאַרזאָרגט די אַרבעטער-
געזינדן מיט מעבל, א. ד. ג.

די אויפגאַבע פון דער ר. ק. פּ. באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל שטרעבן
מיט אַלע כחות צו פאַרבעסערן די וואוינונגס תּנאים פאַר די אַרבעטענדיקע מאַסן,
גייענדיק אויף דעם איבערגאַנגעוויזענעם וועג, אָבער ניט אָנרירן דאָבײַ די אינ-
טערעסן פון דער ניט קאַפּיטאַליסטישער הויזבאַזיצערײַ; פאַרניכטן די איינג-
שאַפט און אנטיסאַניטאַרקייט פון די אַלטע קוואַרטאַלן, פאַרניכטן די שלעכטע
דירות, איבערבויען די אַלטע און בויען נײַע, לויט די נײַע לעבנס-תּנאים פון
די אַרבעטער-מאַסן, פאַנאַנדערזעצן ראַציאָנעל די אַרבעטענדיקע מאַסן.

אויפן געביט פון אַרבעט־שוץ און סאָציאַלע פאַרזאָרגונג.

§§ 127-129. 18. אַ דאַנק דעם, וואָס ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די
פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז צום ערשטן מאָל באַשאַפן געוואָרן די מעגליכ-
קייט פולשטענדיק צו פאַרווירקליכן די פּראָגראַם-מינימום פון סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען אויפן געביט פון אַרבעט-שוץ.

די סאָוועטן-מאַכט האָט דורכגעפירט אויפן געזעצגעבערישן סדר און
פאַרפעסטיקט אין „קאָדעקס פון געזעצן וועגן אַרבעט" אַט וואָס: אַן 8-שעהדיקן
אַרבעט-טאָג, ווי אַ מאַקסימאַלע אַרבעטס-צײַט פאַר אַלע אַרבעטענדיקע, פאַר
פּערזאָנען אינגער פון 18 יאָר, וואָס אַרבעטן אין באַזונדער שעדליכע פּראָ-
דוקציאָנס-צווייגן, דאָסגלייכן פאַר בערג-אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אונטער דער
ערד, דאַרף דער אַרבעטס-טאָג זײַן ניט לענגער פון 6 שעה; אַן אָנ-

האַסקהדיקער 12-שטהדיקער אַפּרוה אלע ווֹאָך פאַר אַלע אַרבעטענדיקע; אַן אַל-געמיינער כלל, וואָס פאַרבאָט צו אַרבעטן איבערשטונדן; אַ פאַרבאָט צו באַ-נוצן זיך מיט דער אַרבעט פון קינדער און יונגוואַרג אין דער עלטער ביז 16 יאָר: אַ פאַרבאָט פאַר אַלע פרויען בכלל און פאַר מענער אינגער פון 18 יאָר צו פאַרנעמען זיך מיט נאַכט-אַרבעט, צו אַרבעטן אין באַזונדער שעדליכע פּראָדוקציאָנס-צווייגן, ווי אויך צו אַרבעטן איבערשטונדן. פרויען ווערן באַ-פרייט פון אַרבעט אין משך פון 8 וואָכן פאַר און 8 וואָכן נאָכן קימפעט, דערביי מוז אַרויסגעצאָלט ווערן דאָס גאַנצע פאַרדינסט פאַר דער דאָזיקער צייט בא אַן אומזיסטער מעדיצינישער און רפואות-הילף. די מוטערס וואָס זייגן קינדער ווערט אויך געגעבן אַלע דריי שעה ניט ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה אויף אָנצוזייגן דעם קינד און זיי באַקומען אַ הוספה-געהאַלט. ס׳ווערט איינגעפירט אַן אַרבעטס-אינספּעקציע און אַ סאַניטאַרע אינספּעקציע, וואָס ווערן אויסגעוויילט דורך די ראַטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

§ 130, 132 די סאָוועטן-מאַכט האָט דורכגעפירט אויף אַ געזעצגעבע-רישן שטייגער, אַז די אַלע אַרבעטנדיקע, וואָס עקספּלואַטירן ניט קיין פרעמדע אַרבעט, זאָלן פולשטענדיק סאָציאַל פאַרזאָרגט ווערן אין פאַל, ווען זיי פאַר-לירן, אויף אַ וועלכן אופן דאָס זאָל ניט זיין, זייער אַרבעטס-פעיִקייט און צום ערשטן מאָל אין דער וועלט — ווערן זיי אויך פאַרזאָרגט אין פאַל פון אַרבעטסלאָזיקייט אויפן חשבון פון די אונטערנעמער און פון דער מלוכה, בא דער פולקאָמער זעלבסט-פאַרוואַלטונג פון די פאַרזאָרגטע און בא אַברייטן אָנטייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

§ 133. נאָך מער, אין אייניקע פּרטים איז די סאָוועטן-מאַכט אַוועק נאָך ווייטער פון דער פּראָגראַם-מינימום און האָט איינגעשטעלט אין דעם-זעלביקן „קאָדעקס פון געזעצן וועגן אַרבעט“, אַז די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס זאָלן נעמען אָן אָנטייל באַם באַשליסן די פראַגן וועגן דינגען און אָפּזאָגן; האָט איינגעפירט אַ מאָנאַטליכן אורלויב מיט געהאַלט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן אָפּגעאַרבעט אָהן אַ הפסקה ניט ווייניקער פון איין יאָר; די מלוכה-רעגולירונג פונעם אַרבעטס-לוין אויפן גרונט פון די טאַריפן, וואָס ווערן אויס-געאַרבעט דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן פאַרטיילן און רעגיסטרירן די אַרבעטס-קראַפט און וועלכע זיינען מחויב צו געבן אַרבעט די אַרבעטסלאָזע.

§ 129. אָבער דער שרעקליכער חורבן, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגע-רופן, דער אָנגריף פונעם וועלט-אימפּעריאַליזם האָבן געצוואונגען די סאָוועטן-מאַכט צו מאַכן אייניקע אָפּנייגונגען: דערלאָזן אין אויסנאַמס-פאַלן צו באַנוצן זיך מיט איבערשטונדן, באַגרענעצנדיק זיי מיט 50 טעג אין יאָר; ערלויבן די אַרבעט פון אונטערדערוואַקסענע אין עלטער פון 14 ביז 16 יאָר, באַגרענע-צנדיק זייער אַרבעטס-טאָג מיט 4 שעה; צייטווייליק געבן אַנשטאָט אַ מאָנאַט-ליכן אורלויב — אַ צוויי-וואָכנטליכן; פאַרגרעסערן דעם דויער פון די נאַכט-אַרבעטן ביז 7 שעה.

די ר. ק. פ. דאַרף פירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אַקטיוון אָנטייל פון די אַרבעטענדיקע גופא אין דער ענערגישער דורכפירונג פון אַלע מיטלען אויפן געביט פון אַרבעטס-שוץ, און צוליב דעם איז נויטיק:

1) פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן און פאַרברייטערן די אַר-בעטס-אינספּעקציע, צוקלייבנדיק און צוגרייטנדיק צוליב דעם דאָזיקן צוועק די אַקטיווע טוערס פון די אַרבעטער גופא. און פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אַרבעט אויף דער קליינער און הויז-אינדוסטריע.

2) פאַרשפּרייטן די אַרבעטס-שוץ אויף אַלערליי מינים אַרבעט (אויף בוי-אַרבעטער, יבשה-און וואַסער-טראַנספּאָרט, דינערשאַפט און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער).

3) לגמרי אָפּזאָגן פון אַרבעט די מינדעריאָריקע און דורכפירן די ווייטערדיקע פאַרקירצונג פונ'ם אַרבעטס-טאָג פאַר אומדערוואַקסענע.

אויסער דעם שטעלט זיך די ר. ק. פּ. פאַר אַן אויפגאַבע:

1) אין דער צוקונפט, ווען ס'וועט אַן אַלגעמיינעם פאַרגרעסערט ווערן די פּראָדוקטיווקייט פון אַרבעט, איינצושטעלן אַ מאַקסימאַלן 6-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג אָהן שום פאַרקלענערונג פון אַרבעטס-לוין, אַלע אַרבעטענדיקע וועלן מחויב זיין אָפּגעבן אויסער דעם צוויי שעה אַ טאָג אָהן אַ באַזונדער געצאָלט דער טעאָריע פון המלאכה און פּראַקטיק, דעם פּראַקטישן לימוד פון דער טעכניק פון מלוכה-פאַרוואַלטונג און פון מיליטער-קונסט.

2) איינפירן אָנמוטיקנדיקע באַלוין-סיסטעמען, כדי ס'זאָל געהעכערט ווערן די אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט.

אויפן געביט פון סאָציאַלע פאַרזאָרגונג — שטרעבט די ר. ק. פּ. צו אָרגאַניזירן אַ ברייטע מלוכה-הילף ניט נאָר פאַר די געליטענע פון דער מלחמה און פון סטיכישע אומגליקן, נאָר אויך פאַר די קרבנות פון די אומנאָרמאַלקייטן אין די געזעלשאַפטלעכע באַציהונגען, פירט אַן ענערגישן קאַמף מיט יעדן אַרט פּאַראַזיטיזם און שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אומצוקערן צום אַרבעטס-לעבן יעדן, וואָס האָט פאַרלאָרן אונטער זיך דעם אַרבעטס-באָדן.

אויפן געביט פון פאַרהיטן דעם פאָלקס-געזונט.

§§ 131, 158. אויפן געביט פון פאַרהיטן דעם פאָלקס-געזונט לייגט אַוועק די ר. ק. פּ. אין יסוד פון איר טעטיקייט ראשית כל, די דורכפירונג פון ברייטע סאַניטאַרע און געזונט-מיטלען וואָס ווערן געריכטעט צו פאַרמיידן, אַז אַלערליי קרענק זאָלן זיך פאַרשפּרייטן. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט שוין געגעבן די מעגליכקייט דורכצופירן אַ גאַנצע ריי געזונט און מעדיצינישע מיטלען, וואָס קאָנען ניט פאַרווירקליכט ווערן אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט; די נאַציאָנאַליזירונג פון אַפּטייקן, פון גרויסע היילאַנשטאַלטן, וואָס געהערן צו פּריוואַטע אונטערנעמער, פון קוראָרטן, אַרבעטס-פּליכט פאַר מעדיצינער א. ד. ג.

האַנדלענדיק דאָס אַלץ אין זינען, שטעלט זיך די ר.ק.פּ. פאַר איר נאָענטסטער אויפגאַבע:

1) דורכצופירן ענערגיש ברייטע סאַניטאַרע מיטלען אין די אינטערעסן פון די אַרבעטענדיקע, ווי למשל:

א) געזונט מאַכן די באַפעלקערטע ערטער (אָפּהיטן דעם ווױלשטאַנד פון באָדן, וואַסער און לופט.

ב) אויפשטעלן די געזעלשאַפטלעכע נערונג אויף וויסנשאַפטלעך-היגיענישע יסודות.

ג) אָרגאַניזירן אַזעלכע מיטלען וואָס זאָלן ניט דערלאָזן די אַנטוויקלונג און די פאַרשפּרייטונג פון אָנשטעקנדיקע קרענק.

ד) באַשאַפן אַ סאַניטאַרע געזעצגעבונג.

2 פירן אַ קאַמף מיט די סאָציאַלע חלות (טובערקולאָז, ווענעריזם, אַלקאָהאָליזם א. אַ. וו.

2) באַוואָרענען מיט אַן אַלגעמיינער אומזיסטער און קוואַליפיצירטער מעדיצינישער און רפואות-הילף.